STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01988

DEM MORGNSHTERN ANTKEGN

Joel Perel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יואל פערעל

✶

דעם מאָרגנשטערן אַנטקעגן

מיינע לעבנפאַרבליבענע שוועסטער און שוואָגערס

מיכל און משה מאַנדל — ישראל

חייקע און זלמן זאַטערקאַ — בראַזיל

יואל פערעל

דעם מאָרגנשטערן אַנטקעגן

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תשכ"ז — 1967

JOEL PEREL
DEM MORGNSHTERN ANTKEGN

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv

יואל פערעל / דעם מאָרגנשטערן אַנטקעגן
פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©
נדפס בישראל
Printed in Israel

דפוס „אורלי״ תל־אביב, טל׳ 32062

יואל פערעל

מיין חוב

(פ אַ ר ו ו אָ ר ט)

שוין אַריבערגעשרונגען די זעכציק. לויט דעם אַלעם, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט, לויט די אַלע איבערלעבונגען אין דער שטורמישער צייט פון מלחמות און רעוואָלוציעס, קען מען די יאָרן פאַרטאָפּלען, פאַרצענפאַכיקן.

פאַרשידענע צייטן און צושטאַנדן, יום־טוב און גרויע וואָכעדיקייט, מענטשן, מיט וועלכע מען איז געווען פאַרבונדן דורך געמיינזאַמע שטרעבונגען און האָפענונגען, חלומות, אידעאַלן און זעאונגען. די מערסטע פון זיי זענען אַזוי אַכזריותדיק אומגעקומען, זעלטן ווער עס איז פאַרבליבן. אָבער אַלע לעבן זיי אין מיר, טאָג און נאַכט זע איך זיי פאַר מיינע אויגן און איך פיל אין זיך דעם אומרו, דעם חוב צו דערציילן וועגן זיי, גוטע חברים און נאָענטע באַקאַנטע, פריצייטיק־פאַרשניטענע פערזענלעכקייטן; וועגן יענע שיינע און שווערע צייטן, ווען מיר זענען מיט פאַרמאַכטע אויגן געגאַנגען איבער טרוימען, מיט ליכטיקע דערפאַרונגען, מיט הומאָר און לעבנסלוסט, אַ מאָל אויך מיט יאוש אין האַרצן, עלנט און איינזאַם.

די פאַקטן און עפּיזאָדן פון די פאַרגאַנגענע יאָרן זענען געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון און האַרצן, פריש און לעבעדיק אין אַלע זייערע פאַרבן, וואַרעמער אַטמאָספער, רוחניותדיקן און גשמיותדיקן קלימאַט.

דערציילנדיק וועגן זיך, דערצייל איך אויך וועגן דער יידישער יוגנט אין אונדזער שטאָט, וועגן דעם זיגזאַגיקן דערנער־וועג, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט, שטרעבנדיק צו וויסן און בילדונג, צו אידעאישער זעלבסטגעשטאַלטיקונג.

עס איז מיר דערפאַר אוממעגלעך אויסצומיידן צו דערציילן אויך וועגן מיין גרויסן ראָמאַן, וועגן מיין שטאַרקער און לאַנגדויערנדיקער ליבע, וואָס איז אַזוי רייך מיט טיפע איבערלעבונגען, פריידיקע און טרויעריקע, מיט נשמה־רייכער געטריישאַפט און אומגעהייערער קרבנות־גרייטקייט, מיט דעם יונגן, האָפערדיקן און שטורמישן געמיט.

די קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר, וואָס איך האָב געלעבט אין ראַטן־פאַרבאַנד אין מלחמה־צייט און אויך נאָך דער מלחמה, ביז 1958, מיינע אַפּקומענישן אין די טורמעס און לאַגערן פון ווייטן זאַפּאָליאַריע — האָבן מיר געגעבן גענוג שטאָף צו שרייבן וועגן די אויסטערלישע מעטאָדן פון די פאָרשונגען אין מ.וו.ד. וועגן דעם פיינלעכן לעבן אין די טורמעס און לאַגערן, וועגן די קרבנות פון סטאַליניס־טישן און נאָך־סטאַליניסטישע רעזשימען, איבערהויפּט וועגן יידן, וועגן דעם אומדערטרעגלעכן לעבן פון די שוין אויסגענוצטע, אַקטירטע און באַפרייטע פון די סאָוויעטישע לאַגערן...

דער באַרימטער רוסישער שרייבער טשערנישעווסקי האָט געזאָגט:

„דער אמת באַלוינט דעם שרייבער, אַפילו ווען דאָס ווערק איז נישט פריי פון ליטעראַרישע פעלערן".

דער דראַנג צום אמת האָט געפירט מיט מיין פעדער אין אַלע מיינע שיל־דערונגען, ביים דערציילן פּרטים און ביים פאַראַלגעמיינערן די שטריכן פון די באַזונדערע געשטאַלטן. מיינע נאָענטסטע רוף איך אָן ביי זייערע אמתע נעמען, מייד נישט אויס צו שילדערן זייערע שאָטן־זייטן, מענטשלעכע פעלערן. אַזוי האָב איך זיי געזען און דאָך ליב געהאַט מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה.

דערפאַר אפשר וועלן אויך אַנדערע דערקענען אין זיי זייערע נאָענטע און אייגענע געשטאַלטן, דערזען דאָס בילד פון דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט, דער־הערן סיי דאָס געזאַנג און סיי דאָס געוויין פון אייגענעם געמיט.

מיין שטרעבונג איז, אַז די יוגנט אין ישראל זאָל זיך באַקענען מיט די געשעענישן און איבערלעבונגען במשך פון מיינע זעכציק יאָר לעבן, אין שווערע צייטן פון מלחמות און רעוואָלוציעס, מיטן דערנער־וועג פון דער יידישער יוגנט, וואָס אי אַזוי אומברחמנותדיק אומגעקומען.

מיינע זכרונות וועלן דעריבער אויך דערשיינען אין עברית. אין דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט העלפן מיר מיינע פריינד: מרים כהן, שמריהו מאַנדעל און אלכסנדר בערגער. מיין האַרציקן יישר־כוח זיי.

ד ע ר   מ ח ב ר

ערשטע טייל:

ל ו י צ ק

מײַן אָפּשטאַם

אין לוצק אָדער לויצק, ווי יידן האָבן די שטאָט גערופן, בין איך געקומען אויף דער וועלט. דאָ האָב איך אויסגעשריגן דעם ערשטן אוי־האָ. דאָ האָב איך דעם ערשטן אָטעם געטאָן מיט דער לופט פון מיין היים.

איך בין שוין געווען דער ניינטער ביי מיין מאַמען. זעכצן יאָר איז מיין מאַמע אַלט געווען, ווען זי האָט, כדת משה וישראל, חתונה געהאַט מיט מיין טאַטן.

מיין מאַמע, אַ חנעוודיקע, מיטלווקסיקע פרוי, מיט שוואַרצע האָר און טיפע, שמייכלענדיקע אויגן. כאָטש פול מיט דאַגות איז זי אָבער קיינמאָל נישט געווען פאַרדאַגהט. אַ זינגענדיקע, כאָטש זי האָט נישט געהאַט קיין שיינע שטים; אַ געמיטלעכע, מיט ליבשאַפט צו מענטשן און הייסער ליבע צום מאַן און די קינדער.

דער טאַטע, אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַ געדיכטער באָרד. זיין הויכער גלאַטער שטערן איז געווען אין קאָנטראַסט צו דער שווערער לאַסט, וואָס איז געלעגן אויף זיינע פּלייצעס — ווייב און קינדער, פאַר וועלכע ער האָט געמוזט זאָרגן, נישט נאָר פאַר זייער היינט. ווער ווייסט, וואָס דער מאָרגן קען ברענגען? פול מיט גרייטקייט צו אַרבעטן פאַר זיי טאָג און נאַכט; ער האָט זעלטן אַ קינד אַ קוש געטאָן, איז געווען קאַרג אויף אויסערלעכע צערטלעכקייטן, אָבער אין זיין האַרץ האָט געגליט די גרויסע ליבע צו זיין ווייב און קינדער, אַ שטילע און טיפע ליבע.

ער האָט געהאַט אַ שווערע קינדהייט פון אַן עלנטן יתום. פון זיינע פריסטע קינדער־יאָרן אָן איז ער געוואָרן אויסגענוצט דורך פרעמדע מענטשן, געשלאָפן אויף פרעמדע געלעגערס, און געגעסן די קאַרגע רעשט־לעך פון באַלעבאַטישע טישן — האָט ער זיך דערפאַר אָפּגעוווינט פון

שמייכלען. צרות זענען אים נאָענטער געווען פון פריידן. נאָך זיין מוטערס טויט האָט אים דער פאָטער אָוועקגעפירט קיין לויצק און אָפּגעגעבן צו אַ שניידער, ער זאָל אים אויסלערנען די מלאכה. אָבער אָנשטאָט דעם איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דינסט, פלעגט ניאַנטשען דעם שניידערס קאַפּריזנע טעכטערל און שעהן לאַנג געמוזט מיטן אָטעם פון זיין קינדערישע לונגען אויפבלאָזן די שווערע פּרעסאייזנס.

נאָך זיבן יאָר איז ער פאָרט שוין געווען אַ בעל־מלאכה. ביי בתיה פרישבערג אין שניט־קראָם פלעגט ער איינקויפן צודאַטן. אין יענער קראָם האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען זיין צוקונפטיקע כלה.

זי, די פאַרקויפערין רחל־לאה, פלעגט שמייכלען צו אים וואַרעמער ווי צו די אַנדערע קונים, מיט איין וואָרט: אַ זיווג פון גאָט. אָבער אָן אַ שדכן איז מען זיך פאָרט נישט באַגאַנגען.

דעם שניידערס ווייב, זיין באַלעבאָסטע, האָט זיך אין אַ שבת־צו־נאַכטס אויסגעפּוצט אין איר פּלושענער ראָטאָנדע מיט אַ זיידן טיכל פון קרעם־קאָליר אויפן קאָפּ, און איז אַוועק צו איציק דעם בלעכער אויף קראָסנע שדכנען פאַר מאָטלען זיין טאָכטער.

— נדן האָב איך נישט פאַר איר, מיין קראַסאַוויצע. אָן נדן זאָל ער זי נעמען! — האָט געזאָגט מיין זיידע.

מאָטל איז גרייט געווען אויף דעם אויך. אָבער זיין טאַטע איז געווען האַרט, ווי אַ קרעמען. ער האָט געשריגן: „אָן נדן? ניין! מיין זון איז, חלילה, נישט קיין קאַליקע!”

גוט וואָס די כלה האָט אָפּגעשפּאָרט ביי איר באַלעבאָסטע הונדערט רובל און זי האָט געקענט סילוקן דעם נדן. אַזוי איז דער שידוך צושטאַנד געקומען.

ווען איך בין שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור, האָט מיין מאַמע, וואָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט געבוירן פערצן קינדער, מיר דערציילט מיט טרערן אין די אויגן וועגן זייער חתונה: „ביי אַ גלעזל משקה און אַ שטיקל לעקעך האָט מרדכי מקבל קניין געווען און איז, אין אַ מזלדיקער שעה, געוואָרן מיין חתן. מיין טאַטע האָט מיר שטרענג פאַרבאָטן צו טרעפן זיך מיט מיין חתן ביז דער חתונה. איך האָב געבענקט נאָך אים, געוואָלט

הערן פון אים אַ ליב וואָרט. ער פלעגט אָפטער אַריינקומען אין געוועלב עפּעס קויפן. איך האָב זיך גערויטלט, און ער? ער האָט מיך ווי געקושט מיט זיינע וואַרעמע בליקן. אַזוי זענען אַריבער זעקס לאַנגע וואָכן. אין טאָג פון דער חתונה האָבן מיר געפאַסט. אין סאַמע פרימאָרגן בין איך אַוועק אויפן בית עלמין אויסצוויינען זיך אויפן קבר פון מיין מאַמען און פאַרבעטן זי אויף מיין חתונה. מאַמע! — האָט זיך אַרויסגעריסן ביי מיר אַ געשריי, ווען איך בין אַנידערגעפאַלן אויף מיין מאַמעס קבר. מיינע טרוקענע ליפן האָבן געשעפּטשעט ווערטער ווי אַ תפילה. אין אָוונט האָב איך אָנגעטון אַ ווייס זיידן קלייד מיט אַ דיאַדעם פון וואַקסענע בלומען אויפן קאָפּ. דער חתן האָט געטראָגן אַ נייעם שוואַרצן אַנצוג, אַ בלויען קראַוואַט מיט ווייסע אַרבעסלעך און די אויגן זיינע האָבן געשיינט פון גליק. אַלץ איז געווען ווי אויף אַלע חתונות: געסט, קלעזמער, אַ בדחן און אַ סך, אַ סך ליכט. געפעלט האָבן נאָר די מאַמעס פון די חתן־כלה. די חתונה האָט זיך אָנגעהויבן שפּעט. דעם חתנס פאָטער האָט נישט דערלאָזט צו דער חופּה ביז דער הונדערטער נדן וועט נישט געגעבן ווערן. ווי אויף צו להכעיס איז דער רב אַוועקגעפאָרן אין אַן אַנדער שטעטל אויף אַ גבירישע חתונה און דעם הונדערטער פאַר־שלאָסן אין דער שאַפע. די כלה האָט שיעור נישט געחלשט. באַשע פריש־בערג, מיין באַלעבאָסטע, האָט אויסגעשריגן: „איך בין ערוב פאַרן הונ־דערטער". ערשט דאַן האָט דעם חתנס פאָטער נאָכגעגעבן.

מיין מאַמע האָט געדענקט דעם בדחנס ליד:

„כלהניו, כלהניו, וויין מיט ביטערע טרערן.
דיין מאַמע אין קבר זאָל דיין קול דערהערן.
זאָל זי אין הימל פאַר דיר זיך מיען,
אייער מזל אין לעבן זאָל זיך ציען און בליען."

אַלע איינצלהייטן האָט מיין מאַמע געדענקט: די גילדענע יויך, דאָס דרשה־געשאַנק פון די געסט, וואָס דער בדחן האָט מודיע געווען מיט אַ „מי שברך" פאַר יעדן באַזונדער; דעם „ברוגז־טאַנץ", וואָס זי האָט אויסגעטאַנצט מיט אַלע. דערנאָך האָט מען איר אָפּגעשוירן די שוואַרצע צעפּ און אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ שייטל פון פרעמדע האָר.

יואל פערעל

מיין שטעטעלע לויצק

מיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן האָב איך פאַרבראַכט אין לויצק. נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו פאַרגלייכן די שטאָט מיט אַנדערע, האָב איך זי געהאַלטן פאַר איינע פון די שענסטע שטעט, נישט נאָר אין וואָלינער קרייז, נאָר אַפילו פון גאַנץ רוסלאַנד. געהערט האָב איך דערציילן, אַז די שטאָט איז שוין אפשר טויזנט יאָר אַלט. געבויט האָבן די שטאָט די סלאַוון, פּאָליאַקן און די ליטווינער. ביים פאַרכאַפּן די שטאָט האָט מען זי פאַרניכטעט און אויפסניי געבויט. לויצק האָט געליטן פון אַ סך מלחמות, איז חרוב געוואָרן און ווידער אויפגעבויט. אַלדאָס הילצערנע איז געוואָרן פאַרברענט. קרעמענעס און שטיינער זענען יאָרן לאַנג געבליבן שטיק מיט דער גאַנצער פעסטקייט. דער לובאַרט־שלאָס פונעם ליטווישן פירשט, וועמענס נאָמען ער טראָגט, שטייט נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

דער „לובאַרט־שלאָס" איז איינער פון די שענסטע דענקמעלער, וואָס דער וואָלינער קרייז פאַרמאָגט. ער איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט אַ סך יאָרן צוריק, אין די צייטן פון מיטלאַלטער, דורך דעם ליטווישן פאַרכאַפּער פון דער טעריטאָריע, פירשט לובאַרט. ער איז געבויט געוואָרן לויט אַלע כללים פון דער דעמאָלסטיקער אַרכיטעקטור. אין דעם שלאָס, ווו דער פירשט האָט געלעבט, האָט מען אים אויך מקבר געווען; אין אַ קליין גערטנדל, אונטערן שאָטן פון אַ צעצווייגטן דאָמב, געפינט זיך זיין קבר.

דער שלאָס געפינט זיך אויף אַ בערגל, וואָס זעט אויס נאָך העכער ווי עס איז, צוליב דעם ברייטן און טיפל טאָל, וואָס רינגלט אַרום דאָס בערגל. אַמאָל איז דער טאָל געווען אָנגעפילט מיט וואַסער פונעם טייך סטיר, וואָס פליסט פאַרביי נישט ווייט פונעם שלאָס.

די אויסגעגראָבענע ערד איז אָנגעשיט געוואָרן אַרום די מאַסיווע, ברייטע ווענט פון רויטן ציגל אויף אַ טיפן פונדאַמענט פון גרויסע קרעמענעס. אויף אַלע פיר זייטן פונעם שלאָס, אין די ווינקלען, האָט מען אויפגעהויבן טורעמס, ענלעכע צו דעם טורעם, וואָס איז פאַרבליבן אין דער גרויסער יידישער שול. אין דער מיט — דאָפּלטע טויערן און נישט

ווייט פון זיי איז אַריבערגעוואָרפן געווען אַ הענג־בריק, וואָס פלעגט אַראָפּגעלאָזט ווערן אין פאַרשידענע צייטן.

די אינעווייניקסטע געביידעס זענען שוין לאַנג פאַרניכטעט געוואָרן פון מלחמות און שריפות. די הענג־בריק איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ הילצערנער, אַ שטענדיקע. די וואַסערן אַרום שלאָס זענען אויסגעטריקנט געוואָרן און אָפּגעטראָטן זייער אָרט דעם ווילדן גרינעם גראָז און שטעכל־קעס. בלויז די הויכע ווענט שטייען פעסט און וועלן נאָך נישט איין יאָר־הונדערט איבערלעבן.

מיט דער צייט איז לויצק אויפסניי פונאַנדערגעבויט געוואָרן און דער שלאָס האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט. אין אים האָבן זיך איינגעאָרדנט די פייערלעשער, וואָס פלעגן אַרויספקריכן דורך די אינעווייניקסטע שרויפּן־טרעפּ צו די ווינקל־טורעמס און פון דאָרט אָבסערווירן די גאַנצע שטאָט.

יאָרן זענען פאַרביי, די פייערלעשער האָבן זיך געביטן און אויך זייערע לעש־מכשירים זענען געוואָרן גאָר אַנדערע. אַנשטאָט די גרויסע קיילעכדיקע פעסער מיט וואַסער, וואָס עס האָבן געשלעפּט אויסגעפּאַשעטע פערד, זענען שוין געווען מעכאַנישע פּאָמפּעס און ציסטערנעס. אויף הויכע פּלאַטפאָרמעס זענען געלעגן לאַנגע לייטערס און ברייטע רערן. שפּעטער זענען שוין געווען רויט־געפאַרבטע מאַשינען מיט אויטאָמאַטישע לייטערס, וואָס זענען מעכאַניש אויפגעהויבן געוואָרן, צוגעפּאַסט צו יעדער הויך.

דער משופּעדיקער באַרג אַרום שלאָס איז געווען פאַרוואַקסן מיט הויכע געדיכטע גראָזן. אויף אים פלעגן זיך אָפט שפּילן קינדער אין מלחמות און באַהעלטענישן. אין די שבתים און ימים־טובים פלעגן אַהערקומען גאַנצע יידישע משפּחות זיך אָפּרוען, פּראַוועון סעודות. אין די אָוונטן האָבן דאָ שפּאַצירט יונגע פּאָרלעך, דערקלערט זיך אין ליבע. זייערע האַרציקע שעפּטשערייען פלעגן פאַרטויבט ווערן דורך דער קוואַקעריי פון די זשאַבעס אין די אַרומיקע בלאָטעס.

אויף די רויטע ציגל פון די שלאָס־ווענט זענען געווען אויסגעקריצט הערצער, נעמען און צושריפטן, אַמאָל אויך אַ רעוואָלוציאָנערע לאָזונג, נאָך פונעם יאָר 1905: „די גאַנצע וועלט פון געוואַלט וועלן מיר פאַרניכטן".

די לויצקער שול איז געבויט געוואָרן אין יאָר 1626 אויפן סמך פון

אַ ספּעציעלער פּריווילעגיע פון דעם פּוילישן קעניג זיגמונט דעם דריטן, מיטן תּנאַי, אַז די שול זאָל דינען אויך אַלס פעסטונג און זאָל קענען באַשיצן די שטאָט קעגן שונא. דער רעכטער פליגל פון דער לויצקער גרויסער שול דערמאָנט איינעם פון די טורעמס אין דעם לובאַרט־שלאָס און איז פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. אַפילו די אינעווייניקסטע שווינדל־טרעפּ, דורך וועלכע מ׳פלעגן אַרויפקריכן אויפן דאַך פון דער שול, זענען ענלעכע צו די פון דעם לובאַרט־שלאָס.

אויף אַלע גאַסן האָבן געוווינט כּמעט בלויז ייִדן, אַלע געוועלבער זענען געווען ייִדישע, אַ סך בתּי מדרשים, פּאַר שניידערס און סטאָלערס, פּאַר טריסקער און סאַדיגורער חסידים, פּאַר סטאָלינער און נאָך אַנדערע, פּאַר סתּם ייִדן. בלויז אין אַ ווינקל־גאַס, נאָענט צום קאָשטשיאָל, האָבן געוווינט פּאָליאַקן, געווען אויך אַ קאַראַימער שול, אַרום וועלכער עס האָבן געוווינט קאַראַימער, און ווער זענען דען די קאַראַימער, אויב נישט ייִדן?! איז דען זייער שול געווען אַנדערש פון די ייִדישע? געווען דאָרט אַפילו משה רבינוס לוחות אויפן אָרון קודש.

אמת, דער איספּראַווניק און די עטלעכע פּאָליציי־לייט, פּאַוולאָוו, סקרעווסקי א. א. זענען נישט געווען קיין ייִדן. נו, האָבן זיי געלעבט פון ייִדן. די גרעסטע אונטערנעמונגען, ווי שניידערס ביר־בראַיעריי, פּטיצס און פרידמאַנס מילן — אַלץ ייִדישע.

די דייטשן, די אוקראַינער, די טשעכן האָבן געוווינט אויסער דער שטאָט, אין די דערפער און קאָלאָניעס. זיי פלעגן קומען צו פאָרן קיין לויצק אויף די ירידים. דערביי פלעגן זיך די דייטשן אַריינכאַפּן אין זייער הויכער שפּיציק־געבויטער קירך און אָפּזינגען אַ פּאָר תּפילות אין באַגלייטונג פון אַ פיסהאַרמאָניע.

אויך די פּראַוואָסלאַוון האָבן נישט אויפגעהערט זיך צו צלמען, אָפּ־ענטפערן דעם גלח אין סאָבאָר אָדער פּאָקראָווער קלויסטער אויף זיין באַסיקן „האָספּאָדי פּאָמילוי״...

אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ

מיר האָבן געוווינט אַקעגנאיבער דעם פּאַקראָוועך קלויסטער. נאָך דער חתונה האָט מיין טאַטע אָפּגעקויפט ביי מילשטיינען אַ העלפט פון די חורבות, וואָס זענען אים פאַרבליבן בירושה פון דער לעצטער שריפה אין „גאַס". ווענט זענען געשטאַנען, האָט מיין פאָטער אויפגעהויבן אין קעלער אַ דעכל פון דינע ברעטער, אַוועקגעשטעלט ביים קוימען אַ קיכל און מען האָט דאָרט געוווינט.

פינף יאָר האָבן מיינע עלטערן זיך געמאַטערט אינעם נאַסן, קאַלטן קעלער. אַפילו ווען די געדונגענע אַרבעטער האָבן איבערנאַכט אַרויפגעוואָרפן אַ דאַך, האָבן אים די פייערלעשער אויפן צווייטן טאָג אַראָפּגעוואָרפן. דער באַלעבאָס מילשטיין האָט פאַרמסרט, אַז מען האָט געבויט דעם דאַך אָן אַ דערלויבעניש פון מאַגיסטראַט. ער איז געווען אַ באַשעפעניש מיט אַ פאַרביסענער, כמעט חיהשער קנאה.

איז דען אַ וווּנדער, וואָס מיינע עלטערן האָבן אין משך פון דער צייט באַגראָבן פיר קינדער. אַ נס, וואָס גיטל, די ערשטע טאָכטער, איז געבליבן לעבן. דער טאַטע האָט זי ביים געבוירן פאַרסטראַכירט אויף 20 יאָר און אַזוי אַרום באַזאָרגט זי מיט 1000 רובל נדן. ווי אַזוי האָט זי געקענט שטאַרבן ? !

אין מיטן פרילינג איז אויף מיין מאַמעס יונגע יאָרן אַנגעלאָפן אַ שוואַרצער וואָלקן און פאַרחושכט דאָס לעבן. זינט דעמאָלט איז איר פאַרבליבן אַ מאַטערדיקער הוסט און אירע שיינע פערלדיקע ציין האָבן גענומען ליידן פון גרויסע ווייטיקן.

„ה' נתן וה' לקח" — פלעגן מענטשן טרייסטן, נאָר זי, מיין פרומע מאַמע האָט געפילט און פאַרשטאַנען, אַז זיין ליבן נאָמען דאַרף מען דערביי נישט דערמאָנען; אַז שולדיק איז די נאַסקייט אויף די ווענט, די שטענדיקע ווינטן, וואָס האָבן געבערענגט מיט זיך קראַנקייט און אָנגעשטעקט איין קינד פונעם אַנדערן. שולדיק איז געווען מילשטיין, וואָס האָט נישט דערלאָזט, מיר זאָלן האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ער איז געווען דער שליח פונעם מלאך המוות.

יואל פערעל

יואל

אויפן פינפטן יאָר נאָך זייער חתונה האָבן שוין מיינע עלטערן, אין אַ גוטער שעה, אַריבערגעקליבן זיך אין אַ נייער דירה, אויפן ערשטן שטאָק. נישט אומזיסט פלעגט מיין טאַטע אָפּזיצן ביי דער מאַשין גאַנצע טעג און נעכט. זיינע פעיקייטן אַלס מייסטער, זיין ערלעכקייט זענען געוואָרן אַ שם דבר אין שטאָט. מענטשן פלעגן באַדויערן דאָס אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן, נאָר דערביי צוגעגעבן: „אַזאַ פאַרפאַלק, וואָס לעבן ווי טייבעלעך, שענער ווי אין די ראָמאַנען, וועט גאָט נישט פאַרלאָזן". מאַמעס פלעגן צורעדן זייערע טעכטער, די כלות, וואָס האָבן זיך גענייט וויפראַוועס צו דער חתונה: „טאָכטער, פאַרגעס נישט צו באַשטעלן עטלעכע קליידער ביי מאָטל טריסקער, וועסטו האָבן, איה"ש, אַ גליקלעך לעבן מיט דיין מאַן!"

„אַ שם טוב איז בעסער פון אַן אבן טוב" — זאָגט אַ פאָלקס-ווערטל. דער שם טוב האָט עס מיין טאַטן געגעבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ שיינע דירה אויפן ערשטן שטאָק און אויך פרנסה. קינדער האָבן, קיין עין הרע, אויך נישט געפעלט. נאָך גיטעלען איז געקומען אַ מירעלע, נאָך איר בענעלע, חייקעלע און נאָך איר — יואליקל.

פון וואַנען איז געקומען צו מיר דער נאָמען יואל, כאָטש אין דער גאַנצער משפחה, סיי פון דער מאַמעס און סיי פון טאַטנס צד, איז נישט געווען אַזאַ נאָמען? וועגן דעם האָט מיין מאַמע מיר אַמאָל דערציילט אַן אויסטערלישע מעשה:

ווי אַלע אירע קינדער, האָט אויך מיך מיין מאַמע געבוירן גרינג און שנעל. די עלטערן האָבן באַשטימט מיר אַ נאָמען צו געבן שמואל נאָכן זיידן, מיין טאַטנס פאָטער, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ קורצער צייט צוריק. נאָכן געבוירן איז מיין מאַמע, אַ מידע, איינגעשלאָפן און אין חלום איז צו איר געקומען אַן אַלטער גרויער ייד און איר געזאָגט: „מזל טוב דיר, רחל-לאה. איך בין די נאַכט אַוועק צו די אָבות און ער, דיין ניי-געבוירענער זון, וועט פאַרנעמען מיין אָרט. בעט איך דיך, רוף אים אָן מיט מיין נאָמען, יואל".

— יואל? איך דערקען אייך נישט — האָט מיין מאַמע אויסגעשריגן אין חלום.

— וואָס, דערקענסט נישט יואל מירל־איטעלעס?

— יואל מירל־איטעלעס לעבט דאָך?!

דער אַלטער איז פּלוצים פאַרשוווּנדן און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

גלייך קאַיאַר האָט זיך צעטראָגן די ידיעה, אַז יואל מירל־איטעלעס איז טאַקע די נאַכט נפטר געוואָרן און דער שטוב־ראָט האָט באַשלאָסן, אַז דער זיידע שמואל וועט מוזן מוחל זיין און צוּוואַרטן אויף אַ נייעם זון. מיר האָט מען אַ נאָמען געגעבן: „יואל".

די שול

ווי נאָר איך דערמאָן זיך מיין ערשטע שול, אַזוי זע איך פּאַר מיינע אויגן דעם אַלטן, איינגעטריקנטן וועכטער מיכאַלקאַ. איך הער די קלאַנגען פון זיין איינציק לידעלע, וואָס ער פּלעגט אויסשפּילן אויף זיין ווונדערלעכן פייפל:

> אינמיטן פעלד איז אַ בעריאָזקעלע פאַראַנען,
> עלנט ווי אַ יתומהלע געשטאַנען.
> ליו־לי, ליו־לי, געשטאַנען,
> ליו־לי, ליו־לי, געשטאַנען...

מיר, קינדער האָבן שטאַרק ליב געהאַט דעם אַלטיטשקן, אפשר הונדערט־יאָריקן זקן, מיט די איינגעזשמורעטע אייגעלעך, געריגצלט פּנים ווי אַ פּאַר־טריקנטער עפּל, אויסגעצופּטן ווייסן ציגל־בערדל. תמיד האָט ער געשמייכלט מיט זיין אַנצייניקן מויל, ער איז געווען אַ ביסל איינגעהויקערט, ווי די שווערע משא יאָרן וואָלט אים געדריקט צו דער ערד.

— זיידעלע, זינג אונדז דיין בעריאָזקעלע — פלעגן מיר אים בעטן און אונטעררוקן דערביי אַ בולקע מיט פּוטער פון אונדזער פרישטיק.

ער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. האָט אַרויסגענומען פון מויל זײַן פּייקע, אַן אָנגעפּילטע מיט צעשניטענע מאַכאָרקע־בלעטער, פאַרלאָשן זי מיט זײַן פאַרסמאַלעטן גראָבן פינגער, פאַרבאַהאַלטן זי הינטער זײַן סיערמיעגע און פונעם בוזעם אַרויסגענומען זײַן פּייפעלע, וואָס ער האָט אַליין אויסגעמייסטערט פון האָלץ און אויסגעסמאַליעט מיט אַן אָנגעגליטן טשוואָק עטלעכע לעכעלעך. פריער פלעגט ער אויפזינגען כמעט אַן אַ ניגון, בלויז די ווערטער, וועלכע זענען אַלעמאָל געווען נײַע:

— קיינער טוט נישט דאָס בעריאָזקעלע באַגיסן,
ווערט עס טאַקע פון דער היץ אויסגעריסן...
איצט איז געקומען אונדזער ריי אים צוצוהעלפן:
— ליו־לי, ליו־לי, באַגיסן,
ליו־לי, ליו־לי, אויסגעריסן... —

ערשט דאַן האָט ער אַרײַנגעכאַפּט דאָס פּיפל אין מויל אַרײַן און אויפגעשפּילט די מעלאָדיע.

דעם אַלטן זיידן האָב איך געקענט זינט דעם ערשטן טאָג, ווען איך בין אַרײַן אין מורס שול. אַ שול? אַ כאַטע פון געטעסעטע קלעצער אין דער טיף פון אַ הויף מיט אַ משופּעדיקן שינדל־דאַך, צוויי קליינע צימערן, דורכגעטיילטע מיט אַ דין ווענטל פון דיקט. אין יעדן צימער — אַ לאַנגער שמאָלער טיש און אַ לאַנגע באַנק אין דער פאָרם פון אַ „ר״. רעכטס האָט זיך געפונען אַ שמאָלע קיך מיט אַ גרויסן רוסישן אויוון און אַ בלעכענער דעק פון פאַרנט.

אָבער מיר, יאַטן אין עלטער פון זיבן ביז צוועלף יאָר, האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז אַ שול. פאַר אַנדערע איז דאָס געווען אַ חדר, ווו מען לערנט נאָר דאַווענען און חומש.

וויפל מאָל דער באַלעבאָס מיכאַיל מור האָט נישט געשריבן און געבעטן, מען זאָל אים דערלויבן עפענען אַ שול, האָט עס אָבער נישט געהאָלפן. זײַן ווײַב האָט מען דערלויבט צו עפענען אַ פּריוואַטע שול פאַר מיידלעך מיט אַ פּראָגראַם פון וועלטלעכע לימודים. דאַקעגן אים — פאַר ייִנגלעך — בשום אופן נישט און ער האָט געמוזט אײַנגייך אויף אַ חדר. אין דער אמתן האָט מען געלערנט נישט נאָר חומש, תנ״ך, נאָר אויך די רוסישע שפּראַך,

חשבון, היסטאָריע, געאָגראַפיע, נישט ערגער און נישט ווייניקער, ווי אין זיין ווייבס אָפיציעלער מיידל־שול. נישט מער, דאָס איז געווען אַ סוד, אַ פאַרבאָטענע זאַך. און ווער ווייסט עס נישט, אַז דאָס פאַרבאָטענע גלוסט זיך שטאַרקער... האָבן מיר טאַקע אין דער פאַרווערטער שול אַ סך געלערנט. די לערער האָבן ווייניק אויפגעקלערט, ווייניק אויסגעפרעגט, נאָר אַ סך, אַ סך אויפגאַבעס אַהיימגעגעבן. מיר האָבן געלערנט מיט דאָפּלטן חשק. די ערשטע שעהן האָט אונדז געלערנט דער לערער ליבשטיין העברעיש און תנ״ך, דובנאָווס יידישע געשיכטע. ער איז געווען אַ ידען, פול מיט וויסן. זיינע מעשיות און לעגענדעס האָבן אונדז פאַרכישופט, געעפנט פאַר אונדז די פּאַלאַצן פון אונדזערע אַמאָליקע מלכים. יוסף, דער שני למלך, האָט מיט היימישער וואַרעמקייט אויפגענומען זיינע ברידער. משה רבינו מיט זיין כישוף־שטעקן אין דער האַנט האָט שטאָלץ געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון די יידן. דוד האָט אַזוי שיין געשפּילט אויף זיין כישוף־פידעלע פאַרן ערשטן יידישן מלך שאול — אַלץ האָט ער ווי לעבעדיק געמאָלן פאַר אונדזערע אויגן און מיר האָבן עס אָפּגעפילט מיט אונדזערע קינדערשע הערצער.

האָב איך טאַקע ליבשטיינען ליב געהאַט מער פון אַלע לערער. ער פלעגט דאַווענען אין איין שול מיט מיין טאַטן, אין „משרתי צדק״, פלעג איך יעדן שבת אין דער פרי ברענגען פאַר אים אין שול אַריין דעם טלית און אויך אָפּטראָגן אים אַהיים. אויפן פענצטער זענען שוין געלעגן אָנגעגרייט עטלעכע מעשענע קאָפּיקעס, פלעג איך פאַר זיי קויפן אין קיאָסק די רוסישע צייטונגען: „קיעווסקאַיאַ מיסל״ און „אָדעסקיע נאָוואָסטי״ און זיי אים ברענגען. דערפאַר פלעג איך פון אים באַקומען ביכער צום לייענען, אַזעלכע, ווי „באָגדאַן כמיעלניצקי — וועגן דעם יידן־מערדער און די גזירות ת״ח און ת״ט״, „ראָבינזאָן קרוזאָ״. ליבשטיין האָט דער ערשטער איינגעפלאַנצט אין מיר די ליבשאַפט צו ביכער.

מיין לערער פון מאַטעמאַטיק, מיכאַיל מור, אַ מיטלוווקסיקער, אַ ברונעטער, מיט געדיכט־באַוואַקסענע הענט און טיף־באַסאָווע קול, איז ביי אונדז געווען ווייניקער באַליבט, פאַר אים האָבן מיר מער מורא געהאַט, די אויפגאַבן, וואָס ער האָט אונדז געלערנט פון ווערעשטשאַגינען, האָבן מיר דווקא

יאָ ליב געהאַט צו מאַכן. יעדע נייע אויפגאַבע איז געווען אַ דערגרייכונג און צוזאַמען מיטן מאַטעמאַטישן באַנעם איז אויך געוואַקסן אונדזער אינטערעס.

מיין שוועסטער חיהקע האָט געלערנט אין דער מיידל־שול, וווּ מורס ווייב איז געווען די דירעקטאָרין און לערערין. איך פלעג פאַר איר און פאַר אירע חברטעס לעזן זייערע אויפגאַבן פון מאַטעמאַטיק, געשיכטע און געאָגראַפיע.

נישט ווייניקער האָבן מיר ליב געהאַט די רוסישע ליטעראַטור, די שיינע דערציילונגען פון דער כרעסטאָמאַטיע „ראָדנאָיע סלאָווא", די מעלאָ־דישע לידער פון קאָלצאָוון, ניקיטינען, נעקראַסאָוון און פושקינען. מיר האָבן זיי אַלע געלערנט פון אויסנווייניק.

די לערערין אַגלאַיעדאַ מיכאַילאָוונאַ, וועלכע מיר האָבן גערופן „אַגלאַשקאַ", האָבן מיר נישט ליב געהאַט, זי האָט זיך געהאַלטן גרויס, אַ דירעקטאָרין. זי פלעגט אָפט פאַרשפעטיקן און מיר האָבן געדאַרפט לאַנג וואַרטן אויף איר, און דער עיקר, זי פלעגט זיך מישן אין אַלע ענינים:

— פערעל, האָסט געבראַכט שכר לימוד? אויב דו וועסט נישט ברענגען מאָרגן, קענסטו זיצן אין שטוב.

מיין שוועסטער חיהקע פלעגט שוין דעם ערשטן טאָג פון נייעם חודש אויסוויינען דאָס געלט אויף שכר לימוד, כדי צו זיין פון די ערשטע. זי איז געווען זיכער, אַז „אַגלאַשקע" וועט איר דערפאַר שטעלן אַ פינף פון רוסיש.

ווי נאָר עס פלעגן זיך אָנהייבן אין דער שול די וועלטלעכע לימודים, פלעגט דער זיידע מיכאַלקאָ אַוועקוואַרפן אַלע אַרבעטן און אַוועקזעצן זיך אויף אַן אונטערגעהאַקטן בוים ביים סאַמע טויער און קוקן, קוקן...

פאַרן פאָליציייסקע, סקרעווסקי דעם גראָבן, אָדער פופקאָ, וואָס פלעגט רעדן עטלעכע העברעישע ווערטער, ווי „תפיסה", „שבת", האָט ער נישט מורא געהאַט. אַפילו פאַר פּאַוולאָוון, דעם אוטשאַסטקאָווע, האָט ער זיך נישט געשראָקן. זיי פלעגן דאָך באַקומען פונעם באַלעבאָס יעדע וואָך גרינע דרייערלעך, פּאַוולאָוו האָט אַפילו באַקומען אַ „פינפערל", אויף ביר, לאַ יחרץ־געלט. מורא האָט ער געהאַט פאַרן אינספעקטאָר מיט דעם טונקל־גרינעם שינעל און גאָלדענע קנעפּ, גלאַנציקן דאַשעק און געפּוצטע שיך.

אים איז נישט געווען גרינג איבערצוקויפן. ווען מיכאַלקאָ האָט אים דערזען, האָט ער אויפגעשפּילט גאָר הויך, מיט ציטערדיקע טענער, זיין באַרימטן ניגון.

ווי נאָר מיר פלעגן דערהערן די ערשטע קלאַנגען, זענען אַלע ביכער און העפטן געפלויגן אין רוסישן אויוון אַריין. מיר האָבן צוריק אָנגעטון די היטלעך, אויפגעעפנט די חומשים און צעשאָקלט זיך, ווי חסידים. געלייענט אין כאָר די פּרשה פון דער וואָך. מור, דער באַלעבאָס, האָט אָנגעטאָן זיין האַרטן „קאָטיעלאָק" און, שמייכלענדיק מיט זיינע ציגיינערישע אויגן און ברייטע ציין, אַרויסגעלאָפן מקבל־פּנים זיין דעם הויכגעשטעלטן גאַסט...

אין אונדזער שול זענען נישט געווען קיין רעגולערע איבערייסן צווישן די לעקציעס, נישט געווען קיין גלעקל צום קלינגען. שטיל פלעגט איין לערער פאַרבייטן דעם צווייטן. גאַנץ אָפט האָט געטראָפן, אַז די רוסיש־לערערין אַגלאַשקע, האָט זיך פאַרשפּעטיקט. זי איז דאָך געווען דעם דירעק־טאָרס ווייב און אַליין אַ דירעקטאָרין פון אַן אייגענער שול. אַרומלויפן אינעם קליינעם הויף אַרום דער שול, האָט מען נישט געטאָרט, זענען מיר דערפאַר געבליבן זיצן אין קלאַס און געוואַרט. דורך דער דיקטן־וואַנט זענען צו אונדז דערגאַנגען די געוויינען פון די קלענערע יאַטן אויף דער לעקציע פון קאַליגראַפיע. דער הויכער, דאַרער לערער באַריל מיט די בלישטשענ־דיקע פּענסנע־ברילן, האָט אַרומשפּאַצירט איבערן קלאַס און מיט דער דינער ליניעיקע געקלאַפּט איבער די קינדערישע פינגער, וואָס האָבן נישט געקענט אויסקאַליגראַפירן די ציפערן און אותיות.

ביי אַזאַ פאַרשפּעטיקונג פלעגט טרעפן, אַז דער דינער פון דער מיידל־שול איז אָנגעלאָפן מיט דער בשורה: „די דירעקטאָרין איז פאַרנומען און קען היינט נישט קומען". ערשט דאַן פלעגן מיר אַלע אַוועק אויף דער פרייער שעה אין „לובאַרט־שלאָס". מיר האָבן זיך דערפילט ווי פרייע פייגל.

יעדער פון אונדז האָט געהאַט זיין צונאָמען. מיך האָט מען גערופן „פּיפּי", זלמנען — „זיזי", מאָטיען — „מומו", קיבריקן — „קוקו". מיר

האָבן זיך געפילט ווי אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע און זיך באַנוצט מיט אַ באַזונדערער שפּיגל־שריפט, מיט אַ ספּעציעלן שליסל צום דעשיפ־רירן. אַרום און אַרום איז אַלץ געווען סודותפול. די סטעזשקעס, אויף וועלכע עס זענען געבליבן צייכנס פון מענטשלעכע און חיהשע פיס, די אויסגע־קריצטע הערצער, דורכגעשטאָכענע מיט שפּיזן, די פאַרבאַטענע לאָזונגען, האָבן אונדז איינגעהילט אין אַ גרויסן סוד. „מומו" פלעגט דערציילן שרעק־לעכע געשיכטעס וועגן דער „רויטער מאַסקע", וואָס האָט איבערגעכיטרע־וועט דעם באַרימטן שערלאָק האָלמס. „קוקו" האָט דערקלאָמירט אַ ליד, וואָס ער האָט בסוד סודות איבערגעשריבן פון זיין שוועסטערס אַלבום:

„ווי שוואַרצע מחשבות ביים מסור אין זינען,
איז פינצטער אין טיף האַרבסט די נאַכט.
נאָך שוואַרצער פאַר איר איז די תפיסה דער בנין,
וואָס שטייט, ווי אַ דמיון, פאַרטראַכט...

מיט אינערלעכן ציטער האָבן מיר אויסגעהערט דאָס ליד וועגן דעם אומגעקומענעם אַרעסטאַנט, וואָס האָט געפּרוּווט אַנטלויפן פון טורמע. נישט ווייט פונעם שלאָס איז געשטאַנען די געפּאַנצערטע שטאָטישע טורמע און באַוואָפנטע וועכטער האָבן דאָרט טאָג און נאַכט געהיטן די פאַרשלאָסענע הינטער די אייזערנע קראַטעס. צו אונדז איז דערגאַנגען דער אָפּהילך פון זייערע געשרייען. דעמאָלט איז נאָך קיינעם נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועט אויך ער, „קוקו" און זיין חבר „מומו" אָפּמאַטערן זיך לאַנגע יאָרן אין דער דאָזיקער טורמע, פאַר רעוואָלוציאָ־נערער טעטיקייט.

איינמאָל האָב איך מיינע חברים דערציילט אַן אמתע געשיכטע וועגן מיין עלטערער שוועסטער גיטל און איר חתן אהרון. זיי האָבן געלערנט צוזאַמען, נישט ווייט פון „לובאַרט־שלאָס", אין דער „הויכער אָנפאַנגס־שול". אין די אָונטן פלעגן זיי צוזאמען שפּאַצירן ביים שלאָס, געפירט אַ ליבע. זיי זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ קרייז פון רעוואָלוציאָנערן, און איך האָב דערציילט וועגן די קאַמפן, וואָס די רעוואָלוציאָנערן פירן קעגן צאַר, וועגן שטרייקן און אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען, וועגן טעראָר,

װעגן פאַרשיקונגען קיין סיביר און תּליות אויף „סטאָליפּינס־קראַוואַט״. מיטאַמאָל האָבן אייניקע אויסגעשריען:

— מ׳האָט זיי געכאַפּט?

— אַ פייג מיט מאַן דערצו! — האָב איך געענטפערט מיט שטאָלץ — נישט אַזעלכע כאַפּט מען. זיי זענען אַנטלאָפן קיין וואַרשע, האָבן דאָרט חתונה געהאַט.

מיין שוועסטער גיטל איז געווען פאַרסטראַכירט אויף טויזנט רובל נדן. נו, האָבן זיי באַקומען דאָס געלט און געמאַכט אַ חתונה, שוין איינמאָל אַ חתונה! מיין מאַמע פלעגט דערציילן די שכנים וועגן דער דאָזיקער חתונה מיט אַלע פּיטשעווקעס:

— אַ גרויסער סאַלאָן מיט קאַנדילאַברעס, וואָס האָבן געפלייצט מיט ליכט. אַ ספּעציעלער אָרקעסטער פון די בעסטע קלעזמער. דער חזן, וואָס האָט דורכגעפירט די חופּה, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ צילינדער. די טישן זענען געווען געגרייט מיט כל־טוב, אַ גילדענע יויך. ווען דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף, האָט זיך פּלוצלינג אויסגעלאָשן דאָס ליכט. אין אַ פערטל שעה אַרום האָט דאָס ליכט זיך ווידער אָנגעצונדן. שפּעטער איז ווידער געוואָרן אין גאַנצן פינצטער. בלויז אויף די טרעפּ האָבן געברענט קאָלירטע חופּה־ליכטלעך...

די ערשטע וועלט־מלחמה

מלחמה!

אַ וואָרט, ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג. שוואַרצע געדיכטע כמאַרעס פאַרשטעלן דעם לויטערן בלויען הימל און די זון...

מלחמה!

קרעכצן פון נישט־דערקוילעטע, חורבות און שריפות, האַרצרייסנדיק געוויין פון אלמנות און יתומים...

מלחמה!

הפקר אַ וועלט. מענטשן — חיות מיט אויפגעוואַכטע ווילדע אינסטינקטן, בלינדע אויספירער פון פרעמדע באַפעלן, אַכזריות און רויב, אַ לעבן אויף אַ מינוט און אָן אַ ציל...

מלחמה!

פרייד פאַר יחידים, טרויער פאַר מיליאָנען...

יאָר 1914.

איך דערמאָן זיך אָן עסקאַדרע פון רוסישע קאָזאַקן אויף פערד, מיט צעשויבערטע טשובעס, הויזן מיט רויטע לאַמפּאַסן, יאָגן זיך אויף די פאַר־שוויצטע פערד איבער דער קראַסנער בריק. אין דער רעכטער האַנט די לאַנגע שפּיציקע פּיקע, וואָס טאַנצט אונטער לויטן טאַקט פונעם לויפנדיקן פערד. די אויגן אין די מידע דערשלאָגענע פּנימער, גליען נאָך מיט רציחה. זיי אַנטלויפן איצט פאַרן שונא, פאַרלאָזן וואָלין, די אייגענע אוקראַינישע ערד. צוויי רייטער בלייבן איבער, כדי אונטערצוציגדן די בריק איבערן טייך סטיר. דאָס העלישע פייער פון דער אונטערגעצונדענער בריק הויבט זיך אויף אין דער הויך, שוואַרצע כמאַרעס רויך באַדעקן דעם הימל, ווי מיט אַ פאָרהאַנג.ביידע רייטער אַנטלויפן, טראָגן זיך אויף זייערע פליענדיקע פערד, ווי ווילדע וויכערס, ווילן דעריאָגן זייערע חברים.

די ציווילע באַפעלקערונג איז איבערגעשראָקן אויף טויט, איז נישט אימשטאַנד צו באַטראַכטן די אָקאָרשט געשאַפענע לאַגע. אַט לויפן שוין מענטשן מיט גאַנצע משפחות, קליינע קינדער, באַלאָדענע מיט פּעק און מיט זעק, ווי אייזלען. זיי זוכן אַ באַהעלטעניש פאַר זיך, פאַר די קינדער, פאַרן ביסל האָב און גוטס. מען לויפט און קיינער ווייסט נישט וווהין. טיפע, פינצטערע קעלערס באַקומען אַ פּילפּאַכיקן ווערט. די מייז און די שטשורעס מוזן אָפּטרעטן זייער אָרט פאַר די מאַמעס מיט די קינדער. אויך זיי האָבן דערפילט די דראָענדיקע לאַגע און האָבן זיך פאַרשטעקט אין די לעכער. איבערגעשראָקענע קינדער טוליען זיך צו זייערע מאַמעס, ליאַרמען און וויינען פון שרעק. עס קומען אָן אַלץ נייע מענטשן און זיי דערציילן וועגן שראַפּנעלן, וואָס פליען איבער די קעפּ, פאַלן אַריין אין הייזער און מאַכן אָן אַ חורבן.

מיינע עלטערן האָבן געהערט צו די גליקלעכע, ווייל פונקט אַנטקעגנ־

איבער אונדז, ביים „זשעליאַזניק" זענען געווען טיפע קעלערס, אין וועלכע מען פלעגט האַלטן עפּל איבערן ווינטער. נו, האָט מען די איבערגעבליבענע עפּל איבערגעטראָגן אינעם לעצטן קעלער, און אין די ערשטע קעלערס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן יידישע משפחות מיט זייערע קינדער.

דאָ, אין די קעלערס האָבן מיר נישט געהערט דאָס אומאויפהערלעכע שיסן פון די עסטרייכער אין די הנידאָווער בערג. די קינדער האָבן נישט אויפגעהערט צו טומלען, ביז זיי האָבן זיך צו ביסלעך צוגעוווינט צו דער געשאַפּענער לאַגע און זיך גענומען שפּילן אין „עטל־בעטל", אין „פּעטש". ערשט ווען די קינדער זענען איינגעשלאָפן, האָט מען דורך די לופטן, דורך וועלכע עס פלעגט צוקומען פרישע לופט, געהערט דאָס געדעמפטע, אָבער רעגלמעסיקע שיסעריי. צו אַלץ קענען זיך די קינדער צוגעוווינען, נאָר נישט צו הונגערן. „מאַמע, גיב עסן. איך בין הונגעריק" — האָבן די קינדער נישט אויפגעהערט צו בעטן.

ר' מעכל, דער אויבסט־הענדלער, פלעגט פאַרקויפן עפּל, אַפילו אויף באָרג, פאַר העכערע פרייזן. קיינער האָט זיך מיט אים נישט געדונגען.

אויך צירל די אַלמנה האָט צוזאַמען מיט איר יונגער טאָכטער יעדן פרימאָרגן געברענגט אין קעלער אַריין פרישע פלעצלעך. זי פלעגט טיילן איר סחורה נאָר פאַר אירע אַלטע קליענטן, פרעמדע האָט זי נישט געוואָלט געבן פאַר קיין שום געלט.

געווען קינדער, וואָס האָבן זיך געטיילט מיט זייערע הונגעריקע חברים. די מאַמעס האָט עס אַפילו פאַרדראָסן, אָבער זיי האָבן געשוויגן.

אויפן פערטן טאָג איז צירל נישט געקומען. מיין עלטערער ברודער בענע, האָט זיך אומבאַמערקבאַר אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן און איז אַוועק צו דער דייטשער קירך, דערוויסן זיך הלמאַי צירל מיט איר טאָכטער זענען נישט געקומען. געבראַכט האָט ער אַ ביטערע בשורה: דאָס הויז ליגט אין חורבות און דאָרט זענען באַגראָבן צירל מיט איר טאָכטער.

„אַזאַ שאָד, אַזאַ שאָד!" — האָט רייזל די לעדער־קרעמערין באַדויערט אויפן קול און דערביי געלאָזט אַ טרער. מיר איז שווער געווען צו וויסן וואָס איר איז אַ שאָד, צי די פרישע וואַרעמע פלעצלעך, צי די העלדישע צירל מיט איר טאָכטער...

מען האָט געזאָגט, אַז אין דעם איז שולדיק געווען גאָדל, צירלס עלטערער זון, דער גנב. ווען די רוסן זענען אָפּגעטרעטן, זענען אַלע אַרויס פון די פרייגעלאָזטע טורמעס. גאָדל איז אַהיימגעקומען און מיט אַ שפּאַקטיוו געפלעגט שטיין אויפן דאַך און קוקן צו די דייטשן. זיי האָבן אים באַמערקט און דערפאַר באַשאָסן דאָס הויז.

אָן די פלעצלעך, בלויז מיט צוויי־דריי עפּעלעך איז שווער געווען איבער־צוקומען דעם טאָג — האָט מען טאַקע געהונגערט.

פרייטיק פאַרנאַכט זענען די מענער אַרויס פון קעלער, אַרויפגעגאַנגען אין שטוב אַריין מקבל פנים זיין דעם שבת. אין דרויסן איז שוין געווען שטילער, די אָפּהילכן פון דער ווייטער שיסעריי זענען געווען זעלטענע. ערשט אין מיטן דער שמונה־עשרה האָט עמעץ פון די ייִנגלעך דערזען אויפן הימל אָן אויסטערליש געשעעניש: צוויי עראָפּלאַנען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פייגעלעך, האָבן געפירט אין דער לופטן אַ פאַרביסענעם קאַמף.

פּלוצים האָט עס מוראדיק אָפּגעהילכט און אַ העלישער פלאַם־פייער האָט אַרומגעכאַפּט איינעם פון די עראָפּלאַנען, וואָס האָט ווי אַ רויטע ראַקעטע גענומען פאַלן אַלץ נידעריקער און נידעריקער. וועלכער איז געפאַלן? דער רוסישער צי דער דייטשער? — דאָס האָבן מיר נישט געוווּסט. נאָכן דאַווענען האָט מיין מאַמע מיר אַריינגעפליסטערט אין אויער אַריין:

— קום, יואליק, מיר גייען אַהיים. גוטע האָט אָפּגעקאָכט אַ זופּ פון קאַרטאָפל. אין דרויסן איז היינט שטיל. קום!

— איך בין נישט הונגעריק, מאַמע.

אַלע, אַלע זענען געגאַנגען, נאָר איך נישט. עס איז אויך נישט געגאַנגען מיין עלטערע שוועסטער גיטל, וואָס איז געקומען פון וואַרשע, געבוירן אַ זון דאָ.

שפּעטער איז מיין מוטער ווידער צוגעקומען צו מיר און שטיל צו מיר גערעדט:

— אַזאַ געשמאַקע זופּ, פּשוט אַ מחיה.

איך האָב זיך נישט געקענט קעגנשטעלן איר געבעט און בין געגאַנגען, מער געלאָפן ווי געגאַנגען, ווי עמעץ וואָלט מיך נאָכגעיאָגט.

איך בין צוריק ביי זיך אין שטוב. די אויסגעקילטע קאַרטאָפל־זופּ האָט געוואַרט אויפן טיש. די לאָמפּ האָט געוואָרפן אַ קאַרגע שיין אַרום זיך. אַלע זענען שוין געלעגן אין די בעטן, אין די מלבושים, גרייט צו לויפן. איך האָב שנעל אָפּגעגעסן און איידער די מאַמע איז אַריינגעקומען בין איך שוין געלעגן אין בעט, נעבן מיין יינגערן ברודער שמואל, געמאַכט זיך שלאָפן, אָבער דאָס האַרץ האָט אומרואיק געוואַכט.

פּלוצים האָט זיך ווידער דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי. מיינע ברידער און שוועסטער, וואָס האָבן זיך אויפגעריסן פון שלאָף, האָבן זיך צעשריגן. אין שטוב האָט זיך דערפילט אַ ריח פון רויך. דער טאַטע, אַן איבער־געשראָקענער איז מיטן ברענענדיקן לאָמפּ אין דער האַנט אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און מיר אַלע נאָך אים. איבער אונדזערע קעפּ האָבן געפייפט קוילן. בעניע האָט אַרויסגעכאַפּט פון טאַטנס הענט די לאָמפּ און פאַרלאָשן. די שיסעריי איז געוואָרן שיטערער.

צוקומענדיק צו דער אייזערנער טיר פון קעלער, האָט זיך קיינער נישט אָנגערופן אויף אונדזער קלאַפּן. ערשט עס דערהערט זיך אַ הילכיק געשריי פון מיין שוועסטער גיטל און באַלד דערויף האָט זיך געעפנט די אייזערנע טיר.

מיר זענען אַריינגעפאַלן אין אַ נאָך געדיכטערע פינצטערניש, ווי אין אַ תהום. מיין מאַמע האָט מיט אַ ציטערדיק קול אויסגערופן די נעמען פון יעדן קינד באַזונדער, נישט פאַרגעסן אויסצורופן אויך גוטען, אונדזער קוזינקע, די יתומה, וואָס איז אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט אונדז ווי אַן אייגן קינד.

אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט גיטלס פליסטערן:

— וואָס איז מיט אונדזער שטוב, זי ברענט?

— זאָל זי זיין אַ כפרה פאַר אַלע מיינע קינדער, גאָטעניו! — האָב איך געהערט דער מאַמעס ענטפער.

קאַיאַר איז בעניע געלאָפן צו דער שטוב. זי איז נישט געווען פאַרברענט, בלויז דורכן דאַך פון די רויטע ליימענע פליטעס איז אַריין אַ שראַפּנעל, געטראָפן אין דער קליידער־שאַנק פון אונדזער שכן און פון דאָרטן אַריין אין דער פּאָדלאָגע און געבליבן שטעקן אין סופיט פון אונדזער שטוב.

בלויז דאָס קיילעכדיקע אָפּגעשרויפטע קעפּל פון דעם שראַפּנעל האָט זיך צעברעקלט און עטלעכע שטיקלעך האָט מיין ברודער געפונען אינעם וויג־בעטל פון גיטלס קינד און ביים טאַטן אין בעט. זיין באַריכט האָט מיין ברודער פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

— אַ נס, וואָס גיטל מיטן קינד זענען געבליבן אין קעלער.

איך האָב געשוויגן, כאָטש אויף מיינע ליפּן זענען גרייט געווען די ווערטער: „האַ, ווער איז געווען גערעכט, איך צי איר?"

די נאַכט איז געווען אַן אומרואיקע. קיינער האָט נישט געקענט איינשלאָפן און אין דער פרי האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין שטאָט זענען אַריין די דייטשן, נישט די אמתע דייטשן, נאָר די עסטרייכער און די מאַדיאַרן.

אונטער דער פרעמדער מאַכט

דער פאַרכאַפּער פון פרעמדע טעריטאָריעס טראָגט אויף זיינע האַרמאַטן און שפּיזן פאַרקנעכטונג און אונטערדריקונג, הונגער און נויט. דאָס געלט פאַרלירט די ווערט, דאָס דאַרף פאַרשליסט פאַר זיך די רעזערוון פון ברויט, גרינס און פּרוכטן. אין שטעטל אַנטשטייען נייע פּרנסות, אויף אַלערליי אומוועגן זוכט מען עסן פאַר די קינדער.

אין שטאָט האָט מען דערפּילט, אַז די עסטרייכער האָבן ליב צו פרעסן זיסע געבעקסן, און די באַלעבאָסטעס האָבן זיך גענומען צום באַקן קיכעלעך, אַרויסגעשטעלט אַ בעקן מיט ברוינע, געצוקערטע קיכעלעך אויפן פענצטער און באַלד פאַרקויפט ביז איינעם.

זנות איז געוואָרן אַן עסק פון פּרנסה. די אונטערוועלט האָט געעפנט „הייזלעך" און געשאַפן פון ערגעץ לעבעדיקע סחורה. אַפילו די שטאָט־משוגענע „דושקע" האָט מען אויסגעפּוצט אין בונטע קליידער מיט אַ קאָלירט היטעלע אויפן קאָפּ און אַריינגענומען זי אין „געשעפט" אַריין...

שוין אין קאַיאָר איז געווען אַ שרעק אַרויסצוגיין אין דרויסן. מען האָט פאַרכאַפּט אויף אַרבעט, אויף אַ טאָג, אַפילו אויף עטלעכע טעג. אַנשטאָט

צו זוכן פּרנסה, ברויט פאַר די קינדער, האָבן די מענער געמוזט זיך אויס־באַהאַלטן אין די פאַרבאַרגענע לעכער ביז דאָס „כאַפּעניש" איז אַריבער.

שפּעטער האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט, וואָס האָט אַלע מענער באַזאָרגט מיט אַרבעטס־ביכלעך. יעדן טאָג האָט דער קאָמיטעט צוגעשטעלט די צאָל אַרבעטער, וואָס די מאַכט האָט געפאָדערט, יעדן לויט דער ריי. די פאַר־מעגלעכע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו דינגען פאַר זיך אַ פאַרטרעטער. פאַר אָרעמע מענטשן איז עס געווען אַ מעגלעכקייט עפּעס צו פאַרדינען.

געווען אויך אַ קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָרגט פאַרן קאַמף קעגן די עפּידעמיעס, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט אין יענער צייט. אין „ביקור חולים" האָבן אָרעמעלייט באַקומען אומזיסטע מעדיצינישע הילף. די הייזער, פון וועלכע מען האָט אַוועקגעפירט די אָנשטעקנדיקע קראַנקע, זענען דעזינ־פעקציאָנירט געוואָרן.

די עסטרייכער און די מאַדיאַרן זענען נאָך געווען צו דערליידן. ערגער איז געווען מיט די דייטשן. מיט זיי האָט מען בכלל מורא געהאַט צו שמועסן. מען האָט זיי אָפּגעטרעטן דעם וועג, נאָכשיקנדיק אין דער שטיל בייזע קללות.

די געוועלבער זענען געווען אָפן און די סחורות זענען צו ביסלעך אויספאַרקויפט געוואָרן, אָבער קיין נייע זענען נישט צוגעקומען. נאָך שווערע באַמיאונגען איז געלונגען אויסצופּועלן ביים מיליטער־קאָמענדאַנט אַ „פּאַסירשיין" פאַר איין הורט־סוחר, פון יעדער בראַנזשע באַזונדער, צו פאָרן קיין לעמבערג און איינקויפן סחורות פאַר אַלע קרעמער פון זיין בראַנזשע.

אונדזער געוועלב פון גרייטע פרויען־מלבושים איז געבליבן דאָס איינ־ציקע אין לוצק. די אַנדערע קרעמער זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די רוסן. אויף מיין טאַטן איז אויסגעפאַלן אַ „פּאַסירשיין" צו פאָרן קיין לעמבערג נאָך סחורה פאַר זיין בראַנזשע. אַכצן קלענערע סוחרים, שניט־קרעמער, היטל־פאַרקויפער, האָבן זיך צונויפגעלייגט צו צוויי טויזנט עסטרייכישע רייניש און אָנפאַרטרויט זיי מיין טאַטן אויף נאמנות. פון די געלטער האָט מען געמוזט דעם קאָמענדאַנט אָפּצאָלן פערציק גאָלדענע רוסישע פינפערלעך פאַרן „פּאַסירשיין".

מען האָט אויך געפועלט, אַז איינער פון די מאַנופאַקטור־סוחרים,

קאַמעניעצקי זאָל באַגלייטן מיין טאַטן אַלס פורמאַן, ווייל ער איז אַ סך מער בקי געווען אין אַלע מינים סחורות פון מיין טאַטן, וואָס האָט ערשט צוריק מיט פינף יאָר פאַרביטן די „שער און נאָדל" אויף מסחר. אַ סך האָבן מיין טאַטן מקנא געווען מיטן גרויסן גליק, געזאָגט: „פון אַזאַ נסיעהלע קען מען נתעשר ווערן".

דעם צווייטן טאָג שבועות, דערמאָן איך זיך, איז אָנגעקומען דער סוחר קאַמענעצקי מיט אַ פור צו אונדזער שטוב און גלייך אונטערגעיאָגט דעם טאַטן:

— נו, ר' מרדכי, געזעגנט זיך מיט די בני בית און קומט. מיר פאָרן! אַ שאָד די צייט! —

— ביז ס'וועט נישט זיין פינצטער, פאָר איך נישט — האָט מיין פאָטער אים געענטפערט.

— נו, מילא, וועט איר אַ ביסל גיין צו פוס, ביז הינטער דער שטאָט, וועט שוין זיין פינצטער — האָט קאַמענעצקי זיך אונטערגעגעבן.

מיט אַ שווער האַרץ האָט מיין טאַטע פאַרלאָזט די שטוב, געווונטשן דער ווייב און די קינדער:

— גאָט זאָל העלפן, מיר זאָלן זיך זען געזונט!

אין אַ שעה אַרום האָבן מיר דערהערט די ערשטע האַרמאַטן־שאָסן פון דער רוסישער זייט. די מאַמע האָט זיך געבעטן:

— קינדער, לויפט שנעלער און קערט אום אייער טאַטן! —

מייך עלטערן ברודער, בעני, האָט מען נישט געדאַרפט לאַנג בעטן. ער איז אַוועקגעלאָפן העגדום־פּענדום, און ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אין עטלעכע שעה אַרום אַ צערודערטער, האָט ער דערציילט:

— העט, וויט האָב איך זיי געפּאַקט. דער טאַטע האָט שוין געוואָלט זיך אומקערן, נאָר קאַמענעצקי האָט נישט געלאָזט, געזאָגט, אַז אַכצן משפחות האָבן זיי פאַרטרויט זייער גורל, און גאָט וועט נישט פאַרלאָזן. דער טאַטע האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און זיי זענען אַוועקגעפאָרן.

מער האָבן מיר אים נישט געזען ביזן סוף פון דער מלחמה.

עס איז פאַרביי אַ וואָך, בלוטיקע טעג און נעכט, ביז די דייטשן האָבן אין גרויס פּאַניק אָפּגעטרעטן. די רוסישע אַרמיי פון גענעראַל ברוסילאָוו,

האָט אַרומגערינגלט דאָס עסטרייכישע מיליטער און אָנגעוואָרפֿן אויף זיי אַ פּחד. אין איילעניש האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן ביזן טייך סטאָכאָד, הינטער קאָוועל.

ווי יתומים זענען מיר פֿאַרבליבן אויף דער זייט פֿון די רוסן. ערשט אין צוויי יאָר אַרום איז דער טאַטע געקומען צו פֿאָרן. ער האָט אויסגעזען גאָר עלעגאַנט, מיט אַ „קאַטיעלאָק" אויפֿן קאָפּ, נאָר די באָרד און וואָנסעס זענען געווען ווייס. זיין שטים האָט זיך ווי געענדערט און אין זיינע אויגן האָט זיך באַוויזן אַן אומעט. די סוחרים, וואָס האָבן מיין טאַטן פֿאַרטרויט זייער געלט, זענען איצט געקומען און מיין טאַטע האָט זיי מיט אַן אומעטיק קול דערציילט די מעשה שהיה:

קומענדיק קיין לעמבערג האָבן זיי ביידע במשך פֿון עטלעכע טעג אָנגעקויפֿט סחורות פֿון אַלע מינים: גרייטע מלבושים, מאַנופֿאַקטור און פֿאַרשידענע מאַטעריאַלן אויף צודאַטן. די ערשטע פֿאַרטיע סחורות האָבן זיי אָפּגעשיקט קיין לוצק מיט דער באַן. נאָך דעם האָבן זיי ווידער צוגעקויפֿט נאָך סחורה. אָבער אויף צומאָרגנס, ווען מיין טאַטע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין דער פֿרי אינעם האָטעל, אין וועלכן זיי ביידע זענען געשלאָפֿן, האָט ער באַמערקט, אַז קאַמענעצקי איז אין זיין בעט נישטאָ. עס איז אים געוואָרן פֿאַרדעכטיק און ער האָט זיך געכאַפּט צו דער טאַש, וווּ ער האָט געהאַט ליגן די באַן־קוויטאַנציעס און אַ געפֿלעפֿטער דערזען, אַז די קוויטאַנציע אויף דער ערשטער פֿאַרטיע פֿון 21 קאַסטנס סחורה, איז נישטאָ. פֿאַרבליבן איז בלויז די קוויטאַנציע אויף די אַנדערע דריי קאַסטנס, וועלכע זיי האָבן שפּעטער צוגעקויפֿט. ער איז אַוועק צו דער באַן און דערוווּסט זיך, אַז קאַמענעצקי האָט ביינאַכט צוריק אַרויסגענומען די קאַסטנס סחורה, ווייל אויפֿן אָנגעוויזענעם אַדרעס האָט מען זיי שוין נישט געקענט שיקן. דאָרט האָבן זיך שוין געפֿונען די רוסן. די פּראָקוראַטור האָט געלייגט אַן אַרעסט אויף די איבערגעבליבענע דריי קאַסטנס.

אָן אַ גראָשן געלט, אין דער פֿרעמד, ווייט פֿון ווייב און קינדער, איז דער טאַטע אַוועק צו אַ שניידער. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז קאַמענעצקי האָט אין קראָקע געעפֿנט אַ גרויס געשעפֿט. האָט דער טאַטע גענומען אַן אַדוואָקאַט און אָנגעהויבן זיך משפּטן מיט קאַמענעצקין. קיין עדות

האָט ער אָבער נישט געהאַט, האָט מען דעם פּראָצעס כּסדר אָפּגעלייגט... דערצו האָט מיין טאַטע באַקומען אַ צוקער־קראַנקהייט און נישט געהאַט קיין מיטלען צו היילן זיך.

די מענטשן האָבן מיין טאַטן געגלויבט און געדולדיק געוואַרט אויף קאַמענעצקיס צוריקקומען. באַלד ווי ער איז געקומען קיין לוצק, זענען זיי אים באַפאַלן און אויסגעהאַקט אַלע שויבן אין זיין שטוב. קאַמענעצקי איז נישט געווען געפאַלן ביי זיך און האָט נצחונדיק גערעדט:

— וואָס ליאַרעמט איר? ביז אַ גראָשן וועל איך אַלעמען אומקערן, און די דריי קאַסטנס מיט סחורה זאָל ער, ר׳ מרדכי אָפּנעמען אין לעמבערג.

מיין בר־מצווה

אין דער צייט וואָס מיין טאַטע איז אָפּגעקומען זיין ביטערע דאָליע אויף יענער זייט פּראָנט, אין לעמבערג, זענען מיר, די קלענערע קינדער, אַרומגעגאַנגען אָן השגחה. קיין שולן זענען אין שטאָט נישט געווען, בלויז אַ ישיבה מיט אָרעמע קינדער, וווּ מען האָט געלערנט דאַוונען און אַ ביסל חומש מיט רש״י, אויך גמרא. די מאַמע, די עלטערע שוועסטער און ברודער, זענען געווען פאַרנומען מיטן פירן דאָס געשעפט פון גרייטע מלבושים.

מיין מאַמע האָט זיך געוואַנדן צו מיין געוועזענעם לערער ליבשטיין, ער זאָל איבערנעמען די השגחה איבער מיר און צוגרייטן מיך צו דער בר־מצווה. מיין מאַמע איז געווען איבערצייגט, אַז ווען כ׳וועל אָנהייבן לייגן תפילין, וועל איך ווערן געסטאַטקעוועט, זיין אַ פרומער בחור. ליבשטיין האָט מסכים געווען איך זאָל יעדן טאָג קומען צו אים אַהיים און ער וועט מיך לערנען אַ ביסל שולחן ערוך, די סדרה פון דער וואָך און הלכות תפילין.

שבת פלעגט ליבשטיין לערנען אין שול „משרתי צדק״ מיטן עולם אַ קאַפּיטל פּרק און די פּרשה פון דער וואָך. איך בין געווען איינער פון זיינע שטענדיקע צוהערער. נישט איין מאָל פלעגט ער אַ זאָג טאָן:

— נו, איצט וועט מיך פאַרטרעטן מיין תלמיד. נו, יואל, באַווייז וואָס די קענסט!

מיין טרעמע איז געווען נישט קלענער ווי ביי אַן אַקטיאָר אויף דער בינע, אָבער דער עולם האָט אָנגעקוואָלן פון מיין לערנען און דערביי באַדויערט: „אַ שאָד, וואָס מאָטל טריסקער וואָגלט אַפּ זיינע יאָרן ערגעץ אין דער פרעמד און הערט נישט ווי שיין זיין זון לערנט מיטן עולם".

דער שבת, ווען מען האָט מיך געדאַרפט אויפרופן צו דער תורה, איז פאַר מיר, ווי פאַר מיין לערער, געווען אַן אויסערגעוויינלעך געשעעניש. די מאַמע מיט מיינע שוועסטערס זענען געזעסן אין דער ווייבערישער טייל פון דער שול און געוואַרט מיט אומגעדולד. איך בין געזעסן אויף מיין טאַטנס „שטאָט" און געוואַרט מען זאָל מיך אויפרופן. אָבער ווען עס איז געקומען צו קריאת התורה, האָט זיך עפּעס געגומען טומלען. מיין לערער ליבשטיין האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און אויסגעשריגן: „די סקירטשעס, ווי איר ווייסט, האָבן אויסגעקויפט דעם מפטיר אויפן גאַנצן יאָר. איך האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן אָפּטרעטן דעם היינטיקן מפטיר פאַר ר' מרדכיס זון — ווילן זיי נישט. פאַרוואָס זאָל מען מבייש זיין אַן עולה למצוות, אַ בחור וואָס קען שיין לערנען?"

אין שול האָט זיך גענומען קאָכן. יידן האָבן געשריגן, אַז גאָטס תורה איז פאַר אַלעמען, קיינער קען זי נישט אָפּקויפן פאַר געלט. ענדלעך האָבן די יידן, וואָס האָבן אָפּגעקויפט „שישי" געמאָלדן, אַז זיי טרעטן אָפּ די סקירטשעס דעם „שישי" אויף צוויי שבתים, מיטן באַדינג, אַז זיי זאָלן דעם היינטיקן „מפטיר" אָפּטרעטן פאַר מיר. אויף אַזאַ „גוט געשעפט" האָבן שוין די איינגעשפּאַרטע סקירטשעס, די סאָדעוואַסער־פאַבריקאַנטן, געמוזט איינגיין.

נאָך אַזאַ פאַרשפּיל איז קיין וווּנדער נישט, הלמאי מיינע ברכות און מפטיר־זאָגן, נישט זאָגן נאָר זינגען, האָבן אַזוי אויסגענומען ביים עולם. מיין לערער האָט געשיינט פון נצחונדיקער פרייד. ער האָט געזאָגט, אַז מיין קול האָט געקלונגען ווי אַ סטראַדיוואַריוס־פידל און אַז דער שענסטער קאָנצערט וואָלט אַזוי נישט באַצויבערט דעם עולם, ווי מיין אויסזינגען די ברכות און מפטיר.

בלויז מיין מאַמע האָט שטיל געכליפּעט און צום סוף נישט אויסגעהאַלטן און אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געוויין.

שוואַרצע כמאַרעס

די רוסישע אַרמיי האָט געטריבן די דייטשן און געיאָגט זיי אַלץ ווייטער. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די סאָלדאַטן און אָפיצירן זענען בעסער געוואָרן צו דער ציווילער באַפעלקערונג, זענען ווי געקומען צוריק צו זיך אַהיים. אָבער באַלד נאָך זיי זענען אויך צוריקגעקומען די אַלטע אַדמיניסטראַציע־אָנגעשטעלטע: דער בייכיקער פּריסטאַוו, די פּאָליציי־לייט מיט אַלע אַנדערע כאַבאַרניקעס און בלוט־זויגערס. די יידן האָבן ווידער דערפילט ווי בייזע ווינטן האָבן אָנגעטריבן שוואַרצע כמאַרעס, וואָס האָבן ווי אַ שווערע משא זיך אַרויפגעלייגט אויף די געמיטער. דאָס פרידלעכע לעבן איז צעשטערט געוואָרן. די מלחמה האָט איינגעשלונגען די גאַנצע ענערגיע, קאַפּיטאַלן און שפּייז־מיטלען, ביזשעגצעס זענען אָנגעלאָפן פון די פאַרברענטע שטעטלעך ראַזשישטש, טאָרטשין, בערעמלע א.א. און זיי האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די נויט, הונגער און עפּידעמיעס. ברויט און אַנדערע וויכטיקע שפּייזן איז געווען צו באַקומען נאָר אויפן שוואַרצן מאַרק פאַר געזאַלצענע פּרייזן. גאָר שווער איז געווען צו באַקומען אַ פרייע דירה.

איך דערמאָן זיך, אַז נאָכדעם ווי דער שראַפּנעל איז אַריין אין אונדזער שטוב, איז די אויבערשטוב, אונטערן סאַמע דאַך, נאָך אַלץ געשטאַנען ליידיק. דורך דער עפענונג אין דער פאָדלאָגע האָט מען נאָך אַלץ געקענט זען דעם שראַפּנעל. עס איז דאָרט געווען פינצטער און קאַלט, אָבער אַפילו אויף אַזאַ דירה זענען געווען בעלנים. אַן עלטערע פרוי, מיט אומעטיקע אויגן, איז געקומען צוזאַמען מיט איר טאָכטער דינגען די דירה און דערביי נישט אויפגעהערט צו קרעכצן, פאַרגלייכנדיק די חורבה מיט איר פאַר־ברענטער דירה אין שטעטל. זי האָט זיך נישט געדונגען מיט מיין מאַמען

וועגן פרייז. זי איז אַפילו איינגעגאַנגען דערויף, אַז זי זאָל אויף איר חשבון פאַריכטן דאָס לאָך אין מיטן צימער.

איך האָב זיך געפרייט דערמיט, וואָס איך וועל האָבן אַ נייע חברטע. דאָס בלאָנד־האָריקע מיידל האָט אַזוי חנעוודיק אָפּגעענטפערט אויף מיין שעמעוודיקן שמייכל.

אומגעריכט איז געקומען די אַנטוישונג. מיין מאַמע האָט חרטה באַקומען, געזאָגט, אַז זי האָט זיך איבערגעקלערט, ווייל זי דאַרף דאָס צימער פאַר דער טאָכטער.

אין מיר האָט געברויזט אַ כעס און אַ ווייטיק. כ׳בין אַראָפּגעלאָפן מיט אַן אימפּעט פון די טרעפּ, אַ פאַרשעמטער. אויף אַזאַ האַנדלונג מצד מיין מאַמען צו געליטענע מענטשן, האָב איך זיך נישט געריכט. פאַרוואָס האָט מיין מאַמע, אַזאַ האַרציקע פרוי, אַזוי געהאַנדלט? צי דערפאַר וואָס די פרוי האָט אַלץ אַזוי לייכט נאָכגעגעבן, און זי האָט געזען אין דעם אַ סימן, אַז זי וויל זיך נאָר אַריינכאַפּן אין דער דירה און שפּעטער אַפילו נישט צאָלן קיין דירה־געלט? און אפשר האָט די מאַמע באַמערקט ווי מיר, איך און דאָס מיידל, קוקן זיך אַזוי וואַרעם איבער און זי האָט מורא געהאַט, אַז איר דרייצן־יאָריקער זון וועט זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ?

תכלית

די שווערע וועלט־מלחמה האָט זיך פאַרצויגן. פון פאַרוואָגלטן טאַטן אונדזערן איז אַפילו קיין גרוס נישט געווען. די מאַמע מיט אירע טעכטער און זון האָבן מיט גרויסן מי געצויגן די פּרנסה פון דעם מאָגערן געוועלב מיט אַלטמאָדישע פרויען־מלבושים. אמת, מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט ווייטער לערנען, אָבער ווו? איך בין דאַן אַוועק אַרבעטן אַלס אַנגעשטעלטער אינעם הורט־געוועלב פון די לעווינסאָנס אויף דער מצרים־גאַס. דאָס געוועלב איז פול געווען מיט גאַלאַנטעריע־סחורות ביז איבער די ברעגן. די גרעסטע צאָל קרעמער פון די אַרומיקע שטעטלעך האָבן דאָרט איינ־

געקויפט זייערע סחורות און איך האָב געדאַרפט פונאַנדערטראָגן צו זיי די פעקלעך.

איך האָב געטראָגן אויף זיך די פעקלעך ווי אַן אייזל, גערייניקט דעם שניי פונעם טראָטואַר אַרום דעם געוועלב, אָפּגעטראָגן די פיר־יאָריקע איטקע, דאָס צעלאָזטע טעכטערל זייערס, צו דער באָבען, און דאָס אַלץ פאַר אַכט רובל געהאַלט אַ חודש. די באַלעבאַטים מיינע — דער בייכיקער אברהם, וואָס האָט קוים־קוים אויסגעלערנט זיך חתמענען אַ וועקסל; גיטל־געליע, די באַלעבאָסטע מיט די לינקע געשעפטן אירע, ווי באַזאַרגן די קונים מיט פאַרווערטן דרייפאַכיקן אָדעקאָלאָן, וואָס מען פלעגט טרינקען אָנשטאָט בראָנפן. איך און די עלטערע אָנגעשטעלטע דבורה האָבן געאַרבעט ווי די אייזלען, געהאָלפן מיט אונדזער מי און טריישאַפט פאַרגרעסערן זייער עשירות. לאַנג האָט עס אָבער נישט געדויערט. מיין לערער ליבשטיין האָט געפּועלט ביי מיין מוטער, זי זאָל מיך בעסער שיקן אין דער ישיבה אַריין לערנען. ער אַליין האָט וועגן מיר איבערגעשמועסט מיטן ראש הישיבה און מען האָט מיך אַריינגענומען אין דער פאַרלעצטער כיתה צו ר׳ יהושע פּיאַנער.

אין משך פון אַ קורצער צייט, האָב איך דעריאָגט אַנדערע תלמידים, וועלכע האָבן שוין אַ גאַנץ יאָר פריער געלערנט גמרא. צווייםאָל דורכאַנאַנד האָב איך באַקומען די פּרעמיעס אויף די שבתדיקע קאָנקורסן, וואָס דער ראש־ישיבה פלעגט דורכפירן אין שול פאַר אַ ברייטערן עולם. מיר איז עס נישט אָנגעקומען גרינג. איך האָב געלערנט אין דער ישיבה און אין שטוב און דאָך אַריינגעכאַפּט נישט איין מאָל אַ פּאָר פּילבאַרע קלעפּ פון רבין, וואָס האָט פון מיר געוואָלט מאַכן אַן עילוי. דערפאַר אָבער האָב איך שפּעטער דעם בלאַט גמרא מיט די מפרשים געזאָגט פון אויסנווייניק ווי אַ מזמור.

אין דער העכערער כיתה בין איך שוין נישט אַריבערגעגאַנגען. ס׳איז נישט געווען קיין תכלית. איך האָב געוואָלט זיך אויסלערנען אַ פאַך, און אַזוי ווי איך האָב ליב געהאַט ביכער, האָב איך געוואָלט ווערן אַ דרוקער־אַרבעטער, אַ זעצער.

דער באַלעבאָס פון דער דרוקעריי, דער האַלב־טויבער באַר, וואָס האָט

געהאַט אַ דאָרן, טויב־שטומען זון, וואָס האָט קוים מיט צרות אויסגעלערנט זיך אַ ביסל פלאַפלען, ווי אַ פּאַפּוגיי, האָט מיין מאַמען געשטעלט אַ באַדינג:

— הונדערט רובל גאָלד, צוואַנציק פינפערלעך וועסטו געבן און דיין זון וועט זיך אויסלערנען זעצעריי.

דאָס האָט ער צעלייגט אויף צען חודשלעכע ראַטעס און געהאַלטן, אַז דערמיט טוט ער אונדז אַ גרויסע טובה.

איך בין אַראָפּ דורך די אָן אַ שיעור שמאָלע טרעפּ אין קעלער אַריין, ווו עס האָט געררוישט די דרוק־מאַשין. אין דער האַלב־פינצטערניש האָב איך דערזען צוויי יונגע זעצערס, וואָס זענען געשטאַנען נעבן הויכע געקעסטלטע טישן און פלינק צוזאַמענגעקליבן די אותיות אין אַ מעטאַלענער פאָרמע. אויף מיין באַגריסונג האָבן זיי נישט געענטפערט. זיי האָבן פאַר־שטאַנען צוליב וואָס איך בין געקומען.

— קלייב צונויף די אותיות פון דער פאַדלאָגע — האָט איינער, אַ לאַנגער בחור מיט געלע פּאַסמעס אַראָפּגעלאָזטע האָר גערעדט צו מיר באַפעלעריש.

איך האָב געפאָלגט, געקראָכן אויף אַלע פיר איבער דער שמוציקער פאַדלאָגע, געקליבן און געקליבן און עס איז אַלץ מער צוגעקומען צום קלייבן. כ׳האָב דערפילט אַ ווייטיק אין רוקן, נאָר כ׳האָב געשוויגן.

דערנאָך האָט דער מאַשיניסט מיר באַפוילן צו דרייען דאָס ראָד פון דער דרוק־מאַשין. איינטאָניק האָט זיך געדרייט דאָס ראָד און איך האָב זיך געהויבן נאָכן הילצערנעם הענטל אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף. אין די אויגן האָט גענומען שווינדלען און איך האָב געציטערט, אַז די מאַשין זאָל מיך נישט אַריינדרייען און צעפלאַטשן צווישן אירע גומענע וואַלקעס, ווי די אותיות, וואָס דרוקן זיך.

דריי טעג דורכאַנאַנד האָבן אַלע דריי מיך געמאַטערט, געזידלט און געחוזקט פון מיר. איך האָב געשוויגן, געמיינט, אַז באַלד וועט נעמען דערצו אַ סוף, געטראַכט אַז יעדער אָנהויב איז שווער. דאָך האָב איך געראָטן מיין מאַמען אָפּצוהאַלטן זיך מיטן שיקן די ערשטע צוויי גילדענע פינפערלעך דעם אַלטן באַר. איך בין געווען פאַרצווייפלט. אין די נעכט זענען מיך באַפאַלן בייזע חלומות; די זעצערס און דעם דרוקער האָב איך

געזען ווי שדים מיט לאַנגע צינגער טאַנצן אַ ווילדן קאַראַהאָד אַרום מיר, ווילן מיך אַריינשליידערן אין אַ קעסל, וואָס קאָכט און זידט מיט הייסער פּאַרע.

מער בין איך צו זיי נישט געגאַנגען. אייזיק, דעם מילנערס בחור, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר עלטער געווען פון מיר, האָט מיין מאַמען גערעדט, זי זאָל מיך שיקן לערנען אויף ציין־טעכניק. ער אַליין האָט געאַרבעט ביים ציין־דאָקטאָר קאָרטשעמני.

דער דאָקטאָר איז געווען גוט געשטימט צו מיין מאַמען. ער האָט פאַר איר געמאַכט די ציין־פּראָטעזעס, פון וועלכע מיין מאַמע איז געווען זייער צופרידן און פלעגט אָפט בענטשן זיינע גאָלדענע הענט, געלויבט אים פאַר די שכנים און דערמיט צוגעשטעלט אים פּאַציענטן.

ער האָט דערפאַר מיין מאַמען אויפגענומען ווי אַן אַלטן גוטן פריינט און איז מסכים געווען צוצונעמען מיך אַלס רעגיסטראַטאָר אין 8־טן מילי־טערישן ציין־קאַבינעט, מיט וועלכן ער האָט אָנגעפירט און נאָכמיטאָג וועל איך קענען לערנען זיך אויף ציין־טעכניקער אין זיין פּריוואַטן קאַבינעט. דערפאַר וועל איך באַקומען אַ געהאַלט און אַפילו אַ מיליטערישן מונדיר.

אויף צומאָרגנס בין איך שוין געזעסן אינעם פאָדערצימער פון 8־טן מיליטערישן ציין־קאַבינעט, וווּ עס האָבן געאַרבעט זעקס דאָקטוירים און אַ זיבעטע פרוי ביי באַזונדערע פּאָטעלן.

צוויי זעלנער, פון די געפאַנגענע עסטרייכער, האָבן געראַמט, דער־לאַנגט וואַסער, אַמאָל אויך געדאַרפט צוהאַלטן אַ זעלנער, ביי וועלכן מען האָט אַרויסגעריסן אַ צאָן.

פון סאַמע פרימאָרגן פלעגן טאָג־טעגלעך קומען מער ווי הונדערט רוסישע זעלנער מיט געשוואָלענע באַקן, מיט צעקרימטע פּנימער פון יסורים. אויף מיר, דעם פערצן־יאָריקן בחור אינעם ווייסן כאַלאַט, האָבן זיי געקוקט ווי אויף זייער רעטער פון די שרעקלעכע ווייטיקן. איך פלעג ביי זיי צונעמען דעם באַפרייאונגס־דאָקומענט, רעגיסטרירן אין בוך און לויט דער ריי אַריינשיקן אין קאַבינעט צו די דאָקטוירים.

די דאָקטוירים האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט היילן, נאָר אַרויסגעריסן די קראַנקע ציין. דער גרויסער קאַבינעט מיטן באָרג צוואַנגען פון גלאַנציקן

ניקל, וואָס האָבן זיך אָן אויפהער געקאָכט אין אַ ספּעציעלן קעסל, איז תּמיד פול געווען מיט הילכיקע געשרייען, מיטן רעווען ווי פון נישט דערקוילעטע אָקסן, מיט קרעכצן פון ווייטיק און אויך דערלייכטערונג. גליקלעך איז געווען דער זעלנער, וועלכן דער דאָקטאָר האָט באַפוילן צו קומען אויף צומאָרגנס נאָך אַמאָל אַרויסצורייסן נאָך אַ צאָן. אַזעלכן פלעג איך אויסשרייבן אַ פּאַפּיר צום מיליטערישן שטאָט־קאָמענדאַנט און געבעטן פאַרלענגערן זיין באַפרייאונג אויף נאָך פיר־און־צוואַנציק שעה. מיט ציטער־דיקע הענט און צעשטראָלטע אויגן פלעגן די זעלנער נעמען ביי מיר דעם דאָקומענט, ווי עס האָט ווי פאַרלענגערט זייער לעבן אויף נאָך אַ טאָג.

נאָכמיטאָג פלעג איך אַריבערגיין אַרבעטן אין ד״ר קאַרטשעמניס פּריוואַטן קאַבינעט. די צוויי עלטערע טעכניקער, פּעטרושקאָ און צימבאַל, האָבן זיך באַצויגן צו מיר ווי צו אַ יינגערן חבר. מיט גרויס געדולד האָב איך געמוזט שעהן לאַנגע אָפּהיטן דעם הערמעטיש־פאַרמאַכטן קעסל, אין וועלכן עס האָבן זיך געקאָכט אויפן פּרימוס די פּראָטעזעס פון רויטן קאַוטשוק אין באַזונדערע מעשענע קעסטלעך.

אין דעם בלענדנדיק ווייסן פאַרטוך, איבער דער מיליטערישער בלוזע און פּאַסיק און גאָלף־הויזן, האָב איך זיך געפילט ווי אַ דערוואַקסענער און נוצלעכער מענטש, אַ מיליטערמאַן, וואָס נעמט צוגלייך מיט אַנדערע דערוואַקסענע מענטשן אָנטייל אין דער גרויסער וועלט־מלחמה.

דעם רבינס ברכה

דער טריסקער רבי האָט אַמאָל מיין מאַמען, ווען זי האָט אָוועקגעלייגט פאַר אים אַ פיינעם פּדיון, געבענטשט:

„דו וועסט, רחל־לאה, געבוירן אַ סך קינדער, זין און טעכטער, און דיינע זין וועלן נישט גיין דינען אין מיליטער צו די גוים״.

מיין מאַמע האָט שטאַרק געגלייבט אין דעם רבינס ברכה. אַ סימן, אַז זי האָט טאַקע געבוירן פערצן קינדער, פון זיי זיבן בחורים. זי איז געווען זיכער, אַז אויך די צווייטע העלפט פון רבינס ברכה וועט מקוים ווערן.

פון דעסטוועגן איז מיין מאַמע געוואָרן צערודערט, אַפילו דערשלאָגן, ווען מען האָט אַ רוף געטאָן אין דער אַרמיי אירע צוויי זיך מיטאַמאָל, ביידע מיט איין נאָמען „בעני". פון וואַנען זאָל זי נעמען צוויי בעניס, אין דער צייט ווען איינער איז געשטאָרבן נאָך אידער ער איז אַלט געוואָרן צוויי יאָר. ווייזט אויס, אַז מען האָט פאַרגעסן אויסצושרייבן פאַר אים אַ טויטשיין. נאָך אים האָט מען דעם צווייטן זון אויך אַ נאָמען געגעבן בעני. אָבער גיי און שריי „חי וקים". עס איז מלחמה־צייט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע מיט עצות, ווי אַזוי בעני זאָל זיך אַרויסדרייען פון מיליטער־דינסט. איינער האָט געעצהט אַ געברעכעניש, דער אַנדערער — קורצער מאַכן אַ פוס, ער זאָל ווערן שטייף און זיך נאָכשלעפן ווי אַ פאַראַליזירטער. צום בעסטן איז געפעלן געוואָרן צו מאַכן אַ בעלמע אויף אַן אויג. אַפילו מען ווערט בלינד אויף איין אויג, זעט מען אויפן צווייטן.

מען האָט אַראָפּגערופן דעם ראַזשישטשער מומחה אויף מאַכן בעלמעס. ער האָט זיך פאַרמאַכט מיט מיין ברודער אין קאַמער, ווייל אין שטוב ביי אונדז האָט דעמאָלט געוווינט אַ הויכער מיליטערמאַן מיט אַ „דענשטשיק", וואָס האָט געהאַט לאַנגע וואַנסעס.

וואָס דער מומחה האָט דאָרט געטאָן מיט מיין ברודער, ווייס איך נישט עד היום. אָבער גלייך ווי ער איז אַוועק, האָט בעני גענומען שרייען מיט ווילדע קולות, כאָטש דאָס מויל איז געווען ביי אים פאַרשטאָפּט מיט אַ קישעלע.

דערנאָך ערשט האָט מען בענין אַוועקגעפירט קיין ראַוונאָ, וווּ מען האָט אים אונטער כלאָראָפאָרם אַרויסגעריסן ציין און פאַרשרפעט די פענקיס.

צום סוף האָט ער געמוזט אין גאַנצן עוקר זיין און קיינער האָט נישט געוווּסט וווהין ער איז אַוועק.

די היימישע פאָליצייסקע האָבן אים עטלעכע מאָל אַרומגעזוכט און זעענדיק, אַז דאָס איז אַ ברכה לבטלה, האָבן זיי מסכים געווען צו באַקומען זייערע וועכנטלעכע „שכירות" און שאַ־שטיל.

אין גאַנצן צופעליק האָב איך זיך דערוווּסט ווו מיין בעני באַהאַלט זיך אויס.

נאָכדעם ווי איך האָב אָנגעהויבן צו לייגן תפילין, פלעג איך דאַווענען אין דער שול „משרתי צדק". איין מאָל האָט דער זייגער מיך אָפּגענאַרט און איך בין אַוועק אין שול אַ סך פריער ווי שטענדיק. אין דרויסן האָט קוים געטאָגט. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז הינטער די וואָלקנס באַהאַלט זיך די אויפגייענדיקע זון. איך האָב געדאַווענט שטיל, כמעט אין זיך. פּלוצים באַמערק איך ווי די גרויסע מעשענע מנורה אויף דער מזרח־וואַנט רירט זיך פון אָרט. איך האָב אויפגעציטערט און די הענט און פיס זענען מיר געוואָרן פאַרשטאַרט. איך האָב זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. באַלד האָב איך דערזען פון אונטער דער מנורה אַרויסקריכן אַ קאָפּ, נאָך אים נאָך אַ קאָפּ און אָט איז דער קאָפּ פון מיין ברודער בעני. זיי האָבן מיך דערזען און געוואָלט זיך צוריקציען, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

פאַר מיר איז געשטאַנען מיין ברודער, אַ באַוואַקסענער, טויט־בלאַס מיט דערשראָקענע אויגן. ער האָט מיך אַרומגעכאַפּט און געקושט. זיין אָטעם איז געווען אָפּגעהאַקט און שווער.

דעמאָלט האָב איך באַנומען ווי שווער עס קומט אָן מיין ברודער דעם רבינס ברכה.

אַ רעוואָלוציע

דער הויכער מיליטערמאַן וואָס האָט געוווינט ביי אונדז אין דער דירה און פאַרנומען דאָס גרעסערע צימער מיט דעם באַזונדערן אַריינגאַנג, איז פאַר אונדז געווען אַ רעטעניש. ער האָט נישט, ווי אַלע זיינס גלייכן, רעקווירירט דאָס צימער, נאָר אַריינגעשיקט צו מיין מאַמען כאַמיטשן, זיין דינער, און יענער האָט געדונגען דאָס צימער, באַצאָלט אַפילו במזומנים פאַר עטלעכע חדשים פאָרויס. גאַנצע טעג פלעגט ער פאַרברענגען אויסער דער שטוב, געפאָרן אין אַ קאַטש, וואָס איז געווען איינגעשפּאַנט מיט אַ ווייס פערדל. מען פלעגט אים אָוועקפירן פאַר אַכט אַזייגער אין דער פרי

און ברענגען ערשט שפעט אין אָוונט. געטראָגן האָט ער אַ פּיין־געשניטענעם מיליטערישן שינעל מיט פּאַגאָנעס און געגאַנגען הינקענדיק, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ שטעקן.

זיין דינער כאַמיטש, אַ טשערניגאָווער פּויער, אַ טאַטע פון עטלעכע קינדער, איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען פּוסט און פּאַס, געריוויכערט זיין מאַכאָרקע־ליולקע, גערעדט אַ זשאַרגאָן פון רוסיש און אוקראַיניש. ער האָט זיך געשטיקט מיט חשק צו דערציילן עמעצן וועגן זיין באַלעבאָס, וועגן וועלכן ער האָט אַ סך געוווּסט, אָבער מורא געהאַט צו רעדן אַ וואָרט. דאָך האָט ער זיך אַמאָל אַרויסגעכאַפּט:

— ער, קאָנסטאַנטין מיקאָלאַיעוויטש, איז נישט קיין פּשוטער מאַיאָר. ער איז אַ גרויסער מענטש, פון שטאַב, שטאַמט פון אַ יחוסדיקער צאַרישער פאַמיליע.

מיין מאַמע האָט געוואָלט וויסן, צי ער האָט אַ ווייב, קינדער?

— אַ ווייב? צו וואָס דאַרף ער עס. נאָך אין סאַמע אָנהויב פון דער מלחמה איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן אויפן פראָנט און דערצו אויף אַזאַ אָרט, אַז עס איז נעבעך אויף אים אַ גאַנץ רחמנות. —

אַמאָל איז דער מאַיאָר אָנגעפאָרן פּלוצלינג, נישט אין דער צייט, ווי שטענדיק, זיצנדיק אין דער פאַרמאַכטער בויד, האָט ער אַ רוף געטאָן כאַמיטשן און מיר האָבן געזען ווי ער טראָגט אים אַראָפּ צוזאַמען מיטן מיליטערישן פורמאַן אין שטוב אַריין.

— וואָדקו דאַוואַי! * — האָבן מיר געהערט אַ באַפעל און באַלד דערויף אַ שיכור געלעכטער — כאַ־כאַ־כאַ, טרינק אויך, כאַמיטש. דו פאָרסט אַהיים צו דיין ווייב און קינדער, טרינק וויפל דו קענסט!

— די מלחמה האָט זיך געענדיקט, באַרין, צי וואָס? — האָט דער צעטומלטער כאַמיטש געפרעגט.

— אַ כאַם ביסטו, כאַמיטש, דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט. זי הייבט זיך ערשט אָן, אויף צוויי פראָנטן: מיטן פאַרשאָלטענעם דייטש און מיט די אייגענע...

---

* גיב בראָנפן!

— גערעכט זענט איר טאַקע, אַ כאָם בין איך, נישט מער. ווי קען איך פאַרשטיין אַזעלכע קלוגע רייד.

— דער צאַר איז — פיו! נישטאָ מער קיין צאַר!

דאָ איז שוין כאָמיטש געוואָרן נישט נאָר צעטומלט, נאָר דערשראָקן.

— וואָס רעדט איר, באַרין? יעי באָגו, שרעקלעכע רייד! — און ער האָט זיך דריי מאָל איבערגעצלמט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט כאָמיטש געפּאַקט די טשעמאָדאַנעס. אויפן האַרצן איז אים געווען גאָר פריילעך סיי פונעם בראָנפן, סיי פונעם געדאַנק, אַז ער פאָרט אַהיים, צו מאַרוסין און די קינדער.

אין מיטן דער נאַכט איז דער מאַיאָר אַוועקגעפאָרן אַן אַ „זייט געזונט". וווהין? ווער ווייסט אים? מסתמא ערגעץ קיין אויסלאַנד. כאָמיטש איז אַ שטראַלנדיקער, מיט שטייענדיקע וואָנסעס, אָנגעשמירטע מיט פּיקסאַטואַר, מיט אַ פרעמדער פולער וואַליזע אין דער האַנט, אָפּגעפאָרן אַהיים, אין זיין דאָרף.

גאַנץ פרי האָט מען שוין געהערט די באָסאָווע שטים פון עלטסטן ציַיטונגס־פאַרקויפער:

„אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אַ רעוואָלוציע!"

די מענטשן האָבן איינער דעם אַנדערן איבערגעחזרט דאָס שטורמישע וואָרט: „רעוואָלוציע" און די פּנימער האָבן זיך צעשמייכלט. עס האָט זיך יעדן געוואָלט ווינטשן מזל טוב!

מאַסן מענטשן זענען אַרויס אין די גאַסן. דאָ און דאָרט האָבן זיך באַוויזן די ערשטע רויטע פענער. לוצקער איינוווינער האָבן ווי אויסגעגלייכט די מידע רוקנס. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז געוואָרן אינטענסיווער, די יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פּראָגרעס", נאָר וואָס אַנטשטאַנען און פירט שוין אַ פיבערהאַפטע טעטיקייט. נעבן דער רויטער פאָן האָט געפלאַטערט די ווייס־בלויע פאָן מיטן מגן־דוד אין דער מיט. אין לובאַרט־שלאָס איז אויף גיך אויפגעבויט געוואָרן אַ פּראָוויזאָריש טעאַטער פון נישט געהיבלעוועטע ברעטער, מיט פּשוטע בענק, אַ בינע און שרייאיקע לאָזונגען אויף רויטן לייוונט צעהאָנגען איבער אַלע ווענט:

— די גאַנצע מאַכט — דעם פרייעם פאָלק!

— רוסן, אוקראַינער, יידן און פּאָליאַקן — אַלע זענען גלייכע ברידער!
מיטינגען מיט שטורמישע רעדעס, געזאַנג אין די גערטנער, אויף די גאַסן, איבערגעשראָקענע פּאָליציי־לייט, צעעפנטע טויערן פון די תפיסות, מאַסן־מאַניפעסטאַציעס אונטער אַ וואַלד מיט פענער.

„מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער אַלטער וועלט...״ — האָבן געהילכט די קלאַנגען פון דער „מאַרסעליעזע״.

„עוד לא אבדה תקותינו״ — האָבן געזונגען די ציוניסטישע יוגנט־לעכע.

„מיר הויבן די הענט און מיר שווערן״ — האָבן זיך געלאָזט הערן די פּריש־געבאַקענע בונדיסטן.

ברויט האָט נאָך געפעלט, אָבער דערפאַר זענען געווען גענוג טעאַטער־פאָרשטעלונגען. עס האָבן זיך באַוויזן נייע טאַלאַנטן: דער רעזשיסער קאַלאַדני, די שוישפּילער שטערנפעלד, באַגלייבטער, לערנער, די שוועסטער יוז א. א. שייקע ווייסבערג איז געווען דער סופליאָר. דער יידישער עולם האָט געלעקט די פינגער פון די אויפפירונגען: „צעזייט און צעשפּרייט״ פון שלום עליכם, „דער דאָרפס־יונג״ פון קאָברינען, „קרייצער סאָנאַטע״ א. א. אין דער פאַרוואַלטונג פון לוצקער שטאָטראַט האָבן זיך באַוויזן יידן, אַפילו דער פאָרזיצער איז געווען אַ ייד, אברהם וואַרקאָוויצקי. עס האָבן זיך געעפנט שולן פאַר יידישע קינדער, די „תרבות״־שול אויף עברית, די יידישע פאָלקס־שול, די אַמאָליקע צאַרישע גימנאַזיע פאַר יינגלעך, די קאַלענקאַ־גימנאַזיע פאַר מיידלעך און אויך אַ יידישע גימנאַזיע.

די יוגנט האָט זיך אַ נעם געטאָן צום לערנען. דער „אַכטער צאָן־קאַבינעט״ איז געוואָרן ליקווידירט. איך צוזאַמען מיט נאָך צוויי חברים: שפּירא און מאַנדעלמאַן, האָבן זיך געלערנט פּריוואַט, גענומען לעקציעס עטלעכע שעה אין דער וואָך ביים סטודענט גאַנטמאַן. אויף די גימנאַזיאַלע אָוונט־קורסן האָבן מיר אין איין יאָר דורכגעמאַכט צוויי קלאַסן און אַלס עקסטערנער אָפּגעגעבן די עקזאַמענס פאַר פיר גימנאַזיאַל־קלאַסן, מיט אויסצייכענונגען.

מיר, יוגנטלעכע, זענען מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם חשק צו טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען, צונויפגענומען טאַלאַנטן און די ערשטע פּראָבעס דורכ־

געפירט אין פּריוואַטע שטובן, ביי סאָניאַ גאלענדבערג, אין לאָקאַל פון „בית־ספר", ביי סקירטשן. שפּעטער האָבן מיר זיך איבערגעטראָגן אין קהילה־זאַל, אין „פּראַסוויטע־זאַל", געשפּילט אין רוסיש פּושקינס „די שלאָפנדיקע שיינקייט", אויף יידיש — „דער וואַלד־קיסר". מיטן דערפאָלג, מאָראַלישן און מאַטעריעלן, איז דער חשק צום שפּילן נאָך מער געוואַקסן. די הכנסה איז געגאַנגען אויף שכר־לימוד פאַר אומפאַרמעגלעכע שילער.

אין דעם זעלבן יאָר, 1917, אין די נאָוועמבער־טעג, איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט גענומען באַגרענעצן די פרייהייט. איינע נאָך די אַנדערע האָבן זיך ליקווידירט די פרייע פאַר־טייען. די קאָמוניסטישע פאַרטיי איז געוואָרן די איינציקע, וואָס האָט געלייגט איר חותם אויף דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. די מענטשן זענען געוואָרן צעטומלט און געפּרווט פאָרויסזאָגן:

— וואָס וועט ברענגען דער מאָרגן?

ברויט, שפּייז־פּראָדוקטן זענען געוואָרן אַלץ קנאַפּער, דער פרייער האַנדל איז ווי אָפּגעשטאָרבן.

אין די טויזנטער האָבן זיך די הונגעריקע אַ לאָז געטאָן אין די נאָענטע דערפער, בייטן די בעסטע סחורות, צירונג אויף ברויט און קאַרטאָפל.

צוריקוועגס האָבן אויף די מידע דאָרפס־גייער שוין געוואַרט די „באָל־שעוויקעס" אָדער סתם באַוואָפנטע באַנדעס אונטער דער באָלשעוויסטישער פירמע. זיי האָבן באַפוילן:

— אַלץ אַרויפלייגן אויף די פורן און היידאַ!...

הונגעריקע, דערשעפּטע, מיט פאַרקלעמטע הערצער זענען די מענטשן זיך צעגאַנגען, געשוויגן, מיט שנאה אין די הערצער.

אויף צומאָרגנס האָט דער הונגער ווידער זיי געטריבן צופוס אין דאָרף אַריין.

יואל פערעל

מיר באַגעגענען זיך ווידער

די רעוואָלוציע האָט אויפגעוועקט דעם באַוווסטזיין פון די פעלקער אין גרויסן רוסלאַנד. די מלחמה האָט זיך געענדיקט און די סאָלדאַטן פון די פיינטלעכע לאַגערן האָבן זיך דערלאַנגט די הענט און געקושט, זענען געלאָפן צוריק אַהיים, צו ווייב און קינדער, ווער מיט געווער אין האַנט, ווער עס האָט אַוועקגעשליידערט די ביקס ווי אַן איבעריקע משא אויפן וועג.

די אוקראַינער, פּאָליאַקן און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, האָבן ווי אויפגעוואַכט פון זייער לעטאַרגישן שלאָף און געפאָדערט זעלבשטענדיקייט. עס האָבן זיך צעפלאַקערט אינערלעכע מלחמות, נישט־געקרוינטע פירער, אַטאַמאַנען פון אַרמייען און באַנדעס האָבן געבושעוועט אין אַלע עקן רוסלאַנד. מיר, אין לוצק, האָבן זיך געפונען צווישן האַמער און קאָוואַדלע, צווישן דער פוילישער אַרמיי, מיט די האַלערטשיקעס בראש און די אוקראַינישע „סאַמאָסטיניקעס" מיטן העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי בראש און צווישן זיי — די באָלשעוויקעס, פּעטליוראָווצעס און סתם מערדער, רויבער פון יידישן האָב און גוטס.

אין דער לאַגע איז אויך ביי דער יידישער יוגנט געוואַקסן דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין, דער ציוניסטישער געדאַנק.

אין יענע טעג האָבן די שילער פון דער יידישער גימנאַזיע אויפגעפירט „מכירת יוסף". מיט גרויס מי האָבן די לערער: חלף, פּעטשעניק און קאַהאַן, צוגעגרייט די יונגע שילער צו דער ערשטער פאָרשטעלונג אין עברית און דווקא בהברה הספרדית. כאָטש איך בין נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין שילער אין דער יידישער גימנאַזיע, דאָך האָב איך מיט יראת הכבוד גענומען אויף זיך די ראָל פון דעם סופלער. זיצנדיק אין דער בודקע, וואָס האָט געשמעקט מיט שטויב, מיט נישט דערררויכערטע פּאַפּיראָסן און טוכלעקייט, האָב איך געציטערט ווי „אַ פיש אין וואַסער ערב יום־כיפור".

אַלץ האָט געקלאַפּט, ווי אַ גוט אויסגעפּרוּווטער מעכאַניזם. די דעקאָראַציעס, די היסטאָרישע קאָסטיומען, דער גרים, וואָס מעלימעווקער האָט מיט ליבשאַפט און טאַלאַנט צוגעקליבן.

דער עולם אין איבערפולטן זאַל, עלטערע און יונגע, האָבן מער אָפּגעע־

פּילט די פֿאָרשטעלונג, ווי פֿאַרשטאַנען. די שפּראַך, לשון־קודש, האָט געקלונגען מאָדנע, אָבער געגלעט דאָס אויער, ווי מוזיק. נאָכן ערשטן אַקט האָט מיך ברוך שפּירא אַראָפּגעפֿירט אין זאַל אַריין, כדי צו באַקענען מיט אַ מיידל, וואָס זינגט מיט אַ לירישן סאָפּראַן, פּונקט אַזאַ וואָס מיר האָבן אַרומגעזוכט פֿאַר אונדזער דראַמאַטישן קרייז.

זי איז געזעסן ביים סאַמע דורכגאַנג. אירע האָר — רייפֿער גאָלדענער קאָרן, בלויע אויגן. אויף אירע דינע ליפּן האָט געשפּילט אַ סודותדיק שמייכעלע. נאָך איידער כ'האָב איר דערלאַנגט מיין האַנט, האָב איך זי דערקענט און געפֿילט ווי מיינע באַקן האָבן אויפֿגעפֿלאַמט. דאָס איז געווען דאָס זעלבע מיידל, וואָס איז מיט צוויי יאָר צוריק געקומען מיט איר מוטער אָפּדינגען אונדזער אויבערשטוב. זי האָט מיך, ווייזט אויס, אויך דערקענט. אָבער מסתמא פּונקט ווי איך געהאַלטן, אַז עס איז בעסער נישט צו דער־מאָנען יענעם פֿאַל.

איך האָב זיך געאיילט צו דער בינע. שוין געווען דער צווייטער קלונג. ברוך האָט אָפּגערעדט מיט איר, אַז אויפֿן צווייטן טאָג, נאָכמיטאָג, וועלן מיר זיך טרעפֿן אין טויער פֿון לובאַרט־שלאָס.

אויף צומאָרגנס אַרום דריי אַ זייגער, האָב איך מיט ברוכן זי אָפּגע־וואַרט. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט טונקעלע וואָלקנס, וואָס זענען מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ געדיכטער. עס האָט געוויזן אויף אַ רעגן.

— אומזיסט אונדזער וואַרטן — האָב איך געזאָגט צו ברוכן — זי וועט נישט קומען. דערביי האָב איך געטראַכט וועגן דער עוולה, וואָס מיין מאַמע האָט זיי אָפּגעטאָן אומזיסט און אומנישט.

עס האָבן שוין אָנגעהויבן פֿאַלן די ערשטע רעגן־טראָפּנס ווען זי האָט זיך באַוויזן צוזאַמען מיט אַ חברטע, וועלכע זי האָט פֿאָרגעשטעלט:

— מאַניע פּרייזינגער. זי זינגט טאַקע אויסגעצייכנט, בעסער פֿון מיר.

— אַ דאַנק! גוט וואָס איר זענט געקומעןביידע — האָט ברוך זיך געריבן די הענט פֿאַר פֿרייד. דער רעגן האָט גענומען שטאַרקער פּלייצן און מיר זענען געבליבן שטיין אין טויער פֿון שלאָס. אַלע פֿיר האָבן מיר אויפֿגעזונגען אין צוויי שטימען:

„ריעוויעלא בוריאַ, דאָזשד שומיעל...

(דער שטורעם האָט געוואָיעט, דער רעגן געראַשט"...)

עס האָט זיך באַקומען שיין, ווי אַ כאָר, וואָס זינגט אין באַגלייטונג פון צערוישטע ים־כוואַליעס.

אין ענגן קרייז

דער יוגנטלעכער דראַמאַטישער קרייז פלעגט זיך צונויפקומען ביי גאָלענדבערג אין שטוב. מינאַ און סאָניע האָבן געוווינט אין שכנות־דיקע צוויי הויפן. ביי מינען פלעגט נעכטיקן מאָניע גלאַזער, דעם טאַר־טשינער שוחטס טאָכטער. אַלע דריי האָבן געלערנט אין קאַלענקאָס מיידל־גימנאַזיע אין איין קלאַס. געטראָגן דעם ברוינעם אוניפאָרם מיט דעם אָנגעקראָכמאַלעטן ווייסן קרוזשעווע קעלנערל אַרום האַלדז. סאָניעס עלטערן האָבן געוווינט אין צווישטאָקיקן הויז פון איר זיידן אַלטער ליבערמאַן. פאַר דער רעוואָלוציע פלעגט ער, אַ הויכער, מיט גרויע האָר און אַ שפּיציק ציגן־בערדל, אַרומשפּאַצירן איבערן הויף, ווי אַ גוטבאַזיצער און טרייבן די אָרעמעלייט ווי זלידנע פליגן:

— גייט, גייט פון דאַנען... איך האָב פיינט פּוסט און פּאַסטניקעס, גייט!

אויך די שכנים פלעגט ער אַוועקטרייבן פונעם ברונעם מיט דער נייער פּאָמפּע. איצט איז ער אַליין אויף גרויסע צרות. די פּעטלוראָווצעס האָבן ביי אים צוגענומען דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט אין מיטן העלן טאָג, נאָך צוגעגעבן אים אַ פּאָר פעסטע קלעפּ מיט דער ביקס. זינט דעמאָלט איז ער אויס מענטש, טרייסלט זיך ווי אין פיבער, שטאַמלט קוים אַרויס אַ פּאָר צעצויגענע ווערטער און די אויגן הערן ביי אים נישט אויף צו פינטלען פון שרעק. זיין איינציקע טאָכטער חיה, סאָניעס מוטער, האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין קיך, אַרומגעגאַנגען אַרום אים טאָג און נאַכט. זיינע צוויי עלטערע זין האָבן געוווינט אין זייער מויער, איינער האָט געפירט אַן אייזן־קראָם, דער צווייטער — אַ געשעפט פון ווייַנען און בראַנפן. דער טאַטע איז זיי ווייניק אָנגעגאַנגען. זיי האָבן געוווסט, אַז מענטשן זעען

אין דעם וואָס מיט זייער טאַטן איז געשען, אַ נקמה פון גאָט. מעגלעך, האָבן זיי געטראַכט, אַז זיי זענען נישט אומגערעכט, די מענטשן...

סאָניעס עלטערן האָבן פאַרנומען דריי צימערן, איבער וועלכע עס האָט זיך געצויגן לענגאויס אַ קאָרידאָר. אומעטום האָט ביי זיי געבלענדט פון ריינקייט און ציכטיקייט. עס זענען דאָרט געשטאַנען שווערע דעמבענע מעבל. סאָניעס פאָטער, אַ נידעריקער, אַ דאַרער, איז געווען אַ טיפּ פון אַ משכיל, אַ לערנער און אַ שוויגער. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געאַרבעט אַלס בראַקער אין אַ וואַלד. אויף שבת איז ער געקומען אַהיים, כדי צו זיין מיט די קינדער. סאָניע איז געווען די מיטלסטע טאָכטער, דער עלטערער זון האָט געהייסן אייזיק, די יינגסטע טאָכטער — חנהלע.

זיין ווייב חיה האָט צוגעגרייט אַ גוטן טשאָלנט און אַנדערע שבתדיקע מאַכלים. זי איז געווען די גאַנצע פּרנסה־געבערין. אירע היימישע פּויערים זענען געקומען צו איר אין קיך, אַריינכאַפּן אַ געפּעפּערטן בראָנפן מיט צובייסעכץ, זי פלעגט געבן אויף באָרג. פרייטיק האָבן אויך די יידישע ווייבער געקויפט ביי איר אַ קווערטל ראָזשינקעס־ווייַן אויף קידוש.

אָוונט־צו, נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין פאַרענדיקט דאָס צוגרייטן די לעקציעס, זענען מיר זיך צונויפגעקומען ביי סאָניען, געליינט אַ פרישע פּיעסע צום שפּילן, געשמועסט, דיסקוטירט וועגן איר, דורכגעפירט רעפּעטיציעס, צוגעקליבן אַנטיילנעמער פאַר די פּאַסיקע ראָלן. מיר האָבן ליב געהאַט צו זינגען אין כאָר יידישע, רוסישע און אוקראַיִנישע לידער. מינאַ, סאָניאַ און פרייזינגער האָבן אָפּטמאָל געזונגען סאָלאָ:

— קום צו פליען, שטילער אָוונט, אויף די פרידלעכע פעלדער...

אין בין השמשות האָט זיך דאָס ליד באַקומען זייער מעלאַדיש, דערמאָנט אין די ברייטע דאָרפישע וויטן.

אונדזער באַליבט שפּיל איז געווען „אין פאַנטעס", „אַ שפּאַציר איבער שטעט". יעדער טראָגט אַ נאָמען פון אַ שטאָט, דערציילט אַ רייזע־פּאַסירונג און פאָרט דערביי אַרום איבער אַ סך, אַ סך שטעט. דער קאָנדוקטאָר שרייט אויס: „סטאַנציאַ קאָוועל!" אויב דער, וואָס רופט זיך „קאָוועל" פאַרשפּעטיקט זיך אָפּצורופן, צאָלט ער אַ פאַנט. נאָכן שפּיל מוז מען אויסקויפן די פאַנטן; זינגען אַ ליד — לויט דעם ספּעציעלן אורטייל — טאַנצן אַ

קאַזאַטשאָק, פאַרשטעלן מיט זיך אַ שפּיגל, ווערן אַ בעטלער מיט אַ טאָרבע און אַרומגיין „עפּעס" אויסבעטלען. מערסטנס באַקומט מען קושן...

דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען קולטורעל, אָן פּראָסטע רייד, אָן צו פרייער אויפפירונג. דערנאָך איז מען געגאַנגען שפּאַצירן אויפן שטאַטישן בולוואַר אָדער צום לובאַרט־שלאָס. עס האָבן זיך געשאַפן פּאָרלעך, ציטווייליקע, אויף איין אָוונט, אַמאָל אויף לענגער.

דער קרייז איז געווען אַן ענגער, אַ געשלאָסענער. נישט אַלע, וואָס נעמען אָנטייל אין דער פאַרשטעלונג, זענען אין קרייז. נאָך דער רעפּעטיציע גייען זיי אַוועק און ס'בלייבן בלויז די שטענדיקע ייִנגלעך און מיידלעך, וועלכע האָבן אויף זיך אַרויפגעצויגן די קנאה פון די אַנדערע אין דראַמאַטישן קרייז.

די באָלשעוויקעס

במשך פונעם 19־טן יאָר פלעגן די מאַכטהאָבער אין לויצק זיך בייטן ווי די קאָרטן ביי קאָרטן־שפּילער, שוואַרץ — רויט, אַריין — אַרויס. אַריין מיט געפּילדער, מיט אָנגעוואָרפענעם פּחד, מיט פּאָגראָמען, רויבערייַ און אַנטלאָפן מיט פולע רוקזעק, שיכורע, הפקרדיקע ווי אַ פאַרביילויפנדיקער שטורעם. זיי האָבן געטראָגן פאַרשידענע נעמען: „פּעטליוראָווצעס", „סאַמאָסטיניקעס", „טויט־באַטאַליאָנען", „אַטאַמאַן אוסקילקעס אַרמיי", „דיוויזיע פון די שאַרע־זשופּאַנעס" א. אַ. זיי פלעגן אומברחמנותדיק באַרויבן די יידן, שענדן די פרויען, עס איז געווען לית דין ולית דיין!

אין דער דאָזיקער לאַגע האָבן די יידן זיך געמוזט אַליין באַשיצן. אַלע פון די מכבי־ספּאָרטלער, פייערלעשער, ביז די שטאַרקע פון דער אונטער־וועלט — האָבן גענומען געוועהר אין די הענט און אַרויס אין גאַס, אונטערן נאָמען „שטאָט־מיליץ".

כדי צו שטילן דעם הונגער פון די האָלעדראַנצעס, האָבן זיך געשאַפן

עטלעכע באַשפּייזונגס־פּונקטן אין שטאָט. דעם לעצטן ביסן ברויט, דאָס אָפּגעשפּאָרטע שטיקל צוקער פאַרן קינד, האָט מען אַרויסגעטראָגן אין גאַס, — עסט און טרינקט, נאָר הרגענען — וועלן מיר זיך נישט לאָזן.

אַפילו דעם גרויסן סקלאַד מיט זאַלץ, אויף יאַראָוויצע, האָט מען נישט געלאָזט באַרויבן. געעפנט אַ געדיכטע שיסעריי אין דער לופטן און אויף די „מיעשאַטשניקעס" פון די דערפער. זיי זענען זיך צעלאָפן, באַלאָדענע מיט פולע זעק זאַלץ. די רעשטלעך האָבן מיר, די יידישע קינדער, צעשלעפּט אין די בלוזן, אין די קוישעלעך און זעקלעך.

זאַלץ איז געווען דער טייערסטער פּראָדוקט. פאַר זאַלץ פלעגט מען קענען באַקומען קאַרטאָפל, אַפילו ברויט. נישט קוקנדיק אויף דער געפאַר, וואָס האָט געדראָט אַרומצודרייען זיך אין שטאָט, זענען מיר, יאָטן, דאָך נישט געזעסן אין שטוב. נעבן די מיליטערישע קאַזאַרמעס ביי דער באַן זענען געלעגן בערג מיט צוגעפוילטע אָדער איבערגעפרוירענע קאַרטאָפל, וועלכע מיר האָבן פודנוויז געשלעפּט אַהיים אויף די פּלייצעס, געריבן מיט אַ ריבאייזן און געבאַקן לאַטקעס, אָן בוימל, אויף דער צעגליטער פּליטע.

אָפט פלעגן מיר זיך אַרויסכאַפּן קאַיאָר אויף די נאָענטע פּויערישע פעלדער אין גנידאַווע, אַראָפּגנבענען פון די געל־פאַרשרפּהטע פעלדער אַ פּאָר „זשאָיטיקעס", — געלע אָנגעבלאָזענע אוגערקעס, צעשפּאָלטענע קאַרטאָפל, אַ קעפּל קרויט. אַמאָל פלעגן די פּויערים אַליין אונדז געבן גרינסן, שטיקלעך ברויט פאַר אַ גלאָז זאַלץ.

איך דערמאָן זיך, ווען מיין עלטערער ברודער בעני, אויך פון דער שטאָט־מיליץ, האָט אין אָן אינדערפרי געבראַכט די ידיעה, אַז ביינאַכט האָט מען באַרויבט דעם אַפּטייקער בראָדעצקיס דירה און דערהרגעט זיין עלטערע מוטער. אַ דריבנער ווייסער שפּור פון מעל האָט געפירט אין דער ריכטונג, וווּ די מערדער האָבן זיך באַהאַלטן. מען האָט זיי געכאַפּט. דאָס זענען געווען פיר פּויערים און אַ דייטשקע, די דינסט, וואָס האָט לאַנגע יאָרן געדינט ביי דעם אַפּטייקער.

מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין דער ריכטונג צו דער טורמע, דורך די אָפענע טורמע־טויערן האָט מען זיי אַריינגעפירט אויפן הויף און באַלד

האָט זיך דערהערט אַ זאַלפּ פון צענדליקער ביקסן מיטאַמאָל. ווען מען האָט דעם עולם אַריינגעלאָזט אויפן טורמע־הויף, האָב איך דערזען ביי דער וואַנט און אויף דער פאַרבלוטיקטער ערד אַ געמיש פון אָנגעוואַלגערטע קערפּערס פון די אָקאָרשט דערשאָסענע. די נקמה־פרייד איז געווען גרויס, אָבער פאַר די אויגן האָט זיך אַלץ געדרייט ווי אין אַ ווילדן טאַנץ און די ציין האָבן געציטערט...

דער דאָזיקער פאַל פון דער יידישער שטאָט־מיליץ האָט געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג און די פּויערים האָבן מער נישט געוואַגט צו קומען אין שטאָט אַריין.

די באָלשעוויקעס זענען אַריין אין שטאָט.

די באָרוועסע זעלנער, אין אָפּגעבלאַקעוועטע צאַרישע מונדירן, מיט פולע לענטעס קוילן פון אָקסל צום פּאַס, פון ביידע זייטן, האָבן שנעל דורכמאַרשירט איבער דער שטאָט, ווייטער צום פראָנט קעגן פּילסודסקיס און האַלערס דיוויזיעס. געבליבן זענען די טילעוויקעס, די אָנפירער און איינפירער פון דער ראַטנמאַכט. זיי האָבן שוין געטראָגן רויטע געוואַנטענע הויזן, אָפּט אויך אַ רויטע זיידענע בלוזע און, דער עיקר, דעם עמבלעם „סערפּ און האַמער״ אויפן היטל און דאָס רויטע פּאַרטיי־ביכל אין קעשענע. זיי זענען געקומען אונדז באַפרייען און אויפגעפירט זיך נישט בעסער פון אַנדערע אָקופּאַנטן. אמת, זיי האָבן נישט גערויבט אַזוי ווילד און גראָב. האָבן בלויז „נאַציאָנאַליזירט״ און רעקווירירט.

אַט זענען צו מיין טאַטן אין געוועלב פון גרייטע פרויען־מלבושים אַריינגעקומען מיטאַמאָל אַ צען פאַרשוינען, איבערגעציילט די סחורה, פאַרשריבן און דערקלערט: „דאָס אַלץ ווערט נאַציאָנאַליזירט און קאָנפיסקירט. קיין פּריוואַטער האַנדל איז ביי אונדז נישטאָ״.

— וואָס וועט זיין מיט מיינע צען הונגעריקע קינדער? די אַלע מלבושים האָב איך דאָך געגנייט מיט מיינע אייגענע הענט. איך בין דאָך אַ שניידער — האָט מיין איבערגעשראָקענער טאַטע זיך געבעטן ביי זיי — האָט רחמנות.

פּלוצים האָט מיין טאַטע דערקענט צווישן זיי אַ יונגן יידישן בחור

מיט דינע וואָנסעס און אַ געדיכטער טשופרינע. מיין טאַטע האָט אים געקענט נאָך פון טריסק און זיך געוואָנדן צו אים:

— וועלוול, האָב רחמנות, דיין טאַטע איז געווען מיין שכן, מיין בעסטער חבר.

די רייד האָבן געווירקט און דער בחור האָט זיך אָנגעהויבן איבער־שעפּטשען מיט זיינע חברים. לסוף האָט ער געזאָגט:

— איר וועט אויסקויפן די קאָנפיסקירטע סחורות מיט צוויי טויזנטער. גוט? מאָרגן אין דער צייט וועלן מיר קומען נאָכן געלט.

גוטע מענטשן האָבן אויסגעבאָרגט וויפל מען האָט געקענט, פאַר משכנות און גלאַט אַזוי, אויפן וואָרט. אויף צומאָרגנס האָט מיין טאַטע אָוועקגעשטעלט אַ ניי־מאַשין, געזעצט זיך נייען. צו דער באַשטימטער צייט זענען זיי געקומען, צוגענומען דאָס געלט, אַפילו נישט געציילט. איך האָב געהאַט צוגעגרייט אַ פּאַפּירל, אַז די סחורה, גרייטע אַלטמאָדישע דאַמען־קליידער, פאַלן נישט אַרונטער דער מלוכהשער קאָנפיסקאַציע. זיי האָבן אונטערגעשריבן. נאָכן סטעמפּל האָב איך געמוזט קומען צו זיי אין האָטעל „בעל־וויו".

— ביסט אַ גראַמאַטנער יאָט — האָבן זיי מיך געלויבט פאַרן שיינעם שרייבן — קום צו אונדז דינען...

— איך בין נאָך צו יונג, אינגאַנצן זעכצן יאָר אַלט — האָב איך זיך אַרויסגעדרייט. אָבער אין עטלעכע חדשים אַרום בין איך פאָרט אַריינגע־פאַלן אין די הענט פון די סאָוויעטישע מיליטערלייט. איך האָב מער נישט געקענט צוזען די נויט און הונגער ביי אונדז אין שטוב.

גרופּנווייז פלעגן מיר גיין אין די דערפער מיט דער שענסטער סחורה אין די הענט. מידע, קרעכצנדיקע פלעגן מיינע שוועסטערס חיהקע און מירל, זיך אומקערן פאַרנאַכט מיט ליידיקע הענט: נישט קיין ברויט און נישט קיין סחורה, נאָר דאָס וואָס די פּויערים אין דאָרף האָבן געגעבן אָפּצועסן. אַלץ האָבן די באָלשעוויקעס אויף צוריקוועגס צוגענומען.

פּשוט צוליבן ברויט האָב איך זיך אַליין מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי, אין דער אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך געפונען אין דער

געביידע ביים פאַקראָוער קלויסטער. איך האָב געקענט שרייבן אויף אַ מאַשין — בין איך זיי צונוצגעקומען.

ביז איינמאָל האָט אונדזער אָפּטיילונג באַקומען דעם באַפעל אַריבער־צופאָרן נענטער צום פראָנט. אַלע האָבן געמוזט פיר אַזייגער ביינאַכט זיין אויפן אָרט. פאַר פאַרשפּעטיקן, פאַר דעזערטירן האָט געדראָט דערשאָסן צו ווערן.

מיר זענען געווען פיר יידישע בחורים און מיר האָבן באַשלאָסן צונויפזאַמלען זיך ביז דריי אַזייגער ביינאַכט ביי שפּיצמאַנען, כדי נישט צו וועקן די עלטערן.

ביי אונדז אין שטוב איז געוואָרן יום־כיפּור. אַלע זענען אַרומגעגאַנגען פאַרוויינטע און געהאָלפן מיר זיך גרייטן אין וועג אַריין.

אַרום צען אַזייגער אין אָונט האָב איך גענומען מיין וואַליזע. אַ הילכיקער יאָמער האָט מיך באַגלייט, ווי מען באַגלייט אַרויס פון שטוב אַ טויטן. מיין האַרץ איז געווען ווייטיקלעך פאַרקלעמט, אין קאָפּ האָט גערוישט. איך האָב געפילט ווי די טרערן שטיקן מיך אין האַלדז און מורא געהאַט איך זאָל זיך נישט צעכליפּען אויפן קול. איך האָב אויסגעשריגן: „זייט געזונט, אַ גוטע נאַכט!" און בין אַרויסגעלאָפן פון שטוב אינעם פינצטערן דרויסן.

טראַ־ראַאַך!

אַ דונער האָט זיך דערטראָגן פונדערווייטנס און איך האָב פאַרלוירן דעם באַוווּסטזיין.

דער טאַטע איז אַרויסגעגאַנגען פאַרמאַכן דעם לאָדן און דערזען מיך ליגן אַ דורכגעווייקטן אין אַ קאַלוזשע.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך אין אייגענעם בעט. פון דער הויכער היץ האָב איך געגליט. דאָך איז מיר געווען קאַלט אַפילו אונטער דער וואַרעמער קאָלדרע. איך האָב געפיבערט.

מיינע שוועסטער גיטל און מירל זענען די גאַנצע נאַכט געזעסן ביי מיין בעט. ווען עס האָט גענומען שאַריען אויף טאָג, בין איך אַראָפּ פון בעט און גענומען אַרומזוכן מיינע מלבושים.

— אַ חודש אורלויב האָב איך פאַר דיר אויסגעבעטן ביים נאַטשאַלניק.
ער איז אַליין געקומען זען ווי דו ליגסט קראַנק אין גרויסער היץ.

איך האָב נישט געגלויבט. ווען איז ער געקומען? נייך, איך מוז פאָרן. דעזערטירן שיסט מען!

— נאַ, לייען. אָט האָסטו דיין באַפרייאונג!

ערשט דאַן האָב איך זיך באַרויקט. ווי טריי זיי זענען מיר, מיינע טייערע שוועסטער.

אין אַ חודש אַרום זענען שוין די באָלשעוויקעס אָפגעטרעטן. די פּאָליאַקן אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל האַלער האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט.

נאָכן „נס אויף דער ווייסל"

מאַי 1920.

בליץ שנעל איז פאַרגעקומען דאָס אָפּטרעטן פון די רויטאַרמייער. נאָך דעם „וווּנדער אויף דער ווייסל", וואָס פילסודסקיס לעגיאָנען האָבן באַוויזן. די וואַרעמע טעג, די בלויע וואַסערן איבער דעם רחבותדיקן טייך סטיר, די צעבליטע צוויטן אויף דיביימער מיט זייער מחיה נפשותדיקן אַראָמאַט — אַלץ האָט גערופן צום לעבן, וואָס האָט דערוואַכט נאָך אַזויפיל פחדימדיקע טעג און נעכט.

די שרעק ליגט נאָך אין די ביינער. אָט שפּאַצירן זיי, די נייע הערשער, מיט די קליינע פראַנצויזישע ביקסלעך, מיט צאַרנדיקע און גיפטיקע בליקן. זיי, די האַלערטשיקעס, פוילישע זעלנער, וועלכע זענען געקומען פון פרייעם פראַנקרייך, העלפן באַפרייען די הייליקע ערד, זענען פאַרשיכורט פון זיג. זיי זוכן נקמה אין די באָלשעוויקעס, און ווער זענען זיי, אויב נישט „די פאַרשאָלטענע יידן"?!

זיי פאַרשפּרייטן אַרום זיך פחד און גרויל, רויבן וואָס עס לאָזט זיך. אָט זענען זיי אַריין אין אונדזער שטוב, צעשיט זיך איבער אַלע פיר

צימערן, שרייען, מען זאָל זיי פירן אין קעלער, ווו עס ליגט באַהאַלטן דאָס געלט. ווען זיי האָבן דורכגענישטערט דעם קעלער און גאָרנישט געפונען, האָט איינער פון זיי אָנגעכאַפּט מיין טאַטן ביי דער באָרד און זי אָפּגעשניטן מיט אַ פּיניש מעסער.

מיין שוועסטער גיטל האָט זיך ביי אים געבעטן אויף פּויליש, ער זאָל רחמנות האָבן אויפן טאַטן. דער פאַרשוין האָט זיך צעלאַכט און חוצפּהדיק גענומען זיך טשעפּען צו איר. אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך פון דער הויך דערהערט אַ ווילד געשריי פון מיין בעני. איינער פון די האַלער־טשיקעס האָט מיט דער טיר צוגעהאַקט זיין פּנים, אַזוי אַז ער איז פאַרבליבן מיט אַן אָפן מויל, נישט צום פאַרמאַכן און ער האָט געזעוועט ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה.

אינדרויסן האָבן זיך דערווייל פאַרזאַמלט אַרום אונדזער שטוב שכנים, מענער און פרויען, און זיי האָבן געשריגן אויפן קול:

— געוואַלד!

אינצווישן האָט איינער פון די זעלנער געפונען אונטער מיין מאַמעס קישן איר גאָלדענע קייט, דאָס איינציקע שטיקל צירונג, וואָס איר איז פאַרבליבן. עס האָט זיך דערהערט אַ פייף, זייער באַשטימטער סיגנאַל און אַלע ווי איינער זענען אָפּגעטרעטן פון אונדזער שטוב.

די מענטשן אינדרויסן האָבן נישט אויפגעהערט צו שרייען. איינער פון די האַלערטשיקעס האָט זיך אויסגעדרייט און אויסגעשאָסן אין דער מאַסע יידן, וואָס האָט זיי באַגלייט מיט ווילדע געשרייען. די מענטשן זענען זיך צעלאָפן, איבערלאָזנדיק אין גאַס צוויי הרוגים, די ערשטע קרבנות פון דער נייער פּוילישער מאַכט.

ערגעץ ווייטער אין שטאָט האָבן די געוועזענע יידישע מיליציאָנערן געשאָסן צו די רויבער, וועלכע זענען אין פּאַניק זיך צעלאָפן.

אויפצומאָרגנס האָבן אַריינמאַרשירט אין שטאָט גרויסע מיליטערישע איינהייטן מיט זייערע אָפיצירן און גענעראַלן. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַן אַדמיניסטראַטיווע מאַכט. די צוויי טויזנט פּאָליאַקן, וואָס האָבן געוווינט אין שטאָט, זענען געוואָרן די באַלעבאַטים איבער דער פיר־און־צוואַנציק טויזנטיקער יידישער באַפעלקערונג. פּויליש איז געוואָרן די אָפיציעלע

שפּראַך. די גאַסן האָבן באַקומען נייע פּוילישע נעמען. אויף די יידן האָט די פּוילישע מינדערהייט געקוקט פון אויבן אַראָפּ, ווי אויף בירגער פון דער צווייטער מדרגה.

די יידישע יוגנט האָט נישט פאַרלוירן איר שטאָלץ. צו אונדז איז דערגאַנגען די ידיעה וועגן דעם היסטאָרישן אַקט אין סאַן־רעמאָ, ווו עס איז דורך אַלע מלוכות באַשטעטיקט געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע וועגן דער יידישער נאַציאָנאַלער היים.

אַ פרישער קוואַל פון פרייד און האָפענונג האָט זיך געעפנט פאַר אונדז. איך בין דאַן געווען אַ שילער אין פינפטער קלאַס פון דער רוסישער גימנאַזיע. מיר זענען געווען פיר יידישע שילער, די פּעאיקסטע, און אָפּגעפילט די פאַרבאָרגענע שנאה פון די רוסישע און אוקראַינישע שילער. דער אַטאַמאַן פון קלאַס, גרינקאָ קאָזאַק, מיט אַ העל־בלאָנדער טשופּרינע, קעצישע אויגן און פאַריסענער נאָז, האָט מיך באַשטימט פון דער אונטערזאָגער־גרופּע. בשעת יעדער קלאַסן־אַרבעט האָב איך געמוזט אַריבערשיקן דורך „דער פּאָסט" די פאַרטיקע אויפגאַבן פאַר זיי. דאָס זעלבע האָבן אויך געמוזט טון מיינע יידישע חברים: זלמן עלבירט און שמעון באַקאָוויצקי. דערפאַר האָבן זיי, די „העלדן", פּאָלאַנסקי, דעם גרויסבאַזיצער בן יחיד, גרינקאָ, וואָראָביאָוו, אַן אָפּגעריסענער נאַר און אויספירער פון אַלעם בייז — אונדז געשוינט אַפילו אין דעם פּאָגראָם־טאָג, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט ביי אונדז אין גימנאַזיע אונטער דער לאָזונג „שלאָג די יידן".

נאָך דעם פאַרשאָלטענעם טאָג, ווען אויף די איבעררייסן צווישן די לעקציעס האָבן זיך געהערט די יאָמערלעכע געוויינען פון די יידישע קינדער אין די נידעריקע קלאַסן, האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף מיט אונדזער אַרבעט פאַר די יונגע פאַרברעכער.

אין יענעם טאָג, בשעת אַ שריפטלעכער אַרבעט פון אַלגעברע, האָבן מיר די יידישע שילער, אָפּגעגעבן דער לערערין ריינע העפטן. נישט מיר — נישט דיר!

די שקצים האָבן זיך צעשריגן:

— וואָס האָסטו געטאָן, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ?

— דער קאָפּ האָט נישט געוואָלט אַרבעטן — האָב איך רואיק געענטפערט.

— אַזוי צאָלט איר אונדז אָפּ פאַר דעם, וואָס מיר האָבן אייך נישט געטשעפּעט?

איך האָב צוריקגעשריגן:

— און אַז איר שלאָגט אַנדערע יידן, מיינט איר, טוט אונדז נישט ווי? הערט אויף צו שלאָגן, וועלן מיר ווייטער פאַר אייך שרייבן.

— לאַדנאָ! — האָט דער אַטאַמאַן אויסגעשטרעקט צו מיר זיין פעסטע לאַפּע.

השומר הצעיר

דער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער כאַאָס, וואָס האָט ביז די צוואַנציקער יאָרן געהערשט אין רוסלאַנד, האָט באַווירקט אויך די יידישע יוגנט אין לוצק. קיין קולטור־אינסטיטוציעס זענען כמעט ווי נישט געווען. מען האָט זיך באַגנוגנט מיט לייענען שונד־ראָמאַנען. די יידישע יוגנט אין לוצק האָט געפירט צווישן זיך מלחמות. יאַראָוויצער קעגן די קראַסנער, די פון מצרים־גאַס קעגן די פון די שול־גאַסן. די מלחמות זענען פאָרגעקומען אויף דער באָלאָניע יעדן שבת נאָכמיטאָג, מיט אויסגעגראָבענע אָקאָפּעס, מיט אַ באַזונדערער סטראַטעגיע, מיט שטיינער אַנשטאָט קוילן, שטעקנס אַנשטאָט ביקסן. לויט אַ באַשטימטן סיגנאַל האָט די מלחמה זיך אָנגעהויבן און פאַרענדיקט. די „שוועסטערס" האָבן באַנדאַזשירט די „וווּנדן", „סאַניטאַרן" האָבן אַוועקגעטראָגן די פאַרוווּנדעטע פון שלאַכט־פעלד אויף אימפּראָוויזירטע טראָג־בעטלעך. די מאַמעס האָבן באַוויינט זייערע צעקאַליעטשעטע זין און די טאַטעס האָבן געקאַטעוועט די „העלדן" ביז בלוט. נאָך ביז היינט קאָן איך זיך נישט אָפּגאָלן די האָר פון קאָפּ, ווייל איך האָב אַ טיפן שראַם אויפן קאָפּ, אַן איבערבלייבעניש פון יענע מלחמות. לויטן מוסטער פון די גרעסערע, האָבן אויף דער קאַראַימער גאַס געפירט אַ מלחמה צווישן זיך די יינגלעך פון מצרים־גאַס. דאָס איז געווען

שבת נאָכמיטאָג, מיינע עלטערן האָבן זיך צוגעלייגט שלאָפן און איך האָב, מיט אַ שטעקן אין האַנט, געוואָלט פאַרטרייבן דאָס קליינוואַרג פון אונדזער גאַס. אָפּטרעטנדיק, האָט איינער פון זיי מיר געוואָרפן אַ שטיין אין קאָפּ.

די פּוילישע מאַכט האָט געעפנט שולן פאַר אַלע, אומזיסטע שולן אין דער פּוילישער אונטעריכט־שפּראַך. צו די דריי גימנאַזיעס, די רוסישע פאַר יינגלעך, די קאָלענקאָ פאַר מיידלעך, די פּויליש־יידישע, וואָס האָבן געטראָגן אַ פּריוואַטן, קאָאָפּעראַטיוון אָדער געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, איז צוגעקומען אַ מלוכהשע פּוילישע גימנאַזיע, אין וועלכער עס האָבן אויך געלערנט עטלעכע צענדליק יידישע שילער פון פאַרמעגלעכע עלטערן. דער שכר לימוד אין די גימנאַזיעס איז געווען אַ געגנוג הויכער. אין דער פּוילישער גימנאַזיע האָט מען נישט געצאָלט קיין שכר לימוד. דערפאַר איז פאַר געוויינלעכע יידישע שילער, אַפילו פון די פּעאיקסטע, כמעט אוממעגלעך געווען זיך אַריינצובאַקומען.

די יידיש־פּוילישע גימנאַזיע איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכע, מיט אַן אויסגעשפּראָכן ציוניסטישן כאַראַקטער, כאָטש די קאָנצעסיע אויף איר האָט אַרויסבאַקומען ביי דער מאַכט דער שטאָטישער ראַבינער משה גליקליך אויף זיין פּריוואַטן נאָמען. דאָס האָט אויסגענוצט זיין זון אורי, וואָס האָט שוין באַוויזן צו ענדיקן די רוסישע גימנאַזיע און אונטער דער פירמע פון זיין טאַטנס גימנאַזיע, האָט ער אָרגאַניזירט אַ סקויטן־אָרגאַניזאַציע, לויטן מוסטער פון דער ענגלישער סקויטן־אָרגאַניזאַציע פון גענעראַל באַדען־פּאַול, אויפן ערשטן אָרט — די אַלמענטשלעכע מאָראַלישע ווערטן פאַר דער יוגנט: נישט רויכערן, נישט טרינקען קיין שאַרפע אַלקאָהאָל־געטראַנקען, נישט שפּילן אין קאָרטן, מענטשן־ליבע און דיסציפּלין. שפּעטער קומען צו נאַציאָנאַלע ווערטן: שטאָלץ מיט דער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, דערלערנען די אייגענע שפּראַך, די שפּראַך פון די אָבות, שטודירן די העברעיִשע קולטור, שטרעבן צו אַ זעלבשטענ־דיקער יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל.

עס איז מערקווירדיק, אַז די גרינדער און אָנפירער פון דער סקויטן־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „השומר הצעיר",

זענען געווען זין פון האַלב־אַסימילירטע עלטערן, ווי וויטיע קאַץ, מאַרקוס מירסקי א. אַ. זיי האָבן גערעדט רוסיש און זיי איז פרעמד געווען די אַלטע יידישע קולטור, די יידישע און העברעישע ליטעראַטור.

הונדערטער יידישע יוגנטלעכע, פון די מיטלשולן און פון די פאָלקס־שולן, זענען אַריינגעטרעטן אין דער ניי־געשאַפענער אָרגאַניזאַציע. דער אוניפאָרם פון ווייסער פויערישער לייוונט, האָט ווי פאַרברודערט אַלע אין איין גרויסער מחנה פון שטאָלצע יידן. די גויאישע שכנים האָבן דערויף געקוקט קרום.

שוין אויף דער ערשטער פייערונג, אין יאָר 1920, לכבוד דעם 3־טן מאַי, דעם טאָג פון דער פוילישער קאָנסטיטוציע, האָבן די יידישע סקויטן מאַרשירט אין אָרגאַניזירטע רייען און העט וויט האָבן זיך געטראָגן די הילכיקע קלאַנגען פון דעם ליד „מיר, די ערשטע בריגאַדע”. אויף פויליש און אויך אין עברית „כולנו פה גיבורים”.

נאָך יום־טובדיקער האָבן די סקויטן אויסגעזען אין דריי טעג שפּעטער אויף דער גרויסער מאַניפעסטאַציע לכבוד דער באַלפור־דעקלאַראַציע. דער ראש הקן, אורי, די ראשי הגדודים מאַרקוס און וויטיע, פון די שומרות — אסתר פיש און טאַניע קערצמאַן, אַלע אין די גרינע קאָסטיומען און קליידער, מיט די פאַרביקע לענטעס אויף די אַקסלען מיט די לעדערנע רימענס. איך האָב אָבסערווירט די דורכמאַרשירנדיקע רייען און געקוואָלן פון פרייד. מינאַ, סאָניע און מאַניע, אַלע אין איין ריי, האָבן זיך געלאָזט הערן העכער פון אַנדערע מיט זייערע קלינגענדיקע סאָפּראַן־שטימעס. עס איז נאַטירלעך דער שטאָלץ, וואָס האָט מיך באַהערשט, ווען צו מיר איז צוגעקומען אַ דעלעגאַציע פון היימישע יוגנטלעכע, צווישן זיי יוקל אַשכנזי, בנימין פרישבערג, דער באַוווסטער לויצקער שווימער, און זיי האָבן מיר פאָרגעלייגט צו ווערן דער ראש הקבוצה פון גוטע שווימערס, פון דעם גדוד הימי, אין די ראַמען פון השומר הצעיר. זיי האָבן מיך אויסגעווילט, האַלטנדיק, אַז איך מיט מיין פליסיקער רוסישער שפּראַך און קענטענישן אין דער יידישער געשיכטע און ליטעראַטור, וועל קענען דורכפירן מיט זיי די שומרישע שמועסן און צוגרייטן זיי צו דער עליה קיין „ארץ”.

איך האָב גערן אָנגענומען די אָנפירערשאַפט. איצט בין איך שוין געוואָרן אַ שומר און אַפילו אַ ראש הקבוצה. דעם וואַסער־ספּאָרט האָב איך ליב געהאַט. עס איז געבליבן נאָר אַ טראַכט טאָן וועגן אַן אייגענעם „פלאַט“, וועגן אייגענע גרויסע שיפן. עס זאָל קלעקן פאַר אַלע פּופּצן שומרים פון אונדזער קבוצה...

דער וואַלד-קייסער

דער נאָמען פון אונדזער פּופּצן־פערזאָניקער גרופּע שומרים, אין עלטער פון זעכצן ביז אַכצן יאָר, „גדוד הימי“ איז זיכער געווען איבער־געטריבן. וואָרעם, ווי קאָן מען פאַרגלייכן דעם טייך סטיר, וואָס ציט זיך ווי אַ בלויע לענטע זיגזאַגיש צווישן די באַגרינטע ברעגן צום רחבותדיקן ים התיכון?! מיר האָבן דערפאַר באַשלאָסן צו רופן זיך „גדוד המימי“. דערויף האָבן מיר זיכער רעכט געהאַט, ווייל מיר זענען מער געווען ביים טייך ווי אין דער היים.

דער סטיר פלעגט יאָר־יערלעך איינשלינגען נישט ווייניק קרבנות, עלטערע און קינדער. אונדזערע שומרים האָבן פרייוויליק גענומען אויף זיך די ראָל פון מצילים און די צאָל קרבנות איז באַדייטנדיק געפאַלן.

ווי נאָר מיינע עלטערן פלעגן דערהערן די געוואַלדן און געשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פונעם נאָענטן טייך, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז עמעצער טרינקט זיך דאָרט און מיט שרעק געטראַכט, אַז איך בין שוין דאָרט ביים טייך.

זיי האָבן זעלטן אַ טעות געהאַט. דערהערנדיק דעם געשריי: ס.אָ.ס., פלעג איך אָנהייבן לויפן אין דער ריכטונג פון די געשרייען, אַוועק־שליידערנדיק אויפן וועג אַ שוך און נאָך אַ שוך, די הויזן. עס האָט געטראָפן, אַז מיינע מאַטראָזן האָבן שוין פריער באַוויזן אַרויסצוציען דעם דערטרונ־קענעם און איך האָב זיך גענומען אַרויסטרייסלען פון אים דאָס וואַסער, דורכפירן די קינסטלעכע אַריינאָטעמונג, פון אָטעמען פון מויל־צו־מויל האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט.

אַמאָל האָט זיך גאָענט ביים ברעג געטרונקען דער גראָבער איציק דעם זשעלאַזניקס. איך בין אַריין אין וואַסער אים ראַטעווען. כ׳האָב קוים באַוויזן אים אָנצורירן און ער האָט זיך אַרויפגעוואָלגערט אויף מיר און צוגעקוועטשט מיך ווי מיט קלאַמערן. ווען נישט די מצילים אונדזערע, וואָס זענען אָנגעלאָפן, צווישן זיי בנימין דער קאַלקער, ווער ווייסט, צי איך וואָלט געבליבן לעבן.

אַ צווייט מאָל האָב איך אַרויסגעצויגן פון וואַסער אַ ייִנגל, אַן אָפּגע־שטאַנענעם אין שכל. ער איז שוין געווען טויט. נאָכמיטאָג האָב איך אײנער אַליין אים געפירט אויף אַ שיפל צום בית־עולם. מיטאַמאָל האָבן שוואַרצע וואָלקנס באַדעקט דעם הימל. עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ רעגן מיט הילכיקע דונערן און פייערדיקע בליצן. די קרובים פונעם ייִנגל, וואָס האָבן אונדז באַגלייט, גייענדיק ביים ברעג פון טייך, זענען זיך צעלאָפן און מיך איבערגעלאָזט אַליין מיטן מת אינמיטן אַ צעשטורעמטן טייך.

מיט אַלע כוחות האָב איך זיך צוגעשיפט צום ברעג, אַרויפגעשפּרונגען אויף דער גליטשיקער ערד, האַלטנדיק אויף דער קייט די שיף, זי זאָל נישט אַוועק ערגעץ מיטן שטראָם.

מיר האָבן באַשלאָסן ווי אַמשנעלסטן צו שאַפן די געהעריקע מיטלען אויף צו באַשטעלן פאַר זיך שיפן, כאָטש צוויי גרעסערע שיפלעך מיט עטלעכע פּאָר רודערס. צו דעם צוועק האָב איך צונויפגערופן די חברה פונעם דראַמאַטישן קרייז און פאַרגעלייגט צו שפּילן צום צווייטן מאָל דעם „וואַלד־קייסער״ אין זאַל פון דער קהילה און אויך אַרויספאָרן מיט דער פאָרשטעלונג קיין טאָרטשין און ראָזשישטש. קיין סך גרייטן זיך האָבן מיר נישט געדאַרפט, אַפילו די קאָסטיומען זענען ביי אונדז געווען באַהאַלטן פון דער ערשטער געלונגענער פאָרשטעלונג. דערצו ווילן מיר נאָך צוגעבן אַ קאָנצערט־פּראָגראַם. מינאַ און סאָניע וועלן זינגען סאָלאָ, די שומרים וועלן מאַכן גימנאַסטישע איבונגען און פּיראַמידן, און אויב דאָס אַלץ וועט זיין וויניק, וועל איך ביים סוף דעקלאַמירן דעם „משוגענעם אין שפּיטאָל״.

רעקלאַמע איז געווען איבעריק. די נייעס האָט זיך צעטראָגן ווי אַ

וויכער און אַפילו די, וואָס האָבן שוין איינמאָל געזען די פאָרשטעלונג, זענען גרייט געווען צו זען צום צווייטן מאָל.

ווען נישט דער אומגעריכטער פּאַרפּאַל, וואָס איז געשען אין קהילה־זאַל, איידער די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן, וואָלט דער דערפאָלג געווען אַ געזיכערטער.

אַרום ניין אַ זייגער אין אָוונט. אַלע בילעטן זענען שוין געווען פאַרקויפט און דער יונגער עולם האָט אָנגעפּילט דעם זאַל. דער פּריזירער מעלימעוועקער האָט שוין באַוויזן צו גרימירן און אויספּוצן אַלע אָנטייל־נעמער. די דעקאָראַציע, דער פּריש־געמאָלענער געדיכטער וואַלד איז געווען שיין באַלויכטן, די „אַרטיסטן" האָבן ביינגעריק געקוקט דורך די לעכלעך פון פאָרהאַנג אין זאַל אַריין. דער ערשטער קלונג, דער רעש אין זאַל האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט.

פּלוצים... עס ווערט שטאָק פינצטער, אומעטום, אויך אויף דער בינע. זיכער אַ קורצשלוס, מען וועט באַלד פאַריכטן. אין זאַל זענען געווען די היימישע עלעקטראָמאָנטערן און זיי האָבן באַלד גענומען זוכן די עלעקטרישע קאָרקעס, פאַרביטן די איבערגעברענטע דראָטלעך און באַלד איז ווידער געוואָרן ליכטיק. דער עולם האָט געיובלט מיט הילכיקע געשרייען. אָבער באַלד איז ווידער געוואָרן פינצטער און עס האָט זיך געפילט דער ריח פון שריפה. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, ביז די עלעקטראָמאָנטערן האָבן פאַרלוירן דאָס געדולד. עס איז געווען זיכער, אַז עמעצער האָט דאָס אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. עמעצער האָט געזאָגט, אַז דאָס האָבן די אוקראַינער פון דער „פּראָסוויטע" אָפּגעטאָן. זיי האָבן נישט פאַר ווענען צו שפּילן זייער „נאַטאַלקע פּאָלטאַווקע", האָבן זיי געוואָלט ברענגען שאָדן די יידן.

עס איז געוואָרפן געוואָרן דער געדאַנק:

— לאָמפּן, לאָמיר ברענגען לאָמפּן און להכעיס די אַנטיסעמיטן דורכפירן די פאָרשטעלונג.

דער געדאַנק איז געפעלן געוואָרן. איניקע אָרדנערס זענען זיך צעלאָפן איבער די בתי מדרשים און אין אַ שעה אַרום איז שוין די בינע געווען

באַלויכטן פון די בליץ־לאַמפּן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן אינאיינעם מיט די הענגערס.

מיר האָבן דעם אָונט געשפּילט מיט אַ סך האַרץ, מיט אַ גוט געפיל פאַרן דאַנקבאַרן פובליקום, וואָס האָט אונדז אויפגענומען מיט אַזויפיל ענטוזיאַזם. חנה איז געלעגן אויפן גראָז איינגעהילט אין איר שלאָף. איך, דער וואַלד־קייסער האָב זי געוועקט פון שלאָף מיט קושן. איך האָב זי דאַן געקושט מיטן גאַנצן האַרצן. מינאַ האָט געזונגען פּרצס ליד: „רבונו של עולם, נאָך ווייניק געליטן ?".

אמתע טרערן זענען גערינען איבער איר פּנים און איר קול איז געווען אַזוי מעלאַדיש, מיט טיפן טרויער, וואָס האָט פאַרכאַפּט די נשמה.

מיין „משוגענער אין שפּיטאָל" האָט אַרויסגערופן הילכיקע געלעכטערס, געמישט מיט טרערן פון טיפן מיטגעפיל. „צוריק, צוריק אין די וועלדער !" — האָב איך אויסגערופן צו די מענטשן, וואָס שטייגן איבער די חיות מיט זייער אַכזריות, כיטרעקייט און שפלות.

אַ יום־טוב אין שטעטל

אין טאַרטשין האָבן די קרעמער פריער ווי שטענדיק פאַרמאַכט די קראָמען. די אַרבעטער האָבן באַצייטנס פאַרענדיקט די אַרבעט, כאָטש עס איז נאָך געווען אַ שעה צוויי פאַר ליכט־צינדן. ביי אַלעמען האָט זיך געפילט אַ געהויבענע שטימונג. די קולות אין דער איינציקער שוויץ־באָד זענען געווען העכער ווי שטענדיק. אַלע האָבן זיך געאיילט אַהיים, וואָס גיכער אָנטאָן די שבתדיקע מלבושים און לויפן מקבל־פּנים זיין די „יידישע אַרמיי".

דאָס האָבן זיי אָפּגעוואַרט מיין „גדוד המימי", וואָס האָט מוצאי־שבת געדאַרפט אויפשפּילן פאַר זיי דעם „וואַלד־קייסער" מיט אַ צוגאָב פון אַ גרויסן קאָנצערט.

מיר, די פופצן שומרים און צוויי שומרות, מינאַ און סאָניאַ, זענען

געפּאָרן אויף צוויי פויערישע פורן פון לוצק. דאָס איז געווען צוואַנציק קילאָמעטער טרייסלענדיקע וועגן פון נישט געפּורעמטע שטיינער, פאַר־דעקטע מיט אָנגעיאָגטע זאַמדן.

אַ צוויי קילאָמעטער פאַרן אָנקומען קיין טאָרטשין, האָבן מיר ביי אַ ברונעם זיך אָפּגעוואַשן, איבערגעטאָן זיך אין די שומרישע, פּריש־אָנגעקראָכמאַליעטע לייוונטענע ווייסע מלבושים. איך, דער ראש הגדוד, ווי געוויינלעך, אין גרינעם מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיט געקרייציקטע רימענס און מיט די קאָלירקע לענטעס אויפן רעכטן אַקסל. אין ריטם פון די באַראַבאַן־קלעפּ, וואָס זענען דערגאַנגען פון פאָרנט, האָבן מיר געשפּאַנט ווי אמתע זעלנער. פונדערווייטנס זענען צו אונדז דערגאַנגען הילכיקע אויסרופן:

„זיי גייען, זיי קומען אָן".

מיט צוויי פענער פון פאָרנט: די פּוילישע און די ווייס־בלויע מיטן מגן־דוד אין דער מיט, האָבן אונדז מקבל־פּנים געווען די טאָרטשינער. דער קבלת־פּנים איז געווען אַ רירנדיקער. דער פּרעזעס פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע האָט אויסגערופן אויפן קול:

„ברוכים הבאים!"

יונגע און אַלטע, מיט צעשטראַלטע און צעשמייכלטע פּנימער, האָבן איבערגעחזרט דעם רוף. די שומרים זענען געשטאַנען אויף דער קאָמאַנדע „הקשב" מיט די שטעקנס איןביידע הענט, אָנשטאָט ביקסן.

דער עולם האָט זיך צעטיילט אין אַ שפּאַלער און דורכגעלאָזט די מאַרשירנדיקע. אין אָנהויב זענען זיי אונדז נאָכגעגאַנגען אין טאַקט. אָבער באַלד זענען זיי אָפּגעשטאַנען און זיך צעגאַנגען אין די היימען, ווייל עס איז אָנגעקומען די צייט פון ליכט־בענטשן און קבלת שבת.

די פורן זענען אַריינגעפאָרן אין ערשטן הויז פון שטעטל, צו די רויזנגאַרטנס. אַ לאַנגע, איינשטאָקיקע הילצערנע געביידע מיט אַ פּרישן שינדל־דאַך. די זאַכן, די דעקאָראַציעס מיטן גאַנצן רעקוויזיט האָבן מיר געלאָזט אין פאָדערהויז. דער אויפגעקאָכטער סאַמאָוואַר איז שוין געשטאַנען אויפן טיש, אָבער מיר זענען געווען שטאַרק דורשטיק און זיך אָנגעטרונקען מיט קאַלט וואַסער. אויפן טיש האָבן געברענט צוויי גראָבע ליכט אין

זילבערנע לייכטער. עס איז אָבער נישט געווען ווער עס זאָל איבער זיי בענטשן. די באַלעבאָסטע מיט איר עלטערער טאָכטער זענען גראָד געווען אין לוצק. אין דער היים זענען געבליבן העלענאַ מיט איר ברודערל.

לאַנג האָבן מיר זיך נישט פאַרהאַלטן. אין פיר רייען זענען מיר אַוועק אין שול אַריין, מקבל שבת זיין. וועגן האָטעל, עסן און נאַכטלעגער, האָבן מיר פאַרשפּאָרט צו זאָרגן. ביים באַגעגענען אונדז האָט דער פּרעזעס געמאָלדן, אַז אין שטעטל זענען נישטאָ קיין האָטעלן, קיין רעסטאָראַנען און יעדער וועט נאָכן דאַווענען מיטגיין, ווי אַמאָליקע רעקרוטן, מיט זיין באַשטימטן באַלעבאָס אַהיים און פּראַווען מיט אים שבת. די שומרות זענען אַוועק צו מאַניען, דעם טאָרטשינער שוחטס טאָכטער.

אין שול האָט יעדער באַשטימטער באַלעבאָס פאַרבעטן זיין גאַסט צו זיך, שטיין נעבן אים, דערלאַנגט אים אַ סידור און אומבאַמערקט אַפילו זיך איינגעהערט צו דער עברי פון זיין גאַסט. נאָכן דאַווענען זענען זיך אַלע צעגאַנגען איבער די הייזער.

מיין קוזין, אליעזר גייבער, וואָס האָט געוווינט מיט זיין פאַמיליע אין טאָרטשין איז אין שול נישט געווען, בין איך טאַקע נאָכן דאַווענען אַוועק צו דער גאַסטפריינדלעכער העלענע.

איך בין געווען מיד פון וועג, האָבן מיר אויף שנעל אָפּגעגעסן די שבת־דיקע פיש, וואָס העלענאַס מאַמע האָט צוגעגרייט. איך האָב העלענאַן פאַרגעשלאָגן זי זאָל פאַרטרעטן חנהן, וועלכע איז נישט מיטגעפאָרן מיט אונדז, שפּילן די ראָל פון דער שלאָפנדיקער אויפן גראָז, ביז דער וואַלד־קייסער וועקט זי אויף. העלענאַ מיט איר עלטערער שוועסטער האָב איך געקענט נאָך פון לוצק. קיין טאַטן האָבן זיי נישט געהאַט. נאָכן טויט פון איר מאַן איז די מוטער געבליבן ביי איר חלק אין דער מיל און האָט געשיקט אירע טעכטער לערנען קיין לוצק.

העלענאַ איז מיר געווען דאַנקבאַר פאַרן כבוד, וואָס איך טייל זי אויס פון אַנדערע מיידלעך פון שטעטל. נאָר פּלוצלינג איז אַריינגעקומען אַ הויכער בחור, אַריין שאַ־שטיל, אַן אַ גוט־שבת און מיט אַ ווונק מיך אַרויסגערופן פון צימער. ער האָט מיר דערקלערט:

— העלענאַ איז אַ יונג מיידל, כמעט אַליין אין שטוב. אויב איך וועל

בלייבן נעכטיקן ביי איר, וואָס וועט מען זאָגן אין שטעטל? צי האָב איך רעכט צו וואַרפן אַ פלעק אויף זיך און אויף מיינע שומרים?

איך האָב איינגעזען אַז ער איז גערעכט. ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך, ווו עס איז שוין געווען אויסגעבעטן פאַר מיר אַ געלעגער.

דער צוזאַמענטרעף איז פאַרגעקומען אין דער פרי, ביי העלענען אין הויף. אַלע אויסגעשלאָפענע, צופרידענע, האָבן מיר מאַרשירט אין שול אַריין, וואָס איז געווען פול איבער די ברעגעס מיט מתפללים. מען האָט אונדז אויפגערופן צו דער תורה. איך האָב באַקומען מפטיר. צום צווייטן מאָל האָב איך באַוויזן ווי עס זעט אויס אַ ליטווישער מפטיר, קלאָר, מיט התלהבות, מיט אַ ניגון, דער עולם האָט זיך אַזש אויפגעהויבן פון די ערטער, כדי בעסער צו הערן.

אַ שאָד, האָב איך געטראַכט, וואָס ליבשטיין, מיין לערער, הערט נישט מיין מפטיר. אַ סך האָבן מיר געדרוקט די האַנט און געדאַנקט פאַרן נחת רוח.

דעם גאַנצן טאָג האָט אונדז נישט אויפגעהערט צו מאַטערן די זאָרג. די אויגן אונדזערע זענען געווען געוואַנדן צום הימל. יעדער וואָלקן האָט אונדז געשראָקן: צי וועט נישט פאַלן קיין רעגן?

די פאָרשטעלונג האָט געדאַרפט פאָרקומען ביי ריימערן, אין דער נישט פאַרענדיקטער כאַטע, אָן אַ דאַך. די אוקראַינער האָבן שוין דאָרט געהאַט אויפגעפירט אַ פאָרשטעלונג „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ", אַפילו אויסגעבויט אַ העכערע בינע און אויפגעשטעלט צייטווייליקע בענק פון לאַנגע ברעטער. ביז עס וועט זיך נישט באַווייזן דער ערשטער שטערן טאָרן מיר נישט פאַרקויפן קיין בילעטן. אַ רעגן קאָן אונדז רואינירן.

אויף אונדז האָט אָבער געוואַרט נאָך אַן ערגער אומגליק, וואָס איז געקומען אין גאַנצן אומגעריכט.

דער בחור פאָדיבאַק איז געקומען צו לויפן נאָכמיטאָג אַ פאַרסאָפּעטער און אין איין אָטעם געמאָלדן:

— די אוקראַינער זענען געקומען צענעמען די בינע און די בענק.

מיר האָבן געכאַפּט די שטעקנס אין די הענט און געלאָפן אין דער ריכטונג צום „טעאַטער". דאָרט האָבן מיר שוין געטראָפן אַן עולם, צווישן

זיי טרעגער און קצבים — די שטאַרקע פון שטעטל. זיי האָבן געפּרוווט מיט גוטן אָפּריידן די אוקראַינער, וואָס זענען געווען ווייניקער אין צאָל, זיי זאָלן עס נישט טאָן. דער איינציקער אוטשאַסטקאָווי פון דער פּאָליציי איז שוין אויך געווען אויפן אָרט. ער איז געווען אויף ביידנס צדדים: די אוקראַינער זענען גערעכט — די ברעטער זענען זייערע. די געסט זענען גערעכט — זיי האָבן נישט קיין אַנדער טעאַטער. נו, דאַרף מען אויסקומען צווישן זיך. דאָס האָט געקאָסט דריי פלעשלעך בראָנפן מיט צובייסעכץ.

מיטן ערשטן שטערן האָבן מיר געעפנט די קאַסע. עס האָט זיך אויס־געשטעלט אַ לאַנגע ריי, דער קאַסירער האָט געשוויצט, אַזש געסאָפּעט פון שנעלן פאַרקויפן.

אָנגעטאָן אין די מלבושים פון וואַלד־קייסער, מיט דער ווייסער לאַנגער באָרד און געדיכטע גרויע ברעמען, האָב איך זיך אַרומגעדרייט אויף דער בינע. די בליך־לאָמפּן האָבן געברענט ליכטיק. העלענאַ אין איר ראָז־זיידן קלייד איז שוין גרייט געווען לייגן זיך אויפן גראָז און שלאָפן, ביז זי וועט באַקומען דעם שטאַרקן קוש פונעם וואַלד־קייסער. אויף דער סצענע האָט זיך באַוויזן דער פרעזעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין טאַרטשין. ער האָט געבעטן ביי מיר אַ דערלויבעניש צו העכערן די פּרייזן פון די בילעטן. אין אָנהייב האָב איך זיך קעגנגעשטעלט, אָבער זיינע אַרגומענטן וועגן שטיצן די יידישע אַרמיי האָבן מיך איבערצייגט. די הכנסה איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. אין פּאַרטער, ביי דער סאַמע בינע האָבן זיך צעזעצט אויף אָריינגעבראַכטע פאָטעלן די ריימערס, די באַלעבאַטים פון זאַל. דעם כבוד האָבן זיי זיך פאַרדינט, ווייל קיין געלט פאַרן זאַל האָבן זיי נישט גענומען.

ערשט אַרום צען אַ זייגער האָבן מיר געעפנט דעם פאָרהאַנג. די שפּילער זענען געווען נישט קיין שלעכטע, די צושויער נאָך בעסערע. זיי זענען געזעסן אויף די שמאָלע נישט געהיבלעוועטע ברעטער, ענג איינער צום אַנדערן. אויף די קראָקוועס פון דאַך האָבן זיך צעלייגט אָן אַ שיעור יאַטן, עס האָט געדראָט זיי זאָלן זיך איבערברעכן.

צום שטאַרקסטן זענען דעם עולם געפעלן די גימנאַסטישע איבונגען

און די פּיראַמידן. מינאַ און סאָניאַ האָבן צוגעגעבן צו זייער רעפּערטואַר אויך אַן אוקראַיִניש ליד, וואָס זיי האָבן געזונגען אין צווייען.

עס איז שוין געווען צווישן אַ זייגער ביינאַכט, ווען איך האָב געדאַרפט אויפטרעטן מיט מיין „משוגענעם אין שפּיטאָל“. מיר האָט זיך פאַרגלוסט טרינקען, אין האַלדז איז מיר געווען טרוקן. העלענאַ האָט מיר געבראַנגט אַ קרוג מיט הייסע מילך, וואָס איך האָב זשעדנע געטרונקען.

צומאָרגנס אין דער פרי האָבן מיר, נישט אויסגעשלאָפענע, געמאַכט אַ שפּאַציר איבערן שטעטל, ווו די איינוווינער האָבן אונדז אָפּגעוואַרט אויף די גאַסן, באַגריסט אונדז מיט אָוואַציעס. איך האָב אַן אויפהער סאַלוטירט. אַן אומפאַרגעסלעכער יום־טוב פון די יונגע שומרישע יאָרן.

די פאַרמעסטן

די פאָרשטעלונג „דער וואַלד־קייסער“ האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייטן איינצושאַפן זיך צוויי גרויסע שיפלעך. דער אַלטער הינקענדיקער בעני, דער גרעסטער וואַסער־אונטערנעמער אין לוצק, האָט זיך אונטער־גענומען אונדז צו באַזאָרגן מיט שיפלעך פאַר אונדזער „פּלאַט“. ער אַליין האָט פאַרמאָגט אַ הויז ביים סאַמע ברעג פון טייך, עטלעכע הילצערנע „קופּאַלנעס“ באַזונדער פאַר מענער און באַזונדער פאַר פרויען, אַפילו נומערן פאַר איינצלנע פערזאָנען און אויך פאַר פּאָרלעך, מאַן און ווייב.

בעני האָט פאַרמאָגט צענדליקער שיפלעך, אָפּגעפאַרבטע אויף בלוי, פּילפּערזאַניקע מיט צוויי רודערס און איינער צום קערעווען, קליינע פאַר איינצלנע פערזאָנען „דושעגובקעס“.

חוץ בענין האָט אויך דער פּאָליאַק עליאַשאַ פאַרמאָגט „קופּאַלנעס“ און שיפלעך צו פאַרדינגען. דאָס איז געווען אויף דער צווייטער זייט שטאָט, הינטער דער טורמע. די ייִדישע יוגנט איז גערנער געגאַנגען אַ ביסל ווייטער צו בענין, באַשטימט „זעאונגען“ ביי „בעניס“ בריק און „געקאַטאַיעט“ זיך אויף בעניס לאָדקעס.

אונדזערע שיפלעך האָבן געדאַרפט זיין גאָר אַנדערע, טיפערע, פעסטערע, ביי דער „נאַז" העכער, צו צוויי פאַר רודערס, לאַנגע און לייכטע, וואָס דרייען זיך ווי אויף שרויפן, אַ סך באַקוועמע פלעצער און אויף דער צווייטער זיין „נאַז" — דער מעכאַניזם צו קערעווען דאָס שיפל.

בעני האָט אויף געוואָלט צולייגן אַ האַנט צום יידישן „פלאָט", און באַלוינונג, האָט ער דערפאַר גענומען אויף זיך די מיסיע צו באַשטעלן די שיפלעך און אַכטונג געבן, מען זאָל אונדז נישט אָפּנאַרן אויף דער קוואַליטעט און מיטן פּרייז.

אינטערעסאַנט, אַז דער פּוילישער מאַכט האָט פאַרדראָסן, וואָס מען רופט די לאַנגע בריק, וועלכע פאַראייניקט דעם צענטער פון שטאָט מיט דער קראַסנער געגנט „בעניס בריק". וויסנדיק, אַז די באַפעלקערונג וועט נישט אָננעמען קיין אַנדערן נאָמען, זענען זיי געפאַלן אויף אַ כיטרע המצאה און האָבן די בריק אַ נאָמען געגעבן נאָכן פּוילישן גענעראַל בעם.

די פריש געפאַרבטע שיפלעך פון „גדוד המימי" זענען מיט גרויס פאַראַד און פּאָמפּע אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אויף די וואַסערן פון סטיר. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אונדזערע אָפטע מאַנעווערס, אויספלוגן אויף לאַנגע קילאָמעטערס, מיטן שטראָם און קעגן שטראָם. הילכיקע געזאַנגען פון אונדזערע מאַטראָזן האָבן פאַרהילכט די לופט. אַמאָל האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ מאַסן־פאַרמעסט פון שווימען מיטן שטראָם אויף אויסדויער. אָנטייל־גענומען האָבן אַ 60 שווימערס. מיר זענען געשוווּמען פּאַוואָליע, שפּאָרנדיק די כוחות, מיט אַלע שווים־סטילן. וואָס מער מיר האָבן זיך דערווייטערט פון דער שטאָט, אַלץ מער שווימערס האָבן איבערגעריסן דעם פאַרמעסט און אַרויס פון וואַסער. אייניקע פון זיי זענען אויפגעכאַפּט געוואָרן פון אונדזערע מאַטראָזן אויף די שיפלעך, ווו מען האָט זיי דערמונטערט מיט מיענטע און וואַלעריאַן־טראָפּנס. ווען מיר זענען צוגעקומען צום דאָרף ווישקאָוו, זענען פאַרבליבן ווייניקער ווי אַ צענדליק שווימערס. שפּעטער, ביי זשידיטשין — נאָר צוויי עקשנים: איך און דער „וויצע־אַדמיראַל" בנימין דער קאַלקער. ביידע, בלויע און ציטערנדיקע פון קעלט, זענען מיר דערשעפּטע געלעגן מיטן פּנים אַרויף, כמעט אָן באַוועגונג, לאָזנדיק זיך אויפן באַראָט פון דעם שטראָם.

ערשט ווען מירביידע האָבן זיך אַנערקענט פאַר גלייכע זיגער אין דעם פּאַרמעסט, האָבן אונדז די חברים אַרויסגעצויגן פון וואַסער, מיט פאַרשטאַרטע הענט און פיס.

ביים צווייטן שווים־פּאַרמעסט אויף שנעלקייט, אויף אַ מרחק פון אַ קילאָמעטער, איז די לאַגע געווען נאָך ערגער.

די הענט און פיס אַרבעטן שנעלער. דער קאָפּ איז כמעט די גאַנצע צייט אין וואַסער, בלויז אויף איניקע סעקונדן הויבט ער זיך אויף איבערן אויבערפלאַך, כדי איינצואָטעמען פרישע לופט. דאָס האַרץ איז אין גאַנג. וואָס שנעלער די באַוועגונגען — גויטיקט זיך דאָס האַרץ אין אַלץ מער זויערשטאָף. ווען איך בין דערפאַר דער ערשטער צוגעקומען צום ברעג, האָב איך לחלוטין נישט געפילט דעם טעם פון נצחון. די אויסגעשרייען און אָוואַציעס לכבוד מיין זיג זענען כמעט נישט דערגאַנגען צו מיר. איך בין געווען באַזיגט דורך מיינע פאַרגליווערטע גלידער און בין נישט געווען אימשטאַנד אַרויסצוגיין פון וואַסער מיט די אייגענע כוחות.

שפּעטער, ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך געטראַכט, אַז די פּאַרמעסטן זענען נישט קיין ספּאָרט, דאָס איז דער היפוך פון ספּאָרט. קיין געזונט גיבן זיי זיכער נישט צו — צו וואָס טויגן זיי?

דער שטילער קוש

אַלע די, וואָס האָבן געהערט צום ענגן קרייז פון אונדזער קאָמפּאַניע, זענען געווען מיטגלידער פונעם יינגן דראַמאַטישן קרייז. אָבער נישט אַלע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין קרייז, האָבן געהערט צו אונדזער היימישן קרייז, פונקט ווי בלויז איניקע פון די דאָזיקע בחורים זענען געווען שומרים פון גדוד המימי.

דרייצן זענען מיר געווען, זעקס מיידלעך און זיבן יינגלעך. איך בין געווען דער נישט געקרוינטער פירער פון דער קאָמפּאַניע. איך בין געווען דער רעזשיסער פון דראַמקרייז. דער „ראש הגדוד המימי״, דער פאַר־

לייענער אויף יידיש און רוסיש. איך בין געווען דער שליח ציבור פון די מיידלעך און פון די יינגלעך. מיט דער צייט האָבן זיך געשאַפן פּאָרלעך, באַזונדערס בשעת די אָוונט־שפּאַצירן. איך בין געווען דער דריטער פון יעדן פּאָרל, וואָס כ׳האָב נאָר געוואָלט. אויב עמעץ פון די בחורים איז אַמאָל נישט געקומען, בין איך געווען דער נאַטירלעכער פּאַרטרעטער זיינער. איך האָב געגנאָסן פון זייער צוטרוי. מערסטנס פלעגט זיך פאַר מיר קלאָגן שמואליק דעם שוחטס בן־יחיד, הלמאי מינאַ ענטפערט נישט אָפּ אויף זיינע ליבע־געפילן. אויף זיין ביטע האָב איך אָנגעשריבן צו איר אַ ליבע־בריוול, אין ראָמאַנטישן סטיל פון פושקין און לערמאָנטאָוו.

שמואליק איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער אָנהענגער פון שטאַרקע עמאָציעס און ביי דער געלעגנהייט פון איבערגעבן איר דאָס בריוול האָט ער זיך געשטעלט פאַר איר אויף די קני, געבעטלט כאָטש אַ ביסעלע ליבע... מינאַ, מיט אַ לייכטן שמייכל אויף די ליפן האָט אים אויסגעהערט און געשוויגן. דאָס האָט אים ווייַ געטאָן און, ווי אויף צו להכעיס דער איינ־געעקשנטער מינאַ, איז ער ביי אַכצן יאָר געוואָרן אַ חתן פאַר אַ ווילקער מיידל, וועמענס עלטערן האָבן געהאַט אַ שענק און אַ היפשן נדן פאַר זייער טאָכטער. דעם ערשטן טאָאַסט אויף זיינע תנאים, האָט געהאַלטן מינאַ. זי האָט אים געווונטשן גליק מיט זיין באַשערטער. אין עטלעכע יאָר אַרום איז שמואליקן שוין שווער געווען צו דערקענען. אַליין אַ שוחט אין דעם ווייטן שעכטהויז, אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, מיט באָרד און פאות, האָט ער שוין אויסגעזען ווי פון דרייסיק יאָר. ער האָט געהאַט עטלעכע קינדער. אַ העלפט פון זיין לעבן האָט ער פאַרשפּילט נאָך איידער די היטלעריסטישע מערדער האָבן אים דערהרגעט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע.

צוויי פאַרליבטע פּאָרלעך פון אונדזער קאָמפּאַניע איז געוואָרן ענג ביי אונדז. זיי האָט געפעלט די באַדינגונגען פאַר דעם, וואָס אין יענע צייטן האָט מען זיך נישט דערלויבט צו טאָן בפרהסיה. די קולטור־אַרבעט, די שמועסן אויף ליטעראַרישע טעמעס זענען פאַר זיי געוואָרן שווער און איבעריק. זיי האָבן זיך צו ביסלעך אָפּגעזונדערט.

מאָטל האָט שטענדיק פאַרמאָגט געגנוג טאַשנגעלט און האָט זיך געקאָנט דערלויבן מיט זיין שיינע צו גיין אויף יעדן נייעם פילם, אַריינכאַפּן זיך אין

אַ באַר אויף אַ גלעזל קאַווע אָדער אייזקרעם. זיין ליבע מיט שיינע לענדער איז אויך זיינע עלטערן געווען צום האַרצן. ווי האָט זיי, די קצבים, רייכע שותפים פון שעכטהויז, נישט געקענט געפעלן די בלאָנד־האָריקע שיינע מיט די תמיד שמייכלענדיקע ליפּן און אויגן. דערצו איז זי דאָך געווען פון דער מיוחסדיקער פאַמיליע לענדער און ווייץ, די פּאָפּולערסטע, בכבודיקסטע ציוניסטן און כלל־טוער אין לוויצק.

זיי האָבן פּאָרויסגעזען, אַז שיינעס עלטערן וועלן נישט דערלאָזן צום שידוך. נו, האָט מאָטל נאָך פאַרן שטעלן זיך צום פּריזיוו און איידער שיינע האָט געענדיקט די יידישע גימנאַזיע, געמאַכט מיט איר א ויברח קיין לובלין, אין דער שטיל און אויף גיך געשטעלט אַ חופּה.

שיינעס עלטערן האָבן סוף־כל־סוף געמוזט זיך איבערבעטן מיט דער טאָכטער און איידעם. ווי עס זאָל נישט זיין, האָט שיינע געהאַנדלט נאָך בעסער פון איר קוזינקע, סאָניע בראַנפן. יענע איז גאָר געוואָרן אַ קאַטאָליקין, חתונה געהאַט מיט אַ פּוילישן באַאַמטן און געוואָרפן אַ פלעק אויף אירע בכבודיקע משפחות.

בלויז געציילטע פון די משפחות זענען עולה געווען קיין ישראל. די איבעריקע און אויך שיינע מיט מאָטלען זענען געפאַלן קרבנות פון די היטלעריסטישע מערדער.

דאָס צווייטע פּאָרל, יאָסקע מיט עטקען האָבן חתונה געהאַט און לעבן נאָך ביז היינט מיט זייערע זין און טעכטער אין דרום־אַמעריקע.

ווי נאָר שמואליק דעם שוחטס איז געוואָרן אַ חתן, האָב איך פאַרנומען זיין אָרט נעבן מינען אויף די שפּאַצירן. אונדזער קאָמפּאַניע איז פאַרקלענערט געוואָרן אין דער צאָל, אָבער אין דער זעלבער צייט זענען מיר באַרייכערט געוואָרן אין אינהאַלט. כמעט יעדן אָוונט האָבן מיר געלייענט אַ ליטעראַריש ווערק: שלום עליכמען, ביאַליקן, לערמאָנ־טאָוון, חוץ דעם האָבן מיר נאָך געמוזט לייענען פאַרשידענע ווערק אַלס שילער פון די העכסטע גימנאַזיע־קלאַסן.

אומגעריכט איז געקומען דאָס אומגליק אויף מינען און אירע עלטערן. זיי האָבן באַקומען אַ טעלעגראַם פון ראָוונע. פייגע, דעם ברודערס ווייב, האָט געמאָלדן: „יוסף איז אַרעסטירט. ראַטעוועט“.

מינעס פֿאָטער איז באַלד אַרויסגעפֿאָרן קיין ראָוונע. ס'איז שוין אָבער געווען שפּעט. די פּוילישע מיליטער־מאַכט האָט יוספֿן פֿאַרנומען אין זיין הויז, אָפּגעפֿירט אין טורמע און דאָרט אויפֿן הויף אים דערשאָסן, אָן שום אויספֿאָרשונג, אָן אַ משפּט.

דער הויכער שיינער מאַן, טאַטע פֿון צוויי טעכטער, איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿון אַ מסירה, אַז ער האָט געדינט ביי די באָלשעוויקעס.

יוסף איז געווען אַ דיפּלאָמירטער לערער אין וואַרשע, נאַציאָנאַל געשטימט, פֿאַרליבט זיך אין זיין קוזינקע, אַ מיידל פֿון קלעוואַן, חתונה געהאַט מיט איר. אין יאָר 1914 איז זיי געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע, סימע, מיט העל־בלויע אויגן און בלאָנדע האָר, אַ שטיפֿערין, אַ זינגערין, אַ פֿרייד פֿאַר טאַטע־מאַמע.

די מלחמה האָט זיי פֿאַרהאַלטן אין קלעוואַן, ווו ער איז געגאַנגען זוכן אַרבעט אין איינער פֿון די אַנשטאַלטן, אונטער סאָוויעטישער הערשאַפֿט. ווען די רויטע האָבן פֿאַרלאָזט וואָלין וואָלט ער אפֿשר געווען אַנטלאָפֿן, אָבער זיין ווייב איז דעמאָלט געווען שוואַנגער און האָט טאַקע באַלד געבוירן אַ מיידעלע, לאָלע. דער טאַטע האָט אַפֿילו נישט באַוויזן זיך אָנצופֿרייען מיט זיין ניי־געבוירענער טאָכטער.

ווי אַ דונער אינמיטן העלער טאָג איז די שוידערלעכע ידיעה געפֿאַלן אויף דער מאַמען, שוועסטער, און עלטערן ברודער. די מוטער, אַ פֿילבאַרע און געטרייע, האָט געהאַט הינטער זיך גרויזאַמע איבערלע־בונגען. אין יאָר 1908 איז איר מאַן אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע זוכן גליקן, איבערגעלאָזט זי אַליין מיט צוויי זין און אַ טאָכטער, וועלכע זי האָט געדאַרפֿט באַשפּייזן און דערציען. ווען זיי זענען אויסגעוואַקסן האָט זי די זין געדאַרפֿט „אויסקויפֿן פֿון גויאישע הענט", פֿון פּריזיוו. האַרט פֿאַר דער מלחמה איז איר מאַן געקומען צוריק מיט ליידיקע קעשענעס. אין יאָר 1915 האָבן די דייטשן אין ראָזישטש פֿאַרברענט איר געוועלב מיט סחורה און איר דירה. דער לעצטער קלאַפּ האָט חיה־רבקהן אינגאַנצן דערשלאָגן און געוואָרפֿן צו בעט.

מינעס ברודער, זלמן, אַ טאַטע פֿון אַ זון, האָט באַקומען אַ נערוון־דערשיטערונג, וואָס איז בהדרגהדיק איבערגעגאַנגען אין מעלאַנכאָליע.

דער פּריערדיקער כּלל־טוער, דער פּועלי־ציוניסט, דער אַקטיווער טוער און רעדנער אין דער צייט פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כּבד־פּה, מיט פֿאַרשלאָפֿענע, טרויעריקע אויגן, גלייכגילטיקע צו אַלץ אַרום.

אין יענער שווידערלעכער לאַגע האָט מינע אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט. צוויי יאָר איז זי כּמעט נישט אָפּגעטרעטן פֿון איר קראַנקער מוטער, געריבן, געקאָכט, געבאַקן און געוואַשן. זי האָט אויך געדענקט אינעם טאַטן, וואָס האָט געהאַנדלט מיט ווורשט, באַזאָרגט אים מיט עסן און מיט אַלץ, אין וואָס ער האָט זיך גענויטיקט. אויך זלמנען און זיין ווייב באַסקין האָט זי געהאָלפֿן. דערביי האָט מינע נישט איבערגעריסן אירע לימודים אין דער קאָלענקאָ־גימנאַזיע.

איך האָב געפֿילט פֿאַר מיין חברישן חוב צו העלפֿן מינען מיט אַלעם וואָס איך האָב געקענט, צוגרייטן די לעקציעס, נישט לאָזן זי אַליין נאָך דער שווערער אַרבעט. איך האָב זי ווי מיט כּוח אַרויסגעשלעפּט כּמעט יעדן אָוונט אויף אַ שפּאַציר, געשמועסט מיט איר וועגן אַ דערציילונג, וועלכע מיר פֿלעגן צוזאַמען איבערליינען.

איך האָב באַוווּנדערט איר מוט, איר גרייטקייט צו קרבנות, איר פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער שווערער לאַגע אין שטוב. איך האָב עס איר קיינמאָל נישט געזאָגט, אָבער זי האָט מסתּמא געפֿילט מיין באַוווּנדערונג, מיין צאַרטע באַציִונג צו איר.

ערשט, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אינעם שמאָלן געסל, ווו זי האָט געוווינט, האָבן זיך ביים געזעגענען אונדזערע ליפּן פֿאַראייניקט אין אַ שטילן, לאַנגן קוש. דער קוש האָט צוגענומען ביי מיר דאָס לשון, דעם אָטעם און אַרויסגערופֿן אין מיר אַ דערהויבענעם און אומפֿאַרגעסלעכן עקסטאַז.

יואל פערעל

חטאת נעורים

די כאַראַקטער־שטריכן פון אַ מענטש לאָזן זיך בולטער דערקענען ביי ספּאָנטאַנע האַנדלונגען אין באַשטימטע סיטואַציעס, וואָס קומען אומ־געריכט און לאָזן נישט איבער קיין צייט אויף צו באַטראַכטן זיי. דער 16־17־יאָריקער בחור אָדער מיידל האַנדלען דעמאָלט מער לויטן אינסטינקט און אין איינקלאַנג צו זייער כאַראַקטער. דערפאַר האַלט איך פאַר ריכטיק צו דערציילן דאָ וועגן עטלעכע אַזעלכע עפּיזאָדן:

נאָך אונדזער גרויסן דערפאָלג, מאָראַלישן און מאַטעריעלן, אין טאָרטשין, זענען מיר, די מיטגלידער פון „גדוד המימי", אַהיימגעפאָרן קיין לויצק צופרידענע, פול מיט דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג פאַר די טאָרטשינער, וואָס האָבן אונדז אַרויסגעוויזן אַזויפיל וואַרעמע אויפמערק־זאַמקייט און אַפילו דרך ארץ.

אין עטלעכע טעג אַרום איז צו מיר געקומען אַ מיידל פון טאָרטשין און איבערגעגעבן מיר אַ בריוו, זאָגנדיק דערביי מיט אַ פאַרטרויילעכער מינע: „אין אַ צוויי טעג אַרום וועל איך קומען נאָך אַ תשובה". נאָך איידער איך האָב באַוויזן אויפצורייסן דעם פאַרמאַכטן קאָנווערט, איז זי אַוועק.

איך עפן אויף דעם קאָנווערט, אין אים ליגט נאָך איינער, אַ בלויער, אַרומגעבונדן מיט אַ רויט זיידן סטענגעלע. נאָכן עפענען דעם צווייטן קאָנווערט, האָב איך אַרויסגענומען אַ העל־גרינעם קאָנווערט מיט אַ רויט סטענגעלע אַרומגעוויקלט. ערשט אין אים איז געלעגן אַ לאַנגער בריוו, געשריבן אין רוסיש, מיט אַ גלייכער כמעט קינדערישער האַנטשריפט.

„מיין איינציקער און געליבטער!" — מיט די ווערטער האָט זיך אָנגעהויבן דער בריוו און דערנאָך זענען אַוועק טענות, הלמאי איך בין גאָר געקומען קיין טאָרטשין, כדי צו רויבן די רו, דאָס האַרץ און די ליבע פון אַן אומגליקלעך מיידל, ווי זי איז, אַן אומגליקלעכע יתומה. ניין, נישט מיט קיין טענות קומט זי צו מיר, נאָר מיט אַ פילנדיק האַרץ, טרייסט און האָפענונג, אַז אויך איך בין נישט גלייכגילטיק צו איר, אַ סימן דער פלאַמיקער קוש, וואָס זי האָט פון מיר באַקומען, נאָכדעם ווי זי האָט ביי

אַ שכנה אַרויסבאַקומען, אינמיטן דער נאַכט, אַ הייס קריגל מילך. זי האָפט, אַז מיין ענטפער וועט זיין אַ באַלדיקער און אַזעלכער, וואָס עס זאָגט איר פאָרויס איר האַרץ. זי קושט און דאַנקט. „דיין העלענאַ״.

אין אָנהויב האָט דער בריוו אויף מיר נישט געמאַכט קיין איינדרוק. דאָס איז איינער פון די בריוו, וואָס איך פלעג שרייבן פאַר אַנדערע, אָבער ענטפערן דאַרף איך און באַלד, ווייל מאָרגן וועט דאָס מיידל קומען נאָכן ענטפער. איך האָב נאָך אַמאָל איבערגעלייענט דעם בריוו און מיר האָט זיך געגומען אויסווייזן, אַז איך האָב אַ טעות, אַ נאַיִוו קליינשטעטלדיק מיידל האָט זיך צום ערשטן מאָל פאַרליבט און זי ליידט. זי, העלענע, איז דאָך אַזוי גוט און מילד געווען צו אונדז אַלע. איך מוז דערפאַר זיך היטן מיט אַ וואָרט, וואָס קען זי באַליידיקן, אַנטוישן. איך האָב אין מיין בריוו אויסגעדריקט די דאַנקבאַרקייט און פולע אָנערקענונג פאַר די טאָרטשינער בכלל און באַזונדערס פאַר אירע לייסטונגען, גאַסטפריינטלעכקייט און פיינפילעוודיקייט. — ליבע — האָב איך געשריבן — איז אַן ערנסטע זאַך, נאָר אין די ראָמאַנען פאַרליבט מען זיך פונעם ערשטן אויגנבליק. איך בין צופרידן, וואָס איך האָב אין איר דערוואָרבן אַ נייע גוטע חברטע. איך בין גרייט מיט איר זיך דורכצושרייבן, דערקענען נענטער איינער דעם צווייטן. עס איז נישט די צייט צו טראַכטן וועגן זיך אַליין, ווען אויפן מזרח האָט פאַר אונדז יידן אויפגעשיינט דער מאָרגנשטערן און עס איז געקומען די צייט פון גרייטן זיך צום שווערן, שאַפנדיקן לעבן אין ציון.

אין אַ וואָך אַרום האָב איך באַקומען אַ צווייטן בריוו, אַ קירצערן, מיט אַ „געלעגנהייט״. דער בריוו האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַ ציטער, העלענאַ האָט געדראָט מיט באַגיין זעלבסטמאָרד.

איך האָב זיך אָוועקגעזעצט שרייבן אַן ענטפער און עס האָט זיך ביי מיר באַקומען אַ בריוו פון פערזן, ווי ביי מאָריס ראָזענפעלדס „גאָט און די כנסת ישראל״: — חלילה, איך זאָג גאָרנישט אָפּ. וואָס פאָלט דיר גאָר איין. צו וואָס דאָס ליידן? צו וואָס דאַרף מען זאָרגן, ווען עס וואַרט אויף אונדזביידע אַ ליכטיקער מאָרגן?

גיי ריכט זיך, אַז מיין פּאַטעטישער ענטפער צו העלענען וועט גאָר האָבן אַן אָפּקלאַנג ביי דער יוגנט אין שטעטל. נאָך איידער זי אַליין האָט

דעם ענטפער באַקומען. דאָס מיידל, וועמען העלענאַ האָט פאַרטרויט די וויכטיקע שליחות, האָט פריער געגעבן איבערשרייבן מיין „פּאָעמע“ אַלע אירע חברטעס. דאָס האָט מיר דערציילט דער בחור פּאַדיבאַק, ווען ער איז געקומען קיין לוצק און געגעכטיקט מיט מיר אין איין צימער. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער מיר דערציילט זיין טראַגעדיע:

— מיר ביידע, איך און העלענאַ, פירן שוין אַ ליבע פון לאַנג. איך האָב זי ליב, כאָטש זי איז נישט ווערט מיין פלאַמיקע ליבע. יעדער פרישער בחור געפעלט איר, נאָר נישט איך. זי איז בכלל לייכט אין איר אויפפירונג, פאַרראַט מיך, נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב זי ליב. זינט איר זייט געקומען קיין טאַרטשין און איך האָב אייך אָוועקגענומען צו זיך נעכטיקן, קען זי עס מיר נישט מוחל זיין און טרייבט מיך פון זיך. זי האָט בכלל נישט קיין געפילן... אירע דראָונגען מיט באַגיין זעלבסטמאָרד זענען פּוסטע „מאַנעווערס“. זי האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר ווי אַ פּיאַווקע. ער האָט געהאַט מיט זיך אַ קאָפּיע פון מיין לעצטן בריוו און האָט געהאַט צו מיר צוטרוי.

מיר איז אַראָפּ אַ שטיין פון הארצן און איך האָב דעם בחור צוגעזאָגט, אַז איך וועל מער נישט שרייבן צו איר...

אין יאָרן אַרום האָב איך זיך צופעליק געטראָפן מיט העלענאַ אין וואַרשע. זי האָט שפּאַצירט אויף קופּיעצקאַ גאַס, מיט צוויי קינדערלעך, אַ יינגל און אַ מיידל ביי די זייטן. זי האָט מיך דערקענט, אָפּגעשטעלט זיך, געשמועסט און איך האָב זיך דערוווּסט, אַז מיט פּאַדיבאַקן האָט זי נישט חתונה געהאַט, נאָר מיט אַ וואַרשעווער בחור, וואָס האָט אַ פאַבריקל פון העמדער און זי לעבט מיט אים צופרידן.

*

מיט זלמן עלבירט, אַן אויסגעדאַרט בחורל, וואָס איז געווען מיט צוויי יאָר יינגער פון מיר און אַ סך נידעריקער, האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צו חברן נאָך אין מורס שול. אַלע מיינע חברים פון דער עלטערער קלאַס זענען געווען אומצופרידן, הלמאי מען האָט אַזאַ „שנעק“ אַריינגענומען צו אונדז אין קלאַס אַריין, ער האָט געוווינט אין „גאַס“, לינקס פון דער

דייטשער קירך, אין שכנות מיט מיין פעטער שאול. מיר זענען געפעלן זיינע קינדערישע שירים אין עברית, די אויסערגעוויינלעכע און שווערע ווערטער, וואָס ער האָט אויסגעפונען. אינגיכן האָבן אויך די אַנדערע חברים איינגעזען, אַז זלמן איז אַ ווערטפּולער בחור, איז מלא וגדוש, אַנגעלייענט, נישט נאָר מיט „ראָבינזאָן קרוזאָ", „דעם קליינעם קאַפּיטאַן", נאָר אויך אַ סך אַנדערע ביכער. דעם „המתמיד" ביאַליקס האָט ער געקענט פון אויסנווייניק.

מיט זלמנען פלעג איך צוזאַמען גרייטן די לעקציעס און אַלע אין שול האָבן געוווּסט, אַז יואליק און זלמן זענען די בעסטע חברים, אַז איך, דער עלטערער און שטאַרקערער, וועל אים נישט לאָזן טאָן קיין עוולה.

אין די ערשטע מלחמה־יאָרן האָבן זיך אונדזערע וועגן צעשיידט. איך בין אַוועק אַרבעטן, דערנאָך אין דער ישיבה אַריין. נאָך דער רעוואָ־לוציע האָב איך זיך ווייטער גענומען לערנען. זלמן איז אַריינגעטרעטן זיך לערנען אין דער רוסישער גימנאַזיע. נישט איינמאָל פלעג איך אים טרעפן אין גאַס אַנגעטאָן אין דעם אומגעלומפּערטן בלויען שינעל, וואָס איז געווען צו גרויס אויף אים, אין דעם היטל מיטן גלאַנציקן דאַשעק, וואָס האָט אים פאַרשטעלט די אויגן. מיר האָבן כמעט נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן. ערשט, ווען איך בין אַריינגעטרעטן אין פינפטן קלאַס אין דער רוסישער גימנאַזיע, האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט, די פריערדיקע חברשאַפט האָט זיך ווידער באַנייט. מיר זענען געזעסן צוזאַמען אויף איין באַנק און אויך דאָ איז מיר אויסגעקומען אַנצונעמען זיך פאַר אים און נישט דערלאָזן, אַז די שקצים זאָלן אים טאָן אַן עוולה. ער פלעגט קומען צו אונדז אין שטוב. ביי אונדז איז געווען גערוימער און ציכטיקער, ווי ביי זיי. אים פלעגן אָנקומען גרינגער די הומאַניסטישע לימודים. מיר — די רעאַלע. ביידן איז אונדז אָנגעקומען שווער די לאַטיינישע שפּראַך, דער „יוליוס צעזאַר", מיט די גראַמאַטישע פאָרמען. אַמאָל האָט געטראָפן, אַז מיר איז געלונגען צו באַקומען דעם „שליסל" צו יוליוס צעזאַר, די ווערטלעכע איבערזעצונג, דעם גראַמאַטישן אַנאַליז פון יעדן זאַץ באַזונדער. עס איז אַוועק אַ גאַנג. מיר פלעגן לערנען עטלעכע לעקציעס פאָרויס און אונדזער שטערן האָט אינגיכן אויפגעשיינט. אויף דער לעקציע פון

לאַטיין, ביים לערער פּיאַדאָרענקאָ, האָבן מיר אַלעמאָל געהויבן די הענט און דער לערער האָט באַוווּנדערט אונדזערע ענטפערס. אין אונדזערע טאָג־ביכער האָבן זיך באַוויזן פינפער פאַר לאַטיין.

מיין פרייד האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. מיט אַמאָל איז ביי מיר פאַרפאַלן געוואָרן דער „וווּנדערלעכער שליסל". איך האָב געניששטערט, געזוכט — אָן דערפאָלג. מיר האָט אָנגעהויבן צו גיין אַלץ ערגער אין לאַטיין. די אוקראַינער האָבן זיך געפרייט און געחוזקט פון מיינע דורכ־פאַלן. זלמן האָט זיך געהאַלטן פעסט ביי זיין „פינף". אמת, ער פלעגט מיך אַמאָל אונטערהאַלטן מיט אַ וואָרט, ענטפערן אויף אַ שווערע פראַגע, אָבער גלייכן זיך צו אים, איז געווען אוממעגלעך. איך האָב אים באַוווּנ־דערט.

טרעפט אַמאָל, אַז מיר שמועסן זיך אָפּ צו באַגעגענען נאָכמיטאָג ביי אונדז, אויף צוגרייטן זיך צו אַ קלאַסן־אַרבעט פון לאַטיין און איך האָב זיך גענויטיקט אין זלמנס הילף, ער איז נישט געקומען.

מילא, בין איך געגאַנגען צו אים, געטראַכט, אז אפשר איז ער קראַנק געוואָרן. די טיר איז ביי אים געווען פאַרמאַכט אינעווייניק. קיינמאָל איז אַזעלכעס נישט געווען, ביי אים איז שטענדיק די טיר געווען אָפן. איך האָב אָנגעקלאַפּט, איינמאָל און נאָכאַמאָל. ענדלעך האָט זיך דערהערט זלמנס שטים:

— ווער איז?

אויף מיין אָפּרופן זיך, האָב איך דערהערט ווי זלמנס שטים ווערט איבערגעשראָקן און עס האָט געדויערט אַ ווײַלע ביז ער האָט געעפנט די טיר. ער איז געווען בלאַס און נישט געקוקט מיר גלייך אין פּנים אַריין. — וואָס האָט געקענט געשען? — האָב איך געטראַכט. אָבער באַלד איז פאַר מיר אַלץ קלאָר געוואָרן. פון דעם אויוון האָט אַראָפּגעקוקט צו מיר דער „שליסל" מיט זיינע צעעפנטע בלעטלעך.

עס האָט מיר פאַרפעלט אָטעם. אָבער איך האָב זיך געמאַכט נישט ווּיסנדיק און גלייכגילטיק געזאָגט:

— זע נאָר, זלמן, דער לאַטיינישער שליסל איז דאָ!...

קיינמאָל האָבן מיר וועגן דער דאָזיקער געשעעניש נישט גערעדט. איך האָב אין האַרצן געשוווירן, אַז איך וועל פאַר קיינעם וועגן דעם נישט אַרויסברענגען קיין וואָרט...

די געשעעניש אויפן שפּאַציר

נאָכדעם ווי די פּוילישע אַרמיי האָט פאַרנומען לוצק, איז אליעזר קרישטאַלקאָ געקומען אַהער פון הרוביעשאָוו מיט זיין ווייב, פינף טעכטער און אַ בן יחיד. זיי האָבן זיך באַזעצט אין דער שטוב פון דעם אַלטן קרישטאַלקאָ, אין דער לינקער העלפט. די שטוב איז געשטאַנען ביים סאַמען ברעג פון טייך. לענגאויס דעם גרויסן פּלאַץ, וואָס האָט געהערט צו דער שטאָט, איז געשטאַנען אַן אַלטע חורבה, פיר פעסט־געבויטע ווענט פון גרויסע ציגל און קרעמנעס, די צוויי־זייטיקע ווענט האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דרייעקן. קיין דאַך איז נישט געווען. די ברייטע ווענט זענען פון אויבן געווען געדיכט באַוואָקסן מיט ווילדע גראָזן. אויך אין דער מיט איז געווען פול מיט שטעכיקע באַדיקעס און מיסט, אַן אַ שיעור מיסט.

מיר האָבן געגלויבט, אַז אין דער חורבה באַהאַלטן זיך אויס שדים, וואָס כאַכאַטשען אין די נעכט מיט ווילדע געלעכטערס. איך האָב אַליין געהערט די געלעכטערס, מעגלעך, אַז די נאַכט־פייגל, די סאָוועס האָבן זיך אַהין פאַרקליבן און געלאַכט. מיינער אַ שילער אָשר סרוליקס האָט אַמאָל אַרויפגעקלעטערט אַהין צו די סאָוועס. מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט דאָרט עפּעס באַהאַלטן, אָבער די אויפגעוועקטע סאָוועס מיט די גרויסע אויגן, וואָס זענען נאָר אין דער פינצטער, האָבן אים איבערגע־שראָקן און ער איז אַראָפּגעפאַלן, האָט צעבראָכן די רעכטע האַנט. מורא האָבנדיק פאַר זיין פאָטער, האָט ער אויסבאַהאַלטן פאַר אים זיינע גרויסע ווייטיקן, באַקומען אַ גאַנגרענע; מען האָט אים געמוזט אָפּשניידן די גאַנצע האַנט. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט ער מיט דער איינציקער לינקער האַנט שוין געשריבן פריי און שיין.

די גרויסע משפּחה קרישטאַלקעס, די פינף שיינע מיידלעך, מיט די בלאָנדע און שוואַרצע צעפּ, מיט די בלויע און טונקעלע אויגן, האָבן גאָר שנעל פאַרטריבן די שדים פון דער נאָענטער חורבה. אין די אָוונטן, ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי געשפּילט אויף מאַנדאָלינעס און גיטאַרעס. אַנשטאָט שדים זענען צו זיי געקומען בחורים. זייער שטוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פריילעכן קלוב.

אויך מיך האָט מאָטל רעצעפּטער פאַרשלעפּט אַמאָל אַהין, אין זייער שטוב. די מיידלעך זענען געווען גאַסטפריינטלעך, גערעדט פּויליש מיט אַ סך ווייכע עססן. די עלטסטע, חנה, אַ מיידל מיט העל־בלאָנדע, לאַנגע האָר, אַ הויכע מיט פּוכיקע באַקן, איז מיר זייער געפעלן. אין דראַמאַטישן קרייז, וווהין איך האָב זי אַריינגעצויגן מיט גרויס מי און מאַטערניש, האָב איך מיט איר געלערנט די ראָל פון אַ געטין אין דער „שלאָפנדיקער שיינהייט״. אויף דער בינע האָט זי ווירקלעך אויסגעזען ווי אַן אמתע געטין.

נאָך דער פאַרשטעלונג האָב איך פאַרגעלייגט אַריינצונעמען חנהן אין דער „קאָמפּאַניע״. אָבער די מיידלעך זענען געווען קעגן, מאָטיווירנדיק עס דערמיט, וואָס זי חברט זיך מיט דעם קצבס טאָכטער און וועגן יענער רעדט מען צופיל... ערשט נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך דערוווסט, אַז צוזאַמען מיט איר וועט קומען אויך איר בחור נתן פון קראָסנע, אַ שיינער בחור, וואָס האָט געאַרבעט אין שניידערס ביר־ברויעריי, האָבן שוין אַלע מסכים געווען אַריינצונעמען זיי ביידע. שפּעטער, נאָכן גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן מינען און אירע עלטערן, האָט חנה זיך אַרויסגעוויזן אַלס געטרייע חברטע, אויף וועלכער מען קאָן זיך פאַרלאָזן. זינט דעמאָלט זענען צוגעקומען צו אונדזערע געזאַנג־נומערן אין סאָניעס און אין חנהס שטובן, אויך די מוזיק פון מאַנדאָלין און גיטאַרע. די מוזיק האָט אונדז אויך באַגלייט אויף די שומרישע שיפלעך, מיט וועלכע מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין די זומערדיקע אָוונטן.

זומער איז פון הרוביעשאָוו געקומען צו פאָרן צו חנהן אַ יונגע קוזינע, וועלכע מען האָט גערופן חנהלע. לכבוד איר קומען איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ שפּאַציר איבערן וואַסער ערגעץ ווייט, אויף אַ גאַנצן טאָג.

אין יענעם טאָג האָב איך געדאַרפט שרייבן אַ וויכטיקע קלאַסן־אַרבעט און בין דעריבער נישט מיטגעפאָרן מיט זיי. געפאָרן זענען: סאָניע, חנה מיט חנהלען,ביידע ברידער אַשכנזי, משה גראָסבערג און מיין „וויצע־אַדמיראַל" בנימין, אַלס אָנפירער.

קומענדיק שוין פון דער שול, און אַוועקגעזעצט זיך ביים טיש אַרבעטן, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מיינע חברים און חברטעס זענען היינט אויפן שפּאַציר. אָן אַ פאַרוואָס האָט מיר דאָס האַרץ אָנגעהויבן נאָגן. איך בין געוואָר אומרויִק, באַהערשט פון אַ שלעכט פאָרגעפיל. נישט טראַכטנדיק קיין סך, האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן אַהין צום סטיר, הינטער דער טורמע, און געגאַנגען ביים ברעג אַרויף, אַרויף, צום יידישן בית־עולם.

פון דערווייטנס האָב איך דערזען אַ רויך, וואָס איז געגאַנגען פון צווייטן ברעג טייך און באַלד האָט בנימין מיך אַריבערגעפּעקלט אויף דעם אַנדערן ברעג, ווו מען האָט מיך באַגעגנט מיט פריש־געבאַקענע קאַרטאָפל־לאַטקעס און זיסער טיי. דעם געשמאַקן מאָלצייט האָט מען פאַרביסן מיט געזאַנגען, מיט מוזיק און הילכיקע געלעכטערס. חנה האָט גענומען דעם פאַרקאָפּטשעטן טשייניק און אַוועק צום וואַסער אים אָפּרייבן. איך בין מיטגעגאַנגען. זי האָט געריבן מיט גראָזן די שוואַרצע סאַדזע און איך האָב „געלאָזט קאַטשקעלעך" איבערן וואַסער. דוד אַשכנזי האָט פאַרוואָרפן אַ ווענטקע איבערן וואַסער און געדולדיק געוואַרט, אַז דאָס ווערעמל אויפן האַטשיק זאָל „פּיקן".

זיצנדיק אינעם שיפל האָב איך, אַרבעטנדיק מיט די רודערס, פּלוצים באַמערקט, ווי חנה פאַרלירט דאָס גלייכגעוויכט און קערט זיך איבער מיטן קאָפּ אין וואַסער. איך האָב זיך געוואָרפן אין וואַסער און גענומען זי זוכן ביזן סאַמע דנאָ, אָבער זי איז נישט געווען. כ'האָב זיך ווידער אַרויפגעכאַפּט אויבן און געזען, ווי די שיף שווימט אַוועק מיטן שטראָם. אַ פאַרצווייפלטער האָב איך ווידער זיך אַראָפּגעלאָזט אונטערן וואַסער, געזוכט, ביז כ'האָב אָנגעכאַפּט אירע לאַנגע צעפּ און גענומען זי שלעפּן אין דער ריכטונג צום ברעג. עס האָט מיר מיט אַמאָל פאַרפעלט אָטעם און איך האָב קוים באַוויזן אַ געשריי צו טאָן: „ראַטעוועט!".

בנימין און יוקל זענען אַריין אין וואַסער און באַלד בין איך געשטאַנען אויפן האַרטן באָדן צווישן די וואַסער־געוויקסן. אין אַ סעקונדע אַרום זענען מיר שוין אַלע געווען אויפן ברעג.

חנה איז געווען אין אַ שווערן צושטאַנד, אָן באַוווּסטזיין. יוקל, בנימין און משה גראָסבערג זענען אַרומגעלאָפן מיט איר איבערן פעלד, האַלטנדיק זי מיטן פּנים אַראָפּ, דאָס וואַסער זאָל אַרויס. דערנאָך האָבן מיר אָן אויפהער דורכגעפירט דאָס קינסטלעכע אָטעמען, ביז זי האָט ענדלעך געעפנט די אויגן.

מיר זענען געווען אין זיבעטן הימל.

איך האָב געקושט אירע נאַסע האָר, אירע בלייכע הענט, הילכיק געזונגען, דעקלאַמירט. די יינגערע חנהלע האָט געוויינט שטיל, די טרערן זענען גערינען איבער איר פּנים.

מיטן זון־פאַרגאַנג, אין האַלב נאַסע קליידער, האָט די חברה זיך געלאָזט צופוס אַהיים. איך און בנימין האָבן געפירט די שיף איבערן וואַסער. אויפן וועג האָבן מיר געטראָפן משהס דערשראָקענע עלטערן, וואָס זענען אונדז געלאָפן אַנטקעגן. צוקומענדיק האָבן זיי משהן מכבד געווען מיט אַ הילכיקן פּאַטש.

די ערשטע זענען מיר, מיט דער שיף, אָנגעקומען צו חנהס עלטערן, זיי באַרויִקט, אַז אַלע קומען באַלד אַהיים, זיי גייען צופוס. אַהיימקומענדיק, האָט מען קוניציק פאַרשטעלט חנהן, געזונגען, געטאַנצט אַ הוראַ, ביז זי האָט זיך איבערגעטאָן אין טרוקענע קליידער.

מיר האָבן באַשלאָסן צו האַלטן דאָס געשעעניש בסוד. ערשט ווען חנהלע איז אַהיימגעפאָרן און איר פעטער אלעזר האָט זי באַגלייט צו דער באַן, האָט זי מיט טרערן אַרויסגעזאָגט:

— פעטער, לאָזט נישט חנהן צום טייך!...

דעם מאַרגנשטערן אַנטקעגן / לויצק

די הכשרה

מיר, די פופצן דערוואַקסענע שומרים פון „גדוד המימי״, האָבן נישט געקענט איינשטיין אויף אַן אָרט. מען האָט זיך געדאַרפט גרייטן צו ווערן בויער פון אַן אייגענער מלוכה, שאַפן געלט־מיטלען אויף רייזע־הוצאות פאַר אַלע פון גדוד.

אין וואָכעדיקע אַרבעטס־מלבושים האָבן מיר שפּאַצירט איבער די גאַסן מיט העק און זעגן אין די הענט, גרייט אָנצונעמען יעדע אַרבעט. דער אָנהויב איז, ווי שטענדיק, געווען שווער. די מאָזאָליעס אויף די אויסגעאיידלטע הענט האָבן ווי געטאָן, זיי האָבן אָבער זיך שנעל געהיילט. די ווונדן אויף די צעקלאַפּטע הענט און פיס האָבן געבלוטיקט, אָבער אונדזער אויסדויער און ווילן זענען געבליבן פעסט, אומגעבראָכן.

אין די פאַרנאַכטן האָבן מיר זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט מידע, פאַרמאַטערטע, שמוציקע, דורכגענעצטע, הונגעריקע און מיט ווייטיקן אין די גלידער, אָבער די קעפּ הויך געהויבן, מיט געזאַנג, וואָס האָט אָפּגעהילכט ווייט:

„עמלנו שם כדבורים...״

אָבער ביז צום פאָרן איז נאָך געווען ווייט. מיר האָבן געמוזט געדולדיק וואַרטן אויף אונדזער ריי. כאָטש אַלץ ביי אונדז איז שוין געווען גרייט: פעסטע מוסקולן, פאַרהאַרטעוועטע הענט, אַפילו די נויטיקע געלט־סומעס אויף רייזע־הוצאות פאַר אַלע און דער עיקר — יוגנטלעכער ברען צו באַזיגן אַלע שוועריקייטן.

נאָך שווערער איז געוואָרן אונדזערע לאַגע, ווען די ענגלענדער האָבן איינגאַנצן געשלאָסן די עליה קיין ארץ־ישראל. עס איז דערשינען דאָס „ווייסע בוך״.

פאַר מיר פערזענלעך האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס טו איך ווייטער? עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נייע שול־יאָר. זלמן עלבירט איז אַריבער פון דער רוסישער גימנאַזיע אין דער יידיש־פּוילישער. אויך דוד ספּאַרד, דעם מעלניצער רבס זון, מיט וועלכן איך האָב צוזאַמען אָפּגעגעבן די עקסטערנע־עקזאַמענס, איז אויך אַריינגעטראָטן אין דער גימנאַזיע.

אַלע מיינע חברים פון השומר הצעיר: מאַרקוס מירסקי, טאַניע קערצמאַן, שרה מילכיקער, סיבסיע יוניטשמאַן — אַלע זענען שילער פון זיבעטן קלאַס אין דער יידיש־פּוילישער גימנאַזיע, און איך?

די צייט שטייט נישט אויף קיין איין אָרט. אויך אין ארץ־ישראל דאַרף מען האָבן געלערנטע, בפרט נאָך אַזעלכע, וואָס קענען גוט די העברעיִשע שפּראַך, דעם תנ״ך — האָב איך געטראַכט. אויך מיין טאַטע, וואָס האָט זיך מכלומרשט ווייניק אינטערעסירט מיט מיין לערנען אין גימנאַזיע, האָט זיך אויך אַריינגעמישט:

— וואָס קלערסטו ווייטער טאָן, זון מיינער? דער סעזאָן פון „די באַנ־שפּאַלעס״ האָט זיך פאַרענדיקט, אַלע דיינע חברים לערנען, און דו?

— איך וואָלט אויך אַריינגעטרעטן אין דער יידישער גימנאַזיע, דאַרף איך אָבער אָפּגעבן די עקזאַמענס פון עברית, תנ״ך און געשיכטע, און איך בין נישט צוגעגרייט.

— זלמן זאָגט — האָט מיין טאַטע זיך אָנגערופן — אַז מען וועט דיר אָפּלייגן די עקזאַמענס אויף יאַנואַר, כ׳מיין, אַז אינגאַנצן רוי ביסטו נישט, העברעיִש, תנ״ך זענען דאָך דיר נישט פרעמד, האַ, ווי מיינסטו, יואליק?

ער איז געווען גערעכט, מיין טאַטע. מען האָט מיך אַריינגענומען אין דעם זיבעטן קלאַס און די עקזאַמענס אָפּגעלייגט אויף די ווינטערדיקע פעריען. זלמן און דוד האָבן מיר צוגעזאָגט צו העלפן אין די העברעיִשע לימודים.

דער קריזיס איז אַריבער, איך בין ווייטער געזעסן מיט זלמנען אויף איין שול־באַנק. מיר האָבן צוזאַמען געגרייט די שול־אויפגאַבן. דער עיקר איז ביי מיר געווען עברית. אויך די פּוילישע שפּראַך איז פאַר אונדז געווען ניי. דאַקעגן זענען מיר אָנגעקומען גרינג די רעאַלע קעגנ־שטאַנדן, מאַטעמאַטיק און פיזיק. אויף די עברית־לימודים האָב איך נישט געקאַרגט קיין צייט און מי, געלערנט מיט אינטערעס און חשק, געפילט אין איר מיין שפּראַך, די שפּראַך פון מיין פאָלק.

דער אָפּצאָל איז געווען אַ הויכער. די גימנאַזיע האָט נישט געהאַט קיין אייגענע געביידע, נאָר אָפּגעדונגען ביי באַלעבאַטים דריי באַזונדערע

הייזער. די לערער, מערסטנס יידן פון גאַליציע, האָבן פון זייער אַרבעט אין דער גימנאַזיע געדאַרפט פאַרדינען אויף אַ זאַט און קולטורעל לעבן. קיין שום סובסידיעס האָט די גימנאַזיע נישט באַקומען און אַלץ האָט געמוזט דעקן דעם שכר־לימוד פון די שילער. כדי צו פאַרדינען אויף מיינע הוצאות, האָב איך זיך געמוזט שאַפן עטלעכע פּריוואַטע לעקציעס.

די לעקציעס, דאָס גיין צו די שילער אַהיים — האָבן ביי מיר פאַרנומען פיר שעה אַ טאָג טעגלעך. פאַר מיינע אייגענע שול־אויפגאַבן האָב איך געמוזט אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. די צונויפטרעפן מיט דער „קאָמפּאַניע" האָב איך געמוזט פאַרלאָזן. אויך די קולטור־אַרבעט אין „גדוד המימי" איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אייניקע פון מיינע שומרים זענען אַוועק אויף וויטערדיקע הכשרה אין קיבוץ „קלאָסאָוו".

בלויז איינמאָל אין דער וואָך פלעג איך זיך אַריינכאַפּן צו מינען, נעמען זי אויף אַ שפּאַציר, ווייסנדיק, אַז זי איז איינזאַם, פאַרזאָרגט מיט איר קראַנקער מוטער, וואָס איז געלעגן צו־בעט, אויך מיט איר דערשלאָ־גענעם ברודער — זלמן.

אַריינקומענדיק צו איר אין איר קליין צימערל, קיכל מיט דעם גרויסן רוסישן אויוון, האָט זיך גלייך געלאָזט באַמערקן מינעס עסטעטיש געפיל און זאָרגפולע אויפמערקזאַמקייט. אומעטום איז געווען זויבער, ריין.

די שפּאַצירן זענען געווען יום־טובדיקע, פול מיט אינהאַלט. די געמיינזאַמע שמועסן, וואַרעמע, פון האַרץ צו האַרץ, האָבן אַוועקגערוקט אין אַ זייט אַלע זאָרגן, דערמונטערט און פריילעכער געמאַכט דאָס געמיט. עס איז אַ שאָד געווען צו פאַרפעלן אַזאַ שפּאַציר, אַפילו נאָך רעגנדיקע אָוונטן, ווען די וועגן זענען געווען בלאָטיק. יעדער שפּאַציר איז געווען אַ טיפע איבערלעבונג. מיר האָבן אָבער געמוזט זיך רעכענען מיט דער צייט, ווייל אין שטוב איז געבליבן ליגן די קראַנקע מאַמע; מאָרגן פרי מוז מען גיין אין גימנאַזיע אַריין און עס זענען נאָך געבליבן אַ סך זאַכן צו דערגענצן. ביי דער טיר — אַ שטילער „גוטע נאַכט" און נאָך שטילער באַהעפטן זיך פון ליפּן מיט ליפּן — נישט אָפּצורייסן זיך.

פרייטיק־צו־נאַכטס זענען מיר אין ערגעץ נישט געגאַנגען. מינע האָט אויסגעוואַשן אירע לאַנגע גאָלד־קאָרנדיקע האָר און געטריקנט זיי,

זיצנדיק ביים וואַרעמען אויוון. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט, ווי אויסגעוואַשענע, אין דער שיין פון די ברענענדיקע שבת־ליכט. איך האָב געבראַכט אַ בײטל מיט טרוקענע פּישטאַשקעס, אָדער ווייסע קערעלעך און מיר זענען געמיטלעך געזעסן, געשמועסט, געשוויגן...

דאַרף מען דען רעדן מיטן מויל, ווען אויגן רעדן שוויגנדיק, ווען פינגער פון די הענט דערציילן זיך מיט איין באַריר מער ווי אַ סך רייד...

די שבתדיקע ליכט צאַנקען און וואַרפן זייערע טאַנצנדיקע שאָטנס אויף די ווענט. עס איז געקומען די צייט פון צעשיידן זיך, וואָס איז אַזוי שווער. איין ליכט האָט זיך שוין פאַרלאָשן און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שאַרפן ריח. איך הייב זיך אויף און ווי אַ פאַרטשאַדעטער גיי איך אַהיים מיט לאַנגזאַמע טריט.

די יידישע גימנאַזיע

די גימנאַזיע האָט זיך געפונען אין אַן אַלטער געבידע, ווו עס איז אַמאָל געווען דיקשטיינס פּריוואַטע אָנפאַנגס־שול. שפּעטער האָט מען צוגעדונגען דעם נאָענטן לאָקאַל פון רוסישן קלוב, אַנגאַזשירט צופעליקע לערער, דעמאָביליזירטע פון דער אַרמיי. אַזוי האָט אויסגעזען דער אָנהויב. די ערשטע עטלעכע קלאַסן האָבן אין אַ מזלדיקער שעה אָנגעהויבן די לימודים. דער לערער־פּערסאָנאַל פלעגט זיך אָפט בייטן, נישט באַוויזנדיק אַרויסצורופן צו זיך דעם נויטיקן אינטערעס מצד די שילער. בלויז די לערער פון די יידישע לימודים, דער קליינשטעטלדיקער משכיל חלף, דער מלא וגדושדיקער, סאָלידער קאַהאַן און פּעטשעניק — דער לערער מיט אַ חוש פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט — זיי האָבן עס געשאַפן די נאַציאָנאַל־יידישע אַטמאָספער, אין וועלכער עס זענען געפלעגט געוואָרן די נאַציאָנאַלע ווערטן אין דער העברעישער שפּראַך.

ביזן יאָר 1920, ווען די מאַכט האָט איבערגענומען די דערוואַכטע פּוילישע מלוכה, איז ביים רודער פון דער גימנאַזיע געשטאַנען דער

נידעריקער, דאָרער רוסישער דירעקטאָר כוועדקיעוויטש מיט דער פּאָע־טישער שעוועליורע, קמץ־בערדל און גלייכע וואָנסעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן פון זיין קליין־קינדעריש פּנימל און הויכן שטערן. ער האָט דערוועקט צו זיך דרך ארץ און צוטרוי, איז געווען אַ לערער פון מאַטעמאַטיק און האָט זייער ליב געהאַט דעם קעגנשטאַנד. ער איז געווען אַ געבוירענער פּעדאַגאָג.

מיטן אַנטשטיין פון דער פּוילישער מאַכט זענען גלייך די ערשטע פיר קלאַסן ווי אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין אַנפירונג. פּויליש איז געוואָרן די אונטעריכטס־שפּראַך, וואָס איז בהדרגהדיק אַריבער אויך אין די העכערע קלאַסן. לויט דער פאָדערונג פון דער נייער בילדונגס־מאַכט, האָט זיך געענדערט דער גאַנצער פּראָגראַם פון די לימודים. עס זענען אָנגעקומען פון גאַליציע נייע לערער, יידן, וואָס זענען געווען פּוילישע פּאַטריאָטן, מיט אוניווערסיטעט־בילדונג. דער טראָפּ איז געלייגט געוואָרן אויף דעם באַהערשן דאָס וויסן, וואָס איז געווען נויטיק צו באַקומען רעגירונגס־רעכט אויף מאַטורע־עקזאַמענס. בלויז די אויבנדערמאָנטע דריי לערער פון העברעיש, תנ״ך און געשיכטע, האָבן זיך געפילט פאַרבונדן מיט זייערע שילער און ווייטער געצויגן דעם פאָדעם פון נאַציאָנאַלער דערציִונג.

גרויס באַגייסטערונג פלעגט ביי אונדז אַרויסרופן דער לערער קאַהאַן, זיינע טיפע קענטענישן פון עברית און ליטעראַטור, זיינע קלוגע ענטפערס אויף פראַגן, וואָס האָבן אונדז שטאַרק אינטערעסירט. דערפאַר האָט ביי אונדז אַלעמען אַרויסגערופן אַזויפיל אומעט, אַפילו טרערן, ווען ער איז פּלוצים אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע.

דער לערער פּעטשעניק איז געווען מיט אונדז ווי אַן עלטערער חבר. ער איז געווען טעטיק אין די ציוניסטישע קרייזן און אומעטום, ווי עס האָט געשמעקט מיט אידעאַליזם און מסירת נפש האָט זיך גלייך געלאָזט פילן זיין ענערגיע און התלהבות. ער, דער גימנאַזיע־לערער איז אַריינגעטרעטן אין דער רעדאַקציע פון אַ פלאַנירטן זשורנאַל „על המשמר”, אין עברית, צוזאַמען מיט אורי גליקליך, בנימין פאַרשטיי און זיינע שילער עלבירט, גלייזער און ליבערמאַן. מען האָט צוזאַמען רעדאַ־

גירט דעם ערשטן נומער, וואָס איז גלייך דערשינען. ער, אַ פאָטער פון צוויי טעכטער, האָט געאַרבעט אין די אָוונטן, אָן שום באַלוינונג, רעדאַגירט, קאָרעגירט און צוגעגרייט צום דרוקן די ערשטע שעפערישע אַרבעטן פון זיינע שילער אין עברית: דודס לידער וועגן טרומפּעלדאָרן, זלמנס שירים און מיין פעליעטאָן.

געשטאָרבן איז ער גאָר יונג, אַזוי אומגעריכט, אַזוי טרויעריק!

דער עלטערער לערער חלף איז געווען צופרידן, וואָס אים איז געלונגען אַריינצוקריגן זיך אין דער פוילישער גימנאַזיע, אַלס לערער פון עברית. אים איז געפעלן די פּאָזיציע פון אַ מלוכהשן לערער, זיין טאָכטער האָט ער אַוועקגעשיקט קיין ארץ־ישראל, מעגלעך, אַז ער האָט געמיינט, אַז נאָך איר וועט ער אויך פאָרן. ער האָט אָבער נישט באַוויזן.

אין דער גימנאַזיע גופא, האָט זיך נאָר איין לערער פון די ניי־אָנגעקומענע אַרויסגעוויזן אַלס קולטור־טוער און דערציער. דאָס איז געווען ד״ר טאַלער, נישט קיין הויכער, נאָר מיט אַ נישקשהדיק בייכל, מיט געציילטע האָר אויפן קאָפּ, בלישטשענדיקע באַברילטע אויגן און אַ סך ענערגיע, איניציאַטיוו און פעיִקייט. ער איז געווען לערער פון דער לאַטיינישער שפּראַך, ער האָט אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישן קרייז אין פויליש און אַ סטרונע־אָרקעסטער, מיט וועלכן ער האָט אַליין אָנגעפירט. נאָך פּאָר זיין אָנקומען האָט דער לויצקער קאַפּעל־מייסטער, קאַפּע, אָרגאַניזירט אין דער גימנאַזיע אַן אָרקעסטער פון בלאָז־אינסטרומענטן. דער דאָזיקער מוזיק־לערער קאַפּע האָט אַלע זיינע יאָרן אָנגעפירט מיט מיליטערישע קאַפּעלעס. זיין לערנען איז באַשטאַנען פון וויניק טעאָריע און מער פּראַקטיק. גאָר שנעל האָט ער אונדז אויסגעלערנט דעם פּוילישן הימן און אויך די „התקווה״. דערנאָך עטלעכע לייכטע מאַרשן, צו שפּילן אין מאַרש.

איך האָב געשפּילט אויף קלאַרנעט און בין אין גיכן געוואָרן אַ סאָליסט. דער לערער טאַלער האָט אין זיין קאַפּעלע אַריינגענומען נאָר אַזעלכע פידלער, וואָס האָבן שוין פריער געשפּילט.

מיט גרויס מי האָט ד״ר טאַלער צוגעגרייט צו אַ יום־טוב אַ פוילישע פּיעסע, פון קלאַסישן רעפּערטואַר. איך האָב געשפּילט די הויפּט־ראָל פון

אַ פּאָלקאָווניק אַ שיכור. די פאַרשטעלונג איז אַדורך מיט גרויס דערפּאָלג. אייניקע דאַמען, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פילאַנטראָפּיע, האָבן געבעטן, מיר זאָלן איבערחזרן די פאַרשטעלונג אין גרויסן טעאַטער־זאַל. די הכנסה איז באַשטימט געוואָרן פאַר די יידישע יתומים.

פאַרשטענדלעך, אַז מיר זענען געווען שטאַרק צופרידן פון דעם. פאַר מיר פערזענלעך איז דאָס אַרויסטרעטן אויף דער בינע נישט געווען קיין נאָווינע, דאָך בין איך געווען שטאָלץ צו שפּילן צום ערשטן מאָל אַ ראָל אין דער פּוילישער שפּראַך. איין מאָל האָט געטראָפן, אַז צוליב די רעפּעטיציעס בין איך נישט געווען צוגעגרייט אין לאַטיין און פּונקט האָט מיך דער ד״ר טאָלער אַרויסגערופן אויף דער לעקציע. איך האָב זיך געפּרוווט פאַרענטפערן און געבעטן אָפּלייגן מיין ענטפער אויף אַ צווייט מאָל. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. דער לערער האָט מיר געגעבן אַ „2״. דאָס איז געווען מיין ערשטע „2״ אין דער גימנאַזיע.

— נו, כ׳וועל אים שוין אָנלערנען — האָב איך זיך געטראַכט. ווען עס איז פאָרגעקומען די גענעראַל־פּראָבע אין טעאַטער, בין איך נישט געקומען. די רעפּעטיציע איז כמעט אַדורכגעפאַלן. מיין ראָל האָט געמוזט שפּילן ד״ר טאָלער אַליין. עס האָט אויך נישט געהאָלפן דער דראָונגס־בריוו, וועלכן איך האָב באַקומען פון דעם דירעקטאָר.

ערשט שבת פאַרנאַכט האָב איך גענומען מיט זיך מיין גאַרדעראָב און אַוועק אין טעאַטער. מיין געוויסן האָט מיר נישט דערלויבט אַרונטער־צורייסן אַ פאַרשטעלונג, וועמענס הכנסה איז געגאַנגען לטובת די יידישע יתומים.

מעלימעווקער האָט מיך דעם ערשטן גרימירט, צוגעקלעפּט די באַקן־בערד, אָנגעטאָן דעם פּערוק. מיין טיפּ איז אים געפעלן, האָט ער זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיין גרים. די אָנגעקומענע חברים־אַרטיסטן האָבן מיך אויפגענומען מיט הילכיקע געשרייען. שפּעטער איז אָנגעקומען דער ד״ר טאָלער מיט אַ קלומיק אונטער דער האַנט, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען זיין גאַרדעראָב. דערזעענדיק מיך אַ גרימירטן אין מיליטערישן אוניפאָרם, האָט ער אַ ווילע זיך געוואַקלט וואָס צו טאָן. נאָך אַ קליינעם ישוב הדעת האָט ער אויסגעשטרעקט צו מיר די האַנט און אַ פרעג געטאָן:

יואל פערעל

— נו, ווי פילט איר זיך, פערעל, אין געזונט?

געשפילט האָב איך מיט קוראַזש, ווי אַן אמתער שיכור. אַנשטאָט וואַסער, האָב איך געטרונקען אמתן ליקיער, וואָס האָט געדאַרפט דינען נאָר פאַר רעקוויזיט אויפן טיש. אייניקע ווערטער האָב איך טאַקע פאַרגעסן, דערפאַר האָב איך געשפּילט דרייסט, איבערצייגנדיק. דער עולם האָט אַנגעקוואָלן און נישט אויפגעהערט צו אַפּלאַדירן. בלויז דער רעזשיסער, ד״ר טאַלער, האָט אַזש געקריצט מיט די ציין איבער מיין „שפּילן“ אָבער דער דערפאָלג, וואָס איך האָב געהאַט, האָט איינגעשטילט זיין גרימצאָרן.

אונדזער קלאַס, דער זיבעטער, לויט דער צאָל שילער און שילערינס, אַ קליינע, איינגאַנצן דרייצן — ניין בחורים און פיר מיידלעך, איז געווען דער ערשטער אַרויסלאָז־קלאַס. חוץ קליינע אויסנאַמען איז יעדער פון די שילער געווען אַ פּערזענלעכקייט. די גימנאַזיע מיט אירע פּעדאַגאָגן האָבן אין אַ געוויסער מאָס באַאיינפלוסט דאָס געשטאַלטיקן פון די כאַראַקטערס, שטרעבונגען און אידעען פון אונדזערע שילער. אַ גרעסערע ווירקונג האָט געהאַט דער „השומר הצעיר“. בלויז אַ קליינע צאָל האָט געשטרעבט און געהאַט די מעגלעכקייטן פאָרצוזעצן דאָס לערנען אין די הויכשולן, אין פּוילן גופא, אָדער אין די אויסלענדישע אוניווערסיטעטן. די וועגן האָבן זיך צעשיידט: וואַרשע, פּראָג, נאַנסי — נייע לענדער, אַ נייע סביבה. אויך דער אידעען־וועג — אַ פאַרשידנאַרטיקער: קאָמוניסטן, ציוניסטן, חרותניקעס, פּועלי־ציוניסטן. אונדזער קליינער קאָלעקטיוו האָט פאַר די דאָזיקע אַלע גרופּירונגען צוגעשטעלט קאַנדידאַטן. בלויז איינצלנע זענען געגאַנגען אויף די וועגן פון זייערע עלטערן, געוואָרן קרעמער אָדער שטוב־באַלעבאָסטעס.

חוה פּיש, דאָס בלאָנדע מיידל מיטן ערנסטן פּנים, האָט אָנגעפירט מיט דעם גדוד פון די שומרות. רואיק, געלאַסן, ממש ווי אַ מוטער, האָט זי געפירט אירע שומרות, געטיילט זיך מיט זיי מיט איר דערפאַרונג און וויסן. פון איר האָט געאָטעמט מיט וואַרעמער צערטלעכקייט. איר דערפאָלג האָט אָפט אַרויסגערופן קנאה־געפילן ביי די אַנדערע מיידלעך. באַזונדער אויפמערקזאַמקייט האָט איר אַרויסגעוויזן דער ראש הקן, אורי. אויסערלעך האָט זייער ליבע אויסגעזען ווי צווישן אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

זי איז אָבער געווען פיל טיפער. דער אומגעריכטער איבערייס צווישן אורי און חוהן האָבן ביי אַ סך פון אונדז אַרויסגערופן עגמת נפש, אַ געפיל ווי אַ שיינע קרישטאָלענע וואָזע פאַלט פּלוצים אַראָפּ און ווערט צעבראָכן אויף פּיצלעך. נאָך שטאַרקער האָט דער פאַרפאַל געווירקט אויף חוהן אַליין. די תמיד ערנסטע חוה איז באַהערשט געוואָרן פון אַ מאָדנער אַפּאַטיע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן געננוג לאַנג ביז... ביז די דייטשן האָבן געמאַכט אַ סוף צו איר לעבן.

דער ערשטער ראש הגדוד פון די שומרים איז געווען מאַרקוס מירסקי, אַן ענערגישער בחור מיט אַ געדיכטער שוואַרצער טשופּרינע, פון מיטעלן ווּוקס. ער האָט אָנגעפירט מיט זיין גדוד, אַרויסווייזנדיק דערביי אַזאַ שטאָלץ, וואָס איז געווען נאָענט צו גאווה. אין די לימודים איז ער געווען שוואַך, נישט זעלבשטענדיק, גערעדט האָט ער רוסיש, קורץ, אָפּגעהאַקט, באַפעלעריש און געשאַפן אַ דיסטאַנס צווישן זיך און זיינע חברים. אויך זיין נאַציאָנאַלע אָנשויאונג האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט געווען אויפגעצוווּנגען מצד דער סביבה.

נאָכן ענדיקן די מיטל־שול איז ער געפאָרן לערנען קיין אויסלאַנד, צוריקגעקומען און חתונה געהאַט מיט אַ פאַרמעגלעכער כלה פון לובלין. ער איז אומגעקומען אין געטאָ.

די ברידער אברהם און יצחק נול זענען געווען פעיקע שילער. כאָטש יצחק איז געווען יינגער, האָבןביידע געלערנט אין איין קלאַס. יצחק איז געווען אונדזער אַלעמענס ליבלינג. אַ קליין־געוויקסיקער, ענערגיש און מונטער, האָט ער אויך פאַרמאָגט אַ סך האַרץ און איז גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פאַר דער אידעע. ביי דער ערשטער געלעגנהייט איז ער אַוועק קיין ארץ־ישראל. אויך זיין זון האָט ער דערצויגן אין ליבע צום לאַנד און צו יידישער קולטור. ער איז אומגעקומען ווי אַ העלד אין דער מלחמת השחרור. אויך זיין זון, אַ פליער אין דער ישראל־אַוויאַציע, איז אומגעקומען אין אַ פלי־קאַטאַסטראָפע.

זיין עלטערער ברודער אברהם איז קיין ישראל נישט דערפאָרן. אין וואַרשע איז ער שווער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

שמשון (סיבסי) יוניצמאַן איז געווען פון די יינגסטע אין קלאַס, אָבער

פון די אויסגעצייכנטע שילער. ביי די שומרים איז ער געווען ראש הגדוד פון די יינגסטע, די צפירים. נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע איז ער אָוועק־געפאָרן קיין פּראָג לערנען מעדיצין. ער איז געווען איינער פון זשאַבאָ־טינסקיס געטרייסטע תלמידים, אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ רעדנער, פירער פון בית״ר אין ישראל. זיין מעדיצין־פאַך האָט ער ווייניק אויס־געניצט. אין דער צייט פון ענגלישן מאַנדאַט איז ער געווען אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, געפירט דעם קאַמף קעגן די ענגלענדער אויף לעבן און טויט, איז לאַנגע יאָרן געזעסן אין די ענגלישע לאַגערן, ביזן אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה. נאָך דער באַפרייונג האָט ער פאַרגעזעצט זיין פאַרטיי־אַרבעט אין דער חרות־באַוועגונג, איז געווען איינער פון די טיכטיקסטע פאַרשטייער פון זיין פאַרטיי אין דער כנסת.

אומגעריכט, אין סאַמע ברען פון קאַמף, איז ער פאַרשניטן געוואָרן אויף אייביק, אין עלטער פון פיר־און־פופציק יאָר.

די דריי שילערינס: טאַניע קערצמאַן, שרה מילכיקער און מאַניע גלעזער זענען נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, דורכגעמאַכט דעם שווערן וועג פון בויען און שאַפן, שרה — אויפן פעדאַ־גאָגישן געביט, מאַניע — אויפן מעדיצינישן. אַלע — גוטע מאַמעס, באָבעס, ביי וועלכע די פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן נישט אָפּגעווישט פון זייער זכרון די דערינערונגען פון אַמאָל, פון זייער קלאַס, זייערע לערער און חברים, וועגן וועלכע זיי רעדן מיט ליבשאַפט ביזן היינטיקן טאָג. מיט דוד ספּאַרד און זלמן עלבירט האָב איך נישט אויפגעהערט זיך צו חברן אויך נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע. יעדער באַזונדער און אַלע צוזאַמען האָבן מיר אַ סך דורכגעמאַכט אויף די זיגזאַגישע וועגן פון אונדזער לעבן. עס וועט מיר נאָך אויסקומען וועגן זיי אַ סך מאָל צו דערמאָנען אין מיינע ווייטער־דיקע זכרונות.

דעם מאָרגנשטערן אַנטקעגן / ל ו י צ ק

שטעכלקעס מיט רויזן

די שומרים פון מיין קבוצה האָבן געאַרבעט אויף הכשרה אין קיבוץ „קלאָסאָווו", ביז זיי האָבן ענדלעך באַקומען די סערטיפיקאַטן אויף עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. נישט אָן קנאה האָב איך זיך מיט זיי געזעגנט און באַגלייט צו דער באַן. אונדזער צוזאַמענלעבן און געמיינזאַמע אַרבעט האָט אונדז פאַראייניקט אין איין קאָלעקטיוו, מיט געמיינזאַמע אידעאַלן און אינטערעסן. דאָס איז געווען דער כוח פון אַ שומרישן קאָלעקטיוו. אַלע האָבן מיר זיך געפילט ווי ברידער פון איין פאַמיליע, מיט ליבשאַפט צו אַרבעט, ווייט פון יעדן מין ביליקער פאַרווײלונג, פון שיכרות, אַפילו פון רויכערן. אין מיר האָט געלעבט די זיכערקייט, אַז ווי נאָר איך וועל ענדיקן די גימנאַזיע, וועלן אונדזערע וועגן זיך ווידער צונויפקומען.

— להתראות בקרוב! — האָב איך זיי נאָכגעשריגן ביים געזעגענען זיך, ביז מיין שטים איז פאַרטויבט געוואָרן דורכן גערויש פון די רעדער פון דער אָפּפאָרנדיקער באַן.

אַ צערודערטער, אַ באַלאָדענער מיט זכרונות פונעם גאָר נאָענטן עבר, האָב איך זיך אומגעקערט פון וואָקזאַל. פאַריתומטע זענען געבליבן אונדזערע שיפן, נישטאָ שוין ווער עס זאָל זיי טרייבן איבער די בלויע וואַסערן פונעם סטיר, אין די ווייטע שפּאַצירן מיט הילכיקע געזאַנגען. נישטאָ שוין די שומרים פון „גדוד המימי", וועמען איז איצט נויטיק דער „ראש"?

דעם נאָענטן שבת האָב איך דאָך געמאַכט אַ שפּאַציר אויף אַ שיפל צוזאַמען מיט מינען, סאָניען און מאַניען — די אויסגעשוליטע זינגערינס פון אונדזער דראַמאַטישן קרייז. אויך חנה מיט נתבען זענען מיטגעפאָרן. מיר זענען געפאָרן ווייט, אַזש צו בענעס בריק און נאָך ווייטער. די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. שוין דאָס אַליין, וואָס מינאַ איז מיטגעפאָרן, האָט עדות געזאָגט, אַז איר קראַנקע מאַמע פילט זיך שוין בעסער. מיר האָבן נישט אויפגעהערט צו זינגען שומרישע לידער, יידישע, רוסישע און אוקראַאינישע פאָלקס־לידער.

פּלוצים האָבן מיר דערזען ווי צוויי מענער פאָרן אונדז נאָך אויף אַ שיפל. איינער פון זיי איז געווען אונדזער ראש הקן, אורי גליקליך,

ווען מיר האָבן גלייך דערקענט פון דערווייטנס. אויך דער צווייטער האָט אונדז אויסגעזען צו זיין באַקאַנט. מיר האָבן שוין דייטלעך געזען זיין טונקל־מאַט פנים, די געדיכטע שוואַרצע האָר מיט אַ זילבערנעם שפּריץ אין דער מיט, זיינע טיפע פאַרחלומטע אויגן, וואָס האָבן באַוויזן זיך אַריינ־צודרינגען טיף אין דער נשמה.

— יאָ, דאָס איז ער, דער גרויסער יידישער שרייבער שלום אַש — האָט אויפגעבליצט אין מיר דער געדאַנק.

און נישט נאָר איך, אַלע אויף אונדזער שיפל האָבן אים גלייך דערקענט און איבערגעריסן דאָס געזאַנג.

— פאַרוואָס האָט איר איבערגעריסן אייער זינגען? — האָט אונדזער ראש הקן געפרעגט.

שלום אַש האָט צוגעגעבן:

— זינגט, איך בעט אייך. אויפן וואַסער קלינגט עס אַפּ וווּנדערבאַר שיין, באַזונדערס די יידישע לידער. זינגט, איך בעט אייך!

— קלינגען גלעקער, קלינגען גלאָקן... — האָט מינאַ אויפסניי זיך צעזונגען.

עס האָט זיך דערנענטערט דער פאַרנאַכט, אויפן טונקל־בלויען הימל האָבן אויפגעלויכטן די שטערן. אַש האָט זיך געאיילט, ווייל ער האָט אין דעם אָוונט געדאַרפט אַרויסטרעטן אין שטאָטישן טעאַטער און צוליב אים האָבן מיר אויך גיך פאַרענדיקט אונדזער שפּאַציר, צוגעבונדן אונדזער שיפל און פאַרשלאָסן עס ביי בענעס שיפלעך און אַלע צוזאַמען האָבן מיר באַגלייט שלום אַשן צו זיין האָטעל „בריסטאָל". אויפן וועג איז אורי אַרייך צו זיך אין שטוב איבערטאָן זיך און איך האָב אַ שטאָלצער פאַרנומען זיין אָרט ביי דער זייט פון שלום אַש.

— אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָב איך אייך נעכטן געזען אין דער פּרץ־ביבליאָטעק — האָט זיך אָנגערופן צו מיר שלום אַש.

איך האָב אויסגעמיטן אַ סך צו רעדן וועגן דעם. אין דער פּרץ־ביבליאָטעק זענען זיך צונויפגעקומען די פאָרשטייער פון דער לויצקער יוגנט, שילער, חלוצים און אַרבעטער. מיר האָבן שטאַרק געוואָלט זיך טרעפן מיטן גרויסן יידישן שרייבער. די בילעטן זענען שוין געווען אַלע

אויספּאַרקויפט פאַר געגוג הויכע פּרייזן. זענען מיר זיך צונויפגעקומען פּרייטיק אין דער פּרץ־ביבליאָטעק און באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַציע מיט בלומען צו שלום אַש אין האָטעל אַריין, באַגריסן אים אין נאָמען פון דער יוגנט און בעטן אים, ער זאָל זיך מיט אונדז באַגעגענען אין קהילה־זאַל.

פלוצים האָט זיך געעפנט די טיר פון דער ביבליאָטעק און עס איז אַריינגעקומען שלום אַש אין דער באַגלייטונג פונעם באַגאַבטן לויצקער אַקטיאָר לייבטשיק לערנער.

איינער פון אונדזער דעלעגאַציע האָט זיך גיך אָריענטירט און אויסגענוצט די געלעגנהייט צו באַגריסן דעם חשובן גאַסט. ער האָט אָנגעהויבן: „אין נאָמען פון דער לויצקער יוגנט באַגריס איך איך, בעסטער גאַסט אין אונדזער שטאָט...”

— אַ דאַנק — האָט שלום אַש געענטפערט.

דער יוגנטלעכער האָט ווייטער גערעדט:

— די יוגנט גאַרט זיך צו טרעפן מיט איך. קיין בילעטן אויף אייער אָוונט זענען שוין נישט צו באַקומען. עס וועט פאַר אונדז זיין אַ גרויסער כבוד ווען איר וועט אונדז באַשטימען אַ צייט, ווען איר קענט זיך באַגעגענען מיט אונדז אין זאַל פון דער ידישער קהילה.

שלום אַש האָט געדולדיק אויסגעהערט און קורץ אָפּגעענטפערט:

— איך קען עס נישט טאָן. איך בין נישט קיין פילאַנטראָפּ.

דער ענטפער איז פאַר אונדז געווען ווי אַ פאַטש אין פּנים אַריין.

דערפאַר בין איך איצט, שפּאַצירנדיק מיט אַשן, נישט געווען צופרידן, הלמאי ער האָט מיך דערמאָנט די נעכטיקע באַגעגעניש.

— אַ פיינע יוגנט ביי איך אין לוצק. איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז אַזויפיל יוגנטלעכע קומען אין אַ געוויינלעכן פרייטיק אין דער פּרץ־ביבליאָטעק.

איך האָב זיך אָנגערופן:

— בעסער וואָלטן מיר נעכטן נישט געקומען. יעדע אַנטוישונג ווירקט שטאַרק אויף אַ יונגן מענטש.

— אַנטוישונג? מיר איז עס גאַרנישט איינגעפאַלן. איך בין פּשוט

מיד. דערצו בין איך געבונדן מיט אַן אַפּמאַך, מיט אַן אימפּרעסאַריאָ. איר פאַרשטייט? — האָט שלום אַש זיך פאַרענטפערט — דערציילט עפּעס וועגן אייער יוגנט. דאָס אינטערעסירט מיך.

— מיינע חברים זענען די וואָך עולה געווען קיין ארץ־ישראל. איך וועל ענדיקן די אַכטע קלאַס און מסתמא אויך פאָרן.

— אַ געזונט אין אייך!

— אַוודאי ווילט זיך לערנען ווייטער, אין דער הויך־שול איז זייער שווער אַריינצוטרעטן פאַר אַ יידן, פאָרן קיין אויסלאַנד זיך לערנען קאָנען זיך דערלויבן בלויז די רייכע זינדלעך.

— איך האַלט נישט, אַז מען דאַרף זיך אַזוי יאָגן אין די אוניווערסיטעטן. שוין צופיל אינטעליגענץ ביי אונדז. אַרבעטער דאַרפן מיר, בויער.

— איך בין מסכים מיט אייך, אַז נישט אַלע מוזן שטודירן, אָבער די פעיקערע, די באַגאַבטע?...

— די באַגאַבטע? — האָט אַש מיר איבערגעריסן — דער קוואַל וועט זיך דורכרייסן, פון די טיפענישן, דורכן האַרטן באָדן, דורך פעלדזן — ער וועט זיך דורכרייסן!

אַרום אַכט אַ זייגער אין אָונט זענען מיר, איך און מינאַ, שוין געשטאַנען ביים טעאַטער. אַ גרויסער עולם האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אין דרויסן. איך וויים נישט, צי אַלע האָבן געהאַט בילעטן. מעגלעך, אַז אַ סך זענען געקומען בלויז אַ קוק טאָן אויפן באַרימטן יידישן שרייבער.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז אָנגעקומען שלום אַש. דער עולם האָט געשאַפן אַ שפּאַלער פוןביידע זייטן און געלאָזט אים דורכגיין אין דערמיט. שלום אַש האָט מיט וואַרעמע בליקן באַגריסט דעם עולם פון ביידע זייטן, נאָר צוקומענדיק צום טעאַטער, איז אים אַקעגנגעקומען זיין אימפּרעסאַריאָ און גערעדט מיט גרויס אויפרעגונג:

— אַ חוצפה. שוין האַלב צען און זיי קלערן נאָך נישט צו ענדיקן די אוקראַינישע פאַרשטעלונג.

שווייגנדיק האָט שלום אַש זיך אויסגעדרייט אויף צוריק. די אויגן האָבן ביי אים געפינקלט מיט פאַרדרוס און כעס.

— קומט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיר ווען ער האָט מיך דערזען.

מיר זענען געגאַנגען באַרג אַראָפּ צו דער דאָלינע אויפן וועג צו דער באַן. איך האָב אים געוואָלט באַרואיקן, דערמאָנט, אַז ביי די אוקראַינער איז עס נישט דאָס ערשטע מאָל ווי זיי רייסן אַרונטער יידישע אונטער־נעמונגען. ביי אונדזערס אַ פאַרשטעלונג האָבן זיי אַפילו קאַליע געמאַכט די עלעקטרע...

— גענוג, שווייגט, איך בעט איך — האָט ער פּלוצים אויסגעשריגן.

ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אָנשטאָט צו באַרויקן אים, האָט מיין דערציילן צוגעגאָסן בוימל צום פייער.

עטלעכע מאָל בין איך געגאַנגען זען, צי זיי האָבן שוין פאַרענדיקט די פאַרשטעלונג. דער עולם האָט געדולדיק געוואַרט. ערשט נאָך צען האָבן זיי פאַרענדיקט און מיט שפּאַטישע געלעכטערס פאַרלאָזט דעם טעאַטער־זאַל.

ווען שלום אַש האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע האָט זיך דער פול געפּאַקטער זאַל אויפגעשטעלט און באַגריסט אים מיט באַגייסטערטע אַפּלאַדיסמענטן און אָוואַציעס.

מיט אַ שטיל קול האָט שלום אַש געלייענט איין דערציילונג נאָך דער צווייטער. עס איז כדאי געווען צו וואַרטן אַפילו ביז האַלבער נאַכט און זוכה זיין צו הערן אים לייענען, אַזוי פשוט מיט אַזויפיל געפיל. איך בין געזעסן נעבן מינען. זי איז געווען פאַרכישופט. איך האָב עס אָפּגעפילט פונעם דרוק פון איר האַנט, אַרויסגעלייענט פון אירע אויגן, וואָס האָבן געפינקלט אין דער פינצטער.

— אַ שאָד, וואָס מיר האָבן נישט קיין בלומען אים צו דערלאַנגען — האָט מינאַ געזאָגט צו מיר ביים איבעררייס.

איך בין אַרויס אין דרויסן. נישט ווייט פון טעאַטער בין איך מיט סכנות נפשות אַריבערגעקראָכן אַ פאַרקאַן פון אַ פרעמדן גאָרטן און אָפּגעריסן צווי רויזן, רויטע, מיט פרישן אַראָמאַט. ביים סוף זענען מירביידע צוגעגאַנגען צו אים און דערלאַנגט די רויזן — דער אויסדרוק פון אונדזער באַגייסטערונג און פאַרערונג...

יואל פערעל

די סירענע

די יוגנט איז מסוגל זיך צו באַגייסטערן, אַנטציקן, זי קען זיך אויך גאַר שנעל אַנטוישן. עס איז פאַר מיר געווען גענוג צו הערן די פאַר געציילטע ווערטער פונעם גרויסן ייִדישן שרייבער שלום אַש: — איך בין נישט קיין פילאַנטראָפּ, איך בין געבונדן מיט אַן אימפּרעסאַריאָ א. א., אַז דער רושם פון זיי זאָל זיין אַזוי שטאַרק, אַז איך זאָל זיך נעמען צו דער פען און מיט איין אָטעם אויסדריקן מיט ווערטער אויף פּאַפּיר מיין גרויס פאַרדרוס און אַנטוישונג. איך האָב אָנגעשריבן אַ באַלאַדע אין ווייסע פערזן אונטערן נאָמען „סירענע". דאָס איז געווען מיין ערשטע גרעסערע שאַפונג. דעריבער גיב איך זי איבער אָן שום ענדערונגען.

די סירענע

(אַ לעגענדע פאַר דערוואַקסענע)

ווער זינגט אַזוי ווונדערשיין אויפן רוישיק־ברויזנדן ים?
וועמעס טרילן גיסן זיך זיגזאַגיש־ציטעריק אויף די כוואַליעס
פונעם ברייטן וואַסער־פלאַך צעגאָסענעם?

ס'ציען זיך די הימלישע מאָטיוון אין דער ברייטער ווייטקייט
אָן סוף, אָן ברעג.
גראָבן זיך, גראָבן אין הערצער, מיט וויטיק פאַרפולטע,
קילן פאַרגליווערט־רויט־בלוטיקע ווונדן,
וועקן צערטלעכע געפילן, נשמות פריש — דערפרישן זיי.
ניגונים איינגעדרימלטע, נאָך נישט געזונגענע
צום לעבן זיי דערוואַכן...

אַרויסגעשטעקט די נאַסע קעפּ מיט לאַנגע מאָכיק־גרינע
צעפּ באַוואַקסן אויף דער וואַסער־פלעכע הויך,

מיט אויגן פֿאַרזשמורעט, מיט אויערן וואַכיק צו כאַפּן
גאַמען נאָך גאַמען; און שווייגן די נימפֿן — זיי הערן.
אונטער דעם וואַסער די ברוסטן, געפּאַנצערטע ברוסטן —
זיי הויבן זיך העכער, אַלץ העכער.
ס׳דוכט זיך, אָט וועלן זיי פּאַנצער פֿון זילבערנע שיפּן צעפּלאַצן.
די פֿליסן, די רויטינקע טריסלען זיך ציטעריק־פֿיבעריש,
שפּאַלטן די מאַסע די פֿליסיקע, גאַליקע בלויע,
וואָס בולבעט זיך, פּלוסקעט און וואַשט זיי אָן אויפֿהער.

ס׳ווערן פֿאַרכישופֿט פֿון שכורע טענער און צויבער־געזאַנגען די נימפֿן,
און ציען זיך, שווימען טריט־טריטלעך צום מקור,
צום קוואַל פֿון די הימליש־האַרמאָנישע טענער.

אָט איז ער — דער זינגער!
אויף נאַקעטן פֿעלדז, וואָס שטאַרצט פֿונעם ים,
ווי זילבערנע וואָלקנס אין בלוילעכן הימל,
זיצט שלוהדיק־רויק אַ שוועסטער, אַן עלטערע שוועסטער
מיט אויגן פֿאַרחלומט, מיט צעפּ ווייס־גרויע צעפּלאָשעט,
צענדליקער קנייטשן פֿאַרפּולן איר
פּנים און שטערן דעם הויכן.
מיט אַ ביטער־איראָנישן שמייכל עפּנט זיך ס׳מויל אירס
צוזאַמען מיט רויט אָפּגעבליאַקעטע ליפּן
און שטראָמט פֿון זיך אוצר איינציקווייז, צענדליקווייז
צייטיק פֿאַרכישופֿטע טענער.

ס׳רינגלען די וואַסער־פֿיש־פֿרוישע נימפֿן
די שוועסטער אַרומעט און שווייגן.
נאָר איינע אַ דרייסטע, די דרייסטסטע פֿון אַלע,
לאָזט הערן איר שטימעלע סטרוניק־צעציטערט:

יואל פערעל

— שוועסטער אונדז טייערע! מיר זענען באַצויבערט פון דיר
און דיין זינגען. זיי אונדז אַ מאַמע אַ צאַרטע
און פיר אין דיין וועג אונדז פון פילן און זינגען!
— דיר, דרייסטינקע, — ענטפערט מיט שמייכל אויף ליפּן פאַרקרומטע,
די שוועסטער, די עלטסטע פון נימפן. — דיר נעם איך צו זיך,
דו איינע וועסט העלפן מיר זינגען און פאַנגען...
איר אַלע, איר גייט איך, ס׳פעלט נישט קיין זינגער,
תם־טרוימישע זינגער
דעם סאַמומיש־ווילד־צעטאַנצטן ים!...

מיט קעפּ, ווי מיט לאַסטן באַהאַנגענע, דערנידערט
צעלאָזן זיך עלנט די נימפן פאַרשטויסן:
— ווי אונדז, וואָס שוועסטער אַ שוועסטער דערנידערט.
אָן רחמים, אָן פילן פאַרטריבן!!!
— — — — — — — — — — —

און שעה נאָך שעה איז פאַרגאַנגען, פאַרשוווּנדן,
טאָג נאָך אַ טאָג, ווי קאַפּנדיקע טראָפּנס,
וואָס רעדלען דאָס וואַסער פון ים אין אַ רעגן
איז אויפגאַן־צערינען.
ס׳שפּיגלט העל־בלוי שוין די האַלבע
געבוירענע נאַר־וואָס לבנה איר קילעכדיק־שפּיציקן רוקן
אין לויטערן שפּיגל פון וואַסער.

ס׳ציען קאַראַוואַנען, ווי שלאַנגען,
די נימפן, פרוי־פּישיקע נימפן,
אַ ניגון זיך ברומענדיק סודותדיק פולן,
דער לבנה אַנטקעגן, אַנטקעגן...

צו זיי אויף דאָס שוועסטערל זייערס,
די גליקלעכע פון אַלע, ביי שוועסטער — איר שררה
פאַרבענקט זיך נאָך שוועסטערלעך טרייע — געקומען.

האַלב־סודותדיק, מוראדיק, ענטפערט זי אויף פראַגן געשטעלטע
אין אויער די שוועסטערלעך אירע:

— איך קען שוין שיין זינגען, כאָטש בייסנדיק־ביטער
און שעלמיש פאַרדאָרבן די שוועסטער איז —
די לערערין מיינע... דאָך פיל איך — די נאָענטקייט אירע
מיך פליגלט און וועקט מיר צו שירה.
צי ווייסט איר צוליב וואָס זינגט זי אָן אויפהער
צוזאַמען מיט אונדז — אירע העלפערס?

כישוף געמאַכטן פאַרשפרייט זי
אויף לענגן און ברייטן.
און ברואים מיט אויבערשטע טיילן
צו אונדזערע ענלעך,
נאָר שיפּן־רייך, פליסן־רײן־נאַקעט,
וואָס שלעפּן אַרום זיך מיט אויגן פאַרחלומט
אויף העלצער געקאָוועט, געבונדן, —
פאַרנאַרט זי און שליידערט זיי,
דורך מבול פון קלאַנגען ביז שיכור פאַרשלאָפענע
אין אָפּגרונט אין טיפן, אין שוואַרצן...

אַ כליפּען רייסט איבער די סודות דערציילטע.
מיט הייזעריק־וויינענדיקע קולות
צעיאָמערט דער כאָר זיך פון נימפן:
— ווי אונדז, וואָס שוועסטער די הימלען

יואל פערעל

מיט אָפּגרונט פאַראייניקט,
דעם גאָט אונדז פאַרקריפּלט!!!...

גאָר אומגעריכט האָב איך באַקומען פונעם יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינ־סטיטוט אין אַמעריקע אַ מיקראָ־פילם פון אַלע זשורנאַלן „שפּראַצונגען" און דאָרט איז די באַלאַדע געווען געדרוקט.

נייע ווינטן

דער אַכטער, דער לעצטער קלאַס אין גימנאַזיע איז בכלל דער סאַמע ערנסטער און שווערסטער. ביי אונדז איז ער געווען נאָך שווערער, ווייל די אונטעריכט־שפּראַך איז פון רוסיש איבערגעגאַנגען אויף פּויליש, דער גאַנצער פּראָגראַם האָט זיך געענדערט. אמת, מען האָט ווייטער געלערנט העברעיש, אַלס שפּראַך, תנ"ך און יידישע געשיכטע, אָבער זייער ווייניק.

דער דירעקטאָר כוועדקיעוויטש, אַ נידעריקער, דאַרינקער און שטרענ־גער, וואָס איז אָבער דאָך געווען באַליבט ביי אַלע, האָט געמוזט אָפּטרעטן זיין אָרט דעם נייעם דירעקטאָר, וואָס איז געקומען פון גאַליציע, לעדער־פיינד, אויך אַ מאַטעמאַטיקער און פיזיקער, אָבער אָן דעם געהעריקן צוגאַנג צו שילער, מיט וועלכן עס האָט זיך אויסגעצייכנט כוועדקיעוויטש. לעדערפיינד האָט גערעדט מיט אַ טיף גאַליציאַנער אויסשפּראַך:

— דו, ווי רופט מען דיך דאָרט, קום אַהער — פלעגט ער זיך ווענדן צו אונדז, דערוואַקסענע שילער, וואָס זענען געוווינט געווען צום ביז איצטיקן דעמאָקראַטישן רעזשים. ביז איצט האָט מען זיך צו אונדז נישט געוואַנדן אויף „דו". האָבן מיר טאַקע דעם נייעם דירעקטאָר געקרוינט מיטן נאָמען „דער שוסטער".

דאָס פריערדיקע צוזאַמענלעבן מיטן לערער, דער דערציערישער מאָמענט, איז כמעט פאַרשוווּנדן. די דיסציפּלין איז געוואָרן שטרענגער. פאַר די שטאַרקערע לערער האָט מען באַקומען מורא, אָבער דערפאַר איז

מען די שוואַכערע דערגאַנגען די יאָרן. ווען עס האָט זיך נאָר געלאָזט, האָט מען אָפּגענאַרט די לערער, איבערגעכיטרעוועט זיי. די לערערין פון פּויליש, פּוילישער ליטעראַטור, די הויכע בלאָנדע פּרוי מיט די אונטער־געפּירטע אויגן, שוואַרצע ברעמען און רויטע ליפּן, האָט גערעדט שטיל און מיט אַ בייסיקן שמייכל געוואָרנט: — נו, פּרוווט, עס וועט אייך אָבער נישט געלונגען!

אויף איר האָט מען געזאָגט, אַז זי שטאַמט פון די הויכע פענצטער, אַ קרובה פונעם וואָיעוואָדע. אין וואָרט אירס קען שאַדן ברענגען דער גאַנצער גימנאַזיע. דעם גרעסטן טייל פון אונדזער צייט פלעגן מיר אַוועק־געבן אויף צו לערנען פּויליש. אָבער די לעקטור, וואָס די לערערין האָט געפאָדערט, די קלאַסיקער סלאָוואַצקי, פּרוס, סיענקיעוויטש, וויספּיאַנסקי, איז געווען פאַר אונדז אוממעגלעך איבערצולייענען אין אָריגינאַל. נו, האָבן מיר אויך זי געמוזט אָפּנאַרן. מיר האָבן געלייענט בלויז די קאָנספּעקטן, דעם קורצן אינהאַלט וועגן די כאַראַקטעריסטיקעס פון די העלדן און פאַרטיק.

— וואָס האָסטו, פּערעל, לעצטנס געלייענט? — האָט זי מיך אַ פרעג געטאָן.

— די „ליאַלקע" פון פּרוסן — האָב איך שטיל געענטפערט און ווי אַ מזמור איבערגעחזרט דעם אינהאַלט, כאָטש איך האָב דאָס ווערק נישט גע־לייענט אין אָריגינאַל, און אַפילו באַקומען אַ גוטע מיינונג. נאָר ווי, גייענדיק פון דער גימנאַזיע, האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען אין שויפענצטער, אַז פּרוס' „ליאַלקע" פאַרמאָגט דריי בענדער. איצט טראַכט איך, אַז די לערערין האָט, מעגלעך, געלאָזט זיך אָפּנאַרן, כדי מיר זאָלן כאָטש האָבן אַן אָנונג אין דער פּוילישער קלאַסיק. דעמאָלט אָבער האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז מיר האָבן די לערערין אָפּגענאַרט אויפן גאַנצן פּראָנט.

צוויי שעה אין דער וואָך האָבן מיר נאָך געלערנט די רוסישע ליטע־ראַטור, אָבער אָן שום טעם. דער לערער גאַלאָווין האָט ווייניק געפאָדערט. מערסטנס פלעגט ער דערציילן וועגן די רוסישע קלאַסיקער, אָפט ציטירט אייניקע שטעלן פון זייערע ווערק. אייניקע שילער האָבן בשעת דער לעקציע געקנאַקט קערעלעך, געטרונקען לעמאָניאַד. אים איז עס נישט אָנגעגאַנגען,

אַבי מען זאָל אים נישט שטערן צו דערציילן. אַנשטאָט צו ענטפערן אויף פראַגן פלעגן בלויז איניקע פון אונדז פּריוויליק אַרויסטרעטן און דעקלאַמירן. געווײנלעך, בין איך געווען פון די ערשטע פּריוויליקע. „דאָס לעצטע וואָרט פון פאַרמשפּטן" האָב איך דעקלאַמירט און דאָס האָט פאַרנומען אַ האַלבע לעקציע. די שילער האָבן אַפּלאָדירט, ווי בעת אַ פאָרשטעלונג. דער לערער האָט זיך געבעטן: — איר שטערט אַנדערע קלאַסן, שטילער! צו די שריפטלעכע אַרבעטן פלעגן אַ סך שילער צוגרייטן „שפּאַרגאַלקעס". דער לערער גאַלאָווין איז פון אַזעלכע אַרבעטן אויך געווען צופרידן און אַפילו געשטעלט הויכע מיינונגען. אָבער אין תוך איז געווען אַ בראָך.

פאַרגלוסט זיך דעם לערער צו געבן אַ שריפטלעכע אַרבעט אומגעריכט. אמת, ער האָט געגעבן דריי טעמעס פונעם דורכגעמאַכטן קורס און איינע אַ פרייע טעמע. די שילער האָבן אָבער, אַלס פּראָטעסט פאַר אַזאַ „חוצפה", נישט געשריבן. איניקע האָבן זיך אויפגעפירט גראָב און דערלויבט זיך צו זידלען דעם לערער.

פלוצים איז אַריינגעקומען דער דירעקטאָר. דער לערער האָט אים דערציילט, אַז מיר זאָגן זיך אָפּ צו שרייבן די אויפגאַבן. מיר האָבן זיך אָבער פאַרענטפערט, אַז מיר זענען היינט מיד, מיר האָבן זיך געגרייט צו אַ שריפטלעכער אַרבעט אויף פּויליש. די אויפגאַבן זענען אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ וואָך. אָבער אין דער צווייטער וואָך, ווען די „שפּאַרגאַלקעס" זענען שוין געווען גרייט, נאָר די טעמעס זענען, ווי אויף צו להכעיס, געווען אַנדערע, האָבן מיר איבערגעחזרט אונדזער סקאַנדאַליעזע האַנדלונג.

אין רעזולטאַט איז גערופן געוואָרן אַ זיצונג פון עלטערן־קאָמיטעט צוזאַמען מיטן פּעדאַגאָגישן ראָט און עס איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע פון לערער און עלטערן, זיי זאָלן במשך פון אַ געוויסער צייט באַזוכן די לעקציעס פון דעם לערער גאַלאָווין. דאָס איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון איניקע ליגנס, וואָס די שילער האָבן אויסגעטראַכט אויף גאַלאָווינען און איניקע פון די בייזע גאַליציאַנער לערער, וואָס האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון דער רוסישער שפּראַך, האָבן עס איבערגעחזרט. אויף אַזאַ האַנדלונג לגבי אַן אומשולדיקן מענטשן האָבן מיר זיך נישט געריכט.

דאָס געוויסן האָט אונדז געפּייניקט און מיר האָבן באַשלאָסן איבערצו־בעטן דעם לערער, נעמען אויף זיך די שולד און עס אויפקלערן דורך איינעם פון אונדזערע עלטערן.

אונדזער חרטה האָבן מיר אַרויסגעוויזן נישט נאָר מיט ווערטער. עס האָט זיך פאַרבעסערט די דיסציפּלין אויף די לעקציעס פון רוסיש. מיר האָבן בכלל אָנגעהויבן קוקן אויפן לערער גאַלאָווין מיט אַנדערע אויגן... גאַלאָווין האָט אונדז מוחל געווען, אָבער דער דירעקטאָר לעדערפיינד — נישט.

„אויף אַזאַ האַנדלונג מצד שילער פון אַכטן קלאַס, האָב איך זיך נישט געריכט — האָט ער אונדז פאַרגעוואָרפן — איר דערלויבט זיך צופיל, ווי רופט מען עס? אַ סך פון אייך, ווי רופט מען עס, פאַרפעלן צופיל טעג. ווער עס האָט אין קלאַסן־זשורנאַל מער פון צען פּראָצענט פאַרפעלטע טעג, וועט נישט צוגעלאָזט ווערן צו די עקזאַמענס".

די לעצטע דראָונג האָט אויפגערודערט די געמיטער. איך האָב כמעט נישט געהאַט קיין פאַרפעלטע טעג און האָב געקענט זיין רויק. אָבער אַנדערע? אַלע האָבן געוווּסט, אַז איך בין אין דער רוסישער גימנאַזיע געווען דער פירער פון דער שפּאַרגאַלן־גרופּע. זיי האָבן גע־מיינט, אַז איך בין בכוח זיי אַרויסצוהעלפן און געקוקט אויף מיר מיט בעטנדיקע בליקן...

ווען דער דערציִער האָט איבערגעלאָזט דעם קלאַסן־זשורנאַל, כדי אַ שילערין מיט אַ שיינער האַנטשריפט זאָל אויסשרייבן די נעמען פון די שילער אויף דער נייער וואָך, האָב איך אַרויסגענומען אַ מעקער און במשך פון דער גרויסער פּויזע באַוויזן אויסצומעקן ביי אייניקע שילער די צייכנס פון זייער אָפּוועזנהייט. געמאַכט האָב איך עס פּאַרזיכטיק, ס׳זאָל קיין סימן נישט בלייבן. אָבער מאַרקוס, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר, האָט נישט געוואַרט אויף מיין אויסמעקן און האָט עטלעכע מאָל אַליין אויסגעמעקט מיטן פינגער די צייכנס פון זיין אָפּוועזנהייט. פאַר־שטענדלעך, אַז אַזאַ „אויסמעקן" האָט געוואָרפן אַ חשד ביים דירעקטאָר.

— עמעץ האָט זיך געפּאַרעט ביים טאָגבוך — האָט דער דירעקטאָר אַ זאָג געטאָן אויף צומאָרגנס — זיי זיך מודה, מירסקי...

מירסקי האָט זיך צעכליפּעט אויפן קול און דערביי אַ זאָג געטאָן צו מיר אויף רוסיש:

— ווען נישט דו, וואָלט מען מיך נישט באַשולדיקט.

דער הילכיקער פּאַטש, וואָס איך האָב אים געגעבן, האָט אָפּגעקלונגען איבער דעם גאַנצן קלאַס. עס איז געוואָרן אַ קאַכעניש, אַלע האָבן אויפגערעגט געשריגן. דער דירעקטאָר האָט געוואָלט באַרויִקן די געמיטער:

— ניין, אויף פּערעלן זאָג איך נישט. ער האָט קיין איין טאָג נישט פאַרפעלט.

עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט בכלל חרטה געקריגן, הלמאי ער האָט באַרירט דעם אומאָנגענעמען ענין. די סיטואַציע האָט געראַטעוועט דער קלינג. דער דירעקטאָר איז אַוועק, אָבער די געמיטער האָבן זיך נישט באַרויִקט. עמעץ האָט געוואָרפן דאָס וואָרט „חרם", אַז מען דאַרף מירסקין אַריינלייגן אין חרם פאַר אַזאַ פּראָוואָקאַציע. אַנדערע קולות האָבן אונטערגעהאַלטן.

דאָס שרעקלעכע וואָרט „חרם" האָט אויף מירסקין אָנגעוואָרפן אַ שרעק.

— איך בעט אייך, טוט עס נישט. איך בין שולדיק און זאָג צו, אַז עס וועט מער קיין מאָל נישט געשען.

צוויי וואָכן איז ער אָבער פאַרט געווען אין „חרם". לענגער האָט עס נישט געקענט דויערן, מירסקי איז דאָך פאַרט געווען אונדזער „ברודער" — אַ שומר, דערצו אַ ראש הגדוד.

ר ע אַ ק צ י ע ס

יעדער מענטש לײדט פון ספיקות. נישט תמיד איז ער זיכער, אַז ער טראַכט ריכטיק, אַז זיינע האַנדלונגען זענען ריכטיקע. טיילט ער זיך מיט זיינע ספיקות מיט די נאָענטסטע מענטשן, ווילנדיק פון זיי אַרויסבאַקומען אַ מיינונג, אַפילו ווען זי איז אַ היפּוכדיקע צו זיינער. מיט מיינע ספיקות

פלעג איך זיך טיילן מיט מינען בשעת אונדזערע שמועסן אויף די שפּאַ־צירן מינאַ איז געווען געגוג אויסגעהאַלטן, אויפמערקזאַם אויסגעהערט מיינע רייד און אין קורצע זאַצן זיך אַרויסגעזאָגט, נישט רעכענענדיק זיך, צי עס וועט מיר געפעלן, צי נישט.

— מאַרקוס האָט געהאַנדלט פאַלש, נישט שומריש, עס פּאַסט נישט פאַר אַ ראש הגדוד, אָבער פאַר דיין האַנדלונג קומט דיר אויך נישט קיין גלעט איבערן קעפּעלע.

איך האָב געשוויגן און געוואַרט אויף אירע ווייטערדיקע רייד:

— דער פּאַטש אין דער אַנוועזנהייט פון דירעקטאָר וואָלט געפּאַסט פאַר גרינקאַ קאָזאַק, נישט פאַר דיר. זעסט, אַפילו גרינקאַ לאָזט איבער שפּורן אויף די, וואָס האָבן זיך געפונען אין זיין סביבה במשך פון יאָרן... דו ווערסט בייז, נו, וועל איך שווייגן.

— ווער זאָגט דיר, אַז איך בין בייז? אדרבא, איך פאַרשטיי, אַז דיר געפעלט נישט דאָס אויסמעקן אין זשורנאַל, אמת?

— נישטאָ וואָס צו געפעלן. אויב עמעץ פאַרפעלט די לעקציעס צוליב אַ קראַנקייט אָדער אַנדערער וויכטיקער סיבה, וועט אים אַפילו דער „שוסטער" גאָרנישט טאָן, אָבער די פוילענצער, זאָלן זיי זיין פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר זייערע טאַטן.

מינעס רייד האָבן געפּאָדערט, איך זאָל זיך טיפער אַריינטראַכטן. ווען מינע האָט מיך נאָך אַ מאָל איבערגעפרעגט, צי איך בין ברוגז, האָב איך געענטפערט:

— ווען אַ מענטש וואָלט געקענט פאַר יעדער האַנדלונג איבערקלערן, באַראַטן זיך, וואָלט ער אַ סך נאַרישקייטן פאַרשפּאַרט צו טאָן.

אַן אַנדער מאָל איז געשען, ווען איך האָב געהאַט אַ פּריוואַטע לעקציע ביי מנוחהן, מאָטל רעצעפּטערס שוועסטער. איך האָב צוגעגרייט איר יונג זונדל צו די עקזאַמענס אין ערשטן קלאַס גימנאַזיע. מיין פאַרדינסט פון דער לעקציע האָט מיר געקלעקט צו באַצאָלן אַ העלפט פונעם שכר־לימוד אין גימנאַזיע. זיץ איך אַמאָל בעת דער לעקציע און פאַר מיר אין די אויגן קומט פאַר אַזאַ סצענע:

גערטרודע, די העל־בלאָנדע דייטשקע, אַ יונג און געזונט מיידל, האָט

געאַרבעט אַלס דינסט ביי מנוחהן. איר פֿאָטער, אַ דייטשער קאָלאָניסט, האָט זי אָבער אַהיימגענומען, כדי זי זאָל אים העלפֿן פֿירן זייןווירטשאַפֿט. ערב פּסח האָט מנוחה באַגעגנט אויפֿן מאַרק דעם דייטש מיט זיין טאָכ־טער און געבעטן, אַז גערטרודע זאָל כאָטש אויף איין חודש קומען איר העלפֿן און דערפֿאַר וועט זי איר באַצאָלן טאָפּלט. גערטרודע האָט מסכּים געווען און במשך פֿון דעם פּסחדיקן חודש געהאָרעוועט ווי אַן אייזל: געוואַשן, גערוימט. נאָך פּסח האָט זי געוואָלט אַהיימפֿאָרן און אויף אַ שפּראַך, וואָס איז געווען אַ געמיש פֿון יידיש און דייטש, האָט זי זיך געבעטן ביי דער באַלעבאָסטע, זי זאָל איר באַצאָלן וואָס איר קומט און זי וועט אַהיימפֿאָרן.

— וואָס קומט דיר, וואָס?

— איר האָט דאָך צוגעזאָגט צו באַצאָלן טאָפּלט.

— אָבער עס קומט דיר נישט! אַמאָל ביסטו געווען אַ בעסערע אַר־בעטערין, אָרנטלעכער. איך האָב דיר געקענט געטרויען, אָבער היינט... וואָס ביסטו נעכטן געקראָכן צום קויש מיט שמוציקע וועש?

גערטרודע איז בלאַס געוואָרן.

— געקראָכן? כ'האָב געזוכט מיין נאַכט־העמד.

— אַ גנבטע האָט שטענדיק דעם תּירוץ גרייט.

ביי די ווערטער האָב איך באַמערקט ווי גערטרודע איז אין גאַנצן געענדערט געוואָרן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און אָנגע־הויבן קלאַפּן מיטן שטערן אין דער רויט־געפֿאַרבטער פּאָדלאָגע.

איך בין צוגעלאָפֿן צו איר און מיט כּוח זי אויפֿגעהויבן. איר שטערן איז געווען פֿאַרבלוטיקט. אויף דער פּאָדלאָגע זענען געבליבן בלוטיקע צייכנס. די דייטשקע איז געווען פֿאַרחלשט. איך האָב זי אָפּגעמונטערט מיט וואַסער. די אויגן זענען ביי איר געבליבן אָפֿענע, אַרויסשטאַרנדיקע. דורך אירע פֿאַרמאַכטע ליפּן האָט זיך געריסן אַ ווייסע שוים.

איך האָב געפֿילט, ווי אין מיר נעמט ברויזן דער כּעס. כ'האָב געוואָלט איינהאַלטן די רייד, וואָס האָבן זיך געריסן פֿון מיר, נאָר כ'בין נישט געווען בכּוח דאָס צו טאָן און האָב אויסגעשריגן:

— איר האָט געהאַנדלט נידערטרעכטיק... מיט אַזעלכע מענטשן

וויל איך נישט האָבן צו טאָן — און אַרויס פון שטוב מיט אַ קלאַפּ אין דער טיר. מער בין איך אויף דער לעקציע נישט געקומען, כאָטש עס איז מיר אַ שאָד געווען דער פאַרדינסט און עס איז נישט אַזוי גרינג געווען צו געפינען אַ צווייטע לעקציע.

מינען איז מיין האַנדלונג געפעלן...

דאָקטוירים

הלוואי עס זאָל נישט טרעפן, ווי עס טרעפט: צעבראָכן די לינקע האַנט, אין סאַמע מיט, ביים עלנבויגן. איך בין געפאָרן פאַרנאַכטצו אויף אַ געדונגענעם ראָווער צום קאַפּעלמייסטער קאַפּע אָפּגעבן אים אַ בוך מיט נאָטן. צוריקוועגס האָב איך זיך געלאָזט באַרג־אַראָפּ אויף דער שפּיטאָל־גאַס. ביי דער קהילה זענען פון די אַרומיקע הויפן פלוצים אַרויס הינט מיט אַ געלויף און האַווקעריי און אַלע נאָך מיר. איך האָב געפילט, ווי זיי רייסן מיר די הויזן. כ'האָב זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט. די הינט זענען זיך צעלאָפן, אָבער איך בין אַ פאַל געטאָן אויפן שאָסיי מיט דער לינקער האַנט און אויף מיר מיין ראָווער. איך האָב דערפילט אַ שטאַרק ווייטיק און דערזען די אונטערשטע טייל האַנט הענגט נאָך, ווי אַ שמאַטע, אויפן פלייש און הויט. ווי אויף צו להכעיס, איז קיינער נישט פאַרבייגעגאַנגען — נישט געווען ווער עס זאָל מיר העלפן.

איך האָב זיך אויפגעהויבן. אַרום איז געוואָרן אַלץ טונקעלער פונעם אָנרוקנדיקן זיך אָוונט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז נישט ווייט פון דאַנען, אין פעקערס דריישטאָקיקן מויער וווינט דער כירורג, ד"ר מינענזאָן. מיט די לעצטע כוחות האָב איך געשלעפּט נאָך זיך דעם געדונגענעם ראָווער. דער קורצער וועג האָט געדויערט לאַנג. דער ווייטיק האָט געבויערט אין גאַנצן קערפּער, נאָר דער יונגער ווילן האָט גובר געווען און איך האָב זיך דערשלעפּט ביז צום הויז, דערגאַנגען ביזן צווייטן שטאָק, אָבער העכער שוין נישט געקענט גיין. אַ פאַרחלשטער בין איך אַוועקגעפאַלן ביי דוד

פעקערס טיר. מען האָט מיך אָפּגעמונטערט און אַרויפגעפירט צום דאָקטאָר, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט, אַז די האַנט איז צעבראָכן און מען מוז זי נעמען אין אַ פאָרעם, אין גיפּס. איך האָב זיך געבעטן ביים דאָקטאָר, ער זאָל עס טאָן וואָס שנעלער, ווייל עס איז שוין זיכער אַריבער אַ שעה. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט:

— און באַצאָלן? עס דאַרף קאָסטן צוואַנציק גילדענע פינפערלעך.

— מיינע עלטערן וועלן איך באַצאָלן. ראַטעוועט, דאָקטאָר!

דער כלל־טוער און ערן־פאָרזיצער פון דער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע, ד״ר מינענזאָן, האָט אָן חשק גענומען זיך צו דער אַרבעט, אַריינגעלייגט די האַנט אין אַ קאַרטאָנענער פאָרעם, וואָס ער האָט אויסגעפילט מיט גיפּס.

מיט דער רושטאָוואַניע אויף דער האַנט און באַנד אַרום האַלדז האָב איך נישט געוואָגט אַריינצוגיין אין שטוב. ערשט די מאַמע האָט מיך דער־זען דורכן פענצטער און אַרויס צו מיר מיט אַ ליאַרם.

— ווי איז מיר, וואָס איז מיט דיר געשען?

דער טאַטע האָט דעם פאַרפאַל אויפגענומען רויִקער:

— אַ יונגע האַנט היילט זיך גיך אויס, יונגע ביינער וואַקסן זיך צונויף. ווער האָט דיר געמאַכט דעם גיפּס?

— ד״ר מינענזאָן — האָב איך געענטפערט — ער פאָדערט צוואַנציק גאָלדענע פינפערלעך.

— אַ גאָלדענעם הונדערטער — האָט זיך מיין טאַטע אַזש דערשראָקן — אַזאַ אוצר מיט געלט!

אויף מאָרגן בין איך שוין געגאַנגען אין גימנאַזיע אַריין. חברים און חברטעס האָבן מיטגעפילט מיין וויטיק. זלמן האָט מיך געטרייסט:

— נישט געזאָרגט, יואליק, מיר וועלן לערנען צוזאַמען. אַ שאָד נאָר, וואָס דער אָרקעסטער האָט פאַרלוירן אַ סאָליסט, דעם ערשטן קלאַרנע־טיסט.

דעם הונדערטער האָט ד״ר מינענזאָן באַקומען, אָבער מיין לינקע האַנט איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג עטוואָס קירצער פון דער רעכטער. דער ביין איז נישט געווען גוט אַריינגעשטעלט.

מענטשן האָבן געעצהט:

— וואָלסט זיך בעסער דורכגעפּאָרן קיין קאָוועל צום פויער, דעם „קאַסטאָפּראַוו״, ער וואָלט דיר אויפסניי צונויפגעשטעלט דעם ביין, ווי עס באַדאַרפט צו זיין. ער האָט טאַקע נישט קיין דיפּלאָם, אָבער ער אַרבעט בעסער פון אַ פּראָפעסאָר.

אָבער ווער האָט עס זיך געקענט דערלויבן צו טאָן, ווען די צייט איז טייער, פאַר די עקזאַמענס, נישטאָ קיין איין פרייע מינוט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז אָנגעקומען פאַר מיר פון אַמעריקע 50 דאָלאַר אויף שכר־למוד. איך האָב געשריבן אַ לענגערן בריוו צו מיין טאַטנס עלטערן ברודער, ועמען איך האָב פּערזענלעך נישט געקענט. ער איז שוין לאַנג געווען אין דעטראָיט. זיין ווייב און קינדער זענען פאַר־בליבן אין אָדעס, אין ראַטנפאַרבאַנד. לעצטנס איז אים געלונגען זיי אַרויפצונעמען אויף זיין פּאַס אַלס אַמעריקאַנער בירגער און ער וועט קומען זיי נעמען קיין אַמעריקע. ער מיינט אויך אַראָפּצוכאַפּן זיך צו אונדז קיין לויצק, דערוויל שיקט ער מיר די פופציק דאָלאַר אויף שכר־לימוד אין גימנאַזיע.

דאָס געלט האָט באַקומען מיין פאָטער און ער האָט עס פאַרנוצט אויף צו באַצאָלן זיינע וועקסלען. איך האָב געשוויגן, וויל ער האָט דאָך באַצאָלט דעם ד״ר מינענזאָן די הונדערט רובל. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז דעם שכר־לימוד וועט ער, אם ירצה השם, אויך צאָלן צו דער צייט.

מיין טאַטע איז בטבע געווען אַ גוטער, אָבער ער האָט זיין גוטסקייט נישט אויסגעדריקט אין ווערטער, אין צערטלעכקייט. קיין מאָל האָט ער קיין קינד נישט געשלאָגן. ווען אַן עלטערער זון, אָדער טאָכטער האָט רעאַגירט און זיך אָפּגערעכנט פאַר אים, האָט ער זיך נישט אַריינגעמישט און געשוויגן. פון אַלע זיינע צען זין און טעכטער האָב איך איינער זיך געלערנט אין גימנאַזיע. דאָס איז אים דווקא געפעלן, נאָר אַרויסווייזן דאָס, האָט ער נישט געקענט.

איך געדענק נישט, אַז מיין פאָטער זאָל אַמאָל האָבן געווען קראַנק. קומענדיק נאָך דער מלחמה פון לעמבערג, נאָך אַזוי פיל פיזישע און מאָראַלישע ליידן, איז ער שוין נישט געווען דער, וואָס פריִער. אויפן האַלדז האָבן זיך ביי אים באַוויזן פורונקולן, קיין היימישע מיטלען האָבן

נישט געהאָלפֿן, האָט מען זיך געמוזט ווענדן צו אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט אַ צוקער־קראַנקייט.

די מאַמע פֿלעגט דעם טאַטן אָפּהיטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿונעם אויג. דריי מאָל אין טאָג געגרייט צום טיש, לויט דער אָנגעוויזענער דיעטע. זי האָט פֿון ערגעץ באַקומען אַ ספּעציעל שוואַרץ ברויט און אין לייוונטענע זעקלעך אויסגעקוועטשט פרישן קעז. אַנשטאָט צוקער האָט ער געטרינקען טיי מיט סאַכאַרין.

אין שטאָט האָט מען אָבער געהאַלטן, אַז דער אַלטער גרייז־גרויער דאָקטאָר אַבראַמסקי איז דער אמתער מומחה, אויף וועמען מען קען זיך פֿאַרלאָזן. אמת, ער לעבט אויסטערליש, ווי אַן אַסקעט, אָן אַ פֿאַמיליע, אַ מענטש מיט אַ דורכגעמאַכטן שטורמישן לעבן, אין די זיבעציקער יאָרן, געאַרבעט איבער די כוחות. זיין דינסט, די דאָרפֿישע שיקסע, האָט יעדן טאָג אַרויסגעגעבן צען נומערלעך פֿאַר קראַנקע, אויפֿצונעמען זיי אין שטוב, פֿינף אויף אַרויסצופֿאָרן צו די קראַנקע אַהיים. צי קען אַזאַ קליינע צאָל קלעקן פֿאַר די צענדליקער קראַנקע, וואָס טאָגן און נעכטיקן ביים דאָקטאָר אין הויף ביז זיי באַקומען דעם געוווּנטשענעם נומער ?!

פֿאַרן וויזיט אין דער היים האָט ער גענומען בלויז פֿינף זלאָטעס. פֿאַר פֿאָרן צו יענעם אין שטוב — צען זלאָטעס. יעדער קראַנקער איז געווען פֿאַר אים אַ פּראָבלעם. ער האָט אים גענוי באַטראַכט, אויסגעפרעגט אַלע וויכטיקע פּרטים, ביז ער האָט געשטעלט דעם דיאַגנאָז, אָן צווייפֿל, מיט דער גאַנצער זיכערקייט. איבעריקע רייד האָט ער פֿיינט געהאַט צו הערן. ווען מיינעס קראַנקע מאַמע האָט אים אַמאָל איבער־געפֿרעגט, וועלכע שאַרפֿע מאכלים זי טאָר נישט עסן, האָט ער איר געענטפֿערט :

— נאָדלען, בריטוועס, טשוועקעס...

ער איז דערביי געווען ערנסט און אַפֿילו נישט קיין שמייכל געטאָן.

אַמאָל איז ער, אַבראַמסקי, געקומען צו מיין מוטער, ווען זי איז געלעגן אין בעט אַ קראַנקע.

— וואָס איז דיר ? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן, צוגייענדיק צו איר בעט.

מיין מאַמע האָט קרעכצנדיק געענטפערט:

— איך בין געפערלעך קראַנק, דאָקטאָר.

— האַ, געפערלעך? געפערלעך. אַ ביטער רחמנות אויף דיר. אוי, נאַרישע יידענע, פון וואַנען ווייסטו דאָס, אַז דו ביסט געפערלעך. איך לערן און שטודיר שוין אַזעלכע קראַנקע ווי דו צענדליקער יאָרן און איך ווייס נאָך אַלץ נישט, און דו ווייסט שוין, אַז דו ביסט געפערלעך.

מיט אַזעלכע רייד פלעגט ער די קראַנקע מאַכן שווייגנדיק און גע־האַרכזאַם. ביים שרייבן דעם רעצעפּט האָט ער מיך צוגערופן צו זיך, געפרעגט, צי איך ווייס, ווו ער וווינט און געהייסן מיך קומען צו זיך צומאָרגנס אין דער פרי מיט אַ פלעשעלע.

צומאָרגנס בין איך געקומען. ער האָט מיך אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט, געזאָגט:

— זייער גוט האָסטו געטאָן, וואָס דו ביסט געקומען. האָסט געבראַכט אַ פלעשעלע? גוט!

ער האָט אַרויסגענומען אַ גרויסע פלאַש און אָפּגעגאָסן די טונקעלע פליסיקייט אין מיין פלעשעלע.

— דאָ האָסטו טינט, גוטן טינט. אין דיין טינטער זענען דאָ נאָר געפּגרטע פליגן, נישט קיין טינט, זאָג אַ דאַנק און גיי אַהיים!

איך בין אַוועק אַ פאַרשעמטער.

ווען מיין פאָטער איז פאָרט אָנגעקומען צום דאָקטאָר אַבראַמסקי, האָט ער אים גוט באַטראַכט, אויפן אָרט געמאַכט אַן אַנאַליז פון אורין און דערביי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ווי אַלט ביסטו? וויפל קינדער האָסטו? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— אַ זעכציקער, דאָקטאָר, און קינדער האָב איך, קיין עין הרע, צען, זאָלן געזונט זיין.

— ווילסטו, הייסט עס, און דאַרפסט לעבן, אמת? איך קען דיר העלפן דערצו, אויב דו וועסט וועלן.

— אַוודאי וויל איך...

— דו שוויג און הער מיך אויס ביזן סוף! דו וועסט קומען צו מיר

צוויי מאָל אין טאָג. איך וועל דיר מאַכן אַזעלכע איינשפּריצונגען. שרעק זיך נישט — קיין געלט וועל איך ביי דיר נישט נעמען. צופוס וועסטו נישט דאַרפן גיין. מיין איזוואָשטשיק וועט דיך ברענגען און אָפּפירן אַהיים. איך שטודיר איצט וועגן דעם נייסטן מיטל קעגן דער צוקער־קראַנקייט. אינסולין רופט מען עס. איך וועל עס אַרויספאָדערן פאַר דיר פון בערלין.

מיין טאַטע איז געשטאַנען אַ געפּלעפּטער. דער צוטרוי און גלויבן אין דעם אַלטן שליח פון גאָט איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט.

— איך וועל קומען, כ׳וועל אַלץ טאָן, וואָס איר וועט הייסן, דאָקטאָר. אַלץ...

עס איז אַוועק אַ גאַנג. דער טאַטע איז צוויי מאָל אין טאָג געפאָרן צום דאָקטאָר און באַקומען פון אים די איינשפּריצונגען. דער אַלטער דאָקטאָר האָט ביז שפּעט אין אָוונט שטודירט די נייעסטע ביכער וועגן דער קראַנקייט. די פורונקולן זענען פאַרשוווּנדן. מיין טאַטע האָט זיך געפילט כמעט, ווי געזונט.

פון דעסטוועגן האָט מיין מאַמע געצווייפלט אין דער גרויסקייט פון דאָקטאָר. דעם רבס טאָכטער האָט איר אַמאָל איינגערוימט אַ סוד, אַז פון אַמעריקע שרייבט איר די מומע, זי זאָל זיך, חס וחלילה, נישט לאָזן איינשפּריצן קיין אינסולין, ווייל דאָס איז סם.

מיין מאַמע איז אַוועק צום דאָקטאָר אַבראַמסקי און גלייך אים דערציילט, אַז מען זאָגט, אַז דער אינסולין איז סם. אַזוי שרייבט מען פון אַמעריקע. דער דאָקטאָר האָט אויף איר אָנגעשריגן:

— מער זאָל איך דיך און דיין מאַן ביי מיר נישט זען... איך שלאָף נישט גאַנצע נעכט, שטודיר, שרייב אויס רעצעפּטן און זי גלייבט אַ יידענע מער פון מיר... נו, מאַרש, מאַרש פון דאַנען!

אַזוי האָט מיין מאַמע דערפירט, אַז דעם טאַטנס געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט. אין אַ צייט אַרום איז אים פּאַראַליזירט געוואָרן די רעכטע האַנט.

ד״ר אַבראַמסקי האָט פאַרט געהאַט אַ פילבאַר יידיש האַרץ און איז ווידער געקומען צום קראַנקן. ער האָט אים קיין מאָל נישט פאַרגעוואָרפן, נאָר געהיילט מיט די נייסטע מיטלען.

אין עטלעכע וואָכן אַרום, פאַרנאַכטצו, קומט ער פּלוצים אַריין צו אונדז אין שטוב אַריין און גייט גלייך צו צום טאַטנס בעט.

— שלום עליכם — זאָגט ער דערלאַנגענדיק דעם טאַטן די האַנט. דער טאַטע וויל אים דערלאַנגען די לינקע האַנט, די געזונטע, ווייל די רעכטע איז ביי אים שוין פון לאַנג אומבאַוועגלעך. אָבער דער דאָקטאָר גיט אים אַ קלאַפּ איבער דער האַנט, אויסשרייענדיק:

— די האַנט גיב מיר, די האַנט!

און עס איז געשען דער נס: דער טאַטע האָט צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן די קראַנקע האַנט און זי דערלאַנגט דעם דאָקטאָר.

איך האָב קיין מאָל נישט געזען מיין טאַטן וויינען. איצט האָט ער געוויינט מיט גרויסע וואַרעמע טרערן, טרערן פון טיפער פרייד.

די יוגנט זוכט

אין עלטער פון אַכצן ביז צוואַנציק יאָר איז די יוגנט צום אומרויקסטן, פילבאַרער, ווי שטענדיק, אויף יעדער ענדערונג, וואָס קומט פאָר אין לעבן. מען זוכט דעמאָלט אַ חבר, אַ פריינד, אַ מיידל. דאָס מיידל זוכט אויך איר אָרט אין דער געזעלשאַפט, הייבט זיך אָן פונאַנדערקלייבן אין די אידעען, וואָס באַהערשטן די יוגנט.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע מיט אירע אידעען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, האָט מיטגעריסן טיילן פון אונדזער יוגנט. די דאָזיקע יוגנטלעכע האָבן אין זייער אונטערערדישער אַרבעט געהאַט אויסצושטיין רדיפות און פּלאָגענישן. די פּוילישע דעפענסיווע מיט דעם באַוווסטן סאַדיסט זאַרעמבאַ, האָט זיי פאַרפאָלגט, געזוכט צו פאַרניכטן מיטן וואָרצל.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז זאַרעמבאַן איז געלונגען צו אַרעסטירן אַ גרעסערע גרופּע יוגנטלעכע צוזאַמען מיט זייער פירער קיבריק. כמעט אַלע זענען זיי געווען שילער פון דער אוקראַיִנישער גימנאַזיע, אָדער פון דער קאָלענקאָ־גימנאַזיע: יינגלעך און מיידלעך.

זיי זאָלן האָבן זיך פאַרזאַמלט אונטער דער שטאָט פראַוועו דעם יום־טוב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. זיי זענען געוואָרן אַרומגערינגלט דורך דער פּאָליציי און אויסגעכאַפּט געוואָרן אַלע — ביז איינעם.

די שטימונג אין שטאָט איז געווען, ווי אַ שוואַרצע כמאַרע וואָלט אָנ־געיאָגט פון ערגעץ און אָנגעזאָגט אַ געפערלעכן שטורעם־ווינט. עס האָט אויפגערודערט אַלעמען, אַפילו די קעגנער פון דער קאָמוניסטישער אידעע.

די פאַרמעגלעכע עלטערן פון די אַרעסטירטע קינדער האָבן געדונגען אַדוואָקאַטן, געפּרוּווט מיט גרעסערע געלט־סומעס איבערקויפן זאַרעמבאַן מיט זיינע געהילפן. עס איז טאַקע געלונגען די גרעסטע צאָל אַרעסטירטע אַרויסצונעמען אויף קויציע ביזן משפּט. בלויז אַכט פון זיי, מערסטנס יידישע בחורים, מיט קיבריקן בראש, זענען פאַרבליבן אין טורמע ביזן פּראָצעס.

אין יענער צייט האָט מען די באַפעלקערונג ביי די סאָוויעטישע גרע־נעצן פאָטאָגראַפירט, און געטאָן האָט עס זעליק שפּיצמאַן, דער שטאָטישער פאָטאָגראַף. ער פלעגט גאָר אָפט פאַרברענגען מיט דער פּוילישער גרע־נעץ־וואַך און האָט אויך געקענט אייניקע פון דער סאָוויעטישער זייט. דורך זיין פאַרמיטלונג איז געלונגען אַריבערצופעקלען די באַפרייטע יוגנט־לעכע אויף דער סאָוויעטישער זייט.

דערפאַר אָבער איז דער משפּט איבער די אַכט איבערגעבליבענע קאָמוניסטן געווען זייער אַ שטרענגער. ביים פּראָצעס זענען זיי שוין ווירק־לעך געווען איבערצייגטע, עקשנותדיקע קאָמוניסטן, פאַרהאַרטעוועטע דורך זייערע עלטערע חברים אין טורמע.

ווען קיבריקס עלטערע שוועסטער, די חנעוודיקע ברונעטין, האָט געזוכט וועגן ווי אַזוי צו ראַטעווען איר יינגערן ברודער, האָט זי געמוזט אָנקומען צו אויסערגעווײנלעכע מיטלען, כדי צו באַקומען אַ פּוילישן אַדוואָקאַט, וואָס זאָל פאַרטיידיקן איר ברודער.

זי מיט קיבריקן זענען געווען די איינציקע, וואָס זענען געבליבן ביי די עלטערן אין שטוב. צוויי עלטערע ברידער און שוועסטער זענען נאָך אין יאָר 1919 אַוועק קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיט די אָפּטרעטנדיקע באָל־

שעוויקעס און מען האָט געשמועסט, אַז זיי זענען דאָרט אומגעקומען אין די קאַמפן מיט די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן און פעטלוראָווצעס.

קיבריק אַליין האָט זיך אָבער נישט געלאָזט פּאַרטיידיקן, געזאָגט ביים פּראָצעס, אַז ער זוכט נישט קיין חסד ביי די סאַטראַפּן און איז גרייט צו שטאַרבן מיטן געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל".

דער אורטייל איז געווען אַ שטרענגער — אַכט יאָר תפיסה.

קיבריקס פּאָטער האָט זיך נאָך דעם אורטייל אויפגעהאָנגען.

צווישן דער אָרעמער יוגנט האָט אויך געהאַט זיינע אָנהענגער דער „בונד". די פאָלקסשול אין דער יידישער אונטעריכט־שפּראַך האָט דערצויגן יוגנטלעכע אין גייסט פון יידישער קולטורעלער אויטאָנאָמיע אין די לענדער ווו זיי געפינען זיך. אויך די פּראָפעסיאָנעלע פּאַראייגען האָבן זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון „בונד".

עס זענען אָנגעקומען די וואַלן צום פּוילישן סיים און סענאַט. אין שטאָט איז געוואָרן לעבעדיק. יצחק גרינבוים, דער מנהיג פון פּוילישן נאַציאָנאַלן יידנטום, איז געלונגען צו שאַפן אַ געמיינזאַמען בלאָק מיט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אוקראַיִנער און ווייסרוסן. דער ציל איז געווען צו באַקומען וואָס מער סיים־דעפּוטאַטן. דער קאָנקורענט פון דעם „בלאָק" איז געווען נח פּרילוצקי, דער לידער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי און האַנטווערקער.

מיר, די נאַציאָנאַל־געשטימטע יוגנטלעכע, זענען, פאַרשטענדלעך, געשטאַנען אין וואַל־קאַמף אויף דער זייט פון בלאָק, געקעמפט פאַר זיין זיג מיט אַלע מיטלען, צעטיילט צווישן דער באַפעלקערונג וואַל־ליטעראַטור, אַגיטירט מיט יוגנטלעכן ברען, אונטערגעהאַלטן די רעדנער אויף די וואַל־פאַרזאַמלונגען מיט ענטוזיאַסטישע אויסגעשרייען און אַפּלאָדיסמענטן. מיר פלעגן עס טאָן אויך פאַר די אוקראַיִנישע רעדנער, וואָס זענען אַרויסגעטרעטן אין נאָמען פון בלאָק, כאָטש נישט איין מאָל פלעגן מיר פילן דערביי אַ ווידערווילן צו אונדזער אייגענער האַנדלונג.

מיט געשריי און געפילדער, מיט פייפעריי און ווילדע אויסגעשרייען האָבן מיר אַרונטערגעריסן די פאַרזאַמלונגען פון דער פאָלקס־פּאַרטיי. דער

חשק צו זיגן, צו פאַרגרעסערן די יידישע פאַרשטייערשאַפט אין סיים און סענאַט האָט אונדז פאַרשיכורט.

מערקווירדיק, אַז דווקא דער גרויסער זיג אין די וואַלן, ווען דער בלאָק האָט צוגענומען אַלע פּערציק מאַנדאַטן און נישט איבערגעלאָזט אַפילו קיין איינעם פאַר די פּאָליאַקן, האָט אונדז, יוגנטלעכע, אויסגעניכ־טערט פון דער וואַל־שיכרות. מיר האָבן זיך געפרעגט: מיט וועמען זענען מיר געגאַנגען צוזאַמען? מיט די, וואָס האָבן אין יאָרן ת״ח ות״ט פאַרגאָסן יידיש בלוט? מיט די, וואָס האָבן ערשט מיט עטלעכע יאָרן צוריק אין די רייען פון פּעטליורא און אַנדערע באַנדעס, געמאָרדעט יידן און צוגערויבט זייער האָב־און־גוטס?

אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע טראַכטענישן איז צווישן דער יוגנט אויפגעקומען דער געדאַנק צו שאַפן אַן אויסער־פּאַרטיייִשע יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציע, עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זענען אַריין: אורי גליקליך, דוד ספּאַרד, זלמן עלבירט, שמואל כאַזאַן און איך.

אונדזער פּראָגראַם איז געווען צו פירן אויסער די ראַמען פון וועלכער עס איז פּאַרטיי, אַ יידישע קולטור־טעטיקייט צווישן דער יוגנט; פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון בײדע שפּראַכן, העברעיִש און יידיש; פאַר נאַציאָ־נאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע און פאַר אויפלעבן די נאַציאָנאַלע היים אין ארץ־ישראל מיט אונדזער בלוט און שווייס.

מיר האָבן אַפילו געוואָגט אָנצורופן די ניי־געשאַפענע אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען: „אַלוועלטלעכע יידישע אויסער־פּאַרטיייִשע יוגנט־אָרגאַני־זאַציע״ — אַזוי איז זי באַצייכנט געוואָרן אין אונדזער פּראָגראַם, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דער פאָרעם פון אַ ביכעלע און איז צעשיקט געוואָרן איבער אַלע שטעט און שטעטלעך, און נישט נאָר אין פּוילן, נאָר אויך אין אַנדערע אייראָפּעיִשע און אַמעריקאַנישע לענדער.

אונדזער ענערגיע האָט באַקומען אַ נייע ווענדונג און געברויזט מיט יוגנטלעכן ברען און צעפלאַמטע הערצער.

„מתים קלאָגן"

די שומרישע אָרגאַניזאַציע אין לויצק האָט אַ סך צייט געווידמעט דעם ספּאָרט: גימנאַסטיק, לייכט־אַטלעטיק און פאַרשידענע שפּילן, וואָס האָבן געטראָגן אַ האַלב־מיליטערישן כאַראַקטער, ווי אויך אָרגאַניזירט אויספלוגן. דער ספּאָרט איז אָבער נישט געווען קיין ציל, נאָר אַ מיטל. דער שומר דאַרף זאָרגן פאַר זיין געזונט, מוז זיין פעיִק צו אַרבעט, ווידער־שטאַנד און קאַמף.

מיט בלויז ספּאָרט האָבן זיך אין שטאָט פאַרנומען אַנדערע. בנימין פאַרשטיי, אַ פעסט־געבויטער יונגערמאַן, האָט געווידמעט אַ סך צייט פאַר פלעגן די ספּאָרט־קולטור צווישן דער יוגנט. ער האָט צו דער פיזישער קולטור געהאַט אַ נאַציאָנאַלן צוגאַנג און האָט די קאָמענדעס געפירט אין עברית: „ימינה שור" אאַז"ו. קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואַנען פאַר־שטיי האָט גענומען די העברעיִשע ספּאָרט־טערמינאָלאָגיע. אַ פאַקט איז, אַז די העברעיִשע טערמינען האָבן שיין געקלונגען, געווען אָריגינעל און אויסגעטיילט די שומרים פון אַלע אַנדערע ספּאָרטלער.

עס זענען פאָרגעקומען גימנאַסטישע איבונגען פאַר מיידלעך מיט ביל־דעריש צונויפגעשטעלטע פּיראַמידן, אָבער דעם אויבנאָן ביי דער לויצקער יוגנט האָט פאַרנומען די פוטבאָל־מאַנשאַפט „חשמונאים".

צום ווייניקסטן האָבן אונדז, יוגנטלעכע, אינטערעסירט די פילאַנטראָ־פּישע אינסטיטוציעס, מיט וועלכע לויצק איז געווען גענוג רייך. זיי האָבן געטראָגן צענדליקער נעמען, געגעבן פאַרשידערליי הילף פאַר די, וואָס האָבן זיך אין איר גענייטיקט. עלטערע מענער און פרויען האָבן מיט ענ־טוזיאַזם געאַרבעט אין די פאַרשידענע אינסטיטוציעס, אויסגעטראָגן די שווערסטע לאַסטן אויף די אייגענע פּלייצעס אָן שום באַלוינונג.

אָט זע איך פאַר זיך קופערמאַנען, אַ לאַנגן און דאַרן, ווי אַ בויגעוו־דיקע לאָזע אויפן ווינט, מיט זיינע קליינינקע אויגן, וואָס האָבן אין זיך געהאַט אַ סך וואַרעמקייט. ער האָט אַליין געאַרבעט און ווערבירט אַנדערע פאַר „לינת הצדק", וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אָרעמע קראַנקע, געגעבן זיי אַ דאָקטאָר, אַ באַנקעס־שטעלער און רפואות.

איך דערמאָן זיך די ברייטלעכע און מונטערע פרוי אסתר ביילין, די אָנפירערין פון „טאָז", וואָס האָט אַזוי שטאַרק געזאָרגט פאַרן ייִדישן קינד, עס זאָל זיין ריין און ציכטיק, עס זאָל טרינקען פיש־טראָן, כדי עס זאָל זיין אָפּגעהיט פון קראַנקייטן.

דאָך האָבן זיך אויך די דאָזיקע אינסטיטוציעס נישט געקענט באַגיין אָן דער מיטהילף פון דער יוגנט. יונגע פּאָרלעך, אויסגעפּוצטע אין יום־טובדיקע מלבושים, מיט פולע קאַרטאָנעז, אָנגעשפּילקעוועטע מיט געקינ־צלטע בלימעלעך, זענען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און נישט דורכ־געלאָזט קיין איין פאַרבייגייער:

— פאַר אָרעמע יתומים!

— פאַר קראַנקע!

— פאַר נויטבאַדערפטיקע!

און מעטאַלענע מטבעות זענען געפאַלן אין די בלעכענע פּושקעס.

נישט בלויז פאַר די לויצקער, וואָס האָבן זיך געניטיקט אין הילף, האָט מען געזאַמלט נדבות. נישט נאָר אויף די גאַסן. מען האָט אויך נישט פאַרפעלט קיין ייִדישע שמחות.

אין ראַטנפאַרבאַנד זענען אין יענער צייט פאָרגעקומען ברידער־קאַמפן. די פּאָגראָמען אויף ייִדן האָבן איבערגעלאָזט אַלמנות און יתומים, הונגער און נויט האָבן געהערשט אומעטום אין רוסלאַנד. ביי אונדז אין לויצק זענען צעהאַנגען געוואָרן אין אַלע גאַסן פּלאַקאַטן מיט שוידערלעכע בילדער: הונגעריקע קינדער אין צעריסענע מלבושים מיט איינגעדאַרטע פּנימער און פאַרלאָשענע אויגן האָבן געזוכט איבער די גאַסן ברויט, כאָטש אַ ביסל...

די פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געמאַכט אַלע אָנשטרענגונ־גען צו שאַפן אַלע געלט־סומעס. פאַר צען דאָלאַר, זאָגט מען, קען מען שיקן אַ פּעקל מיט פּראָדוקטן: מעל, צוקער, גרויפּן, כדי אונטערצוהאַלטן דאָס לעבן פון די, וואָס גייען אויס פון הונגער. איינע פון די פילאַנטראָפּישע פרויען־אָרגאַניזאַציעס האָט זיך צו מיר דעמאָלט געווענדט און געבעטן דורכצופירן מיט אונדזער דראַמאַטישן קרייז אַ פאָרשטעלונג לטובת די הונגעריקע קינדער אין ראַטנפאַרבאַנד.

איך בין אַרומגעגאַנגען אַ צעדרודערטער. פון יעדן בילד האָט דעמאָלט אַרויסגעשריגן די טראַגעדיע פון קינדערישע אויגן. איך האָב נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זייערע יסורים. אין די נעכט האָב איך געזען קאָשמאַרפולע חלומות: אויסגעשטרעקטע בעטנדיקע הענט, איינגעקאָרטשעטע, אויסגעדאַרטע קערפּערס, וואָס ראַנגלען זיך מיטן טויט, אויגן, דערשראָקענע, פאַרביטערטע, שפּיזיקע, וואָס דרינגען אַריין טיף אין דער נשמה.

אין דער פרי האָב איך זיך אַוועקגעזעצט שרייבן אַ פּיעסע. אַ ציטערנדיקער פון אויפרעגונג האָב איך געשריבן וועגן אַ רייכן מאַן, וואָס לויפט אַריין אַ דערשראָקענער צו זיך אין שטוב, פאַרשליסט נאָך זיך די טיר, האָט מורא, אַז די שרעקלעכע האַלוצינאַציעס, דאָס געוויין און דער געיאָמער זאָלן זיך נישט אַריינרייסן צו אים אין שטוב. ביי דער שיין פון עלעקטרישן לאָמפּ פילט ער זיך זיכערער און דרייסטער, שרייט: „איך וועל נישט געבן קיין גראָשן פאַר די באָלשעוויקעס, קיין גראָשן... די קינדער? אויך פון זיי וועלן אויסוואַקסן באָלשעוויקעס...“

אַזוי טענהט ער צו זיך אַליין ביז ער לייגט זיך אַריין אין בעט, פאַרלעשט די ליכט און פאַר אים נעמען דורכגיין פאַרשידענע טיפּן: מענער, פרויען און קינדער. זיי שלייכן זיך פאַרביי ווי שאָטנס, יעדער מיט זיין מאָנאָלאָג און באַזונדערן קלאָג־ניגון. דער זיידע בעט אין נאָמען פון אַלמעכטיקן גאָט, דעם בעל־רחמים. די באָבע צאַפּלט פאַר אירע אייניקלעך, וואָס האָבן נאָך נישט געגאָסן פונעם לעבן. אַ מאַמע שטופּט אין פאַרגליווערטן מיילעכל פון איר קינד די אויסגעטריקנטע ברוסט. אַ יתומל זינגט אויס אַזוי טרויעריק זיין ליד פון בענקשאַפט נאָך טאַטע־מאַמע.

פאַר זיך אַליין האָב איך איבערגעלאָזט די ראָל פון אַ יונג־פאַרשטאַרבענעם, וואָס איז באַגראָבן געוואָרן אָן תכריכים, רופט צו נקמה, נישט בעטן ביי די שטיינערנע הערצער, שטילן דעם ווייטיק מיט נקמה. איך צינד אונטער די שטוב, די פלאַמען כאַפּן אַרום די ווענט, דאָס בעט. דער גביר וואַרפט זיך אין אַנגסטן און שרעק, צינדט אָן דאָס ליכט. זיינע אויגן דריקן אויס פּחד און חרטה. אַ באַגאָסענער אין קאַלטן שוויס קומט ער צו ביסלעך צו זיך און שרייט אויס:

— אַ חלום, אַ שרעקלעכער חלום... איך האָב חרטה. עס איז שרעקלעך, ווען מתים קלאָגן... כ׳וועל נישט געפינען קיין רו...

די פאָרשטעלונג איז אַדורך גאָר אַנדערש פון אַ געוויינלעכער טראַ־געדיע. צושויער אין זאַל האָבן הילכיק געכליפּעט, די אַפּלאָדיסמענטן זענען דאָס מאָל געווען אַן אויסדרוק פון הסכמה, אַז מען מוז העלפן.

אַלע אַרטיסטן אויף דער בינע: איך, מינאַ, וואָס האָט געשפּילט די אומגליקלעכע מוטער, וויינשטיין — דעם זיידן, אַלע האָבן געוויינט מיט אמתע טרערן.

פאַרשטענדלעך, אַז די פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט פּאָרטיקע ליסטעס אין זאַל אַריין, האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. די צושויער האָבן זיך דעקלאַרירט אויף גרעסערע סומעס לטובת די הונגעריקע אין רוסלאַנד. די אַקציע איז אָנגעגאַנגען אויך אויף צומאָרגנס און אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן מיר צונויפגענומען אַ גרעסערע סומע, וואָס האָט געקלעקט אויף פּראָדוקטן־פּעקלעך.

די פאָרשטעלונג האָבן מיר געמוזט איבערחזרן אויך אין די אַרומיקע שטעטלעך. פונקט ווי צום ערשטן מאָל האָבן מיר אומעטום געשפּילט מיט האַרץ און אומעטום האָט אונדזער פאָרשטעלונג געהאַט דעם געהעריקן אָפּקלאַנג און פאַרגרעסערט די צאָל פּעקלעך מיט פּראָדוקטן, וואָס זענען אָוועקגעשיקט געוואָרן פאַר די הונגעריקע אין ראַטנפאַרבאַנד.

מיר שפּילן ווייטער

דער לעצטער עקזאַמען... דער לעצטער קלונג פון שול־גלאָק, דער לעצטער שול־באַל אין די זיידענע קליידער, שטייף אָנגעקראָכמאַלטע העמדער מיט קראַוואַטן. דער לעצטער ווייסער מאַזור־טאַנץ און קאָלעקטיווע באַגעגענען דעם זון־אויפגאַנג אויף די בלויע וואַסערן פון סטיר. עס טוט אַזוי באַנג, דאָס האַרץ פילט, אַז דער אויסגעבענקטער און דורכגעמאַכטער וועג אין לעבן איז נישט דער לעצטער. ער איז בלויז דער אָנהויב פון אַ

נייעם וועג, מיט אַ סך שטרויכלונגען, מיט שוועריקייטן, מיט זוכענישן...
פון דאַנען נעמט זיך דער טיף־פאַרבאָרגענער אומעט אינעם רוישיקן און פריידיקן געפּילדער פון אַרום.

מיר האָבן באַקומען דעם רייפקייט־דאָקומענט. מיר זענען שוין רייף צום ווייטערדיקן זוכן, צום ווייטערדיקן בלאָנדזשען אויף די וועגן...

כמעט יעדער פון אונדז האָט שוין געפּרוּווט טראַכטן וועגן זיין נייעם וועג. דוד און זלמן טראַכטן וועגן פילאָזאָפיע, וועגן דער טיפקייט פון מענטשלעכן דענקען, ווי וועגן אַ ציל אין לעבן. מאַרקוס און סיבסיע ווילן שטודירן מעדיצין. דאָס איז אויך דער באַגער פון זייערע טאַטע־מאַמע.

מאַניע, שרה און טאַניע ציען ווייטער דעם פאָדעם פון זייער שומרישן טרוים: עליה קיין ארץ־ישראל און ווייטער, וואָס דאָס לעבן וועט פון זיי פאָדערן דאָרטן, אויף דער אייגענער ערד.

דער נידעריקער איציקל פליט אין די הימלען, דערווייל נאָר אין זיין רייכער פאַנטאַזיע. זיין טרוים איז ווערן אַ פליער.

מיך ציט צו ווערן אַ דראַמאַטורג, אַ שוישפּילער, אַ פּעדאַגאָג, אָדער אַלץ צוזאַמען.

צו די אַלע טרוימען און פאַרלאַנגען דאַרף מען פאַרמאָגן מאַטעריעלע מעגלעכקייטן. אַן געלט קאָן מען זיך נישט רירן פון אָרט. מיינע עלטערן האָבן וויכטיקערע פּראָבלעמען, ווי נאָר מיך צו האָבן אין זינען. זיי האָבן טעכטער חתונה צו מאַכן, מוזן פאַר זיי גרייטן נדן און האַלטן, אַז עס וואָלט נישט געווען קיין עוולה, איך זאָל זיי בייהילפיק זיין אין דעם.

וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אַז אין דעם געוועלב פון די גרייטע פרויען־מלבושים פיל איך זיך ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. עס עקלט מיך פון דעם איינרעדן דער פּויערטע, אַז דער מאַנטל איז אויף איר ווי אויסגעגאָסן, ווי מען וואָלט אים גענייט ספּעציעל אויף איר מאָס.

איך קוק זיך צו, ווי שווער עס קומט אָן דאָס פאַרקויפן אַ שטיקל סחורה און איך טראַכט: דערויף האָב איך געדאַרפט מיט אַזויפיל מי און מאַטערניש ענדיקן די גימנאַזיע איך זאָל „אויסשפּייען די נשמה" פאַרן פּויער, חניפהדיק שמייכלען צו אים און אויסבעטלען, ער זאָל קויפן די סחורה, וואָס קומט אָן ביז גאָר שווער צו קויפן פאַר האַלב מזומנים און

האַלב אויף וועקסלען, וועלכע מען דאַרף צאָלן צו די באַשטימטע טערמינען אָדער מיט אַ צוגאָב אויסקויפןביים נאָטאַריוס, עס זאָל, חלילה, נישט גיין צום פּראָטעסט.

גייך, קיין קרעמער קאָן איך נישט זיין. בעסער, טראַכט איך, אָנצונעמען עטלעכע פּריוואַטע לעקציעס. אין אַ יאָר אַרום וועל איך שוין גיין אין מיליטער, כאָטש מיין מאַמע איז זיכער, אַז דעם רבינס ברכה איז, חלילה, נישט בטל געוואָרן און אירע זין וועלן נישט דינען אין די גויאישע אַרמייען.

אין די אָוונטן וועלן מיר צוגרייטן אַ נייע טעאַטער־פאַרשטעלונג. איצט האָבן מיר זיך גענומען צו גאָר אַן ערנסטער פּיעסע, צו גוטשקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ".

צו דער הויפּט־ראָל האָבן מיר אַנגאַזשירט דעם באַגאַבטן לויצקער אַרטיסט לייבטשיק לערנער. די איבעריקע ראָלן האָבן מיר פאַרטיילט צווישן די מיטגלידער פון דראַמאַטישן קרייז. מינען איז אויסגעפאַלן צו שפּילן די הויפּט־ראָל פון די פרויען, יהודית, אַקאָסטאַס כלה. איך האָב געדאַרפט שפּילן די ראָל פון דע סאַנטאָס, דער שטורמישער פאַנאַטישער קעמפער און פאַרשעלטער פון אַקאָסטאַ. די קאָסטיומען און גרים האָט גענומען אויף זיך דער מומחה מעלימעווקער. צום ערשטן מאָל האָבן מיר באַשלאָסן, אַז אַ העלפט פון דער הכנסה זאָל גיין אויף צו דעקן די הוצאות, ווי דעם לויז, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר לייבטשיקן; פאַר די היסטאָרישע קאָסטיומען און דעקאָראַציעס. די צווייטע העלפט — פאַר וווילטעטיקע צוועקן.

דאָס צוגרייטן אַזאַ ערנסטע פּיעסע איז נישט אָנגעקומען לייכט. חוץ די פּרוווּן צוזאַמען מיט אוריאל אַקאָסטאַ האָבן מיר אַליין רעפּעטירט באַזונדערע סצענעס, געלערנט אויסנווייניק די ראָלן, נישט געוואָלט זיך פאַרלאָזן אויפן סופלאָר. די אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט האָט געפירט שמואל כאַזאַן.

מיט גרויס אומגעדולד האָבן די דראַמקרייזלער און אויך אונדזערע יוגנטלעכע באַזוכער און פאַרערער געוואַרט אויף דער ערשטער ערנסטער

פֿאַרשטעלונג, וואָס מיר האָבן געגעבן אויף דער בינע פֿונעם גרעסערן טעאַטער.

מיט ציטער און פֿרייד האָבן מיר געטאָן אונדזער אַרבעט. איך האָב זיך מער געפֿרייט פֿאַר מינען, ווי פֿאַר זיך, ווען איך האָב געהערט די אידעלע פֿאַרליבטע ווערטער פֿון איר מויל, אַרויסגעזאָגטע מיט אַזויפֿיל חן און קלאָרקייט. לייבטשיק, דער אָנערקענטער אַקטיאָר, איז געווען צופֿרידן מיט זיין פּאַרטנערין.

— דו זאָלסט זיך נאָר אויף דער בינע פֿאַרן פּובליקום אַזוי האַלטן, מינע, ווי איצט, וועסטו זיין אַ מאַלאַדשינע — האָט ער זי געטרייסט.

— נישט צום ערשטן מאָל איז זי אויף דער בינע — האָב איך זי פֿאַרטיידיקט.

דער הייליקער טאָג פֿון אונדזער פּרעמיערע איז געקומען. די בילעטן זענען פֿאַרקויפֿט געוואָרן באַצייטנס ביז איינעם. דער מאַטעריעלער דערפֿאָלג איז געווען געזיכערט. איצט איז אונדז געבליבן דאָס וויכטיקסטע: געווינען די אָנערקענונג און צוטרוי פֿונעם פּובליקום.

אין די אָריגינעלע היסטאָרישע קאָסטיומען פֿון סאַמעט און זייד, האָבן די אַנטיילנעמער אויסגעזען ווונדערבאַר. די מענער אין די איינגעפּאַסטע טוניקעס, אין קורצע הייזלעך מיט לאַנגע טונקעלע זאָקן און געפּוצטע שיך, ענלעכע צו נאַכט־פֿאַנטאַפּל. אויף די קעפּ קאָלירטע הוטן מיט פֿעדערן — אַלץ אַזוי נישט טאָג־טעגלעך, האָלענדישע הלבשה און קולטור. איך, דע סאַנטאָס — אין אַ שוואַרצן כאַלאַט באַפּוצט מיט גאָלד, אין אַ הויכן סאַמעטענעם הוט, אַראָפּגערוקט איבערן שטערן. די לאַנגע, ברייטע גרויע באָרד, געדיכטע וואָנסעס און ברעמען, מיט דעם לאַנגן סוקעוואָטן שטעקן — דער סימבאָל פֿון כּוח און מאַכט — אַלץ אַזוי פֿייערלעך און פֿאַרכטיק.

נאָך איידער דער פֿאַרהאַנג האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָט יעדער געפֿילט דאָס האַסטיקע קלאַפּן פֿון זיין האַרץ, מילא, אַ טרעמע האָבן, זאָגט מען, אַפֿילו גרויסע אַקטיאָרן פֿאַר דער פּרעמיערע. אָבער אַט האָט זיך אויפֿגע־הויבן דער פֿאַרהאַנג און מיר שפּילן. ניין, נישט מיר שפּילן, נאָר מיר לעבן איבער דאָס, וואָס די העלדן, וועלכע מיר פֿאַרקערפּערן, האָבן

דורכגעמאַכט אין יענע יאָרן. דער טונקעלער זאַל מיט די צושויער האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. מיר האָבן נישט געהערט דאָס פליסטערן פונעם סופלאָר. מיר האָבן געדענקט אַלץ אויף אויסנווייניק. אויך דער גרויסער עולם איז ווי דערהויבן געוואָרן און גלייך מיט אונדז איבערגעלעבט די וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן, דעם קאַמף צווישן ליכט און שאָטן דויערט אייביק...

הינטער דעם געפּאַלענעם פאָרהאַנג האָבן מיר נאָך לאַנג געהערט די ענטוזיאַסטישע אַפּלאַדיסמענטן און אָוואַציעס פונעם עולם. חברים און חברטעס זענען געקומען הינטער די קוליסן, מינאַ האָט באַקומען אַן אַ שיעור קושן. ענדלעך האָבן זיך אונדזערע ליפּן באַהאַפטן אין אַ לאַנגן קוש אָן ווערטער... צי האָבן מיר ביידע שוין געפונען אונדזער וויטערדיקן וועג אין לעבן?

חזנות און טעאַטער

ווער פון אונדז האָט נישט געהאַט קיין חשק צו שפּילן טעאַטער און שרייבן לידער? גאָר ווייניק פון אונדז האָבן אין דער יוגנט געטראַכט וועגן דעם, אַז צום שפּילן טעאַטער דאַרף מען פאַרמאָגן טאַלאַנט, וויסן און די געהעריקע פּראָפעסיאָנעלע צוגרייטונג. נאָכן דערפאָלגרייכן אויפפירן „אוריאל אַקאָסטאַ", האָבן מיר זיך שוין געפילט ווי אַקטיאָרן, אָנפאַנגער, וואָס זענען אַרויף אויף דעם ריכטיקן וועג פון דער טעאַטראַלער קונסט.

חוץ די איינמאַליקע גאַסטראָלן פון צוגעפאָרענע אַרטיסטן, ווי די טרופּע פון קעלטשעווסקאַ און די יידישע אסתר רחל קאַמינסקאַ־טרופּע, האָט לוציצק פאַרמאָגט איר אייגענע „יידישע פרייע בינע" מיטן טאַלאַנטפולן רעזשיסער אַברהם קאַלאַדני. זיי האָבן פאַרמאָגט טאַלאַנטירטע מענטשן, מיט אַן ערנסטער באַציִונג צום בעסערן יידישן טעאַטער. אין זייער רעפּערטואַר זענען געווען אַזעלכע פּיעסן ווי: שלום אַשס „גאָט פון נקמה", גאָרדינס „דער דאָרפס־יונג", „הערצעלע מיוחס" און אַנדערע. דער רעזשיסער

איז געווען איבערקלייבעריש ביים אַריינגעמען נייע מיטגלידער, האָט געזוכט ערנסטע טאַלאַנטן. דאָך האָט די „פרייע בינע״ געטראָגן אַן אַמאַטאָרישן כאַראַקטער. כאָטש איינער פון זיי, לייבטשיק לערנער, איז פאַרבליבן אַן אַקטיאָר, אָבער קיין טעאַטער־שול האָט ער נישט געהאַט, בלויז טאַלאַנט און רוטין, מיט אַ שטאַרקן חשק צו שפּילן טעאַטער.

אונדזער דראַמקרייז איז געווען דער יינגערער, דער יוגנטלעכער פאַר יוגנטלעכע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז כדי זיין אַן אמתער אַקטיאָר דאַרפן מיר שטודירן טעאַטער, דראַמאַטורגיע, כאַראַקטעריזאַציע, דאָס אַלץ, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין שווערער ווי ענדיקן אַ הויכשול. וועגן דעם האָבן מיר געקענט נאָר טרוימען.

דער קליין־געוויקסיקער דוד פּעקער, מיטן אויסגעצויגענעם דאַרן פּנים און נערוועזע פינטלדיקע אויגן, האָט מיך אַנגאַזשירט אין זיין טעאַטער־טרופּע. ער אַליין האָט פאַרמאָגט אַ שיינעם באַריטאָן. זיין ווייב, אַ חזנס אַ טאָכטער, האָט געהאַט אַ קלינגענדיקן סאָפּראַן — איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק צונויפצושטעלן אַן אייגענעם אַנסאַמבל און שפּילן יידיש טעאַטער.

דוד האָט געהאַט אַ גוטן געזאַנג־לערער, דעם חזן פון דער גרויסער שול אַהרון ראַזמאַרין. ביי אים האָט ער זיך אויסגעלערנט זינגען פון נאָטן און איז אין זיין כאָר געווען פאַרעכנט צו די בעסטע טענאָרן, וואָס פאַרמאָגן אַן אויבערשטע „צע״. דער חזן איז אַליין געווען קאָמפּאָזיטאָר פון אַ סך ליטורגישע געזאַנגען. און פלעגט זיך גרויסן מיט אייניקע פון זיינע געוועזענע תלמידים און כאָריסטן, וואָס האָבן באַקומען אַ וועלט־נאָמען: ליפּע באַס, וואָס פלעגט זיך רופן סיביריאַקאָוו; מאָריס שוואַרץ, דער באַרימטער אַקטיאָר און רעזשיסער פונעם בעסערן יידישן טעאַטער, אויך דוד פּעקער וואָלט מיט זיין זעלטענער שטימע געקאָנט דערגרייכן גאָר הויך, ווען ער וואָלט זיך געלערנט.

זיין טעאַטער, אין וועלכן איך האָב גענומען אַנטייל אַלס סופלִיאָר און אַלס אַקטיאָר, איז געווען פון די צוויטעראַנגיקע. ווייטער פון לויצק און די אַרומיקע פּראָווינץ־שטעטלעך איז ער נישט דערגאַנגען. דער רעפּערטואַר — אַ זאַמלונג פון איינאַקטערס מיט געזאַנג און טענץ, אין

וועלכע עס פלעגן זיך באַטייליקן בלויז פּעקער און זיין פרוי אין די הויפּט־ראָלן. אַמאָל אויך אַנדערע, מערסטנס פון די זינגערס, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געזונגען אין כאָר ביי ראַזמאַרינען: דעם חזנס זון אלעזר ראַזמאַרין, וואָלף בעניס, אהרון שטשערבאַטי, חיים לייבל, יחיאל קרישטאַלקע, אהרון וויינשטיין. די איינאַקטערס זענען מערסטנס געווען נישט קיין אָריגינעלע, אָן די נעמען פון די מחברים. ער פלעגט זיי אַרויסבאַקומען דורך געהיימע וועגן פון אַנדערע טעאַטער־אַנסאַמבלען, מערסטנס דורך די סופליאָרן.

איין מאָל, שוין נאָך האַלבער נאַכט, איז דוד פּעקער געקומען צו מיר אַהיים, אַנגעקלאַפּט אין לאָדן. מיין טאַטע האָט געעפנט די טיר און דערזען פאַר זיך דודן, אַ צערודערטן מיט נערוועז־פינטלדיקע בליקן.

— איך בעט אייך, וועקט אויף אייער יואליקן. איך דאַרף אים נויטיק האָבן — האָט ער זיך געבעטן.

— איינמיטן דער נאַכט? — האָט מיין טאַטע זיך געוווּנדערט — דער טאָג איז שוין צו קליין?

ווען איך בין אַ פאַרשלאָפענער אַרויס אינדרויסן, האָט פּעקער מיך אָנגעכאַפּט ביי ביידע הענט און מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן:

— ווי איז דאָס ביכל מיט די איינאַקטערס? איך בין אומגליקלעך... ס'איז מיין פּרנסה, מיין בלוט. חוץ דיר האָב איך עס קיינעם נישט אָנגעטרויט... די אַפישן זענען שוין צעהאָנגען אין טאַרטשין און קיסעלין, און איך האָב נישט די פּיעסן...

ער האָט פאַרבראָכן די הענט און שיער נישט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

— זייט רויִק, דוד. איך מיין, אַז איר וועט געפינען די פּיעסן. וועמען פעלן זיי? מיר — זיכער נישט.

— יאָ, איך בין חושד, אַז אלעזר ראַזמאַרין, וואָס איז די וואָך אַוועק קיין קאַנאַדע, האָט זיי מיטגענומען. וואָלט ער מיר געזאָגט וועגן דעם, וואָלט איך אים געגעבן איבערשרייבן. וואָס טוט מען? — האָט ער געשריגן אין דער נאַכט אַריין.

— מאַכט נישט קיין פּאַניק — האָב איך זיך געבעטן — מענטשן

שלאָפן... איך קען אַלע פּיעסן פון אויסנווייניק און וועל זיי פאַר אייך אָנשרייבן אויפסניי.

טרערן פון פרייד און האָפענונג האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן.

— טו עס, טייערער, שוין היינט, שוין באַלד!

אַ גאַנצע נאַכט בין איך געזעסן ביי דודן אין צימער און געשריבן. ווי נאָר ער האָט איבערגעלייענט דעם ערשטן איינאַקטער, האָט ער געשיינט פון גליק. ער האָט זיך צוגעלייגט שלאָפן צו זיין ווייב אין בעט און איך האָב אַלץ געשריבן.

ווען די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך דורכגעריסן דורך די שפּאַלטן פון די אינעווייניקסטע לאָדנס, האָב איך, אַ מידער פון נישט שלאָפן און אָנגעשטרענגטן זכרון, פאַרענדיקט אַלע איינאַקטערס. פון דעם פאַרלוירן געגאַנגענעם בוך. דוד און זיין ווייב פּערעלע האָבן מיך ממש געקושט פון גרויס דאַנקבאַרקייט. דוד האָט נישט אויפגעהערט זיך וווּנדערן, פּליסטשע־רנדיק: „קיין עין הרע, אַזאַ קאָפּ, אַזאַ זכרון...“

מיר האָבן אויך געשפּילט גאָלדפאַדענס אָפּערעטע „שולמית“. די געזאַנג־נומערן זענען געווען זייער געלונגענע, סיי די סאָלאָ פון דודן, אַלס אַבישלום און זיין ווייב פּערעלע, אַלס שולמית, סיי די כאָראַלע געזאַנגען פון ראַזמאַרינס כאָר — זענען אויסגעפירט געוואָרן מייסטער־האַפט. מיר האָט דוד פּעקער פאַרטרויט די ראָל פון מנוחן, שולמיתס אומגליקלעכער פאָטער. די ראָל האָט נישט געהאַט קיין סך געזאַנג־נומערן, זי איז אָבער געווען די גרעסטע דראַמאַטישע ראָל אין דער אָפּערעטע. די היסטאָרישע קאָסטיומען האָט אויסגעבאָרגט מעלימעווקער. די דעקאָראַציעס זענען געווען פּרימיטיווע, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט צום דערפאָלג. עס האָט נישט געשטערט אַפילו דאָס, וואָס דודס ווייב פּערעלע איז שוין געווען אין די הויכע חדשים. איר זינגען איז אָבער געווען מלא טעם, זי האָט פאַרמאָגט אַ לירישן סאָפּראַן און צוליב איר שיין זינגען האָט איר דאָס פּובליקום מוחל געווען אַפילו דאָס פאַרזיכטיקע אַריין און אַרויסקריכן פונעם ברונעם.

דוד פּעקער איז שפּעטער געוואָרן אַ חזן אין קרעמעניץ. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געוווּנען דעם קאָנקורס אויף אַ חזן אין

דער לעמבערגער שול. אין חזנות האָט ער אויסגענומען מער, ווי אויף דער בינע און איז אויך מאַטעריעל געווען בעסער באַזאָרגט.

ער איז אומגעקומען מיט זיין ווייב און זון, צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער קהילה אין לעמבערג אין דער צייט פון דער היטלער־ריסטישער שחיטה.

דער פעטער פון אמעריקע

הערש, מיין טאַטנס עלטערער ברודער, איז געקומען פון אַמעריקע. נאָך יאָרן נישט זען זיך, האָט אים זיין אייגענער ברודער קוים דערקענט. אַוועקגעפאָרן איז ער מיט אַ באָרד און געקומען אַ גלוח, מיט אַ גלאַטער מאָרדע און אַ היפּשן פּליך. די אויגן זענען ביי אים געווען גרוילעכע, ווי ביי מיין טאַטן, ער איז אָבער געווען אַ סך מונטערער און פריילעכער. זיין ווייב און קינדער זענען געווען אין אַדעס. פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פלעגט ער באַקומען פון זיי אָפטע בריוו, אַ פאָטאָגראַפיע, אָבער שפּעטער איז דער קאָנטאַקט איבערגעריסן געוואָרן. דער „אייזערנער פאָרהאַנג" האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און אָפּגעטיילט צוויי וועלטן צווישן זיך: די אַמעריקאַנער און די רוסישע. ער האָט געפּרוווט פאַרבונדן זיך מיט זיין פאַמיליע דורכן רויטן קרייץ, אָבער דער קאָנטאַקט איז געווען אַ לויזער, נישט קיין שטענדיקער. מיט גרויס מי איז אים ענדלעך געלונגען אַרויסצונעמען אויף זיין אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט זיין ווייב, זין און טעכטער, אַלס אַמעריקאַנער בירגער. ער איז געפאָרן קיין אַדעס אַראָפּצונעמען זיי, אָבער איין זון, יחזקאל, וואָס איז געווען פאַרשריבן אין פּאַספּאָרט אַלס אַבטאַסיע, האָט שוין נישט געלעבט. ער איז געשטאָרבן פון פלעק־טיפוס מיט צוויי יאָר פריער. זיין ווייב און די קינדער זענען געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט פון נישט דערעסן און פון די שווערע איבערלעבונגען. דער פעטער האָט זיי איצט אַריינגעגעבן אין אַ סאַנאַ־טאָריע אין רומעניע און אַליין האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט אויף אַ קורצער

צייט קיין פוילן צו אונדז. פון אַלע זיינע ברידער איז בלויז מרדכי, מיין פֿאָטער, פֿאַרבליבן אין דער אַלטער היים, האָט עס אים דערפֿאַר אַ ציִ געטאָן צו זען זיך מיט אים אויף די עלטערע יאָרן.

מיר האָבן דעם פֿעטער געקענט בלויז פֿון אַ צוגעשיקטער פֿאָטאָ־גראַפֿיע, אָבער זינט דעמאָלט האָט ער זיך נישקשהדיק געענדערט. זיין פּנים האָט צובאַקומען קנייטשן און גרויע שיטערע האָר, בלויז די אויגן און די נאָז זענען געבליבן די זעלבע.

ער האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן זיינע גרויסע ביזנעס אין זיין אָפֿיס פֿון גרייטע מלבושים. ער האָט זיך אַפֿילו מודה געווען, אַז ער זעט זיך זעלטן מיט די איבעריקע ברידער, וואָס וווינען אין דעטראָיט און אין קאַנאַדע, אָבער מען שיקט זיך איינער דעם צווייטן לשנה טובה־ווונטשן און מען טרעפֿט זיך אויף חתונות פֿון די קינדער. דערפֿאַר אָבער האָט ער געמאָלן אָדעס, ווי בכלל רוסלאַנד, מיט די שוואַרצסטע פֿאַרבן. די יידן האָבן זיך נאָך נישט אויסגעטשוכעט פֿון די פּעטלוריִשע פּאָגראָמען. מען דערעסט נישט צו דער זעט, מען גייט אָרעם אַנגעטון, נאָר לידער זינגט מען אַ סך נייע...

מיין מאַמע האָט פֿאַר אים געקאָכט יידישע מאכלים: דעם ווייניקן זייער־פֿלייש־זראַזע מיט קנישעס אָנגעפֿילטע מיט שוואַרצער קאַשע, פֿליישיקע קרעפּלעך און קנאָבלדיקע קלאָפּסן. זיי זענען אים ביז גאָר געפֿעלן, נאָר מיך האָט ער געשיקט קויפֿן אין גאַסטראָנאָם שוואַרצע איקרע, די געזאַלצענע און אַנדערע מינים פּראָדוקטן, וואָס מען פֿלעגט ברענגען פֿון אויסלאַנד און זיי האָבן דעריבער געקאָסט זייער טייער. פֿאַרזוכנדיק זיי אַמאָל האָב איך נישט געפֿונען קיין שום אויסטערלישעס אין זיי. איך האָב געהאַלטן, אַז אַ שמאַלץ־הערינג פֿונעם באַלטיק איז אַ סך באַטעמטער...

איין מאָל האָט דער פֿעטער באַמערקט ביי מיין טאַטן, אַז די לינקע זייט פֿון זיין באָרד איז אַ ביסל קירצער פֿון דער רעכטער און האָט אים געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס איז די לינקע זייט באָרד ביי דיר קירצער? די שערער אייערע האָבן קיין אויג נישט...

— נישט דער שערער איז שולדיק אין דעם — האָט מיין פאָטער געענטפערט — נאָר די האַלערטשיקעס, די פּאַליאַקן. כאָטש גוט, וואָס זיי האָבן דאָס פליש נישט אָפּגעשניטן...

איך האָב דעם פעטער געדאַנקט פאַר די פופציק דאָלאַר, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט, כאָטש נישט איך האָב זיי באַקומען. אָבער אַדאַנק זיי איז מיר גרינגער אָנגעקומען צו ענדיקן די גימנאַזיע.

— נו, וואָס קלערסטו ווייטער צו טאָן? ווערסט זיין אַ דאָקטאָר, אַן אינזשיניער? — האָט ער זיך נאָכגעפרעגט.

— דערווייל קלער איך אינגיכן גיין אין פּוילישן מיליטער אויף אַ יאָר, און דערנאָך... — האָב איך געענדיקט מיט אַ זיפץ.

— איך האָב פאַר דיר אַ פּלאַן, יואליק. פאָר מיט מיר קיין אַמעריקע, אַנשטאָט מיין פאַרשטאָרבענעם זון. דאָרט וועסטו קאָנען שטודירן אויף דאָקטאָר.

נישט ווילנדיק, האָב איך איינגעהאַלטן דעם אָטעם. אַזוי אומגעריכט און אומדערוואַרט איז צו מיר געקומען דער פּלאַן, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי צוציענדיק און אַזוי פּשוט. איך האָב אַ ווײַלע פאַרלוירן דאָס לשון. דער פעטער האָט ווייטער גערעדט:

— נו, באַקלער זיך. דו האָסט נאָך צייט עטלעכע טעג.

איך האָב נישט אויפגעהערט צו קלערן וועגן דעם. אין מיין לאַגע איז אַמעריקע געווען אַ טרוים. איך האָב געענדיקט די גימנאַזיע און געבליבן שטיין אין דער מיט, אָן אַ מאָרגן. גיין אין דער אָפיצירן־שול איז פאַר אַ יידן נישט געווען פון די גרינגע זאַכן. קיין מאַטעריעלע מעגלעכקייטן צו לערנען זיך ווייטער אין וואַרשע אָדער אין אויסלאַנד, האָב איך נישט פאַרמאָגט. אַמעריקע האָט אויסגעזען, ווי אַ נס.

אויך מיין טאַטן איז דער פּלאַן געפעלן געוואָרן, ווי אַ לייזונג פון אַ שווער פּראָבלעם. נאָר מיין מוטער האָט אויפגענומען דעם פּלאַן מיט שרעק:

— דו ווילסט, הערש, אַוועקרייבן פון מיר מיין זון, די שיין פון מיינע אויגן? ניין, איך וועל נישט איינגיין דערויף — האָט זי גערעדט מיט טרערן אין די אויגן.

— אַפילו אַ קוואָקע לאָזט אָפּ פון זיך אירע עופהלעך, ווען זיי ווערן זעלבשטענדיק — האָט דער פעטער קאַלטבלוטיק איר אָפּגעענטפערט.

מיין טאַטע האָט אים אונטערגעהאַלטן:

— אונדזער זונס גורל איז וויכטיקער. אויב יואליק וויל פאָרן, טאָרן מיר אים נישט אָפּהאַלטן.

צי איך וויל? איך ברען, כאָטש אין האַרצן האָט גענומען נאָגן אַ שטילע בענקשאַפט צו די אַלע, וואָס איך וועל דאַרפן פאַרלאָזן, באַזונדערס צו מינען. קיין מאָל האָב איך איר נאָך נישט געזאָגט, אַז איך האָב זי ליב, אָבער געפילט האָב איך, אַז פון אַלע מיידלעך איז זי מיר די נאָענטסטע צום האַרצן, אַז איר לעבן גייט מיך אָן, ווי מיין אייגן לעבן... איצט וועל איך אַוועקפאָרן אָן אַ „זיי געזונט", ווייל אַזוי פאָדערט זיך, אַז קיינער, קיינער זאָל נישט וויסן וועגן מיין אָפּפאָרן, ביז איך וועל נישט זיין אויף דער צווייטער זייט גרענעץ. מילא, וועל איך אָנשרייבן צו איר פון וועג אַ בריוו און פאַרענטפערן זיך. זי וועט מיך זיכער פאַרשטיין. און שפּעטער? איך וועל זי אויף געוויס אַרויסגענומען קיין אַמעריקע. עס וועט איר מסתמא שווער זיין צו פאַרלאָזן איר מאַמען, אָבער זי איז נישט די איינציקע, וואָס פאָרט צו איר געליבטן, צו אַ חתן — אַזוי האָב איך געטראַכט.

מיין מאַמע האָט זיך געלאָזט איבעררעדן. איז זי דען בכוח געווען פאַרצולייגן מיר עפּעס בעסערס?

דינסטיק, אַרום אַכט אַ זייגער אין אָוונט האָבן מיר שוין געדאַרפט אָפּפאָרן. ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט אין וועג אַריין, האָב איך זיך מיט אַמאָל דערמאָנט אין מיין קלאַרנעט. צום לעצטן מאָל האָב איך אים גענומען אין די הענט אַריין, דעם מונשטיק אין מויל און שטיל, שטיל אויפגעשפּילט — אַ בריוועלע דער מאַמען...

— וואָס טוסטו, וואָס? די מאַמע חלשט... — האָט מיין ברודער בעני אויסגעשריגן און אַרויסגעריסן מיר פון מויל דעם אינסטרומענט.

אַזאַ נאַרישקייט זאָל איך אָפּטאָן. איך האָב גאָרנישט געטראַכט, וואָס איך שפּיל...

מיר האָבן אָפּגעמונטערט דער מאַמען און מיט פּאַרווײנטע אויגן זיך געזעגנט. זי האָט מיך באַגלייט דורך אַלע דריי טירן און באַפוילן:

— גיב אַ קוש די מזוזה, זונעלע.

איך האָב געפאָלגט און געקושט דריי מאָל.

אויפן פאַרמאַכטן פאַיעטאָן זענען מיר געפאָרן צו דער באַן, דער פעטער, דער טאַטע, מיין ברודער בעני און איך. דער טאַטע האָט פון מיר נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג און די גאַנצע צייט געשוויגן. אָבער זיין שווייגן האָט אָפּגעקלונגען אין מיין האַרצן מיט דעם ווײטיקלעכן געשריי פון צעשיידונג.

אין דער וועלט אריין

אין דער וועלט אַריין! די גרויסע וועלט ציט און לאָקט יעדן יוגנטלעכן. אויב אין די קינדער־יאָרן איז דיין שטאָט דער צענטער פון דער וועלט, דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, קומען אָבער מיט יאָרן אַנדערע מיינונגען, אַנדערע געדאַנקען. עס ווערט ענג אין דער אייגענער שטאָט, און עס בענקט זיך צו ווייטקייטן, רחבותדיקע און אינטערעסאַנטע. מיט מיין אומגעריכטן אָפּפאָרן פון לוציצק קיין אַמעריקע, בין איך שוין געשטאַנען אויף דער שוועל פון פאַרווירקלעכן דעם יוגנטלעכן טרוים. דער לוקסוסדיקער שנעלצוג, דער שלאָף־וואַגאָן איז שוין געווען פאַר מיר אַן אַנטפּלעקונג. ווי נאָר די באַן האָט גערירט, האָב איך זיך אַרויפ־געכאַפּט אויפן אויבערשטן געלעגער און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אין דער נאַכט אַריין. פאַר די אויגן האָט זיך מיר געשטעלט מיין טאַטע, ווי ער גייט שטיל אַריין אין שטוב, קוקט נישט קיינעם אין פנים, ווייל נישט, מען זאָל באַמערקן די נישט אויסגעטרוקנטע טרערן אין זיינע אויגן. איך פיל ווי ביי מיר אין האַרצן נאָגט אַן אומעט און אַ בענקשאַפט נאָך דעם אַלעם, וואָס איך האָב אַזוי געהיימניספול פאַרלאָזט. איך זע פאַר זיך מיין מאַמען אַ ווײנענדיקע אין דער שטיל, אין שטוב איז תשעה באב...

היינט האָב איך געדאַרפט קומען נעמען מינען אויפֿן שפּאַציר. זי האָט זיכער געוואַרט אויף מיר און נישט דערוואַרט זיך, איז מסתמא אומרויִק, ווייסט נאָך נישט וועגן מיין אָפּפאָרן... איך וואָלט געדאַרפט איר דערציילן, צוגרייטן. זי וואָלט מיך פֿאַרשטאַנען... איך האָב אַ געפיל, אַז איך האָב גוט געטאָן, וואָס איך האָב מינען קיין מאָל נישט געזאָגט ווי שטאַרק איך האָב זי ליב. עס האָט אויסגעזען ווי מיר וואָלטן געווען נישט מער ווי גוטע חברים... ווען ווי ל איך אָפּנאַרן? זיך אַליין? די געפילן, וואָס האָבן אונדז געבונדן זענען געווען אַ סך שטאַרקערע, טיפערע, האָבן זיך נישט גענויטיקט אין קיין ווערטער. אָן ווערטער האָבן גערעדט אונדזערע הערצער, אונדזערע אויגן, שטום־לשון... דער אופֿן פֿון מיין אַנטלויפֿן איז דערפֿאַר אַ געמיינער... זי איז געבליבן דאָס טייערסטע אין מיין לעבן.

אונטער מיר, אויף דער אונטערשטער באַנק, ליגט מיין פעטער, רויכערט אַ גראָבן ציגאַר. דער רויך הויבט זיך אויף און דערגרייכט מיינע נאָזלעכער. חוץ אונדז ביידע איז מער קיינער נישטאָ אין קופּע. איך קען נישט איינשלאָפֿן און לאָז זיך אַראָפּ אונטן, זעץ זיך אַוועק קעגן־איבער מיין פעטער.

— דו שלאָפסט נישט? — פרעגט מיך דער פעטער.

— עס איז נאָך צו פרי.

— דו טראַכסט צו פיל — זאָגט דער פעטער. — טראַכט ווייניקער, וועט פֿאַר דיר זיין געזונטער.

— עס טראַכט זיך אַליין, פעטער. צוואַנציק יאָר צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, חברים און חברטעס. איצט אַזוי אומגעריכט אַלץ איבערגעלאָזט און אַוועק אָן „זייט געזונט".

— איך פֿאַרשטיי... אָבער די צייט איז דער בעסטער רופא. אַפילו אַ ווייב, אייגענע קינדער פֿאַרגעסן זיך מיט דער צייט.

— אָט האָט איר, פעטער, נאָך אַזוי פיל יאָרן נישט פֿאַרגעסן אייער ווייב און קינדער.

— אויף דער עלטער פילט מען שטאַרקער די איינזאַמקייט.... דערצו איז אַזאַ רחמנות, אייגן בלוט און פלייש, האָבן אַזויפיל איבערגעליטן פֿון

די רעוואָלוציעס און פּאָגראָמען. אָבער גלויב מיר, אַז די יאָרן האָבן אונדז געגנוג דערווייטערט איינער פונעם צווייטן.

— און אויב מען איז פאַרליבט איינער אין דעם אַנדערן? — האָב איך געפרעגט.

— פרעג מיך גרינגערע זאַכן... אין אונדזערע צייטן האָט מען זיך ווייניקער געליבט און גיכער חתונה געהאַט — האָט מיין פעטער אומגעדולדיק געוואָלט פאַרענדיקן דעם שמועס.

איך בין ווייטער געבליבן זיצן אַ פאַרדמיונטער, געטראַכט, אַז מען קאָן ליב האָבן פּלאַטאָניש, אָן ווערטער, אָן קערפּערלעכער נאָענטקייט און אַפילו נאָך יאָרן צעשיידונג נישט פאַרגעסן איינער דעם אַנדערן.

די באַן איז פאַרבייגעלאָפן אַ בעריאָזע־וואַלד און העלע פלעקן האָבן געבלענדט אין דער אַרומיקער פינצטערניש. דער פעטער איז איינגעשלאָפן און געגומען הילכיק כראָפּען. איך האָב זיך צוריק אַרויפגעכאַפּט אין דער הויך אויף מיין געלעגער, צוגעהערט זיך צום מאָנאָטאָנעם קלאַפּן פון די רעדער, וואָס האָט איינגעשלעפערט מיין מידן גוף.

אַ פאַרזונקענער אין טיפן שלאָף האָבן זיך צו מיר ווי פון זייער ווייט דערטראָגן קלאַנגען פון אַ גיטאַרע. פון אָנהויב שטילע, אָבער באַלד האָבן זיי זיך צערוישט ווי צעברויזטע ים־כוואַליעס אין אַ שטורעם. פונעם נעפּל איז אַרויסגעשווומען אַ גיגאַנטישע שיף מיט אַ סך, אַ סך שימערירנדיקע פענצטערלעך, געוואַקלט זיך, געלאָזט פלייצן איבער זיך דאָס שוימיקע וואַסער איבער איר דעק. די קלאַנגען זענען באַקאַנטע. איך זע די אויסגעאיידלטע ווייסע האַנט מיט די לאַנגע פינגער, וואָס טאַנצן איבער די סטרונעס פון דער גיטאַרע. די צעשויבערטע, לאַנגע האָר פון רייפן קאָרן־קאָליר זענען אויך ווי די צעוויגטע ים־כוואַליעס. חנה שפּילט „דעם אומקום פון טיטאַניק".

מיט אַ שווער געמיט כאַפּ איך זיך אויף פון שלאָף. אין די אויערן רוישן מיר נאָך די מוזיק־קלאַנגען, וואָס ווערן פאַרהילכט פון מיין פעטערס הילכיקן כראָפּען. די באַן יאָגט אַלץ ווייטער אַריין אינעם אויפקומענדיקן טאָג.

אין די פרימאָרגן־שעהן איז דער סאַפּענדיקער צוג אָנגעקומען אויפן

ווינער־וואָקזאַל אין וואַרשע. האַסטיק האָבן זיך אויפגעפּראַלט די טירן פון די וואַגאָנען און די פּאַסאַזשירן האָבן גענומען איילן צום אַרויסגאַנג.

— נומעראָווי, נומעראָווי! — דערהערן זיך אויסגעשרייען פון אַלע זייטן. עטלעכע פּאַרשוינען מיט רויטע היטעלעך אויף די קעפּ און מעשענע נומערן פון פאָרנט שטופּן זיך דורך דעם המון און באַלד איילן זיי צוריק באַלאָדענע מיט וואַליזקעס און פּעק, נישט אויפהערנדיק צו שרייען: „פּשעפּראַשאַם!״.

נאָך די טרעגערס שפּאַנען סאָלידע סוחרים מיט טעקעס אונטערן אָרעם. נאָך זיי דערזע איך יידן אין לאַנגע, שוואַרץ־גלאַנציקע קאַפּאָטעס מיט קליינע היטעלעך אויפן קאָפּ. מערסטנס זענען זיי באַוואָקסן מיט בערד און פּיאות. יעדער טראָגט אַליין זיין וואַליזע. אַ סך פירן מיט זיך ביי דער האַנט קליינע יינגעלעך מיט געקרייזלטע פּיאהלעך און נייגעריקע, צעטומלטע אויגעלעך.

פון דער וויטנס באַמערק איך דעם אַפּפאָרנדיקן רויטן טראַמווי, אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן. צום ערשטן מאָל האָב איך געזען דעם דאָזיקן וואַגאָן מיט אַ דראָט אויפן דאַך ווי אַ „ח״, וואָס רירט אָן דעם עלעקטרישן דראָט. איך וואָלט גערנער געפאָרן מיט אַ דראָזשקע, אָבער דער פעטער הייסט אַרויפלייגן זיינע וואַליזעס אויף אַ מאַשין און מיר פאָרן שנעל אָפּ.

עס איז געווען אַ פאַרכמורעטער טאָג. איבער די גרויע מויערן איז געהאָנגען אַ בלייענער הימל. דער אויטאָ לויפט איבער די ברייטע אַספאַלטירטע גאַסן און איידער איך באַוויז זיך אַרומצוקוקן זענען מיר שוין פאַרפאָרן צו אַ האָטעל, ווו מיר האָבן באַקומען אַ באַקוועם צימער מיט צוויי בעטן. דער פעטער האַלט, אַז מער ווי עטלעכע טעג וועלן מיר אין וואַרשע נישט פאַרבלייבן. דאָך מיינט ער דעם ערשטן טאָג זיך אויסצורוען, אין אָוונט אַריינכאַפּן זיך צום „דיבוק״ אין דער ווילנער טרופּע און אויף צומאָרגנס אַריינגייען צום אַמעריקאַנער קאָנסול. איך וואָלט אים אָבער מוחל געווען דאָס רוען. עס ווילט זיך אָנקוקן וואַרשע, באַזונדערס די יידישע געגנט.

אַרומגעוואַשן און אָפּגעראַזירט, אויסגעפּוצטע אין נייעם אָנצוג, האָבן מיר זיך געלאָזט איבער דער שטאָט. איך האָב געפּועלט ביי מיין פעטער,

ער זאָל מיך לאָזן גיין אין דער אָפּערע אויף אַ בייטאָג־פאָרשטעלונג. ער האָט געגעבן מיר געלט און אַליין זיך געלייגט שלאָפן.

דער האָטעל, אין וועלכן מיר האָבן געוווינט, האָט זיך געפונען אויף נאַלעווקי 2. איך האָב נאָר געדאַרפט דורכשפּאַצירן די ביעלאַנסקי־גאַס און שוין בין איך געווען אין דער וואַרשעווער אָפּערע, גענומען אַ בילעט אויפן צווייטן שטאָק, אין דער מיט. איך האָב זיך געפילט ווי אין אַ מקום קדוש, געזען ווי די מוזיקער פון אָרקעסטער זענען אַריינגעקומען, יעדער מיט זיין אינסטרומענט, אַלע אויסגעפּוצט אין פראַקן. אַזוי פיל מוזיקער אין איין אָרקעסטער האָב איך נאָך קיין מאָל נישט געזען.

מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָב איך געלייענט די ליברעטאָ, אָבער איידער איך האָב באַוויזן צו פאַרענדיקן, איז שוין געוואָרן פינצטער. דער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט די אָוועערטורע. די מוזיק האָב איך מער אָפּגעפּילט, ווי פאַרשטאַנען. אַ שפע מיט קלאַנגען, זענען געפלאָסן פון פאַרשידענע אינסטרומענטן. ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגע־הויבן, האָב איך דערזען אַ גרויס געשעפט פון מעכאַניזירטע קינדער־שפּילעכלעך. די פאַרקויפערס און די קונים זינגען אויס, אין דער באַגלייטונג פון מוזיק, זייער אַנטציקונג פון די שפּילעכלעך. עלטערן מיט קינדער קומען אַריין, קלויבן אויס שפּילעכלעך, פּרוּווּן זיי אויס, קויפן און פאַרשווינדן. עס ווערט נאַכט. דאָס געשעפט ווערט פאַרמאַכט. ערשט דאַן הייבן אָן די שפּילעכלעך זייער זעלבשטענדיק לעבן, טאַנצן און דריקן אויס אין ריטמישע באַוועגונגען דעם פּראָטעסט קעגן די, וואָס באַגייען זיך מיט זיי ווילד, באַרבאַריש. אַ כישוף־טאַנץ האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. איך, דער דערוואַקסענער, האָב מיטגעלעבט די וועלט פונעם קינד.

אין מיין שפּעטערדיקן לעבן האָב איך באַזוכט אַ סך אָפּערעס, באַלעטן, אָבער יענע ערשטע פאָרשטעלונג וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אין מיין זכרון.

אין אָוונט זענען מיר געגאַנגען אין יידישן טעאַטער, צו דער ווילנער־טרופּע, וואָס האָט געשפּילט דעם „דיבוק". מאָרעווסקי איז געווען דער

מיראַפּאָלער צדיק, אַ פּרעכטיקע פאָרשטעלונג! אָבער איך בין נאָך אַלץ געווען איבעראַשט פון דער אָפּערע.

בכלל איז מיין ערשטער טאָג אין וואַרשע געווען פול מיט איבעראַשונגען: דער בלינדער פידלער מיט זיין לידל „למה לי חיים". דער אומאויפהערלעכער „האַנדעל, האַנדעל" איבער די הויפן. די גרויסע סינאַגאָגע אויף דער טלאָמאַצקיע־גאַס, דער אימפּאָזאַנטער אַרויפגאַנג, דער אָרון־קודש אינעווייניק — אַלץ איז פאַר מיר געווען ניי און אינטערעסאַנט. איך האָב קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן וועגן לוצק, וועגן דער היים, וועגן מינען.

נישט דערפלויגן

מיר זענען נאָך געלעגן אין די בעטן, ווען דער פעטער האָט זיך געוואָנדן צו מיר מיט דער פראַגע:

— געדענקסט, יואליק, דיין נייעם נאָמען, לויט מיין אַמעריקאַנער פּאַס?

— אַבסטאַסיאַ — האָב איך געענטפערט מיט דער גאַנצער זיכערהייט און פאַרגעזעצט די ענטפערס אויף די וויטערדיקע פראַגן: וועגן דער דאַטע פון מיין געבוירן און פאַרלאָזן לוצק, די נעמען פון מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער.

דעם ערשטן עקזאַמען בין איך גוט אַדורך. אָבער מיין פעטער איז געוואָרן אַ ביסל אומרויִקער. דער אמתער עקזאַמען האָט אויף אונדז בײדע געוואַרט ביים אַמעריקאַנער קאָנסול.

נאָכן פרישטיק האָבן מיר גענומען אַ טעקסי און צוגעפאָרן צום קאָנסול. מיר זענען געפאָרן איבער פריצישע גאַסן, וווּ מען האָט זעלטן באַגעגנט אַ ייִד אין אַ חסידישן לבוש. ביי דער גרויסער געביידע, ביי וועלכער דער שאָפער האָט זיך אַליין אָפּגעשטעלט, איז ביים אַריינגאַנג געשטאַנען אויף דער וואַך אַ פּוילישער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט פאַר

אונדז סאַלוטירט און אָנגעוויזן מיט דער האַנט דעם וועג צום אַמעריקאַנער קאָנסול.

מיר זענען אַרײַן אין אַ העל־באַלויכטענעם צימער מיט געדיכטע פאַרהאַנגען אויף די פענצטער. די סעקרעטאַרין, אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, האָט אונדז געבעטן זיך זעצן און אויסגעפרעגט אויף ענגליש מײַן פעטער, וועגן וואָס ער דאַרף צום קאָנסול. בלויז אײַנצלנע ווערטער האָב איך פאַרשטאַנען פון זייער געשפּרעך. צום ערשטן מאָל האָט עס מיך פאַרדראָסן, הלמאַי איך האָב ערשט אין לעצטן קלאַס זיך אָנגעהויבן לערנען די ענגלישע שפּראַך, ווען איך בין געווען אַזוי שטאַרק פאַרנומען מיטן צוגרייטן זיך צו פאַרענדיקן די גימנאַזיע. דער פעטער איז געזעסן נעבן מיר פאַרטראַכט. אויף זײַן פּנים האָט זיך געמאָלן אַן אומרויִקייט. צי האָט ער חרטה אויף זײַן אייגענעם פּלאַן מיטצונעמען מיך קיין אַמעריקע? זײַן אומרויִקייט האָט זיך טיילווייז איבערגעוואָרפן אויך אויף מיר, כאָטש איך האָב באַמיט עס נישט אַרויסצווייזן. אין מוח האָב איך איבערגעחזרט מײַנע ענטפערס אויף די פראַגן, וואָס קענען מיר געשטעלט ווערן.

פון אונטער די געדיכטע פאָרטיערן איז אַרויסגעקומען אַן עלטערער מאַן, וואָס האָט מיט איין האַנט זיך געווישט דעם שוויס פונעם שטערן און מיט דער צווייטער צוריק פאַרוקט די פאָרטיערן. ער האָט אויסגעזען צו זײַן אַן אַמעריקאַנער, באַגריסט זיך מיט דער סעקרעטאַרין און באַמיט זיך צו שמייכלען. די סעקרעטאַרין האָט אונדז געוויזן אויף דער טיר, דער פעטער זאָל אַרײַנגיין. איך בין געבליבן זיצן, געטראַכט, פאַרוואָס איז דער פעטער אַליין אַרײַן צום קאָנסול און מיך דאָ איבערגעלאָזט. אפשר וועט ער מיך באַלד אַרײַנרופן?... די טיר האָט זיך געעפנט און מײַן פעטער איז אַרויסגעקומען. איך האָב זיך אויפגעשטעלט, געמיינט, אַז ער רופט מיך אַרײַן צום קאָנסול אין קאַבינעט. איך האָב אָבער דערזען אויפן פעטערס פּנים די אויפגערעגטקייט. ער האָט געזאָגט:

— מיר קענען גיין.

אין דרויסן, אָפּגייענדיק עטלעכע טריט פון דעם פּוילישן פּאַליציאַנט, האָט דער פעטער אַ זאָג געטאָן:

— וועגן דעם האָב איך גאָרנישט געטראַכט, וועגן דער „קוואָטע"...

אַלץ איז אַדורך גוט. דער קאָנסול האָט מיך פאַרשטאַנען, אָבער ווי נאָר עס איז געקומען צו דיין עלטער, האָט ער אויפגעהערט מיט זיין „וועל־וועל"... ביז אַכצן יאָר קענען קינדער פאָרן מיטן פאָטער אָן דער קוואָטע, אָבער דערנאָך מוז מען שוין וואַרטן אַ שטיקל צייט ביז עס קומט אָן די קוואָטע.

— וויפל צייט קען עס דויערן ? — האָב איך געפרעגט.

דער פעטער האָט גערעדט שטיל ווי צו זיך אַליין :

— וויפל ? ווי אַמאָל. עס קען דויערן אַ האַלב יאָר און אַמאָל אויך אַ יאָר... מיר וועלן צופאָרן צום נאָטאַריוס און מאַכן דיר אַ קאָפּיע פון מיין פּאַס, שפּעטער וועל איך דיר צושיקן אַ באַזונדערע שיפסקאַרטע און דו וועסט אַליין קומען קיין אַמעריקע.

איך האָב געדאַנקט מיין פעטער פאַר זיין גוטן ווילן, פאָרן ברענגען מיך קיין וואַרשע, אין דעם געשעענעם האָב איך נישט געזען קיין אומגליק. אפשר בעסער אַזוי. כ׳האָב שוין אָנגעהויבן בענקען נאָך דער היים, נאָך מינען.

דעם זעלבן טאָג זענען מיר געווען ביים נאָטאַריוס אויף דער מיאָדאָווע גאַס און געמאַכט אַ קאָפּיע פונעם אַמעריקאַנער פּאַס. מיר האָבן נאָך צוזאַמען געגעסן מיטאָג אין האָטעל־רעסטאָראַן. דערנאָך האָב איך דעם פעטער באַגלייט צו דער באַן און זיך וואַרעם געזעגנט. ער האָט מיר גע־געבן געלט אויף אַ בילעט קיין לוצק און נאָך עטלעכע צענדליק זלאָטעס.

פאָרן אַרויפגיין אויף די טרעפּלעך פון וואַגאָן האָבן מיר זיך צעקושט און איך האָב באַמערקט טרערן אין פעטערס אויגן.

איך האָב באַשלאָסן צוריקצופאָרן נאָך דעם זעלבן אָוונט קיין לוצק, איידער מען דערוווסט זיך דאָרט וועגן מיין אָפּפאָר. דער צוג קיין לוצק גייט אָפּ ערשט צען אין אָוונט. ביז דאַן בין איך פריי און קען אַרומשפּאַצירן איבער די וואַרשעווער גאַסן, זעטיקן דאָס אויג מיט די שיינע אויסגעפּוצטע שויפענצטער, מיט דער טומלדיקער באַוועגונג פון דער גרויסער שטאָט. אין משך פון די צוויי טעג איז מיר וואַרשע געוואָרן נאָענט צום האַרצן. אין מוח איז מיר דורך אַ געדאַנק : אויב נישט קיין אַמעריקע, איז קיין וואַרשע. נישט אויף טעג, נאָר אויף חדשים און יאָרן...

יואל פערעל

צוריק אַהיים

צוריקוועגס בין איך שוין נישט געפֿאָרן אויפֿן אַמעריקאַנער שטייגער, אין אַ שלאָף־וואַגאָן. פֿאַר מיר איז גענוג געווען די האַרטע פּאָליצע אין אַ פּשוטן וואַגאָן. במשך פֿון דער נאַכט בייטן זיך די פּאַסאַזשירן, כמעט אויף יעדער גרעסערער סטאַציע קומען אַן נייע מענטשן מיט פּעק, מיט געשרייען, שטויסן זיך אָן מיט מענטשן, וואָס שטופּן זיך צום אַרויסגאַנג. עטלעכע מאָל אין דער נאַכט קאָנטראָלירט מען די בילעטן. נישטאָ די באַקוועמלעכקייטן פֿונעם שלאָף־וואַגאָן. נישטאָ קיין רייד פֿון כאַפּן אַ דרימל. דערפֿאַר איז אָבער דאָ פֿריילעכער, מען טרעפֿט פֿאַרשידענע טיפּן. אָט זיצט אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿון דער באַנק אַ ייד מיט פֿאַרגלאָצטע אויגן און מורמלט עפּעס מיט די ליפּן אָן אויפֿהער, מסתמא תהילים. נישט ווייט פֿון אים זיצט אַ פּויער, וואָרעם אָנגעטאָן, נאָר צעכראַסטעט, איןביידע הענט האַלט ער אַ גאַנצן שמאַלץ־הערינג, איבער וועלכן ער פֿירט מיט די ליפּן ווי אויף אַ מויל־האַרמאָניקע, באַלעקט זיך. אַן עלטערע פֿרוי לאַנגווייליקט זיך, האָט נישט מיט וועמען צו פּלוידערן, גענעצט זי אויפֿן קול און נאָך יעדן גענעץ זאָגט זי „פּשעפּראַשאַם" און קיינער ווייסט נישט צו וועמען זי זאָגט עס.

דאָס אָבסערווירן די אַרומיקע לאָזט מיך נישט טראַכטן וועגן דעם געשעענעם, בכלל האָב איך נישט ליב צו באַדויערן דאָס, וואָס עס איז שוין אַריבער. עס פֿאַלט מיר איין אַ געדאַנק, אַז דער פֿעטער האָט מסתמא געהאַט אַ מיין ביים וועלן מיך מיטנעמען קיין אַמעריקע. ער האָט דאָך אַ דערוואַקסענע טאָכטער, וואָלט איך פֿאַר איר געווען דער פּאַסיקער חתן. ער וואָלט מיר טאַקע געהאָלפֿן ענדיקן מעדיצין און געהאַט אַן אײדעם אַ דאָקטאָר... אויב אַזוי, איז אפֿשר בעסער וואָס איך בין נישט געפֿאָרן.

מיט פֿאַרמאַכטע אויגן זע איך אין דמיון מינען מיט די העל־בלאָנדע האָר, בלויע אויגן און עס נעמט מיך אַרום אַ בענקשאַפֿט נאָך איר. איך באַשליס ביי זיך, אַז קומענדיק אַהיים, וועל איך טאָן אַלץ, אַז אונדזער ליבע זאָל באַקומען אַן ערנסטערן זין. נישט בלויז זי, נאָר אויך אונדזערע ביידנס עלטערן זאָלן וויסן וועגן דעם. וועגן חתונה האָבן קען דערווייל

קיין רייד נישט זיין. ערשטנס, האָב איך נאָך צוויי עלטערע שוועסטער און אַ ברודער. צווייטנס, דאַרף איך נאָך אָפּדינען אַ יאָר אין פּוילישן מיליטער. דריטנס, דאַרף איך ווערן זעלבשטענדיק, אויסלערנען זיך אַ פאַך אָדער פאָרן שטודירן. מינאַ איז אַ מיידל מיט כאַראַקטער און צוליב אונדזער צוקונפט וועט זי אויסהאַלטן די שווערסטע פּרוון. פאַרטאָג אין די דאָזיקע טראַכטענישן האָב איך נישט געפילט ווי די נאַכט איז שנעל פאַרביי און די פינצטערניש אין דרויסן האָט אָפּגעטרעטן דער בלוילעכער שיין, וואָס איז געוואָרן אַלץ העלער. די באַן איז גאָרנישט מיד געוואָרן צו לויפן הענדום־פענדום. מיר פאָרן שוין אַריין אין די וואָלינער קאַנטן. איך טראַכט, אַז מיין מאַמע וועט זיכער זיין צופרידן, וואָס איך בין צוריקגעקומען.

ביים אַריינקומען אין שטוב האָב איך גלייך באַמערקט ווי מיין מאמעס אויגן האָבן אויפגעשיינט פון גליק. עס איז איר ווייניק אָנגעגאַנגען וואָס מיט מיר איז געשען, אַבי איך בין דאָ צוריק אין שטוב. בלויז דער טאַטע האָט באַדויערט. איך האָב אים געטרייסט, אַז איך האָב אַלע פאַפּירן ביי זיך און דער פעטער וועט מיר שיקן אַ שיפסקאַרטע. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז מסתמא איז אַזוי באַשערט. מיין עלטערע שוועסטער האָט צוגעגעבן:

— באַשערט דיר צו טאַנצן אויף מיין חתונה... מען זאָל דיך נאָר נישט צונעמען פריער אין מיליטער.

— מיינע זין וועלן נישט דינען ביי פאָניען. דער טריסקער רבי האָט מיר געגעבן זיין ברכה... זעץ זיך שוין, זון מיינער, צום טיש, ביסט אַוודאי הונגעריק.

צו מינען האָב איך באַשלאָסן צו גיין ערשט פאַרנאַכט. זי איז זיכער פאַרנומען מיט אירע לעקציעס, מיט דער שטוב־אַרבעט. דערצו האָב איך נישט געוואָלט, אַז איר מוטער זאָל וויסן וועגן מיין אָוועקפאָרן. פאַר מינען וועל איך גאָרנישט לייקענען. פאַרקערט, איך וועל זיך באַמיען צו אַנטפּלעקן איר מיינע געפילן, מיין בענקשאַפט און פאַרדרוס, הלמאי איך בין אַוועקגעפאָרן. זי וועט מיך פאַרשטיין...

יואל פערעל

נישט דערזאָגט...

מינאַ האָט די לעצטע וואָך געהאַט געסט. עס זענען געקומען צו פאָרן פון קלעוואַן איר שוועגערין פייגע מיט אירע צוויי טעכטערלעך, וואָס זענען איר פאַרבליבן פון איר אומגעקומענעם מאַן, מינעס ברודער, יוסף. די עלטערע טאָכטער סימע איז שוין אַלט געווען 9 יאָר, אַ הויך, שלאַנק מיידל, מיט אַ בלאַס אויסגעצויגן פּנים און ערנסטע בלויע אויגן. אויף איר האָבן, ווייזט אויס, איבערגעלאָזט טיפערע שפּורן דער אומגעריכ־טער טויט פון איר יונגן פאָטער, וואָס די פּאָליאַקן האָבן אומגעבראַכט אָן אַ משפּט און אָן אַ פאַרוואָס. דאַקעגן זענען נישט געבליבן קיין שפּורן אויף דער ייִנגערער, פּיריאָריקער לאַליען, מיט די פּוכינקע בעקלעך און געדיכטע גאָלדענע האָר, מיט תּמיד גלאַנצנדיקע שמייכלענדיקע שוואַרצע אייגעלעך.

לאַליע האָט אַרומגעשוועבט ווי אַ פּילפּאַרביק פלאַטערל און ביי אַלע אַרויסגערופן חידוש און שטוינונג. איר איז דווקא געפעלן, וואָס אַלע ווייזן איר אַרויס אויפמערקזאַמקייט, אינטערעסירן זיך מיט איר. פלעגט זי דעריבער נאָך מער זיך צעפלאַקערן, ווי אַ פייער אונטער אַ בלאָזזאַק. אָט באַהאַלט זי זיך הינטערן פאָרהאַנג, וואָס הענגט איבער דער טיר אין פינצטערן צימער אַריין. באַלד דערשיינט זי אַ שמייכלענדיקע מיט בליש־טשענדיקע אייגעלעך און מיט די פּוכינקע ליפּעלעך זינגט זי אַ לידל, באַגלייט מיט אַ ריירעוודיק טענצל, וואָס באַצויבערט אַלע.

אויך די עלטערע סימע זינגט מיט אַן אָנגענעמער שטים, אָבער אירע לידער זענען ערנסטע, טיף ריירנדיקע, מיט אַ רייכערן אינהאַלט. צוויי שוועסטערס, קינדער פון די זעלבע עלטערן, אָבער פאַרשידענע וועלטן, ביידע שיינע, יעדע פון זיי אויף אַן אַנדערן אופן.

פאַרנאַכטצו, ווען איך בין געקומען צו מינען מיטן באַשלוס צו דער־ציילן איר וועגן מיין דורכפאַל, וואָס טוט מיר גאָרנישט באַנג, בין איך אָבער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ אויפגעהייטערטער שטימונג, וואָס עס האָבן מיט זיך געבראַכט די טייערע געסט, אַז עס האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן אין מיינע פּלענער. איך בין געווען אַזוי דורכגענומען מיטן קאָנצערט פון

די קינדער, אַז איך האָב געגומען דערציילן מיט אַלע פּרטים וועגן דער קינדער־אָפּערע, וואָס איך האָב מיט עטלעכע טעג צוריק געזען אין דער וואַרשעווער אָפּערע. איך האָב באַמערקט אויף מינעס געזיכט אַ פאַרוווּנ־דערונג.

— איך האָב די טעג באַגלייט קיין וואַרשע מיין פעטער, וואָס איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. נו, האָב איך באַזוכט די אָפּערע „אַ בונט פון ליאַלקעס״. די קינדער האָבן אונטערגעשפּאַרט די הענטלעך אונטער די גאָמבעלעך און געקוקט מיר טיף אין די אויגן, נישט געוואָלט פאַרלירן קיין וואָרט פון מיין דערציילן וועגן די שפּילעכלעך, בערעלעך, הינטעלעך און פאַרשידענע פייגל. אַפילו ביי סימען האָבן זיך די אומעטיקע אויגן צע־גלאַנצט מיט אינטערעס און געשפּאַנטקייט.

ווען איך האָב פאַרענדיקט, האָט ליאַליע גליך געפּרוּווט אַ טאַנץ טאָן ווי די ליאַלקעס. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין דערציילונג וועט דינען פאַר איר אַלס שטאָף פאַר אירע ווייטערדיקע אַרויסטריטן אויף אַ לענ־גערער צייט.

איך האָב בכלל ליב קינדער, אפשר דערפאַר האָט מיך תמיד געצויגן צו קינדער, אָבער סימען און ליאַליען האָב איך פונעם ערשטן אויגנבליק גאָר שטאַרק ליב באַקומען, אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב אין זיי געזען מינען אין די גאָר ייִנגסטע יאָרן.

אין יענעם אָוונט האָב איך מיט מינען שפּאַצירט אין גאַס און אין איר ערנסטקייט גלייך דערפילט, אַז מיין נישט געזעגענען זיך מיט איר פאַרן אָפּפאָר האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן.

— אַ גוטער חבר טוט נישט אַזוי. זיי נישט בייז פאַר מיין באַמער־קונג — האָט מינע געזאָגט.

איך האָב איר געגעבן צו פאַרשטיין די גאַנצע פאַרוויקלטקייט פונעם ענין און דערציילט איר ווי שטאַרק איך האָב געבענקט נאָך איר און ווי צופרידן איך בין, אַז מיין אָפּפאָר קיין אַמעריקע איז נישט געלונגען.

צוריק זענען מיר געגאַנגען שווייגנדיק. פון מיר האָבן זיך געריסן האַרציקע ווערטער, אָבער עס האָט זיך נישט באַקומען... פון וואַנען נעמט

זיך צו מיר אַזאַ שוואַכקייט, ווען איך וויל פאַר מינען אַנטפּלעקן מיינע געפילן?

— אַ שאָד, וואָס דו האָסט נישט געזען דעם „דיבוק" ביי די ווילנער — האָב איך געגומען דערציילן מינען וועגן דער פאָרשטעלונג, וועגן אברהם מאָרעווסקי אין דער ראָל פון דעם מיראָפּאָליער צדיק. איצט האָב איך שוין געהאַט אַ סך צו דערציילן און מינאַ האָט מיך אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס, האָט געזאָגט, אַז זי איז מיך מקנא.

— נישט געזאָרגט, מינאַ, מיר וועלן נאָך פאָרן קיין וואַרשע צוזאַמען, באַזוכן אַלע טעאַטערס...

מיליטער־דינסט

עס איז אונטערגעקומען דער פּריזיוו אין פּוילישן מיליטער. אויף דער ברכה פונעם טריסקער רבין האָב איך געהאַט קליינע האָפענונגען און פאַרשטאַנען, אַז אין יאָר וועל איך מוזן אָפּדינען. אַלע, וואָס האָבן געענדיקט אַ מיטלשול, האָט מען געשיקט אין דער אָפיצירן־שול, אָבער עס איז נישט געווען קיין סוד, אַז יידישע אָפיצירן זענען אין דער פּוילישן אַרמיי נישט געווען געווונטשן. איך בין אַפילו געווען צופרידן וואָס די מיליטערישע מעדיצין־קאָמיסיע האָט מיך אָנערקענט פאַר פעיק צו דינען אין מיליטער. איך האָב נישט געוואָלט, מען זאָל אָפּלייגן מיין מיליטער־דינסט אויף אַ יאָר אָדער צוויי, צוליב מיין צעבראָכענער האַנט, וואָס איז נאָך אַלץ נישט געווען גוט צונויפגעוואַקסן און איז אַפילו פאַרבליבן אַ ביסל קירצער פון דער רעכטער האַנט.

אומגעריכט האָב איך באַקומען אַ מעלדונג, אַז מיר איז אויסגעפאַלן אַ העכערער נומער איבערן נייטיקן קאָנטינגענט און איך בין דעריבער פאַרעכנט געוואָרן צום „זאַפּאַס".

געוווסט האָב איך, אַז די „איינואַריקע" געניסן נישט פון דער פּריווילעגיע. די מעלדונג איז דערפאַר געווען פאַר מיר נישט פאַרשטענדלעך.

— וואָס פאַרשטייסטו נישט? — האָט מיין עלטערער ברודער בעני

זיך אָנגערופן — זיי האָבן אונדז ליב נאָר פון דער וויטנס. יידישע אָפיצירן פעלן זיי?

— דעם רבינס ברכה איז הייליק — האָט מיין מאַמע געזאָגט.

אין שול האָט מען געגעבן לעקעך און בראָנפן. אויך אין שטוב האָבן היימישע חברה מיט מיר אויסגעטרונקען לכבוד מיין באַפרייט ווערן פון מיליטער.

די שמחה איז פאַרשטערט געוואָרן אַזוי אומגעריכט, ווי זי איז געקומען. אַ פריש בריוועלע האָט געבראַנגט די ידיעה: „היות איך בין פּעיִק צום מיליטער־דינסט, דערצו אַן אייניאָריקער, איז דערפאַר נישט חל אויף מיר די פּריווילעגיע און עס ווערט אָפּגערופן די ערשטע מעלדונג".

צו דער מעלדונג איז געווען צוגעגעבן אַ רייזע־בילעט און איך האָב זיך געדאַרפט מעלדן אין משך פון 48 שעה.

איך האָב זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג אַריין. אין די ערשטע טעג פון די עשרת ימי תשובה איז מיר אויסגעקומען אָפּצופאָרן קיין פּאָמיעכוועק. דער באַן־פּעראָן איז געווען פאַרפולט מיט יונגוואַרג, שומרים, חברים פון גימנאַזיע, זענען געקומען מיך באַגלייטן, יעדער מיט זיין מתנה, געזעגנט זיך מיט שומרישע געזאַנגען, מיט „צאתך לשלום", מיט אַ חלוצישן „האָראַ". די געזאַנגען האָבן נישט אויפגעהערט אַפילו ווען דער צוג האָט גענומען רירן פון אָרט און איך בין שוין געווען וויט, האָב איך נאָך אַלץ געהערט דאָס געזאַנג, וואָס איז געבליבן לאַנג אין זכרון.

אין זעלבן וואַגאָן איז געפאָרן נאָך אַן „אייניאָריקער", אַן אוקראַינער, אַ בלאָנדער בחור מיט בלויע אויגן. אים האָט מען אויך געשיקט קיין פּאָמיעכוועק, נאָר קיינער האָט אים נישט באַגלייט. דערפאַר האָט ער גלייך מיט מיר גענאָסן פון די גוטע קאָנפעקטן, פון די ניס און אַנדערע גוטע זאַכן, וועלכע איך האָב באַקומען לרוב. גערופן האָט מען אים פּראָלאָוו. מיר ביידע האָבן געלערנט צוזאַמען אין זעקסטן קלאַס פון דער רוסיש־אוקראַינישער גימנאַזיע. ער האָט פאַר מיר עפנטלעך אַרויסגעזאָגט זיין אומצופרידנקייט מיט זיין גיין דינען אין דער פרעמדער אַרמיי.

מיר זענען אָנגעקומען אין דער בריסקער פעסטונג. אונדז איז אויסגעקומען צו קלעטערן אין דער הייך מיט אונדזערע וואַליזעס און פּעקלעך.

דער דיזשורירנדיקער אָפיציר האָט זיך געוווּנדערט, הלמאַי די ערשטע פונעם נייעם יאָרגאַנג זענען שוין אָנגעקומען. ער האָט אונדז איבערגע־שיקט מיט אַ לאַסטאויטאָ צום מיליטערישן שטעטל אין פּאַמיעכוווּעק.

מיר זענען דורכגעפאָרן דאָס שטעטל, אַ טיפּיש יידיש שטעטל, מיט נידעריקע, איינשטאָקיקע הייזקעס, אַ שמאָלער וועג מיט נישט קיין גע־פלאַסטערטע קאַנאַלן ביי די זייטן. דאָס גאַנצע שטעטל איז איין גאַס מיט עטלעכע געוועלבער. ביי די טירן האָבן אַרויסגעקוקט די קרעמער אין חסידישע מלבושים, געוואַרט אויף אַ קונה. דאָ און דאָרט האָט מען דורך די צוגעמאַכטע פענצטער געזען אַרויסקוקן מיידלעך מיט פאַרבענקטע אויגן.

ביים אַריינפאָר אין דער מיליטערישער זאָנע איז ביים טויער גע־שטאַנען אַ זעלנער, וואָס האָט פאַר אונדז געעפנט דאָס טויער און מיר זענען אַריינגעפאָרן אין מיליטערישן שטעטל. דער ווייטערדיקער וועג איז געווען אַ זאַמדיקער, אַ שמאָלער. דער שאָפער האָט אונדז איבערגע־געבן אין די הענט פון אַ מיליטערמאַן מיט דריי בענדלעך אויף די פּאָגאָ־נעס און איז אָפּגעפאָרן. דער דרייבענדלדיקער האָט מיך מיט פּראָלאָוון אַריינגעפירט אין אַ לאַנגן באַראַק, וווּ עס האָבן זיך געפונען צווישטאָקיקע אייזערנע בעטלעך. דער זעלנער, וואָס האָט געהיטן דעם באַראַק, האָט אונדז אָנגעוויזן אויף צוויי פרייע בעטן ביים סאַמע אַריינגאַנג.

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די נאַכט וועלן מיר בכלל זיין די איינציקע אין באַראַק, ווייל אַלע זענען אַוועק אויף וואַרטע אין דער „רויט־ווייסער״ פעסטונג.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז כל־זמן מיר טראָגן נאָך אונדזערע ציווילע מלבושים, קענען מיר זיך פילן פריי. מעגלעך, אַז עס קען דויערן עטלעכע טעג ביז עס וועלן אָנקומען מיטן עשאַלאָן די אַנדערע נייע זעלנער פון אונדזער יאָרגאַנג. דעריבער דאַרף מען אויסנוצן די צייט אויף צו באַ־קענען זיך מיט אַלץ, וואָס קומט פאָר אין מיליטערישן שטעטל און אויב עס וועט זיך איינגעבן — אַריבערכאַפּן זיך אויסער דער זאָנע, אין שטעטל אַריין. ביי די יידן אין שטעטל קען מען זיך דערוויסן עפּעס וועגן דעם שטייגער אין דער זאָנע, אויך וועגן דעם ווי אַזוי מען קען זיך באַפרייען אויף יום־כּיפּור, כּדי צו גיין אין שול אַריין דאַוונען.

דעם גאַנצן נאָכמיטאָג האָב איך שפּאַצירט איבער דער זאַנע. געגאַנגען אויף מזרח און צוגעקומען צו אַ טייכל. אויף איין אָרט האָב איך באַמערקט ווי דאָס טייכל איז געוואָרן אַלץ שמעלער און שמעלער. אויפן דאָזיקן אָרט האָבן די וואַסערן פונעם טייכל זיך צעצווייגט און ווי מיט צוויי לאַפּעס ארומגענומען אַ היפּשן שטח באַוואַקסן מיט לעפּעכעס און גראָזן. אַ שמאָל בריקל איז געהאַנגען איבער ביידע וואַסער־שטראָמען און דעם אינדזעלע, וואָס איז געלעגן צווישן זיי. דאָס בריקל איז געווען שמאָל ווי אַ קלאַטקע פון צוויי־דריי ברעטער. לויט מיין פאַרשטאַנד האָט די קלאַטקע געפירט אין שטעטל אַריין. אויך דאָס אינדזעלע איז מיר געפעלן ווי אַן אָרט פאַר רו, פאַר טראַכטן און לייענען אַ בוך.

אויף צוריקוועגס בין איך אַריין אין באַראַק, פון וואַנען איך האָב דערהערט מאַרש־מוזיק. דאָס האָט געשפּילט דער מיליטערישער פּאָלקאָרקעסטער. איך האָב זיך דערמאָנט אין אונדזער גימנאַזיע־אָרקעסטער, אין אונדזער דיקלעכן מוזיק־לערער און דיריגענט קאַפּע. עס האָט זיך מיר פאַרבענקט נאָך מיין קלאַרנעט. ביים איבערייס בין איך גלייך אַריין אין באַראַק. מיך האָט אַ ציִ געטאָן צום שוואַרצן פּייפל מיט די אויסגעסמאַליעטע לעכלעך. דער קלאַרנעטיסט האָט מיך געפרעגט, צי איך שפּיל. איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, און ער האָט מיר אונטערגערוקט דעם אינסטרומענט אין די הענט אַריין.

אויפן טישל זענען געליגן די נאָטן פונעם מאַרש „מיר, די ערשטע בריגאַדע". מיינע פינגער האָבן זיך האָפערדיק צעטאַנצט איבער די לעכלעך און עס האָבן זיך צעקלונגען די טענער פונעם מאַרש, פריער שטיל, דערנאָך העכער און פעסטער, געוועקט די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע מוזיקער.

ווען איך האָב געענדיקט האָט דער צוריקגעקומענער דיריגענט געזאָגט צו מיר:

— איר שפּילט פיין. אונדזער אָרקעסטער נייטיקט זיך אין אַזעלכע... אויב איר באַשטייט, וועל איך פּרוּוון וועגן אייך אַ שמועס טאָן. ווו האָט איר זיך געלערנט?

— אין גימנאַזיע.

— איר זענט אַן „אייניאַריקער״? ? ווייס איך נישט, צי ס׳וועט מיר געלונגען. די „פּאַדכאַראַנזשווּקע״ זוכט אויך מוזיקאַנטן פֿאַר איר אָר־קעסטער.

ביים אָפּיצירן־קלוב בין איך געבליבן שטיין אין דרויסן און נישט געוואַגט אַריבערצוטרעטן די שוועל, געקוקט אויף די אָפּיצירן, וואָס זענען געווען פֿאַרטאָן אין פּרווון לייזן די שאַראַדעס פֿון די פֿרישע זשורנאַלן.

— וועלכער אינדזל הייבט זיך אָן מיט אַ „ז״ און ענדיקט זיך מיט אַ „ר״ און באַשטייט פֿון אַכט אותיות — האָט איינער געפֿרעגט דעם אַנדערן. ביידע האָבן פֿאַרגלאָצט די אויגן צום הימל, געטראַכט, אַרויסגעזאָגט איין נאָמען נאָכן צווייטן, אָבער עס האָט זיך נישט געקלעפּט.

— זאַנזיבאַר — האָב איך זיך איינגעשטעלט אונטערצוזאָגן, שטייענדיק אויף דער שוועל.

— יאָ, אמת... קומט אַריין, וואָס שטייט איר אין דרויסן.

איך האָב געזאָגט, אַז איך בין נאָך נישט קיין אָפּיציר, אָבער זיי האָבן מיך איינגעלאַדן אַריינצוקומען. מיך הילף איז זיי צונוצגעקומען. עמעץ האָט געזאָגט אויף מיין אַדרעס:

— זשידאָווסקאַ גלאָוואַ (אַ ידישער קאָפּ).

צוריקקומענדיק אין באַראַק, האָב איך דאָרט געטראָפֿן חוץ פּראַלאָוון און דעם דיזשורנעם אויך אַ דריטן. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אינעם אָנטאָן אויף איינעם פֿון די געלעגערס, מיט פּנים אַראָפּ און געשלאָפֿן מיט אַ בערישן שלאָף.

— ער האָט נישט באַוויזן זיך אויסצוטאָן אַפֿילו. ער איז דער בעסטער שיסער פֿונעם גאַנצן פּולק, געווונען דאָס ערשטע אָרט אויף די פֿאַרמעס־טונגען. גראַנאַט הייסט ער, אַ טייערער יאַט, אַ יעפֿרייטער.

גראַנאַט? זאָל ער זיין אַ ייד? געוואָלט האָב איך עס זאָל אַזוי זיין, נאָר פֿרעגן האָב איך נישט געוואַגט.

עס איז אָנגעקומען די נאַכט. אויפֿן הימל האָבן זיך באַוויזן איינצלנע שטערן. איבער דער זאַנע האָט זיך פֿייערלעך געצויגן די תּפֿילה פֿון הונדערטער מיילער: „אַלע אונדזערע טאָג־עבֿינים...״ דאָס איז געווען אַ קאָלעקטיווער ווידוי פֿון אַ מאַסע זעלנער, אויסגעשטעלטע אין לאַנגע

רייצן, מיט די היטלען אין די הענט. די לבנה האָט אויף זיי געקוקט מיט חסד, אויפגענומען די זעלנערישע תפילה...

מיר זענען סאָלדאַטן

די ערשטע נאַכט אין דער מיליטערישער קאַזאַרמע איז אַריבער נישט שלעכט. דער גרויסער באַראַק איז געווען פּוסט, די לופט ריין. די איינדרוקן פונעם טאָג און אויך די מידקייט פונעם וועג — אַלץ האָט מיט־געהאָלפן, אַז דער שלאָף זאָל זיין אַ רויִקער. קיינער האָט אונדז נישט געוועקט קאַיאָר, בלויז קלאַנגען פון דער פרימאָרגן־תפילה האָבן זיך צעטראָגן איבעם האַלב־טונקעלן אַרום און אויפגעוועקט פון שלאָף.

דער טאָג האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרבייטן די נאַכט און עס האָט שוין געבראַזעט דאָס לעבן פון די זעלנער אין די אַרומיקע קאַזאַרמעס. אַלע האָבן זיך געוואַשן מיט קאַלט וואַסער ביים פּלומפּ. אין קיך האָט שוין געקאָכט דער קעסל און אַרויסגעאָטעמט די הייסע פּאַרע, פול מיט פאַר־שידענע ריחות. אויך גראַנאַט, דער בעסטער שיסער, איז שוין געווען אויף די פיס און אויסגלייכנדיק די מידע גלידער, וואָרעם געשמייכלט אין מיין זייט אַריין.

— אַ פרישער? אַן אונדזעריקער? — האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן און דערלאַנגט מיר די האַנט.

— פערעל יואל — האָב איך זיך פאָרגעשטעלט.

— גראַנאַט מאַניעק — האָט ער אָפּגעענטפערט און אַוועקגעלאָפן וואַשן זיך.

דער ייד אין אים איז געווען קענטיק. זיינע שוואַרצע קלוגע אויגן, וואָס האָבן געזען בעסער פון אַנדערע און געהאָלפן אַריינשיסן די קויל אין ציל, האָבן געקוקט אויף מיר מיט וואַרעמקייט. ער האָט געזאָגט:

— זאָלן זיי זען, אַז אַ ייד איז פעיִק נישט נאָר צום האנדל, נאָר אויך צום שיסן.

אויף פרישטיק זענען מיר געגאַנגען צוזאַמען אין עסזאַל. ער האָט גע־

שפּאַנט מיט גרויסע און שנעלע טריט. איך האָב זיך באַמיט אים נאָכצו־יאָגן.

— ביי אונדז איז שווערע דינסט — האָט ער געזאָגט גייענדיק — נישטאָ וועז צו רועז. ווי נאָר דו פאַרענדיקסט דיינע רעקרוטישע איבונגען און לערנסט זיך אויס שיסן, שיקט מען דיך שוין נאַכט נאָך נאַכט אויף וואַרטע אין די פעסטונגען.

נאָכן פרישטיק זענען מיר געגאַנגען אין שטאָב זען ווי עס זעט אויס דאָס אַוועקגיין אויף דער וואַרטע. אגב, האָט גראַנאַט געוואָלט אַריינגיין בעטן, מען זאָל אים באַפרייען אויף דריי טעג, אויף יום־כיפור. ער האָט זיך אָפּגערעדט צו טרעפן מיט זיין כלה אין וואַרשע. די געביידע פון שטאָב, אַן איינשטאָקיקע, האָט אויסגעזען ווי אַ פשוט קליינשטעטלדיק הויז מיט אַ שינדלדאַך. ביים אַריינגאַנג איז געווען אַ גאַניק. גראַנאַט איז אַריין אינע־ווייניק און איך בין געבליבן אין דרויסן וואַרטן אויף אים.

אין דער צייט זענען אָנגעקומען, אין עטלעכע רייען, די מוזיקאַנטן מיט זייערע אינסטרומענטן. זיי האָבן פאַרנומען פּלאַץ אין דער רעכטער זייט פון גאַניק. די מעשענע אינסטרומענטן האָבן געגלאַנצט אין די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון.

שפּעטער אַ ביסל זענען אָנגעקומען די זעלנער, וואָס גייען אַוועק אין דער „רויט־ווייסער" פעסטונג אויף דער נאַכט־וואַרטע.

זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט צו צוויי, ווי אויף אַ פּאַראַד, מיט די ביקסן אויף דער זייט. די פּנימער רויִקע, זאַטע און ערנסטע. אויף דעם גאַניק האָט זיך באַוויזן דער פּולקאָווניק, אַ דיקלעכער, אין די פופציקער יאָרן, מיט פּילסודסקי־וואָנסעס און געדיכטע ברעמען אויף די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.

דער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט דעם מלוכה־הימן און די זעלנער האָבן פּרעזענטירט דאָס געווער, האַלטנדיק די ביקסן איןביידע הענט פון פאָרנט.

דער פּולקאָווניק האָט געשיט מיט פעך און שוועבל, געדראָט מיט גרויסע שטראָפן, מיט טורמע, מיט שיסן די, וואָס וועלן פאַרנאַכלעסיקן, פאַרלאָזן זייערע פּאָסטנס אָדער פאַראַטן דאָס פאָטערלאַנד.

— מאַרש! — איז געקומען די לעצטע קאָמאַנדע און די רייען זעלנער האָבן גערירט אונטער די קלאַנגען פונעם אָרקעסטער. ווען די לעצטע שורה איז פאַרשוווּנדן פון די אויגן איז דער פּולקאָווניק אַריין אין שטאַב און דער אָרקעסטער איז אַוועק זיין וועג.

גראַנאַט איז אַרויסגעקומען אַ צערודערטער. כ׳האָב אים שוין פאַר־שפּאָרט צו פרעגן. ער האָט דערציילט, ווי דער פּולקאָווניק האָט אויף אים געשריגן: סאָנדני דזשען — טאָ וואַרטאַ (יום־כּיפּור — איז די וואַרטע). דאָס וואָס גראַנאַט האָט דערהויבן דעם כּבוד פון גאַנצן פּולק מיט זיין פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט אין די פאַרמעסטן, האָט זיך לגמרי נישט גערעכנט. אין דעם טאָג האָבן געדאַרפט אָנקומען די נייע רעקרוטן און גראַנאַט איז געוואָרן באַשטימט פאַר אַ דרוזשינאָווי, וואָס מוז אויפנעמען די נייע זעלנער, אָפּשערן זיי די האָר, אויסבאָדן און אויספּוצן אין די מילי־טערישע מלבושים. ווי קען ער גאָר טראַכטן וועגן אַוועקפאָרן?

— איך וועל זיין ביי אייך אין דער דרוזשינע? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

— איך מיין, אַז עס וועט זיין בעסער זאָלסט גיין אין אַן אַנדערער דרוזשינע. דאַן וועל איך גיכער קענען פאַר דיר עפּעס אויפטאָן — האָט ער מיר געראָטן. איך האָב אים פאַרשטאַנען.

ערשט דאַן, ווען גראַנאַט האָט אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַם צו זיין כּלה, געווונטשן איר אַ גוט יאָר, האָט ער זיך אַ ביסל באַרויִקט.

אונדזער באַראַק איז געווען פול מיט די אָנגעקומענע פון דער וואַרטע. זיי האָט מען אַריבערגעפירט אין אַן אַנדערן באַראַק, איבערלאָזנדיק דעם באַראַק פאַר די נייע רעקרוטן, וואָס קומען אָן. בלויז גראַנאַט און יאַנעק — אַ הויכער פּאָליאַק, זענען פאַרבליבן. גראַנאַט איז כאָטש געווען אַ יעפרייטער, אַן איינבענדלדיקער. דער צווייטער, יאַנעק, האָט דאָס אויך נישט פאַרמאָגט. פון דעסטוועגן האָט מען אים באַשטימט פאַר אַ דרוזשינאָווי. איך האָב געדאַרפט זיין ביי אים אין דער דרוזשינע.

נאָך איידער די נייע רעקרוטן זענען אָנגעקומען, האָבן מיר שוין געשלאָסן באַקאַנטשאַפט. צוזאַמען מיט גראַנאַטן זענען מיר אַוועק אויפן אינדזל, אין די גראָזן. איך האָב מיטגענומען מיט זיך אַ פלאַש בראַנפן,

ווורשט און קיכעלעך צום פֿאַרבייסן. גראַנאַט האָט מיטגענומען דריי טעפּעלעך. יאַנעק האָט נישט פֿיינט געהאַט דעם ביטערן טראָפּן און אים איז טאַקע אויסגעפֿאַלן דער גרעסטער חלק.

— געדענק, יאַנעק, — האָט גראַנאַט אים געוואָרנט. — יולעק וועט אין גיכן זיין אַן אָפֿיציר און דו וועסט זיך קענען גרויסן, אַז ער איז געווען ביי דיר אין דער דרוזשינע.

אָנשטאָט צו ענטפֿערן האָט יאַנעק מיך אַרומגעכאַפּט מיט זיינע פֿעסטע לאַפּעס און אָנגעהויבן קושן.

— איך האָב שטענדיק ליב האָבן צו טאָן מיט זשידקעס. זיי פֿאַרמאָגן אַ קאָפּ, געלט און נאָך עפּעס... כאַ־כאַ... פּשאַקרעוו...

ווי וויט זיינע שיכורע רייד זענען אמת געווען האָב איך געזען, ווען עס זענען אָנגעקומען די נייע רעקרוטן. צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט אַ יידישער בחור, מיט אַ טיפּיש־יידישן אויסזען, שוואַרצע האָר, אַ גראָבע נאָז מיט אַ האָרביקל און דערשראָקענע, אונטערטעניקע אויגן. אַ מיטל־וווּקסיקער, נישט קיין שטאַרקער. יאַנעק האָט פֿון דער ערשטער מינוט אַן זיך שלעכט באַצויגן צו אים.

אין באָד, ווו מיר האָבן זיך געוואַשן אונטערן דוש מיט וואַרעם וואַסער, האָט יאַנעק באַפֿוילן אַנדערע, זיי זאָלן אים, אָסיאָלעקן (אַ מאָדנער נאָמען), אָנרייבן די פּלייצעס מיט אַ האַרטן וויכעטש פֿון סטרוזשקעס, ביז רויט. בשעת מיר האָבן באַקומען וועש און מיליטערישע מלבושים, האָט דער אַרויסגעבער ביים פֿאַרשרייבן אים געפֿרעגט ווי מען רופֿט אים — אָסיאָלעק ישראל־איצעק — האָט ער שטיל אַרויסגעזאָגט.

אַלע האָבן אויסגעשאָסן אין אַ הילכיק געלעכטער. יאַנעק האָט זיך צעשריגן:

— איך וועל דיך שוין אויסלערנען ענטפֿערן העכער, ווי אַ סאָלדאַט... אַ פֿערטל שעה וועסטו ביי מיר שרייען דיין נאָמען. נו, אָנגעהויבן...

— אָסיאָלעק...

אַזוי האָט ער געמוטשט שרייען ביז הייזעריק ווערן. זיין שרייען האָט אַרויסגערופֿן ביי מיר אַ ווייטיקלעכן פּראָטעסט. איך האָב נישט געקענט צוהערן זיך צו דעם געלעכטער פֿון יאַנעקן און פֿון די יונגע רעקרוטן,

וואָס האָבן אים נאָכגעקרימט. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן אין דער וועלט אַריין, נישט צוזען די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע ווילדקייטן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיך אַריינגערופן אין דער קאַנצעלאַריע און געהייסן איינאָרדענען אַ קאַרטאָטעקע פון די פרישע רעקרוטן, לויט זייערע מיליטערישע ביכלעך. צופעליק האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אָסיאָלעקס מיליטעריש ביכל. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דערזען, אַז אָסיאָלעק איז געווען אַ פרייוויליקער אין פילסודסקיס ערשטער בריגאַדע. איך האָב זיך נישט איינגעהאַלטן און געוויזן דעם פלוטאָנאָווי און אים דערביי דערציילט ווי מען מאַכט פון אים חוזק אין דער דרוזשינע.

— ווער? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— אַלע, אַפילו זיין דרוזשינאָווי — יאַנעק.

— מער וועט אַזעלכעס נישט געשען!

ביים אונטער־אַפּעל האָבן אַלע געהערט וועגן דעם גרויסן כבוד פון אונדזער דרוזשינע צו האָבן ביי זיך אַ פרייוויליקן, וואָס האָט געקעמפט אין פילסודסקיס ערשטער בריגאַדע פאַר אַ פריי פוילן. דאָס איז אָסיאָלעק איזראַעל איצעק.

יום-כיפור

די אָנגעקומענע נייע רעקרוטן האָבן פאַרפולט דעם גרויסן באַראַק, וווּ עס האָבן זיך געפונען פינף און צוואַנציק טאָפּלטע אייזערנע בעטן. צוזאַמען מיט די צווי דרוזשינעס זענען מיר געווען אַרום פופציק מאַן. צווישן זיי צען יידישע זעלנער. אין די אומגעלומפּערטע מיליטערישע מלבושים פון גראָבן שטאָף, נישט געניית לויט דער מאָס, אין די נידעריקע שטיוול מיט די געשטיקעוועטע כאַליעוועס, האָבן כמעט אַלע אויסגעזען ווי קינדער, וואָס האָבן זיך אָנגעטאָן אין מלבושים פון עלטערע. בלויז די געקנייטשטע פּילאָטקע אויפן אָפּגעשוירענעם קאָפּ האָט צוגע־

געבן אַ יוגנטלעכן אויסזען. פאַר מיר האָט יאַנעק זיך באַמיט צוצופּאַסן אַ שענערן שינעל, אַן אַפּגעטראָגענעם, אָבער מער ענלעכן צו אַן אָפּי־צערסקע.

נישט געקוקט דערויף וואָס די יידישע רעקרוטן האָבן זיך נישט אויס־געטיילט פון די אַנדערע, האָבן זיך דאָך אונדזערע בליקן אָפּט צונויפגע־טראָפן, ווענדנדיק זיי צו גראַנאַטן, ווי זיי וואָלטן אים געפרעגט:

„צי טראַכסטו וועגן אונדז ערב יום־כיפור, וועגן גיין אין שול אַריין צו „כל נדרי"?

גראַנאַט האָט יאָ געטראַכט, אַפילו געזאָרגט פאַר זיך און פאַר אונדז אַלעמען. ער האָט אויך געפּועלט ביים כאָראַנזשי, אַז ער אַליין וועט פירן די יידישע רעקרוטן אין שול אַריין פאַרנאַכטצו. אָבער אויפן צווייטן טאָג בלייבן זיי אין די קאַזאַרמעס און וועלן אָנטיילנעמען אין די ערשטע איבונגען.

דעם טאָג פאַר יום־כיפור זענען מיר געווען פאַרנומען מיט גיין. דער ניי־אָנגעקומענער פּלוטאָנאָווי פון ווילנע, האָט געדאַרפט זיין דער הויפּט־אינסטרוקטאָר פון די נייע רעקרוטן. ער איז געווען אַ בלאָנדער, פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, אַ הויכער מיט לאַנגע פיס. לאַנג מיטגיין מיט אים אין אַ שנעלן טעמפּאָ איז געווען שווער. ביי ווענען עס האָט זיך נישט באַקומען דאָס גייך, ווי ער האָט געפאָדערט, האָט ער באַזונדערס געפייניקט מיט פאַלן און אויפשטיין, פינף, צען מאָל, ביז עס פלעגט אָנהייבן שווינד־לען פאַר די אויגן.

צום שווערסטן פלעגט זיין דאָס פאַרקערעווען זיך רעכטס אָדער לינקס. דער ערשטער דאַרף דערביי כמעט שטיין אויף איין אָרט, דער צווייטער מיט אַ האַלבן טראָט, דער דריטער מיט דרייפערטל טראָט און די ווייטערדיקע מוזן שפּאַנען מיט גרויסע אומגעלומפּערטע טריט.

קיין ביקסן האָבן מיר נאָך נישט באַקומען. בלויז דער פּלוטאָנאָווי פלעגט בשעת די קליינע איבעררייסן אויסשיסן מיט זיין ביקס אין דער לופטן און מיט שטאָלץ געהייסן זיך ברענגען די אַראָפּגעשאָסענע שוואַרצע קראָ. ער פלעגט אונדז לערנען ווי אַזוי זיך צו פירן:

— די פּאָליטיק פאַרלייג טיף־טיף אין דיין קאָפּערט. קיין צייטונגען,

קיין ביכער זאָלסטו נישט לייענען די גאַנצע צייט פון דיין דינסט. פאַר־שטאַנען? טראַכט ווייניקער, מען טראַכט שוין פאַר דיר, פאַרשטאַנען?

פאַרנאַכטצו האָט גראַנאַט אונדז געפירט אין שטעטל אַריין. די גע־וועלבער זענען שוין געווען פאַרשלאָסן. משפחותווייז זענען געגאַנגען אין שול אַריין יידן אין אַטלאַסענע לאַנגע קאַפּאָטעס, אין קליינע היטעלעך, איניקע מיט שטריימלעך אויף די קעפּ, דבקותדיקע פּנימער; ווייבער אין זיידענע טיכלעך, מיט מחזורים אונטער די אָרעמס. מיר, די יידישע רעק־רוטן האָבן נאָר באַוויזן צו „פאַרפאַסטן" אין דעם איינציקן אַריינפאָר־הויז, מיט פּושקעס שפּראָטן, מיט ברויט און פּאַרטרונקען מיט קאַלט וואַסער.

די ברענענדיקע ליכט אין דער קרעטשמע האָבן מיך דערמאָנט אין מיין מוטערס ליכט־בענטשן ערב יום־כיפּור; פאַר יעדן קינד אַ ליכט, אויך פאַרן מאַן און פאַר זיך, צוועלף אָנגעצונדענע ליכט. די שטוב ווערט פול מיט קרובים, וואָס כאַפּן זיך אַריין אויפן וועג צו דער שול ווינטשן אַ גוט יאָר.

איך דערמאָן זיך, ווי איך פלעג נאָכן ליכט־בענטשן אַרומלויפן צו מיינע חברטעס, צו חנהן, סאָניען, מינען, צעקושן זיך מיט זיי, די עלטערן אין די אויגן, און ווינטשן, ווינטשן פונעם גאַנצן האַרצן. מיך נעמט אַרום אַ בענקשאַפט צו מינען. איך פיל אויף מיינע ליפּן די זיסקייט פון איר קוש. עס ווילט זיך לאָזן אַ טרער אָבער ווי קען מען עס טאָן, ווען מיט דיר ביים טיש זיצט גראַנאַט און די אַנדערע. אפשר קלעמט יעדן איינעם פון זיי ביים האַרצן? עס איז דער ערשטער יום־כיפּור, וואָס אונדז קומט אויס צו זיין ווייט פון דער היים, פון די נאָענטע און ליבע.

מיר גייען אין שול. אין די שטובן ברענען די ליכט. געבליבן זענען בלויז די יונגע מיידלעך, קוקן זיי אַרויס דורך די שויבן. זייערע שמייכלענ־דיקע אויגן באַגריסן, וואַרעמען די הערצער פון די יונגע יידישע זעלנער.

אין איינעם פון די שענערע הייזער האָב איך דערזען אַ בילד־שיין מיידל שטיין ביים פענצטער. איך האָב זיך דערמאָנט אין דער קליינער ליאַליע. גראַנאַט האָט באַמערקט מיין באַוווּנדערונג און האָט געשמייכלט...

ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין שול, האָט דער חזן שוין געזונגען „כל נדרי" און אַלע האָבן אים אונטערגעהאַלטן דעם באַקאַנטן ניגון. איך

האָב זיך מיט אַ מאָל דערפילט אַזוי נאָענט מיט די אַלע, מיט זייערע פּאַר־בענקטע הערצער. מיין דאַוועגען האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט זייערן אין אַ מעכטיקער סימפאָניע.

דעם צווייטן טאָג האָבן מיר געהאַט דעם „אמתן" יום־כּיפּור. גראַנאַטן האָט מען אַוועקגעשיקט אויף וואַרטע און דער פּלוטאָנאָווי אַליין האָט מיט אונדז דורכגעפירט די איבונגען. די יידישע זעלנער האָבן כּמעט אַלע געפאַסט. די נעכטיקע שפּראַטן האָבן געברענט דעם גומען און אַרויסגע־רופן דורשט. דאָס לויפן און שפּרינגען האָט געמאַטערט, אָבער די עקשנות נישט אָפּצושטיין פון די שקצים האָט אונדז געטריבן.

אין מיטן לויפן און שפּרינגען האָבן מיר אין האַרצן געדאַוונט, גע־בעטן דעם רבונו של עולם. איך האָב זיך דערמאָנט אין יענעם דאָרפישן בחור פון שלום אַשס דערציילונג, וואָס האָט מיט זיין פייפן בעת דער יום־כיפורדיקער תּפילה, געעפנט די שערי רחמים.

קורץ געוועזן — אַ סך געזען

דער שווערסטער פּעריאָד פאַר אַ זעלנער אין יעדער אַרמיי איז דאָס אַדורכמאַכן די רעקרוטן־שול. דעמאָלט וויל מען פון דעם יונגן בחור מאַכן אַ „לייט", פאַרהאַרטעווען אים פיזיש, מאַכן אים הכנעהדיק, בלינד גע־האָרכזאַם, אויסלערנען אים די מיליטערישע טעכניק. דעם ייד אין דער פוילישער אַרמיי איז עס נאָך געווען פילפאַכיק שווערער.

מיין דרוזשינאָווי יאַנעק איז געווען כּמעט אַן אַנאַלפאַבעט, געשטאַמט פון פויערים, נאָר ווייל ער איז געווען פויל צו אַרבעטן, איז ער געבליבן „פּרעסן קאַשע" אין דער אַרמיי. מיט פּלאָגן און מאַטערן אַנדערע האָט ער געוואָלט באַווייזן זיין מאַכט איבער זיי. אין זיין דרוזשינע זענען אַריינגע־פאַלן צוויי ווייסרוסן, פאַוועל און גאַוועל. ביידע זענען געווען פון איין דאָרף, גוטע חברים, ביידע אָנהענגער פון אַ קריסטלעכער סעקטע. זיי זענען שוין אָפּגעקומען אַ יאָר טורמע פאַר נישט וועלן נעמען קיין ביקס אין דער האַנט,

בעת מען האָט זיי צום ערשטן מאָל גענומען אין מיליטער. איצט האָט מען זיי ווידער געשיקט אין דער אַרמיי, אין יאַנעקס דרוזשינע.

— ביי מיר וועלן זיי ליב באַקומען די ביקס ווי אַ כלה — האָט יאַנעק געטענהט. ער האָט זיי געוואָלט מאַכן אונטערטעניק און געגעבן זיי די שווערסטע אַרבעטן, רוימען און וואַשן די אָפּטריטן. זיי האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט. אָבער ווי נאָר עס איז געקומען צו נעמען די ביקס אין האַנט, האָט יעדער פון זיי אַרויסגעצויגן פון בוזעם די עוואַנגעליע מיטן פאַרלייגטן זייטל, וווּ עס איז געווען געשריבן: „הרגע נישט!"

יאַנעק איז אַריינגעפאַלן אין כעס. געהייסן זיי פאַלן און שפּרינגען ביז מידקייט, ביז עס האָט זיי פאַרפעלט אָטעם, אָבער די ביקס אין האַנט אַריין האָבן זיי נישט גענומען. יאַנעקס אויגן האָבן זיך פאַרגאָסן מיט בלוט. ער וואָלט זיי דערשאָסן, די פאַרעטער, האָט אָבער בלויז אויסגעשפּיגן אין זייער זייט און אַוועק, פילנדיק אויף זיך די חוזק־בליקן פון אַלע אַנדערע רעקרוטן.

איך האָב גענומען די ביקס אין האַנט אַריין, געלערנט זיך שיסן אין ציל, אַ סך מאָל אַפילו געטראָפן, אָבער די גאַנצע שווערקייט פון דער ביקס איז געלעגן אויף מיין לינקער צעבראָכענער האַנט און האָט מיר ווי געטאָן. איך האָב נישט געוואָלט אָפּשטיין פון אַנדערע, האָב געליטן ווייטיק און געשאָסן. בלויז פאַר גראַנאַטן האָב איך זיך באַקלאָגט, אַז די האַנט טוט מיר וויי. גראַנאַט האָט מיר געראָטן:

— אין דער פרי זאָלסטו זיך מעלדן צום דאָקטאָר.

בעת מען האָט אין דער פרי אויסגערופן: „די קראַנקע זאָלן אַרויס!" זענען אַ סך אַרויסגעטראָטן פון דער ריי, אָבער מערסטנס זענען זיי גלייך צוריקגעקומען פון דער אַמבולאַטאָריע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. דער פעלדשער האָט זיי פאַרשריבן אַלס סימולאַנטן. יאַנעק פלעגט זיך מיט אַזעלכע אָפּרעכענען אויף זיין שטייגער. איך האָב דערפאַר געליטן און געשוויגן.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך אויך אַרויסגעטראָטן צוזאַמען מיט אַנדערע קראַנקע. דער פעלדשער האָט מיט חשד באַטראַכט מיין לינקע האַנט ביים עלנבויגן, וווּ עס איז נאָך געווען קענטיק דער ברוך. דערצו איז די לינקע האַנט געווען אַ ביסל קירצער פון דער רעכטער. ער האָט

באַשלאָסן מיך צו שיקן קיין וואַרשע אויף אַ רענטגען־אויפנאַמע אין שפּיטאָל.

איינקוקנדיק זיך אין מיין פּנים האָט דער פעלדשער זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט:

— ווו האָב איך אייך געזען? אין אַפּיצירן־קלוב? איר האָט דאָס געהאָלפן לייזן די שאַראַדן, האַ? צוליב דער קראַנקער האַנט וועט מען אייך נישט שיקן אין דער „פּאָדכאָראַנזשוווקע". גיכער וועט מען אייך באַפרייען, אין גאַנצן, אָדער צייטווייליק.

איך בין געווען צופרידן. פון דער היים האָב איך באַקומען אַ בריוו. דער טאַטע שרייבט מיר, אַז עס טוט אים באַנג, הלמאי זיי האָבן מיר נישט געהאָלפן פאָרן זיך לערנען. מינאַ האָט אויך געשריבן, אַז זלמן עלבירט איז שוין אין וואַרשע, האָט באַקומען אַרבעט אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער העברעיִשער צייטונג „היום". מיט מיין אַוועקפאָרן, שרייבט זי, איז אומעטיק געוואָרן, נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן.

איך האָב שטאַרק געוואָלט אַז מינעס בריוו זאָל זיין וואַרעמער, האַרציקער. עס האָבן מיר געפעלט די באַנאַלע ווערטער: „איך בענק אַזוי נאָך דיר, מיין טייערער, מיין איינציקער". און איך? צי שרייב איך דען צו איר אַזעלכע ווערטער, כאָטש איך פיל זיי ביי זיך אין האַרצן. איך האָב נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט מינעס בריוו, און מערקווירדיק, איך האָב דערזען צווישן די שורות די געגאַרטע ווערטער...

אויפן פופצנטן טאָג פון זיין אין דער אַרמיי, האָט מען מיך צוזאַמען מיט נאָך צוויי קראַנקע אַפּגעשיקט קיין וואַרשע אין שפּיטאָל, וואָס געפינט זיך אין די אויאַזדאָווער אַלייען.

כדי נישט צו גיין צופוס פון דעם מזרח־וואָקזאַל אָן, האָב איך פאַר אַלע באַצאָלט אין טראַמוויי. מיר זענען דורכגעפאָרן איבער דער שיינער פּאָניאַטאָווסקי־בריק דורך די יעראָזאָלימער אַלייען און פון דאָרט לינקס דורך די „דריי קרייצן" צום שפּיטאָל.

אויף קיין שום רענטגען־אויפנאַמען האָט מען מיך נישט געשיקט. אַ כירורג פון דער מעדיציניִשער קאָמיסיע האָט באַלד פעסטגעשטעלט, אַז

מיין לינקע האַנט האָט געליטן פון אַ ברוך און איז נאָך נישט פאַרהיילט. ער האָט פאַרעליגט אָפּצולייגן מיין מיליטער־דינסט אויף אַ יאָר צייט.

די דעציזיע איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט און איבערגעגעבן געוואָרן דעם שליח פון מיין קאָנוואָי. די אַנדערע צוויי זעלנער זענען פאַרבליבן אין שפּיטאָל. איך מיטן שליח זענען אַוועק אין אַ רעסטאָראַן אויף ניי־וועלט און אויף מיין חשבון אָפּגעגעסן אַ גוט מיטאָג. אין אָוונט זענען מיר אָנגעקומען קיין פּאָמיעכוועק.

פון וואַרשע האָב איך מיטגעבראַכט אַ פלאַש בראָנפן און אַ האַלבן קילאָ ווורשט, און ווען אַלע זענען אויפן צווייטן טאָג געווען פאַרנומען ביי די איבונגען, זענען מיר דריי: יאַנעק, גראַנאַט און איך אַוועק אויפן אינדזל, געמאַכט אַ כוסע און יאַנעק האָט ווי שטענדיק אויסגעטרינקען כמעט דרייפערטל פונעם פלעשל. ווען ער איז שוין געווען גענוג שיכור, האָט ער געזאָגט:

— דו ווייסט, יולעק, פאַרוואָס מען האָט איך פיינט? ווייל איר זענט קלוגער, רייכער און געלערנטער פון אונדז. און ווייל איר טרינקט בראָנפן נישט נאָר מיטן מויל, נאָר מיטן קאָפּ... אָט בין איך אַ גראָבער יונג, אַ טויגעניכץ, זיץ איך שוין יאָרן אין מיליטער, האָב נישט חתונה און אַפילו קיין איין בענדל האָב איך נישט... אָבער דו וועסט זיין אַ דאָקטאָר, אַן אינזשיניער אָדער אַן אַדוואָקאַט... מיט אַזאַ ווי איך וועסטו זיך נישט וועלן אַפילו באַגעגענען...

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן שוין אַלע געוווּסט, אַז איך בין באַפרייט געוואָרן און עס איז נאָר אַ פראַגע פון טעג, ביז די פאָרמאַליטעטן וועלן פאַרטיק ווערן. איך האָב שוין אַרויסגענומען פונעם מאַגאַזין מיין ציווילן קאָסטיום און אים אָנגעטאָן. קיינער האָט מיר נישט געשטערט. דער כאָראָנזשי האָט מיך אַריינגערופן אין מאַגאַזין פון געווער און געלערנט מיך שיסן. במשך פון דריי טעג האָב איך פאַר אים געמאַכט אַן אָרדענונג אין מאַגאַזין.

אין די אָוונטן בין איך געגאַנגען אין שטעטל אַריין. עס איז מיר געלונגען צו באַקענען זיך מיט דעם שיינעם מיידל. איר פאָטער, אַ שניט־קרעמער און קאָצקער חסיד, האָט זיין טאָכטער שטרענג אָפּגעהיטן און

נישט געלאָזט זי באַגעגענען זיך מיט בחורים, פון זעלנער איז שוין אָפּ־גערעדט. אין מיר האָט ער אָבער געזען אַ בחור מיט תורה און דערצו אַ סוחרס אַ זון. די טאָכטער האָט אויך פאַרענדיקט אין וואַרשע אַ ידיש־פוילישע גימנאַזיע. איצט שטייט זי אין שידוכים. איך האָב מיט איר גערעדט וועגן דער פוילישער ליטעראַטור, וועגן וויטערדיקן לערנען זיך. איר האָבן אינטערעסירט הומאַניסטישע וויסנשאַפטן. אין פּאָמיעכוועק איז איר געווען לאַנגווייליק, נישט געווען מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן. איר האַרץ האָט געבענקט נאָך ליבע...

אַכט און צוואַנציק טעג זענען אַריבער זינט איך האָב אַריבערגע־שפּאַנט דאָס טויער פון דער מיליטערישער זאַנע ביז איך בין באַפרייט געוואָרן. דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל אין מיין לעבן, פאַרמאַגט מער שאָטן ווי ליכט. כאָטש מיך פּערזענלעך האָט מען ווייניקער געפּייניקט, האָב איך אָבער געליטן פּונקט ווי די אַנדערע פון דער גראָבקייט און שלעכטס, פון דער ברוטאַלער דיסציפּלין, וואָס איז אין דער יונגער פּוילישער אַרמיי דערגאַנגען ביז גרויזאַמקייט.

צוריק אין דער היים

איך פאָר צוריק אַהיים. עס איז ערשט פאַרביי אַ חודש זינט מיינע חברים און חברטעס האָבן מיך אַרויסבאַגלייט מיט רעש און געפּילדער, געזאַנג און טענץ. אָבער די גאַנצע צייט האָב איך געבענקט דווקא נאָך דער, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אָפּגעזונדערט, האָט נישט געזונגען און נישט געטאַנצט, נאָר אומעטיק געקוקט אין מיין זייט. פאַרנדיק איצט אין דעם אָנגערייכערטן וואַגאָן, פול מיט פּאַסאַזשירן, האָב איך זיך דערמאָנט אין מינען, אַזאַ ווי איך האָב זי געזען צום לעצטן מאָל אַ פאַרטראַכטע, מיט פאַרבאָרגענעם אומעט אין אירע בלויע אויגן.

איך האָב זיך דערמאָנט אין די ווערטער פון מינעס בריוו: „... עס איז אַזוי אומעטיק געוואָרן. נישטאָ אַפילו מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן". האָט דאָך ליאַליע, דאָס שיינע מיידל פון פּאָמיעכוועק אויך געזאָגט די זעלבע

ווערטער, אָבער מינעס ווערטער האָבן מיך אַזוי טיף גערירט און אַרויס־גערופן אַזאַ שטאַרקע בענקשאַפט.

עס פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, אַז עס וועט אונדז נאָך נישט איין מאָל אויסקומען זיך צו צעשיידן, ביז מיר וועלן סוף־כל־סוף שוין זיין צוזאַמען אויף שטענדיק. אין לוצק האָב איך נישט געטראַכט צו פאַרבלייבן לאַנג. זלמן עלבירט איז אין וואַרשע. אויך איך וועל פאָרן קיין וואַרשע. די גרויסע שטאָט האָט גרעסערע מעגלעכקייטן פאַר יונגע מענטשן איינצו־אָרדענען זיך, פאַרצוזעצן דאָס לערנען אין אַ הויכשול.

דער טאַטע שרייבט אינעם בריוו, אַז עס טוט אים באַנג, הלמאי ער האָט מיר נישט געהאָלפן פאָרן זיך לערנען. אַדרבא, זאָל ער מיר איצט העלפן. די צייט שטייט נישט אויף איין אָרט, לויפט שנעל אַדורך און דאָס יאָר, וואָס איך בין באַפרייט געוואָרן פון מיליטער, וועט אויך שנעל פאַרביי און עס ווילט זיך נישט צוריקגיין אין מיליטער. געמיינט האָב איך, אַז די אויפגעוואַקסטע יונגע פוילישע מלוכה, וועט נאָך די לאַנגע יאָרן פון זיין אונטערגעדריקט אונטערן יאָך פון צאַרישן רוסלאַנד, זיין מער דעמאָ־קראַטיש, מער טאָלעראַנט צו די בירגער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן... נישט אומזיסט ווילן אַ סך יידישע בחורים נישט גיין דינען אין דער אַרמיי, וואָס איז צו זיי ווי אַ שטיפמוטער, פונעם ערגערן סאָרט, צו פרעמדע קינדער.

דער צוג שטייט נישט אויף קיין אָרט, לויפט פאָרויס. פּאַסאַזשירן קומען אָן, אַנדערע פאַרלאָזן דעם וואַגאָן. איך באַמערק, ווי די אָנגעקומענע יידן זענען איינגעהאַלטן, נעבעכדיק, די באַפרייטע ערטער ווערן פאַרנו־מען דורך נישט־יידן און דער ייד איז צופרידן, ווען אים געלונגט צו פאַרכאַפּן אַן אָרט, ביים סוף, אויפן שפּיץ פון אַ באַנק.

צי וואָלט נישט בעסער געווען, ווען איך וואָלט דאַן צוגעוואַרט גע־דולדיק אויף אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל, ווי אַשכנזי, פרישבערג, אויוונטאַל און אַנדערע חברים פון מיין קבוצה, און נישט אַריינגעטרעטן אין דער גימנאַזיע? איך טראַכט וועגן מיינע חברים אין דער יידישער היים. זיי זענען געוויס שטאָלץ, זעען פאַר זיך די שיינע פּערספּעקטיוו. אָט, ווען מיר קומט אויס צו דינען אין דער יידישער אַרמיי...

אין די אָונט־שעהן בין איך אָנגעקומען קיין קיווערצע, איבערגעזעצט זיך אין דער הינטערשטאָטישער באַן, וואָס פאָרט קיין לוצק און במשך פון אַ קורצער צייט בין איך אויסגעשטיגן.

אויפן לוצקער וואָקזאַל. די עטלעכע דראָזשקעס וואַרטן שוין אויף פּאַסאַזשירן, ווערן שנעל פאַרפולט. פאַר מיר בלייבט איבער אַן איינציק אָרט נעבן אַ יידן, וואָס פאָרט אין דער זעלבער ריכטונג. מיר פאָרן פון יאַראָוויצע ביז שטאָטישן גאָרטן און ווייטער דורך יאַגעלאָנסקע־גאַס. די געוועלבער זענען שוין פאַרמאַכט, די שטאָט איז שוואַך באַלויכטן און עס איז שווער צו דערקענען היימישע פּנימער צווישן די שפּאַצירנדיקע.

אין דער היים האָט מען געוווסט, אַז איך בין באַפרייט. איך האָב אָבער נישט געשריבן ווען איך קום אַהיים און מיין אַריינקומען אין שטוב האָט אַלעמען אויפגערודערט. די מאַמע איז אָנגעלאָפן אַ פאַרפּלאָמטע פון קיך, מיט טרערן פון פרייד:

— זון מיינער, אַזאַ גאַסט! — האָט זי מיך געקושט און באַנעצט מיט אירע וואַרעמע טרערן — ביסט פאָרט אין דער היים, האַ?

— ווי קען דען זיין אַנדערש? די ברכה פונעם רבין איז נישט קיין קלייניקייט, האַ, מאַמע?

— לאַך נישט, זונעלע... און אַ פריש פלעצל מיט ציבעלעס האָסטו שוין לאַנג נישט געגעסן... זיי באַקן זיך אין אויוון און קענען, חלילה פאַר־שרפעט ווערן.

זי איז אַוועק אין קיך און געלאָזט מיך אויג אויף אויג מיטן טאַטן. ער האָט געזאָגט:

— מ׳דאַרף טראַכטן וועגן לערנען זיך.

— אַוודאי, אָבער מען דאַרף האָבן געלט.

— דיין חבר, זלמן, איז נישט רייכער פון דיר, דאָך איז ער אין וואַרשע, פאַרדינט שוין געלט.

— איך וועל אויך פאָרן קיין וואַרשע...

די מאַמע האָט שוין געטראָגן פון קיך אַ פריש פלעצל מיט ציבעלעס און מאָן און אַוועקגעלייגט עס פאַר מיר אויפן טיש, אָנגעקוואָלן, וואָס איר

איז געלונגען מיך מכבד צו זיין מיט אַזאַ געשמאַק מאכל באַלד ווי איך בין אַריינגעקומען אין שטוב...

צו מאָרגנס, פרייטיק, בין איך געזעסן ביי מינען אין שטוב. זי האָט אַזוי שיין אויסגעזען מיט אירע צעוואָרפענע העל־גאָלדענע האָר, וואָס האָבן זיך געטריקנט נאָכן וואַשן. אויך אירע אויגן זענען געווען ווי אויס־געוואַשן און האָבן געגלאַנצט אין דער שיין פון די שבתדיקע ליכט. פון איר איז געגאַנגען אַן איינגעהאַלטענע פרייד. מיין פרייד איז ווי אַריבער די ברעגעס. זי האָט זיך געפילט אין מיינע קאָרגע רייד, אין מיין דריקן איר האַנט, וואָס איז געלעגן אין מיינער, אין די פונקען, וואָס האָבן אַרויסגע־שטראַלט פון מיינע אויגן.

— האָסט אויך געבענקט, מינע?

אַ טיפערער בליק אין מיינע אויגן, אַ באַוועגונג פון אַראָפּגעלאָזטע וויעס — איז געווען דער ענטפער אויף מיין פראַגע...

צווייטע טייל:

וואַרשע

אין וועג אַריין

אַ קורצע צייט האָב איך זיך פֿאַרהאַלטן דאָס מאָל אין לוצק. ווי נאָר זלמן האָט באַקומען די ידיעה, אַז איך בין באַפֿרייט פֿון מיליטער, האָט ער מיר גלייך אַרויסגעשיקט אַ בריוו, אויפֿגעפֿאָדערט, איך זאָל קומען קיין וואַרשע.

ווי האָט מינע געקענט מיך אָפּהאַלטן? אין די עטלעכע טעג פֿאַר מיין אָפּפֿאָר האָבן מיר גערעדט בלויז וועגן וואַרשע. אויך מינע האָט געבענקט נאָך ענדערונגען אין איר לעבן. צופֿיל איז זי געווען פֿאַרנומען אין די לעצטע פֿאַר יאָר מיט דער שטוביקער אַרבעט, מיט קאָכן, באַקן, רוימען. אַ ברירה האָט זי געהאַט? איצט, ווען די מאַמע אַרבעט שוין אין געוועלב און פֿילט זיך אַ ביסל בעסער, דאַרף מינע אַ טראַכט טאָן אויך וועגן זיך. זי קען זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף איר מאַמעס פּלענער פֿאַר אירעט־וועגן. די מאַמע ווייסט, אַז מיר האָבן זיך ליב, האָט גאָרנישט קעגן דעם, אָבער עס איז אַ צו לאַנגע מעשה, טראַכט זי, אויף יאָרן און איר טאָכטער איז שוין, קיין עין־הרע, נישט קיין יונגע. זי קען נישט וואַרטן. וויפֿיק פֿיינע בחורים אין לוצק וואָלטן געוואָלט מינען פֿאַר אַ כלה? זי האָט פֿאַר איר אַפֿילו אָנגעגרייט דריי הונדערט דאָלאַר נדן, דאָס געלט, וואָס זי האָט אָפּגענומען פֿאַרן פּלאַץ אין ראָזשישטש, וואָס איז פֿאַרבליבן נאָכן אָפּברענען פֿון זייער שטוב. דאָס געלט האָט זי אָנפֿאַרטרויט אין זיכערע הענט.

אמת, זי קען איר טאָכטערס האַרטן כאַראַקטער. קיין צוואַנג וועט אויף איר נישט ווירקן, אָבער זי פֿאַרלאָזט זיך אויף דער צייט. עס קומט אַ צייט, ווען יעדעס מיידל וויל חתונה האָבן...

חיה־רבקה, מינעס מוטער, איז געווען אַ קלוגע פֿרוי, האָט געלייענט אַ צייטונג, אַמאָל אויך אַ ביכל: מענדעלע מוכר ספֿרים, שלום־עליכם.

זי האָט געפונען אַ פאַרגלייך צווישן טוביהס טאָכטער האָדל מיט איר מינע. פון טוביהן מעג מען זיך אָפּלערנען, ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט קינדער — האָט זי געטראַכט. ביים געזעגענען האָט זי מיך געבעטן, איך זאָל לאָזן אָפּטער פון זיך הערן.

— זיי מצליח! — האָט מיר געווינטשן מינעס פאָטער, מאָנעס, אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, אָן אָפּנהאַרציקער.

זיינע אייניקלעך האָט מאָנעס ליב געהאַט, ווי דאָס לעבן, פלעגט זיי אַרומטראָגן אויף די הענט, צערטלען און קושן, שטעכנדיק זיי מיט זיין האַרטן ציגן־בערדל און וואָנסעס. מינען, זיין איינציקע טאָכטער, האָט ער גאָר שטאַרק ליב געהאַט, נאָר עפּעס האָט זיך געפילט צווישן זיי אַ געוויסער דיסטאַנץ. אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט זי פאַרלאָזט אין די סאַמע יינגסטע יאָרן און אַוועק קיין אַמעריקע?

צו מיר האָט ער זיך באַצויגן ערנסט, אָבער נישט ווי צו אַ צוקונפטיקן איידעם, ער האָט מסתמא נישט באַנומען אונדזער גרויסער ליבע, וועגן וועלכער איך האָב נאָך אַלץ נישט גערעדט אַפילו מיט מינען. אָבער מינע האָט געגלייבט אין דער ערנסטקייט פון אונדזער ליבע, האָט אַפילו באַ־דויערט, פאַרוואָס זי קען מיר נישט העלפן מיט איר נדן פאַרווירקלעכן מיינע צילן. דאָס געלט איז נישט געווען ביי איר אין די הענט.

— זלמן איז אַ גוטער חבר — האָט מינע געזאָגט, ווען איך האָב באַקומען זיין בריוו — ער נייטיקט זיך אין דיר.

— צי וועסטו קענען פאַרלאָזן דיינע עלטערן און פאָרן צו מיר קיין וואַרשע? — האָב איך ריזיקירט מיט דער פראַגע.

— דער גורל פון אַ מיידל איז שוין אַזעלכער. עס קומט די צייט, פאַר־לאָזט זי אירע עלטערן און גייט איבער צו איר באַשערטן — האָט מינע געזאָגט פשוט און דרייסט.

ווידער האָבן מיר זיך צעשיידט, אָן ווערטער. עס האָט פאַרפעלט אָטעם, אָפּגעריסן זיך און כמעט אַנטלאָפן איינער פונעם אַנדערן. זאָל איינער ביים אַנדערן נישט זען קיין טרער אין די אויגן.

פון דער היים בין איך אָפּגעפאָרן מיט אַ פיל לייכטער געמיט ווי דאַן, ווען כ'בין אַוועק אין מיליטער. מיין עלטערע שוועסטער, מירל, האָט אין

יענע טעג זיך באַגעגנט מיט אַ ווײַלן בחור און זײַ זענען זיך געפֿעלן. דער בחור האָט אויסגעזען סימפּאַטיש, אינטעליגענט. ווען איך האָב זיך געלערנט אין דער רוסישער אָוונט־גימנאַזיע, אויפֿן צווייטן קורס, האָט ער שוין דורכגעמאַכט דעם דריטן. איצט וועט אָנקומען די צייט פֿון חתונות. מײַנע עלטערן האָבן געהאַלטן, אַז חיהקעס באַשערטער שטייט שוין ביי דער טיר און וואַרט. מען דאַרף נאָר צוגרייטן אַ היפּשן נדן פֿאַר ביידן.

פֿאַרשטענדלעך, אַז מיך האָט מען שוין דעמאָלט נישט אין זין געהאַט. געגעבן אויף הוצאות הדרך און נאָך עטלעכע זלאָטעס און גענוג. איך אַליין האָב געהאַלטן, אַז זײַ זענען גערעכט. איך וועל זיך מוזן אַליין אַן עצה געבן. די ערשטע צייט וועט מיר צוהעלפֿן מײַן חבר זלמן. איך בין גרייט געווען צו אַרבעטן און לערנען זיך, לעבן ביז גאָר שפּאָרזאַם. דער עיקר — זײַן זעלבשטענדיק. אַפֿילו אין גימנאַזיע האָב איך זיך כמעט אַליין אויסגעהאַלטן. איצט בין איך שוין עלטער און אַ סך רײַפֿער.

איך פֿלעג שרײַבן צו מײַן פֿעטער קיין אַמעריקע, אָבער ער האָט זעלטן ווען געענטפֿערט. ער האָט געבראַכט קיין אַמעריקע זײַן ווײַב און טעכטער און געהאַט איצט זײַנע אייגענע זאָרגן. פֿונעם אַמעריקאַנער קאָנסולאַט האָב איך קיין שום מעלדונג נישט דערהאַלטן. צו וואָס האָב איך זי געדאַרפֿט, ווען דער פֿעטער האָט פֿאַר מיר נישט צוגעשיקט קיין שיפֿסקאַרטע. איבעריקנס, האָב איך באַשלאָסן נישט צו פֿאָרן. אויב מײַנע, האָב איך געטראַכט, וועט זיך דערלויבן אַרויסצופֿאָרן צו מיר קיין וואַרשע, וועט זי אָבער קיין אַמעריקע נישט פֿאָרן. צו טייער זענען פֿאַר איר די עלטערן, זי זאָל זײַ פֿאַרלאָזן אויף שטענדיק. מיט וואַרשע איז פֿאַראַן אַ נעענטערער קאָנטאַקט — מײַנע ברידער בענע און שמואליק פֿאָרן אַזוי אָפֿט קיין וואַרשע אײַנקויפֿן סחורה. אויך גיטל, די עלטערע שוועסטער, קומט אָפֿט קיין וואַרשע. מיט זײַ קען מען עפּעס מיטגעבן און באַקומען אַ לעבעדיקן גרוס.

גיטל האָט מיר רעקאָמענדירט אַרײַנצופֿאָרן צו איר קאָמיסיאָנערין, אויף נאַלעווקי 17. אמת, זי וווינט בלויז אין איין גרעסער צימער צוזאַמען מיט איר זון און טאָכטער, אָבער דאָרט וועל איך זיך פֿילן היימיש. צופֿעליק האָב איך אויף זלמנס בריוו באַמערקט די זעלבע אַדרעס, נאַלעווקי

17. צי וווינט ער אויך ביי די ראַטענבערגס? זיכער האָב איך נישט געקענט זיין. נאַלעווקי 17 איז אַ גרויס פילשטאָקיק הויז און פאַרמאָגט אַ סך דירות.

זלמנס מאַמע האָט מיטגעשיקט מיט מיר פאַר איר זון אַ פּעקל מיט פריש געבעקס. אויך פאַר מיר האָט מיין מוטער צוגעגרייט אַ „גריבענעס" לעקעך מיט קיכלעך אויף בוימל מיט מאָן, וואָס קענען לענגער ליגן. גיטל האָט געבראַכט אַ באַנקע מיט איינגעמאַכטס.

מיט מיין געבורטשטאָט לוויצק האָב איך זיך געזעגנט פאַרבייפאָרנדיק אויף דער דראָזשקע אין דעם טונקעלן אָוונט, אויף צייטווייליק. דערווייל בלייבט לוויצק מיין היים. די ריכטונג פון מיינע טרוימען, ווו עס בלייבט מיין האַרץ.

צוזאַמען

„הנאהבים והנעימים בחייהם" — אַ שטאַרקער אויסדרוק פון חבר־שאַפט, וואָס איז דויערהאַפטיק און מעכטיק, נישט בלויז פון דער נאָענט, נאָר אויך פון דער ווייטנס — אַזאַ מיין חברשאַפט איז געווען צווישן מיר און זלמן עלבירט.

אויף דער שולבאַנק אין מורס אַזוי גערופענעם „חדר" איז זי געשאַפן געוואָרן און איר המשך איז געווען אין דער רוסישער און אין דער יידיש־פּוילישער גימנאַזיע. געמיינזאַמע אינטערעסן, פריידן און ליידן, האָבן זי אויסגעשמידט. ווי איך האָב שוין פריִער דערציילט, האָט דער יצר־הרע באַקומען אַמאָל די שליטה איבער מיין חבר און אים שיער נישט גע־שטרויכלט מיטן „שליסל" צו יוליוס צעזאַר, אָבער דער יצר־טוב אין מיר איז געווען שטאַרקער. אונדזער חברשאַפט איז ניצול געוואָרן און פון דאַן אָן דערהויבן זיך נאָך העכער, געוואָרן אַ סך שטאַרקער און האָט געדויערט אייביק. און ווייל דער מענטש איז נישט אייביק און אין די שגעון־צייטן פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז זיין לעבן פאַרקירצט

געוואָרן, איז אויך געשען אַזוי מיט מיין חבר און די חברשאַפט איז געבליבן אין מיין האַרצן אויך נאָך זיין אומקום.

פונעם מזרח־וואָקזאַל אויף פּראַגע בין איך מיט דעם טראַמוויי געפאָרן דורך דער קערבעדזש־בריק אויף די נאַלעווקעס. ביי דער פרוי ראַטענבערג, די אלמנה, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זלמן וווינט טאַקע ביי איר. זי האָט מיר אָנגעוויזן זיין שמאָל אייזערן בעטל, ווו ער שלאָפט. מיך האָט זי אויפגענומען ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, מיין שוועסטער פלעגט דאָך ביי איר איינשטיין, ווען זי איז געקומען קיין וואַרשע קויפן סחורה און זי האָט איר טאַקע דערציילט וועגן מיר. זי האָט זיך ווי פאַרענטפערט:

— כ׳וואָלט אייך מיט פאַרגעניגן אַריינגענומען צו זיך, נאָר עס איז אַזוי ענג, אַלע אין איין צימער. אָפט מוז איך אויך מאַכן אַ געלעגער אויף עטלעכע נעכט פאַר מיינעם אַ קליענט.

— כ׳וואָלט געוואָלט ביי אייך בלייבן בלויז אויף אַ קורצער צייט, ביז איך וועל זיך עפּעס אָפּזוכן — האָב איך זיך געבעטן ביי איר.

— וואַרט צו ביז זלמן וועט קומען פון דער אַרבעט, וועלן מיר עפּעס צוטראַכטן. איך טרייב אייך נישט, חלילה, גיטלס ברודער איז ביי מיר אַ חשובער גאַסט. די זאַכן לייגט אַרונטער אונטערן בעט, טוט זיך אויס און דערוואַרעמט זיך מיט אַ הייס גלעזל טיי.

— אַ דאַנק אייך!

— איך אייל זיך אַפילו צו מיינע סוחרים... איר קענט בלייבן אין שטוב. אין גיכן וועלן די קינדער קומען פון שול. זלמן קומט אַרום פיר אַזייגער. איר קענט זיך דערווייל צולייגן, אָפּרוען אַ ביסל — האָט די פרוי ראַטענבערג צוגעגעבן מיט אַ וואַרעמען שמייכל אויף די ליפּן.

די פרוי ראַטענבערג איז ערשט געווען אין די פערציקער יאָרן, נאָר אויסגעזען האָט זי עלטער. אַ שמייכלענדיקע, נאָר מיט אַ געקנייטשט פּנים און געשמינקעוועטע רויטע ליפּן, מידע, אָבער קלוגע אויגן. זי האָט שווער געהאָרעוועט אויסצוהאַלטן די קינדער, געשיקט זיי לערנען אין אַ פּריוואַטער גימנאַזיע.

בלייבנדיק אַליין אין אַ פרעמדער שטוב אַ זאַטער און דערוואַרעמטער, האָב איך ערשט דערפילט די מידקייט נאָך דער נישט געשלאָפענער נאַכט.

איך האָב זיך אויסגעצויגן אויף זלמנס בעט, געטראַכט נישט אַנטשלאָפן צו ווערן, ווייל די טיר איז אָפן, אָבער דער קערפּער וויל פון גאָרנישט וויסן, ווי רוען און שלאָפן.

ערשט ווען זלמן איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אויפגעריסן זיך פון דעם בעטל און מיר האָבן זיך ביידע אַרומגענומען.

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען... אַ שאָד, כ'האָב דיך נישט געזען אין דיין מיליטערישן מונדיר.

— מוחל אָן אַנדערן דאָס גליק... איך האָב עס נישט ליב.

— נישט שטענדיק טוט מען דאָס וואָס עס איז ליב. אָט אַרבעט איך אין דער אַדמיניסטראַציע פון „היום", אַ פּשוטער באַאַמטער. גלייב מיר, אַז כ'וואָלט נישט ערגער פון אַנדערע געאַרבעט אין דער רעדאַקציע.

מיר האָבן אָפּגעגעסן די געשמאַקע מאכלים, וואָס ביידע מאַמעס האָבן מיר מיטגעגעבן. אויך די באַלעבאָסטע און אירע קינדער האָבן מיר מכבד געווען. דערנאָך זענען מיר געגאַנגען שפּאַצירן אין קראַשינסקיס גאָרטן.

זלמן האָט געוואָלט וויסן, וואָס עס הערט זיך אין שטעטל, וועגן מינען, ווי עס האַלט מיט אונדזער ליבע. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין בענקשאַפט אין מיליטער און אויך איצט. ער האָט געזאָגט:

— ראָמאַנטיק איז איצט נישט אין דער מאָדע...

— איך בין נישט קיין מאָדערנער מענטש.

מיר האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבער די אַלייען פון קראַשינסקיס גאָרטן. אויף די בענק זענען געזעסן בלויז יידן. זלמן האָט מיר אויפגעקלערט:

— דאָ איז יידיש וואַרשע, מערסטנס טראַדיציאָנעלע יידן, פרומע, מיט זייער ספּעציעלער הלבשה. די יידן, וואָס וווינען אויף די נישט־יידישע גאַסן, שעמען זיך מיט זייער יידישקייט, מיט זייער שפּראַך און קולטור. דאָ רופט מען זיי „שמענדריקעס". פאַראַן דאָ אַ סך פּאַרטייען, כלל־טוערס און גבאים.

— זייער אינטערעסאַנט, — האָב איך אים איבערגעריסן — מיר וועט געוויס דאָ אויסקומען נאָך אַ סך צו לערנען. דערווייל לאָמיר אַ טראַכט טאָן

וועגן אַ געלעגער. אויף דיין שמאָל בעטל וועט זיין צו ענג פֿאַר צוויי. כ׳וועל שלאָפֿן אויף דער פּאָדלאָגע.

זלמן האָט נישט מסכּים געווען. ער האָט געזאָגט:

— דערווייל וועלן מיר צוזאַמען זיך צוקוועלן, נישט אויף לאַנג. מיר וועלן צוזאַמען דינגען אַ דירה.

אויפֿן וועג צוריק האָט מיך זלמן געפֿרעגט, צי איך האָב געקענט אפֿרים באַרנהאָלץ אין לוצק. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דוד ספּאַרד האָט מיך מיט אים באַקענט. מיר זענען צוזאַמען אַריינגעקומען אין זיין שטוב. ער האָט געוווינט ביי אַ שניידער אין אַרבעטס־צימער. דער שניידער און זיין פֿרוי האָבן געשטעפּט אויף צוויי ניימאַשינען און אפֿרים האָט זיך געלערנט, איינטוליענדיק זיין קאָפּ און אויערן אין אַ קישן, כּדי ער זאָל נישט הערן דאָס גערויש פֿון די מאַשינען. איך האָב עס איצט דערציילט זלמנען:

— ער האָט זיך געלערנט צוזאַמען מיט מיין צוקונפֿטיקן שוואָגער משה מאַנדל אויפֿן דריטן קורס. ווען איך בין אַריבער אין דער יידיש־פּוילישער גימנאַזיע האָט ער פֿאַרענדיקט דעם פֿערטן קורס און, דוכט זיך מיר, אויסגעהאַלטן די לעצטע עקזאַמענס אויף אַן עקסטערנעם אופֿן. ווו איז ער איצט?

— באַרנהאָלץ איז אין וואַרשע, נישט ווייט פֿון דאַנען, אויף מילע 44, ער איז פֿון דיינע מענטשן, אַ ראָמאַנטיקער, נאָר מער רעאַליסטיש, ער האָט באַלד מיטגעבראַכט זיין מיידל קיין וואַרשע און מיט איר געשטעלט אַ חופּה.

דאָס האָט מיך דווקא שטאַרק אינטערעסירט און זלמן האָט מיר דערציילט, אַז זיי האָבן זיך געדונגען אַ צימערל מיט אַ קיך ביי אַן אַלטער יידענע, אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק. זי איז שוין איבער די זיבעציק און ליגט שטענדיק אין בעט און זיי מוזן זי באַדינען. דערפֿאַר האָט זי זיי צוגעזאָגט אין איר צוואה, איבערצולאָזן זיי די דירה נאָך איר טויט.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי דאַרפֿן זיין גליקלעך, אָבער זלמן האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ שווידערלעך געפֿיל, ווען יונגע מענטשן ליבן זיך אונטער די קרעכצן פֿון אַ שטאַרבנדיקער פֿרוי. אפֿרים איז אין גאַנצן פֿאַר־

כלינעט מיט זײַן ליבע. אָבער פּעסעלע פֿאַרעט זיך מיט דעם האַלבן מת אַ גאַנצן טאָג, און געװוּנט איז זי צו דער נאַטור אינעם קלײנעם שטעטל, צו די ריחות פֿון פֿעלד און װאַלד...

די ערשטע שריט

אַ שמאָל געלעגער פֿאַר צװײ דערװאַקסענע בחורים. כדי װײניקער צו קװעלן זלמנען בין איך געלעגן אױפֿן סאַמע ראַנד. עס איז געװען אומ־באַקװעם. דערצו האָב איך זיך בײטאָג נישקשהדיק אױסגעשלאָפֿן און אױף דער נאַכט איז שװער געװען אײַנצושלאָפֿן. איך האָב געטראַכט װעגן שטודירן, װעגן פּרנסה און װעגן אַ באַקװעם געלעגער.

אין דער פֿרי איז זלמן אױפֿגעשטאַנען אַ מונטערער, אַ צעשמײכל־טער. איך האָב שױן באַװיזן צוצוגרײטן דעם פֿרישטיק פֿאַר בײדן. מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט צו טרעפֿן אױף מיטאָג אין אַ צװײטראַנגיקן רעס־טאָראַן אױף פּזשעיאַזד.

אױף נאַװאָליפּקי 7, בײַ דער רעדאַקציע פֿון דער ייִדיש־פּױלישער טאָג־צײַטונג „נאַש פּשעגלאָנד", בין איך לאַנג געשטאַנען און געלײענט די אַנאָנסן, פֿאַרשריבן זיך די אַדרעסן פֿון די װאָס לײגן פֿאָר אַרבעט. פֿון דאָרט האָב איך זיך געלאָזט גײן צו דער צענטראַלע פֿון דער ייִדישער שול־אָרגאַניזאַציע.

בײַ די באַזונדערע שרײַבטישן זענען געזעסן באַיאָרטע מענער, פֿאַרנו־מענע מיט זײערע פּאַפּירן. איך בין געשטאַנען אַ ביסל װײַטער פֿון דער טיר, געקוקט אין זײער זײַט און געװאַרט, עמעץ זאָל זיך צו מיר אָפּרופֿן:

— צו װעמען דאַרפֿט איר, חבר? — האָט זיך ענדלעך אָנגערופֿן דער ערשטער, װאָס איז געזעסן צום נאָענטסטן. דורך די ברילן האָבן געקוקט אױף מיר ענערגישע אױגן, מיט אַ לײַכטן שמײכל אױף די ליפּן.

— איך... איך זוך אַרבעט. איך קען זײַן אַ לערער. כ'האָב געענדיקט אַ מיטלשול און כ'בין געקומען קײן װאַרשע זיך לערנען, שטודירן —

האָב איך מיט איין מאָל אַלץ אַרויסגעזאָגט, כדי אויסצומײַדן איבעריקע פֿראַגן.

— דאָס שול־יאָר האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבן. אונדז פֿעלן טאַקע לערער, אָבער נישט אין וואַרשע. דאָ זענען אַלע פּאָסטנס באַזעצט. — פּלוצים איז אַרײַנגעקומען אַ יונגערמאַן, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט בלאָנדע האָר און ענערגישע באַוועגונגען.

— גוט מאָרגן, חברים, — האָט ער היימישלעך זיך באַגריסט.

— אָ, זייער גוט, וואָס דו ביסט אָנגעקומען, אַלעקסאַנדער. זייט באַקאַנט! אַלעקסאַנדער איז דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער אָוונט־שול פֿאַר אַרבעטער אויף מוראַנאָוו, שמועסט זיך אַדורך.

מיר בײדע זענען אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט. אַלעקסאַנדער האָט מיך אויסגעהערט און געזאָגט:

— ביי אונדז לערנען זיך אַרבעטער. זיי דאַרף מען פּרוּער אויסלערנען לייענען און שרייבן יידיש, אַ ביסל חשבון. צי קענט איר יידיש?

— אַוודאי קען איך יידיש. איך האָב געשריבן אייניקע זאַכן אויף יידיש — האָב איך שוין דרייסטער געזאָגט.

— מיר דאַרפֿן אַ לערער אין די אָנפֿאַנג־קלאַסן. ביי אונדז טאָר נישט זיין קיין גרויסצאָליקע קלאַסן, ווילן מיר דעריבער צעטיילן איין קלאַס אויף צוויי. איך קען אייך צונעמען אויף פּראָבע. אָבער איך דאַרף אייך וואָרענען, אַז ביי אונדז אַרבעטן אַלס לערער סטודענטן, אָנהענגער פֿון די לינקע פּועלי־ציון, נישט צוליבן פֿאַרדינסט, ווייל די פֿאַרדינסטן זענען קליינע און נישט קיין באַשטימטע. אויב איר ווילט מיט אונדז מיטאַרבעטן, קומט מאָרגן אין אָוונט אויף מוראַנאָווסקע 16, אַרום 7 אַזייגער.

— איך וועל קומען, אָבער ערשט פֿון דער נייער וואָך, ווייל איך בין נאָך נישט איינגעאָרדנט אין וואַרשע.

— גוט, וועל איך וואַרטן מיט דער צעטיילונג ביז זונטיק.

איך האָב אים אויך געוואָלט בעטן, ער זאָל מיר אויסבאָרגן די לערנביכער, כדי זיך צוצוגרייטן. איך האָב אויך אַ טראַכט געטאָן וועגן די כללים פֿון דער נייער יידישער אָרטאָגראַפֿיע, וואָס איך האָב געוואָלט דערלערנען אין משך פֿון די עטלעכע טעג, אָבער עס האָט מיר נישט

געפּאַסט אים צו בעטן. כ׳האָב נישט געוואָלט אַרויסווייזן אים מיינע שוואַכקייטן.

פון לוצק האָב איך געהאַט אַן אַדרעס: פּאַוויע 30. מיין קוזינקע האָט געהאַלטן ביי אַ כלה־ווערן פאַר איינעם מיטן נאָמען ראַמזעס, וואָס וווינט אויף דער דאָזיקער אַדרעס. איצט בין איך געווען גאָר נאָענט פון דאָרטן, האָב איך באַשלאָסן זיך אַריינצוכאַפּן אַהין. זיי זענען וואַרשעווער, אפשר אַ דירה, אָדער סתם אַ היימישע שטוב.

דער אַריינגאַנג איז אַ גרויסן האַלב־פינצטערן צימער, אַ קלענערער זייטיקער צימער און אַ קיך. אין שטוב איז בלויז געווען דער באַלעבאָס ראַמזעס אַליין — אַ יובעליר און זייגערמאַכער, וואָס האָט געטראָגן אַ שפּאַקטיוו אויפן אויג און אַריינגעקוקט אינעם מעכאַניזם פון אַ זייגער. ער האָט מיך געבעטן זיך צוזעצן אויף אַ טאַבורעטל דערנעבן.

— איין מינוטקעלע נאָר, איך פאַרענדיק שוין — האָט ער געזאָגט, נישט קוקנדיק כמעט אין מיין זייט.

אַ דאַר אויסגעצויגן פּנים, דאָס שפּיציקע ציגן־בערדל האָט נאָך מער פאַרלענגערט זיין געזיכט. כ׳האָב באַלד באַמערקט אַן ענלעכקייט צווישן פאָטער און זון. כאָטש דער זון האָט אויסגעזען העכער און קרעפּטיקער.

— איר זענט פון לוצק? — האָט ער געפרעגט — זייער שיין פון אייער זייט, וואָס איר זענט אַרויפגעקומען. נאָך סחורה זענט איר געוויס געקומען קיין וואַרשע, האַ?

— נאָך תורה — האָב איך אָפּגעענטפערט — איך וויל אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט.

— אַזוי גאָר? אַ סטודענט? זייער פיין.

— איך זוך אַ צימער פאַר צוויי אָדער אַן אָרט צו שלאָפן פאַר זיך אַליין.

— ביי מיר וווינט אַ קוואַרטיראַנט, אַ לערער פון די יידישע פאָלקס־שולן, מער קיין פריי אָרט האָב איך נישט.

אַזוי דערציילנדיק האָט ער מיך אַריינגעפירט אינעם גרעסערן צימער און פון דאָרט אין זייטיקן צימערל, וווּ עס זענען געשטאַנען צוויי געלעגערס און אַ טישל.

— דאָ שלאָפֿט ער און דאָ מיין זון.

צווישן די ביכער אויפֿן טיש האָב איך דערזען אַ יידישע גראַמאַטיק פֿון יודל מאַרק. אָט דאָס, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, דאַרף איך. קויפֿן קען איך עס דערווייל נישט, ווייל איך האָב נישט קיין געלט.

— צי וואָלט איך געקענט, זיצנדיק ביי איך אין שטוב, איבערשרייבן איניקע זאַכן פֿונעם דאָזיקן ביכל? איך באַקום אויך אַרבעט אין אַן אָונט־שול, דאַרף איך זיך צוגרייטן און קיין ביכער האָב איך נישט.

— מהיכא תיתי, פֿאַרוואָס נישט? איך וועל מיר טאָן מיין אַרבעט און איר שרייבט זיך דאָ. כ׳מיין, אַז דער לערער וואָלט אויך נישט געהאַט דאַקעגן.

צוויי שעה בין איך געזעסן און אַרויסגעשריבן די כללים פֿון דער נייער אָרטאָגראַפֿיע און איך מוז זיך מודה זיין, אַז די נייע יידישע אָרטאָ־גראַפֿיע, מיט וועלכער עס האָבן זיך באַנוצט בלויז געציילטע יידישע צייטונגען, איז מיר געווען לחלוטין פֿרעמד. איך האָב געלייענט דעם „מאָמענט", יידישע ביכער, וואָס זענען געווען געדרוקט שוין מיט לאַנגע יאָרן פֿריִער. איצט האָב איך זיך געמוזט שנעל אויסלערנען די נייע אָר־טאָגראַפֿיע, נאָך איידער איך טרעט אַריבער די שוועל פֿון קלאַס. איך האָב געקויפֿט די „פֿאָלקסצייטונג", עטלעכע העפֿטן און אַרויסגעשריבן פֿון דער צייטונג זאַץ נאָך זאַץ, פֿונאַנדערקלייבנדיק זיך פּראַקטיש אין די נייע כללים, דער באַלעבאָסטעס זון האָט געקענט אַ ביסל לייענען יידיש, האָט ער מיר דיקטירט איין דיקטאַט נאָכן אַנדערן. איבערגעקוקט האָב איך אַליין און פֿאַריכט זיך די גרייזן. פֿון מאָל צו מאָל איז די צאָל גרייזן קלענער געוואָרן. מיין יונגער „לערער" איז געווען צופֿרידן פֿון מיין דערפֿאָלג און איך בין געוואָרן ביי זיך זיכערער און פֿעסטער. ווען די צאָל גרייזן איז דערגאַנגען ביז צו אַ מינימום, האָב איך זיך דערפֿילט גליקלעך. ווען קיינער איז נישט געווען אין שטוב האָב איך אינסצעניזירט מיין ערשטע לעקציע, אַליין געשטעלט פֿראַגן, אַליין זיך געענטפֿערט און אַלץ מיט אַ ווירדיקער אינטאָנאַציע, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ לערער.

דעם זונטיקדיקן טאָג בין איך אַרומגעגאַנגען אַ ביסל אַ צערודערטער, ווי אַן אַקטיאָר פֿאַר זיין ערשטער פּרעמיערע. דער לערער־קאָלעקטיוו, אַ ביז

גאַר סימפּאַטישער און אַ יונגער, האָט מיך אויפגענומען זייער וואַרעם, אַזוי, אַז מיין ערשטער אַריינגאַנג אין קלאַס פון דערוואַקסענע שילער, איז געווען פאַר מיר אַ יום־טובדיקער פּרווו, ווי די ערשטע טריט פון אַ קינד מיט זיינע אייגענע פיסלעך. אַ באַהאַלטענער צאַפּל האָט ערגעץ גענאָגט ביים האַרצן, אָבער איך האָב עס קיינעם נישט אַרויסגעוויזן, איך האָב געמיינט, אַז שוין אויף דער ערשטער פּרווו־לעקציע וועט זיין ביי מיר עמעצער און איך בין פסיכיש גרייט געווען דערצו. דאָך בין איך געווען מער צופרידן, וואָס קיינער איז דערווייל נישט געקומען.

די שילער, מערסטנס שילערינס, וואָס באַציען זיך צום לערנען ערנסט, גיבן אַוועק די בעסטע שעהן פון זייער רו פאַר דער לעקציע, זענען מיר געפעלן. עס איז מיר נישט אויסגעקומען צו מאַכן קיין איין באַמערקונג. זיי האָבן זיך נישט געאיילט אַרויסצוגיין ביים ערשטן קלונג, ווי עס וואָלט זיי אַ שאָד געווען די צייט פון איבערייס. די ערשטע שעה — לייענען און שרייבן יידיש, די צווייטע — חשבון — אַלץ האָט געקלאַפּט מיט דער גענויקייט פון אַ זייגער.

— חבר אַלעקסאַנדער — האָב איך געזאָגט צום פאַרוואַלטער, ווי נאָר איך בין אַרויסגעגאַנגען פון קלאַס — איך האָב געמיינט, אַז איר וועט אַריינקומען אויף מיינע לעקציעס.

— צו וואָס ? די שילער זענען צופרידן. זיי האָבן מיר שוין געמאָלדן. איר געפעלט זיי. איך וועל נאָך באַוויזן צו זיין ביי אייך.

דערביי האָט ער מיר דערלאַנגט צוויי און אַ האַלבע זלאָטעס, צוגע־בנדיק :

— ביי אונדז טיילן מיר זיך נאָך די לעקציעס מיט דער סומע, וואָס פליסט אַריין פונעם שכר לימוד. דאָס איז אונדזער פאַרדינסט. עס איז קיין געלט נישט, אָבער מיר אַרבעטן נישט פאַרן געלט.

וויפל געלט כ׳האָב באַקומען, האָב איך ערשט דערוווסט זיך אויפן וועג אַהיים. דער ערשטער פאַרדינסט אין וואַרשע : געגאַנגען בין איך מיט שנעלע טריט, מיט פרייד אין האַרצן. דאָס אַרעמע אָונט־ברויט איז געווען געשמאַק, ווי קיינמאָל נישט. זלמן האָט מיר געווונטשן :

— אין אַ מזלדיקער שעה! איצט וועסטו מיר אויך געבן לעקציעס וועגן דער נייער אָרטאָגראַפיע.

דאָס געלעגער איז דאָס מאָל אויך געווען באַקוועמער. עס איז זיך בעסער געשלאָפן. איך האָב געטראַכט, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען איך קען זיך דאָ טיילן מיט מינען, דערציילן איר וועגן מיין גליקלעכן אָנהייב אויפן פעלד פון פעדאַגאָגיק...

מער ווי אַ חבר

אויב עמעצער האָט געמיינט, אַז די הויכשול, וואָס טראָגט דעם שטאָלצן נאָמען — אוניווערסיטעט, איז צוטריטלעך פאַר אַלע, וואָס ענדיקן אַ מיטלשול און ווילן פאָרזעצן זייער בילדונג, האָט ער געהאָט אַ טעות. דער נאָמען נעמט זיך טאַקע פונעם שורש „אוניווערסיטעט" — אַלע צוזאַמענגענומען. אין דער פוילישער שפּראַך באַנוצט מען זיך מיטן וואָרט „ווּשעכניצאַ" אָנשטאָט אוניווערסיטעט, אָבער איך און אַ סך אַנדערע האָבן געהאָט די מעגלעכקייט זיך צו איבערצייגן, אַז עס איז נישט אַזוי. בלויז יחידי סגולה פון די יידישע אַבסאָלווענטן זענען אויפגענומען געוואָרן אינעם היכל פון לערנען און וויסן, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער קראָקעווער פאָרשטאָט אין וואַרשע. נישט אין אַלע פאַקולטעטן האָט מען אויך יענע יידישע סטודענטן אויפגענומען, בלויז אויפן היסטאָרישן און שפּראַכן־פאַקולטעט, ווו עס זענען געווען איבערגענוג פרייע פלעצער, אָבער די צאָל יידן איז געווען אַ באַגרענעצטע. איז דעריבער פאַרשטענדלעך, הלמאַי יידישע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן געהאָט די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, זענען ארויסגעפאָרן זיך לערנען מעדיצין קיין טשעכיע, קיין בעלגיע, — כעמיע — קיין פראַנקרייך און אַנדערע לענדער. די קליינע צאָל יידישע סטודענטן אין די פוילישע אוניווערסיטעטן האָבן געהאָט אויסצושטיין גרויסע צרות מצד די ענדעקעס — די נאַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן זיי געוואָלט מיט כוח פאַרטרייבן. די יידישע סטודענטן האָבן

געשטעלט אַ ווירדיקן ווידערשטאַנד, אָבער דער קאַמף איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ מער פאַרביסענער, האָט זיך איבערגעטראָגן אין גאַס און אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון ווילדע פּאָגראָמען.

אויך צווישן די פּראָפעסאָרן זענען געווען פאַרביסענע אַנטיסעמיטן, אָבער געווען אויך פּראָגרעסיווע, אַזעלכע וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע פּאָסטנס אויף די אוניווערסיטעטן און געגרינדעט אַ הויכשול א. נ. „וואָלנאַ ווּשעכניצאַ פּאָלסקאַ". דערוויל האָבן זיי געשאַפן בלויז עטלעכע פאַקולטעטן, דעם הומאַניסטישן און מאַטעמאַטישן. קיין פּאַסיקן לאָקאַל האָבן זיי נישט געהאַט, האָט מען דערוויל דורכגעפירט די לעקציעס אין די פּריוואַטע גימנאַזיעס. זיי האָבן געמאַכט צוטריטלעך דאָס אַריינטרעטן אין זייער הויכשול פאַר יעדן, אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט, וואָס שטרעבט צו בילדונג. אָבער דער אָפּצאָל איז געווען אַ געגנוג הויכער, ווייל זיי האָבן נישט באַקומען קיין סטיפּענדיעס פון דער מלוכה.

צום אָנהייב שול־יאָר האָט זלמן נישט פאַרמאָגט די נויטיקע מיטלען אויף צו לערנען זיך און איז דעריבער געגאַנגען אַרבעטן אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער העברעיִשער טאָג־צייטונג „היום". איצט האָבן מירביידע צוזאַמען באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אויף דער צווייטער העלפט פונעם לערן־יאָר זיך לערנען. זלמן האָט געוואָלט שטודירן פילאָזאָפיע, איך — מאַטעמאַטיק, פיזיק און כעמיע.

אפרים באַרנהאָלץ, אונדזער עלטערער חבר האָט שוין געלערנט זינט דעם אָנהויב פון שול־יאָר אין דער "ווּשעכניצע", אויף דעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן מאַטעמאַטישן פאַקולטעט. אין דער פרי האָט ער געאַרבעט אין דער פּריוואַטער שול פון קאַפּלאַנען אויף קאַרמעליצקע, אַלס לערער. דאָס איז געווען אַ שול פאַר פאַרמעגלעכע קינדער. דער באַלעבאָס איז געווען אַ באַקאַנטער העברעיִשער פּעדאַגאָג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן העברעיִשע כרעסטאָמאַטיעס און די לערער פון זיין שול האָבן פאַרדינט מער פון אַנדערע לערער.

דאָך האָט אפרים נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו דינגען זיך אַ באַזונדערע דירה. אין וואַרשע האָבן די לאָקאַטאָרן נישט געוואָלט פאַרדינגען קיין צימערן פאַר מאַן און ווייב, מורא געהאַט, אַז צוליבן לאָקאַ־

טאָרן־שוק, וועלן זיי שפּעטער נישט קאָנען פּטור ווערן פון דער פאַמיליע, וואָס וועט זיך מיט דער צייט פאַרגרעסערן.

אין אָוונט זענען מיר בײדע, איך און זלמן, אַוועקגעגאַנגען אויף מילע 44 צו דעם יונגן פּאָרל. עס איז שוין געווען אָוונט־צייט, אָבער דער הויף איז נאָך פול געווען מיט קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט און געשלאָגן, געליאַרעמט, געוויינט און זיך איבערגעבעטן. דער הויף איז נישט געווען קיין ריינער. די שפּילן זענען פאָרגעקומען אַרום דעם מיסטקאַסטן. די טרעפּ — שמאָלע, נישט געוואַשענע, זענען געווען שוואַך באַלויכטן. אויפן פינפטן שטאָק האָט זלמן אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. אפרים האָט געעפנט און זיך מיט אונדז דערפרייט.

א שמאָל פאָדערהויז, רעכטס — דער אריינגאַנג אין קיכל, גלייך — אין שטוב אַריין. קעגנאיבער דער טיר איז געשטאַנען אַ בעט, אָנגעוואָרפן מיט אַן אַ שיעור שמאַטעס. אויף מיין באַגריסונג האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן אונטער די שמאַטעס און זיך שטאַרק צעהוסט.

— זיי באַקאַנט, פּעסעלע, מיט מיין חבר פון לוצק.

— זייער אָנגענעם, פּאָלאַ — האָט זי אָפּגעענטפערט.

— יואל פּערעל — האָב איך זיך פאָרגעשטעלט — מיר קענען זיך שוין פון לאַנג, כאָטש מיר זעען זיך צום ערשטן מאָל.

מיר האָבן זיך שוין געפילט ווי אַלטע באַקאַנטע. פּעסעלע, אַ שאַטינקע מיט אַן ענערגישן בליק, שמייכלענדיקע ליפּן און געטאָקטער נאָז. אפרים האָט באַלד באַמערקט, אַז זיין ווייב געפעלט מיר. איך האָב געטראַכט, אַז זי וואָלט נאָך שענער אויסגעזען, ווען זי וואָלט זיך נישט געפונען אין דער דושנער אַטמאָספער פון אַן אָפּשטאַרבנדיקער זקנה. אַלע ווילן מיר פאַרגעסן אין איר, רעדן פריי, לאַכן, אָבער עפּעס אַן אינערלעך געפיל דריקט און דערמאָנט: — שטילער, די אַלטע קאָן נישט פאַרטראָגן קיין גערויש.

איך האָב געפרעגט אפרימען, צי ער איז צופרידן פון זיין לערנען אין דער „וושעכניצע" און ער האָט מיר געענטפערט, אַז זיי האָבן די בעסטע פּראָפעסאָרן: שפּערל, וואַיניטש־סיאַנאָזשענסקי, אָבער עס קאָסט אַ סך געלט, באַזונדערס פאַר די לאַבאָראַטאָריע־אַרבעטן. ער האָט צוגעגעבן:

— דערפֿאַר קאָנען מיר נישט צוקומען צו אַן אייגענעם צימער.
פּעסעלע האָט אויפֿגעכאַפּט זיין זאָרג:

— מיר וועלן נאָך האָבן אַ צימער און לעבן, ווי מענטשן.

ביי אפרימען האָבן מיר באַקומען אַלע נויטיקע אינפֿאָרמאַציעס וועגן דער „ווּשעכניצע״. מיר האָבן באַשלאָסן אַריינצוגעבן די דאָקומענטן שוין אין די נאָענטסטע טעג. שפּעטער האָבן מיר געוואַרט אויף אַ תשובה, וואָס מען האָט געדאַרפֿט אונדז צושיקן נאָך דער סעסיע. נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן, זענען מיר אין אַ צען טעג אַרום אַראָפּגעגאַנגען אין דעם נאָענטן עקספּעדיציע־ביוראָ טעלעפֿאָנירן אין סעקרעטאַריאַט. זלמן האָט געקלונגען, אָנגעגעבן מיין נאָמען און געפֿרעגט, צי עס איז שוין פֿאַראַן אַ תשובה אויף אונדזער ביטע. אין זיין קול האָט זיך געהערט אַ טאָן פֿון אומרו.

— אַ דאַנק! — האָט ער פֿאַרענדיקט דאָס געשפּרעך, אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל און אויסגעשריגן צו מיר:

— אָנגענומען, הוראַ!

באַלד נאָך אים האָב איך אָנגעקלונגען און זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס זלמן עלבירט, וואָס האָט אָנגעגעבן אַ ביטע אָנגענומען צו ווערן אויפֿן הומאַניסטישן פֿאַקולטעט. איך האָב באַקומען די זעלבע תשובה.ביידע זענען מיר געוואָרן אָנגענומען.

אַהיימגייענדיק האָבן מיר געקויפֿט אַ קליין פֿלעשעלע בראָנפֿן, הונדערט גראַם ווּורשט און אַ פֿריש ברייטל. אין שטוב האָבן מיר אויסגעטרונקען און פֿאַרביסן. שיכור פֿונעם בראָנפֿן זענען מיר זיכער נישט געווען, אָבער פּלוצים איז געשען אַזעלכעס, אויף וואָס איך האָב זיך נישט גערעכנט.

אין זלמנס אויגן האָבן זיך באַוויזן גרויסע טרערן. ער האָט זיך נישט געשעמט מיט זיי, ער איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף מיר און אָנגעהויבן מיך קושן. זיינע געזאַלצענע טרערן זענען גערונען איבער מיין געזיכט. ווי נישט מיט זיין קול, האָט ער גערעדט:

— דו ביסט פֿאַר מיר מער ווי אַ חבר. דו ביסט פֿאַר מיר אַלץ, מיין לעבן, מיין נשמה. געדענקסט, ווען איך האָב ביי דיר צוגעגנבעט דעם שליסל צו יוליוש צעזאַר? איך האָב דיך מקנא געווען פֿאַר דיין שיינקייט, פֿאַר דיין דערפֿאָלג ביי מיידלעך, פֿאַר דיין „5״ פֿון לאַטיין ביי פּיאַדאָ־

רענקאָ. אַנשטאָט צו שטעמפּלען מיך אַלס גנב, שלאָגן מיך, באַרעדן, האָסטו צו מיר געשמייכלט, קיינעם נישט דערציילט... אַזאַ חברישע האַנדלונג פאַרגעסט זיך נישט. ביזן טויט וועל איך עס געדענקען...

זײַ מיר מוחל

זעלבשטענדיקייט איז אַ דערהויבן געפיל, אַ פאַרלאַנג פון שטאָלצע מענטשן. אויך איך האָב געשטרעבט צו זײַן זעלבשטענדיק. די צײַטווײַליקע הילף פון אַ גוטן חבר פאַרמינערט נישט דאָס געפיל פון זעלבשטענדיקייט. דאָס שפּאַנען צוזאַמען, אַקסל בײַ אַקסל, מאַכט לײַכטער צו באַזיגן די שטרויכלונגען אויפן געמיינזאַמען וועג. זלמנס הילף האָב איך גערן אָנגענומען, אָבער ער אַליין האָט זיך גענויטיקט אין געלט, כדי צו באַצאָלן פאַרן שכר לימוד. אמת, ער האָט שוין אַ גרויסן טייל אָפּגעשפּאָרט, אָבער עס פעלט נאָך. דעריבער האָב איך דאָך באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו מײַנע עלטערן און בעטן, זיי זאָלן מיר שיקן די נויטיקע סומע געלט אויף שכר לימוד. דערבײַ האָב איך באַטאָנט אין בריוו, אַז בײַ דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך דאָס געלט אומקערן. איך בין געווען כמעט זיכער, אַז מײַן טאַטע וועט מיר צושיקן דאָס געלט.

נאָכן אַוועקשיקן דעם בריוו, בין איך דאָך געוואָרן אַ ביסל אומרויִק. כ׳וויס? קיין מזומן געלט פאַרמאָגט נישט מײַן טאַטע. וועקסלען, פּראָטעסטן, קורץ־טערמיניקע הלוואות אויף פּראָצענט. דערצו נדן, כאָטש פאַר די עלטערע צוויי טעכטער, די זײַנען פאַרליבן זיך אין אָרעמע מיידלעך, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין גראָשן נדן... אַזוי האָב איך געטראַכט און אויסגעקוקט דעם ענטפער פון דער היים.

עס איז אַוועק אַ טאָג, צוויי און דרײַ. מײַן אומרו איז געוואַקסן. זלמן האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו דודן קיין מעלניצע, אַז מען האָט אונדז אָנגענומען אויף דער „וושעכניצע“. דוד איז אַ בן יחיד בײַם מעלניצער רב, אַ בן זקונים. זײַן טאַטע איז אַ פּקח. פאַרשטייט, אַז ער טאָר מיט אים נישט

איינרייסן. אַוודאַי וואָלט ער בעסער געוואָלט ווייטער ציען די יחוסדיקע קייט פון רביים און רבנים, פון זיין צד און פון זיין ווייבס, אָבער ער זעט דאָך, אַז עס גייט נישט. אויך די גימנאַזיע האָט דוד געענדיקט קעגן זיין ווילן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז שוין דוד געווען אין וואַרשע, מיטגע־בראַכט מיט זיך געלט אויף איינאָרדענען זיך און אויף צו באַצאָלן שכר לימוד. דוד איז נישט געוווּנט געווען זיך צו קווען, האָט ליב אַ בעסערן ביסן, אַ באַקוועמע דירה. דאָך וויל ער אויך זיין זעלבשטענדיק און אַליין פאַרדינען. דוד האָט זיך זיין זעלבשטענדיקע דעה, אַ סימן, ער איז אַוועק פון זיינע עלטערנס סביבה אין דער גרויסער וועלט אַריין. ער פאַרמאָגט שיינע געדאַנקען, קען שיין רעדן, קען ווירקן און באַווירקן. אין אים פליסט דאָס בלוט פון זיינע זיידעס, די מיוחסים.

אַלע דריי צוזאַמען האָבן מיר געדונגען אַ באַזונדער צימער, מיט אַן אַריינגאַנג פון דרויסן, אויף נאַלעווקי 43. דער באַלעבאָס פון צימער איז געווען אַ חסידישער ייד, מיט באָרד און פּיאות, געטראָגן אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע און אַ קליין חסידיש היטעלע אויפן קאָפּ.

— אונדזער הויף איז אַ חסידישער — האָט ער אונדז דערמאָנט ביים פאַרדונגען — קיין שבת־גוי אויף צו פאַרלעשן די עלעקטריע האָבן מיר נישט, וויל איך אייך בעטן, איר זאָלט מיין הויז נישט פאַרשעמען. פרייטיק־צו־נאַכטס וועל איך אייך אָנצינדן צוויי גרויסע ליכט...

דאָס צימער איז אונדז געפעלן. עס איז געווען אַן אָרט אויף דריי באַזונדערע בעטן, אַ באַזונדערער אַריינגאַנג. אמת, די באַקוועמלעכקייטן, די קיך און בית־שימוש זענען אַ ביסל ווייט, מען האָט געדאַרפט דורכגיין דאָס פאַראַדנע צימער פונעם באַלעבאָס, אָבער...

— מילא, צוליב שלום־בית, זענען מיר מסכים — האָט דוד געזאָגט און מיר האָבן באַצאָלט דירה־געלט פאַר אַ חודש פאָרויס.

אין טויער פונעם הויז, אין אַ קעלער־שטוב איז געווען אַן אָרעם געוועלבל פון שפּייז־פּראָדוקטן. מיטן קרעמער האָב איך גאָר שנעל פאַרפירט באַקאַנטשאַפט און געוווּנען זיך צוטרוי. איך פלעג ביי אים איינקויפן פּראָדוקטן אויף פרישטיק און אָוונט־ברויט פאַר אַלע דריי. די

באַלעבאַטישקייט פאַר אַלע האָב איך געפירט, געטויגט זיך דערצו מער פון דודן און זלמנען. אַרום צוויי בייטאָג פלעגן מיר זיך אַלע טרעפן אין פריוואַטן רעסטאָראַן אויף די נאַלעווקיס ביי אַ יונגער אַלמנה, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ צען־יאָריק שיין טעכטערל, איר גאַנצע טרייסט.

אַ שעה פריער, איידער די חברים זענען געקומען אויף מיטאָג, פלעג איך קומען געבן דעם מיידעלע אַ לעקציע. פון דער לעקציע זענען מירביידע געווען צופרידן, די באַלעבאַסטע — ווייל איר בת יחידה האָט זיך אָנגעהויבן פילן פעסטער אין די לימודים. איך — ווייל כ'האָב באַקומען דאָס מיטאָג אומזיסט און אויך פאַר די מיטאָגן פון די חברים פלעגן מיר באַצאָלן מיט פינף און צוואַנציק פּראָצענט ביליקער.

עס איז שוין אַריבער אַ וואָך צייט און פון דער היים האָב איך נאָך אַלץ נישט באַקומען קיין ענטפער. אין איינעם אַ טאָג איז געקומען צו פאָרן מיין עלטערע שוועסטער גיטל. געקומען איז זי, ווי שטענדיק, צו דער פרוי ראָטענבערג. מזומנים געלט האָט זי געבראַכט גאָר ווייניק. פאַר דער סחורה האָט זי געצאָלט נישט מער ווי צען, אָדער פופצן פּראָצענט, אויפן רעשט האָט זי אויסגעשריבן וועקסעלעך אויף פאַרשידענע טערמינען.

— ווען איז דער לעצטער טערמין צו באַצאָלן פאַר שכר לימוד? האָט זי פלוצים אַ פרעג געטאָן.

— נאָך דריי טעג איז מיר פאַרבליבן — האָב איך אומעטיק געענט־פערט.

— דריי טעג? נישקשה, וועסט באַקומען, טעלעגראַפיש. ס'איז היינט שווער מיט מזומנים, אָבער נישט געזאָרגט.

ביים געזעגענען זיך, האָב איך דערפילט ווי זי שטופּט מיר אַריין אַ פּאַפּירל אין דער האַנט אַריין. מיט בושה האָב איך געטראַכט: „ווי אַ טרעגער האָט זי מיר באַצאָלט פאַרן באַגלייטן איר צו דער באַן און העלפן טראָגן די פּעק סחורה אין וואַגאָן אַריין".

אמת, אויפן דריטן טאָג האָב איך פון איר באַקומען טעלעגראַפיש דאָס געלט און נאָך באַוויזן איינצוצאָלן.

זיי מיר מוחל, טייערע שוועסטער, פאַר מיין פאַרדראָס צוליב דעם צענערל...

צוזאַמען מיט איר מוסטערהאַפטן מאַן אַהרון און זייערע דריי טעכטער און אייניקל איז אויך מײַן טײַערע שוועסטער אַזוי מערדעריש אומגעקומען אין לוצקער געטאָ. פריער האָבן זיי נאָך געדאַרפט דורכמאַכן די סאָוויעטישע פאַרשיקונג. אַלס געוועזענע סוחרים האָבן די סאָוויעטן זיי אַרויסגעטריבן פון לוצק און פאַרשיקט קיין ראָזשישטש אויף פיין און פלאָג.

פריוואַטע לעקציעס

די פעדאַגאָגישע אַרבעט אין דער אָוונט־שול פאַר דערוואַקסענע אַרבעטער האָט געטראָגן אַ מער אידעישן כאַראַקטער. די פאַרדינסטן זענען געווען נישטיקע, מינימאַלע. דערפאַר זענען די פריוואַטע לעקציעס געווען דער מקור פון פרנסה. דאָס לערנען דערוואַקסענע, וואָס האָבן צוליב פאַרשידענע סיבות, נישט באַוויזן צו באַקומען די מינימאַלע קענטענישן, איידער זיי זענען געגאַנגען אַרבעטן, האָט געגעבן נישט ווייניק באַפרידיקונג. צוזאַמען מיט מיר האָבן אין דער אָוונט־שול געאַרבעט, אַלס לערער, די ברידער רינגעלבלום, מאַהלער, הערמאַן, די בערמאַנס און אַ ריי אַנדערע. אַלע האָבן זיי געהערט צו דער באַראָכאָוו־גרופּע. די בעסטע צייט פאַר רו און פאַרווײַלונג האָבן זיי אָפּגעגעבן דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט. אויך מיך האָבן זיי אָנגעשטעקט מיט זייער אידעאַליזם. איך האָב אָבער געמוזט זוכן אויך פריוואַטע לעקציעס, כדי צו זײַן זעלבשטענדיק און געבן מײַן צושטייער דער אַלגעמיינער קאַסע פון אונדזער קליינעם קאָלעקטיוו. די פריוואַטע לעקציעס פלעג איך באַקומען מיט דער הילף פון די אַנאָנסן אין די צייטונגען. וועגן אייניקע פון מײַנע פריוואַטע לעקציעס איז כדאַי צו דערמאָנען:

„אַ לערער זוך איך צו דערגענצן מײַנע לימודים אין העברעיש. זיך ווענדן: פון 10 ביז 11 אין אָוונט, מוראַנאָוו 3, וו. 4".

פּינקטלעך 10 אַ זייגער אין אָוונט האָב איך שטיל אָנגעקלונגען, די טיר האָט מיר געעפנט אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר פינף און דרייסיק. ער האָט מיך שטיל געפרעגט:

— אַ לערער?

— יאָ, לויט אייער אַנאָנס.

— די קינדער שלאָפן שוין, וועלן מיר אַריבערגיין זיך דורכשמועסן אין לעצטן צימער.

מיר זענען דורכגעגאַנגען אַ גרעסערן סאַלאָן, דערנאָך אַ קינדער שלאָף־צימער, ווו איך האָב אין דער שוואַכער שיין באַמערקט צוויי קלענערע בעטן, אויף וועלכע צוויי קינדער זענען געשלאָפן אונטער פּוכענע קאָלדרעס. אין דריטן צימער איז געשטאַנען אַ שרייבטיש, אַ שאַנק מיט ביכער און אַ טיש־לאָמפּ. אויפן טיש איז געלעגן דער „היום״.

— איר קענט העברעיִש? איך אַליין האָב געענדיקט „תחכמוני״.

צוליב וואָס דערציילט ער מיר וועגן דעם? צו וואָס האָט ער מיך גערופן אַזוי שפּעט, ווען די קינדער שלאָפן שוין? מיר האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז די קינדער זענען נאָך נישט אין שול־עלטער. אָבער מיינע טראַכטענישן האָב איך נישט אַרויסגעזאָגט. איך האָב געשוויגן און ער האָט פאָרגעזעצט:

— איך קען העברעיִש, אָבער איך וויל נישט פאַרגעסן. נאָך דער אַרבעט אין געוועלב, בין איך מיד און קען זיך נישט לערנען אַליין. דעריבער זוך איך אַ לערער, מיר זאָלן צוזאַמען... איר פאַרשטייט? צוזאַמען איז לייכטער...

— זייט איר גאָר דער תלמיד? איך האָב געענדיקט אַ העברעיִשע גימנאַזיע, אָבער...

— איז גוט. מיר וועלן לערנען אין „בכורים״, שרייבן חיבורים, אָבער נאָך 10 אָוונט, ווען די פרוי און די קינדער לייגן זיך שלאָפן.

פאַר אַזאַ לעקציע האָב איך זיך אַ ביסל געשראָקן. ווער ווייסט, צי מיין שילער קען נישט בעסער פון מיר. אָבער ס׳האָט מיר נישט געפּאַסט אַרויסצוווייזן קיין שוואַכקייט, דערצו האָב איך געטראַכט וועגן פאַרדינען. איך האָב געזאָגט:

— פאַר אַזאַ לעקציע וועל איך אָבער נישט נעמען ווייניקער ווי 5 זלאָטעס.

— אַ ביסל טייער, אָבער איך גיי איין דערויף. אַ שאָד די צייט. מיר קענען שוין אָנהייבן.

די גרויסע כרעסטאָמאַטיע „בכורים" ליגט פאַר אים אָפן. איך הייס אים לייענען די דערציילונג „שלום בית" פון פרצן. ער האָט נישט שלעכט געלייענט מיט דער אשכנזישער הברה. איך האָב געטראַכט, אַז עס איז בעסער אַזוי, ווייל די ספרדישע הברה האָב איך אויך נישט געקענט. בלויז איין מאָל, ביים סופלירן בעת דער פאָרשטעלונג „מכירת יוסף", האָב איך געלייענט מיט דער ספרדישער הברה, אָבער דאַן האָט דער לערער חלף געמאַכט מיר די געהעריקע סימנים אין טעקסט.

ער האָט געלייענט און איבערדערציילט, און איך האָב אים אונטער־געהאַלטן מיט געציילטע ווערטער. דערנאָך האָט ער דעם אינהאַלט איבער־געשריבן אין קורצע זאַצן און פאַריכט די גרייזן, לויט דעם ווי איך האָב אים אָנגעוויזן.

די ערשטע לעקציע איז געווען פאַרענדיקט און מיר האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז פונקט ווי איך — איז ער אויך צופרידן. ער האָט מיר באַצאָלט 5 זלאָטעס פאַר דער לעקציע און געפרעגט, צי איך וועל די אַנדערע וואָך ווידער קומען.

— אַוודאי — האָב איך געענטפערט — אָבער פאַר מיר איז בעסער דינסטיק.

ער איז מסכים געווען.

צו די ווייטערדיקע לעקציעס בין איך שוין געווען בעסער צוגעגרייט. עטלעכע כללים פון דיקדוק, גראַמאַטישע פאָרמען פון ווערטער, וואָס ער האָט געדאַרפט לייענען פון דער כרעסטאָמאַטיע.

חוץ דעם האָב איך געהאַט נאָך אַ פריוואַטע לעקציע פאַר 3 זלאָטעס אַ שעה. צוויי אָוונטן אין דער וואָך, נאָך דער אַרבעט אין דער אָוונט־שול, מיט אַן אַרבעטער, ביי אים אין דער היים.

ער האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק און שטאַרק געוואָלט זיך לערנען אַ ביסל פויליש, חשבון און אויך יידיש. ער האָט געוווינט אין איין צימער מיט אַ קינד צוזאַמען מיט אַן אַלטער מוטער, אַן אַלמנה. איך האָב געפילט זיין דאַנקבאַרקייט. אַמאָל האָט ער זיך פאַר מיר אָפּגערעדט דאָס האַרץ.

— מיט די יאָרן קומט דער שכל... אין שול האָב איך זיך נישט געוואָלט לערנען. ווען איך האָב אַמאָל געענטפערט שלעכט דעם לערער, האָבן די חברים געלאַכט. נו, האָב איך שוין געשוויגן...

אין עטלעכע חדשים אַרום האָט ער מיר מיט זאָרג און דערשלאָגנקייט מודיע געווען, אַז מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. מען האָט געברענגט אַ נייע מאַשין און אַ ריי אַרבעטס־הענט זענען געוואָרן איבעריקע. מען האָט אים פאַרגעלייגט זיך אויסלערנען פירן אַן אויטאָ, וועט ער בלייבן אַרבעטן. נו, לערנט ער זיך אויף די שאָפערן־קורסן.

אַ ביסל שעמעוודיק האָט ער זיך געבעטן ביי מיר, אַז ער דאַרף האָבן מיין הילף. ער האָט אַ ביכל וועגן די כללים פון פירן אַן אויטאָ: פראַגן און ענטפערס. — מיר וועלן ביידע צוזאַמען לייענען די פראַגן און ענטפערס. דערנאָך וועט ער די ענטפערס לערנען פון אויסנווייניק.

אַזוי אַרום האָב איך מיין דערוואַקסענעם שילער געלערנט לייענען אין דעם פוילישן ביכל פאַר שאָפערן, וועגן די צייכנס אין די גאַסן, סימנים, אינסטרוקציעס, ווי אַזוי צו האַנדלען ביי דעפעקטן אין מאָטאָר, כאָטש איך אַליין האָב קנאַפּ געוווּסט, ווי אַזוי צו ענטפערן אויף די פראַגן. אין איינעם אַ טאָג, האָט ער מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה:

— איך האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. איצט וועל איך שוין אַרבעטן אַלס שאָפער אין דער פאַבריק. אייך קומט אַ דאַנק!

איך האָב געלייענט אַן אַנאָנס: „איך זוך אַ לערער, כדי צוצוגרייטן מיין זון צו דער בר־מצווה".

איך האָב געטראַכט, אַז מיין לערער ליבשטיינס אַרבעט ביים צוגרייטן מיך צו מיין בר־מצווה קען מיר צונוצקומען. און איך בין געגאַנגען אָננעמען די לעקציע אויף שוויענטאָיערסקע.

דער פאָטער איז געווען אַ טיפּ פון אַ מנחם־מענדל מיט אַ ציגן־בערדל און כיטרע אייגעלעך. ער האָט גערעדט שנעל, חניפהדיק: — דער זון לערנט אין דער פוילישער פאָווּשעכנער שול. קיין יידיש קען ער נישט קיין וואָרט, דאַוונען אַוודאי נישט. ער וויל, ער זאָל קענען לייגן תפילין, מאַכן די ברכה און האַלטן אַ דרשה אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, ווו

מען וועט אים אויפרופן צו דער תורה. די לעקציעס — פינף מאָל אין דער וואָך, אין משך פון איין חודש.

איך האָב זיך געוואָקלט, צי זאָל איך אָננעמען אַזאַ לעקציע — אויסלערנען אַ גוי לייגן תפילין. עס איז מיר געוואָרן דערווידער. דערצו האָב איך זיך געשעמט, אַז מיינע חברים וועלן זיך וועגן דעם דערוויסן. אַ מענטש, וואָס האַלט זיך פאַר אַ לינקן, זאָל זיך פאַרקויפן פאַר געלט. איך האָב געפאָדערט 5 זלאָטעס פאַר אַ שעה און געמיינט, אַז ער וועט נישט באַשטיין. ער איז אָבער איינגעגאַנגען אויף דערויף.

עס איז געווען אַ חודש פאַר די זומער־פעריען און איך האָב געדאַרפט האָבן געלט אויף הוצאות אַהיימצופאָרן קיין לוצק. איך האָב דערפאַר אָנגענומען די לעקציע און געטראַכט, אַז קיינער דאַרף וועגן דעם נישט וויסן.

די לעקציעס זענען דורך איינטאָניק און נישט אינטערעסאַנט, די ברכות און דרשה האָב איך איבערגעשריבן מיט פוילישע אותיות. עטלעכע מאָל פלעגט מיין שילער איבערוויקלען די שמאָלע לעדערנע רצועות איבער זיין לינקן אָרעם, ביז ער האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן די „ש״ אויף דער האַנט־פלאַך, איבערגעחזרט די ברכות און דרשה, וואָס האָבן געקלונגען אין זיין מויל פרעמד, ווי ער וואָלט גאָר קיין ייד נישט געווען. שפּעטער פלעג איך אים דערציילן אין פויליש עפּיזאָדן פון דער יידישער געשיכטע, וועגן מכירת יוסף, וועגן דוד און גלית און אַנדערע. זיין עלטערע שוועסטער, זינע, אַ מיידל פון אַ יאָר 18, האָט מיך געבעטן, איך זאָל איר אויך אויס־לערנען אַ ביסל ידיש שרייבן. איך האָב פאַר איר צוגעגרייט דעם יידישן אַלף־בית און פאַראַלעל יעדעס אות, ווי עס לייענט זיך אין יידיש און אין פויליש. זי האָט זיך גאָר שנעל אויסגעלערנט שרייבן און בשעת איך בין געווען פאַרנומען מיט איר ברודער, פלעגט זי שרייבן בריוועלעך אין יידיש און איך האָב מיט אַ רויטן בלייפעדער שפּעטער פאַראַכטן די גרייזן. זינען איז דאָס נישט געפעלן. זי האָט געוואָלט באַקומען מיין ענטפער אויף אירע בריוועלעך: „איך האָב אַזך ליב״ א. אַ. זינע איז מיר אָבער בכלל נישט געפעלן, נישט מיט איר אויסזען, נישט מיט אירע „ליבע־דערקלע־רונגען״.

צו איר איז איין מאָל אַריינגעקומען אַ קרובה, אַ הוטנמאַכערין, אַ

שיין און אינטערעסאַנט מיידל. מיר האָבן זיך באַקענט און זי האָט געמאַכט אויף מיר זייער אַ גוטן איינדרוק מיט איר פּשוטקייט און בנעימותדיקייט. מיט זיי בײדע זענען מיר אַמאָל אַוועקגעפאָרן מיט אַ טראַמוויי אויף אַ שפּאַציר אין אויאַזדאָווער פּאַרק. מיר האָבן שפּאַצירט געאָרעמט, געשמועסט און געלאַכט.

אין משך פון דאָזיקן חודש, האָב איך קיין געלט נישט געפאָדערט, געטראַכט, אַז איך וועל בעסער אָנקלייבן אַ גרעסערע סומע און באַקומען דאָס געלט מיט אַ מאָל. איך האָב אָבער געהאַט אַ דורכפאַל: נאָכדעם ווי מיין שילער האָט געהאַלטן די דרשה אין דער שול און אַפילו באַקומען אַלס מתנה אַ זייגער, בין איך געקומען באַגריסן די עלטערן און געבעטן מיין שכירות פאַרן חודש, אָבער דער באַלעבאָס האָט מיר מיט אַ גלייכגילטיקער מינע געענטפערט:

— איך בין איצט געענגט אין געלט. איר וועט קומען אין עטלעכע וואָכן אַרום.

— איך נויטיק זיך אין געלט, דאַרף האָבן אויף הוצאות אַהיימצופאָרן — האָב איך זיך געבעטן.

— מיך גייט עס נישט אָן.

ווען איך האָב געהערט דעם טאָן, האָט ער מיר געדראָט, אַז ער וועט רופן דעם סטרוזש.

— אַזוי גאָר? טאָ רופט און איך וועל וועגן אייך פאַרעפנטלעכן אין דער צייטונג, אין „נאַש פּשעגלאָנד“.

איך האָב באַמערקט, אַז ער האָט זיך דערשראָקן און געענדערט דעם טאָן, געזאָגט, אַז איך זאָל קומען מאָרגן.

פונעם צווייטן צימער האָב איך דערהערט זיינעס געוויין. איך האָב געזאָגט:

— איך וועל קומען מאָרגן, אָבער געדענקט...

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ בין איך אַוועק. די הבֿרים האָבן באַמערקט מיין צערודערונג, אָבער זיי האָבן געוואַרט, אַז איך זאָל זיי אַליין דערציילן.

צומאָרגנס בין איך געגאַנגען אַהין, אָבער מען האָט מיר נישט געוואָלט עפענען די טיר. די פרוי האָט אַרויסגעשריגן:

— מיין מאַן איז נישטאָ.

איך האָב זיך פאַרטיעט אָן אַ זייט, געוואַרט ביז אַ שכנטע האָט אָנגע־קלונגען אין דער טיר און ווען מען האָט איר געעפנט, האָב איך זיך מיט געוואַלט אויך אַריינגעכאַפּט אין שטוב. די באַלעבאָסטע האָט זיך פאַרענט־פערט:

— מיין מאַן לויפט אַרום באַרגן געלט.

איך בין געזעסן אויף דער סאָפּע און געוואַרט: אַ שעה, צוויי, דריי. עמעצער איז אַריינגעקומען, וויזט אויס, דער באַלעבאָס, נאָר זיין ווייב האָט אים געזאָגט, אַז איך גיי נישט אַוועק, איז ער אַרויסגעגאַנגען.

עס קומט אָן דער אָוונט. זיי האָבן, ווייזט אויס, קיין מיטאָג נישט געגעסן. איך בין אויך נישקשהדיק הונגעריק. ענדלעך איז ער אָנגעקומען, אָן אָנגעכמורעטער, אָן אויפגערעגטער:

— אַז מענטשן זענען ערגער, ווי די הינט. קיין גראָשן קען מען ביי קיינעם נישט באָרגן.

איך שווייג. ער וואַשט זיך, גייט צו צום טיש. די מוטער רופט אַריין די טאָכטער פון צווייטן צימער. זי כליפּעט און וויל נישט צוגייך צום טיש. די מוטער דערלאַנגט אין אַ וואַזע קאָכעדיקע זופּ, וואָס שמעקט אַזוי אָפּע־טיטלעך און רופט אַרויס ביי מיר די סלינע אין מויל. איך וואַרט, אפשר וועט מען מיך אויך פאַרבעטן צום טיש, אָבער זיי קלערן אַפילו נישט דאָס צו טאָן. איך הייב זיך אויף און זעץ זיך אַליין אַוועק ביים טיש, נעם דעם טעלער, וואָס איז געווען צוגעגרייט פאַר דער טאָכטער, פיל אים אָן מיט זופּ און עס.

אַלע שווייגן.

מען דערלאַנגט דאָס פלייש מיט מייערן, די באַלעבאָסטע טיילט אָפּ אַ פּאָרציע אויך פאַר מיר. דער באַלעבאָס פרעגט מיך:

— וואָס קלערט איר ווייטער צו טאָן?

— גאָרנישט. קיין דירה האָב איך נישט, כ'האָב נישט צו באַצאָלן. אַהיימ־פאָרן קען איך נישט, ווייל כ'האָב נישט אויף קיין הוצאות — וועל איך וווינען ביי אייך, ביז איר וועט מיר באַצאָלן דעם חוב. איר קענט רופן דעם סטרוזש, פּאָליציי, ווּעמען איר ווילט...

— איך האָב באַקומען בלויז 30 זלאָטעס, וועט איר האָבן גענוג אויף הוצאות. ווען איר וועט זיך אומקערן, וועל איך געבן די רעשט...

איך האָב גענומען די 30 זלאָטעס, פאַרלאָזט די שטוב מיט אַ קלאַפּ אין טיר. מער בין איך שוין צו זיי נישט געקומען.

אַהיים אויף פסח

אַהיים. דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיקער, אַהיים צום פּסחדיקן „סדר" ביי טאַטע־מאַמע. אַהיים, צו מיין מינען, אין מיין געבורט־שטאָט, צו חברים און חברטעס, צו דער „אויסערפּאַרטייִשער יוגנט־אָרגאַניזאַציע".

די נאַטור לעבט אויף. דער הימל ווערט לויטערער און בלויער, די זון צעוואַרעמט מיט אירע שטראַלן די אויסגעטריקנטע ערד, פון וואַנען עס נעמען שפּראָצן יונגע גראָזן. עס קומט אָן דער פרילינג־יום־טוב פּסח. אַ שיינער און פריילעכער. יידישע סטודענטן צעפאָרן זיך אַהיים. צוזאַמען מיט מיר פאָרן אויך זלמן און דוד, מיינע נאָענטסטע חברים. דוד דאַרף אויסשטייגן אין קאָוועל און פון דאָרט וועט ער פאָרן קיין מעלניצע מיט אַ פור. ער דערמאָנט אונדז:

— איר זאָלט נאָר נישט פאַרגעסן וועגן תכלית. די „אויסערפּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציע" מוז אויפלעבן. רופט צונויף די פריִערדיקע חברים, פירט דורך שמועסן, אפשר אַ ליטעראַרישן געריכט. מיר מוזן אַרויסלאָזן דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „שפּראָצונגען", שאַפן געלט־מיטלען פאַר זיין עק־זיסטענץ.

— אויב די ארבע כוסות וועלן אונדז נישט פאַרשיכורן, וועלן מיר זיכער עפּעס אויפטאָן — גיט צו זיין וואָרט אויך זלמן.

איך טראַכט אויך וועגן דעם, ווי וויכטיק עס איז צו שאַפן אַ באַזע פאַר דעם זשורנאַל, אָבער איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך טראַכט מער וועגן מיין באַגעגעניש מיט מינען. שוין פיר חדשים אַריבער, זינט מיר האָבן זיך געזען. אמת, יעדע וואָך האָב איך באַקומען פון איר אַ בריוו. אין יעדן

בריוו האָב איך מיט אַ רויטן בלייפעדער פֿאַריכט די גרייזן און אַנגעוויזן איר די נייע כּללים פֿון דער יידישער אָרטאָגראַפֿיע. די גרייזן האָבן זיך שוין אין די וויטערדיקע בריוו נישט איבערגעחזרט, אַ סימן, אַז מינע האָט שטודירט אין מיינע בריוו די נייע כּללים.

אָנגעקומען קיין לוצק בין איך אין דער פֿרי און פֿאַרפֿאַרן אַהיים. דער טאַטע האָט פּונקט בודק חמץ געווען, צונויפגענומען די פּונאַנדערגעלייגטע ברויט־ ברעקלעך אין אַ לעפֿל, ביי דער מאַמען האָבן זיך שוין געקאָכט די געפֿילטע פֿיש און פֿון דער וויטנס געלאָזט הערן זייער באַטעמטן ריח.

— יואליק איז געקומען! — האָט די מאַמע אויסגעשריגן און לאַנג זיך נישט געקענט אָפּרייסן פֿון מיר.

דער טאַטע האָט געדולדיק צוגעוואַרט, דערלאַנגט זיך האַנט מיט אַ „ברוך הבא" און אויף שנעל זיך צעקושט.

די מאַמע האָט אויף גיך צוגעגרייט מיר דעם חמצדיקן פֿרישטיק. ווי מערסטנס מאָמעס, האָט זי אויך תּמיד אַרויסגעוויזן אירע ליבע און געטריי־ שאַפֿט מיט די געשמאַקע מאכלים.

באַלד נאָכן פֿרישטיק בין איך אַוועק צו מינען. זי איז געווען אַליין אין שטוב. אָן ווערטער האָבן מיר זיך צעקושט, אַוועקגעזעצט זיך ביים אויוון, הענט אין הענט געשלאָסן, געשוויגן.

נאָך דער לאַנגער צעשיידונג איז די בענקשאַפֿט און דער ווילן צו זיין נאָענט געוואַקסן, געוואָרן נאָך שטאַרקער.

מינע האָט דערציילט, אַז זי גייט אַרבעטן אַלס פּרעבליסטין אין אַ קינדער־גאָרטן. אין די אָוונטן וועט זי זיך לערנען סטענאָגראַפֿיע, בוכ־ האַלטעריע און די ענגלישע שפּראַך. איך האָב איר דערציילט וועגן אפּרימען און פּעסעלען, וועגן זייער וווינונג אויף מילע 44 אין שאָטן פֿון טויט, אין שמוץ. מינע האָט מיט מיר מסכּים געווען, אַז אײדער צו פֿאַרוויסטן זיך דאָס לעבן איז בעסער צוצוואַרטן. זי האָט צוגעגעבן:

— די בעסטע מאכלים אין אַ ברודיקן טעלער האָבן נישט קיין טעם...

דער טראַדיציאָנעלער סדר־טיש ביי מיין טאַטן איז געווען היימיש־ יידישלעך און אויך גייסטריך. דער טאַטע מיט זיין ברייט־צעקעמטער באָרד און געדיכטע ברעמען האָט אויף דעם היסב־בעט אויסגעזען ווי אַן

אמתער מלך, די מאַמע האָט אין אירע יום־טובדיקע מלבושים געשיינט ווי אַ מלכה. אַרום דעם לאַנגן טיש זענען געזעסן אַלע צען זין און טעכטער, דער עלטערער איידעם, דער פרישער איידעם, משה, מירלס מאַן, אויסגע־פוצטע, פול מיט ענערגיע און לעבנסלוסט. פאַר יעדן איינעם איז געשטאַ־נען אַ זילבערנער בעכער, אין מיטן — אליהו הנביאס בעכער. דעם ערשטן טייל פון דער הגדה האָבן אַלע געזאָגט אויפן קול מיט געזאַנג, מיט קלע־נערע פויזעס, וואָס זענען געוואָרן אויסגעפילט מיט באַטעמטע מאכלים. צו „שפוך חמתך" האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט און די מאַמע, פול מיט פאַרכט און גלויבן, האָט געעפנט אַלע דריי טירן פאַרן חשובן גאַסט און דערביי נישט פאַרגעסן צו קושן די מזוזות.

די צווייטע טייל פון דער הגדה האָט מען שוין געזאָגט אין אַ שנע־לערן טעמפּ. איך בין נישט אָפּגעשטאַנען. ווען עס איז געקומען צו „שיר השירים", איז מיך געדאַנק געווען ביי מינען. „השמיעני את קולך, כי קולך ערב ומראיך נאוה" — ווי זיס עס איז מינעס שטים, איר געזאַנג. פאַר מיר איז זי שענער פון אַלע אַנדערע. מיין שיר־השירים איז פאַר איר.

קולטור אין די מאַסן

אין די צאַרישע צייטן האָט מען אין אַזאַ שטאָט ווי לוצק געקענט ציילן די יידישע סטודענטן אויף די פינגער. מערסטנס זענען זיי געווען קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן. שוין אין דער גימנאַזיע האָט מען אַריינגענומען נאָר אַ קליינעם פּראָצענט יידישע שילער לויטן „נומערוס קלאַוזוס". זעלטן ווען עס האָט זיך אַריינבאַקומען אַ ייד פון מיטעלן קלאַס. אַזעלכע זענען שוין זיכער געווען פעיִקער פון אַ סך אַנדערע: יוסף וויסאָצקי, ליבערמאַן, קיבריק, וויסמאַן — מער געדענק איך נישט. קיין אוניווערסיטעט איז אין לוצק נישט געווען, איז מען געפאָרן זיך לערנען קיין קיעוו, וווּ יידן איז כמעט פאַרווערט געווען צו וווינען, חוץ די רייכסטע סוחרים פון דער ערשטער גילדע. די זין פון אַזעלכע גבירים, ווי אברהם גליקליך, פון די

קראַנשטיינס, זענען מערסטנס אַרויסגעפאָרן לערנען קיין אויסלאַנד. איך געדענק זיי, די סטודענטן אין די העל־בלויע מונדירן און היטלען מיט גלאַנציקע דאַשקעס. זיי האָבן זיך געהאַלטן גרויס און כמעט אויסגעמיטן דעם פאַרקער מיט „עמך". איניקע פון זיי האָבן זיך אַפילו געשמדט צוליב קאַריערע, אַנדערע האָבן זיך געשדכנט צו רייכע כלות, וואָס האָבן זיי דערמעגלעכט צו ענדיקן זייערע שטודיעס און איינאָרדענען זיך אין לעבן. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיך די לאַגע געענדערט. די ידישע יוגנט האָט זיך גענומען צו דער לערע. די נייע באַדינגונגען האָבן דער־מעגלעכט די ידן צו וווינען אומעטום, איבערן גאַנצן לאַנד, צו פאַרנעמען הויכע פאַראַנטוואָרטלעכע פאָסטנס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין לוצק זענען אַנטשטאַנען נייע לערנאַנשטאַלטן. אַנשטאָט איין רוסישע גימנאַזיע פאַר יינגלעך און די קאָלענקאָ־גימנאַזיע פאַר מיידלעך, איז צוגעקומען די פוילישע מלוכהשע גימנאַזיע און די ידיש־פוילישע גימנאַזיע. דער ידי־שער האַנדל האָט געליטן פון די הויכע שטייערן און פון די פוילישע סוחרים, וואָס זענען געקומען פון פויזן. די גרויסע צאָל ידישע סטודענטן האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין דער וועלט אַריין. עטלעכע צענדליק קיין פּראָג, שטודירן מעדיצין, איניקע — קיין ווילנע, אויפן יורידישן פאַקולטעט, קיין וואַרשע אין דער „פרייער וושעכניצע".

דעם ענגסטן קאָנטאַקט מיט זייער געבורט־שטאָט האָבן אָנגעהאַלטן די סטודענטן פון וואַרשע. זיי פלעגן אָפטער קומען קיין לוצק און צוזאַמענ־טרעפן זיך מיט דער פּראָגרעסיווער יוגנט, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דער „אויסערפּאַרטיישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע". זיי האָבן זיך אינטערע־סירט מיט דער אַלגעמיינער קולטור־טעטיקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין לוצק און אָנגעהאַלטן מיט זיי אַ שטענדיקע פאַרבינדונג.

די יוגנט האָט אַרויסגעוויזן אינטערעס צו ספּאָרט, באַזונדערס צו פוטבאָל־שפּיל. אין די אָונטן פלעגן די דערוואַקסענע שפּילן אין קאָרטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. טעאַטער־פאָרשטעלונגען זענען פאָרגעקומען זייער זעלטן און מערסטנס פלעגט מען באַזוכן די ביליקע פילמען אין קינאָ. ערשט ווען מיר, די וואַרשעווער סטודענטן, זענען געקומען צו פאָרן אויף די זומער־פעריען קיין לוצק, האָט זיך דאָס קולטור־לעבן אַ הייב געטאָן

אויף אַ העכערן ניוואָ. אין לאָקאַל פון דער יידישער פאָלקסשול האָבן מיר געשאַפן אַ „פאָלקס־אוניווערסיטעט", וואָס איז געווען פאַרשידנאַרטיק און צוטריטלעך פאַר יעדן. די לעקציעס זענען פאָרגעקומען אין יידיש עטלעכע מאָל אין וואָך. דוד ספאַרד און זלמן עלבירט האָבן געליינט פּאָפּולערע לעקציעס וועגן דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור. יוסף וויסאָצקי האָט געפירט שמועסן וועגן מעדיצין. מאָטיע אָקס האָט געליינט וועגן מאַרקס „קאַפּיטאַל". איך האָב געלערנט שרייבן יידיש אָן גרייזן במשך פון צען לעקציעס. חוץ די לעקציעס פלעגן מיר דורכפירן איין מאָל אין דער וואָך אַן אָוונט פון „פראַגן און ענטפערס".

דער עולם האָט מאַסנוויז באַזוכט די לעקציעס. יעדער האָט זיך אויס־געקליבן די לעקציעס, וואָס האָבן אים צומערסטנס אינטערעסירט. איך דערמאָן זיך, אַז בשעת מיינע פּראַקטישע לעקציעס פון דער נייער יידישער אָרטאָגראַפיע איז דער גרויסער זאַל געווען פול, אַ סך צוהערער זענען געשטאַנען אין דרויסן, ביי די פענצטער און פאַרציכנט די כּללים און ביישפּילן, וואָס איך האָב פאַרגעשריבן אויפן טאָוול.

אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג האָבן אַרויסגערופן די געזעלשאַפטלעכע געריכטן, וואָס מיר פלעגן איינאָרדענען. צו דעם צוועק האָבן מיר געמוזט דינגען אַ גרעסערן זאַל אין דער יידישער קהילה אָדער אין דער אוקראַי־נישער „פּראָסוויטאַ". דערויף האָבן מיר געמוזט באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער אָרטיקער מאַכט. דער אַריינגאַנג — לויט בילעטן. עס זענען פון פאָרויס באַשטימט געוואָרן די אָנטיילנעמער: דער באַשולדיקער, דער פאַרטיידיקער, עקספּערטן און עדות. דעם ריכטער־קאָמפּלעט האָבן די באַזוכער אַליין אויסגעקליבן.

כ'דערמאָן זיך די אינטערעסאַנטע געריכטן, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט אויף פאַרשידענע טעמעס: „איבער דער יידישער פרוי", „באַנטשע שוויג", „איבער דער יידישער יוגנט". אַ באַזונדערן אינטערעס האָט אַרויסגערופן דער געריכט אויף דער טעמע „איבער דער טעטיקייט פון דער יידישער ,קאָלאָ' אין פּוילישן סיים". אין משך פון צוויי טעג זענען אַלע בילעטן געוואָרן אויספאַרקויפט. פון אונדזער זייט זענען נאָר באַשטימט געוואָרן: דוד ספאַרד אַלס פּראָקוראָר, זלמן עלבירט, אַלס געהילף־פּראָקוראָר, איך

— אַלס ציוויל־מאַנער מצד דער געזעלשאַפט. אַלס עקספערטן זענען איינגעלאַדן געוואָרן: ד״ר ביילין, אַן אָנגעזעענער כלל־טוער אין לוצק; דער ראַבינער משה גליקליך. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט צוגעשיקט אַלס פאַרטיידיקער אַ יונגן פעיִקן ציוניסטישן טוער, באַרזאַך און ד״ר בראָמבערג. אַלס עדות זענען אַרויסגעטרעטן: מאַטיע אָקס פון די לינקע, משה פערדמאַן פון „בונד״ און אַ סך אַנדערע. די צוועלף ריכטער זענען געקליבן געוואָרן לויט אַ ספּעציעלער קאַרטע, וואָס איז צוגעגעבן געוואָרן צום אַריינטריט־בילעט און געגעבן „שטים־רעכט״.

מוצאי שבת, פּינקטלעך 8 אָוונט, איז מען צוגעטראָטן צו די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען. ביסלעכווייז האָבן זיך צעקאָכט די געמיטער פון די אָנטיילנעמער און אויך פון די צושויער. די אַטמאָספער איז געווען אָנגעגליט. מען האָט דערפילט, אַז דער „משפט״ איז פיל ערנסטער פון אַלע פריִערדיקע משפטים. אורי גליקליך האָט אָנגעפירט מיט די פאַרהאַנדלונגען מיט אַ סך טאַקט. דער פאַרטיידיקער האָט די עקספערטן און עדות געשטעלט אַן אַ שיעור פראַגן און געפאָדערט אַרויסצורופן נאָך עדות.

עס איז שוין געווען שפעט נאָך האַלבער נאַכט און דער עולם, אַ געשפּאַנטער, האָט נאָך אַלץ נישט געטראַכט צו פאַרלאָזן דעם זאַל. מיד און אָנגעשטרענגט, האָט זיך אָבער פאַרט נישט געוואָלט שלאָפן. אַלע זענען געווען דורכגענומען מיט אַן עקשנותדיק אַחריות־געפיל, ערנסט אָפּגעשאַצט די ראָל פון די ידישע פאַרשטייער אין פוילישן סיים, לטובת אָדער לרעה פאַרן יידישן פאָלק און זיין קיום.

די הענער האָבן שוין געוועקט צום אויפשטיין. אין דרויסן האָט שוין געשאַריעט דער פרימאָרגן, אָבער די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען זענען נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען.

מען האָט געמוזט מאַכן אַן איבעררייס אויף דריי שעה. די דערלויבעניש איז געווען גילטיק ביזן פרימאָרגן. ד״ר ביילין האָט זיך אונטערגענומען אַרויסצובאַקומען פון סטאַראָסטע אַ דערלויבעניש פאַרצוזעצן דאָס געריכט, כאָטש עס איז געווען זונטיק, אַ רו־טאָג. ער איז געווען פערזענלעך גוט באַקאַנט מיטן סטאַראָסטע, וועלכער איז געווען זיין פּאַציענט און ער איז דערפאַר געווען זיכער, אַז ער וועט אים נישט אָפּזאָגן. נישט גערן איז

זיך דער עולם פונאַנדערגעגאַנגען, כאַפּן אַ דרימל און עפּעס איבערבייסן.

די דערלויבעניש האָבן מיר באַקומען. אַרום 9 אַזייגער אין דער פרי זענען געקומען אַ סך נייע מענטשן און געפּאָדערט בילעטן. די קאַסע איז געווען באַלאַגערט. אויך די מיט די גערכטיקע בילעטן האָבן געמוזט אויס־קויפן נייע. די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן ביי אַ פול געפּאַקטן זאַל.

אין שטאָט האָבן אַלע גערעדט וועגן דעם משפּט. עס האָבן זיך געשאַפן צוויי צדדים און מען האָט הייס דיסקוטירט ווער עס איז גערעכט, די פאַר־טיידיקער, צי די באַשולדיקער. מען האָט געגלויבט דעם פּראָקוראָר, אַז ער האָט אַ גמרא־קאָפּ און אַ מויל אויף שרויפן. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דער פאַרטיידיקער וועט נאָך אַ מאָל זיין אַ מיניסטער. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן מיט די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן באַשולדיקט יצחק גרינבוימען, פאַר זיין גיין צוזאַמען מיט די אוקראַיִנישע פּאָגראָמשטשיקעס אין איין בלאָק. די גאַס האָט זיך באַטייליקט אין דעם משפּט און אין זאַל האָט זיך געקאָכט, ווי אין אַ קעסל. די שעהן זענען געלאָפן. עס איז שוין מיטאָג־צייט און עס האָט נאָך אַלץ נישט גענומען קיין סוף. דער פּראָקוראָר און זיין געהילף זענען שוין הייזעריק. אויך באַרזאַך איז שוין געווען מיד, אָבער נאָכגעבן וויל קיינער נישט. די ריכטער הייבן שוין אָן צו דרימלען, זעלטן זיי שטעלן די עדות אַ פראַגע.

ערשט מאָנטיק אַרום 12 אַזייגער פאַרמיטאָג האָבן זיך געענדיקט די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען. די ריכטער זענען אַוועק אין אַ זייטיק צימער, אַרויסטראָגן זייער גערעכטן אורטייל. פלוצים זענען אָנגעקומען עטלעכע פּאָליציאַנטן און אייניקע איבערגעטועטע אַגענטן פון דער דעפענסיווע. זיי האָבן אויפגעפּאָדערט דעם עולם זיך פונאַנדערצוגיין און צעטריבן אויך די ריכטער.

עס האָבן זיך פונאַנדערגעטראָגן קלאַנגען, אַז עמעץ, אַ פּאַראינטערע־סירטער האָט צוגעטראָגן אין די הויכע פענצטער און געפּועלט, אַז מען זאָל נישט דערלאָזן אַרויסטראָגן דעם אורטייל.

ווי עס זאָל נישט זיין, האָט דער משפּט איבערגעלאָזט אין שטאָט אַ שטאַרקן רושם. אויך מיר האָבן פון דעם משפּט אַריינבאַקומען אַ גרויסע

י ו א ל פ ע ר ע ל

הכנסה, וואָס האָט אונדז דערמעגלעכט צו פאַרווירקלעכן אונדזער טרוים — אַרויסצוגעבן דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „שפּראָצונגען".

„שפּראָצונגען"

דער אָפּקלאַנג פון געזעלשאַפטלעכן פּאָליטישן משפט איבער דער יידישער „קאָלאָ" איז ווייט אַריבער די גרענעצן פון לוצק. דאָס איינגע־דרימלטע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין שטאָט האָט אויפגעוואַכט. מען האָט דערפילט אַ נויטווענדיקייט צו האָבן אַ שטענדיקע אומאָפּהענגיקע טריבונע, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען די ווירקלעכקייט, קריטיש אַנאַליזירן און וועקן צו מעשים. די פאַרבליבענע אין לוצק, שמואל כאַזאַן, יצחק שטערנפעלד א"אַ, האָבן געפּרוווט אַרויסגעבן די ערשטע וואָכנצייטונג א. נ. „וואָלין". אין לוצק איז דעמאָלט קיין גרעסערע דרוקעריי נישט געווען, האָט מען גע־מוזט אַוועקשיקן די מאַטעריאַלן צו דרוקן קיין וואַרשע. איך און מיינע חברים האָבן מיט חשק גענומען העלפן ביים רעדאַגירן און אַרויסגעבן דאָס ערשטע וואָכנבלאַט. פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ פּראָבירשטיין, צי מיר וועלן זיין בכוח אַרויסצוגעבן אונדזער ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „שפּראָ־צונגען" און פאַרשפּרייטן אים איבער גאַנץ פּוילן און אויך אין אויסלאַנד.

דער ערשטער נומער „וואָלין" האָט אין לוצק אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס. דאָס האָט דערפירט צום אַנטשטיין פון אַ בשותפותדיקער דרו־קעריי, וואָס האָט זיך נישט געשטעלט פאַר אַ ציל צו ציען פון איר פאַר־דינסטן, נאָר געהאַט פאַר זיך בלויז דעם געזעלשאַפטלעכן אינטערעס. דער זעצער שמואליק גאַרבער האָט אַוועקגעשטעלט אַ פיינע דרוקעריי. יצחק שטערנפעלד האָט אָפּגעגעבן אַן אומזיסטן לאָקאַל און עס איז אַוועק אַ גאַנג. לוצק האָט באַקומען אַ פּעריאָדישע צייטונג „וואָלינער פּרעסע", מיט אַנאָנסן, מיט גליקוווּנטשן און נעקראָלאָגן, אָבער דער עיקר אַ לעבעדיקע אומפּאַרטייאישע טריבונע.

צוזאַמען מיט זלמן עלבירט און דוד ספאַרד האָב איך געדונגען אַ גרע־

סערן צימער אויף נאָוואָליפּקי 42, ביי דודס אַ קרוב, משה לעווערטאָוו און אונדזער שלאָפצימער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון דעם ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „שפּראָצונגען“. סיי דער נאָמען פונעם זשורנאַל, סיי די לענגלעכע אַלבום־פאָרעם, האָבן דערציילט וועגן יוגנטלעכן ברען, און דער זשורנאַל האָט אַרויסגערופן אַ וואַרעמען אָפּרוף ביי דער בעסערער יידישער יוגנט אין גאַנץ פּוילן. די קאָנצעסיע אויף אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל האָב איך באַקומען אויף מיין נאָמען, אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר. פּאַקטיש האָבן זיך מיט דער רעדאַקציע־אַרבעט פאַרנומען דוד ספאַרד און זלמן עלבירט. איך האָב געטראָגן אויף זיך די שווערע לאַסט פון דער אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט, איינגעקויפט פּאַפּיר, פאַרהאַנדלט מיט דער דרוקעריי און פאַרבונדן זיך מיט די צייטונגס־פאַרשפּרייטער.

דער ערשטער נומער „שפּראָצונגען“ איז צעשיקט געוואָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פון גאַנץ פּוילן. פאַרשטענדלעך, אַז די לוצקער האָבן אים באַקומען די ערשטע און זענען אויך געווען די בעסטע פאַרשפּריי־טער פונעם זשורנאַל. דאָס וואָכנבלאַט „וואָלין“ האָט אים ברייט רעקלאַ־מירט, געשריבן וועגן אים ברייטערע אָפּהאַנדלונגען. עס זענען געשאַפן געוואָרן שטענדיקע אָבאָנענטן און עס זענען אויך אַריינגעפלאָסן איינמאָ־ליקע באַשטייערונגען לטובת דעם זשורנאַל, מיט וועלכן די לוצקער ליטעראַרישע כוחות זענען אַרויס אויף דער ברייטער וועלט. זלמן עלבירט האָט אָנגעהויבן דרוקן זיין גרויסע אָפּהאַנדלונג „איבער אונדזער פּראָזע“, יצחק שטערנפעלד — אַ דערציילונג, אורי גליקלעך — אַ פּובליציסטיש אַרטיקל וועגן דער קולטור־אַרבעט צווישן דער יוגנט. דוד ספאַרד האָט אָפּגעדרוקט עטלעכע פון זיינע לידער. יונגע טאַלאַנטן פון גאַנץ פּוילן האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט צו פאַרעפנטלעכן אין די „שפּראָצונגען“ זייערע ערשטע שאַפונגען. דער ווילנער אלחנן וואָגלער, דער קוזמירער שמואל־לייב שניידערמאַן, דער קרענקלעכער בייניש זילבערשטיין, דער טאַלאַנטיר־טער דוד מיצמאַכער, אַ געשעפטס־אַנגעשטעלטער, האָט אָנגעהויבן דרוקן זיינע „שמאַטע־קלויבער“, ש. וואָלמאַן — זיינע קריטישע באַמערקונגען און נאָך פיל אומבאַקאַנטע יונגע שרייבער האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט צו פאַר־

עפנטלעכן אין אונדזער זשורנאַל זייערע ווערק. איך האָב אָפּגעדרוקט מיין באַלאַדע אין ווייסע פערזן „די סירענע", וואָס איך האָב אָנגעשריבן נאָך שלום אַשס באַזוך אין לוצק, ווו ער האָט אַרויסגעוויזן זיין איגנאָראַנץ צו דער לוצקער יוגנט.

די באַציִונג פון די עלטערע שרייבער צו די יונגע „שפּראָצונגען" איז געווען אַ פּאָזיטיווע. נחמן מייזיל האָט נישט געזען אין זיי קיין קאָנקורענץ פאַר די „ליטעראַרישע בלעטער". וויסנבערג איז אַליין געקומען אין אונדזער רעדאַקציע באַגריסן און אויסדריקן זיין סימפּאַטיע. די אַמעריקאַנער שרייבער אָפּאַטאָשו און לייוויק, וועלכע זענען דעמאָלט געווען צו גאַסט אין וואַרשע, האָבן אָנגענומען אונדזער איינלאַדונג און געקומען צו אונדז אין רעדאַקציע אויף אַ היימישן שמועס. זייערע בילדער און באַגריסונגען זענען געוואָרן אָפּגעדרוקט אין די וויטערדיקע נומערן פון די „שפּראָצונגען". אונדזער רעדאַקציע איז געלונגען צו באַקומען גראַטיס־בילעטן אין אַלע יידישע און פּוילישע טעאַטערס פון וואַרשע און מיר פלעגן געבן רעצענזיעס וועגן די פאַרשטעלונגען.

מאַטעריעל האָבן מיר געלעבט קאַרג און אָרעם, די פאַרדינסטן זענען געווען קליינע און די ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז געווען פאַר אונדז אַ באַפרידיקונג. אונדזער שטוב איז אין די אָוונטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ליטעראַרישן יריד. ביי אַ גלעזל טיי האָט מען געשמועסט, אַנטדעקט נייע טאַלאַנטן און באַהאַנדלט די וויכטיקע טעאַטער־פאַרשטעלונגען. דעם גרעסטן אינטערעס האָבן אַרויסגערופן די „הבימה"־פאַרשטעלונגען אין טעאַטער „באָוואַשטשי": „חורבן ירושלים", „כתר דוד", „האוצר", „הדיבוק". זיי האָבן מיט זיך געבראַכט נייע באַגריפן וועגן טעאַטער, וועגן שפּיל און ווירקונג, און כאָטש מען האָט די שפּראַך אין דער ספרדישער הברה שוואַך פאַרשטאַנען, איז עס פאַר אונדז געווען אַ גרויסע איבערלעבונג.

די אָנגעשטרענגטע אַרבעט אַרום די „שפּראָצונגען" האָט אונדז צוגעגעבן ענערגיע אויך ביים לערנען און אָפּגעבן די עקזאַמענס. די מיינונגען אין דעם סטודענטישן אינדעקס זענען ביי אונדז אַלע דריי געשטיגן, נישט

געקוקט דערויף, וואָס אונדז איז אויסגעקומען צו פאַרפעלן אַ סך לעקציעס. אַרויסגעהאָלפן האָבן אונדז די „סקריפּטן" און דער חשק צו לערנען.

פון צייט צו צייט, אויף אַ פּרייטיק־צונאַכטס, אָדער מוצאי שבת, פלעגן מיר אַרויספאָרן אין די אַרומיקע פּראָווינץ־שטעט און האַלטן רעפעראַטן פאַר דער יוגנט. דערביי האָבן מיר אויך פאַרשפּרייט די „שפּראַצונגען" און געשאַפן נייע אָבאָנענטן.

דוד ספאַרד האָט רעפערירט אד"ט „פילאָזאָפיע פון דער יידישער ליטעראַטור", זלמן עלבירט — „דער גולם־פּראָבלעם אין דער יידישער ליטעראַטור", איך — „טעאַטער אַמאָל און היינט", אורי גליקליך — „דער אַני־מאמין פון דער יידישער יוגנט".

עס זענען געווען יאָרן פון פרוכטבאַרער טעטיקייט און אינהאַלטפולע פאַרווייַלונגען. אונדזערע לוצקער חברים: מינע, חנה קרישטאַלקע, משה מאַנדלמאַן, קאַשקעט, בעספּאַלטשיק, האָבן ווייטער אָנגעפירט מיטן „אומפּאַרטייִשן יוגנט־פאַרבאַנד" און געשטאַנען מיט אונדז אין כסדרדיקן קאָנטאַקט. מיינע בריוו צו מינען און אירע צו מיר זענען געווען אינהאַלטרייך, אָבער בלויז צווישן די שורות האָבן מיר ביידע געלייענט דאָס, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין אונדזערע הערצער. אַזוי האָט עס אָבער לאַנג נישט געקענט דויערן. ליבע רייפט מיט דער עלטער, שטרעבט צו נאָענטקייט, הערצער ציִען זיך איינע צו די אַנדערע, ווי דורך שטאַרקע מאַגנעטישע כוחות. די קורצע זעונגען אונדזערע אין די פּסח־טעג, אין דער פעריען־צייט האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די צוציִונגס־קראַפט, די בענקשאַפט. מינע האָט זיך אויסגעלעבט אין איר דערציערישער אַרבעט אין קינדערגאָרטן און אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אָבער אין אירע לירישע געזאַנגען האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אומעטיקע טענער פון בענקשאַפט. איך האָב זיי אָפּגעפילט אין אירע בריוו און דאָס האָט אַרויסגערופן ביי מיר אומרו און די שטרעבונג צו ענדערן אונדזער לאַגע.

יואל פערעל

אין דער פּאָלקסשול

דאָס פּאָליטישע לעבן אין פּוילן, וואָס איז נאָך הונדערטער יאָרן אָפּ־העגניקייט, אויפגעשטאַנען תחית המתים האָט נישט אויפגעהערט צו ברויזן ווי אַ צעשטורעמטער ים. די עקסטרעמע פּאַרטייען, די סאָציאַליסטישע פּ.פּ.ס. און די רעכטע נאַציאָנאַליסטישע ענדעקעס האָבן געפירט צווישן זיך אַ קאַמף פאַר מאַכט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז פּאַרטריבן געוואָרן אין אונטערגרונט און איז אומברחמנותדיק גערודפט געוואָרן דורך דער פּאָליציייִשער דעפענסיווע. אַ מערדערישע קויל האָט דערמאָרדעט דעם ערשטן דעמאָקראַטישן פּרעזידענט נאַרוטאָוויטש. דער מידער זיגער ביי דער ווייסל, פּילסודסקי, איז אַוועק רוען אין זיין גוט. דאָס ציגל אין דער וואָג איז געוואָרן וויטאָס, דער פירער פון די פויערים, דער כיטרער פויער „אַן קראַוואַט".

דעם 13טן מאַי 1926 איז פון רעמבערטאָוו אָנגעקומען פּילסודסקי מיט אַ באַוואָפנטער אַרמיי און באַגעגנט זיך אויף דער וואַרשעווער פּאָניאַטאָוו־סקי־בריק מיטן פּרעזידענט וואָיטשעכאָווסקי. צו קיין הסכם איז צווישן זיי נישט געקומען און איבער די וואַרשעווער גאַסן האָבן זיך צעפלאַקערט ברידער־קאַמפן. פּילסודסקיס לאַגער האָט באַקומען פרישע כוחות פון ציטאַדעל. וואַרשע איז געזונקען אין פינצטערניש, אין הונגער, מאַנגל אין וואַסער. דאָסווירטשאַפטלעכע לעבן איז ווי אָפּגעשטאַרבן. איך בין גע־ווען גליקלעך, ווען איך האָב געפּאַקט אַ מציאה ביי מיין קרעמער אַ פּאָר קילאָ בולקעלעך, האַרטע, ווי שטיין, מיט שימל. מער ווי זעקס שטיק אַ טאָג האָבן מיר אַלע דריי נישט פאַרנוצט. מיט פלעשער זענען מיר גע־שטאַנען אין דער ריי צו אַ ברונעם, כדי אָנצושעפּן כאָטש אַ ביסל וואַסער צום טרינקען. אויפן פּלאַץ באַנקאָווי האָט אָפּגעהילכט די פלאַמיקע רעדע פון סאָכאַצקי, דעם לידער פון די לינקע. יעדע האַלבע שעה זענען צע־כאַפּט געוואָרן די עקסטראַ־אויסגאַבעס, וואָס האָבן געמאָלדן וועגן די נצחונות פון די פּילסודטשיקעס, וועגן די אולטימאַטומס, וועגן די יונגע אָפיצירן, וואָס האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין דער אָפיצירן־שול; וועגן

די מיניסטאָרן אין בעלוועדער, וואָס ווילן זיך נישט אונטערגעבן און וואַרטן אויף אַ נס...

דריי טעג בלוטיקע גאַסן־קאַמפּן, פיר הונדערט הרוגים און טויזנטער פאַרוווּנדעטע, שאָדנס אויף מיליאָנען — אָבער דער נצחון איז אויף דער זייט פון דעם הויכן מיליטערמאַן מיט די געדיכטע ברעמען, לאַנגע וואָנצעס און אומבאַגרענעצטער מאַכט־גיריקייט. די גאַסן, ווו עס זענען פאָרגעקומען די קאַמפן, די יעראָזאָלימער אַליע, די אויאַזדאָווער, די מאַרשאַל־קאָווסקע זענען באַדעקט מיט שמוץ, מיט מענטשלעך בלוט. אַרום די אויסגעשטעלטע וויטרינעס מיט בילדער פון די הרוגים האָבן זיך געזאַמלט מאַסן מענטשן, וואָס האָבן געפּרוּווט דערקענען זייערע אייגענע צווישן די הרוגים. מענטשן האָבן געקלאָגט, געחלשט. די גיכע הילף האָט זיי אָוועקגעפירט. וווהין? נישטאָ שוין וווהין צו פירן — אַלע שפּיטאָלן זענען פאַרנומען.

פּאַוואָליע האָט זיך דאָס לעבן געוווּנען נאָרמאַליזירן און מען האָט זיך געוווּנען גרייטן צו פרישע וואַלן. ביי יידן האָבן זיך געוועקט נייע האָפענונגען אויף דעמאָקראַטיע, פרייהייט און גלייכהייט. מאַטיע אָקס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין אויער, ביים סאַמע מוח, נאָר אָן געפאַר פאַר זיין לעבן. מיר, די לוצקער, האָבן זיך באַמיט פאַרצוזעצן אונדזער ליטעראַרישע אַרבעט און ווייטער אַרויסגעבן די „שפּראָצונגען", כאָטש די הכנסות פון די צייטונגס־אַגענטן זענען געווען מינימאַלע און דער קאָנטאַקט מיט די חברים אין לוצק איז געוואָרן אַלץ שוואַכער. מיר זענען געווען מיד, פיזיש דערשעפּט. אין די אומרויקע טעג האָב איך פאַרלוירן מיינע פּריוואַטע לעקציעס. די פּעדאַגאָגישע אַרבעט אין דער אָוונט־שול איז ווייטער אָנגעגאַנגען, אָבער די לעקציעס זענען נישט פאָרגעקומען רעגולער און די פאַרדינסטן — ביז גאָר מינימאַלע.

צום נייעם שול־יאָר האָב איך באַקומען אַרבעט אַלס לערער און דערציִער אין דער פאָלקסשול פון ציש"אָ אויף מילע 56. איך האָב געדאַרפט פירן אַ פערטן קלאַס און לערנען אַלע קעגנשטאַנדן. אויך דאָ זענען די פאַרדינסטן געווען קליינע, אָבער דאָך איז דער לוין געווען אַ סטאַבילער. דער שול־אינספּעקטאָר גילינסקי האָט באַזוכט מיינע ערשטע לעקציעס,

עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד. נאָך יעדער שעה האָט ער מיר געמאַכט זיינע באַמערקונגען: „נישט שרייען... רעדן געלאַסענער. וואָס שטילער איר וועט רעדן, אַלץ בעסער וועלן די שילער הערן...״

ער איז געווען גערעכט. אויך די דיסציפּלין האָט זיך פאַרבעסערט. גילינסקי האָט געפאָדערט, איך זאָל באַזוכן די לעקציעס פון אַנדערע לע־רער, נישט נאָר אין אונדזער שול. איך האָב זיך געדאַרפט שריפטלעך פאַר־פליכטן צו באַזוכן די לעקציעס ביי דער לערערין הערצליך אויף מוראַ־נאָוו, ביי אונדזער פאַרוואַלטערין מנוחה ראַבינאָוויטש, ביי קאַגען — און איך בין געבליבן אַרבעטן. די פּעדאַגאָגישע אַרבעט האָט מיך אין גאַנצן פאַרכאַפּט. איך האָב ליב געקריגן די שילער און שילערינס, ווי זיי וואָלטן געווען אייגענע קינדער. איך בין גערן געלאָפן אויף די לעקציעס, באַזוכט מיינע שילער אין דער היים, אַנגעפירט מיט אַ דראַמאַטישן קרייז.

יעקב פאַט האָט ספּעציעל פאַר אונדז אָנגעשריבן אַ קינדער־פּיעסע „דעם קעניגס טאָכטער״. איך האָב זי אויפגעפירט מיט מיינע שילער. אונ־דזער שול איז געווען ליבעראַלער פון אַנדערע, איז נישט געווען קיין בונ־דישע און נישט קיין פּועלי־ציוניסטישע. דאָס איז געווען די איינציקע שול פון די „אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן״ — די קרוקאָווצעס. דאָ האָבן גע־אַרבעט לערער פאַרטייישע און אומפאַרטייישע. אויך די שילער האָבן גע־הערט צו פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, אַפילו צו די פּיאָנערן. די פאַרוואַל־טערין מנוחה ראַבינאָוויטש, אַן ענערגישע פרוי, מיט רייכער פּעדאַגאָגי־שער דערפאַרונג, איז געווען אַ בונדיסטין, ביילע טאַלפּין — אַ באָראָכאָ־וויסטין. איר האָט אינטערעסירט מער דער פּעדאַגאָגישער פּראָצעס, די קינדער; זי איז געווען צו זיי ווי אַן אייגענע מוטער און די קינדער האָבן איר פאַרטרויט אַלע זייערע סודות, אַפילו די אינטימסטע ענינים. אַ גוטער לערער איז געווען יעראָזאָלימסקי, אָבער אַלץ איז געווען ביי אים קאָנ־ספּיראַטיוו. צו איינער פון די שילערינס פון מיין קלאַס, רחל שטערן, האָט ער, וויזט אויס, געהאַט דעם פולן צוטרוי און האָט איר פאַרטרויט דאָס פאַרקויפן מאַרקעס פון „מאָפּר״ — הילף פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, און האָט זי צוגעגרייט צו לייענען אַ רעפעראַט אויף דער 1טער מאַי־אַקאַדעמיע.

ערב דעם 1טן מאַי, פאַרנאַכטצו, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שוללאָקאַל

די שילער פון די עלטערע קלאַסן, אָנגעטאָן אין זייערע שבתדיקע מלבושים, באַפּוצטע מיט רויטע לענטעס, לכבוד דעם 1טן מאַי. זיי האָבן דורכמאַר־שירט מיט הילכיקע געזאַנגען איבערן זאַל, געטראָגן טראַנספּאַרענטן, אויס־געשריגן לאָזונגען און דערנאָך זיך אויסגעזעצט אויף די צוגעגרייטע בענק.

רחל שטערן האָט געהאַלטן איר רעפעראַט וועגן 1טן מאַי. זי האָט אויפגעפלאַמט און פון אירע אויגן זענען געפלויגן פונקען. די ווערטער זע־נען אַרויסגעקומען מיט היץ און ברען. זי האָט גערופן צום קאַמף קעגן דער אָרדענונג פון אונטערדריקונג און שקלאַפעריי.

פלוצים האָט זי איבערגעריסן, געטאָן זיך אַ וואַקל און אומגעפאַלן. איך בין צוגעלאָפן צו איר. זי איז געלעגן מיט פאַרגלאָזטע אויגן, געוואָרפן זיך מיט איר גאַנצן קערפּער און אַ ווייסע שוים האָט פאַרדעקט אירע ליפן.

די קינדער זענען געוואָרן דערשראָקן און פאַרצווייפלט. אייניקע האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. די לערער האָבן זיך באַמיט זיי צו באַרויִקן. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס איז אַן עפּילעפּסיע־אָנפאַל.

ענדלעך האָט זי זיך באַרויִקט, נישט געוואָרפן זיך מער, נאָר אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ שטאַרקן שלאָף. צוזאַמען מיט יעראָזאָלימסקין האָב איך זי אַראָפּגעטראָגן פון פינפטן שטאָק, אַרויפגעלייגט זי אויף אַ דראָזשקע און אָפּגעפירט אַהיים.

די מוטער האָט פאַרבראָכן די הענט און צעכליפּעט זיך אויפן קול:

— ווי, ווי, כ'האָב געמיינט, אַז שוין... שוין עטלעכע יאָר האָט זי עס נישט געהאַט.

איך האָב דאָס מיידל אַרויפגעלייגט אויפן בעט און אַוועקגעזעצט זיך וואַרטן, ביז זי וועט זיך אויפכאַפּן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט. בלאַס, מיט פאַרלאָשענע אויגן, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און דערזעענדיק מיך, האָט זי געפרעגט:

— לערער, ווו בין איך? וואָס איז מיט מיר געשען?

— גאָרנישט, רחלע, גאָרנישט. דו ביסט קראַנק געוואָרן, האָבן מיר דיך געבראַכט אַהיים.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אירע קלוגע און אומעטיקע אויגן, ווי זי וואָלט שוין אַלץ פאַרשטאַנען, נאָר האָט גאָרנישט גערעדט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז זי געקומען, ווי געוויינלעך, אין שול אַריין, די חברטעס האָבן זי וואַרעם אויפגענומען. ביי אַ סך זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. נאָך דער לעקציע האָט די פּאַרוואַלטערין מנוחה געהייסן זי אַהיימגיין און פאַרבלייבן נאָך עטלעכע טעג זיך אָפּרוען און קומען צו זיך. רחלע האָט גאַרנישט געענטפערט, נאָר שטיל פאַרלאָזט דאָס לערער־צימער. אויפן צווייטן טאָג איז זי ווידער געקומען, שפּעטער אַ ביסל, ווען די לעקציעס זענען שוין פאַרגעקומען. זי האָט נישט מיטגענומען מיט זיך די ביכער און העפטן. זי האָט זיך פּשוט פאַרבענקט נאָך דער שול, איז אַריין אין זאַל און פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן. די פאַרוואַלטערין מנוחה האָט פון איר קלאַס דערזען רחלען אויפן באַלקאָן, איז איר דורך אַ שווידערלעכער געדאַנק, האָט איבערגעריסן די לעקציע און איז שטיל אַרויס פון קלאַס, צוגעגנבעט זיך צום באַלקאָן און שוין אין דער לעצטער סעקונדע, ווען רחלע איז שוין געווען אַריבערגעבויגן אויף דער העלפט איבערן אָנהאַלט פון באַלקאָן, האָט זי באַוויזן אָנצוכאַפּן זי ביים קליידל. זי האָט זי אַריינגעטראָגן שווייגנדיק אין לערער־צימער, און רחלע האָט ווידער אַ מאָל באַקומען דעם אַטאַק פון עפּילעפּסיע.

די חתונה אין דאָרף

יוגנטלעכער ברען איז אָפט ווי אַ פלאַם, וואָס בליצט אויף, באַלייכט דעם אַרום, פאַרמאָגט אָבער נישט קיין לאַנגן אויסדויער, ווי אַ פייער מיט אַ שוואַכן צופלוס פון פרישן זויערשטאָף. שוועריקייטן האַמעווען, דער פלאַם ווערט אַלץ שוואַכער, ביז ער לעשט זיך אינגאַנצן אויס.

אַכט נומערן פונעם חודשלעכן יוגנט־זשורנאַל „שפּראָצונגען“ זענען דערשינען ביי גרויסע שוועריקייטן, אָבער מיט אַ סך התלהבות. די באַגרענעצטע מאַטעריעלע מיטלען זענען אַלץ ווייניקער אָנגעקומען פון די פאַרשפּרייטער אין די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, אַפילו פון לוצק. צו דעם זענען נאָך צוגעקומען די אייגענע עקאָנאָמישע לאַגע, דאָס גרייטן

זיך צו די עקזאַמענס, די נייע פּלענער פאַרצוזעצן דאָס לערנען אין אויסלאַנד. דאָס אַלץ האָט אָפּגעשוואַכט אונדזער ענערגיע. נישט געווען, ווער עס זאָל העלפן. די בעלנים אויף אָפּצודרוקן אַ ליד, אַ דערציילונג, אַפילו אָן האָנאָראַר, זענען געווען לרוב — זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די טאָג־טעגלעכע לאַסט פון דער אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט.

דוד ספאַרד האָט זיך פאַרנומען מיטן איבערזעצן פאַרן גאָלדפאַרב־פאַרלאַג דאָס בוך פון ראָמען ראָלאַן וועגן טאָלסטאָי און גאַנדי פון פראַנצויזיש אויף יידיש. זלמן עלבירט איז געוואָרן סעקרעטאַר פון פראָ־פעסיאָנעלן פאַראיין פון די אַדמיניסטראַטיווע צייטונגס־אַרבעטער, אַ פאַראיין, אַ מיוחס מיט אַ באַגרענעצטן צופלוס פון נייע מיטגלידער. איך האָב מיין האַרץ און אינטערעס אַוועקגעגעבן דער אַרבעט אין דער יידישער פאָלקס־שול און אויף די אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער...

אַזוי אַרום האָבן די „שפּראַצונגען" נאָר באַוויזן צו צעבליען זיך אָבער נישט צו שטעלן זיך אויף די אייגענע פיסלעך.

דאָס איז געווען אַ פילפאַרביק קאַפּיטל אין אונדזער סטודענטישן לעבן, אַ וויכטיקער פּרוּוו אויפן ליטעראַרישן פעלד. פון מינען האָב איך באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן זי האָט מיר אַריינגעלייגט אַן איינלאַדונג אויף דער חתונה פון אונדזערע געמיינזאַמע חברים אין דאָרף טשאַרוקאָוו. זי וואָלט מיט פאַרגעניגן געפאָרן אויף יענער אויסטערלישער חתונה, אָבער אַליין ?...

זינט עטלעכע דורות האָבן די יידן געוווינט אין אוקראַינישן דאָרף און געלעבט בשלום מיט די פּויערים, גערעדט, ווי זיי, אויף דער פּשוטער כאַכאָלסקער שפּראַך און געצויגן זייער חיונה פון אַ געוועלבל מיט שניט־סחורות, טיכלעך. די פּויערים האָבן מערסטנס גענומען אויף באָרג, אָפּגעצאָלט מיט אייער, פּוטער און סמעטענע. די דאָזיקע פּראָדוקטן פלעגט יאָסי אָדער זיין ווייב, חייקע פירן צו פאַרקויפן קיין לויצק. יאָסי, אַ לאַנגער דאַרער יונגערמאַן, אַ ביסל איינגעהויקערט, האָט זעלטן געשמייכלט צו פרעמדע, אָבער צו זיינע אייגענע קינדער, פייסע, אסתרקע און שימעלע, ווי צו זיין ווייב חייקע, איז ער תמיד געווען אַ צעשמייכלטער, שטיל ווי אַ

טויב, מיט אַ גוט און ברייט האַרץ. די קינדער האָבן זיך געבאָדן אין „מילך און אין האָניק״, געגעסן יאַכעלעך אַפילו אין אַ וואָכעדיקן טאָג, אָבער אויסגעזעצן האָבן זיי, ווי אויסגעדאַרטע ישיבה־בחורים, וואָס לעבן פון עסן „טעג״ ביי פרעמדע טישן. אַלע דריי האָבן זיי געלערנט ביי אַ יונגן לערער, וואָס פלעגט פאָרן פון דאָרף צו דאָרף און לערנען יידישע קינדער, באַקומענדיק דערפאַר „קעסט״ און אַ ביסל שכירות.

אין צווייטן דאָרף שפּראַך האָט געוווינט חייקעס שוועסטער מיט איר מאַן און צוויי טעכטער. זיי האָבן, ווייזט אויס, שטילערהייט געגעבן די פּויערים אויף באָרג צו טרינקען בראָנפן ביי זיך אין שטוב און אויך געפירט שפּייז־פּראָדוקטן אין שטאָט אַריין צום פאַרקויפן. אויך זייער טאָכטער האָט געהייסן אסתר און איז געווען שיין ווי אסתר המלכה, אַ קלאָר אַלעבאַסטער פּנים מיט שוואַרצע אויגן, געקרייזלטע שוואַרצע האָר, נאָר איז, נעבעך, געבוירן געוואָרן אַ קאַליקע מיט קרומע פיסלעך, פינגער צו פינגער. דאָקטוירים האָבן אָפּערירט די פיסלעך, אויסגעגליכט זיי, נאָר געבליבן זענען זיי דין און שוואַך און זי פלעגט גיין פּאַמעלעך מיט אַ לייכטן וואַקל. חייקעס זון פייסע מיט איר שוועסטערס טאָכטער אסתר האָבן זיך געקליבן חתונה האָבן. זייערע עלטערן וואָלטן אוודאי אַרויסגע־פאָרן קיין לויצק צום רב, ער זאָל זיי געבן חופה וקידושין, ווען דיביידע דערפער וואָלטן זיך נישט געווען אַריינגעמישט. „סטייטש — האָבן די פּויערים געטענהט — סיי פייסע, סיי אסתרקע זענען נישט נאָר אייערע — אויך אונדזערע. ווי וואַגט איר אונדז צו פאַרשעמען?״

די עלטערן האָבן געטענהט:

— אַ חתונה אין דאָרף איז נישט פאַר אונדזער קעשענע. מיר פאַרמאָגן נישט אַלעמען צו פאַרבעטן.

— נישט אייער דאגה. מיר נעמען אויף זיך די הוצאות פון דער חתונה.

זיי האָבן נישט געהאַט קיין ברירה און געמוזט מסכים זיין.

גלייך אויפצומאַרגנס האָבן אָנגעהויבן אַריינפליסן די מתנות: געענדז, הינער, אייער, פּוטער, אַפילו לעבעדיקע קעלבלעך. יעדן טאָג האָט מען דאָס אַלץ אַוועקגעפירט צום פאַרקויפן אין שטאָט. פאַרן געלט האָט מען

איינגעקויפט קעסטלעך מיט פּלעשער בראָנפן, צוקער און אַנדערע גוטע פּראָדוקטן, וואָס זענען נישט געווען אין דאָרף. מען האָט איינגעלאַדן דעם רב, אַ סך געסט פון שטאָט, אויך מינען און מיך, און צוגעזאָגט צו שיקן שליטנס צו ברענגען אַלע און אָפּפירן צוריק אין שטאָט אַריין.

מינעס בריוו און די איינלאַדונג האָבן דערוועקט אין מיר אַ שטאַרקן חשק צו פאָרן. אין שול און אין אוניווערסיטעט האָבן מיר פּונקט געהאַט ווינטער־פעריען. דערצו האָב איך נאָך געדאַרפט איבערשמועסן מיט מינען וועגן אונדזער פּלאַן צו פאָרן קיין אויסלאַנד. זלמן מיט דודן האָט מען צוגענומען אויפן דריטן קורס אין פראַנקרייך — נאַנסי, אויפן פילאָזאָפישן פאַקולטעט. מיך — אין באָרדאָ אויפן כעמישן פאַקולטעט. מיר איז געווען אַ ביסל קאַלעמוטנע. צוזאַמען איז פאָרט לייכטער.

מיין קומען אומגעריכט קיין לויצק האָט מינען אויפגעמונטערט. זי האָט זיך צעזונגען און אין מיר איז דאָס האַרץ געוואַקסן פון פרייד.

אָנגעטאָן אין וואַרעמע מלבושים, אָנגעפּעלצט, זענען מיר, די לויצקער, אַרויסגעפאָרן אויף די צוגעשיקטע פויערישע שליטנס, באַדעקטע מיט פילפאַרביקע וואָלענע רעדנעס. די פערד זענען געווען באַפּוצט מיט פּאַפּירענע בלומען. דער רב מיט זיין שמש זענען געזעסן אויפן לעצטן שליטן, איינגעטוליעט אין זייערע פוטערס, געשעמט זיך אַרויסצווייזן די פנימער.

אין דאָרף טשאַרוקאָוו האָבן אונדז אָפּגעוואַרט צענדליקער שליטנס, אויך פאַרפּוצטע מיט קאָלירקע בלומען. פון פאָרנט — דער אָרקעסטער: אַ טראָמפּייט, אַ פידל און אַ גרויסע פויק. עס האָט אָפּגעהילכט מיט אַ הילכיקן מאַרש „קיסיענקאָ“.

אויף שנעל האָבן מיר „איבערגעכאַפּט“, איבערגעטאָן זיך אין די חתונה־מלבושים, געגומען מיט זיך די מחותּנים פון חתנס צד, דעם חתן און היידאַ, צו דער כלה.

כדי נישט צו פאַרשעמען די פּורמאַנעס, אויסגעפּוצטע, ווי אמתע געסט, האָבן מיר זיך געמוזט צעזעצן, יעדער אויף אַן אַנדערן שליטן. בלויז דער „אָרקעסטער“ און דער חתן מיט זיינע עלטערן זענען געפאָרן צוזאַמען.

די פערד האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַלאָפּ. קיינער האָט זיך נישט געלאָזט איבעריאָגן. פּלוצים — סטאָפּ. מען בלייבט שטיין. וואָס איז געשען?

דער וועג איז פאַרמאַכט מיט אַ געפלאָכטענעם קראַנץ פון אויסגעדראָשענע זאַנגען. אין דער מיט שטייט אַ טישל, אַן אַלטער פאַרפוצטער פויער און אַ פויערטע אין פילפאַרביקע בונטע קליידער און לענטעס, דערלאַנגען דעם חתן אַ גרויס ברויט מיט זאַלץ. זיי קושן זיך און באַקומען אַ פלאַש בראַנפן מיט לעקעך. די קייט ווערט איבערגעשניטן און דער וועג איז פריי.

אַזוי חזרט זיך איבער די צערעמאָניע עטלעכע מאָל.

מיר פאָרן ביים ברעג פון אַ טייכל, וואָס איז באַדעקט מיט בלאַנקענדיקן אייז. פון דער ווייטנס דערטראָגן זיך טומלדיקע מוזיק־קלאַנגען. דאָס שפּילן די מוזיקער פון דער כלהס דאָרף, וואָס זענען געקומען אונדז מקבל פנים זיין. אייניקע יונגע פויערישע פורמאַנעס פּרווון ברעכן דעם אָנגענומענעם מנהג און ווילן זיך פאַרקירצן דעם וועג דורכן פאַרפרוירענעם טייכל. די פערד גליטשן זיך אַראָפּ און נאָך זיי — דער שליטן מיט די געסט. עס דערהערן זיך געשרייען פון שרעק, קוויטשענדיקע קולות. עס געדויערט אָבער נישט לאַנג און מיר זענען שוין אויפן צווייטן ברעג. די מוזיקער פאַראייניקן זיך און מיר פאָרן שוין צוזאַמען. דאָ זענען נישטאָ קיין זייטיקע צושויער. אַלע זענען באַלעבאַטים און געסט. אַלע זענען געקומען פרייען זיך, ווי אייגענע, אויף דער יידישער חתונה.

די שטוב איז אַ לאַנגע, פון צוויי העלפטן. די כלה וווינט אויף דער רעכטער זייט אין אַ לאַנגן זאַל. אין דער לינקער, וווּ עס וווינט דער באַלעבאָס פירט מען אַריין דעם חתן, דעם רב און דעם שמש. איבער זייערע קעפּ קוקט אַראָפּ די „הייליקע מוטער״ און עס ברענט די אייביקע לאַמפּאַדע. דער רב מאַכט זיך נישט זעענדיק. ער וויל וואָס שנעלער אָפּפּראַווען די תנאים און צואיילן די חופּה. פון דער כלהס זאַל הערן זיך שוין חתונה־קאַלענדעס, פאַלקסטימלעכע געזאַנגען אויף אוקראַיִניש. די כלה איז מלא חן. אַ קרוין פון וואַקסענע ווייסע און גרינע בלעטער באַלויכט איר פּנים. אין אַלגעמיינעם גערויש און גערודער, אין דעם אייבטאָניקן שפּילן און פויקן, פילן זיך די יידישע געסט, ווי אין אַ טשאַד. אַלץ איז

פאַר זיי ניי, אינטערעסאַנט, אָבער נישט יידיש. מען צינדט שוין אָן אַ סך קאַליריקע ליכטלעך. די חופה איז שוין געשטעלט אויף דער גאַס, אין שניי, וואָס בלענדט מיט זיין ווייסקייט. פון ביידע זייטן ציען זיך שורות פון יונגע שיקסעס, אָנגעטאָן אין זייערע אוקראַינישע נאַציאָנאַלע מלבושים, מיט בלומיקע דיאַדעמעס אויף די קעפּ. אַלע האַלטן אין די הענט ברענענ־דיקע ליכטלעך. מען פירט אַרויס דעם חתן, נאָך אים די כלה. פון אַלע זייטן הערן זיך אויסגעשרייען פון באַוווּנדערונג פאַר דער שיינקייט פונעם פאָרל. די כלה דרייט זיך אַרום דעם חתן אַ סך מאָל, ווי מען וואָלט גאָר פאַרגעסן דעם חשבון. דער רב מאַכט די צערעמאָניע גיך, קורץ. הרי את... אַ הילכיקער שאָס מיטן פוס אויפן גלעזל און פון הונדערטער העלדזער רייסט זיך אַרויס:

„מזל־טוב, מזל־טוב!"

אָפּילו די פּויערים און פּויערטעס שרייען אויך „מזל־טוב" און כאַפּן זיך קושן. די אָרקעסטערס צעשפּילן זיך נאָך העכער ווי פריער, צעוואַ־רעמען די געבליטן און באַלד הויבן זיך די פיס צום טאַנץ. די בעסטע דאָרפישע טענצערס באַווייזן זיך מיט זייער קונסט, מען טאַנצט אַ קאַזאַק און מען גייט איבער אין פאָרלעך. עס ווערט ענג אין ביידע צימערן, טאַנצט מען אַרויס אינדרויסן, אויפן שניי, אין שיין פון דער לבנה, וואָס זעט אויס צו שמייכלען צו דער צעהוליעטער מאַסע. קיינער פילט נישט די קעלט. איך טאַנץ מיט צוזאַמען מיט מינען אין קאַראַהאָד.

ענדלעך רופט מען אַריין דעם עולם אין שטוב אַריין צום עסן. אויבנאָן זיצן שוין דער פּוילישער פּריץ, דער אוסאַדניק מיט זיין דיק ווייב און טאָכטער. די מוזיק שפּילט און שפּילט, ווערט גאַרנישט מיד. חתן־כלה זיצן צוזאַמען און עסן די גאָלדענע יויך.

ביסלעכווייז רוקן זיך אַרויס יונגע פּאָרלעך, אָנגעטרונקענע און זאַטע. זיי לאָזן זיך אויף אַ שפּאַציר, אַליין, אין שיין פון דער לבנה, וואָס באַהאַלט זיך צייטנווייז אונטער די כמאַרעס, צי פאַר בושה, צי גלאַט אַזוי, זי זאָל קיינעם נישט שטערן. איר שיין איז איצט איבעריק...

שוין קאַיאָר זענען די געסט זיך צעפאָרן און צעגאַנגען. מיר האָבן זיך צוגעלייגט אַ ביסל אָפּרוען פון דער שפע איינדרוקן און איבערלע־

בונגען. ביז מיטאָג זענען מיר געשלאָפן אויף די טישן, אויף די בענק. די בעטן זענען געווען פאַרוקט ערגעץ אין אַ קאַמער.

אויף צומאָרגנס אין אָוונט זענען ווידער געקומען די געסט פוןביידע דערפער, געטאַנצט און געזונגען. אין אַלגעמיינעם כאָר האָט זיך אויסגעטיילט מינעס שטים. זי האָט אַלע לידער מיטגעזונגען און די געסט האָבן אַנגעקוואָלן. איך האָב איר אַקאָמפּאַנירט אויף מיין קלאַרנעט.

לענגער פאַרבליבן אין דאָרף האָב איך נישט געקענט. איך האָב נאָך געמוזט זיין, כאָטש אַ טאָג, ביי מיינע עלטערן.

דעם לעצטן טאָג האָט מען געקוילעט אויף כשר אַ קאַלב אין שטאַל. איך האָב זיך געשטאַרקט און בייגעווען צוליב נייגעריקייט די גאַנצע צייט פון דער שחיטה, וואָס איך האָב געזען צום ערשטן מאָל. אָבער ביים סוף האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און אַוועק. אין עטלעכע שעה אַרום זענען מיר, איך און מינע שוין געווען אין אויסגעבעטן שליטן אויפן וועג קיין לוצק.

די יידישע חתונה אין טשאַרוקאָוו־שפּראַך איז פאַר אונדז געווען ווי אַ וויזיע פון ישעיהו הנביא „והיה באַחרית הימים". אַנדערש האָבן אָבער עס געזען די דאָרפישע מחותנים, די פיר ברידער פון טשאַרוקאָוו, די דאַניוקעס. זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס דאָרף, אַוועק אויף הכשרה און דערנאָך קיין ארץ־ישראל, וווּ זיי האָבן דורכגעמאַכט שווערע אַרבעט, נויט, געשאַפן דערפער און ישובים, געקעמפט פאַר אַ יידישער מדינה. היינט זענען זיי שוין טאַטעס פון קינדער — צה"ל־אָפיצירן, אַדוואָקאַטן, זיידעס פון אַ סך אייניקלעך אין כפר־סבא. דאַקעגן די איבערגעבליבענע יידן אין די אוקראַאינישע דערפער האָבן געטיילט דעם גורל פון אַלע אַנדערע יידן אין פוילן.

צי האָט סטיאָפּאַ, דער קראַסאַוויעץ פון דאָרף, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געזונטן צאָן, כדי אַריינצושטעלן אויף זיין אָרט אַ גאָלדענעם, דערלאַנגט זיינע יידישע חברים און חבֿרטעס כאָטש אַ טרונק וואַסער, ווען דער היטלערישער הוראַגאַן האָט געבושעוועט אין אוקראַאינע? צי האָט ער נישט, בראָש פון זיינע חברים, די געסט פון יענער יידישער חתונה, קאַלטבלוטיק געשאָכטן זיי? נישט געבליבן קיין אין לעבעדיקער ייד פון יענע

דערפּער, וואָס זאָל אַנטפּלעקן דעם סוד און דערציילן אים פאַר די קומענ־דיקע דורות...

אַ קורצע דערקלערונג

די צוויי טעג, וואָס איך האָב נאָך דער דאָרפישער חתונה פאַרבראַכט אין דער היים ביי מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער, האָבן מיר פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגן. עס האָבן אָבער אויך נישט געפעלט קיין צרות. אויפן טאַטן איז אַרויפגעשפּרונגען די זיקנה, די זין און טעכטער האָבן אויף זיך גענומען דעם עול פון פירן דאָס געשעפט, באַזונדערס שמואליק, וואָס האָט געהאַלטן, אַז ער טראָגט די אַחריות פאַר אַלע. די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אַ שווערע. די קאָנקורענץ איז געווען גרויס, די לאַסט פון שטייערן, נישט צום איבערטראָגן, דער פּוילישער סוחר האָט געהאַט די הילף פון דער מלוכה ביים אַרויסשטויסן די יידן פונעם האַנדל. אמת, סחורה האָט מען באַקומען אין וואַרשע און אין לאָדזש אויף קרעדיט, אויף וועקסלען, אָבער די וועקסלען דאַרף מען צאָלן צום טערמין. ווען עס פעלן מזומנים, מוז מען פאַרקויפן אונטערן קערן און מען בלייבט אַלץ מער הינטערשטעליק, מען זינקט אין חובות און מען צאָלט הויכע פּראָ־צענטער, עס מערן זיך באַנקראָטן, די ערשטע קרבנות ווי אַקערמאַן א. אַ. איז נישט מקנא צו זיין. מען באַרעדט זיי, מען האַקט ביי זיי אויס די שויבן. אויף די ווייטערדיקע קוקט מען שוין גלייכגילטיקער, אַפילו מיט מיטגעפיל. צום סוף איז ער געוואָרן אַן אָנגענומענער טאָג־טעגלעכער באַגריף, וואָס האָט בלויז אַרויסגערופן אַ קרעכץ: — נעבעך, ער האָט געמוזט, ווייל אַנדערש וואָלט ער איינגאַנצן אַראָפּ פונעם מאַרק...

אויך מיינע ברידער האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען מוז באַצייטנס אָפּשטעלן זיך און נישט „ציען פון זיך די קליי" מיט נעמען הלוואות ביי כלות זייער נדן אויף פּראָצענטער. פאַר מיר האָבן זיי אויסגעלייגט זייערע טענות:

— אַזוי פיל יאָרן געהאַנדלט אָרנטלעך, קיינעם קיין גראָשן נישט

געבליבן שולדיק. איצט, אויף דער עלטער, זיך באַשמוצן? שוין בעסער שטאַרבן...

אַזוי האָט געטענהט מיין פאָטער. שמואליק האָט זיך קעגנגעשטעלט:

— און אַז כ׳וועל מער נישט באַקומען קיין פעקל ביי די הורט־סוחרים, וועט בעסער זיין? די סוחרים קוקן אויף מיר, ווי אויף אַ משו־גענעם. אַלע טאַנדייטניקעס אין לויצק האָבן שוין „רעגולירט" און זענען געבליבן ביים „שפּאָן". מיר זענען נאָך יונג און דאַרפן נאָך לעבן.

מיין טאַטע האָט געוואָלט נעמען אַ „זאַקלאַדנע" אויף דער שטוב און ווייטער צאָלן, אַבי נישט זיין קיין אָנזעצער. איך האָב געדאַרפט פּסקענען אַזאַ האַרבע שאלה. מיטן געוויסן בין איך געווען אויפן טאַטנס צד, אָבער דער שכל הישר איז געווען אויפן צד פון מיין ברודער.

מיין שוועסטער מירל האָט חתונה געהאַט מיט משה מאַנדעל, דעם געסילוקטן נדן האָט מען זיי אויסגעצאָלט צו ביסלעך, האָבן זיי דערוויל געוווינט ביי אונדז אין דער אויבערשטוב און געבויט אויפן פּלאַץ אַ געוועלב פון שפּייז־פּראָדוקטן.

די צווייטע שוועסטער, חייקע האָט אריינגעבראַכט אַ חתן, זלמן זאַטערקאַ, אַ שיינער יונגערמאַן מיט אַ הויכער שוואַרצער שעוועליורע, טיפע שוואַרצע אויגן, איידל אין זיין באַנעמונג, קושט מיין מוטער די האַנט און שילדערט פאַר מיין שוועסטער גרויסע גליקן. זיי פּלאַנירן צו פאַרלייגן אַ געוועלב פון גרייטע מלבושים אין אָליק, ראַדזשיווילאָווס „מדינה". דערויף דאַרף מען האָבן אַ סך געלט, דאַרף דער טאַטע געבן נדן, אַ פיל גרעסערן, ווי ער האָט געגעבן מירלען.

מיין עלטערער ברודער בענע איז פאַרליבט אין זיין קוזינע לאה. אונדזער מוטער און איר פאָטער שאוליק זענען לייבלעכע ברידער און שוועסטער, אַ צו נאָענטע קרובהשאַפט. דערצו טראָגט זי כמעט דעם זעלבן נאָמען, ווי מיין מוטער, רחל־לאה. ביי ידן פירט זיך נישט אַזוי — טענהט די מאַמע און דער טאַטע האַלט זי אונטער.

אָבער בענע איז פאַרליבט איבער די אויערן. לאה איז טאַקע שיין, געזונט און יונג. פאַר איר איז אַ באַליע וועש אויסצוואַשן אַ קינדער־שפּיל. זי האָט אָבער נישט קיין גראָשן נדן.

צי האָב איך געקענט ביי אַזאַ לאַגע אַפּילו דערמאָנען וועגן מיין פּלאַן אַרויסצופאָרן קיין פראַנקרייך? דאָך האָב איך ביי אַ געלעגנהייט דערציילט, אַז זלמן און דוד פאָרן אַרויס קיין פראַנקרייך, ווו זיי וועלן מאַכן דאָקטאָראַטן.

— נו, און דו? — האָט מיין טאַטע אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט.

— איך? מען דאַרף האָבן געלט, לפּחות צען דאָלאַר אַ חודש — האָב איך שטיל אַרויסגערעדט.

— צען דאָלאַר? מילא, פינף גיב איך און פינף זאָל געבן דיין כלה.

אין אָוונט האָב איך וועגן דעם גערעדט מיט מינען. זי האָט אויך געהאַלטן, אַז איך דאַרף פאָרן און צוגעזאָגט צו פועלן אין שטוב, מען זאָל מיר שיקן יעדן חודש פינף דאָלאַר.

נישט מיט קיין לייכט געמיט בין איך דאָס מאָל אָפּגעפאָרן פון מיין געבורט־שטאָט.

אויף די פּעדאַגאָגישע קורסן

נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב שוין געהאַט דעם אויסלענדישן פּאַספּאָרט, בין איך קיין פראַנקרייך נישט געפאָרן. מיינע חברים דוד און זלמן זענען צוזאַמען אָפּגעפאָרן קיין נאַנסי. דוד איז געווען זיכער, אַז זיין פאָטער וועט אים צושיקן געלט אויף אויסהאַלטונג. זלמן האָט אָפּגע־שפּאָרט פון זיינע פאַרדינסטן אַ גרעסערע סומע. מיינע אויסזיכטן צו באַקומען הילף פון לויצק זענען געוואָרן קלענער. מינעס מוטער האָט נישט געוואָלט, איך זאָל אַרויספאָרן. אייגנטלעך, האָט זי נישט געהאַט קעגן דעם, איר בת יחידה זאָל חתונה האָבן מיט מיר, אָבער וויפל קאָן מען וואַרטן. זי איז שוין אַ מיידל אין די יאָרן...

מיין דורכפאַל האָט מיך ווייניק געאַרט. מיט די חברים איז מיר לעצטנס שווערער געוואָרן דאָס לעבן צוזאַמען. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן סודען צווישן זיך. איך האָב חושד געווען, אַז זיי זענען אַריין אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער יוגנט. איך האָב זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי מיין

אומפּאַרטייאישקייט, מיט סימפּאַטיעס צו די לינקע פּועלי־ציון. מיינע חברים, די לערער פון דער אָוונט־שול, האָבן געהאַט צו מיר צוטרוי, אַפילו פאַרגעלייגט צו ווערן דער פאַרוואַלטער פון דער אָוונט־שול. אין מיר האָבן נאָך געלעבט די איינגעוואָרצלטע אידעען פון „השומר הצעיר״.

מען האָט מיך אויפגעפאָדערט, איך זאָל זיך באַמיען צו באַקומען פּעדאַגאָגישע קוואַליפיקאַציעס. איך האָב דעריבער געמוזט מאַכן אַן איבעררייס אין מיין שטודירן אויף דער הויכשול און אַריינטרעטן אויף דעם מעטאָדיש־פּעדאַגאָגישן יאָר־קורס פאַר טעטיקע לערער, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן ביי דער יידישער קהילה אין וואַרשע אויף גזשיבאָוו־סקע. אויך מיין חבר אפרים באַרנהאָלץ איז אַריינגעטרעטן אויף די קורסן.

עס איז אַוודאי שווער פאַר דערוואַקסענע לערער צו פאַרוואַנדלען זיך אין שילער, אָפּהיטן די דיסציפּלין, פרייען זיך פון יעדער גוטער צייכענונג, וואָס מען באַקומט און ווערן פאַרביטערט פון יעדן דורכפאַל. אייניקע לעקציעס קאָן מען הערן מיט אינטערעס. אַנדערע זענען אַן אָפּקומעניש.

אָנגעהויבן האָבן זיך די לימודים באַלד אין אָנהויב פון די זומער־פעריען. מיינע באַלעבאַטים, די לעווערטאָווס זענען אַרויסגעפאָרן מיט די קינדער אויף אַ זומער־וווינונג קיין מיכאַלין, אויף דער אָטוואָצקער ליניע, און געלאָזט מיך איינעם אַליין אין זייער גאַנצער דירה. פרישטיק און אָוונט־ברויט פלעג איך עסן אין דער היים, מיטאָג — אין דער ביליקער קיך אויף טוואַרדע גאַס. אין יענער צייט איז געקומען מיין חברטע פון לויצק מאַניע גלאַזער און געבראַכט מיר אַ פּעקל מיט שפּייז־פּראָדוקטן פון מינען.

אין פּעקל, שיין געפּאַקט, זענען געווען פושקעס מיט פיש־קאָנסערוון, טרוקענער ווורשט, איינגעמאַכטס, וואָס זי האָט מיט אירע אייגענע הענט געפּרעגלט, אָבער אָנשטאָט צו פרייען זיך דערמיט, האָט עס מיך אויפגע־רעגט און פאַרביטערט. כ׳האָב נישט געוואָלט, מען זאָל אויף מיר רחמנות האָבן, אַפילו צו מיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער האָב איך זיך קיין מאָל נישט געוואָנדן נאָך הילף. כ׳וואָלט צוריק געשיקט דאָס פּעקל קיין לוצק, נאָר עס האָט מיך אָפּגעהאַלטן דער געדאַנק, אַז דאָס קאָן דורך מינעס עלטערן און אפשר דורך מינען אַליין, ווערן שלעכט אויסגעטייטשט.

ביסלעכווייז האָב איך זיך באַרויִקט. אויף די קורסן האָב איך געהאַט אַ סך נייע חברים און חברטעס. זיי פלעגן אָפט קומען צו מיר און מיר האָבן געלערנט צוזאַמען. איך פלעג זיי מכבד זיין מיט טיי און איינגע־מאַכטס, דערציילנדיק דערביי מיט שטאָלץ, ווער עס האָט עס מיר געשיקט.

שפרה, אַ לערערין פון אַ ביאַליסטאָקער שול, אַ זשוואַווע שאַטינקע מיט פינקלענדיקע אויגן, האָט זיך אַ מאָל ארויפגעזעצט אויף מיינע קני און מיך ארומגעכאַפּט מיט אירע אָרעמס.

— זי איז ערגעץ ווייט און איך בין דאָ מיט דיר... — האָט זי תאוהדיק געפליסטערט.

איך האָב דערפילט אַ היץ אין פּנים, נאָר זיך שנעל באַהערשט. איך האָב זי דעליקאַט אַראָפּגערוקט פון מיינע קני און שטיל געזאָגט:

— מיר קאָנען זיך מער נישט חברן...

— פאַרוואָס? ביסט ברוגז? — האָט שפרה איבערגעפרעגט.

— ניין, נישט ברוגז, נאָר פאַרזיכטיק. אַ פאַרזיכטיקן העלפט גאָט.

— איך האָב געמאַכט אַ שפּאַס, איך האָב געהאַט אַ טעות... זיי מיר מוחל — האָט זי זיך געבעטן.

מיר האָבן נאָך ווייטער געלערנט צוזאַמען, אָבער מער האָט זיך אַזעלכעס נישט איבערגעחזרט.

אויף די קורסן האָב איך זיך באַקענט מיטן פאַרזיצער פון יידישן לערער־פאַריין אויף סאָלנע 1, יאָסעלעוויטש, מיטן קאַסירער רייזמאַן. זיי האָבן מיר פאַרגעלייגט איבערצונעמען דעם סעקרעטאַריאַט פון פאַראיין. מיין לוין וועלן זיי מיר באַשטימען, ווען די הכנסות וועלן זיין גענוגנדיקע אויף צו דעקן די הוצאות פון דירה־געלט און עלעקטריע. איך האָב מסכּים געווען אויף די באַדינגונגען און שוין אין דער צייט פון זומער־פעריען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. דער לאָקאַל איז געווען אַ גרויסער און אַ שיינער, נאָר אַ פאַרלאָזטער; אַ גרויסער זאַל, אַ זייטיק גרויס צימער און אַ קלענערס. פאַרן סעקרעטאַריאַט — ביי דער זייט פון זאַל איז געווען אַ גרויסע קיך, ווו עס האָט געוווינט אַן אַלמנה מיט איר זון. זי האָט אָפּגעהיט דעם לאָקאַל, ווייל זי פלעגט דאָרט אַרבעטן און פאַרדינען ביים אויפנייען קראַוואַטן, וואָס זי האָט צוגעשטעלט פאַר אייניקע מאַגאַזינען.

איך האָב באַשלאָסן איינצואָרדענען שוין אין יולי קורסן פאַר לערער פון פּרעבליסטן און פאַר צייכענען. איך האָב אַנגאַזשירט די בעסטע לערער: גליקשטאַק און ראַשאַל, צעשיקט מעלדונגען וועגן דעם צו אַלע מיטגלידער פון פאַראיין און דערביי צוגעגעבן, אַז די, וואָס וועלן אָפּצאָלן זייער גאַנצן חוב פון מיטגליד־אָפּצאָל, וועלן דאַרפן באַצאָלן נישט מער ווי פופציק פּראָצענט.

עס איז געוואָרן לעבעדיק אין די אָוונטן. די צאָל קאַנדידאַטן אויף צוהערער איז געווען באַגרענעצט און מען האָט געאײַלט צו פאַרשרייבן זיך. עס האָבן אָנגעהויבן אַריינפליסן חובות פון מיטגלידס־אָפּצאָל. עס האָבן אויסגעפעלט ערטער, האָב איך פּלאַנירט צו אָרגאַניזירן אין די ווײַטער־דיקע חדשים נאָך קורסן פון וויכטיקע ספּעציאַליטעטן.

אויף דער טיר ביים אַריינגיין האָט זיך באַוויזן אַ פּלאַקאַט: „אַלע ערטער אויף די יולי־קורסן זענען שוין פאַרנומען. עס ווערן אָנגענומען צוהערער אויף די אויגוסט־קורסן".

מיין איינפאַל איז די חברים פון דער פאַרוואַלטונג געפעלן געוואָרן. מען האָט שוין געקאָנט נעמען טראַכטן וועגן רעמאָנטירן דעם לאָקאַל, פאַרגרעסערן די באַלויכטונג. אויך איך האָב באַקומען מיין ערשטן אַוואַנס, וואָס האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו לעבן אַ ביסל בעסער, אַפילו עסן מיטאָגן ביי קאָפּעלאָוון אין רעסטאָראַן אויף זאַמענהאָף.

נאָכן רעמאָנטירן דעם פאַראיין־לאָקאַל, האָב איך פאַרדונגען דעם לאָקאַל אויף יעדן מוצאי־שבת דעם פאַראיין פון די יידישע טויב־שטומע. זיי פלעגן דורכפירן זייער קלוב־אַרבעט, שפּילן אין שאַך, אין דאַמקע, אין פאַנטעס. אַלץ איז ביי זיי געווען שטיל און קאָרעקט, בלויז צייטנווייז האָט זייער פּלוצימדיקער געלעכטער אָפּגעהילכט אַזוי מאָדנע און ווילד אין דעם שטומען אַרום...

דער נסיון

פֿאַר אַ יונגן בחור, װאָס האָט שױן הינטער זיך כמעט פֿינף און צװאַנציקס פֿרילינגס, איז עס אַ נסיון דאָס צוריקקערן זיך פֿון דער אַרבעט אין לערער־פּאַראַין דורך דער סאַלנע גאַס, װוּ אױסגעפּוצטע, אױסגעשמינקטע יונגע פּרוּיען לױערן אױף זײַן גוף און קעשענע. בײַם סאַמע װינקל צװישן סאַלנע און לעשנע האָבן זײ שױן פֿון דער װײַטנס דערזען דעם „אײנגע־שפּאַרטן יאָלד". עס פֿאַרגלוסט זיך זײ אַ שפּאַס־טאָן, רינגלען זײ מיך אַרום און דרײען זיך שנעל אין אַ ראָד מיט אַ באַװוּסטן שלאַגער אױף די ליפּן: „כ'האָב מורא אַליין צו שלאָפֿן". ערשט, װען אײנע האָט באַמערקט אַ פּאָליציאַנט און געגעבן צו װיסן די חברטעס, האָט זיך דאָס רעדל אױפֿגע־לײזט און אַלע זענען פֿאַרשװוּנדן אין די טױערן.

עס איז געװען אַ נסיון צו װױנען אײנער אַליין אין דרײ צימערן און נישט געשטרױכלט צו װערן. אײן מאָל בין איך אַנגעקומען פֿון דער אַרבעט אַרום עלף אין אָװנט, דאָס טױער איז שױן געװען פֿאַרשלאָסן און איך האָב שױן געמוזט קלינגען צום סטרוזש. אין פּאַדערהױז, אױף די טרעפּ, איז געװען פֿינצטער. איך האָב אָבער אױפֿגעכאַפּט אַ שטיל געשושקעריי. אױף מײַן פֿראַגע, װער עס איז דאָרט, איז געקומען דער ענטפֿער:

— אײגענע, חברים, פֿעלדמאַן, גאָלענבערג...

װען כ'האָב אױפֿגעשלאָסן די טיר, האָבן זיך אַלע אַרײַנגעשיט אינע־װײניק און צוזאַמען מיט זײ אַ יונגע פֿרױ. זײ האָבן מיר דערציילט, אַז זײ האָבן געטראָפֿן דאָס מײדל אַ װײנענדיקע אין גאַס. זי איז געקומען פֿון דער פּראָװינץ זוכן אַרבעט, האָט זיך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעדרײט און — גאָר־נישט, קײנער דאַרף זי נישט. זי האָט דאָ נישט קײנעם, איז עלנט, האָט נישט װוּ איבערצונעכטיקן.

װידער אַ נסיון! איך האָב צוגעװאָרעמט װאַסער, דערלאַנגט אָװנט־ברױט פֿאַר אַלע. מײַנע אַלע זאַפּאַסן זענען אַװעק. אױף פֿרישטיק איז שױן גאָרנישט געבליבן.

דאָס מײדל האָט אױסגעזען צו זײַן אַ דאָרפֿישע. העלע אױגן, אַ פֿאַרשפּיצט נעזל און ליפּן נישט קײן געשמינקטע. זי איז געװען שעמעװדיק,

עטוואָס איבערגעשראָקן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי שרעקט זיך פאַר מיינע צוויי חברים, וואָס קוקן אויף איר נישט גלייכגילטיק, מיט אומרו אין די אויגן. זיי קלערן גאָרנישט אַוועקצוגיין. פעלדמאַן האָט מיך אַריינגערופן אין צווייטן צימער און געזאָגט, אַז זיי וועלן דאָ בלייבן נעכטיקן.

— איר האָט דאָך אייערע דירות...

— וואָס מיינסטו, מיר האָבן זי געבראַכט פאַר דיינעטוועגן?

— נעמט זי און גייט מיט איר. קיין פרעמדע מענטשן קען איך דאָ נישט לאָזן נעכטיקן.

ביידע זענען ברוגז אַוועקגעגאַנגען. די שיקסע איז געבליבן. איך האָב זי אַריינגעפירט אין לעצטן צימער און אויסגעבעט פאַר איר אַ געלעגער, געגעבן איר דעם שליסל, זי זאָל זיך פאַרשליסן פון אינעווייניק. די אויסערלעכע טיר האָב איך פאַרשלאָסן און דעם שליסל באַהאַלטן.

אַ נאַכט האָב איך געהאַט ווייט נישט קיין רויקע...

אין דער פרי האָב איך אַרויפגעבראַכט פרישטיק. דער פחד אין אירע אויגן איז פאַרשוווּנדן. זי האָט באַקומען צוטרוי צו מיר. דאָך האָב איך איר געמאָלדן, אַז זי קען מער דאָ נישט נעכטיקן, דאַרף זיך באַמיען צו געפינען אַרבעט און אַן אָרט צו שלאָפן אָדער פאָרן אַהיים.

נאָך איידער מיינע באַלעבאַטים, די לעווערטאָוס, זענען צוריקגעקומען פון דער דאַטשע, בין איך שוין אַריבער וווינען אויף מוראַנאָווסקע צו די פרידמאַנס. די באַלעבאָסטע, אַן עלטערע פרוי פון ליטע, אַ הויכע, מיט גרויע האָר, ברייט פנים און שמייכלענדיקע אויגן, האָט מיר געמאָלדן, אַז חוץ מיר האָט זי נאָך איין קוואַרטיראַנט, מאַרקוס. דער מאַן אירער איז געווען אַ שטוב־מענטש, עלטער פון זיין פרוי, מיט ציטערדיקע קני און שוואַכע פיס. צוויי טעכטער האָבן זיי געהאַט דערוואַקסענע: מאַשע און חייקע. דער זון, משה איז געווען אַ שיינער מיט ראָזלעכע באַקן, אָבער נישט איבעריקע קלוגע אויגן.

איך האָב זיך געלייגט שלאָפן ווי נאָר כ׳בין געקומען פון לערער־פאַראיין. מען זאָגט, אַז אויף אַ ניי געלעגער שלאָפט זיך נישט גוט, אָבער איך בין געשלאָפן געשמאַק, מיט אַ טיפן שלאָף, ביז אַ גערודער אין צימער האָט מיך אויפגעוועקט.

כ׳האָב געעפנט די אויגן און דערזען אַ יונגן דאַרן בחור מיט אַן ערנסט פּנים, איז האַלב אויסגעטאָן געזעסן ביים טיש און עפּעס קאָפּירט אויף אַ פּרימיטיווער קאָפּיר־מאַשין. אין דער רעכטער זייט איז שוין געלעגן אַ היפּשער באַרג מיט קאָפּיעס.

ער האָט באַמערקט, אַז איך שלאָף נישט, איז ער שטיל צוגעגאַנגען צו מיין בעט, געבעטן אַנטשולדיקונג, וואָס ער האָט מיך אויפגעוועקט:

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז כ׳וועל האָבן אַ ביישלעפער, האָב איך אַהיימגענומען אַ ביסל אַרבעט.

נאָכן באַקענען זיך, האָט ער צוגעגעבן, אַז ער וועט זיך זוכן אַן אַנדערע דירה.

איך בין געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און נישט געקענט מער איינשלאָפן, געטראַכט וועגן דודן און זלמנען, וואָס טוען מסתמא אויך אַזאַ אַרבעט ערגעץ אין נאָנסי. איך האָב געטראַכט וועגן מאַטי אָקס, וואָס איז פאַר אַזאַ אַרבעט געוואָרן אַ תושב אין לויצקער טורמע.

נאָך אַ נסיון !...

מאַרקוס

מיין צוזאמענוווינען מיט מאַרקוסן האָט מיך געשראָקן. גערעדט האָט ער ווייניק, צוליב קאָנספּיראַציע אָדער ווייל ער האָט קוים גערעדט פּויליש, יידיש — נאָך ערגער, מיט אַ ספּעציפישן אַקצענט. ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך רעד רוסיש, האָט ער ממש אויפגעלעבט. ער האָט זיך צערעדט פאַר אַ לענגערער צייט שווייגן. ער האָט גערעדט אַ שיינעם פאָלקסטימלעכן רוסיש. די געמיינזאַמע שפּראַך האָט אונדז דער־נענטערט. איין מאָל, ווען ער איז אַהיימגעקומען שפּעט אין אָוונט, פאַרזיכ־טיק, ווי אַ גנב, אַריינגעכאַפּט זיך אין צימער, איז ער געבליבן שטיין ביים בעט, ווו איך בין געלעגן און געלייענט אַ בוך. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן, דערהערט אַ קורץ אָטעמען, דערזען זיינע רויט־געפאַרבטע הענט.

— וואָס איז אייך? וואָס איז מיט אייך געשען? — האָב איך געפרעגט שעפּטשענדיק.

— גאָרנישט... ס'איז רויטע פאַרב. עס האָט געקענט זיין אויך בלוט... מיר האָבן געפּאַרבט לאָזונגען מיט אַ טראַפּאַרעט אויפן טראָטואַר. פּלוצים איז אַרויס דער סטרוזש און פון הינטן אָנגעכאַפּט מיך ביים האַלדז. נו, ער וועט מיך שוין האָבן צו געדענקען...

אַן אַנדער מאָל איז ער געקומען נאָך מער צערודערט. איך האָב באַמערקט, ווי ער לעבט עפּעס איבער. שווייגנדיק האָט ער זיך אויסגעטאָן און געלייגט זיך אין בעט אַריין.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון זיין בעט, געוואָלט אים טרייסטן. ער האָט באַקומען צוטרוי און גענומען רעדן...

— אַלע זענען זיי פאַלשע נקבות, ווי די, וואָס איר באַגעגנט אין גאַס. אונדזערע טוען דאָס זעלבע, נאָר אידעיִש, ווי יענע פאַר געלט... ליבע איז ביי זיי אַ קליינבירגערלעכער באַגריף. איך גיי אַהיים פון דער „יאַטשייקע" מיט אַ פרישׁ אָנגעקומען יונג מיידל און זי שלאָגט מיר פאָר צו גיין מיט איר פאַרברענגען. איך בין אַוועק מיט איר צו מיין חבר אויף מילע־גאַס, וואָס האָט אַ באַזונדער צימער. ער האָט אונדז געלאָזט אַליין. זי איז קוים אַלט זיבעצן יאָר און איז שוין אַזוי ראַפינירט, כאָטש זי איז נאָך געווען אַ בתולה. ווען מיין חבר איז צוריקגעקומען און באַמערקט אויפן ליילעך פלעקן, האָט זי אים באַרויִקט, אַז זי וועט מיט אים אויך בלייבן.

עס האָט אים באַנג געטאָן, הלמאי ער האָט פאַרלאָזט זיין געבורט־שטאָט אָדעס, זיינע עלטערן, און געשוואַרצט די גרענעץ קיין פּוילן. ער האָט גענומען אויף זיך אַ שווערע שליחות. אין וואָלין האָט ער אַ פעטער, איז ער צו אים פאַרפאָרן, געוואָלט זיך אויסלערנען פּויליש. ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון דאָרט, ווייל די דעפענסיווע איז געפאַלן אויף זיינע שפּורן. ער האָט זיך דאָרט פאַרליבט אין אַ מיידל, חנהלע. זי אַליין האָט אים געוואָרנט, אַז די פּאָליציי האָט פאַרלייגט נעצן אים צו פאַנגען און געבעטן זיך ביי אים, ער זאָל אַנטלויפן קיין וואַרשע, וווהין זי וועט נאָכ־קומען. ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַ שלאָסעריי אויף נאַוואָליפּקי. ער האָט געענדיקט אַ טעכנישע שול און קען גוט דאָס פאַך. אין געהיים אַרבעט

ער אויס אויך אָריגינעלע הענגערס, מיט וועלכע מען קאָן אויפהענגען רויטע פענער און לאָזונגען אויף די טראַמווי־דראָטן.

דאָס אַלץ האָט מיך זייער פאַראינטערעסירט. אויך מאַרקוס האָט אויסגעזען צו זיין אַן אינטערעסאַנטער בחור. פּלוצים איז ער אָבער פאַרשוווּנדן. עס איז פאַר אַלעמען געווען אַ רעטעניש, וואָס מיט אים האָט געקענט פּאַסירן. ביי די פרידמאַנס איז ער נישט געווען געמאָלדן און קיינער האָט נישט געוווּסט ווו ער איז אַהינגעקומען. אין עטלעכע יאָר אַרום האָב איך זיך באַקענט מיט אַ מיידל, אַ גוווערנאַנטקע ביי קינדער פון אַ אַ רייכער פאַמיליע. זי האָט געהייסן חנה און האָט געשטאַמט פון קרעמעניץ. פון איר האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מאַרקוס איז פון וואַרשע צוריקגעקומען קיין קרעמעניץ און די פּאָליציי האָט אים פאַרהאַלטן אונטערן חשד פון דערפירן אַ מיידל צו זעלבסטמאָרד. ער זאָל האָבן געגעבכטיקט אויף טוואַרדע־גאַס ביי אַ חברטע. ווען ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, איז זי געווען טויט. זי האָט זיך געסמט מיט פילן פון אַ געפערלעכן שלאָף־מיטל. ער איז דאַן אַנטלאָפן קיין קרעמעניץ. חנהלע האָט געהאַלטן, אַז ער איז געווען אומשולדיק. ער האָט באַקומען צוויי יאָר טורמע. נאָכן באַפרייען אים האָט ער אויפן פעטערס חשבון באַשטעלט ביי אַ שניידער אַן אַנצוג. ער האָט אים אָבער נישט אָפּגענומען. אין נאָענטן וועלדל האָט מען אים געפונען אַ געהאָנגענעם. מען האָט געשמועסט, אַז מען האָט ביי אים געפונען אַ קוויטל, געשריבן אין רוסיש: „איך פאַרלאָז די אַכזריותדיקע וועלט אויף אייביק... נאָר איך בין אַליין שולדיק...“

צי האָט ער עס אַליין געשריבן? צי איז ער געוואָרן געצוווּנגען דערצו? ווער קען וויסן?...

יואל פערעל

דער שטרייק

די אַזוי גערופענע „פּאָוושעכנע״ שולן האָבן געלערנט לויט אַ באַשטימטן מלוכהשן פּראָגראַם. די לערערס זענען געווען פּאַרזיכערט מיט שטענדיקער שכירות, זענען געווען אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדערן לערער־פּאַראיין, מיט וועלכן עס האָט אין משך פון אַ סך יאָרן אָנגעפירט אַ דער־פּאַרענער כלל־טוער, אַלטמאַן.

אַרבעטער־קינדער האָבן געלערנט אין די שולן פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע. די נאַציאָנאַל־געשטימטע עלטערן האָבן געשיקט זייערע קינדער אין די תרבות־שולן. די רעליגיעזע — אין די חדרים. די פּויּלישע מלוכה האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פון אויסהאַלטן אָדער סובסידירן די יידישע שולן.

די יידישע קהילה האָט אויסגעהאַלטן אין וואַרשע אַ גרעסערע צאָל שולן, האָט אָרגאַניזירט יערלעכע קורסן פאַר די לערער. אַ סך סטודענטן־לערער האָבן געמוזט איבעררייסן זייערע לימודים אין דער הויכשול, כדי צו באַקומען קוואַליפיקאַציעס אַלס לערער. צווישן די דאָזיקע סטודענטן בין איך אויך געווען.

מיין טעטיקייט אַלס סעקרעטאַר האָב איך אָנגעהויבן מיט אָרגאַניזירן די ספּעציעלע קורסן פאַר לערער. דער פּרעזעס פון פּאַראיין, יאָסעלעוויטש, דער קאַסירער פון פאַראיין, רייזמאַן, האָבן דאַן אַרויסגעפירט זייערע ווייבער און קינדער אויף דאַטשע הינטער מינסק־מאַזאָוויעצק. אויך מיך האָבן זיי פאַרבעטן קומען צו זיי אויף אַ שבת. דאָרטן האָבן מיר פּלאַנירט דורכצופירן אַ באַראַטונג וועגן די ענינים פון פאַראיין.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עטלעכע צענדליק משפחות פון די לערער און לערערינס פון די קהילה־שולן האָבן זיך באַזעצט צוזאַמען אויף איין אָרט. יעדן אָוונט זענען פאַרגעקומען „אָוונט־ברויטן״ פאַר אַלע. אַזוי אַרום האָט יעדער פון זיי געדאַרפט צולייגן אַ פּלייצע און לאָזן זיך קאָסטן בלויז איין מאָל אין חודש. דער צונויפטרעף איז פאַרגעקומען יעדן אָוונט ביי אַן אַנדערן. מען האָט געזונגען, געטאַנצט און געמאַכט אַ לעבן.

דריי אַזעלכע אָוונטן האָב איך געמוזט פאַרבלייבן אויף דער דאַטשע.

לענגער האָב איך נישט געקענט פאַרבלייבן. די קורסן, דאָס גרייטן זיך צו אַ גרעסערער אַקציע לטובת די לערער, וואָס זענען אומברחמנותדיק עקס־פלאָאַטירט געוואָרן, האָט געפאָדערט טאָג־טעגלעכע אַרבעט צווישן די לערער און אויך צו פירן שמועסן מיט די באַלעבאַטים. איך האָב פאָרויס־געזען, אַז אַ שטרייק איז אומפאַרמיידלעך. מען האָט געמוזט טראַכטן וועגן אַ שטרייק־פאָנד, פאַרפעסטיקן ביי די לערער די מיינונג, אַז דער שטרייק קען פאַרבעסערן זייערע פאַרדינסטן. מיר האָבן געשאַפן אַ שטרייק־קאָמי־טעט און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פּראָקלאַמירן אַן איינטאָגיקן וואָרע־נונגס־שטרייק.

דער אלף־בית פון קאַמף איז פאַר אַ סך לערער געווען אין גאַנצן פרעמד. מען האָט געמוזט אין זיי אַריינרעדן אַן אויפהער, זיי זאָלן פאַר־שטיין זייער לאַגע.

דער שטרייק איז אַדורך רויק. אייניקע באַלעבאַטים זענען באַלד גע־קומען אין פאַראיין און גרייט געווען נאָכצוגעבן, אָבער מערסטנס האָבן זיי זיך אויסגעלאַכט און געדראָט די לערער אַרויסצוואַרפן זיי פון דער אַרבעט.

נאָך דעם וואָרענונגס־שטרייק האָבן זיך די לערער דערפילט זיכערער; נישט געווען קיין איין פאַל פון שטרייקברעכעריי.

דער שטרייק איז דאָך פּראָקלאַמירט געוואָרן. די באַלעבאַטים האָבן זיך פאַראייניקט און עקשנותדיק געקעמפט, געזוכט שטרייקברעכער. אָבער די שטרייק־קאָמיטעטן האָבן אָן שוועריקייטן אַראָפּגענומען די שטרייק־ברעכער פון דער אַרבעט. נישט איין מאָל פלעגן די קינדער אַליין זיי פאַרטרייבן מיט געשרייען און פייפערייען.

דער באַלעבאָס אויף שוויענטאָיערסקע האָט פאַרשלאָסן די טיר, נישט אַרויסגעלאָזט די מיטגלידער פונעם שטרייק־קאָמיטעט און טעלעפאָנירט נאָך פּאָליציי, אַז מיר טעראָריזירן אים און די קינדער.

מיט געוואַלד האָבן מיר ביי אים אַרויסגעריסן דעם שליסל און אַנט־לאָפן, נאָך איידער פּאָליציי איז אָנגעקומען.

דעם שטרייק האָבן מיר געוווּנען. די באַלעבאַטים האָבן אונטערגע־שריבן אַ קאָלעקטיוון אָפּמאַך. די דערגרייכונגען זענען נישט געווען קיין

גרויסע, אָבער דאָס אייז איז געבראָכן געוואָרן. די לערער זענען געוואָרן ביי זיך פעסטער. דער פאַראיין פון די שול־באַלעבאַטים האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דער קראַפט פונעם לערער־פאַראיין. דער פאַראיין האָט באַקומען אַ פּראָפעסיאָנעלן פּרצוף, אַ קאָמפּערישן, מיט אַלע פּאָזיטיווע און אויך נעגאַטיווע שטריכן.

וואַלן

כ'בין געווען קעגן פאַרוואַנדלען דעם פאַראיין אין אַן אַרענע פון ענג־פּאַרטייִשע קאַמפן. ביז איצט האָט מען געדאַרפט בעטן, מען זאָל מסכים זיין אויסגעוויילט צו ווערן אין דער פאַרוואַלטונג. איצט קעמפט יעדע ליסטע פאַר אַ גרעסערע צאָל קאַנדידאַטן. ליסטעס זענען געווען פיר: ציוניסטישע, פּועלי־ציוניסטישע, בונדישע און קאָמוניסטישע. צוזאַמען מיט אַנדערע חברים האָב איך געשאַפן אַן אומפּאַרטייִשע ליסטע. מיר האָבן געהאַלטן, אַז דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין דאַרף זיין בלויז פאַר פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן.

די וואַלן זענען אַדורך שטורמיש. די רעזולטאַטן זענען געווען: דריי פון די ציוניסטן, צוויי פּועלי־ציון, צוויי לינקע און צוויי אומפּאַרטייִשע — גליקשטאַק און איך.

עס האָט זיך דאַן געשטעלט די פראַגע, צי איך קען פאַרבלייבן דער סעקרעטאַר פון פאַראיין. די מערהייט פון דער פאַרוואַלטונג איז געווען פאַר מיין פאַרבלייבן, אָבער די לינקע האָבן נישט אויפגעהערט צו קעמפן קעגן מיר, פּראָוואָצירט, חושד געווען אין פינאַנסיעלע מיסברויכן, אָבער אַן דערפאָלג. דעם אמת געזאָגט, האָב איך שוין געקלערט אַליין צו פאַרלאָזן מיין אַרבעט אַלס סעקרעטאַר.

אין יענער צייט האָט זיך צו מיר געווענדט דער פאַרוואַלטער פון דער יידישער פאָלקסשול אויף זאַמענהאָף־גאַס, פריינד, מיט אַ פאָרשלאָג, איך זאָל איבערזעצן ווינאָגראַדאָווס קינדער־אָפּערע — „ווער עס אַרבעט

נישט — דאַרף נישט עסן", פון רוסיש אויף יידיש. זיין פּלאַן איז געווען אויפצופירן די אָפּערע דורך די שילער פון זיין שול.

מיט גרויס אינטערעס בין איך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. צו הילף איז מיר געקומען דער לערער פון געזאַנג, ראָטבערג, אַ יונגער פעיִקער בחור, מיט מוזיקאַלישער בילדונג. מיר האָבן ביידע צוזאַמען אָפּגעשוויצט און די אַרבעט האָט זיך גערוקט פאָרויס פון טאָג צו טאָג. די קינדער־אָפּערע איז באַשטאַנען פון כאָראַלע מוזיקאַלישע נומערן מיט קאָלעקטיווע טענץ, דער אינהאַלט — אַ לויבגעזאַנג דער אַרבעט. אין דער שול זענען געווען טאַלאַנטירטע קינדער, וואָס וואָלטן מיט דערפאָלג אויסגעפירט סאָלאָ־נומערן. נאָכן פאַרענדיקן די איבערזעצונג האָבן מיר באַשלאָסן צו שאַפן אַ צווייטע טייל, מיט אינדיווידועלע געזאַנג־נומערן און קאָמישע סיטואַציעס. עס איז אַריינגעפירט געוואָרן אַ בחור, דערצויגן אין פוילקייט, אין עגאָאיסטישן זעלבסטצופרידנשטעלן זיך, אָפּילו אויפן חשבון פון אַנדערע. ביז ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין ביז איצטיקער וועג איז געווען אַ פאַלשער.

כאָטש די צווייטע טייל איז געשאַפן געוואָרן ווי אַ פאָרזעצונג פון דער ערשטער, האָט מען זי דאָך געקענט אויפפירן באַזונדער. אַזוי איז טאַקע געשען. בלויז אויף עטלעכע פאָרשטעלונגען זענען געגאַנגען ביידע טיילן. שפּעטער פלעגט מען שפּילן בלויז אונדזער צווייטע טייל און מיט גרויס דערפאָלג. די אָפּערע איז געשפּילט געוואָרן אין אַ סך אַנדערע שטעט, ווי לאָדזש, לובלין, ביאַליסטאָק און כמעט אַלע פלעגן צושיקן אַ געוויסע סומע געלט — האָנאָראַר פון יעדער פאָרשטעלונג.

די מעטאָדיש־פּעדאַגאָגישע קורסן האָב איך פאַרענדיקט און צום נייעם שול־יאָר האָב איך באַקומען אַרבעט אין דער פּריוואַטער נאָכמיטאָג־גימנאַזיע פון דער פרוי דיקשטיין אויף לעשנע 56, וווּ עס האָט געאַרבעט אַלס פּעדאַגאָגישער דירעקטאָר בלאָזער, מיט וועמען איך האָב צוזאַמען פאַר־ענדיקט די פּעדאַגאָגישע קורסן.

די אַרבעט אין דער גימנאַזיע איז געווען אַ שווערע, די שילער זענען געווען צעלאָזענע קינדער, וועמענס עלטערן, סוחרים, האָבן ווייניק מיט־געהאָלפן ביים דערציִען. ווי אַנדערש האָט עס אויסגעזען אין די יידישע

פֿאַלקסשולן, ווו די לערער, עלטערן און שילער האָבן מיט זיך פֿאַרגע־שטעלט איין משפּחה, מיט ליבע, פֿאַרשטענדעניש און צוטרוי.

איך האָב געפּרוווט שאַפֿן אַן ענגערן קאָנטאַקט מיט די שילער, אָרגאַ־ניזירט מיט זיי שפּילן, אָבער דער דירעקטאָר האָט מיך געוואָרנט, אַז אין גימנאַזיע מוז מען אָפּהיטן די דיסטאַנץ צווישן שילער און לערער. מיין מיינונג איז געווען אַן אַנדערע. איך האָב זיך אָבער געמוזט אונטערוואַרפֿן.

דאָך איז מיר געלונגען צו דערנענטערן זיך צו די שילער און די באַ־ציִונגען האָבן זיך פֿאַרבעסערט.

אייזקרעם

במשך פֿון דעם יאָר, וואָס איך האָב געלערנט אויף די פּעדאַגאָגישע קורסן, האָט זיך אַ סך געענדערט די לאַגע אין אונדזער הויכשול. מען האָט זיך אַריבערגעקליבן אין דעם ניי־אויסגעבויטן לאָקאַל. די לעקציעס און לאַבאָראַטאָרישע אַרבעטן האָבן שוין געקענט דורכגעפֿירט ווערן אויך אין די פֿרימאָרגן־שעהן. אויפֿן דריטן קורס האָב איך אַלס מיין ספּעציאַליטעט אויסגעקליבן כעמיע.

אויך מיין חבר אפרים באַרנהאָלץ האָט ווייטער פֿאָרגעזעצט זיינע לימודים. מיר האָבן אַפֿילו באַקומען שכנותדיקע ערטער אין דער כעמי־שער לאַבאָראַטאָריע. אין די פֿרייע מינוטן פֿלעגן מיר אַפֿילו כאַפּן אַ שמועס וועגן אונדזערע פּריוואַטע ענינים.

אַ טיפֿע זאָרג האָט זיך געזען אויף זיין פּנים. בשעת דער אַרבעט האָב איך אָפֿט באַמערקט, אַז אפרים ליידט. שוין צוויי מאָל זענען ביי אים פֿון די הענט אַרויסגעפֿאַלן כלים און צעבראָכן זיך. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער מיר דערציילט, אַז זיין פֿרוי איז פֿון אים אַוועק קיין סוואַלק אַרבעטן. ער האָט פֿאַרלאָזט זיין שטוב און אַריבער וווינען אין דעם נייעם אַקאַדעמישן הויז אויף פּראַגע. אין אַנהייב האָט פּעסעלע געשריבן צו אים בריוו: אין שטאָט האָט מען זי גוט אויפֿגענומען, אָבער זי טראַכט זייער פֿיל וועגן אים. אין די ווייטערדיקע בריוו האָט זי געבעטן, ער זאָל איר

צושיקן געלט — זי איז אַ ביסל צוגעקילט. נאָך צוויי חדשים איז אפרים געפאָרן צו איר קיין סוואַלק און געטראָפן זי אַ קראַנקע אין בעט. זי האָט אים געפרוווט באַרויקן, אַז דאָס איז נאָר אַ גריפּע, אָבער איר אויסזען האָט אָנגעוויזן, אַז זי איז ערנסט קראַנק. זי האָט מסכּים געווען צו פאָרן מיט אים קיין וואַרשע. זיי זענען פאַרפאָרן אויף מוראַנאָוו צו די פריד־מאַנס. איך בין גרייט געווען זיי אָפּצוטרעטן דאָס גרויסע צימער. ערגער איז געווען, ווען דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט ביי איר אַן אינפעקציע־קראַנקייט און מען וואָלט זי געדאַרפט איזאָלירן...

שווערע צוויי וואָכן האָט געדויערט דער קריזיס. עס האָט געדראָט אַ געפאַר פאַר איר לעבן. איר יונגער אָרגאַניזם האָט אַלץ גובר געווען, זי איז געזונט געוואָרן. זיי האָבן געדונגען אַ צימער אויף דזשעלנע־גאַס, מיט מעבל און באַקוועמלעכקייטן און אַלדאָס פּריִערדיקע ביז איז ווי פאַרגעסן געוואָרן.

פעסעלע האָט זיך ספּעציאַליזירט אין באַקן היימישע טאָרטן, מיט ראָם, באַפּוצט מיט קרעם. אין די פרייע אָוונטן פלעגן מיר פאַרברענגען צוזאַ־מען.

ביז איין מאָל, בשעת דער אַרבעט אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע, האָב איך באַמערקט, אַז אפרים רייסט איבער זיין אַרבעט, גייט אַרויס און ווען ער קומט צוריק, איז זיין פּנים פאַרקרימט, ווי פון שטאַרקע ווייטיקן.

אויף צומאָרגנס האָט מען אים אָוועקגענומען אין שפּיטאָל אויף טשיס־טע. איך פלעג אים אָפט באַזוכן. ער האָט מיך געבעטן נעמען פאַר אים אין דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק די נייטיקע לערנביכער. ער האָט זיך געוואָלט גרייטן צום עקזאַמען.

ווען עס זענען אָנגעקומען די ווינטער־פעריען און איך האָב זיך גע־קליבן צו פאָרן אַהיים, בין איך אַוועק אין שפּיטאָל געזעגענען זיך מיט אפרימען. אין פאָדערהויז האָט מיך פעסעלע באַגעגנט מיט אַ שטיל העשען. איך בין אַריין אין אפרימס פּאַלאַטע, ער האָט מיר געזאָגט:

— די דאָקטוירים ווייסן גאָרנישט וועגן מיין קראַנקייט. איך בין נאָר אַ קראָליק אויף צו מאַכן עקספּערימענטן. איך וועל שוין לאַנג נישט אָנציִען, נאָר פעסעלע טאָר פון דעם נישט וויסן...

אַרויסגייענדיק האָט פעסעלע מיר געזאָגט:

— אים ווילט זיך אייזקרעם... אַלע זיינע פאַרלאַנגען וועל איך אויס־פירן. ער איז אומהיילבאַר קראַנק אויף לעוקעמיע. אויף דער נאַכט האָבן מירביידע מיט צעבראָכענע הערצער געזאָגט תהילים.

מיט גרויס שוועריקייט האָבן מיר באַשטעלט אין „אַדריאַ" צוויי פּאָרציעס אייזקרעם.

דער אייזקרעם איז שוין נישט געווען נייטיק. מעגלעך, אַז אפרים האָט זי מיט אַ כוונה אַוועקגעשיקט נאָך דעם אייזקרעם, כדי זי זאָל נישט זיין אַנוועזנדיק ביי זיינע לעצטע מינוטן...

אומעט און פרייד

איך בין געפאָרן אַהיים.

פאַר מיינע אויגן זענען נאָך געשטאַנען די בילדער פון די לעצטע טעג. אין די אויערן האָט נאָך געקלינגען פעסעלעס קדיש ביים אָפענעם קבר פון איר יונג־פאַרשטאָרבענעם מאַן.

דער קאָנטראָלער האָט איבערגעריסן מיינע מחשבות, געפאָדערט מיין בילעט. די באַן האָט מיט אימפּעט זיך אַריינגעריסן אין דער פאַרשנייטער נאַכט. איך האָב געוואָלט טראַכטן וועגן פריילעכערע זאַכן, וועגן מיין נייעם חבר לעאָן שאַיאַק, וואָס האָט געוווינט מיט מיר צוזאַמען אין אַ באַזונדערן צימער ביי די לעווינס אויף מוראַנאָווסקע. ער איז געווען אַ סטודענט אויפן היסטאָרישן פאַקולטעט און צוזאַמען מיט מיר געאַרבעט אין דיק־שטיינס גימנאַזיע. לעצטנס האָט ער מיך באַקענט מיט זיינע חברטעס פון אוניווערסיטעט, בלאַנקע, אַ שוואַרצהנעוודיק מיידל מיט פולע תאַווהדיקע ליפן, לערנט אויפן הומאַניסטישן פאַקולטעט פאָלאָניסטיק; טאָבקע, מיט העלע וואַרעמע אויגן, היימיש, ווי אַן אייגענע שוועסטער; האָניע, אַ בלאָנדע, אַ הויכע, מיט איידעלע געזיכטשטריכן. די אָוונטן פאַרברענגען מיר צוזאַמען ביי זיי אין צימער אויף נאָוואָליפּקי־גאַס. שוין ביי אונדזער

ערשטער באַגעגעניש, האָבן זיי געוווּסט, אַז איך בין אַ „פּאַרנומענער“, אַ בחור, וואָס איז פאַרליבט, אַ ראָמאַנטיקער. „די ראָמאַנטיקער, די פּאָעטן, וואָלטן פון דיר אָנגעקוואָלן“ — האָט זיך איין מאָל אָנגערופן צו מיר האַניע, ביים געזעגענען זיך מיט מיר האָט יעדע פון די מיידלעך מיטגעגעבן מיר אַ קוש פאַר מינדלען.

מיט די דאָזיקע מחשבות בין איך איינגעדרימלט און אויפגעכאַפּט זיך ערשט אין קיווערצע, ווו די באַן איז אַוועק אויף אַ זייטיקן וועג קיין לוצק.

דער ערשטער האָט מיך באַגעגנט מיין טאַטע, מיט זיין קאַרגן שמייכל אויפן באַוואַקסענעם פּנים. די מאַמע איז געקומען צו לויפן פון קיך מיט פרייד אין די אויגן. מירל איז אַראָפּ פון די טרעפּ מיט איר זויג־מיידעלע אויף דער האַנט און מיט איר זון ביי דער צווייטער האַנט. איר מאַן, משה, איז אַוועקגעפאָרן קיין בראַזיליע זוכן גליקן. די קינדערלעך זענען געראָטענע, געזונטע און דאָס איז איר איינציקע טרייסט.

איך עס און קוק אויף מיין אַלטן טאַטן. ער האָט זיך היפּש אַ רוק געטאָן די לעצטע צייט. די מאַמע האָט אויך אים דערלאַנגט זיין אָרעמען דיעטע־פרישטיק. אין געוועלב איז ער נאָך דער באַלעבאָס. כאָטש פּאַקטיש איז זיין ראָל אַ צווייטראַנגיקע. די עלטערע קינדער: גיטל, מירל, בענע און חייקע זענען אַוועק און געמאַכט זיך אייגענע געוועלבער. די יינגערע פאַרטרעטן זיי, ברענגען די פּרנסה אין שטוב אַריין. בלויז איך שטיי פון דער וייטנס, נישט איך נעם און נישט איך גיב. אַ לערער, אַ סטודענט, אַן אינטעליגענט...

מיט מינען האָב איך זיך געטראָפן שפּעטער, ווען זי האָט פאַרענדיקט איר אַרבעט אין דעם קינדערגאָרטן. איך האָב זי אָפּגעוואַרט אין דרויסן. אויסערלעך איז אונדזער באַגעגעניש געווען אַ געוויינלעכע, ווי צוויי גוטע פריינד וואָלטן זיך געטראָפן נאָך אַ לענגערער צייט פון נישט זעען זיך. אָבער אין האַרצן האָט זיך ביי אונדז צעבליט דער פרילינג אין מיטן ווינטער... פון טיפער איבערלעבונג האָבן מירביידע פאַרלוירן דאָס לשון.

— אויף לאַנג? — האָט מינע ענדלעך געפרעגט.

— אויף דריי טעג — איז געווען מיין ענטפער, — מיר וועלן צופאָרן צו דיינע עלטערן אין דאָרף אַריין.

מינע האָט מסכים געווען.

מיר זענען געפאָרן מיט דער באַן, וואָס גייט אויפן וועג קיין לעמבערג. די וואַגאָנען זענען געווען כמעט פוסט. איך האָב מינען דערציילט וועגן וואַרשע, וועגן מיינע נייע חברטעס, וואָס האָבן מיטגעשיקט פאַר איר קושן. איך האָב זיי איר טאַקע תיכף ומיד אָפּגעגעבן...

מינעס מוטער האָט אונדז אויפגענומען מיט צוריקגעהאַלטענער פרייד. דער פאָטער האָט אויסגעזען ווי אַ פויער, אָנגעטאָן אין זיין דרייפערטלדיקן פעלצל און הויכע שטיוול. אויך אסתרקע מיט איר מאַן יוסף, זענען געווען צופרידן מיט אונדזער קומען. בכלל איז מען אין דאָרף להוט נאָך אַ גאַסט, בפרט נאָך ווינטער.

ביידע משפחות האָבן פאַרנומען אַ גרויסע פויערישע כאַטע. מינעס עלטערן האָבן אין דער רעכטער זייט געהאַט דאָס געוועלב און אַ קליין צימער. די זוואַגילערס האָבן פאַרנומען צוויי גרויסע צימערן אין דער לינקער זייט.

פאַר מיר האָט מען געמאַכט אַ געלעגער אין גרויסן צימער ביים אויוון. מינע איז געשלאָפן צוזאַמען מיט אסתרקען אין איין בעט.

איך און מינע זענען געווען פאַרכאַפּט מיטן געדאַנק — וואַרשע. דער געדאַנק האָט אונדז נאָך שטאַרקער פאַרבונדן. עס איז אונדז געווען גוט...

מיין גאַסט

דעם לעצטן חודש פון ווינטער רופט מען אויף פויליש „לוטי״, דער שלעכטער. ער קעמפט פאַר דער מאַכט מיט שטאַרקע פרעסט, מיט שטורמישע צפון־ווינטן. נאָך אַזאַ אויסטערלישער פעברואַר, וואָס איז געווען אין וואַרשע אין יאָר 1929, איז שוין נישט געווען במשך פון די לעצטע פופציק יאָר. אַזוי האָבן געזאָגט די גאָר אַלטע איינוווינער פון דער שטאָט. די גאַסן האָבן געפּוסטעוועט. זעלטן ווען עס האָט זיך ווער באַוויזן אין גאַס, סיידן די נויט האָט אים געטריבן. די שול־מאַכט האָט באַפוילן צו באַפרייען די שילער פון די שולן. די וואַסער־לייטונג איז כמעט נישט געווען טעטיק,

מען האָט געמוזט אַרויסלאָזן דאָס וואַסער פון די רערן, כדי זיי זאָלן נישט פּלאַצן. עס האָט זיך געפּילט אַ גרויסער מאַנגל אין שפּייז־פּראָדוקטן.

אין איינעם פון די דאָזיקע אויסטערלישע טעג, בין איך אַרומגעגאַנגען איבערן וואַרטזאַל פונעם מזרח־וואָקזאַל אויף פּראַגע און מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט דורכן פּראָסטיק־באַבלימלטן פענצטער אין דרויסן. דער עקספּרעס־צוג האָט פאַרשפּעטיקט. אין מיין פריידיקער שטימונג כאַפּט זיך אַריין די זאָרג וועגן מיין גאַסט, וואָס דאַרף אָנקומען, זי זאָל זיך נישט פאַרקילן...

ענדלעך האָט זיך געלאָזט הערן דאָס געוויש פונעם סאַפּנדיקן לאָקאָ־מאָטיוו, וואָס איז מיט שטורעם אַריין אויף דער סטאַציע. די טירן האָבן זיך האַסטיק צעפּראַלט און עס האָט זיך אַ שיט געטאָן אַ קליינע צאָל פּאַסאַ־זשירן, צווישן זיי אויך מיין אויסגעבענקטער גאַסט, מינע. אונדזערע אויגן האָבן געשטראַלט פון פרייד, די ליפּן פאַראייניקט אין געגאַרטן קוש.

זי איז געווען וואַרעם אָנגעטאָן און האָט נישט אויסגעזען מורא צו האָבן פאַר דער קעלט. מיר זענען אַריין אין טראַמווײ. פּאַסאַזשירן זענען געווען ווייניק, אויף מינען איז נישט געווען צו דערקענען, אַז זי פאָרט צום ערשטן מאָל אין אַ טראַמוויי. ביי דער ערשטער סטאַציע נאָך דער בריק, נאָענט צום קעניגלעכן פּאַלאַץ, זענען מיר אויסגעשטיגן.

אָן רייד האָב איך מינען אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און מיר זענען מיט שנעלע טריט געגאַנגען אין דער ריכטונג צו דער דאָברע־גאַס, צו מיינע חברטעס. אַלע דריי זענען נאָך געלעגן אין די בעטן. איך האָב מינען אַריינגעלאָזט די ערשטע און דערהערט דעם אַלגעמיינעם אויסגעשריי:

— מ י נ אַ!

איינע נאָך דער אַנדערער האָבן זיי זיך צעקושט מיט מינען, היימיש, וואַרעם, מיט אמתער פרייד, ווי מיט אַן אַלטער גוטער חברטע.

טאָבקע האָט זיך ווי פאַרענטפערט:

— מיר האָבן נישט וואָס צו קייען, ליגן מיר נאָך אין די בעטן.

איך האָב פאַרשטאַנען איר מיק און בין אַראָפּגעגאַנגען אין געוועלב אַריין, ווו כ'האָב באַקומען עטלעכע אַלט־געבאַקענע זעמל, אַ צווײ שמאַלץ־הערינג און אַ גרויסע פּושקע קאָנסערווירטע מילך.

די אַלגעמיינע שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. מינע איז נשתומם געוואָרן פון אַזאַ האַרציקער אויפנאַמע. זי האָט זיך פשוט נישט געקענט באַהערשן און זיך צעלאָזט מיט איר סאָפּראַן־שטימע, נישט געוואָרט, מען זאָל זי בעטן, געזונגען וואָס אַ מאָל העכער, מיט געפיל און טאַלאַנט.

מינען האָט מען געשיקט קיין וואַרשע, זי זאָל זיך אויסלערנען נייע לידלעך און טענץ פאַרן קינדערגאָרטן. זי איז געקומען אויף געציילטע טעג. זיי לויפן שנעל פאַרביי, אָבער קיין אײן קינדערגאָרטן אַרבעט נישט.

אויפן פינפטן טאָג האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די פּרעסט זענען שוואַכער געוואָרן. מיר האָבן באַשלאָסן צו באַזוכן אַ פאָרשטעלונג אין „טעאַטער פּאָלסקי". מינע איז געווען אַנטציקט פון דער פאָרשטעלונג.

איך האָב מינען אויסגעלערנט זינגען אײניקע לידער פון מײן אָפּערע „ווער עס אַרבעט נישט — דאַרף נישט עסן". איך האָב אויך באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו מײן חבר יוסף אַבראַמאָוויטש, אפשר קען ער מינען באַקענען מיט אַ פּרעבליסטין פון אַ קינדערגאָרטן. יוספן האָב איך געקענט שוין פון לאַנג. ער האָט געאַרבעט מיט מיר צוזאַמען אויף מילע 56, איצט איז ער אויך געווען דער לערער פון גימנאַסטיק אין דיקשטיינס גימנאַזיע. ער איז אויך אַרײן אין דער פאַרוואַלטונג פון לערער־פאַראײן, מצד די באַראַכאָוויסטן. אויסגעזען האָט ער גאָר יונג, געהאַט שטאַרקע מוסקלען, אָבער געווען אַ שטילער און רויִקער און זייער אַרבעטזאַם.

איך פלעג באַוווּנדערן זײן אַרבעטזאַמקייט. זיינע גימנאַסטישע פּיראַמידעס, קאָלעקטיווע שוועדישע גימנאַסטיק, אין וועלכע ס'פלעגן זיך באַטייליקן עטלעכע צענדליק שילער און שילערינס, האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט כמעט אויף אַלע קינדער־פאָרשטעלונגען. די באַפעלן זיינע האָט מען כמעט נישט געהערט. ער פלעגט זיי געבן פון הינטער די קוליסן, אָפט דורך אַ ריטמישן קלאַפּן מיט אַ בלייפעדער.

מיט יוספן האָב איך גערעדט וועגן מינען, דערציילט אים אויך וועגן דעם וואַרעמען קבלת־פּנים, וואָס זי האָט באַקומען פון מיינע חברטעס. אַליין אַ חברישער, האָט ער אויך געקענט אָפּשאַצן אַנדערע גוטע חברים, און שטענדיק גרייט געווען צו העלפן. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו באַקענען מינען מיט אַ לערערין פון דער יידישער שול אויף טוואַרדע, מיט דער

טאַלאַנטפולער יידישער דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי. זי שרייבט לידער פאַר קינדער, אַ סך פון זיי ווערן געזונגען אין די קינדערגערטנער.

מינען איז זיין פאָרשלאַג זייער געפעלן. אייניקע מאָלאָדאָווסקיס לידער האָט זי שוין געקענט און עס איז פאַר איר געווען אינטערעסאַנט צו באַ־קענען די דיכטערין פערזענלעך. יוסף האָט צוגעגעבן זיין מיינונג: „קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איז אַליין אויך אַ ליד"...

אַ נייע ווענדונג

אין אַ פראָסטיקן פאַרנאַכט זענען מיר אַריינגעקומען צו דער דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי אין שטוב אויף זאַמענהאָף־גאַס. יוסף אַבראַמאָוויטש האָט צוגעגרייט אונדזער צוזאַמענטרעף.

זי האָט געוווינט אויפן ערשטן שטאָק, אין איין צימער מיט אַ קיך. ווי ביי אַ סך קינסטלער האָט דאָ אויך געפעלט סדר. אומעטום זענען געווען אָנגעוואָרפן ביכער. די באַלעבאָסטע אַליין, אַ היימישע, מיט גוטע וואַרעמע אויגן, האָט גערעדט מיט אַ זינגעוודיקער שטים, ווי צו קינדער:

— דאָס האָט איר געבראַכט צו אונדז די גרויסע פרעסט?

מינע האָט גלייך אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם ציל פון איר וויזיט און צוגעגעבן, אַז די קינדער זינגען גערן אירע לידלעך. זי האָט באַלד אויפ־געזונגען:

— קיץ־קאַץ, קעצעלע...

איך האָב באַמערקט ווי די אויגן ביי דער שרייבערין האָבן זיך צע־שיינט מיט העלער פרייד. זי האָט געזאָגט:

— איך איז כדאי אויסצולערנען אַ סך לידלעך. אַ שאָד, וואָס מיינע קינדער אין שול הערן נישט ווי איר זינגט זיי.

און עס איז אַוועק אַ גאַנג. מיט פולע הויפנס האָט מינע געשעפּט די לידער פון ערשטן קוואַל, פון דער דיכטערין אַליין.

פּלוצים האָט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי זיך אָנגערופן:

— איר וואַלט אַ בעלן געווען צו פאַרבלייבן אין וואַרשע? איך האָב אַ פּלאַן. מיין מאַן געפינט זיך אין פּאַריז און וויל איך זאָל צו אים קומען, כאָטש אויף אַ קורצער צייט. איך וועל אַ שמועס טאָן מיטן חבר סמאָליאַר, מיין שול־פאַרוואַלטער. אַ צען טעג וועלן מיר אַרבעטן צוזאַמען. איך בין זיכער, אַז אייער אַרבעט וועט אים געפעלן. איר זינגט שיין און אויך די קינדער וועט איר געפעלן.

דער פּלאַן האָט געלאָקט, אָבער אין מינעס האַרץ האָט זיך אַריינגע־כאַפּט אַ צווייפל. עס האָט זי געשראָקן צו ווערן אַזוי אומגעריכט אַ לערערין און דערצו די פאַרטרעטערין פון אַזאַ אָנערקענטער לערערין ווי קאַדיע מאַלאַדאָווסקי. קאַדיע האָט באַמערקט איר צווייפל און האָט צוגעגעבן:

— באַקלערט זיך... יעדער אָנהייב איז שווער, אָבער מען מוז אים מאַכן.

מיר זענען אַהיימגעפאָרן אויפגעלייגטע. וועד האָט זיך געקענט ריכטן אויף אַזאַ נייע ווענדונג אין לעבן. די „חברה" האָט די נייעס אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם.

די טעג זענען געוואָרן וואַרעמע, דאָס אייז אויף דער פאַרפרוירענער ווייסל האָט זיך אָנגעהויבן שפּאַלטן. מען האָט צוריק אָנגעהויבן צופירן לעבנסמיטל קיין וואַרשע, די גאַסן זענען אויפסניי פול געוואָרן מיט מענטשן. מיר האָבן אַרויסגעקוקט אויף אַ מעלדונג אין די צייטונגען, אַז עס הייבן זיך צוריק אָן די לימודים אין די שולן. מינען האָב איך צוגעהאָלפן גרייטן זיך צו דער אַרבעט אין דער יידישער פאָלקסשול אויף טוואַרדע. דער פאַר־וואַלטער סמאָליאַר האָט מסכים געווען אויף מאַלאַדאָווסקיס אַרויספאָרן מיטן באַדינג, אַז זי וועט צוגרייטן מינען אַלס פאַרטרעטערין.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג. איך האָב אין דער פרי געדאַרפט גיין אויף אַ זיצונג פון פעדאַגאָגישן ראַט אין גימנאַזיע און מינע — אין שול אַריין. זי איז געווען צוגעגרייט צו די ערשטע לעקציעס. איך האָב געמאַכט פאַר איר אַ סכעמאַטישן פּלאַן פון די גאַסן דורך וועלכע זי האָט געדאַרפט דורכגיין. זי האָט זיך באַמיט אַרויסצווייזן פולע רויקייט, אָבער איך האָב געפילט, אַז ביי איר אין האַרצן האָבן נאָך אַן אָרט ספיקות, אַפילו אַ געפיל פון שרעק.

נאָך איידער די לימודים אין דער שול האָבן זיך פאַרענדיקט, האָב

איך שוין מינען אָפּגעוואַרט אויף טוואַרדע־גאַס פאַר דער שול. זי איז אַרויס אַ שמייכלענדיקע, מיט צעפינקלטע אויגן, גרייט צו טיילן זיך מיט די נייעסן:

— קאַדיע איז קראַנק געוואָרן און נישט געקומען צו דער אַרבעט. איך האָב געמוזט אַליין פירן די לעקציעס, געזונגען מיט די קינדער לידלעך, געשריבן אַ קאָלעקטיוון בריוו צו דער לערערין.

מיר זענען געגאַנגען צופוס אַהיים. אויף מיטאָג האָבן מיר זיך אָפּגע־שמועסט צו טרעפן מיט די חברטעס אין נאָענטן רעסטאָראַן.

פאַרנאַכטצו זענען מיר ביידע געגאַנגען צו פעסעלע באַרנהאָלץ, אויף דזשעלנע־גאַס. מיר האָבן זי געטראָפן זיצן אין איר שוואַרץ קלייד אויפן נידעריקן בענקעלע, ווי אין די שבעה־טעג, ביי אפרימס פאָרטרעט. איך האָב באַמערקט, אַז דער זייגער ביי דער זייט שטייט נאָך אַלץ פאַרגליווערט און ווייזט נאָך אָן די שעה און מינוטן, ווען אפרימס האַרץ האָט אויפגע־הערט צו קלאַפּן...

מיר האָבן איר דערציילט וועגן מינעס בלייבן אין וואַרשע און איר פאַרטרעטן די לערערין קאַדיע מאַלאַדאָווסקי. פון פעסעלעס פאַרלאָשענע אויגן האָבן גערונען טרערן. ביים אַוועקגיין האָט זי אונדז געבעטן:

— קומט אָפטער... איך טאָר נישט בלייבן אַליין. צווישן מענטשן פיל איך זיך בעסער...

שאָטנס אין וועג

אין לעבן, ווי אויפן פראָנט, ווערן אַלע מאָל פאַרכאַפּט נייע פּאָזיציעס, דעראָבערט נייע ערטער און מיט זיי באַקענט מען נייע מענטשן, נייע אינ־טערעסן, נייע שטרעבונגען.

מינע איז געוואָרן אַ וואַרשעווערין. זי האָט געדונגען פאַר זיך אַן אָרט צו וווינען ביי אַ קינדערלאָזן פּאָרפּאָלק אויף פאַוויע־גאַס, נישט ווייט פון דעם טרויעריק־באַרימטן פאַוויאַק, די וואַרשעווער טורמע, פאַר וועלכער

עס האָבן זיך אין משך פון לאַנגע יאָרן געשראָקן נישט בלויז וואַרשעווער. זי איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן געמויערטן פּאַרקאַן און פאַרנומען אַ ריזיקן שטח צווישן פּאַוויע און דזשעלנע. אומרויִקע גאַסן זענען זיי געווען. נישט איין מאָל פלעגן זיך דורך זיי דורכרייסן אומגעריכטע מאַסן־דעמאָנ־סטראַציעס פון יונגע אַרבעטער, מיט צעפלאַקערטע רויטע פענער מיט הילכיקע לאָזונגען: „לאָזט פריי די פּאָליטישע אַרעסטירטע!" „זאָל לעבן די פרייהייט!"

מינעס באַלעבאַטיב זענען געווען אויך „לינקע", כאָטש זיי האָבן גע־האַט אַ קליין פאַבריקל פון וואַליזעס. זיי האָבן אָבער אַליין געאַרבעט און נישט באַשעפטיקט קיין פרעמדע. דאָס פאַבריקל האָבן זיי געירשנט פון ווייבס פאַרשטאָרבענע עלטערן, ביי וועמען איר מאַן האָט געאַרבעט. ער איז גע־ווען אַן אָרעמער בחור, אַ יתום, האָט חתונה געהאַט מיטן באַלעבאָס טאָכ־טער און געוואָרן אַליין פאַר זיך אַ קליינער פאַבריקאַנט. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט ווייטער צו חברן זיך מיט זיינע „לינקע" חברים. אים האָט אויך נישט געאַרט, הלמאי זיין ווייב פירט ווייטער אַ יידישע שטוב, בענטשט ליכט און איז שטאַרק מקפּיד אויף כשרות.

מינדל איז געשלאָפן אַליין אין אַ שמאָלן צימער, האָט זיך גוט געפילט, געווען ביז גאָר שעפעריש ביי איר אַרבעט אין שול. די באַלעבאָסטע האָט איר דערלויבט צוצושטעלן אַ טעפל אויף איר קיך און אָפּקאָכן עפּעס פאַר זיך און אויך פאַר מיר. מינע האָט נאָך ווייניק פאַרדינט, ווי די אַלע אַנדערע לערער אין די ציש"א־שולן, אָבער ביי אַ שפּאָרזאַמער ווירטשאַפט, וואָס מינע האָט געפירט, האָט מיין פאַרדינסט געקלעקט פאַרביידן. די בעסטע מאכלים אין דער וועלט וואָלטן אונדז אַזוי נישט געשמעקט ווי דער רויטער וויַניקער באָרשטש מיט קאַרטאָפל־פּיורע, די פליש־קאָטלעטן — צוגע־ברוינטע, געשמאַקע.

אין דער שול אויף טוואַרדע האָט מען זיך געגרייט צו אַ נייער פאַר־שטעלונג „מסעות בנימין השלישי". מיר איז דאָן איינגעפאַלן אַ געדאַנק אָנצושרייבן אַ קליינע קינדער־אָפּערע פאַר מינעס קלאַס. די אָנרעגונג און שטאָף האָט מיר געגעבן די ערשטע קינדער־אָפּערע, וואָס איך האָב געזען אין וואַרשע. פאַרשידענע ליאַלקעס ווערן געבראַכט צו פאַרריכטן, ליאַלקעס־

קאַליקעס אָן פיס און אָן הענט, פאַרביטערטע און בייזע אויף די שלעכטע קינדער, וואָס שאַנעווען זיי נישט, באַגייען זיך מיט זיי ווילד... עס דערגייט צו אַ בונט... ווען זיי ווערן פאַראַכטן, זינגען זיי און טאַנצן פריילעך האָפּער־דיק. די מעלאָדיעס פון די לידער און די טענץ האָבן מיר געשאַפן צוזאַמען.

די לעקציעס האָבן געשפּרודלט מיט פרייד, מיט געזאַנג און טענץ. אַלע קינדער האָבן זיך באַטייליקט אין דער אָפּערע. דער פאַרוואַלטער סמאַליאַר איז געווען צופרידן און האָט באַשלאָסן צו ווייזן די אָפּערע אין קינאָ „שוויאַטאָוויד“ אויף מאַרשאַלקאָווסקע. די עלטערן פון די קינדער האָבן אין זייער פרייער צייט געניייט די קאָסטיומען. מינע איז אַרומגעגאַנ־גען אַ צעזונגענע און האָט מיך אויך אָנגעשטעקט מיט איר פרייד. עס איז כדאי געווען מיין מי, כאָטש די צייט איז מיר געווען טייער, איך האָב זי פּשוט נישט געהאַט, געגרייט זיך צו עקזאַמענס, אין פאַראיין האָט מען זיך געגרייט צו אַ פרישן שטרייק. אייניקע שול־באַלעבאַטים, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך מיט די לערער, האָבן נישט אויסגעפירט די באַדינגונגען.

עס איז ווידער געשאַפן געוואָרן אַ שטרייק־קאָמיטעט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן זיצונגען, אונטערהאַנדלונגען, דראָונגען און סתם שמועסן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין איינעם פון אַזעלכע צעגליטע אָוונטן, האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים נאָך האַלבער נאַכט. צוזאַמען מיט מיר איז אויך געגאַנגען איינע פון די לערערינס, וואָס האָט געהערט צום שטרייק־קאָמיטעט. זי האָט געוווינט אויף מילע־גאַס. מיר זענען, ווי געוויינלעך, געגאַנגען געאָרעמט. ערשט איצט, ביי דער שיין פון דער קאַרגער עלעקטרישער באַלויכטונג, האָב איך דערזען אירע טיפע שוואַרצע אויגן, געדיכטע ברעמען אויפן ברייט־לעכן פּנים. איר איינגעהאַלטן געלעכטער האָט אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט, ווי אַ רוף... ביים פאַרקערעווען זיך פון דער זאַמענהאָף־גאַס אויף מילע, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— פירט מיך צו אַ ביסל, איך וווין דאָ נישט ווייט.

ביים טויער האָט זי אָנגעקלונגען. איך האָב צוגעוואַרט ביז מען וועט עפענען דעם טויער און שוין געוואָלט זיך מיט איר געזעגענען,

אָבער ווי נאָר דאָס טויער האָט זיך געעפנט, האָט זי מיך אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און אַריינגעפירט אינעווייניק. דאָס איז געווען פאַר מיר אַזוי אומדערוואַרט, אַז איך האָב זיך געלאָזט פירן. מיר זענען אַריין אין אַ פינצטער פאָדערהויז, אויף פּאַרטער. זי האָט אויפגעשלאָסן די טיר, אָנגעצונדן דעם גאַז אין צימער און איך האָב דערזען פאַר זיך אַ טיש מיט געוויינלעכע שטולן. זי האָט שטיל אַראָפּגעצויגן פון זיך איר אויבער־מאַנטל. זי האָט באַמערקט מיין צערודערונג און געוווּנדערט זיך, פאַר וואָס איך טו נישט אויס דעם מאַנטל:

— ביי אונדז איז וואַרעם — האָט זי ווי געבעטן זיך.

הייסט עס, אַז זי וווינט נישט אַליין — האָב איך אַ טראַכט געטאָן — זי האָט געזאָגט: ביי אונדז...

— איך איל זיך אַהיים. איך בין פאַר אַן עקזאַמען.

— ווען מיר אויסטרינקען אַ גלעזל טיי און צובייסן... זעצט זיך, אָט האָט איר אַן אַלבום מיט בילדער, איך וועל דערוויל עפּעס צוגרייטן.

איך האָב אַ בליק געטאָן אין אַלבום אַריין. אַזויפיל שיינע פאָטאָ־גראַפיעס אין פאַרשידענע פּאָזעס. זי איז געווען אין השומר הצעיר. ס׳פּאַסט איר דער שומרישער מונדיר. זי שווימט, פאָרט אויף אַ שיף און רודערט, נעמט אָנטייל אין אַ גימנאַסטישער פּיראַמידע, גראַציעז, בויגעוודיק...

באַלד איז זי געקומען מיט טיי און סענדוויטשן. מיר האָבן געשמועסט וועגן אַמאָליקע יאָרן. איך האָב געטראַכט, אַז מאָרגן וועל איך זיך שעמען צו קוקן מינדעלען אין פּנים אַריין. אַן אינערלעך קול האָט גערעדט אין מיר: ביסט שוואַך און נאָכגיביק... באַוויז, אַז דו ביסט נישט אַזעלכער... מיט אַ מאָל האָב איך זיך געגעבן אַ הויב אויף, ווי איך וואָלט זיך באַפרייט פון פּענטעס.

— איך מוז גיין... זייט נישט בייז אויף מיר...

איך בין אַוועק אַן אויפגערעגטער, אַ פאַרשעמטער, נאָר אַ צופרי־דענער און מיט אַ ריין געוויסן.

די נייע חברטע

די עטלעכע שעה, וואָס זענען מיר פאַרבליבן צום שלאָפן זענען אַריבער אין מענלעכן פיבער. קאַיאָר בין איך שוין געזעסן ביים טיש און געלערנט. עס האָבן זיך דערנענטערט די טעג פון עקזאַמענס, יעדע מינוט איז טייער. פלוצים האָב איך דערהערט אַ שטיל קלאַפּן. אין דער האַלב־פינצטערניש האָב איך באַמערקט אַ פרויען־פיגור. מיין באַקאַנטע פון דער נאַכט איז געשטאַנען אַ בלאַסע, מיט אומעט אין אירע שוואַרצע אויגן.

— קומט אַריין — האָב איך זי געבעטן.

— ניין! איך קען נישט; איך איל זיך — האָט זי שנעל גערעדט אין איין אָטעם און דערלאַנגט מיר אַ קאָנווערט, צוגעבנדיק — איך בעט אייך, לייענט עס איבער.

זי איז שנעל אַראָפּ פון די טרעפּ, איבערלאָזנדיק מיך אין גרויס פאַרלעגנהייט. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָב איך געלייענט די גרויסע צאָל זייטן פון בריוו. דאָס איז געווען געשריבן אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט, אין איין אָטעם, מיט טיפן ציטער:

„...איך האָב מורא צו בלייבן אַליין אין די נעכט. מערדער האָבן דערהרגעט מיינע עלטערן און איך בין געבליבן אַליין אויף דער וועלט, עלנט... מיינע קוואַרטיראַנטקעס, סטודענטקעס, זענען אַוועקגעפאָרן אַהיים צו זייערע עלטערן. שפּעט אין דער נאַכט, נאָך דער זיצונג אין פאַראיין, האָב איך נישט געהאַט וווהין צו גיין שלאָפן... אין אייך האָב איך דערקענט אַ גוטן חבר, נישט געטראַכט וועגן גאָרנישט און פאַרשלעפּט אייך צו מיר אַהיים. פאַרשטייט מיין נאַרישע האַנדלונג און טראַכט נישט וועגן מיר קיין שלעכטס...“

דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעכער בריוו. דער אינהאַלט איז געווען פאַר מיר אַן אַנטפּלעקונג. איך האָב אין אַלץ געגלויבט, גענומען די שולד אויף זיך, הלמאי כ׳האָב זי אַזוי וויניק פאַרשטאַנען.

קומענדיק בייטאָג צו מינדעלען אויף מיטאָג, האָב איך איר וועגן

אַלץ דערציילט און מיר האָבן אויפסניי איבערגעלייענט דעם בריוו. מינדל האָט געזאָגט:

— זי געפעלט מיר, איך גלויב אין איר אויפריכטיקייט. באַקען מיך מיט איר.

אין איינעם פון די פרייע טעג, נאָך די עקזאַמענס, האָב איך זי איינגעלאַדן צו זיך אין מיין וווינונג.ביידע מיידלעך האָבן זיך באַקענט. זיי זענען געווען כמעט אין איין עלטער, אין דער זעלבער הויך, איינע אַ ברונעטין מיט טיפע שוואַרצע אויגן, די אַנדערע, מינע, אַ בלאָנדע מיט העל־בלויע אויגן, מיט פולן צוטרוי צו אַנדערע.

פון דעמאָלט אָן פלעגן מיר זיך חברן, צוזאַמען גיין שפּאַצירן, באַזוכט קינאָ און טעאַטער. איין מאָל איז אונדז געלונגען צו באַקומען איינטריטס־בילעטן אויף אַן אויסטערלישער פאָרשטעלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל אויף דער באַניפּראַטן־גאַס. צוזאַמען מיט אונדז זענען אין גרויסן זאַל געזעסן די פּסיכיש־קראַנקע מיט זייערע איינגעלאַדענע געסט. אויף דער בינע האָבן פאָרגעשטעלט די טאַלאַנטירטע קראַנקע. זיי האָבן געזונגען, געטאַנצט, דעקלאַמירט אין גרים „דעם משוגענעם אין שפּיטאָל". דער באַרימטער פידלער באַזעוויטש, אָנגעטאָן אין אַ האַריקן פאַרוק, האָט וווּנדערבאַר געשפּילט אויף זיין פידל „קרייצער סאָנאַטע". אים האָט אַקאָמפּאַנירט אַ פּיאַניסט, אַ מאָרפיניסט.

מיר אַלע דריי זענען געווען גוטע חברים. איין מאָל, בין איך געקומען צו איר אַהיים און געוואָרט, אַז מינדעלע זאָל אָנקומען. איך בין געווען מיד און זיך צוגעלייגט אויף דער סאָפע. זי האָט זיך צוגעזעצט צו מיר. אין דער האַלב־פינצטערניש האָב איך באַמערקט ווי דער דעקאָלט ביי איר איז געוואָרן פורפור־רויט. אין אירע שוואַרצע אויגן האָבן זיך באַוויזן פּיירלעך. מיט אַ מאָל האָט זי מיך געגומען קושן, אַזוי אויסטערליש און תאווהדיק.

— איך קען נישט מער — האָט זי אויסגעשריגן — איך האָב דיך ליב, ווי אַ חבר, ווי אַ מאַן.

— און מינע? — האָב איך אויסגעשריגן.

— איך האָב זי זייער ליב, נאָר ווייל זי נעמט דיך צו ביי מיר, קען איך זיך נישט חברן מיט איר.

מען האָט אָנגעקלונגען אין דער טיר איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מינע איז געקומען. איך בין צוגעלאָפן צו דער טיר און מינדעלען נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין שטוב אַריין.

— קום, לאָמיר אַוועק פון דאַנען. מיר איז דאָ שווער צו אָטעמען.

מיר זענען געגאַנגען געאָרעמט, מיט שנעלע טריט. מינדעלעס שווייגן האָט געמאָנט אַן אויפקלערונג. איך האָב געזאָגט:

— לאָמיר גיין... שפּעטער וועל איך דיר אַלץ דערציילן, אַלץ...

פּלאַטאָנישע ליבע

די אַזוי גערופענע פּלאַטאָנישע ליבע פאַרמאָגט אין זיך אַ סך שיינקייט. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז די אינסטינקטן פונעם מענטש זענען מעכטיקער פון דער גייסטיקער, פּלאַטאָנישער ליבע. די דערוועקטע ליידנשאַפטן פאָדערן דאָס זייעריקע...

אַריינטראַכטנדיק אין דעם, וואָס איז געשען, האָב איך אַלץ מער און מער עס פאַרשטאַנען, אָבער בנוגע מינדלען איז געווען מיין שטאַרקער באַשלוס, אַז מען מוז אויסדויערן, זיין שטאַרק און ווייטער ציען אונדזער פּלאַטאָנישע ליבע, ביז עס וועלן קומען בעסערע צייטן.

צום נייעם שול־יאָר איז מינדל אַריינגעטרעטן אויפן לעצטן קורס פון סעמינאַר. זי האָט זיך געשמאַק אַ נעם געטאָן צום לערנען, כדי צו באַקומען די נויטיקע פּעדאַגאָגישע קוואַליפיקאַציעס און קענען אַרבעטן זעלבשטענדיק. זי האָט דעמאָלט געוווינט צוזאַמען מיט אַ חברטע, וואָס האָט אויך געלערנט צוזאַמען מיט איר אין סעמינאַר. מיר פלעגן זיך טרעפן בלויז עטלעכע מאָל אין דער וואָך. איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען מיט מיין לערנען. אין די אָוונטן האָב איך געאַרבעט אַלס פאַרוואַלטער אין דער אָוונט־שול פאַר אַרבעטער, אויף זאַמענהאָף 6. אין די נאָכמיטאָג־

שעהן — אין גימנאַזיע, שפּעטער אין פּראָפעסיאָנעלן לערער־פּאַריין, ווו איך בין געווען סעקרעטאַר און פאַרוואַלטונגס־מיטגליד.

מינדל פלעגט מיך אָפּוואַרטן ביי מיר אין שטוב ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך בין געווען איר דאַנקבאַר פאַר דעם אומגעריכטן באַזוך. איך האָב געטראַכט, אַז עס וועט איר אויסקומען צו גיין אַזוי שפּעט אַהיים. ווי גוט וואָלט געווען, ווען זי קען בלייבן ביי מיר, אָבער איך האָב געוווינט צוזאַמען מיט לעאָנען.

נאָך אַ קורצן באַריכט האָט זי שנעל געאײַלט אַהיים, נישט געלאָזט מיך זי באַגלייטן. עס האָט נישט געהאָלפן מיין בעטן. זי איז געווען איינגע־שפּאַרט. גוט וואָס לעאָן האָט מיך פאַרטרעטן און באַגלייט מינדעלען אַהיים.

עס האָט געטראָפן, אַז מינדעלע איז נישט געקומען אין משך פון דער גאַנצער וואָך. מיין האַרץ האָט מיר פאָרויסגעזאָגט, אַז עפּעס איז געשען. ווען איך בין געקומען צו איר אויף עלעקטראַלנע־גאַס, האָב איך זי געטראָפן ליגן אין בעט אַ קראַנקע, מיט אַ פאַרבונדענעם האַלדז און געשוואָלן פּנים. זי האָט באַקומען אַ „שווינקע".

אויף מיינע טענות, פאַרוואָס זי האָט מיר נישט צוויסן געטאָן, האָט זי מיך געטרייסט, אַז דאָס איז נישט קיין געפערלעכע קראַנקייט און עס גייט שוין אַריבער. סאָניע, איר חברטע, האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז זי איז אַ געפערלעכע עקשנטע, האָט בשום אופן נישט געלאָזט מיר צוויסן טאָן.

סאָניע איז נישט געווען קיין שיינע, האָט געהאַט אַ צעשויבערטן קאָפּ געלע האָר, אַ סך זומערשפּרענקעלעך אויפן פּנים, נאָר די אויגן זענען ביי איר געווען וואַרעמע, קלוגע. זי האָט געשטאַמט פון ביאַליסטאָק און גערעדט אַ שיינעם ליטווישן ידיש.

מינדעלע האָט געוווּסט, אַז איך האָב אין עטלעכע טעג אַרום אַן עקזאַמען און האָט מיך געיאָגט אַהיים.

אין עטלעכע טעג אַרום איז מינדעלע געזונט געוואָרן. דעם עקזאַמען האָב איך אָפּגעגעבן מיט דערפאָלג און איך האָב זיך באַמיט אָפטער צו טרעפן מיט מינדעלען. נאָך דער קראַנקייט האָט זי אויסגעזען בלייך, האָט

פאַרלוירן דעם אַפּעטיט און לענגערע שפּאַצירן האָבן זי פאַרמאַטערט. איך האָב קוים געפּועלט ביי איר, זי זאָל גיין צו אַ גוטן דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט זי ווירקלעך געוואָרנט:

— אייער אָרגאַניזם איז אָפּגעשוואַכט. איר מוזט זיך היטן נישט אַריינ־צופאַלן אין שווינדזוכט, זיין וואָס מער אויף דער פרישער לופט און זיך בעסער דערנערן, אויב מעגלעך, פאָרט אַרויס אויף אַ געוויסער צייט קיין אָטוואָצק.

אָן מיין וויסן, האָט מינדעלע אָנגעשריבן אַ בריוו צו אירע עלטערן און געבעטן, זיי זאָלן אַרויסשיקן אַ ביסל געלט אויף אַ ווינטער־מאַנטל. זי האָט נישט געוואָלט אָנטאָן זיי קיין עגמת־נפש און דערפאַר נישט דער־ציילט וועגן איר שלעכטן געזונט־צושטאַנד.

זי האָט דאָס געלט באַקומען און שוין געהאַט די מעגלעכקייט בעסער זיך צו דערנערן. די רעזולטאַטן האָבן נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. איר יונגער אָרגאַניזם האָט צוריק באַקומען זיין קראַפט, דער אויסזען האָט זיך פאַרבעסערט און זי איז געוואָרן פולקאָם געזונט.

די נויט איז אַזוי ווי אַ פּרוּושטיין פאַר ליבע און געטריישאַפט. אויך אונדזער ליבע האָט אויסגעהאַלטן דעם שווערן פּרוּוו. מיר האָבן געשטאַרקט איינער דעם צווייטן. ליבע איז ווי אייזן! אין הויכער טעמפּעראַטור ווערט עס פאַרוואַנדלט אין פעסטן שטאָל.

יאַנאָווסקי

פון אַלע מיינע חברים און באַקאַנטע זענען מיר אַמנאָענטסטן געווען זלמן און דוד. זיי האָבן שטודירט אין פראַנקרייך און איך האָב נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זיי, געבענקט נאָך זיי און מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף זייער קומען.

נאָך דעמאָלט, ווען מיר אַלע דריי האָבן געוווינט צוזאַמען, פלעגט צו אונדז אַריינקומען אַ חבר, אַ סטודענט מיטן נאָמען יאַנאָווסקי, אַ הויכער און בלאָנדער בחור, מיט העל־בלויע אויגן, אַ ייד, האָט ער אָבער אין זיך

נישט פאַרמאָגט קיין שפּור פון ידישקייט, נישט אויסערלעך און נישט אינערלעך. ער האָט גערעדט מיט שנאה וועגן די פאַרשמאַלצעוועטע נאַלעווקער יידן אין די לאַנגע קאַפּאָטעס, געחוזקט פון זיי, אַז זיי זינקען אין מיטלאַלטער.

יאַנאָווסקי האָט געשטאַמט פון די רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זייערע יאָרן פאַרבראַכט אויף פאַרשיקונג אין סיביר. דאָרט איז יאַנאָווסקי געבוירן און דערצויגן געוואָרן. ערשט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז זיין פאָטער צוריקגעקומען קיין ראָוונע, מיטגעבראַכט מיט זיך אַ זון און אַ טאָכטער. זייער מוטער האָט געפונען איר אייביקע רו אין דער פאַרפרוירענער סיבירער ערד.

יאַנאָווסקי איז געווען אַ פעיִקער בחור, האָט גוט באַהערשט די רוסישע שפּראַך און פאַרמאָגט ליטעראַרישן טאַלאַנט, געדרוקט כמעט יעדע וואָך אַ נאָוועלע אין דער רוסישער צייטונג „זאַ סוואָבאָדו“, וואָס איז דערשינען אין פּוילן, אונטער דער רעדאַקציע פון רוסישן שרייבער אַרציבאַשעוו, וועלכער האָט אים אויך פאָרויסגעזאָגט אַ קאַריערע פון אַ באַרימטן שרייבער. יאַנאָווסקי איז אויך געווען אַ פעיִקער שאַך־שפּילער. מיט פאַרמאַכטע אויגן פלעגט ער שפּילן איינציייטיק מיט צען גוטע שפּילער אויף צען שאַך־ברעטלעך און ביי אַלעמען געוווּנען.

אין די פרייע אָוונטן פלעגן מיר צוזאַמען מיט דודן און זלמנען, שאַפן אַ קאָלעקטיוון ראָמאַן. יעדער איינער פלעגט מינדלעך אויסוועבן אין זיין פאַנטאַזיע אַ קאַפּיטל פונעם ראָמאַן, געפירט דעם העלד אויף נייע וועגן, פאַרפלאָנטערט אים אין אומגעריכטע סיטואַציעס. יאַנאָווסקיס קאַפּיטלען זענען געווען די אָריגינעלסטע און אינטערעסאַנטסטע.

אין פּריוואַטן לעבן איז ער אָבער געבליבן אַ לאָ יוצלח, מיט גרויסע שוועריקייטן האָט ער געשלעפּט זיין פּרנסה. געשלאָפן איז ער אין אַ פאָטאָ־אַטעליע, אין דער קעלט, פאַרטרעטן אַ נאַכט־וועכטער. שטענדיק איז ער אַרומגעגאַנגען אַ הונגעריקער, דאָך האָט מען אים געדאַרפט שטאַרק בעטן, ער זאָל עפּעס עסן. פון דער היים האָט ער קיין הילף נישט באַקומען, בלויז אַ יינגערע שוועסטער האָט אים פון צייט צו צייט צוגע־שיקט עפּעס פון אירע פאַרדינסטן.

אין „נאָש פּשעגלאָנד" האָט זיך אַ מאָל באַװיזן אַן אַנאָנס, אַז מען זוכט אַ לערער, װאָס זאָל צוגרייטן זייער זון צו „קאָנפירמאַציע", דאָס הייסט צום לייגן תפילין. איך האָב עס געװיזן יאַנאָװסקין און ער האָט בשום אופן נישט פאַרשטאַנען, װאָס דאָס איז אַזעלכעס תפילין־לייגן. װען מיר איז ענדלעך געלונגען אים דאָס אויפצוקלערן, האָט ער געזאָגט:

— װעסט מיך דאָס אויסלערנען און איך װעל אָננעמען די לעקציע.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. אָבער יאַנאָװסקי איז געװוען איינגעשפּאַרט, איך זאָל אים אויסלערנען אַרומדרייען די רצועה זיבן מאָל אַרום זיין לינקער נאַקעטער האַנט. איך האָב אַפילו געפּרוּװט לערנען אים מאַכן די „שין" אַרום דער דלאָניע, נאָר דאָס האָט זיך נישט באַקומען.

— מילא, בודיעט בעז עטאָװאָ װאַרשתיך...

די דרשה האָבן מיר געקויפט אין אַ געװעלב און איבערגעשריבן פאַר אים מיט לאַטייניש אותיות. אויפן צװייטן טאָג האָט ער שוין געקנאַקט די ברכות און די דרשה װי אַ מזמור, װי אַ גוי, מיט אַ האַרטער „ר" און אַקצענטירט דװקא דאָרט װוּ מען דאַרף נישט.

ער איז אַװעק לויטן אָנגעװיזענעם אַדרעס און אָנגענומען די לעקציע. פינף זלאָטעס פאַר אַ שעה, אַרבעט אויף אַ חודש צייט.

ער האָט שפּעטער איבערגעגעבן:

— דער פאָטער פון מיין שילער איז נישט קיין קלענערער גוי פון מיר. ער האָט אונדז אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער, װוּ איך לערן אים די דרשה און אָנטאָן די תפילין. דאָס פאַרנעמט נישט מער װי אַ פערטל שעה. דערנאָך דערצייל איך אים אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט. ער איז אַנטציקט, פאָלגט מיך מער פון זיינע עלטערן. איך הייס אים עסן — עסט ער, נאָר איך מוז מיט אים צוזאַמען עסן די געשמאַקע מאכלים. מילא, אַז איך מוז — עס איך...

יואל פערעל

נייע גליקן

עס האָט זיך געענדיקט דאָס שוליאָר און מיר האָבן זיך געקליבן צו פאָרן אַהיים קיין לויצק און פון דאָרט — אין דאָרף אַריין פאַרברענגען די זומער־פעריען. עס האָבן געוואַרט אויף אונדז די עלטערן, ברידער און שוועסטער, דער מילדער טייך סטיר, דער קרומער בעני מיט זיינע געפּאַרבטע שיפלעך, דער שטאָט־גאָרטן מיט זיינע אויסגעטראָטענע אַלייען, דער אלטער לובאַרט־שלאָס מיט זיינע סודות.

פאָרנדיק אין וואַגאָן האָט מינדעלע נישט אויפגעהערט צו זינגען. די פּאַסאַזשירן האָבן הנאה געהאַט פון די אומזיסטע קאָנצערטן און זייער צופרידנקייט אויסגעדריקט מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

דעם זומער האָבן מיר גלענצנדיק פאַרבראַכט, שפּאַצירט אינעם שמע־קעדיקן סאָסנע־וואַלד, געקליבן רויטע פרישע פּאָזיאָמקעס, גערוט אין שאָטן פון די אַלטע צעצווייגטע ביימער, צוגעהערט זיך צום געזאַנג פון די פייגל, צום געזאַנג פון די יונגע פויערים און פויערטעס, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט אין פעלד. מיר זענען אַרומגעגאַנגען ווי פאַרכישופט. אַלדאָס היימישע האָט אויסגעזען אַזוי ניי נאָך אונדזער לעבן אין ווירוואַר פון דער גרויסער שטאָט, נאָך דעם שטענדיקן איילן זיך צו דער אַרבעט און אומקערן זיך מיד און דערשעפּט.

אין שטוב האָט מינדעלע געפּרוווט אַ שמועס טאָן וועגן די 250 דאָלאַר, וואָס זענען געווען אַוועקגעלייגט פאַר איר. עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז איר ברודער זלמן האָט זיי שוין פאַרנוצט אויף צו צאָלן די וועקסלען. דאָס האָט געהייסן, אַז מען מעג שוין נאָך זיי אָפּזאָגן רבנן קדיש. וועלן מיר שוין ווייטער נישט האָבן קיין דירה, וואַרטן ביז איך וועל ענדיקן מיין שטודיום און קענען זיך איינאָרדענען.

מיר זענען אַראָפּגעפאָרן קיין אָליק צו מיין שוועסטער חיהקע און שוואָגער זלמן זאַטערקאַ. זיי האָבן אונדז אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. זיי זענען געווען שיין איינגעאָרדנט, חיהקע האָט אויסגעזען שיק, זי האָט געשוואַנגערט. זלמן, אַ פּעזיקער יונגערמאַן האָט אונדז אויפגענומען זייער

חבריש און העפלעך, האָט אונדז צוגערעדט, מיר זאָלן וואָס גיכער חתונה האָבן.

— ווער גאָט גיט קינדער, מוז ער אויך געבן פאַר די קינדער — האָט ער געענטפערט אויף מיין זאָרג, ווי אַזוי זיך איינצואָרדענען.

אומגעריכט האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע פון וואַרשע. מיין פּעדאַגאָגישער גימנאַזיע־דירעקטאָר בלוזער האָט טעלעגראַפירט: „פּאָרט אַרויס אין אויגוסט. נייע פּלענער פאָדערן אייער אָנוועזנהייט״.

— וואָס גייען מיך אָן זיינע פּלענער? — האָב איך געטראַכט און נישט געוואָלט פאָרן. ערשט נאָכדעם, ווי איך האָב באַקומען די צווייטע טעלעגראַמע מיט די אונטערשריפטן פון מיינע חברים שאַיאַק און אַבראַמאָוויטש, בין איך אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע מיט פופצן טעג פאַרן סוף פון די זומער־פעריען.

עס האָט זיך ווירקלעך אַרויסגעוויזן עפּעס נייעס:

ביים אונטערפירן דעם סך־הכל פונעם שול־יאָר האָט זיך דער פּעדאַגאָגישער דירעקטאָר צעווערטלט מיט דער פרוי דיקשטיין, די באַלעבאָסטע פון דער גימנאַזיע און ער האָט צוזאַמען מיט די לערער שאַיאַק און אַבראַמאָוויטש, באַשלאָסן צו גרינדן אַ נייע גימנאַזיע אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. יעדער האָט אַריינגעלייגט אַ סומע פון עטלעכע טויזנט זלאָטעס און זיי האָבן געדונגען אויף די נאָכמיטאָג־שעהן דעם לאָקאַל פון דער יידישער פאָלקס־שול אויף מוראַנאָווסקע. באַלד נאָכדעם זענען זיי צוגעטרעטן אַריבערצוציען צו זיך די שילער פון דיקשטיינס גימנאַזיע. די צאָל איז אָבער געווען אַ נישטיקע און זיי האָבן דערפאַר באַשלאָסן צוצוציען אויך מיר צום קאָאָפּעראַטיוו, רעכענענדיק אויף מיין פּאָפּולאַריטעט ביי די שילער. פון מיר האָבן זיי נישט געפאָדערט קיין געלט, נאָר מיטאַרבעט און צוגעזאָגט אַ געזיכערטן מינימום־לוין.

איך האָב זיך נישט געקאָנט דעצידירן און נישט געגעבן קיין פּאָזיטיווע תשובה. פריער האָב איך געוואָלט אויסהערן דעם צווייטן צד. די פרוי דיקשטיין איז געווען זיכער ביי זיך, פאָרגעשלאָגן מיר צו בלייבן דער פּעדאַגאָגישער דירעקטאָר אויף בלוזערס אָרט. לסוף האָט אָבער געזיגט

אין מיר דאָס געפיל פון חברישקייט. מיינע חברים זענען אין אַ נויט, האָבן אַריינגעלייגט זייערע געלטער, ווי קאָן איך זיי פאַרלאָזן אין אַן עת צרה?

נאָך איידער איך האָב באַקומען אַ תשובה פון מינדעלען, האָב איך שוין געגעבן מיין הסכמה און מיט דער גאַנצער ענערגיע גענומען זיך צו דער אַרבעט, באַזוכט די שילער אין דער היים, געשמועסט מיט די עלטערן, איבערצייגט זיי אין אונדזער גערעכטן קאַמף. ענדלעך האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַרום זעכציק שילער און אויך אַ צוגרייטונגס־קלאַס פון צוואַנציק שילער, וואָס מינדעלע האָט געדאַרפט פירן.

מינדעלע איז געקומען צו פאָרן און ביידע האָבן מיר זיך גענומען פלייסיק צו דער אַרבעט.

אין יענער צייט האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט יאַנאָווסקין, אים כמעט נישט דערקענט, איז געווען אויסגעפּוצט און מונטערער ווי שטענדיק. ער האָט געזאָגט:

— דאָס אַלץ האָב איך דיר צו פאַרדאַנקען, דיינע תפילין. מיין אוצר שעפּט זיך גאָרנישט אויס. יענער האָט שוין לאַנג אָפּגעזאָגט זיין דרשה אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע. איך בין אָבער פאַרבליבן זיין קאָרעפּעטיטאָר און דערציילער פון מעשיות ביזן היינטיקן טאָג. פאַר יעדער שעה באַקום איך פינף זלאָטעס און דערצו אויך אַ געשמאַקן ביסן.

ווען ער האָט זיך דערוווסט וועגן אונדזער לאַגע, אַז מיר האָרעווען, ווי די אייזלען און הונגערן, האָט ער אונדז געגעבן טאַלאָנען און געזאָגט:

— פאָרט אינעם שענסטן רעסטאָראַן אויף האָרטענסיאַ־גאַס, ווו איר וועט באַקומען גוטע מיטאָגן. מאָרגן וועל איך אייך ברענגען טאַלאָנען אויף אַ גאַנצער וואָך.

די מיטאָגן אויף האָרטענסיע זענען געווען אויסגעצייכנטע, די געשמאַקסטע פליישן און זופּן, אַפילו קאָמפּאָט. פון די מיטאָגן האָבן מיר זיך איבערגעלאָזט אויך אויף אָונטברויטן און פרישטיקן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט פון וואַנען ער האָט גענומען די טאַלאָנען. דער עלטערער ברודער פון זיין שילער איז געווען אַ סטודענט אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט. די רייכע סטודענטן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר פּאַליאַקן פון משהס גלויבן, פלעגן באַקומען פון דער פּוילישער מלוכה הילף פאַר

יידישע סטודענטן. זיי אַליין האָבן זיך נישט געניטיקט אין קיין הילף, האָבן זיי געשאַפן אַ „זעלבסט־הילף“ און געגעבן יעדן, וואָס האָט זיך צו זיי געווענדן. דורך דעם דאָזיקן סטודענט האָט עס יאַנאָווסקי באַקומען די טאַלאַנען אין רייכן רעסטאָראַן אויך פאַר אונדז.

אַ רעה פאַר אַ טובה

פונעם שפּאַס איז אומגעריכט אַרויסגעקומען אַן ערנסטער ענין. די לעקציע פון תפילין־לייגן האָט דעם חבר יאַנאָווסקי געגעבן אַ קוואַל פון פּרנסה און אַ מעגלעכקייט צו טראַכטן אַרויסצופאָרן קיין פראַנקרייך פאַרענדיקן זיין שטודיום.

אין דער צייט, ווען מיר מיט מינדלען איז אויסגעקומען כמעט צו הונגערן, כאָטש מיר זענען געוואָרן מיטבאַלעבאַטים פון אַן אייגענער גימנאַזיע, האָט יאַנאָווסקי אונדז געהאָלפן מיט טאַלאַנען אויף געשמאַקע מיטאָגן. ער האָט מיך אַפילו אָנגערעדט, איך זאָל צוזאַמען מיט אים נעמען טאַלאַנען אויף סחורה און אויף אַן ערשטקלאַסיקן שניידער, וואָס זאָל פאַר אונדז אויפנייען סמאָקינגען און אַלץ אויפן חשבון פון דער סטודענטן־קאַסע. „דער טייוול וועט זיי נישט כאַפּן. די פאַרשטייער פון די יידישע סטודענטן, וואָס געניסן פון מלוכהשע סובסידיעס, כאָטש זיי נויטיקן זיך נישט אין זיי“ — האָט יאַנאָווסקי געטענהט.

אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט אויף זשאַביע־גאַס האָבן מיר גענומען די בעסטע ענגלישע שטאָפן און אויפגעניית זיך אָנצוגן ביי איינעם פון די בעסטע שניידערס. אויסגעפּוצטע אין די אָנצוגן, האָבן מיר אויסגעזען ווי רייכע זינדלעך, אָבער די קעשענעס זענען ביי אונדז געווען פּוסט.

ביים צוטרעטן אַלס שותף אין דער גימנאַזיע, האָט מען אונדז צוגע־זאָגט אויסצוצאָלן יעדן חודש אַ מינימום־לוין. מיר האָבן אָבער נישט באַקומען קיין פּרוטה. מען האָט געדאַרפט אויסצאָלן די עטלעכע זייטיקע לערער, וואָס האָבן ביי אונדז געאַרבעט פאַר אַ מינימאַלן לוין, מען האָט געמוזט צאָלן דירה־געלט, פאַר עלעקטריע, און עס האָט נישט געקלעקט.

מיר האָבן ווייטער געאַרבעט מיט פולער ענערגיע, מיט אויסדויער, מיט דער האָפענונג, אַז אונדזער מיפּולע אַרבעט וועט ברענגען פּרוכטן. אָבער פּלוצים איז געקומען אַן אומדערוואַרטער קלאַפּ אין רוקן.

דאָס איז געווען ערב די ווינטער־פּעריעז, ווען איך בין אַריין אין קלאַס, ווו איך בין געווען דער דערציער. איניקע קינדער האָבן זיך צו מיר געוואַנדן מיט דער פראַגע:

— פאַרוואָס האָט דער דירעקטאָר געהייסן אונדז קומען נאָך די ווינטער־פּעריע צוריק אין דער דיקשטיין־גימנאַזיע?

די אומגעריכטע ידיעה האָט מיך געטראָפן ווי אַ דונער. איך האָב געזען פאַר זיך אַ מיאוסן פאַרראַט. נאָר איך האָב פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. גלייך נאָך דער לעקציע בין איך אַן אויפגערודערטער אַריין אין לערער־צימער, ווו איך האָב געטראָפן דעם דירעקטאָר און אויך זיין פרוי, וואָס איז כמעט קיין מאָל נישט געקומען. איך קוק אויף ביידנס דערשראָקענע פּנימער. איך האָב אויסגעשריגן:

— איר זענט אומפאַרשעמט...

זיין פרוי האָט זיך צעכליפּעט:

— מיר קענען מער נישט הונגערן. דאָס האָב איך געטאָן, נישט ער. איך האָב אים נאָך פריער געוואָרנט... די פרוי דיקשטיין האָט אים מוחל געווען, כאָטש ער האָט עס נישט פאַרדינט. ער האָט זי געוואָלט רויִנירן, דערווייל האָט ער מיך רויִנירט און זיינע קינדער.

וואָס האָב איך געקענט ענטפערן אַ היסטערישע און פאַרביטערטע פרוי? איך האָב געפאָדערט פונעם דירעקטאָר, ער זאָל אָפּרופן די איינזייטיקע מעלדונג, וואָס ער האָט געגעבן די שילער.

— זאָגט די שילער — האָב איך צוגעגעבן — זיי זאָלן קומען דינסטיק אין שול אַריין אויף אַן אויספלוג. ביז דאַן וועלן מיר באַשליסן וואָס ווייטער צו טאָן. בלוזער האָט געמוזט מסכים זיין אויף מיין פאָרשלאָג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די חברים שאַיאַק און אַבראַמאָוויטש האָבן אויך נישט געוווסט וועגן בלוזערס פאַררעטערישער האַנדלונג, נאָר זיי האָט עס ווייניקער געאַרט. שאַיאַק האָט זיך געקליבן גיין אין מיליטער. אַבראַמאָוויטש האָט געהאַט געגנוג אַרבעט מחוץ דער שול. פון די אַריינ־

געלייגטע געלטער האָט ער שוין פון לאַנג רעזיגנירט. דאָך האָבן זיי שאַרף געטאַדלט בלוזערס מיאוסע האַנדלונג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַלע פיר זאָלן גיין אונטערהאַנדלען מיט דער פרוי דיקשטיין און ערשט דאַן אַננעמען אַ שטעלונג.

די פרוי דיקשטיין איז איינגעגאַנגען אויף אונטערהאַנדלונגען. אויף מיר פערזענלעך איז זי געווען מער בייז ווי אויף אַלע, דערמאָנט, אַז זי האָט מיך געוואָרנט, איך זאָל נישט אַוועקגיין, אַז איך וועל זיך רואינירן.

דאָך איז געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג, אָבער ביי דער פאַראייניקונג האָב איך פאַרלוירן אַ העלפט פון מיינע אונטעררריכט־שעהן און מינע איז אין גאַנצן געבליבן אָן אַרבעט.

די באַציִונגען מיט בלוזערן זענען געבליבן אָנגעצויגענע. אויסער די אַרבעטס־שעהן האָבן מיר זיך נישט באַגעגנט. דאָך, ווען איך האָב זיך מיט יאָרן שפּעטער דערוווּסט, אַז ער מיט זיין פרוי און ביידע קינדערלעך זענען פאַרשיט געוואָרן אין שוץ־קעלער אויף די נאַלעווקעס, צוזאַמען מיט אַנ־דערע צענדליקער יידישע משפחות, בין איך טיף אויפגערודערט געוואָרן און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן...

אין די דרייסיקער יאָרן

די יאָרן זענען געלאָפן און געברענגט מיט זיך נייע געשעענישן, נייע פאַרלאַנגען און אויך נייע פּערספּעקטיוון.

אונדזערע חברטעס, בלאַנקע, טאָבקע און האַניע האָבן פאַרענדיקט די לימודים אין אוניווערסיטעט, אויך מיין חבר לעאָן האָט שוין פאַרענ־דיקט דעם היסטאָרישן פאַקולטעט. ענדלעך זענען זיי פּטור געוואָרן פון די אומדערטרעגלעכע ענדעקישע באַיוווקעס, פון כאַפּן קלעפּ ביים אַרויסגיין פון אוניווערסיטעט. עס זענען געקומען נייע דאגות: לעאָן האָט גענדאַרפט אַוועקגיין דינען אין מיליטער און געוווּסט, אַז אויך אין דער פּוילישער אָפיצירן־שול איז ער נישט געווּנטשן. זיין בלאַנקע האָט געדאַרפט אַהיימ־

פאָרן קיין לאָדזש צו אירע עלטערן און אויסקוקן זיך די אויגן אויף זיינע בריוו.

אויך טאָבקע איז געווען גרייט חתונה צו האָבן מיט אַבראַמאָוויטשן, אָבער נישט געוואָלט בלייבן אין פּוילן, זיי האָבן געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל און דאָרט בויען זייער צוקונפט. עס איז אָבער שווער געווען צו באַקומען סערטיפיקאַטן. די ענגלענדער האָבן שטאַרק באַגרענעצט די יידישע עליה אין לאַנד אריין.

האַניע איז דערווייל אַליין, געבליבן אָן אַ בחור. וואָרשע האָט איר געגעבן בילדונג, אַ דיפּלאָם, אָבער איר באַשערטן וועט זי שוין דאַרפן געפינען אין לאָדזש, אָדער אין זגערזש.

נאָך לעאָנס אַוועקגיין אין מיליטער, בין איך אַליין געבליבן אין צימער. מיין באַלעבאָס, לעווין, אַ פשוטער און געמיטלעכער ייד, האָט פאַרשטאַנען מיין לאַגע. ער האָט געקענט מינדעלען און געוווּסט, אַז מיר האָבן זיך ליב. האָט ער אַמאָל אַ זאָג געטאָן:

— קיין שום פאַרפאַלק וואָלט איך דאָס צימער נישט פאַרדינגען, אָבער פאַר אייך און אייער מינדלען — יאָ. איר האָט דען צו צאָלן פאַר צוויי באַזונדערע דירות?

די פשוטע האַרציקע ווערטער האָבן צעוואָרעמט מיין געמיט. אַ צערו־דערטער — האָבן מיר אויסגעפּעלט ווערטער אים צו באַדאַנקען. וועגן מיין באַלעבאָס האָט מען געזאָגט, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט לינקע געשעפטן, קויפט אָפּ געגנבעטע זאַכן, שוואַרצט מענטשן איבער דער גרענעץ און נאָך אַנדערע ענלעכע זאַכן, אָבער פאַר מיר איז ער דעמאָלט געווען דער פיינ־סטער מענטש, מיט אַ יידיש האַרץ.

דעם זעלבן טאָג האָב איך מינדלען איבערגעגעבן די גוטע בשורה און דערציילט איר דעם פאָרשלאָג פון מיין באַלעבאָס. דער גלאַנץ אין אירע אויגן, די צעפלאַמטע באַקן האָבן אויסגעדריקט איר הסכמה און פרייד.

אויפן צווייטן טאָג, אַרום פיר אַ זייגער זענען מיר געשטאַנען ביים אַלטן רב אויף זאַמענהאָף־גאַס אונטער דער חופה. אַלץ איז פאָרגעקומען בחפזון און געהיים, אין דער אָנוועזנהייט פון אַ מנין פרעמדע מענטשן, אָרעמעלייט. נאָכן באַצאָלן דעם רב און איבערלאָזן לעקעך מיט בראָנפן

פאָרן מגיך, זענען מיר גיך אַוועק. אויפן וועג האָבן מיר קיין וואָרט נישט גערעדט, מיר זענען געוואָרן מאַן און ווייב כדת משה וישראל.

געפּראַוועט אונדזער חתונה האָבן מיר ערשט ביי זיך אין שטוב. איך האָב צוגעגרייט וויין און געבעקס, אין האַרצן האָט געצאַפּלט אַ גרויסע און דערהויבענע פרייד. נאָר איך געדאַנק האָט געמינערט אין מינדלען איר גרויסע פרייד: פאַרוואָס איז דאָס געקומען אירע עלטערן, וואָס האָבן זיך דאָס גאַנצע לעבן געוווּנטשן צו טאַנצן אויף זייער בת־יחידהס חתונה?

איך האָב פאָרגעשלאָגן צו טעלעגראַפירן צו אונדזערע עלטערן און אָנזאָגן זיי די גוטע בשורה, אָבער מינדעלע האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף צווואַרטן, ווען מיר וועלן אין דריי חדשים אַהיימפאָרן אויף פּסח, וועלן מיר זיי דאַן מודיע זיין און צוזאַמען פראַווען אַ שמחה.

מיר האָבן געוואָלט, אַז די גאַנצע חתונה זאָל בלייבן אַ סוד, אָבער די „חברה" האָט זיך נישט געלאָזט נאַרן. אין די אָוונטן האָבן זיי געברענגט משקה מיט פאַרבייסעכץ און די חתונה האָט זיך צעצויגן אויף אַ סך אָוונטן מיט האַרציקער היימישער פרייד.

אין אַ וואָך אַרום איז גיטל, מיין עלטערע שוועסטער, געקומען צו פאָרן קיין וואַרשע נאָך סחורה. קאַיאָר איז זי געקומען צו מיר און געטראָפן מיך צוזאַמען מיט מינדעלען. זי האָט אונדז אָפּגעגעבן איר מזל־טוב, צע־קושט זיך און דערביי נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פאַרוווּנדערונג. אין אָוונט איז זי געקומען נאָך אַ מאָל און געבראַכט אַ מתנה — אַ שפּיגל, אין דער פאָרעם פון אַ האַרץ, מיט אַן אויפשריפט אויף דער אַנדערער זייט: „מזל־טוב אייך, מיינע טייערע. זייט גליקלעך אין אייער צוזאַמענלעבן אויף לאַנגע יאָרן, אויף אייביק! אייער שוועסטער גיטל".

דער שפּיגל איז געווען דאָס איינציקע דרשה־געשאַנק, וואָס מיר האָבן באַקומען.

אויף פּסח האָבן מיר זיך געקליבן צו פאָרן אַהיים, קיין לוצק. מיט עטלעכע טעג פריִער האָבן מיר טעלעגראַפירט צו מינדעלעס און מיינע עלטערן: „מזל־טוב, מיר האָבן חתונה געהאַט. מיר פאָרן אַהיים זיך פרייען מיט אייך צוזאַמען".

אין לוצק האָט מען געפּראַוועט צוויי חתונות. מיינע עלטערן האָבן

פּאַרבעטן צו זיך מינדעלעס עלטערן און זייערע נאָענטע קרובים. די על־טערן און מחותנים האָבן זיך געפּרייט, געווונטשן זיך אַלדאָס גוטס און גרויס נחת. איך האָב זיך צוגעקוקט צו מינדעלעס מאַמע און געזען אויף איר פּנים זון און שאָטן צוזאַמען. שוין צען יאָר זינט די פּאַליאַקן האָבן אומגעבראַכט איר עלטסטן זון און אויף איר פּנים איז נאָך אַלץ געלעגן דער טרויער.

מינדעלעס טאַטע האָט זיין פרייד אויסגעדריקט אין געזאַנג, מיט ברען און התלהבות האָט ער געזונגען די חסידישע ניגונים. מינדעלעס ברודער זלמן, דער געוועזענער רעדנער און כלל־טוער, איז געזעסן פאַרטראַכט און דער פעטער יאָסי, דער, וואָס האָט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַר־לוירן אַן אויג, האָט געהוליעט מער פון אַלע, האָט נישט אויפגעהערט צו שיטן מיט גלייכווערטלעך און האָט אויף פאַרבעטן אַלע אורחים צו זיך אַהיים אויף אַ פּסחדיקער סעודה, מיט לעקעכער און קוגל, מיט געפילטע קישקעס און משקה כיד המלך.

— נישקשה, מינדעלע און יואליק זענען עס ווערט — האָט ער געשריגן הויך אויפן קול, ווי ער וואָלט געווען שיכור — איך האָב זיי ליב, ווי אייגענע קינדער.

ער איז געווען ניכטער, נאָר די פרייד האָט פון אים אַרויסגעשפּאַרט. איצט האָט שוין אַפילו מינדעלעס מוטער געכאַפּט אַ טענצל. דער טאַטע האָט געטאַנצט אַ קאַזאַק.

אין אַ פריילעכער שטימונג האָבן מיר געפּראַוועט דעם טראַדיציאָנעלן סדר ביי מיינע עלטערן. ווי יעדעס יאָר, זענען צום סדר זיך צונויפגעקו־מען אַלע טעכטער און זין מיט זייערע מענער און ווייבער, מיט אַלע אייניק־לעך. אונדזער גרייז־גרויער טאַטע מיט דער ברייט־צעקעמטער באָרד, איינגעהילט אין ווייסן קיטל, איז געזעסן אויף דעם היסב־בעט און פאַר אים די קערה מיט אַלע מינים. די מאַמע, ווי אַ מלכּה, איז געווען אויס־געפּוצט אין איר שענסטן קלייד און אויף איר פּנים און פרידיקע אויגן האָט זיך געשפּיגלט די שיין פון דער שכינה. אירע ליפּן האָבן געשעפּטשעט: „עס זאָל מיר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן, רבונו של עולם".

די גרייס פון דעם זילבערנעם בעכער, וואָס יעדער פון די מענער האָט

באַקומען, איז געווען לויטן עלטער. די פרויען האָבן באַקומען קאָליריקע גלעזלעך. דער גרעסטער פולער בעכער מיט פרישן ראָזשינקע־וויין, האָט געוואַרט אויף אליהו הנביא.

נאָך דעם ווי די אייניקלעך האָבן געפרעגט די קשיות, האָבן אַלע צוזאַמען געזאָגט די הגדה. מינדעלע איז געזעסן נעבן מיר. זי האָט געדענקט אייניקע מזמורים מיט אַנדערע ניגונים. ווען זי האָט אָנגעהויבן זינגען, האָבן אַלע אויפמערקזאַם אויסגעהערט. מיט איר געזאַנג האָט זי באַשיינט דעם טאַטנס סדר.

קינדער

אונדזערע באַזוכן אין לוצק זענען געוואָרן וואָס אַמאָל קירצערע. אויך דאָס מאָל זענען מיר פאַרבליבן בלויז אויף געציילטע טעג. אונדזער צייט איז געווען צעטיילט אויף שעהן און מינוטן און מיר האָבן באַוויזן צו באַזוכן אונדזערע חברים און חברטעס, וועלכע זענען שוין מערסטנס געווען פאַמיליע־מענטשן. חנה קרישטאַלקע מיט נתן גרויס האָבן געהאַט צוויי זין, הויכע, דאַרינקע, געראָטן אין טאַטן. חנה איז נאָך שענער געוואָרן, ווי זי איז געווען. די גליקלעכע עלטערן האָבן נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן די קינדער. איך האָב דערמאָנט נתנען וועגן זיינע פלענער צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט געזאָגט:

— עס בענקט זיך, עס ווילט זיך שטאַרק פאָרן, אָבער איצט איז עס אַ שווער פּראָבלעם.

מען האָט זיך דערמאָנט אין די חברים, וואָס זענען אין ארץ־ישראל, אשכנזי, אויוונטאַל און אַנדערע. זיי שיקן בריוו, אַרבעטן שווער און לעבן אין שלעכטע באַדינגונגען, נאָר זיי קלאָגן זיך נישט אויף גאָרנישט.

אויך סאָניע און שמעון באַקאָוויעצקי האָבן שוין געהאַט אַ טעכטערל. איך בין אָנגעקומען צו זיי פאַרנאַכטצו, סאָניע האָט זיך געקליבן באָדן דאָס קינד, געפרוקט אַלע מאָל איר נאַקעטן עלנבויגן אין וואַסער, געפרווט, צי עס איז נישט צו הייס און נישט צו קאַלט.

אין יעדער שטוב האָבן מיר געטראָפן קינדער, בלימעלעך פרישע, טרייסטעלעך פולע, מיט אייגעלעך בלויע, אַפילו גרינלעכע, אויף וועמען ביאַליק האָט אַמאָל געשריבן: „מיר זאָלן זיין, טייערע קינדערלעך, פאַר אייערע כשרע אייגעלעך״...

פלוצים, ביים שרייבן די זכרונות, דערזע איך פאַר מיינע אויגן דאָס שוידערלעכע בילד אינעם מוזיי פון „לוחמי הגיטאות״. אַ באַרג מיט קינ־דערישע שפּילעכלעך, אָן קינדער, איבעריקע... נישטאָ שוין די קינדער, די אָפּגעהאַקטע צווייגן פונעם פאַרשניטענעם בוים.

אונטער די פּוילישע גרינינקע ביימעלעך,
שפּילן זיך מער נישט קיין משהלעך, שלמהלעך...

די אויגן ווערן ווי פאַרנעפּלט פון טרערן. עס שווינדלען אומצאָליקע מצבות, וואָס קריצן זיך איין טיף אין מוח, ווי די טשוועקעס אין לייב פונעם פאַרהייליקטן.

צו זיך אַהיים

איצט האָבן מיר שוין אַ היים, אין וואַרשע, אויף מוראַנאָווסקע־גאַס, אַ קליין צימערל מיט איין פענצטער אויפן דריטן שטאָק, אַ טאָפּלט בעט, אַ טיש מיט צוויי שטולן, אַן עטאַזשערקע מיט ביכער. מיר זענען לאָקאַ־טאָרן ביי איינעם, וואָס האָט ביי עמעצן געדונגען די דירה און אָפּגעטרעטן אונדז צייטווייליק אַ צימער פאַר דירה־געלט, וואָס שטייגט איבער די סומע, וואָס ער צאָלט פאַר דער גאַנצער דירה, אָבער דאָס איז אויך אַ גליק.

בלויז איין חודש האָבן מיר געוווינט ביי די לעווינס און דערנאָך זענען מיר אַריבער אויף זאַמענהאָף צו פּידלערן, דעם דענטיסט. ביי דער פּוילי־שער דינסט, סטאַשע, האָבן מיר נושא־חן געווען און זי פלעגט אויך אויפ־רוימען אונדזער שטוב, דערלאַנגען טיי פאַר אונדזערע געסט. ווען די צאָל געסט איז געווען אַ גרעסערע, האָט זי אונדז פאַרגעלייגט אויפצונעמען זיי אין גרויסן עסצימער.

זעלטן ווען סטודענטן אין וואַרשע האָבן זיך איינגעאָרדנט אַזוי גוט פּאַר נישט קיין גרויסער באַלוינונג. סאַשע, דער דענטיסט, האָט נאָך זיין פאָטער געירשנט אַ רייכן דענטיסטישן קאַבינעט מיט אַ גרויסער צאָל גע־שווירענע פּאַציענטן. ער איז נאָך געווען אַ בחור און מען האָט געשמועסט, אַז צוליב סטאַשען פּילט ער נישט קיין נויט חתונה צו האָבן...

צו אונדז איז אַזוי אומדערוואַרט געקומען אַ גאַסט, לידיע! שוין אַ לענגערע צייט האָבן מיר זיך נישט געטראָפן מיט איר. ווען זי איז אַריין אין צימער און מינדעלע האָט זי דערזען, זענען ביידע ווי צעטומלט גע־וואָרן. באַלד זענען זיי אָן ווערטער אַרויפגעפאַלן איינע אויף דער אַנדע־רער און געקושט זיך, ווי אַלטע גוטע פריינד. לידיע האָט די ערשטע איבערגעריסן דאָס שווייגן:

— איך פאָר אַוועק, איך האָב חתונה מיט אַ רייכן בחור און פאָר מיט אים אַוועק קיין פּאַריז.

מינדעלע האָט איר געווינטשן פונעם גאַנצן האַרצן:

— זאָל זיין מיט גליק!

— און דו, מינע, האָסט נאָך אַלץ נישט קיין אַרבעט? איך בין געקו־מען דיר פאָרלייגן מיין פּאָסטן ביי שאָקן אין שול. פיר שעה יעדן טאָג, ער צאָלט נישט שלעכט און פּינקטלעך. דו וועסט הייסן מיין פאַרטרעטערין, בלויז אויף צוויי חדשים. פאַר אים דאַרף עס הייסן, אַז איך קום צוריק. דערווייל וועט ער דיך דערקענען און דו וועסט אים זיכער געפעלן.

מינע האָט איר האַרציק געדאַנקט. און אַזוי איז טאַקע געשען. מינדעלע האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער שול אויף נאָוויניאַרסקע, אויף לידיעס אָרט.

מיין דיפּלאָם־אַרבעט האָב איך געמאַכט אונטער דער אויפזיכט פון פּראָפעסאָר מאַריאַ כזשאַנשטשעווסקאַ, אויפן געביט פון אַראַמאַטישער כע־מיע. אין דער צייט פון מיין לערנען האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף איי־ניקע פרויען־פּראָפעסאָרן, אָבער מיין פּראָפעסאָרין איז געווען אַן אויסנאָם פון יענע אַנדערע, וועלכע האָבן אויסגעזען מענעריש, מיט גראָבלעכע שטריכן. מיין פּראָפעסאָר האָט געהאַט אַ קאָפּ מיט צעכוואַליעטע העל־בלאָנדע האָר, געשמינקטע ליפּן און האָט ווי קאָקעטירט מיט איר פרוי־

לעבקייט, מיט אַלע שוואַכקייטן פון אַ פרוי. זי איז געווען דער דירעקטאָר פון ערשטן פוילישן אַנטי־גאַז־אינסטיטוט, געהאַט אַ ראַנג פון אַ פּולקאָוו־ניק. אויך איר מאַן איז געווען אַ פּולקאָווניק, זיי האָבן געהאַט צוויי שיינע טעכטערלעך און געפירט אַ רייכע ווירטשאַפט.

אַלס פאַרשפּיל צו מיין דיפּלאָם־אַרבעט האָט זי מיך געהייסן פאַרפּול־קאָמען דעם אַנגענומענעם מעטאָד פון פאַבריצירן אוראָטראָפּין און דערביי מיר אָנגעוויזן אויף דער נייטיקער ליטעראַטור. איך האָב גרינטלעך דורכ־שטודירט אַ וויכטיק געביט פון אַראָמאַטישער כעמיע, די פענאָלן, און גע־שטעלט פאַר זיך אַ ציל אַ צו ווייטער צו ציען די קייט פון פאַרבינדונגען, ווי, למשל, „פּאַראַ־עטילופענילומעטיל״. יעדע פרייע מינוט האָב איך אויסגע־נוצט אויף מיין טעאָרעטישער צוגרייטונגס־אַרבעט, אין ביבליאָטעק אָדער אין לאַבאָראַטאָריע. די אַרבעט האָט מיך אינטערעסירט און איך האָב נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן איר. וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין שפּעטער, ווען איך וועל שוין פאַרענדיקן מיין דיפּלאָם־אַרבעט, האָב איך מורא גע־האַט צו טראַכטן. איך האָב געוווּסט, אַז אין פּוילן איז פאַר אַ יידישן כעמי־קער זייער שווער זיך איינצואָרדענען. די כעמישע אינדוסטריע איז געלעגן אין מלוכהשע הענט און קיין ייד האָט נישט געהאַט קיין צוטריט צו די מלוכהשע אינסטיטוציעס.

אין יענע צייטן איז דער בונדישער פראַקציע אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט געלונגען דורכצופירן אַ באַשלוס, אַז מען זאָל צולאָזן צוויי יידן אַר־בעטן אַלס קאָנדוקטאָרן אין די וואַרשעווער טראַמווייען. דאָס איז געווען אַ געשעעניש, וועגן וועלכער מען האָט געשריבן אין אַלע יידישע צייטונגען.

דער ערנסטער צוגאַנג צו מיין אַרבעט, מיין אומדערמידלעכקייט און געדולד, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן פון מיין פּראָפעסאָר און זי האָט מיך אויסגעטיילט פון אַנדערע, נישט־יידישע סטודענטן. זי האָט זיך גע־פרייט מיט מיין דערפאָלג אין דער אַרבעט. איין מאָל האָט מיר אַפילו אַ קריסטלעכער סטודענט אַ זאָג געטאָן:

— זאָלסט אַפילו אַרויסקריכן פון דיין הויט, וועט דיר נישט געלונגען צו אַרבעטן ביי כזשאָנשטשעווסקין אין אינסטיטוט, אַפילו ווען זי זאָל עס וועלן...

ער איז געווען געדעכט. אָבער איך האָב געמוזט ענדיקן מיין אַרבעט מיט דערפאָלג. די אַרבעט אַליין האָט מיר געגעבן באַפרידיקונג. איך האָב געטראַכט וועגן מיינע חברים, דוד און זלמן, וואָס האָבן אויסגעקליבן פילאָזאָפיע, אין גיכן האָבן זיי געדאַרפט צוריקקומען פון פראַנקרייך מיט דאָקטאָראַטן, מיט אָפּגעדרוקטע פילאָזאָפישע ווערק. זיי האָבן זיך פאַרפולקאָמט אין דער פראַנצויזישער שפּראַך. און איך? איך וועל שוין בלייבן אַ לערער. אמת, איך האָב אין מיין פּעדאַגאָגישער אַרבעט געפונען אַ זין, אַ ציל אין לעבן. דאָך איז מיר אַ שאָד, וואָס איך האָב מיט אַזוי פיל שווערער מי, דורך אַזוי פיל פּלאָגענישן און מאַטערנישן, דערגרייכט דעם ציל און דאָך געבליבן שטיין אויפן זעלבן אָרט.

אויף די טאַטרען

דאָס שול־יאָר איז פאַרענדיקט. פון מינדעלעס פאַרדינסטן איז געלונגען אָפּצושפּאָרן אַ ביסל געלט און מיר האָבן באַשלאָסן זיך אַ לאָז טאָן צום ערשטן מאָל צוזאַמען אין די בערג, אויף די טאַטרען. מיר האָבן זיך פאַרשריבן אויפן אויספלוג, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט די באַקאַנטע אַלפּיניסטין ליובאַ שאַברינסקאַ.

פון פאַרנט איז געגאַנגען אונדזער וועגווייזערין, די העלדישע ליובע, מוטיק און פריי, מיט אַ ליד אויף די ליפּן. נאָך איר — מיר אַלע, איינער נאָכן אַנדערן, איבער שטעגן און וועגן, פילפאַרביקע צייכנס, איבער שטיינער, קרעמנעס און שטיינדלעך, באַרג־אַרויף, אַלץ העכער און העכער, די כמאַרעס אַנטקעגן...

די אַרומיקע מעכטיקייט מאַכט אונדז פילן שוואַכער און שטילער. מיר דערפילן שטאַרקער אונדזער געמיינזאַמקייט. יעדער איז גרייט דעם צווייטן אונטערצושטעלן אַן אַקסל, ביי־הילפיק זיין מיט אַלעמען. מיר שפּאַנען איצט דורך אַ געפערלעכן „זאַוראַט", אַ שמאָל שטעגעלע און לינקס איז אַ תהום, דורך איין אָרט, וואָס איז צעוואַשן דורכן רעגן, פירט ליובאַ

אַריבער יעדן איינעם באַזונדער, ווי קינדער. ווייטער לערנט זי, ווי אַזוי צו קלעטערן אויפן משופּעדיקן באַרג ווי אַ וואַנט, דורך די אייזערנע שטיגן, אָנהאַלטנדיק זיך, צוליב זיכערקייט, אין אַ גראָבן שטריק. איך מיט מינדלען זענען פון די ערשטע אַרויפגעקומען אויפן שפּיץ באַרג. מיר האָבן זיך הייס צעקושט און באַלד האָט יעדער פון אונדז באַזונדער צעקושט זיך אויך מיט ליובען. ערשט ווען אַלע זענען שוין געווען אויבן, אויסער יעדער געפאַר, האָבן מיר אַזוי פריילעך אויפגעזונגען און די אַרומיקע בערג האָבן אונדז אָפּגעענטפערט מיט אַן עכאָ.

גענעכטיקט האָבן מיר אין די בערג, אין אַ פּאַרלאָזטער כאַטע, אויף געפּרעסטע שעניקעס מיט שטרוי צום שלאָפן, איינער נאָענט צום אַנדערן, אָבער קיינער באַקלאָגט זיך נישט, אַלע זענען מיד, פול מיט איינדרוקן פונעם טאָג, מען שלאָפט געשמאַק, ווי נאָך אַ שווערן קאַמף.

קאַיאָר כאַפּט זיך אַריין פון דרויסן אַ קיל ווינטל, וואָס וועקט. אין בלוילעכן פרימאָרגן דערזען מיר די באַרימטע פינף אָזיערעס, פּיאַטי־סטאַוו. אין דעם נאָענטסטן האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט אָפּטובלען. דאָס וואַסער ביים ברעג איז געווען באַדעקט מיט אַ דינער אייז־שיכט. איך בין אַריינגעשפּרונגען און באַלד צוריק אַרויסגעלאָפן, ווי אַן אָפּגעבריטער, ציטערנדיק פון קעלט. נאָך אַ שנעלן געלויף האָט זיך דאָס בלוט ווידער צעוואַרעמט. איך האָב זיך דערפילט פריש און מונטער, ווי אַמאָל אין די שומרישע צייטן אין די קאַלטע וואַסערן פון סטיר.

אויפן ווייטערדיקן וועג האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף אַ הויכן וואַסערפאַל. די שוימיקע וואַסערן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם באַרג מיט אַ שטאַרקן שטראָם, האָבן שימערירט אין דער זון מיט רויש און געשפּריץ. נאָר איין ליובע האָט אויסגעהאַלטן די קלעפּ, שטייענדיק אין סאַמע מיט פונעם וואַסערפאַל. מיר זענען געשטאַנען אונטן, וווּ דאָס פאַלן איז שוין אָפּגעשוואַכט.

אויף יעדן נייעם אָרט ווילט זיך פאַרבלייבן לענגער, אָנזעטיקן זיך מיט אַנטציקונג, נאָר ליובע לאָזט נישט. זי האָט געהאַט אַ גענויעם פּלאַן אויפן לויפנדיקן טאָג.

פּלוצים האָט זיך פאַר אונדז אויסגעשפּרייט אַ הויכער שניי, וואָס איז

געלעגן, ווי אַ פּוכענע פּערענע אויף אַ גאַנץ גרויסן שטח. מיר האָבן גע־טרעטן אין אים, ווי אין אַ טייך פון זייף־מידלענעס, געכאַפּט גאַנצע הויפנס, אויסגעקוועטשט שניי־קוילן, וואָס זענען געפלויגן אין פליצעס, אין פּנימער. אַ געשריי ווי פון צעבאַלעווטע קינדער, האָט צוזאַמען מיט הילכיקע גע־לעכטערס געטראָגן זיך פון אַלע זייטן. נישט אומזיסט האָט ליובע פּאַרגע־לייגט מיטצונעמען די וואַלענע סוועטערס. נישט אַלע האָבן געפאָלגט און צוליב זיי מוזן מיר גיך פאַרלאָזן די אויסטערלישע אַטראַקציע — פוכיקן שניי אין מיטן הייסן זומער־טאָג.

נאָך פון דער הייך זעען מיר אין טיפן טאָל די אַזיערע „מאָרסקע אָקאָ", דאָס אויג פון ים. פון דער ווייטנס זעען די וואַסערן אויס טונקל, אָבער ווי נאָר מיר דערנענטערן זיך, דערזעען מיר דאָס וואַסער אין אַלע קאָלירן פון אַ רעגנבויגן: רויט, געל, גרין און בלוי. עס שפּיגלען זיך אין די וואַסערן דער בלויער הימל און די גרינקייט פון די בערגיקע שיפּועים, די ווייסקייט פונעם שימערירנדיקן שניי. די אַזיערע איז אַרומגערינגלט פון אַלע פיר זייטן מיט הויכע בערג, רוט ווי אַ שלאָפנדיק קינד אין אַ וויגל. די רויִקע כוואַליעס באַוועגן זיך קוים, ווי דאָס שטילע אָטעמען פון אַ קינד אין שלאָף. עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט אויסשפּילן אויף מיין קלאַרנעט אַ וויגליד:

> שלאָף, מיין קינד, שלאָף כסדר,
> שפּילן וועל איך דיר אַ ליד...

די קלאַנגען זענען זיך צעלאָפן איבער די אַרומיקע בערג און אומגע־קערט זיך צוריק, ווי פאַרבלאָנדזשעטע, דערשלאָגענע און אָפּגעטעמפּטע.
קיין נגינה האָט זיך נישט געלאָזט הערן, בלויז אַ לייכטער געברום...

זאַקאָפּאַנע, די שלאַנקע בערג־לייט, די פרויען אין בונטע, פילפאַר־ביקע קליידער, זייערע טענץ אַרום פלאַקערנדיקן פייער אין די אָוונטן — אַלץ איז געווען וווּנדערבאַר־שיין און אינטערעסאַנט, אָבער נאָך אינטערע־סאַנטער זענען די בערג אַליין.

שטייענדיק אויף די בערג, וואָס דערהייבן זיך אָפט העכער פון די כמאַרעס, זעסטו ווי די קליאַטשעדיקע, אָנפאָרמיקע כמאַרעס שפּאַצירן אַרום געמיטלעך אונטער דיינע פיס, קריכן איבער דעם רוקן פונעם באַרג

און לאָזן זיך ווייטער, ברוגזע, אָנגעכמורעטע, לאָזן פון זיך טראָפּנס טרערן, אַ רעגן, אַ רעגן אונטער דיר און איבער דיין קאָפּ דער לויטערער בלויער הימל...

צום באַלטישן ים

ווי נאָר מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פון די טאַטרעך, פולע מיט איינדרוקן, אויפגעלייגטע און צופרידענע, האָט אויף אונדז שוין געוואַרט אַ נייער סורפריז: מיין ייִנגערער ברודער שמואליק איז געקומען פון לוצק און מיטגעבראַכט פאַר מיר און פאַר מינדעלען צוויי בילעטן אויף אַן אויספלוג צום באַלטישן ים.

די פוילישע מלוכה האָט יעדעס יאָר געפּראַוועט מיט גרויס פּאָמפּע דעם יום־טוב פון ים. פאַר נישט קיין גרויסן אָפּצאָל האָט מען פון די ווייטסטע ערטער געקענט פאָרן צום באַלטישן ים און צוריק. פאַר דעם אָפּצאָל האָט מען געקענט געניסן אויך פון אַן אכסניה, פון אומזיסטע מיטאָגן, פון אַ שפּאַציר אויפן ים, פון נייעם פוילישן פּאָרט גדיניע, ביז דער פרייִשטאָט דאַנציק און צוריק. דער פּרייז פאַר אַ בילעט איז פון אומעטום געווען דער זעלבער, אַזוי אַרום האָט אַ באַן־בילעט פון לוצק קיין וואַרשע באַטראָפן כמעט אַזוי פיל, ווי דער גאַנצער אויספלוג צום ים און צוריק. אויף אונדזערע בילעטן זענען צוויי לוצקער סוחרים געפאָרן קיין וואַרשע נאָך סחורה און מיר האָבן באַקומען די מעגלעכקייט צו פאָרן ווייטער. איך האָב באַמערקט, אַז מיין ברודער שמואליק איז געווען גוט געשטימט, נאָר אָפּט פלעגט ער זיך פאַרטראַכטן. אויף מיין פראַגע וועגן וואָס ער טראַכט, האָט ער געענטפערט:

— ווען מען וויל חתונה האָבן מיט אַן אָרעם מיידל, וואָס מען האָט ליב און מען וויל ביים אַלטן טאַטן נישט נעמען קיין געלט, מוז מען טראַכטן. האַ, ווי מיינסטו? דו ביסט דאָך אויך קראַנק געווען אויף דער זעלבער קרענק...

איך האָב געוווּסט, אַז מיין ברודער, דער פּראַקטישער סוחר, האָט זיך פֿאַרליבט אין מאַניען, די יונגע אַקושערקע, וואָס האָט נאָך דערצו געהאַט אַן עלטערע שוועסטער און אַן אַלטע מוטער. זי האָט געאַרבעט אין יידישן שפּיטאָל, מערסטנס אין די נעכט, און האָט איר גאַנצן פֿאַרדינסט אַוועקגעגעבן דער שטוב.

די מאַמע האָט אים אָפּגערעדט, ער זאָל נישט נעמען קיין אַקושערקע, אין מיטן דער נאַכט וועט מען זי רופֿן צו אַ קימפּעטאָרין, אָבער זי האָט געוווּסט, אַז אַלע אירע זין זענען עקשנים, פֿירן דווקא ליבעס מיט מיידלעך, וואָס האָבן נישט קיין גראָשן נדן.

מיר האָבן זיך אויף גיך געקליבן אין וועג אַריין, אויסגעלופֿטערט די רוקזעק און אָנגעפּילט מיט ריינע וועש. יונגע מענטשן פֿילן נישט קיין מידקייט, ווען זיי זענען אין עפּעס פֿאַראינטערעסירט.

אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר געפֿאָרן מיטן שנעלצוג. קאַיאָר האָט זיך פֿון דער ווייטנס באַוויזן דער ים, פֿון ערגעץ ווייט האָט אָפּגעהילכט אַ שיף־סירענע. מינדל איז בײַנאַכט אַ ביסל געשלאָפֿן. איצט שטייען מיר ביידע ביים פֿענצטער, קוקן אַריין אין דער ווייטקייט.

אויפֿן וואָקזאַל האָט מען אונדז אָפּגעוואַרט, מיר זענען געגאַנגען צו צווייַ, צו דריי אין אומאָרדענונג און דער פֿירער פֿאָרויס. דער פּראָגראַם איז אַ רייכער, אויסגערעכנט אויף שעהן און מינוטן. דער נייער פּוילישער פּאָרט איז געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג. אויך די שטאָט און די באַפֿעלקערונג איז געוואָרן אַלץ גרעסער. דער מאַרק ביים ים־ברעג איז געווען פֿול מיט טוריסטן.

אויף אַ טאַנקער, וואָס איז געווען פֿול אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, האָבן מיר זיך געלאָזט מיטן ים קיין דאַנציק. ווי נאָר מיר קומען אַריין אין ברייטן ים אַריין, נעמען ברויזן די כוואַליעס און פֿליוסקען אויף אונדז מיט זייערע געזאַלצענע וואַסערן. עמעץ וואַרפֿט שוין אַרויס איבערן באָרט זיין פֿרי־שטיק אין ים אַריין. די אַנדערע האַלטן אים צו, ער זאָל נישט אַרונטערפֿאַלן. דאָס ווירקט אַנשטעקנדיק. אַפֿילו די, וואָס האָבן פֿריִער אָפּגעלאַכט, זענען פֿון די ערשטע קרבנות.

דאָס פֿאָרן דויערט אָבער נישט לאַנג. מיר קומען אָן אין אַלטן, גוט

אַנטוויקלטן פּאַרט, ווו עס רוען אַ סך שיפן, הויכע הייבקראַנען, אַ סך איילנ־דיקע טרעגערס. די שטאָט — אַ רוישיקע, אַ ריינע, מיט שטאָקיקע מויערן, באַדעקטע מיט רויטע ליימענע קאַפּליעס. מיר באַגעגענען קירכעס מיט שפּיציקע טורעמס. בלויז אין פּאַרט זענען נאָך געווען סימנים פון פּויליש־קייט. די שטאָט איז געווען אין גאַנצן דייטשיש, מיט איר טרוקענער דיי־טשער אויסשפּראַך און פּרעמדקייט, וואָס טרייבט פון זיך אויף מיילן.

דער צוריקוועגס מיטן טאַנקער איז שוין געווען פריילעכער, דער ווינט, וואָס האָט אונדז באַגלייט איז געווען אַ מילדער. מיר האָבן אַפילו געזונגען פריילעכע לידער.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען קיין וואַרשע, האָבן מיר נאָך געטראָפן מיין ברודער שמואליקן. ער האָט אונדז פאַרבעטן אויף אַ מיטאָג אין רעס־טאָראַן אויף לעשנע־גאַס, צו גערטנערן. ער איז בכלל געווען מונטערער און פריילעכער, ווי פריער. וויזט אויס, אַז אים איז עפּעס געלונגען, נאָר ער האָט נישט געוואָלט דערציילן. ער האָט געוווסט, אַז מיר אַנטציקן זיך נישט מיט סוחרישע המצאות, אַז מיר האַלטן פון אָרעם, אָבער אָרנטלעך, און דאָס איז נישט געווען לויט זיין סוחרישן באַנעם... ער האָט זיך צוגעזונ־גען דעם טעאַטראַלישן רעפריין „אוי, וועט עס זיין אַ חתונקע, אַ חתונקע!"

אין שטאָט און אין דאָרף

אונדזערע באַן־בילעטן אויפן „יום־טוב פון ים" זענען אויסגעקויפט געוואָרן אין לוצק, זענען מיר טאַקע געפאָרן אויף די בילעטן צוריק אַהיים. דער טאַטע מיינער איז געוואָרן שוואַכער און פאַרעלטערט, די צוקער־קראַנקייט האָט זיך אין אים אַנטוויקלט. די מאַמע האָט אים אָפּגעהיטן מיט דער דיעטע, אָבער די עקאָנאָמישע לאַגע פון די לוצקער סוחרים און האַנטווערקער איז געווען אַ פאַרצווייפלטע. די גרויסע שטייערן, וואָס די פּוילישע מאַכט האָט אויסגעפּרעסט אָן אויפהער, די מאַסנהאַפטע שטייערן־עקזעקוציעס האָבן דערפירט צו באַנקראָטן. דאָס קולטור־לעבן איז שטיין

געבליבן אויף אַן אָרט, ווי אַ פּאַרוואָרלאָזטע אַזיערע. די בעסערע יוגנט איז זיך צעפאָרן: קיין טשעכיע, קיין פראַנקרייך, שטודירן, מערסטנס מעדיצין. די איבערגעבליבענע יוגנטלעכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין רעוויזיאָניס־טישע גרופּן. אויך מיין ייִנגסטער ברודער נפתלי איז געווען אַ מיטגליד אין דעם בית״רישן ספּאָרט־קלוב „טרומפּלדוריה״.

מיין ייִנגערער ברודער שמואל האָט טאַקע געפּראַוועט אַ חתונה און האָט אויך געהאָלפן מאַניעס עלטערער שוועסטער חתונה האָבן. זי איז מיט איר חתן געשטאַנען אונטער דער חופּה, נאָך זיי — שמואל מיט מאַניען. די חתונות זענען פאָרגעקומען ביי מיין עלטערער שוועסטער גיטל אין דעם ניי אויסגעבויטן הויז. נאָך דער חתונה זענען מיר אָפּגעפאָרן אין דאָרף דעמבאָווע קאַרטשמאַ, צו מינדעלעס עלטערן.

ביים סאַמע דאָרף איז געווען אַ סאָסנע־וואַלד, ווו אַ גאַנצן טאָג איז געווען שטיל און עס איז דאָרט געווען אַזוי אָנגענעם צו פאַרברענגען. מינדעלע האָט זיך גוט געפילט, געזונגען לירישע אוקראַיִנישע לידער.

פאַרנאַכטצו איז דער וואַלד פול געוואָרן מיט שפּאַצירנדיקע יונגע אוקראַיִנער, מיידלעך אויסגעפּוצטע אין בונטע קליידער, נאָך זיי די בחורים, מיט הילכיקע געלעכטערס און געזאַנג. שפּעטער האָבן זיי זיך צעטיילט אין פּאָרלעך, שפּאַצירט איבער די שטעגלעך פון וואַלד.

מינדעלעס מוטער קען זיי אַלע ביי די נעמען. זיי קומען אָפט אַריין צו איר אין קראָם קויפן אַ ניי טיכל אויפן קאָפּ, אַ פּאָר מעטער סחורה אויף אַ קליידל. דערביי באַקלאָגן זיי זיך פאַר איר, ווי פאַר אַן אייגענער:

— שפּילן וויל ער זיך, דער פּעדקע, אָבער פון אַ תכלית וויל ער גאָר־נישט הערן.

— זאָרג נישט, אַניוטאַ, — טרייסט זי מינדעלעס מאַמע — דיין טאַטע איז אַ פאַרמעגלעכער, קען זיך פאַרגינען אַריינצונעמען אַ „פּרימאַק״ פאַר דיינעטוועגן.

— און איך וויל, ער זאָל נעמען מיך, ווייל ער האָט מיך ליב, נישט מיין טאַטנס גוטס — ענטפערט אַניוטאַ.

— אָט נעם פיליפּן — טענהט מיט איר מינדעלעס מוטער — אויך אַ „פּרימאַק״, פריִער האָט מען אים גענומען פאַר דער עלטערער טאָכטער,

פיר יאָר האָט זי מיט אים קיין קינדער נישט געהאַט... ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער שוין געטראָפן ביי איר אַן אַנדערן מאַן, דעם קאָזאַק גאַווריליאַ. נו, האָט מען אים געגעבן פאַר אַ ווייב אַבקען, די יינגערע טאָכטער, האָבן זיי דען נישט קיין שיין לעבן? קינדער...

— ווער ווייסט וועמענס קינדער זיי זענען? — האָט אַניוטאַ אַריינגעוואָרפן בייסיק.

— זיכער זיינע. אַבקען קען איך, ווי אַן אייגן קינד.

— און פיליפּ איז אַ ליידיקגייער, קריכט אין די פּעדערן, ווי ער וואָלט געוועזן אַן אוסאַדניק — וויל אַלץ אַניוטאַ נישט נאָכגעבן.

— נישט אַלע דאַרפן אַרבעטן אויף ערד. ער האָט ליב פערד, האָט ער אַ קאָטש און פירט חתן־כלה אין קלויסטער אַריין.

— זיין ווייב שפּאַנט איין און שפּאַנט אויס די פערד, האָדעוועט זיי און ער קומט שיכור פון יעדער חתונה.

— און ווער קומט דען ביי אייך ניכטער פון אַ חתונה?

מיט אַ מאָל איז אין דאָרף אָנגעקומען אַ ספּעציעלער צוג. אין אַ צענדליק רויטע פּראַכט־וואַגאָנען זענען אָנגעקומען פּויערים פון פּאָלעסיע — פּאָלעשוקעס, אַלע אין ווייסע לייוונטענע העמדער, מיט שטרויענע היטן אויף די קעפּ, אויף די פיס לאַפּטיעס, געמאַכט פון קאָרע, פאַרבינדענע מיט שטריקלעך. זיי זענען געקומען מיט אייגענער מוזיק: אַ פידלער מיט אַ פּיצל פידעלע און אַ פּויק מיט אַ מעשענער טאַץ. זיי האָט אַראָפּגעבראַכט אַהער דער פּריץ זשעלינסקי, וואָס האָט געדאַרפט האָבן אַרבעטס־הענט אַראָפּצונעמען דאָס גערעטעניש פון זיינע ריזיקע פעלדער מיט תבואה, מיט שוואַרצן מאָן. די פּויערים האָט ער געדונגען אויפן גאַנצן סעזאָן פאַר אַ נידעריקן געהאַלט. זיי האָבן געאַרבעט פון זון־אויפגאַנג ביזן פאַרנאַכט, נישט געקוקט אויפן זייגער. דערפאַר האָבן זיי באַקומען צוויי מאָל אין טאָג עסן, אַ שיטערע זופּ מיט ברויט. מען האָט זיי כמעט ווי נישט געזען אין דאָרף. שטענדיק זענען זיי געווען אויף די פעלדער, ביי דער אַרבעט. בלויז אין די זונטיקדיקע טעג האָבן זיך ביים אַריינגאַנג אין וואַלד געלאָזט הערן

די פּויק און דאָס פידעלע. פאַרלעך האָבן זיך געדרייט אונטער די קלאַנגען, וואָס פלעגן זיך איבערחזרן און איבערחזרן.

צוזאַמען מיט מינדעלען בין איך געפאָרן קיין טשאַרוקאָוו, צו די זוואַ־גילערס, צו דער שיינער אסתרקע, אויף וועמענס חתונה מיר זענען ווינ־טער־צייט געווען אין דאָרף. זי האָט שוין געהאַט אַ מיידעלע. סיי אסתרקע, סיי איר מאַן פּייסי, אויך זייערע עלטערן, האָבן אונדז ארויסגעוויזן אַ סך גאַסטפריינדלעכקייט. מיר זענען ממש געווען גערירט פון דער וואַרעמ־קייט. מיר האָבן געמוזט פאַרבלייבן ביי זיי עטלעכע טעג.

אויף צוריקוועגס האָבן מיר דערזען ווי כמאַרעס נעמען זיך צונויף, ווערן אַלץ געדיכטער און אין מיטן העלן טאָג איז געוואָרן פינצטער, ווי אין אָוונט. פּלוצים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ וויסער האָגל, האַרטע קיילעכ־לעך האָבן זיך געשיט איבער דער ערד, איבער די דעכער, מיט אַ הילכיקן גערויש, ווי זיי וואָלטן געווען פון מעטאַל.

דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט — מינוטן, אָבער דער שאָדן איז געווען אומגעהייער גרויס. די שווערע מי פון לאַנגע חדשים איז געגאַנגען לאיבוד. די פולע זאַנגען האָבן ווי געמפּלט זייער פּרוכט, וואָס האָט זיך צעשיט איבער דער ערד. נישט געווען שוין וואָס צו שניידן, וואָס צו גרייטן אויפן ווינטער, פאַר זיך, פאַר די קינדער און פאַר די בהמות. אויך די אָנגע־בראַכטע אַרבעטער, די פאַלעשוקעס, זענען געבליבן אָן אַרבעט. דער פּריץ האָט נישט געהאַט קיין חשק צו באַצאָלן זיי פאַר די פיר וואָכן שווערער אַרבעט.

— האָט טענות צו גאָט — האָבן געשריגן דעם פּריצס כאָלאָפּעס — פון וואַנען זאָל ער נעמען צו באַצאָלן? אַז מען איז געבליבן הויל און נאַקעט!

דער פּריץ אַליין האָט זיך גאָרנישט געוויזן, געוויס האָט ער דעמאָלט געשפּילט אין מאָנטע קאַרלאָ אויף דער רולעטקע, ער איז געווען רויִק, געוווּסט, אַז די אַסעקוראַציע־געזעלשאַפט וועט פאַר אַלץ באַצאָלן, און גוט באַצאָלן...

דריטע טייל:

אָטוואָצק –
מיין פּעדאַגאָגישע פּאָענמע

מיין פעדאַגאָגישע פּאָעמע

פון די יינגסטע קינדער־יאָרן אָן האָב איך ליב געהאַט צו לייענען ביכער. געלייענט האָב איך, פאַרשטענדלעך, אויף רוסיש. דער ערשטער קוואַל, פון וואַנען איך האָב געשעפּט מיין אינטערעסאַנטע און נוצלעכע ליטעראַטור, איז געווען די פּריוואַטע ביבליאָטעק פון מיין לערער ליבשטיין. ביז מיין בר־מצווה, פלעג איך יעדן שבת ברענגען דעם טלית פונעם לערער אין „משרתי־צדק"־שול און אים אָפּטראָגן אהיים. פון לערערס שטוב בין איך אַוועק מיט טאַנצנדיקע טריט, טראָגנדיק אונטערן אָרעם אַ ניי ביכל צום לייענען. די צאָל ביכער, וואָס דער לערער האָט פאַרמאָגט, איז נישט געווען קיין גרויסע, אָבער יעדעס בוך באַזונדער איז געווען וויכטיק און אינטערעסאַנט. „ראָבינזאָן קרוזאָ", „באָגדאַן כמיעלניצקי", זשול ווערנס פאַנטאַסטישע דערציילונגען און אַנדערע. מיט דער צייט איז דער אינטערעס געוואַקסן, אָבער נישט שטענדיק האָב איך געהאַט די פּאַסיקע ביכער. אַ געווויסע צייט האָב איך געלייענט דעטעקטיוו־דערציילונגען. ערשט שפּעטער, ווען איך האָב שוין אָנגעהויבן זיך לערנען סיסטעמאַטיש, אויף אַן עקסטערנעם אופן, נאָך שפּעטער אין דער רוסישער גימנאַזיע, האָב איך מערסטנס געלייענט די קלאַסישע ליטעראַטור. גלייכצייטיק האָב איך אויך געלייענט ביכער פון יידישע שרייבער. ווען איך בין אַריבער אין דער יידיש־פּוילישער גימנאַזיע, נאָך די צוואַנציקער יאָרן, האָב איך געלייענט אויך העברעיִשע ליטעראַטור, די ערשטע, פאַרשטייט זיך, זענען געווען „אהבת ציון" פון מאַפּו, „התועה בדרכי החיים" פון סמאָלענסקין, „מדינת ישראל" פון הערצל. איך האָב אויך געמוזט דורכמאַכן די פאַרפליכטנדיקע פּוילישע ליטעראַטור. יעדע פרייע מינוט האָב איך אויסגענוצט אויף לייענען. די לוצקער ביבליאָטעק ביי דער יידישער פאָלקסשול איז געווען רייך אין יידישע און רוסישע ביכער. משה פערדמאַן, דער לאַנגיאָריקער פאַר־

וואַלטער פון דער ביבליאָטעק, האָט שוין געזאָרגט, אַז יעדעס ניי־דערשי־נענע בוך זאָל אָנקומען אין דער ביבליאָטעק. מיר פלעגט ער געטרויען עטלעכע ביכער מיט אַ מאָל.

אויך דאָס מאָל, ווי נאָר איך בין געקומען צו פאָרן צוזאַמען מיט מינ־דעלען קיין לוצק, האָב איך ביי משה פערדמאַן באַקומען די נייעסטע ביכער, „די פעדאַגאָגישע פּאָעמע“ פון מאַקאַרענקאָ, וואָס איך האָב גע־לייענט צוזאַמען מיט מינדעלען, ליגנדיק אין וואַלד, אין דעמבאָוואַ קאַרטשמאַ, אויף דער אויסגעשפּרייטער קאָלדרע. מיט יעדן איבערגע־לייענטן זייטל איז געוואַקסן אונדזער אינטערעס צו דער שילדערונג וועגן דער טאָג־טעגלעכער מיפּולער אַרבעט פון דעם איבערגעגעבענעם פּעדאַ־גאָגישן קאָלעקטיוו אונטער דער אָנפירונג פון באַגאַבטן פעדאַגאָג, דעם שרייבער פון דער פּאָעמע, מאַקאַרענקאָ. מיר זענען באַרייכערט געוואָרן מיט נייע פעדאַגאָגישע אויפטועך און דערפאַרונג.

ווי ערלעך מאַקאַרענקאָ איז צו זיך אַליין, באַהאַלט נישט זיינע דורכ־פאַלן און פעלערן. ווען ער ווערט אין אַ געוויסן מאָמענט אויפגעצוווּנגען מכבד צו זיין איינעם פון זיינע שווערסטע יאַטן מיט אַ הילכיקן פּאַטש, באַשולדיקט ער זיך אַליין אין זיין נישט געהאַמעוועטקייט, כאָטש די רעזולטאַטן זענען געווען איבעראַשנדיקע און פּאָזיטיווע. פון די ערגסטע לאַבוזעס און גנבים זענען במשך פון עטלעכע יאָר אויסגעוואַקסן נוצלעכע בירגער.

בעתן לייענען האָבן מיר מיטגעלעבט די שווערקייטן פון די לערער, געפרייט זיך מיט זייער דערפאָלג. מיר האָבן וועגן דעם אַ סך געטראַכט און דיסקוטירט. איך האָב זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט ספּעציעלער פעדאַגאָגיק, מיט די דערציִונגס־סיסטעמען אין אַנשטאַלטן פון פאַרשי־דענע לענדער. איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן אַריבערצוּוואַרפן זיך אויף דעם געביט פון ספּעציעלער פעדאַגאָגיק.

איצט האָט מיך שוין ווייניקער געאַרט, וואָס איך וועל זיך נישט קענען איינאָרדענען אַלס כעמיקער. איך האָב זיך דערפילט אַלס אַ פעדאַגאָג פון באַרוף און איך האָב געוואָלט נאָך מער פאַרפולקאָמען זיך טעאָרעטיש און פּראַקטיש.

אַט איז אונטערגעקומען אַ צופאַל, וואָס האָט מיר צוגעהאָלפן פאַר־ווירקלעכן מיינע נייע פּלענער.

אַרויפגייענדיק אויף די שטיגן פונעם הויז אויף נאָוואָליפּקי 43, האָב איך צופעליק געטראָפן אַראָפּגיין מיין חברטע, מיט וועמען איך האָב געאַרבעט צוזאַמען אין דער אָוונט־שול פאַר אַרבעטער, אויף זאַמענהאָף 6. איך האָב זי שוין אַ לענגערע צייט נישט געזען און זי האָט מיר דערציילט, אַז דאָס לעצטע יאָר האָט זי געאַרבעט אין אָטוואָצק, אין „צענטאָס" — אַ ספּעציעלער אַנשטאַלט פאַר דעפעקטיווע קינדער, דער איינציקער פון דעם מין יידישע אַנשטאַלטן אין פּוילן. איך האָב איר דערציילט, אַז לעצטנס טרוים איך וועגן אַזאַ אַרבעט.

— און איך מיין די אַרבעט צו פאַרלאָזן — האָט זי געענטפערט. — זי איז טאַקע זייער אינטערעסאַנט, אָבער צו שווער פאַר אַ פרוי. מען דאַרף אַרבעטן טאָג און נאַכט, וווינען אין אַ צימער נעבן דער גרופּע קינדער. דערצו טאָר מען נישט האָבן קיין מאַן אָדער אַ ווייב; און וועלכעס מיידל וויל עס נישט חתונה האָבן? — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

איך האָב גלייך אויסגעדריקט מיין גרייטקייט איבערצונעמען די אַרבעט. זי האָט מיר אָנגעוויזן, איך זאָל זיך פריִער ווענדן צו ד"ר סאָפיע ראָזענבלום, ווייל אָן איר רעקאָמענדאַציע נעמט מען נישט אָן קיין פּעדאַ־גאָגישע כוחות פאַרן אַנשטאַלט. זי איז פאַרבליבן אָן אַלטע פריילין, שוין איבער די פופציקער און האַלט, אַז חתונה־געהאַטע קענען נישט זיין קיין איבערגעגעבענע דערציִער פון דעפעקטיווע קינדער, וועמען מען דאַרף זיך ווידמען בלב ונפש.

די דאָזיקע וואָרענונג האָט מיך טאַקע אָפּגעהאַלטן עטלעכע טעג פון גיין וועגן דער אַרבעט אין „צענטאָס". אָבער דווקא מינדעלע איז געווען דערפאַר איך זאָל אָננעמען די אַרבעט. אין יענער צייט האָט מען אין וואַרשע, אין קינאָ „שוויאַטאָוויד" דעמאָנסטרירט דעם סאָוויעטישן פילם „דער וועג אין לעבן", וואָס האָט געוויזן אַ קאָלאָניע פאַר יוגנטלעכע פאַר־ברעכער און פאַרוואָרלאָזטע. דער פילם איז געווען אַ בולטע אילוסטראַציע צו מאַקאַרענקאָס „פּעדאַגאָגישע פּאָעמע". מינדעלע האָט מיך צוגערעדט איך זאָל צוגיין צו ד"ר ראָזענבלום.

זי האָט געוווינט אין אַ שיין דריישטאָקיק הויז, ווו דער אַריינגאַנג דורך ברייטע שטיגן איז געווען באַדעקט מיט רויטע טעפּיכער. פריער האָב איך טעלעפאָניש אָפּגעשמועסט די שעה פון מיין קומען. זי האָט מיך שוין אָפּגעוואַרט. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ פרוי פון מיטעלן וווקס, אַ ברייטלעכע מיט גלייך פאַרקעמטע טונקעלע האָר און פענסנע־ברילן אויף די האַלב־צוגעזשמורעטע אויגן. דער שמייכל איז ביי איר אַרויסגעקומען געקינצלט. נאָכן באַגריסן און באַקענען זיך איז זי אַרויס אין קיך און אַריינגעבראַכט שוואַרצע קאַווע און זיסוואַרג אויף צובייסן.

— ביי אַ גלעזל קאַווע שמועסט זיך וואַרעמער, ווי מיינט איר? — האָט זי געזאָגט ביים אַוועקשטעלן די קאַווע אויפן טיש און גלייך צוגע־טרעטן צום שמועס.

— איר זענט שוין אַ פּעדאַגאָג מיט סטאַזש? מיר בייטיקן זיך אין אַזעלכע, אָבער די אַרבעט אין אונדזער אַנשטאַלט איז זייער אַ שווערע. איר האָט צו טאָן מיט פּסיכיש קראַנקע קינדער. די גרעסטע טייל פון זיי האָט נישט געפילט די וואַרעמקייט פון אַ מוטער. די דערציִער דאַרפן זיי פאַרטרעטן אַ פאָטער און אַ מוטער. אויב זיי באַקומען צו אים צוטרוי און הייבן אים אָן ליב צו האָבן, איז גוט. אויב נישט — זאָל ער בעסער אַנט־לויפן... — איר האָט מיך פאַרשטאַנען, הער פּערעל?

— איך וויל פּרוּוון מיינע כוחות אויפן דאָזיקן געביט. איך האָף, אַז עס וועט מיר געלונגען.

— אדרבא, דעם אַנשטאַלט אין אָטוואָצק רעמאָנטירט מען איצט און די קינדער געפינען זיך אויף זומער־וווינונג אין דאָמאַטשעוואָ, ביי בריסק, נאָענט צום טייך בוג. זיי וועלן דאָרט פאַרבלייבן ביז צו די ימים־נוראים. פּרוּווט. דאָרט איז אויך פאַראַן דער פּעדאַגאָגישער דירעקטאָר קלמן ליס, אַ יידישער שרייבער.

אין דאָמאַטשעוואָ

ווײַזט אויס, אַז „צענטאָס" האָט זיך ווירקלעך שטאַרק גענייטיקט אין דערציִער און דערפאַר האָט זי, ד"ר ראָזענבלום, ווי אויך די פאַרוואַלטונג פון „צענטאָס", פאַרגעסן מיך צו פרעגן צי איך בין, חלילה, אַ חתונה־געהאַטער.

מינדעלע האָט געהאַט נאָר איין חודש אורלויב. אין אויגוסט האָט זי שוין געאַרבעט ביי שאַקן אין דער שול. איך האָב געקענט אויסנוצן מיין גאַנצן אורלויב ביזן אָנהייב פון שול־יאָר, נו, וועל איך דעם חודש אַר־בעטן אין דאָמאַטשעוואָ. מיר איז נישט געווען קיין שאָד מיין ענערגיע און כוחות. איך האָב געהאָפט, אַז עס וועט מיר געלונגען.

דעם גאַנצן טאָג פאַר מיין פאָרן קיין דאָמאַטשעוואָ האָבן מיר פאַר־בראַכט צוזאַמען, שפּאַצירט אין די „לאַזשענקעס" און געשמועסט וועגן מיינע פּלענער.

פאָרנדיק אין וואַגאָן האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די באַן גייט צו פּאַוואָליע, קריכט. איך בין געזעסן ביים פענצטער. ביימער, טעלעגראַפישע סלופּעס, פויערישע כאַטעס, ווי זיי וואָלטן אַנטלאָפן אויף צוריק. דער מאָנאָטאָנער גערויש פון די רעדער. האָט איינגעשלעפערט... עס האָט זיך אָנגערוקט דער פאַרנאַכט. באַלד איז געוואָרן אין גאַנצן פינצטער. מיטן אָנקום פון דער נאַכט האָט זיך אויך דערנענטערט דער סוף פון מיין רייזע.

אַ קילער זומער־אָוונט. אין שיטערן סאָסנע־וואַלד באַהאַלטן זיך עט־לעכע הילצערנע געביידעס, צוויי־ און איינשטאָקיקע. אַרום איז שטיל. פון ווייט דערהערט זיך דאָס קוואַקען פון זשאַבעס. די לופט איז ריין און שמע־קעוודיק. אויף אַן אָפענער ווערענדע האָב איך דערזען אַ קאַרג ליכט און האָב זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג. עס איז געווען די צייט פון אָוונט־ברויט. די דערציִערס זענען געווען פאַרנומען מיט די קינדער. בלויז דער פּעדאַגאָגישער דירעקטאָר, קלמן ליס, איז געזעסן אויף דער ווערענדע, ווו מען האָט שוין געגרייט דעם אָוונט־ברויט פאַר די דערציִער.

איבערגעבנדיק אים דעם ציל פון מיין קומען האָט ער זיך דערפרייט, און געזאָגט:

— זייער גוט! מיר נייטיקן זיך שטאַרק אין דערציִער. מאָרגן טרעט איר גלייך צו אַרבעטן...

עס איז אַריינגעקומען אַ הויכע בלאָנדע פרוי, מיט העל־בלויע אויגן. קלמן ליס האָט אונדז באַקענט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז צילאַ יאַנאָווסקאַ. איך האָב באַמערקט:

— אייער ברודער איז געווען מיין גוטער חבר. איך האָב באַלד באַמערקט אייער ענלעכקייט צו אים.

— ער איז אָבער מער טאַלאַנטירט פון מיר...

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקומען די דערציִער און דערציִערינס און ליס האָט מיך מיט זיי באַקענט. נאָכן עסן האָט מען נאָך געדאַרפט אויסהערן עטלעכע ווערטער פונעם דירעקטאָר וועגן פאַרגאַנגענעם טאָג און אויך באַקומען אייניקע אינסטרוקציעס אויפן מאָרגנדיקן טאָג.

אַלע זענען זיך צעגאַנגען אין זייערע צימערן. איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט שמואל פיאַלקאָוו, אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט אַ פּשוטן אויסזען און שמייכלענדיקע אויגן. מיר האָבן באַדאַרפט וווינען צוזאַמען אין איין צימער, אויפן ערשטן שטאָק. עס זענען דאָרט געשטאַנען צוויי בעטן. אויף איינעם האָט געפעלט אַ ליילעך און אַ ציכל צום קליינעם קישעלע. שמואל איז ערגעץ אַרויסגעגאַנגען און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ קאָלדרע און וועש. איך האָב געוואָלט וויסן ווען די קינדער שטייען אויף אין דער פרי. שמואל האָט מיר געזאָגט, אַז זיבן אין דער פרי קלאַפּט מען מיט אַ האַמער אין אַ שטאָלענעם רעלס, וואָס הענגט אויפן בוים. דאָס איז דער גאָנג.

— איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך אַ קלאַרנעט — האָב איך געזאָגט — צי זאָל איך פּרוון אויפוועקן זיי מיט שפּילן דעם פּאָבודקע־סיגנאַל?

— אַדרבא, פּרוווט.

דעם מאָרגנשטערן אַנטקעגן / אַ ט ו ו אַ צ ק

אַ גוטער אָנהייב

— טראַ־טאַ־טאַטאַ...

עס איז זיבן אַ זייגער אין דער פרי. אַנשטאָט דעם טאָג־טעגלעכן שטאָלענעם קלאַנג, האָבן זיך דערהערט די טענער פון מיין קלאַרנעט, וואָס האָט אויסגעשפּילט אַ צעצויגענעם פרימאָרגן־סיגנאַל צום אויפשטיין. אַלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט און באַוויזן זיך מיט אַ מילדן שמייכל אויף די פּנימער. אויף אַ סך האָט זיך געמאָלן באַגייסטערונג. זיי זענען צוגעלאָפן אין די נאַכטהעמדער צו די פענצטער און נישט געקענט אָפּרייסן זייערע בליקן פון דעם אומבאַקאַנטן, וואָס האָט געשפּילט אויף זיין לאַנגן שוואַרצן פייפל די באַקאַנטע מיליטערישע מעלאָדיע, וואָס האָט גערופן צום אויפשטיין. נישט ווייניקער פאַרוואונדערט זענען געווען די דערציִער און זענענדיק די ווירקונג אויף די קינדער, איז געבליבן, אַז איך זאָל אַלע פרי־מאָרגן אַזוי וועקן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין ערשטער טראָט איז מיר געלונגען. עס איז נישט שווער געווען צו דערקענען אין די אוממיטלבאַרע קינדערישע בליקן, אַז איך בין זיי געפעלן געוואָרן. גאָר צופרידן זענען געווען די קינדער פון דער גרופּע, וואָס איז מיר צוגעטיילט געוואָרן. זיי האָבן עס אַרויסגעוויזן ביים ברענגען אין אָרדענונג די בעטן און גיכן לויפן וואַשן זיך. איך האָב באַמערקט ווי איינער פון זיי, וואָס זעט אויס צו זיין עלטער פון די אַנדערע, יאָגט זיי אונטער און זיי פאָלגן אים.

— ווי רופט מען דיך? — האָב איך זיך פאַראינטערעסירט.

— קוליאַווסקי! — האָט ער קורץ אָפּגעענטפערט.

— איך זע, אַז דו קענסט צוהעלפן דיין דערציער. זיי פאָלגן דיך.

— זאָלן זיי פּרוּוון נישט פאָלגן! אַ דערציִער האָט מורא זיך צוצורירן צו אַ יאַט, אָבער איך? מיך מוזן זיי פאָלגן — האָט ער גערעדט מיט פולער זעלבסטזיכערקייט.

פרישטיק און מיטאָג האָבן די דערציִער געגעסן צוזאַמען מיט זייערע גרופּעס אין אַ גרויסן הילצערנעם באַראַק, וואָס האָט געדינט פאַר אַן עס־צימער. אין אַ גרופּע זענען געווען יינגלעך פון פאַרשידענעם עלטער, פון

אַכט ביז זעכצן יאָר. נישט אַלע האָבן געקענט אויספירן די זעלבע פליכטן. איך האָב זיך געוווּנדערט, הלמאי באַקומען אַלע די זעלבע פּאָרציעס זופּ. דאָס פלייש האָט געטיילט אַן עלטערער און ער האָט טאַקע געגעבן די ייִנ־גערע קלענערע פּאָרציעס. קיינער האָט זיך דערויף נישט באַקלאָגט. אַלע זענען אַוועקגעגאַנגען פון טיש זאַטע.

די אַרבעט איז נישט געווען קיין פלאַנירטע. אַ טאָג איבער אַ טאָג זענען עטלעכע גרופּעס צוזאַמען מיט זייערע דערציִער געגאַנגען צום טייך זיך באָדן.

מיין גרופּע האָט געדאַרפט גיין ערשט אויפן צווייטן טאָג און איך בין דערפון געווען זייער צופרידן, ווייל איך האָב מורא געהאַט פאַרן טייך, אײדער איך האָב נאָך גוט געקענט די קינדער.

איך בין אַוועק מיט מיין גרופּע טיפער אין וואַלד און מיר האָבן זיך צעלייגט אויפן טיפן מאָך, אונטערן שאָטן פון די ביימער און איך האָב פאָרפירט דעם ערשטן שמועס מיט מיינע ייִנגלעך. כדי זיי מאַכן מער אָפנהאַרציק, האָב איך זיי פריער דערציילט עפּעס וועגן זיך: וועגן מיין רייזע צום ים, וועגן דעם קלעטערן אויף די הויכע טאַטרען. קיינער פון זיי איז נאָך קיין מאָל נישט געווען ביים ים, נישט אויף די בערג און דאָס האָט זיי שטאַרק פאַראינטערעסירט.

וועגן זיך האָבן זיי נישט געהאַט קיין חשק צו דערציילן, מורא געהאַט, אַז די חברים וועלן זיי אויסלאַכן. איך האָב דערפאַר באַשלאָסן צו שמועסן מיט יעדן באַזונדער. די טעקעס פון יעדן קינד זענען פאַרבליבן אין אַטוואָצק און איך האָב דערפאַר זיך באַמיט אַליין צו באַקענען יעדן באַזונדער.

יאַאַן שווידט, האָט נישט קיין ייִדישן אויסזען, איז פאַרנאַכלעסיקט, שמוציק, פון דער נאָז רינט אים אַ געדיכטע פליסיקייט און פון צייט צו צייט גיט ער אַ וויש מיט דער גאַנצער האַנט פון אונטן אַרויף און צעפירט די פליסיקייט איבערן גאַנצן פנים. מיט גרויסן אינטערעס האָט ער זיך איינגעהערט צו דעם, וואָס איך האָב דערציילט, נישט געוואָלט פאַרלירן קיין איין וואָרט.

— גיי וואַש זיך אָפּ — האָב איך אים באַפוילן.

— איך וויל הערן, וואָס איר דערציילט — האָט ער זיך געבעטן.
איך האָב אים באַרויִקט:

— איך וועל מאַכן אַן איבערייס און צוואָרטן אויף דיר.

ער איז אַוועקגעלאָפן, אויף גיך זיך אָפּגעוואַשן און האָט, ווייזט אויס, אָפּגעווישט זיך מיטן העמד, אויף וועלכן עס זענען געבליבן די שמוציקע פלעקן. אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס ער האָט נישט גענומען דעם האַנטעך זיך אָפּצווישן, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער האָט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן.

איך האָב באַמערקט, אַז די חברים האָבן אים נישט ליב. זיי האָבן פון אים געלאַכט, באַזונדערס די עלטערע, קוליאַווסקי און בראָדאַטי, אַ ייִנגל מיט גאָר אַ קליינעם שטערן, שמאָלע, לענגלעכע אויגן ווי ביי אַ יאַפּאַנער, מיט אַן אויסזען פון אַ דערוואַקסענעם קרעפטיקן מאַן, געהאַט אַ שווערן האַמעטנעם גאַנג פון אַ מאַטראָז. איצט האָבן זיי זיך אַלע צוגעהערט צו מיין דערציילן. דער טאָג איז געווען אַ הייסער און כאָטש מיר זענען געזעסן אין שאָטן פון די ביימער, האָב איך שטאַרק אָפּגעפילט די היץ. פונעם דערציילן איז מיר געוואָרן טרוקן אין מויל און ווי צו זיך אַליין האָב איך אַרויסגעזאָגט:

— וואַסער, אַ ביסל וואַסער!

גלייך האָט זיך פון דער חברה אויפגעהויבן אַ צוועלף־יאָריק ייִנגל מיט אַ האַלב־שמייכלענדיק פּנים און נאָך עטלעכע מינוט איז ער צוריקגעקומען מיט אַ טעפּעלע קאַלט וואַסער אין דער האַנט און שעמעוודיק עס מיר דערלאַנגט. מיין דאַנק האָט ער אויפגענומען מיט פאַרווונדערונג, ווי ער וואָלט נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס עס קומט אים צו דאַנקען.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים, געוואָלט דערזען סימנים פון זיין דעפעקטיווקייט. דער שטערן איז ביי אים געווען אַ נידעריקער, די אויגן פאַרנעפּלטע, ווי פאַרחלומט. ער האָט זיך באַמיט אויסצוהערן מיך, אויפכאַפּן יעדעס וואָרט, נאָר דוכט זיך, אַז נישט אַלץ איז דערגאַנגען צו זיין באַוווּסטזיין. שפּעטער האָב איך געזען ווי ער, ריסיאַ, האָט זיך ווי אָפּגעזונדערט אַן אַ זייט, אַוועקגעשטעלט זיך אונטער אַ זייטיקן בוים און אָנגעהויבן זיך

ריטמיש צו שאָקלען אַהין און אַהער ווי אַ פֿרומער ייד, וואָס האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט פֿאַרגעסן צו דאַווענען מנחה...

— גענוג געזעסן אויף איין אָרט — האָב איך מיט אַ מאָל אויסגעי־רופֿן — מיר וועלן אָנהייבן אַ שפּיל אַזאַ: יעדער איינער פֿאַרכאַפּט אַ בוים, נאָר פֿאַר איינעם בלייבט נישט קיין פֿרייער בוים. אַנדערע לויפֿן אַריבער פֿון בוים צו בוים, בייטן זיך מיט די ערטער. דער, וואָס איז געבליבן אָן אַ בוים, באַמיט זיך צו פֿאַרכאַפּן אַ באַפֿרייט אָרט. אויב אים געלונגט, בלייבט דער אַנדערער אָן אַ בוים און אַזוי ציט זיך ווייטער. איך האָב נישט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן און זיי האָבן שוין פֿאַרכאַפּט פֿרייע ביימער. די עלטערע און פֿלינקערע זענען נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. זיי זענען גיך אַריבער פֿון בוים צו בוים. די ייִנגערע און שוואַכערע האָבן אָפֿט פֿאַרלוירן זייערע ביימער און זיך געדאַרפֿט אַ סך אַנלויפֿן ביז עס איז זיי געלונגען צו פֿאַרכאַפּן אַ נייעם פּלאַץ.

דעם צווייטן פֿרישטיק האָבן מיר געגעסן אויפֿן אָרט. די דיזשורנעס האָבן געבראַכט צו טראָגן פֿאַר יעדן צוויי דינע שטיקלעך ברויט באַשמירט מיט פּאַווידלע. בליץ־שנעל זענען זיי פֿאַרשוווּנדן אין די מײַלער פֿון די אויסגעהונגערטע חברהניקעס. די שפּיל איז אויף אַ ווײַל איבערגעריסן געוואָרן.

ביז מיטאָג־צייט האָבן מיר נאָך באַוויזן צו שפּילן אין האַנטבאַל. די ייִנגערע זענען שוין געווען מיד און זענען געווען די צושויער, צוגעקוקט זיך ווי די עלטערע האָבן געשפּילט מיט געמאָסטענע באַוועגונגען און פֿלינק.

נאָך אײדער מיר האָבן אויפֿגעכאַפּט די קלאַנגען פֿון גאָנג, וואָס האָט גערופֿן אויף מיטאָג, האָבן מיר שוין גערירט אין וועג אַריין. דער מיטאָג איז אַדורך רויִק. שפּעטער איז געקומען די „טויטע שעה", פֿון צוויי ביז פֿיר, ווען אַלע האָבן געדאַרפֿט ליגן אין די בעטן און רוען.

ווי נאָר איך בין אַריבער די שוועל פֿון די שלאָפֿצימערן פֿון מײַן גרופּע, האָב איך דערפֿילט אַ שאַרפֿן ריח פֿון אַמאָניאַק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גראָד היינט האָט קיין איינער פֿון די, וואָס נעצן זיך ביינאַכט, נישט אַרויסגעטראָגן דעם שעניק און נאָסן לײַלעך אויסצוטריי־

קענען אין דרויסן. זיי האָבן גלייך דערהערט מיין אויסרוף: „וואָס איז עס פאַר אַ ריח? מען קאָן דערשטיקט ווערן". דאָס איז געווען גענוג, אַז די נאַסע שעניקעס זענען אין גאַלאָפּ אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין דרויסן.

אויך איך בין געגאַנגען רוען צו זיך אין צימער, אָבער איך האָב געהאַט אַזוי פיל פראַגן צו שטעלן מיין שכן, שמואלן. אַ פּשוטער אין זיין באַנעמונג, האָט ער מיר גערן געענטפערט, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. ער איז געווען צופרידן, וואָס איך, אַן עלטערער לערער וויל ביי אים געפינען אַ תשובה אויף וויכטיקע פּעדאַגאָגישע פראַגן, אויף וועלכע ער האָט געוווּסט דעם ענטפער, נישט פון טעאָריע, נאָר פון פּראַקטישער דערפאַרונג.

אַ געלונגענער טאָג

שוין ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט שמואלן האָב איך ביי זיך געטראַכט: ווי קאָן מען געטרויען אַזאַ יונגן בחור די דערציערישע אַרבעט איבער דעפעקטיווע קינדער? ליגנדיק בשעת דער „טויטער שעה" אין די קעגנאיבערדיקע בעטן, האָב איך אים געפרעגט, צי ער אַרבעט שוין לאַנג אין דעם אַנשטאַלט אַלס דערציער.

— דערציער? איך נויטיק זיך נאָך אַליין אין אַ גוטן דערציער. איך אַרבעט דאָ נאָר אַלס אינסטרוקטאָר פון אַ סטאָליער־וואַרשטאַט. אַ מאָל פאַרטרעט איך אויך אַ דערציער פון אַ גרופּע, ווען ער האָט זיינע עטלעכע שעה פרייע צייט.

איך האָב אים געפרעגט וועגן די עלטערע פון מיין גרופּע: בראַדאַטי און קוליאַוסקי. ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי קענען שוין ביידע אַרבעטן. קוליאַווסקי לערנט נאָך צו ביסלעך, דער אַנדערער האָט גאָר קיין קאָפּ נישט, אַ ראַבאַט, אַן געהירן, קוליאַווסקי האָט טיילמאָל אַנפאַלן, שלאָגט און ברעכט, בראַדאַטי איז אַ בלינדער אויספירער פון באַפעלן, נאָר אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן פון שלעכטע באַפעלן.

די אַרבעט נאָכן שלאָפן איז געווען מער קאָלעקטיוו. צוויי גרופּעס

האָבן זיך פֿאַרמאָסטן אין וואָלייבאָל. נישט אַלע האָבן געשפּילט, אָבער יעדער איז געווען פֿאַראינטערעסירט, אַז זיין גרופּע זאָל זיגן. שמואל איז געווען דער ריכטער און ביידע צדדים האָבן צו אים געהאַט צוטרוי. די שפּילער האָבן געטראָגן ספּאָרט־קאָסטיומען אין פֿאַרשידענע קאָלירן, געווען ערנסט פֿאַרטאָן אין שפּיל, נאָר דאָס קליינוואַרג האָט אומאויפֿהער גערויִשט. יעדער זיג האָט ביי זיי אַרויסגערופֿן התפּעלות און הילכיקע געשרייען.

פֿאַרנאַכט־צו האָט מען געזונגען כאָראַלע לידער. דער דירעקטאָר אַליין האָט דיריגירט און איך האָב באַגלייט זייער געזאַנג מיט מיין שפּילן אויפֿן קלאַרנעט. דאָס געזאַנג האָט זיך צעטראָגן ווייט איבערן וואַלד מיט אַן עכאָ.

נאָכן אָונטברויט זענען די יינגלעך פֿון מיין גרופּע געווען די ערשטע צום וואַשן. זיי האָבן מיר געוויזן, אַז זיי האָבן זיך געוואַשן אויך די פֿיס, כאָטש איך האָב עס פֿון זיי נישט געפֿאָדערט. אייניקע האָבן זיך געבעטן, איך זאָל זיי דערציילן אַ מעשה פֿאַרן שלאָף.

איך האָב אָנגעהויבן צו דערציילן, פֿריער העכער, דערנאָך אַלץ שטילער און שטילער. די יינגערע זענען גלייך איינגעשלאָפֿן, אַנדערע האָבן זיך נאָך געבריהט נישט איינצושלאָפֿן. ווען איך האָב צום סוף געזאָגט אַ „גוטע נאַכט”, האָבן בלויז עטלעכע שטימען מיר שטיל אָפּגעענטפֿערט.

אַראָפּגייענדיק מיט פֿאַמעלעכע טריט, האָב איך פֿרייער אָפּגעאָטעמט.

— איר האָט פֿאַרענדיקט אייער אַרבעט? — האָב איך אין דער אַרומיקער טונקלקייט דערהערט דאָס היימישע קול פֿון קלמן ליס. איך האָב שטיל אָפּגעענטפֿערט:

— יאָ, זיי שלאָפֿן שוין!

— דער טאָג איז איך געלונגען, נישט געהאַט קיין אויסטערלישע שוועריקייטן. אין אַטוואָצק איז די אַרבעט קאָמפּליצירטער: די שול, די וואַרשטאַטן, די צוזאַמענאַרבעט מיטן קאָלעקטיוו, מיטן פּסיכאָלאָג, מיט דער אַדמיניסטראַציע... שווערע פּראָבלעמען, אָבער אַ ברייט פֿעלד פֿאַר שעפֿערישער אַרבעט.

קלמן ליסן האָב איך געקענט אַלס טאַלאַנטירטן יונגן פּאָעט. זיין פּאָעמע „פּעטער באַטראַק” האָב איך געלייענט מיט גרויס אינטערעס. איך האָב זיך אים גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט, געמיינט, אַז ער דאַרף זיין אַ הויכער דאָרפישער בחור מיט פעסטע פויסטן. איצט זע איך אים אַנדערש: אַן ערנסטער פאַרטועטער מענטש, פאַרנומען מיט שווערע דערציערישע פּראָבלעמען.

מיר זענען צוזאַמען אַריין צום אָונטברויט. דער טיש איז שוין געווען געגרייט און אַלע זענען געזעסן אַרום אים און געוואַרט. מיר האָבן געגעסן שטיל, נישט דערמאָנט מיט קיין וואָרט וועגן די קינדער, וועגן פאַרפאַלן. ציליע האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט מיט פאַרגעניגן געגעסן אַ פּאַרציע ליאַדעס. עמעץ האָט איר אָפּגעענטפערט, אַז זי האָט אַ חשק פון אַ באַראַנעסע און אַלע האָבן זיך צעלאַכט. ציליע האָט געזאָגט:

— וואָס, איך טאָר שוין קיין חשק אויך נישט האָבן?!

לויטן פּלאַן אויפן מאָרגנדיקן טאָג האָבן דריי גרופּעס געדאַרפט זיך גיין באָדן צום בוג, צווישן זיי אויך מיין גרופּע. איך האָב ביי זיך געטראַכט, אַז הלוואַי זאָל פאַלן אַ גאָס־רעגן און געפרווט זיך טרייסטן, אַז איך וועל דאָך נישט זיין מיט זיי איינער אַליין. דאָך האָט ערגעץ־ווו אין מיר געטליעט אַ פונק פון שרעק איבער די קינדער, וואָס מען פאַרטרויט מיר.

פ אָ ר ג ע פּ י ל

מיך האָט געמאַטערט אַ שלעכט פאָרגעפיל, ביינאַכט בין איך שלעכט געשלאָפן, געטראַכט צו בעטן דעם דירעקטאָר ליס, ער זאָל מיך באַפרייען דאָס מאָל פון פירן די קינדער זיך באָדן, ווייל איך בין נאָך נישט זיכער מיט דער דיסציפּלין און געהאָרכזאַמקייט פון די קינדער. אָבער ער וועט מיר זיכער זאָגן, אַז מיט מיר גייען אויך אַנדערע דערציער, שוין נישט דאָס ערשטע מאָל.

איך האָב זיך געשעמט אַרויסצוווייזן מיין שוואַכקייט און באַהאַלטן

מײַן פּאַרגעפּיל טיף אין זיך און געשוויגן. אויף צוּמאָרגנס אין דער פרי, האָב איך אַלעמען געוועקט מיט מײַן שפּילן אויפן קלאַרנעט, דעם אויפוועק־סיגנאַל. דער אינטערעס פון די קינדער איז נאָך אַלץ געווען גרויס. באַלד נאָכן פרישטיק האָבן מיר זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג אַרײַן. די ערשטע זענען געגאַנגען די קינדער פון ציליעס גרופּע, בראש מיט דעם עלטסטן, וואָס אַלע האָבן אים גערופן ביים נאָמען סקורניק. נאָך זיי — מײַן גרופּע מיט קוליאַווסקין בראש. די לעצטע זענען געגאַנגען די מיידלעך מיט זייער אָנפירערין רעגינע. די אויפפירונג איז געווען אַ פרייע, ווי אויף אַ שפּאַציר, אָבער ווי נאָר מען האָט זיך דערנענטערט צו די ברעגן פון טײַך האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלויף און ווי שנעל איך האָב נישט נאָכגעשפּאַנט, האָב איך שוין געטראָפן אייניקע ייִנגלעך אין וואַסער. איך בין געשטאַנען אויפן ברעג און אָבסערווירט, געמאָסטן די ברייט פונעם טײַך. אין דימיון האָב איך אים פאַרגליכן מיטן טײַך סטיר, וועלכן איך בין אַ מאָל דורכגעשוווּמען אין דער לענג און אין דער ברייט. דער בוג איז פילפאַכיק ברייטער און טיפער. אין דער ווייט, אין דער ריכטונג פונעם שטראָם האָב איך באַמערקט די „שוועלן" מיט ווירבלדיקע, שוימיקע וואַסערן. דאָרט איז זיכער געפערלעך, אַפילו פאַר די גוטע שווימער. איך האָב זיך גענומען אויסטאָן, כדי צו זײַן גרייט אויף יעדן פאַל. ציליע איז אָנגעקומען צוזאַמען מיט די מיידלעך. אויך זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס לײַכטע זומער־קליידל, געבליבן אין באָד־קאָסטיום. אין עטלעכע מינוט אַרום האָב איך באַמערקט, אַז זי ליגט אויסגעצויגן אויפן זאַמד מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַ גרין בלעטל אויף דער נאָז. זי איז געלעגן רויִק, פונקט ווי זי וואָלט געקומען אײַנע אַליין געניסן פון זון און קילן וואַסער. איך האָב איר געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ דערציערין פאַרן לעבן פון די קינדער, אָבער איך האָב עס נישט געוואָלט טאָן אין דער אָנוועזנהייט פון די מיידלעך.

די עלטסטע, רעגינע איז אַרײַן אין וואַסער צוזאַמען מיט די ייִנגערע מיידלעך. איך איינער בין פאַרבליבן דער אויפזעער, געשטאַנען אויף מײַן אָבסערוואַציע־פּונקט און אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן. פּלוצים האָב איך באַמערקט ווי איינער פון ציליעס גרופּע ווערט מיטגעריסן מיטן

שטראָם אין דער ריכטונג פון די געפערלעכע „שוועלן". איך בין גלייך אַריין אין וואַסער און געלאָזט זיך אין דער דאָזיקער ריכטונג. ערשט דאַן האָבן עס אויך אַנדערע באַמערקט און עס האָבן זיך דערהערט קולות:

— גרילוס, גרילוס טרינקט זיך!

איך בין מער געשווומען אונטערן וואַסער ווי אויפן וואַסער און באַלד בין איך געווען אויפן אָרט, געזען ווי דער בחור ראַנגלט זיך מיט די לעצטע כוחות. דער וואַסער־ווירוואַר דרייט אים, ווי אַ דריידל, אָט פאַרשווינדט זיין קאָפּ אונטערן וואַסער, אָט באַווייזט ער זיך ווידער. ווי נאָר איך האָב אים אָנגעכאַפּט, האָט ער זיך דערפילט פעסטער און איך האָב אים אַרויסגעריסן פון געפערלעכן געווירבל, ווי פון די לאַפּעס פון אַ ווילדער חיה, געשלעפּט אים ביי דער זייט, קעגן שטראָם. פון דער ווייטנס האָב איך באַמערקט קוליאַווסקין מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס און איך האָב אויפגעכאַפּט זיין פאַרצווייפלט געשריי:

— סקורניק טרינקט זיך!

— האַלט אים פעסט! — האָב איך אויסגעשריגן, איבערגעבנדיק אין זיינע הענט דעם דערשראָקענעם גרילוס און אַליין האָב איך זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק און דערזען סקורניקן ראַנגלען זיך מיט דער סטיכיע. ער איז אויך געשווומען ראַטעווען זיין חבר. איך האָב אים באַוויזן אָנצו־כאַפּן ביי דער טשופּרינע. זיין לאַגע איז געווען נאָך געפערלעכער. ער איז שוין נישט געווען ביים פולן באַוווסטזיין און באַוויזן זיך אָנזשלאָקען מיט אַ סך וואַסער.

ווי שטענדיק אין מאָמענט פון געפאַר, האָב איך דערפילט אין זיך דאָפּלטע כוחות און נישט געקוקט אויף דער מידקייט אין אַלע מיינע אברים האָב איך אים דאָך דערשלעפּט צום ברעג, אַוועקגעלייגט אים אויפן זאַמד און דורכגעפירט איבער אים דאָס קינסטלעכע אָטעמען. ער איז גיך געקומען צום באַוווסטזיין און מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען ציליע — די קראַנקן־שוועסטער פונעם אַנשטאַלט. ציליע האָט זיכער באַמערקט מיין בליק, וואָס האָט אויסגעדריקט פאַרוואורף און פאַרדרוס. איר איז נישט געפעלן סקורניקס אָנרופן מיך „מיין רעטער". פון זיין וואַרעמען בליק איז געגאַנגען אַן אַ שיער דאַנקבאַרקייט.

נאָך דעם אומגליקלעכן פּאַרפּאַל זענען אַלע קינדער אַרויס פון וואַסער. זיי זענען אַלע געווען איבערגענומען מיט דעם, וואָס עס איז געשען, באַזונדערס די יינגלעך פון ציליעס גרופּע. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז סקורניק איז ביי זיי דער הכל יכול, דער פּאַקטישער דערציער, וואָס פּאַרטרעט ציליען אין אַלע אירע אַרבעטן און איז אויך איר ליבלינג. ער וואָלט שוין געדאַרפט פּאַרלאָזן דעם אַנשטאַלט, נאָר זי האָט דערצו נישט דערלאָזט.

אויפן וועג צוריק אַהיים האָט ציליע אָנגעזאָגט די קינדער, אַז זיי זאָלן קיינעם נישט דערציילן וועגן דעם געשעעניש, ווייל אַנדערש וועט מען זיי שוין נישט לאָזן גיין צום טייך. סקורניק האָט צוגעגעבן מיט אַ דראָונג:

— ווער עס וועט זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, וועט זיך שוין מוזן געזעגענען מיטן טייך אויפן גאַנצן זומער.

נישט אַלע האָבן אָבער געהערט די דראָונג. איניקע זענען נאָך פריער אַוועקגעלאָפן אין אַנשטאַלט און צעטראָגן די בשורה. באַלד איז אונדז טאַקע אַנטקעגנגעפאָרן דער דירעקטאָר אויפן ראָווער אַן אויפגערעגטער און דערשראָקענער. ציליע איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ כיטרע שמייכעלע:

— ס'איז גאָרנישט געשען. דער נייער דערציער איז אַ גוטער שווימער און האָט באַוויזן, וואָס ער קען.

קלמן ליס איז צוגעגאַנגען צו מיר, געדריקט מיין האַנט און ביים דאַנקען זיך אַזש פאַרהיקעט פון אויפרעגונג. סקורניק און גרילוס זענען צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— ער איז אונדזער רעטער!

דער צווייטער האַלבער טאָג איז דווקא געווען אַ פריילעכער, מיט ווייניק קאָנפליקטן. די עלטערע יינגלעך און מיידלעך האָבן דורכגעפירט אין וואַלד מאַסן־טענץ, וואָס איך האָב באַגלייט מיט מיין מוזיק אויפן קלאַרנעט און די קינדער האָבן געזונגען הילכיק, פריילעך.

קלמן ליס

שוין ביים סאַמע אָנהויב פון מיין דערציערישער אַרבעט, האָב איך אַ סך געטראַכט וועגן יעדן נייעם טראָט, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו מאַכן. עס זענען אַנטשטאַנען נייע פראַגן, אויף וועלכע איך האָב געזוכט אַן ענטפער. עס זענען געווען אויך ספיקות: צי מיינע האַנדלונגען זענען ריכטיקע? אָפט פלעגט מיר מיין יינגערער חבר שמואל געבן פּראַקטישע עצות, אָפט טרעפלעכע און ווירקזאַמע, כאָטש געניג פּרימיטיווע און פּעדאַגאָגיש נישט אויסגעהאַלטענע.

שמואל איז פון זיין פריסטער קינדהייט דערצויגן געוואָרן אין אַ יתומים־אַנשטאַלט. קיין פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק האָט ער נישט געלערנט, אָבער די ווירקונג פון זיינע דערציערינס האָט איבערגעלאָזט אין אים טיפע שפּורן. ער פלעגט אַ סך דערציילן וועגן דער „מאַמע פון אַלע יתומים", ווי ער האָט גערופן זיין דערציערין דבורה פון פּינסק. איר האַרץ האָט זי צעטיילט צווישן אירע קינדער, מפקיר געווען זיך פאַר זיי, געטראַכט און געזאָרגט וועגן זיי טאָג און נאַכט, האָט זיי צוגעוווינט צו זאָרגן איינעם איבער די אַנדערע.

— אַלס קינדער — האָט שמואל דערציילט מיט טיפער דאַנקבאַרקייט — פלעגט זי אונדז פאַראייניקן, אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. קיין מאָל וואָלט איך מיין „שוועסטער" נישט געלאָזט באַעוולען. מיר פלעגן זיך טיילן מיטן בעסטן ביסן. געשלאָפןביידע אין איין צימער. נאָכן פאַרענדיקן די אָרט־שול, האָבן רייכע עלטערן פון לאָנדאָן אַדאָפּטירט מיין „שוועסטער". מיך האָט דבורה איינגעאָרדנט אַלס אינסטרוקטאָר אין „צענטאָס". ביי יעדער געלעגנהייט, ווען זי איז אין וואַרשע קומט זי צו פאָרן צו מיר. אויך מיין „שוועסטער" שרייבט צו מיר בריוו.

איצט האָב איך פאַרשטאַנען פון וועמען שמואל האָט געירשנט זיין וואַרעמען צוגאַנג צו די קינדער. מיך האָט אָבער מער אינטערעסירט די דערפאַרונג פון אַ געלערנטן פּעדאַגאָג. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז קלמן ליס האָט דורכגעמאַכט אין וואַרשע אַ יאָריקן קורס פאַר ספּעציעלער פּעדאַגאָגיק און פּסיכאָלאָגיע. מיר ביידע זענען געווען כמעט לאַנדסלייט,

ער פון קאָוועל, איך פון לוצק. איך האָב ליב געהאַט צו שרײַבן לידער, פּיעסן און דערציילונגען, ליס איז שוין געווען פאַררעכנט פאַר אַ באַגאַבטן דיכטער. וועגן זיין בוך „פּעטער באַטראַק" האָט מען אַ סך געשריבן, זיינע לידער זענען געדרוקט געוואָרן אין די „ליטעראַרישע בלעטער". נאָך ייִיענדיק אין וואַרשע האָב איך געהערט רעדן וועגן אים, אַז ער האָט פאַרנאַכלעסיקט זיין שרייבן און „פאַרקויפט זיך פאַר אַ טאָפּ לינדזן". עס איז געווען אין דעם אַ געוויסע קנאה צו זיין פּאָזיציע אַלס דירעקטאָר פון אַזאַ וויכטיקן אַנשטאַלט. מעגלעך, אַז דאָס האָט אויך געשאַפן די מחיצה צווישן אים און זיינע פריערדיקע חברים.

איין מאָל האָב איך זיך איינגעשטעלט און געפרעגט אים, צי ער איז אַ באַווייבטער.

— יאָ! — האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ שמייכל — ווען איך האָב געאַרבעט אַלס דערציער פון אַ גרופּע, בין איך נאָך געווען אַ בחור, איצט, ווי מען זאָגט: „דער רבי מעג".

ער האָט פאַרשטאַנען אין וואָס מיר גייט און האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן זיך מיט מיר אין אַ געשפּרעך וועגן דעם.

איך האָב געוואָלט ביי אים זיך דערוויסן, וואָס ער טראַכט וועגן דעם צוזאמענשטעל פון די דערציונגס־גרופּן, אין וועלכע עס זענען פאַראַן ייִנגלעך פון פאַרשידענעם עלטער, פון אַכט ביז זעכצן יאָר. אויך דער אונטערשייד אין זייער אינטעליגענץ איז אַ קאָלאָסאַלער, פולשטענדיקע אידיאָטן זענען צוזאַמען מיט האַלב געזונטע קינדער. צי קען דער זעלבער פּעדאַגאָגישער צוגאַנג זיך פּאַסן פאַר צוויי פאַרשידנאַרטיקע טיפּן אין איין גרופּע ?

— אייער טענה איז אַ גערעכטע. מעגלעך, אַז מיט דער צייט וועט מען שאַפן אַ באַזונדערן אַנשטאַלט — איז געווען זיין ענטפער.

מיר האָבן נאָך לאַנג גערעדט וועגן די אייגנשאַפטן און דעפעקטן פון יעדן קינד באַזונדער. אַזעלכע געשפּרעכן האָב איך געפירט מיט קלמן ליסן ביי יעדער געלעגנהייט. זיי האָבן מיר געהאָלפן זיך פונאַנדערקלייבן אין דעם לאַבירינט פון פאַרפּלאָנטערטע פראַגן, וואָס האָבן זיך געשאַפן בעת דער אַרבעט און איך האָב נישט אויפגעהערט צו זוכן פאַר זיי אַ לייזונג.

דעם מאָרגנשטערן אַנטקעגן / אַטויאַצק

די פּאַסירונג ביים נעצבאַל

יעדן פרימאָרגן פלעג איך דורכפירן אַ געוויסע צאָל גימנאַסטישע איבונגען, אָפט מאָל אונטער די קלאַנגען פון דער ראַדיאָ־מוזיק. אין נעצבאָל האָבן געשפּילט מערסטנס די עלטערע יינגלעך, אַ מאָל אויך עטלעכע עלטערע מיידלעך. אויך איך און שמואל פלעגן זיך באַטייליקן אין דער דאָזיקער שפּיל. איין מאָל האָט זיך מיין לינקער פוס געטאָן אַ דריי און איך בין אומגעפאַלן. ביים אויפהייבן זיך האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק און דער פוס איז גלייך געשוואָלן געוואָרן. איך האָב געמוזט פאַרלאָזן דאָס שפּילן, אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס דער ווייטיק איז געוואַקסן, האָב איך ווייטער געאַרבעט דעם גאַנצן טאָג. ערשט אין אָוונט האָב איך גענומען לייגן קאַלטע קאָמפּרעסן צום פוס. דאָס האָט אַ ביסל געהאָלפן, אָבער אין דער פרי איז מיר שווער געווען אַראָפּצוגיין פון געלעגער. איך האָב געמוזט פאַרבלייבן אין בעט ביז דער פעלדשער איז געקומען און פעסטגעשטעלט, אַז איך טאָר נישט באַוועגן קיין סך מיטן פוס און מוז עטלעכע טעג איבערליגן אין בעט.

נאָכן פרישטיק האָב איך באַפוילן אַוועקצושטעלן מיין בעט אין מיטן שטוב, צעלייגן אַרום און אַרום קאָלדרעס אויף דער פּאָדלאָגע, ווו אַלע קינדער פון מיין גרופּע האָבן זיך אַרומגעזעצט און איך בין צוגעטרעטן צו דער אַרבעט...

מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו באַקענען די קינדער מיט דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. מערסטנס פון זיי האָבן אַפילו נישט געוווּסט וועגן זייער נאָענטסטן אָפּשטאַם, האָבן נישט געקענט זייערע עלטערן, נישט געהאַט קיין קרובים. אויב זיי האָבן יאָ געהאַט ערגעץ אַ קרוב, האָט ער זיך נישט געוואָלט צו זיי אָנערקענען. עס האָט נישט געפּאַסט דער יחוס — דעפעקטיווע קינדער. דערצו נאָך וואָלטן די שטאַטראַטן, וואָס האָבן געצאָלט פאַר די קינדער, וואָס זענען געפונען געוואָרן אין זייער ראַיאָן, געפאָדערט פון די קרובים אויסצוהאַלטן די קינדער.

איך בין דעריבער צוגעטראָטן דערציילן זיי וועגן אונדזער היסטאָרישן

עבר. מיט שפּאַנונג האָבן זיי זיך צוגעהערט צו דער געשיכטע מיט יוספֿן און זיינע ברידער.

אויף אַ פֿאַרשידנאַרטיקן אופֿן האָבן די קינדער רעאַגירט אויף דער מעשה. איינער האָט געפֿרעגט, צי דאָס אַלץ איז אמת געווען. אַן אַנדערער האָט אויף דער קנאה און שנאה, וואָס די ברידער האָבן אַרויסגעוויזן צו יוספֿן, געזאָגט, אַז עס איז נישט שיין אַזוי צו טאָן. חוץ דעם אינהאַלט פֿון תנ״ך האָב איך אויך אויסגענוצט די פּיעסע „מכירת יוסף״, וואָס די שילער פֿון דער יידישער גימנאַזיע אין לויצק האָבן פֿאָרגעשטעלט. איך האָב נישט נאָר דערציילט דעם אינהאַלט, נאָר אויך געשילדערט דאָס לעבן פֿון די פּאַסטעכער, וואָס האָבן געוואַנדערט מיט זייערע שאָף און רינדער פֿון אָרט צו אָרט. איך האָב געמאָלן פֿאַר זיי דאָס זיצן אין די אָוונטן אַרום דעם פֿלאַקערדיקן שייטער, ביי דער שיין פֿון דער לבנה. דער פֿאָטער שיקט יוספֿן צו די ברידער און יוסף זוכט זיי אַרום לאַנג, לאַנג, ביז ער דערזעט זיי פֿון דער ווייטנס. די ברידער באַמערקן אים אויך אין זיין זיידן קאָליריק העמדל. יוסף דערציילט זיי זיין חלום און אין זיי ברויזט אויף דער כעס. נאָך אַ קורצער באַראַטונג באַשליסן זיי אים אַריינצוװאַרפֿן אין אַ גרוב — פֿול מיט שלאַנגען.

פּלוצים איז אָנגעפֿאָרן אַ קאַראַוואַן מיט קעמלען. ישמעאלים־סוחרים זענען געפֿאָרן אויפֿן וועג קיין מצרים און די ברידער האָבן יוספֿן פֿאַרקויפֿט צו זיי פֿאַר אַ קנעכט. דער פֿאַרקויפֿטער קנעכט איז צוגעבונדן געוואָרן מיט אַ שטריק צום זאָטל פֿון קעמל און דער קאַראַוואַן איז אַוועק ווייט אין מדבר אונטער דער ברענענדיקער זון, אויפֿן וועג קיין מצרים.

קראַנקערהייט ביי דער אַרבעט

ליגנדיק אין בעט האָב איך באַמערקט ווי דער דירעקטאָר איז עטלעכע מאָל פאַרביי געגאַנגען נעבן דער אָפענער טיר פון מיין צימער, געוואָלט מסתמא אַריינגיין, נאָר זעענדיק די קינדער אַרום מיין בעט זיצן פאַרגאַפּט און פאַראינטערעסירט מיט דעם, וואָס איך דערצייל זיי, איז ער אַוועקגעגאַנגען.

איך אַליין האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז די מעשה וועגן יוספן און זיינע ברידער זאָל אַזוי שטאַרק באַווירקן די ייִנגלעך. ביי ריסיען האָב איך באַמערקט טרערן אין די אויגן. בראָדאַטי האָט צוזאַמענגענומען די פינגער פון זיין רעכטער האַנט אין אַ קולאַק, ווי ער וואָלט זיך געקליבן עמעצן צו דערלאַנגען. דער דאַרינקער ראַדיאָוויטש האָט געהאַלטן פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ ביז בלוט. אַפילו קובאַ האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר קעלבערנע אויגן און מיט זיין ברייט־צעעפנטן מויל און אויערן זיך צוגעהערט.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ דערוואַקסן מיידל מיט אַ טעלערל אין איין האַנט און אַ גלאָז קיסעל אין דער אַנדערער. זי האָט געבראַכט פאַר מיר דעם צווייטן פרישטיק, נאָר האָט נישט געוואַגט איבערצורייסן מיין דערציילונג. זי איז געשטאַנען אין דער טיר און זיך אויך צוגעהערט.

ענדלעך איז געקומען די צייט פון איבעררייס. די קינדער זענען אַוועק, בלויז דאָס מיידל, וואָס האָט מיר געברענגט דעם פרישטיק, איז געבליבן אין צימער. איך האָב איר געדאַנקט, אָבער באַמערקט, אַז זי גייט נישט אַוועק, איך האָב געטראַכט, אַז זי וואַרט מסתמא אויף די כלים, אָבער פּלוצים האָב איך דערזען ווי אירע אויגן זענען ווי פאַרגלאָצט געוואָרן, דער בליק גלייכגילטיק און ווייט און דער גאַנצער קערפּער איז ווי שטייף געוואָרן. געבויגן זיך צום אומפאַלן. איך בין שוין גרייט געווען אַראָפּצושפּרינגען פון בעט, אָבער באַלד האָט זי זיך ווי אויפגעכאַפּט, אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן, וועלכע האָבן באַקומען דעם פריערדיקן גלאַנץ.

— ס'איז גאָרנישט... עס טרעפט ביי מיר אָפט — האָט זי אַ זאָג

געטאָן, געכאַפּט דאָס גלאָז מיטן טעלערל און אַרויסגעגאַנגען. שוין ביי דער טיר האָט זי צוגעגעבן:

— עפּילעפּסיע!

דער פאַל האָט מיך דערמאָנט אין רחלען, מיין שילערין פון דער וואַרשעווער פאָלקס־שול, וואָס האָט אין דעם יום־טוב פון 1־טן מאַי באַקומען אַן עפּילעפּסיע־אַטאַק. ווער ווייסט, וויפל נאָך אַזעלכע קראַנקע זענען דאָ פאַראַן.

דער דירעקטאָר איז אַריינגעקומען מיך מבקר־חולה־זיין, געזאָגט, אַז איך זאָל זיך נישט איילן, וואַרטן ביז דער פעלדשער וועט הייסן אַראָפּגיין. הערנדיק, אַז איך האָב די ייִנגלעך דערציילט די געשיכטע פון יוספן מיט זיינע ברידער, האָט ער געזאָגט:

— זייער גוט טוט איר... אונדזער באַלעבאָס, האָרנשטיין, וואָלט גאָר אַנגעקוואָלן ווען ער ווייסט וועגן דעם.

אויף מיין פראַגע, ווער עס איז דער האָרנשטיין, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער איז זיין שווער, אַ בכבודיקער ייִד פון רוסלאַנד, פאַר דער רעוואָלוציע איז ער געווען פון די קיִעווער שתדלנים, פון די בראָדסקיס. אַ טיפּישער אַריסטאָקראַט, מיט אַ ייִדיש האַרץ און ליבע צו ייִדישקייט.

איך האָב אים דערציילט וועגן דעם מיידל, וואָס האָט מיר געברענגט דעם צווייטן פרישטיק. דאָס איז פאַר אים נישט געווען קיין נייעס. אויך וועגן ראַדיאָוויטשן האָט ער געזאָגט, אַז קיין בולטע סימנים פון עפּילעפּסיע באַמערקט מען נישט ביי אים. ווען מען פירט אים אַרויס פון גלייכגעוויכט, איז אים שווער צו באַרויִקן. שעהן לאַנג קאָן ער דאָן איבערחזרן איין וואָרט, איין קלאַנג, איין באַוועגונג, ביז פולער דערשעפּונג.

איך האָב געפרעגט:

— צי קאָנט איר מיר אויפקלערן, ווי אַזוי עס ווערן באַשטראָפט די, וואָס פאָלגן נישט, לויערן אויף עמעצנס אייגנטום, אָדער באַגייען אַנדערע פאַרברעכנס?

— קיין קאַרצער האָבן מיר נישט, שלאָגן די קינדער טאָרן מיר

נישט, קיין קאָדעקס פון שטראָפן פאַרמאָגן מיר נישט... די צייט, די אַרבעט וועט אייך שוין אָנווייזן ווי אַזוי זיך צו באַגיין אָן שטראָפן.

— אפשר וואָלט נויטיק געווען אַרויסצוגעבן אַ בלעטל, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דאָס לעבן אין אַנשטאַלט? די געזעלשאַפטלעכע מיינונג איז זייער ווירקזאַם אין טאָג־טעגלעכן לעבן. אין אַנשטאַלט איז זי נאָך וויכטיקער.

— כ׳בין מיט אייך מסכים. דאָס איז אָבער נישט פון די לייכטע זאַכן.

— איך וועל עס פּרוּוון טאָן. גיט מיר נאָר אָן די נעמען פון די קינדער, וואָס וואָלטן מיר געקאָנט בייהילפיק זיין.

— אַדרבא, פּרוּווט!

אונדזערע נייעס פון טאָג

אַזוי איז אין די ד׳ אַמות פון מיין צימער אַנטשטאַנען דער געדאַנק וועגן אַרויסגעבן טאָג־טעגלעך אַ בלעטל וועגן „אונדזערע נייעס פון טאָג״. מיט מיין קראַנקן באַנדאַזשירטן פוס, אַ הענגענדיקן אין דער לופטן, בין איך געלעגן אין בעט און אַרום מיר זענען געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע מיט פאַרלייגטע פיס, ווי די טערקן, דריי ייִנגלעך און צוויי מיידלעך, וועלכע דער דירעקטאָר האָט מיר רעקאָמענדירט אַלס מיטאַרבעטער. זיי זענען געווען שוין פון די בעסערע שילער אין די באַזונדערע דערציִונגס־גרופּעס. שוין ביים אַריינפיר האָב איך זיי געזאָגט:

— איר וועט זיין די קאָרעספּאָנדענטן פון אייערע גרופּעס. אייערע מאַטעריאַלן דאַרפט איר אויך פאַרשרייבן אין אייערע ביכעלעך. אַ האַלבע שעה פאַרן אָוונט־ברויט דאַרף מיר יעדער צושטעלן זיין ביכעלע, וואָס דאַרף זיין אונטערגעשריבן דורכן דערציִער אונטער יעדער ידיעה.

לאה און רוזשקע זענען געווען די קאָרעספּאָנדענטינס פון די מיידל־גרופּעס. לאה איז געווען אַ שלאַנק מיידל מיט העל־בלאָנדע צעפּ און

איידעלע פּנים־שטריכן, האָט גערעדט שעמעוודיק מיט אַ דין שטימעלע ווי אַ קליין קינד. רוזשקע דאַקעגן איז געווען אַ פּולבלוטיקע און אַ ליידנ־שאַפטלעכע, מיט שוואַרץ געלאָקטע האָר און מונטערע שמייכלדיקע אויגן.

פון ציליעס גרופּע איז געווען גרילוס, דער וואָס האָט זיך געטרונקען אין טייך. פון מיין גרופּע — טאַדזשיק, אַ שילער פון פערטן קלאַס, מיט פאַרחלומטע אויגן. פון צופיל לייענען פלעגט ער לעבן אין דער אויסגע־טרוימטער וועלט פון די העלדן, פאַרגעסנדיק אין דער ווירקלעכקייט.

דער קאָרעספּאָנדענט פון שמואלס גרופּע איז געווען אַבראַמאָוויטש, אַ ביסל אַן איינגעהויקערטער, אַ גלייכגילטיקער צו דער ראָל פון אַ קאָרעס־פּאָנדענט, אָבער שמואלן וועט ער קיינמאָל גאָרנישט אָפּזאָגן. ער האָט אויך געדאַרפט שרייבן וועגן די ספּאָרט־פאַרמעסטן.

אַזוי פּשוט און קורץ איז פאַרגעקומען די אַנטשטייונג פון דער טעגלע־כער פּרעסע אין „צענטאָס", אָבער נישט אַזוי פּשוט זענען געווען די רעזול־טאַטן. דער אינטערעס איז מיט דער צייט געוואַקסן, געוואָרן אַ נויטווענדי־קייט אין דער שווערער אַרבעט מיט די דעפעקטיווע קינדער, האָט פאַרביטן יעדע שטראָף. דער אויפטו איז געווען אַ געלונגענער.

שוין אויפן צווייטן טאָג האָבן די קאָרעספּאָנדענטן צוגעשטעלט גענוג מאַטעריאַל פאַרן ערשטן נומער, וואָס האָט געדאַרפט פאַרנעמען נאָר איין זייטל. דאָס קעפּל „אונדזערע נייעס פון טאָג" האָט ריווע געמאָלן מיט פאַרשידענע פאַרבן. עס זענען אויך אָנגעגעבן געוואָרן די נעמען פון די קאָרעספּאָנדענטן, צו וועלכע מען קאָן זיך ווענדן און אָנגעבן מאַטעריאַלן. אין ספּאָרט־ווינקל זענען געווען די פרישסטע רעזולטאַטן פון די פאַרמעסטן, די נעמען פון די, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט. דער דירעקטאָר האָט אויך אָנגעגעבן, וועלכע אונטערנעמונגען עס וועלן דורכגעפירט ווערן אויפן קומענדיקן טאָג. עס איז אויך פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ קאָנקורס אויף דעם שענסטן בעט. פון דער קיך האָט מען איבערגעגעבן דעם „מעניו" אויף מאָרגן.

איך האָב זיך שוין געפילט בעסער און בין אַראָפּ פון בעט, אַליין גע־לייענט פאַר אַלעמען דעם ערשטן נומער און געווען גערירט אין אָנבליק פון די שיינענדיקע פּנימער פון די צוהערער.

וואָס ווייטער?

די אַרבעט מייַנע אין דאָמאַטשעוואָ, מייַן ערשטער פּרווו, מייַן ערשטער עקזאַמען, צי איך פּאַרמאָג, חוץ ליבע און מיטגעפיל צו די קינדער, אויך ווילן און חשק זיי נענטער צו דערקענען, שטודירן זייער פּסיכיק און זייערע פּאַטאָלאָגישע אייגנשאַפטן, האָט מיר אויסגעזען צו זייַן געלונגען. איך האָב אָבער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם פאַרבנפולן קינדער־קאָלעק־טיוו, וואָס האָט מיך געצויגן. דער חודש אויגוסט ענדיקט זיך שוין באַלד. אויב איך וועל פאַרבלייבן אַרבעטן אין „צענטאָס" דאַרף איך זיך אָפּזאָגן פון מייַן אַרבעט אין דיקשטיינאָוועס גימנאַזיע. דער דירעקטאָר קלמן ליס האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז ביי דער דאָזיקער אַרבעט איז אַ חודש זייער ווייניק. „ווי איך מיין — האָט ער צוגעגעבן — וועט איר זיך דווקא צופּאַסן צו דער אַרבעט. איך האָב וועגן אייך אָנגעשריבן צו דער ד״ר ראָזענבלום און אויך צום ה׳ האַרענשטיין. זיי זענען גרייט אייך צו אַנגאַזשירן אויף ווייטער. בלייבט, מיר וועלן צוזאַמען מיטאַרבעטן״.

— מיך מאַטערט אָבער דער געדאַנק, וועגן וועלכן איך האָב מיט אייך נאָך ביז איצט נישט געשמועסט. איך האָב אַ ווייב. דער חודש, וואָס מיר זענען ביידע צעשיידט, האָט מיר באַוויזן, אַז איך קען נישט זייַן אָן איר. כ׳מיין, אַז איך זענען נישט פרעמד אַזעלכע געפילן.

— כ׳פאַרשטיי אייך. אָבער עס איז דאָך נישט ווייט פון וואַרשע, מיט דער עלעקטרישער באַן דויערט עס פינף־און־צוואַנציק מינוט. יעדע וואָך, אַפילו אָפטער, וועט איר זיך זען. און ווייטער? וועלן מיר זען, וואָס די צייט וועט ברענגען, עס זענען פאַראַן גרויסע רעוואָלוציעס און אויך קלענערע, אָן בלוט־פאַרגיסן...

זייַן מיינונג איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט מינדעלעס מיינונג. זי האָט אויך געהאַלטן, אַז איך דאַרף בלייבן אַרבעטן אין „צענטאָס". דער עיקר — האָט זי געשריבן — אַז די אַרבעט גיט מיר מאָראַלישע באַפרידיקונג.

איך האָב באַשלאָסן בלייבן אַרבעטן אין „צענטאָס".

שמואל האָט זיך זייער געפרייט מיט מייַן באַשלוס. ער האָט אין מיר דערפילט אַ וואַרעמען חבר, האָט ליב געהאַט מוזיק, פלעגט אַליין אויך

אַוועקגייך אין די אָונטן טיף אין וואַלד אַריין און אויף אַ קוקאַווקע פון ליים אויסשפּילן אומעטיקע, צעצויגענע מעלאָדיעס.

ביי שמואלן האָבן זיך געפונען עטלעכע ביכלעך, וואָס די „אָרט"-שולן פלעגן אַרויסגעבן פאַר פאַרשידענע פאַכן: סטאָלעריי, שלאָסעריי, אייַנביג־דעריי, מאָלעריי א. אַ. אין זיי זענען אָנגעגעבן געוואָרן די יסודות פון יעדן פאַך באַזונדער, וועגן די נויטיקע מכשירים, צוזאַמענשטעל פון פאַרבן — אַלץ אויף אַ פּשוטן און פּראַקטישן אופן. זינט מיינע קינדערישע יאָרן האָב איך ליב געהאַט צו אַרבעטן און מייסטרעווען.

איך האָב דעריבער מיט אינטערעס גענומען שטודירן די דאָזיקע ביכלעך, געטראַכט, אַז פאַרשידענע נוצלעכע אַרבעטן קאָנען אַ סך צו־העלפן אין דער דערציונג פון דעפעקטיווע קינדער. מען דאַרף זיך נאָר דערוויסן וועלכע אַרבעט עס רופט אַרויס אַ גרעסערן אינטערעס ביים קינד.

איך האָב באַשלאָסן אָרגאַניזירן אין „צענטאָס" אַן עקספּערימענטאַלן וואַרשטאַט פאַר ייִנגערע קינדער אין עלטער ביז 14 יאָר. דאָרט זאָלן זיך געפינען ווינקלען פאַר פאַרשידענע פאַכן. אין יעדן ווינקל זאָל דאָס קינד אָפּאַרבעטן אַ געוויסע צייט, לויט זיין פאַראינטערעסירונג. דער אינסטרוק־טאָר וועט האָבן די מעגלעכקייט אים צו אָבסערווירן און נאָך אַ יאָר אָב־סערוואַציע און שריפטלעכע פאַרצייכענונגען, וועט מען קאָנען באַשטימען די פאַראינטערעסירונגען פון קינד. ערשט דאַן זאָל דער פּסיכאָלאָג דורכפירן די פאַך־טעסטן, פאַרגלייכנדיק מיט די רעזולטאַטן אין דער עקספּערימענ־טאַלער לאַבאָראַטאָריע.

דער נייער געדאַנק האָט מיך פאַרכאַפּט און איך האָב דעם פּלאַן פאַר־צייכנט אויף פּאַפּיר, באַהאַנדלענדיק יעדן דעטאַל באַזונדער.

אָטוואָצק

פון צפון האָבן אָנגעהויבן בלאָזן קילע ווינטן. די ביימער אין וואַלד האָבן זיך אַלולדיק צעשאָקלט און אָנגעהויבן אַראָפּטרייסלען פון זיך זייער גרינעם לבוש. די זון פלעגט זיך שוין צואײַלן ביים פאַרגייז, די וואַסערן אין בוג זענען שוין נישט געווען אַזוי מחיהדיק וואַרעם ווי פריער, די חברה איז שוין אויך נמאס געוואָרן אַזוי אַרומגיין פּוסט און פּאַס, דאָס שטענדיקע שפּילן זיך, די לעצטע ספּאָרט־פאַרמעסטן, דער לעצטער קאַראַהאָד אין וואַלד און מונטער לאָזט זיך הערן דאָס ליד:

„אַהיים, קינדערלעך, אַהיים...״

מיר קומען אָן קיין וואַרשע אויפן מזרח־וואָקזאַל און באַלד זענען מיר אין דער עלעקטרישער באַן און עס דויערט אַפילו נישט קיין האַלבע שעה צייט — מיר זענען אין אָטוואָצק.

דער וועג איז אַ גענוג ווייטער, נאָר מיר גייען צופוס. סיי די געסלעך, סיי די ווילעס, וועלכע מיר גייען דורך, געפינען זיך אין די סאָסנע־וועלדער, הויכע שלאַנקע ביימער, מיט צעצווייגטע ראָז־גאָלדענע קרוינען, די לופט איז ריין און שמעקעוודיק, זעלטן מען זעט דורכפאָרן אַן אויטאָ אָדער פערד־און־וואָגן מיט אַ ברייטער פּלאַטפאָרמע. ווי נאָר מיר דערנענטערן זיך צו „צענטאָס״, צעהילכט זיך דאָס געזאַנג פון די קינדער:

„מיר קומען אָן,

מיר זענען שוין דאָ...״

דער אַנשטאַלט געפינט זיך אין אַ שמאָל געסל, גלינעצקאַ, ביים אַרײַנגאַנג דער נומער 4 און אַ טאָוול „אַנשטאַלט פאַר היילן און דערציִען דעפעקטיווע קינדער — „צענטאָס״.

געעפנט דעם טויער האָט דער היטער פונעם אַנשטאַלט. אַ הויכער, טונקל־בלאָנדער פאַרשוין, מיט אַ סלאַווישן אויסזען, מיט לאַנגע געדיכטע וואָנסעס, אין די פערציקער יאָרן. די קינדער, באַזונדערס די קלענערע האָבן אים פריילעך באַגריסט, גערופן: „פּאַניע יוזעפיע, פּאַניע יוזעפיע!״

אַן עלטערער ייד אין אַ יאַרמולקע, מיט אַ גרויער הדרת־פּנימדיקער

באַרד, וואָס האָט אים צוגעגעבן חשיבות איז אונדז אַנטקעגנגעקומען און האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט:

— האַרנשטיין.

— איך בין יואל פערעל. מיר איז זייער אָנגענעם אייך צו באַקענען.

די קינדער זענען געלאָפן, יעדער אין זיין גרופּע. זיי האָט אינטערע־סירט אַ קוק צו טאָן ווי עס זעט אויס זייער צימער נאָכן רעמאָנט. די צימערן זענען געווען ריינע, פריש אויסגעמאָלענע. עס האָט זיך נאָך געפילט דער ריח פון די פאַרבן.

אין דער שכנות פון מיין גרופּע איז געווען ציליעס גרופּע. ביים סאַמע סוף פון לאַנגן קאָרידאָר איז געווען דאָס צימער פאַר מיר און פאַר שמואלן. פון דאָרט איז געווען אַן אַריינגאַנג אין גרויסן עס־זאַל.

דער צענטאַס־אַנשטאַלט האָט פאַרנומען אַ היפּשן שטח. נישט ווייט פון טויער איז געווען דער הייל־איזאָלאַטאָר, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע צימערן, דאָרט האָט אויך געוווינט די קראַנקן־שוועסטער ציליע. אין דער רעכטער זייט, אַ ביסל טיפער אין וואַלד איז געשטאַנען די צוויי־שטאָקיקע שול־געביידע. די מיידלערישע דערציִונגס־גרופּן זענען געווען באַזונדער, אָפּגעטיילט פון די ייִנגלעך. אַ באַזונדערע איין־שטאָקיקע געביידע האָט פאַרנומען ה׳ האַרנשטיין מיט זיין פרוי. דאָרט איז אויך געווען זיין קאַבינעט פאַר די אַדמיניסטראַטיווע ענינים, פאַר דער בוך־פירונג און קאַסע.

אַ באַזונדערע קלענערע געביידע האָט פאַרנומען די פרוי ד״ר ראָזענ־בלום. דאָרט האָט אויך עטלעכע מאָל אין דער וואָך געאַרבעט די פּסיכאָ־לאָגין אינע. דער דירעקטאָר קלמן ליס האָט דאָרט אויך געהאַט זיין קאַבינעט.

די געביידעס, ווי כמעט אַלע געביידעס אין אָטוואָצק זענען געווען געבויט פון האָלץ אויף אַ פונדאַמענט פון ציגל. די ווענט זענען געווען געמאַכט פון דאָפּלטע דינע ברעטער, צווישן וועלכע מען האָט אָנגעשטאָפּט אויסגעטריקנטע סאָסנע־נעדעלעך.

אָטוואָצק איז אַ יערלעכער קוראָרט מיט סאַנאַטאָריעס און פּענסיאָ־נאַטן פאַר לונגען־קראַנקע. די גאַנצע ליניע, וואָס ציט זיך פון הינטער

וואַרשע ביז נאָך אָטוואָצק איז אַ דאַטשע און אַ הייל־אָרט פאַר די איינוווי־נער פון וואַרשע און פון גאַנץ פוילן.

אין טאָג־טעגלעכן יאָך

בהדרגהדיק האָט זיך מיין אַרבעט נאָרמאַליזירט. די אַכט־און־צוואַנציק יינגלעך פון מיין גרופּע, איינער נישט ענלעך צום אַנדערן, אין פאַרשידענעם עלטער און מיט פאַרשידענע דעפעקטן, האָבן געפאָדערט אַ סך צייט, מי און אויפמערקזאַמקייט. איך האָב זיי געדאַרפט פאַרטרעטן אויך אַ מוטער, טראָגן דעם עול פון אָנטאָן, יעדן לויט זיין מאָס, פון ריינע וועש. ביי מיר אין די שאַפעס זענען געווען צוגעגרייט ליילעכער, ציכלעך, קאַפּעס צו די קאָלדרעס, נאַכט־ און טאָג־העמדער, אַנצוגן אויף יעדן טאָג און אויף די ימים־טובים, שיך: פאַרראַכטענע און נייע פון אַלע מאָסן. איין מאָל אין דער וואָך, אַ מאָל אויך צוויי מאָל, פלעגט צו מיר קומען וועלוול שוסטער, וואָס האָט צוליב זיין אַרבעט אין די נעכט שטענדיק געהאַט פאַרשלאָפענע אויגן. אויך יאַנטל שניידער מיט דער נאָדל און פאָדעם אונטערן לאַץ.

— צי דאַרפט איר עפּעס פאַרריכטן? הער האָרנשטיין באַשטעלט שטענדיק צו די יום־טובים נייע שיך, אַנצוגן.

— יאָ, במשך פונעם זומער האָבן זיך אָנגעקליבן געגוג צעריסענע שיך... וואָס שייך נייע, וועל איך איבערפרעגן דעם ה׳ האָרנשטיין.

אָפיציעל האָב איך געדאַרפט אַרבעטן אין מיין דערציִונגס־גרופּע פון זיבן ביז ניין אין דער פרי און פון זיבן ביז ניין אין אָוונט. פאַקטיש האָב איך אויך געמוזט אַרבעטן, לפּחות די ערשטע צייט, אויך דעמאָלט ווען די קינדער האָבן זיך געלערנט אין דער שול. מיטאָג האָב איך געדאַרפט עסן מיט זיי צוזאַמען, ביי איין טיש. פון פיר ביז זיבן אין אָוונט האָב איך גע־אַרבעט אַלס אינסטרוקטאָר פון עקספּערימענטאַלן וואַרשטאַט. ביז צום אָונטערבורויט האָב איך נאָך באַוויזן אַרויסצוגעבן די טעגלעכע וואַנט־צייטונג. אויף דער ערשטער זייט — די נייעסן פון טאָג, אויף דער צווייטער זייט — אַ בילדל, אַ הומאָריסטיש לידל און די וויכטיקסטע נייעסן פון דער וועלט.

נאָכן אָוונטברויט האָט זיך קײנער נישט גערירט פון אָרט ביז מען האָט נישט געלייענט די צייטונג. די צאָל קאָרעספּאָנדענטן איז געוואַקסן. מאַ־טעריאַל האָט קיין מאָל נישט אויסגעפעלט.

דאָקטאָר ראָזענבלום און האָרענשטיין זענען געווען זייער צופרידן מיט דער צייטונג, וואָס האָט געדינט ווי אַווירקזאַם מיטל צום דערציִען, אויס־בעסערן און צעמענטירן דעם קינדער־קאָלעקטיוו.

אין יענער צייט האָט זיך געקאָכט מיט דער „טשעלוסקין־עקספּעדיציע". איך האָב טאָג־טעגלעך געגעבן די ידיעות און דער אינטערעס צו דער עקספּעדיציע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

איך בין געווען פאַרכליניעט מיט מיין אַרבעט און האָב אויך אָנגע־הויבן שרייבן טאָג־ביכער פון יאָהאַנען, קוליאַווסקין און טאַדיקן. יעדע וויכטיקע אָבסערוואַציע איז פאַרצייכנט געוואָרן און איך האָב שפּעטער וועגן דעם געשמועסט מיט די לערער, מיט דער פּסיכאָלאָגין און מיט דאָקטאָר ראָזענבלום.

דאָנערשטיק אין אָוונט בין איך שוין געווען פריי, אין מיין דערציִונגס־גרופּע האָט מיך פאַרטרעטן שמואל און איך בין העגדום־פּעגדום געלאָפן צו דער באַן, וואָס האָט מיך געפירט קיין וואַרשע, ווו מינדעלע פלעגט מיך שוין אָפּוואַרטן אויפן ווינער וואָקזאַל.

— איך האָב שוין בילעטן אין קינאָ „שוויאַטאָוויד".

מיר גייען שנעל, לויפן כמעט. דער אָוונט איז אונדזערער, די וועלט איז אונדזערע. עס איז אַזוי גוט צו זיין צוזאַמען!...

דער פילם אויפן עקראַן איז אַ שיינער, פּרעכטיקע פּייזאַזשן. מיר פילן דאָס קלאַפּן פון די אייגענע הערצער.

ענדלעך האָט זיך דער פילם געענדיקט און מיר פאָרן צוזאַמען אַהיים.

אַהיים? האָבן מיר דען אַ היים? מינדעלע וווינט אויף מוראַנאָווסקע־גאַס, ביי די פרידמאַנס. זי שלאָפט אין דעם צימער מיט נאָך צוויי פרויען. מיר גייען אַריין שטיל, שטיל, אין די זאָקן...

אין דער פרי איילט זיך מינדעלע צו דער אַרבעט און איך באַגלייט זי אויף נאָוויניאַרסקע־גאַס צו שאָקן אין שול אַריין.

— ביז דאָנערשטיק...

דער פּעדאַגאָגישער קאָלעקטיוו

בעסער און טרעפלעכער וואָלט געווען אַנצורופן אים „דער קאָלעקטיוו פון פּעדאַגאָגן". יעדער באַזונדער האָט זיך אויסגעלעבט ביי זיין אַרבעט, מיט זיין דערציִערישע גרופּע, מיט זיין קלאַס, מיט זיין וואַרשטאַט. כאָטש מען האָט געוווינט אויף איין צעשפּרייטן שטח, אַרומגערינגלט מיט אַ פּאַרקן. נאָר די צייט פון דער אַרבעט איז געווען ביי יעדן אַן אַנדערע. ווען די לערער האָבן געאַרבעט אין שול זענען די דערציִער געווען פריי. ווען די אינסטרוקטאָרן האָבן געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן, האָבן די לערער גערוט אָדער זיך געגרייט צו דער מאָרגנדיקער אַרבעט. אויך אין עס־צימער, ווו אַלע האָבן זיך צונויפגעטראָפן, איז יעדער איינער געווען פאַרנומען מיט זיין גרופּע. פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען פּעדאַגאָגישע זיצונגען, וואָס קלמן ליס האָט צונויפגערופן, אָדער די דאָקטאָרין ראָזענבלום.

די זיצונגען פלעגן פאָרקומען שפּעט אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט. אַלע זענען געווען מיד און עס איז אויסגעקומען צו הערן רעפעראַטן פון דער דאָקטאָרין אָדער אינסטרוקציעס פונעם דירעקטאָר. וועגן אדמיניסטראַ־טיווע פראַגן פלעגט ה׳ האָרענשטיין שמועסן מיט יעדן באַזונדער ביי זיך אין קאַבינעט, אָדער ביים טרעפן זיך אין וואַלד, צופעליק. אַ מאָל פלעגט ער אויך אַריינקומען צו אונדז אין די גרופּן, כאַפּן אַן אויבנאויפיקן קוק, מאַכן איניקע באַמערקונגען, אָדער געבן עצות, אינסטרוקציעס.

האָרענשטיינען איז געלונגען צו קאָנצענטרירן אַרום זיין פּערזאָן איניקע פון די דערציִערינס: צילען, די קראַנקן־שוועסטער און דערציִערין, אסתרן, די דערציִערין פון דער מיידלעך־גרופּע און לערערין. שפּעטער איז צו זיי אויך צוגעשטאַנען די לערערין און דערציִערין רעגינאַ קאָוואַלסקאַ. צו זיי האָט אויך געהערט דער דירעקטאָר, האָרענשטיינס איידעם. יעדע פרייע מינוט האָבן זיי פאַרבראַכט ביים ה׳ האָרענשטיין אין שטוב.

האָרענשטיין האָט ליב געהאַט צו הערשן, נאָך פון די צייטן, ווען ער איז געווען אין קיִעוו דער גרויסער פאַבריקאַנט פון צוקער־פאַבריקן, פון שוועבעלעך, באַזיצער פון וועלדער. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז זיין שטערן געפאַלן, כאָטש ער איז נאָך פאַרבליבן אַרבעטן אַלס דירעקטאָר

פון זיין נאַציאָנאַליזירטער פאַבריק. ער האָט אָבער געפילט, אַז די מאַכט גליטשט זיך אײַנגאַנצן אַרויס פון זײַנע הענט, ליגט אין די הענט פון די פּריש־געבאַקענע קאָמיסאַרן, וואָס האָבן זיך ווייניק מיט אים גערעכנט און געבאַלעבאַטעוועט ווי זיי איז געפעלן. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז אָבער געפאַלן אויף אים און ער האָט דערפאַר באַשלאָסן צו אַנטלויפן, כּל־זמן עס איז נישט צו שפּעט. ביים גנבענען צוזאַמען מיט זיין ווייב, טאָכטער און זון די סאָוויעטיש־פּוילישע גרענעץ, האָט מען זיי נאָכגעשאָסן און אין לינקן דיך איז אים געבליבן אַ קויל ביזן סוף פון זיין לעבן.

שפּעטער האָט מען האָרענשטיינען אַרומגעפירט איבער דער גרויסער וועלט און ער האָט אומעטום דערציילט וועגן די „גליקן״, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט געבראַכט, באַזונדערס פאַר יידן. סוף־כּל־סוף איז אים נמאס געוואָרן דאָס אַרומפאָרן און ער האָט זיך באַזעצט אין פּוילן. פון „צענטאָס״ האָט מען אים פאַרגעלייגט גוטע באַדינגונגען און ער איז געוואָרן דער פּאַקטישער באַלעבאָס פון דעם אײַנציקן הייל־ און דערציִונגס־אַנשטאַלט אין פּוילן פאַר יידישע קינדער. די וויכטיקסטע פאַרשטייער פון צענטאָס אין פּוילן זענען געווען: גאָלדין און גיטלער. זיי זענען אויך געווען די פּאַקטישע באַלעבאַטים איבער אונדזער אַנשטאַלט.

מאַטעריעל איז אונדזער אַנשטאַלט געווען בעסער באַזאָרגט פון אַנדערע יידישע אַנשטאַלטן: העכערע לוינען, דערנערונג, דירה, באַהייצונג און אַפילו וועש וואַשן אומזיסט.

דער „קאָלעקטיוו״, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום האָרענשטיינען, האָט געצוווּנגען די אַנדערע לערער און דערציער צו זיין מער פאַראייניקט צווישן זיך. רבקה נאַראָדאָווסקאַ, אַ לאַנגיאָריקע לערערין פון יידישע פאָלקס־שולן און מיטאַרבעטערין פון מעדעם־סאַנאַטאָריע, איז געקומען אַהער מיט אַן אידעיִשן באַגאַזש, מיט פּראָפעסיאָנעלער דערפאַרונג און געזעלשאַפט־לעכן חוש. אויך אידע מערזשאַן איז געקומען פון קאָרטשאַקס יתומים־הויז און איז געווען אונטער רבקהס השפּעה. די לערערין פון די קלענערע קינדער, גוטע שיינין, די ליטוואַטשקע מיט די טיפע און קלוגע אויגן, איז געווען אַ שטאָלצע און איז נישט גרייט געווען צו דערלאָזן, עס זאָלן זיין פּריווילעגירטע. איך בין געווען דער פּראָפעסיאָנעלער טוער פון וואַרשע

און מיר איז שטאַרק נישט געפעלן האָרענשטיינס מעטאָד פון „טייל און הערש". איך בין געווען אַ שאַרפער קעגנער פון די מיטלאַלטערלעכע מנהגים, אַז די דערציער זאָלן מוזן זיין מאַנאַכן און מאַנאַכינס און אָפּזאָגן זיך פון אַן אייגן פאַמיליע־לעבן; שמואל פלעגט אויסהערן מיין מיינונג, איז אָבער נאָך געווען צו יונג און שוואַך צו קעמפן.

מיר אַלע זענען דאַן געווען מיטגלידער פון פראָפעסיאָנעלן פאַראיין אויף פשעיאַזד. מיר האָבן פּינקטלעך געצאָלט מיטגלידס־אָפּצאָל, נאָר דער קאָנטאַקט מיטן פאַראיין איז געווען אַ שוואַכער. קיין איין מאָל האָב איך נישט געזען, אַז דער סעקרעטאַר פון פאַראיין, אַלטמאַן, וואָס האָט געשמט פאַר אַ קלוגן און פראָפעסיאָנעלן טוער, זאָל אַראָפּקומען צו אונדז קיין אַטוואַצק. די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען האָבן געשאַפן אינעווייניקסטע ווונדן, וואָס זענען ווייטיקלעכער און געפערלעכער פון אָפענע און דרויסנדיקע...

דערפאָלג

מיין פּראָיעקט איינצואָרדענען אַן עקספּערימענטאַלן אַרבעטס־וואַרשטאַט איז אָנגענומען געוואָרן. אַפילו אינע, די פּסיכאָלאָגין האָט געהאַלטן, אַז די פאָרשונגס־אַרבעט במשך פון אַ יאָר וועט דינען פאַר אַ דערגענצונג און קאָנטראָל צו די טעסטן. די דאָקטאָרין ראָזענבלום האָט בכלל געהאַלטן פון דרייסטע עקספּערימענטן. דער דירעקטאָר איז געווען צופרידן, וואָס אַ גרויסע טייל קינדער, פון די, וואָס אַרבעטן נאָך נישט אין די וואַרשטאַטן, וועלן אין די נאָכמיטאָג־שעהן זיין פאַרנומען. דערצו האָט מען פאַרשפּאָרט צו זוכן און באַשעפטיקן נייע אינסטרוקטאָרן, ווייל איך אַליין האָב גענומען אויף זיך די אויפגאַבע איינצופירן אין לעבן דעם עקספּערימענט. האָרענ־שטיין האָט מסכים געווען צו אַסיגנירן אַ גרעסערע סומע געלט אויף מכשירים און מאַטעריאַלן.

עס איז געלונגען אָפּצוקויפן ביי אַן אַלטן איינבינדער די מכשירים, וואָס ער האָט באַנוצט אין זיין ליקווידירטער איינבינדעריי. די מכשירים זענען געווען פּרימיטיוו, אָבער פאַר אַן אָנהויב זענען זיי געווען גענוג. צום

שלאָסער־ווינקל האָב איך איינגעקויפט העמערלעך, צוואַנגלעך, פּיילעכלעך, אַן עלעקטריש לייט־אייזן און מאַטעריאַלן צום לייטן.

דער אינטערעס פון די קינדער צו דער אַרבעט אין וואַרשטאַט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. כמעט אַלע צעריסענע ביכער פון אונדזער ביבליאָטעק זענען פאַרריכט געוואָרן און באַקומען אַן אויסזען פון נייע. מיינע באַמערקונגען און אָבסערוואַציעס פון די קינדער האָבן פאַרפולט גאַנצע העפטן. די אַרבעט איז געווען אינטערעסאַנט און שעפעריש.

אויך אין דער דערציִונגס־גרופּע איז מיר געלונגען אַ סך אויפצוטאָן. דערצו פלעג איך זיך אָפּט באַנוצן מיט דער הילף פון די קינדער. ריסיאַ האָט זיך אונטערגענומען צו פירן זיין חבר ראַדיאַ אַלע פאָר שעה אין בית־שימוש. אין רעזולטאַט פלעגט ער אַ סך זעלטענער שוין מאַכן אונטער זיך און מיט דער צייט אינגאַנצן אויפגעהערט. איז געוואָרן אַ סך מילדער, האָט שוין ווייניקער געקריגט זיך מיט די עלטערע. קוליאַווסקי פלעגט שוין אַליין פאַרצייכענען די ברודיקע וועש און אָפּטראָגן אין דער וועשעריי. יאַהאַן שווידט איז שוין נישט געווען אַזוי שמוציק, האָט זיך בעסער געהיטן. די צאָל קינדער, וואָס „נעצן זיך" איז אויך קלענער געוואָרן.

דוכט זיך קלייניקייטן? פון אַזעלכע קלייניקייטן באַשטייט אונדזער אַרבעט. די דערציערישע אַרבעט איבער דעפעקטיווע קינדער רוקט זיך פאָרויס מיט קאַרליקעס־טריט, וואָס באַמערקן זיך קוים. יאָ, איך האָב געקענט זיין צופרידן מיט מיין אַרבעט, אָבער מיט מיין פּערזענלעך לעבן בין איך נישט געווען צופרידן.

דעם פאַרגאַנגענעם דאָנערשטיק האָב איך נישט געקאָנט פאָרן קיין וואַרשע צו מיין מינדעלע. קוליאַווסקי, מיין געהילף, איז פלוצים פאַרשוונדן. שמואל זאָגט, אַז דאָס טרעפט מיט אים אַלע מאָל, ווען זיין מוטער קומט צו אים צו פאָרן. ער וויל זיך מיט איר נישט טרעפן.

— זי האָט מיך און מיין שוועסטער אונטערגעוואָרפן, איז זי מיר נישט קיין מאַמע — פלעגט ער טענהן.

שמואל האָט געפּרוווט מיט אים רעדן און דערקלערן:

— נישט דו קענסט זיין איר שופט. דער גורל האָט זי באַעוולט, אָבער זי איז דיין מוטער.

— צוליב איר איז מיין שוועסטער אין משוגעים־הויז. זי איז אַ גאַסן־פרוי, נישט קיין מוטער.

ווי נאָר עמעצער פלעגט אים צוטראָגן, אַז זיין מוטער איז געקומען, איז ער אַריבערגעשפרונגען דעם פלויט און אַנטלאָפן.

עס איז שוין געווען נאָך אָוונט־ברויט און ער איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מינדעלע וואַרט מיך אָפּ ביים וואָקזאַל, האָט מסתמא געקויפט בילעטן אין קינאָ. זי וועט זיין שטאַרק אומרויִק. אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן? ווי האָב איך געקענט אַוועקפאָרן פון דאַנען?

אַרום צען אָוונט איז קוליאַווסקי צוריקגעקומען. ער האָט זיך נישט געריכט מיך צו טרעפן, איז אַריין אין צימער מיט שטילע טריט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו קוקן מיר אין די אויגן אַריין.

— לייג זיך שלאָפן — האָב איך אים באַפוילן. אין אַ נישט פריילעכער שטימונג האָבן זיך אַלע קינדער געלייגט שלאָפן. די האַרמאָניע איז צעשטערט געוואָרן. קיינער וועט שוין היינט גאָרנישט דערציילן. דער דערציִער איז נישט געפאָרן, ווי יעדן דאָנערשטיק, קיין וואַרשע.

— ווען איך וואָלט געהאַט אַ מאַמע, וואָלט איך פון איר נישט אַנטלאָפן — האָט ריסיאָ זיך אָנגערופן אין דער שטיל.

אַ נאַכט האָב איך געהאַט אַן אומרויִקע — לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן. פאַר מיינע אויגן האָב איך געזען מינדעלען מיט צעשויבערטע האָר אויפן ווינט, וואָס וואַיעט, פייפט און טרייבט זי אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון איר רייסן זיך צו מיר מיט אַלע כוחות. ענדלעך געלונגט איר פאַרט זיך דורכצורייסן און מיר פאַלן איינער דעם אַנדערן אין די אָפענע אָרעמס, און — איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף...

יואל פערעל

אויס סוד

זונטיק, אַרום פינף נאָכמיטאָג, איז אין גרויסן עס־צימער פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע זיצונג פון אַלע מיטאַרבעטער אין צענטאָס. בלויז די צוויי אינסטרוקטאָרן, רעגינע פון שניידער־וואַרשטאַט און שמואל פון סטאָליער־וואַרשטאַט זענען פאַרבליבן, האַלטן דיזשור איבערן גאַנצן אַנשטאַלט. די זיצונג איז געווען זייער אַ וויכטיקע. עס האָבן געדאַרפט אָנקומען אַ סך נייע קינדער און מען האָט געדאַרפט פאַר זיי באַשטימען די ערטער, די דערציער, ווי אַזוי מען זאָל זיי אויפנעמען.

געפירט די זיצונג האָט דער פּעדאַגאָגישער דירעקטאָר קלמן ליס. האַרענשטיין איז געזעסן אין סאַמע אויבנאָן און אַרום אים זיין נאָענטסטע סוויטע, אסתר, צילע און רעגע. פון דער אַנדערער זייט זענען געזעסן די פון דער אָפּאָזיציע. אין דער צווייטער ריי — די אַדמיניסטראַציע־אַרבעטער. דער דירעקטאָר האָט געמאָלדן:

— מיר האָבן באַשלאָסן די „דעבילן" — די אידיאָטן אַריבערצושיקן אין אַן אַנדערן אַנשטאַלט קיין לובלין. האַרענשטיין האָט געמאָלדן, אַז עס וועלן אָנקומען אַ סך נייע יינגלעך און מיידלעך און עס וועלן געשאַפן ווערן צוויי נייע דערציִונגס־גרופּן. אַוודאי וועט אונדז אַלע ווערן שווערער, אָבער מיר קענען נישט דערלאָזן, אַז די, וואָס נויטיקן זיך אין אונדזער אַנשטאַלט, זאָלן זיך אַרומוואַלגערן אויף הפקר. ווי מיינט איר?

פּלוצים, אין מיטן דער זיצונג זענען אָנגעלאָפן עטלעכע יאַטן מיט הילכיקע אויסגעשרייען:

„אַ פרוי, אַ פרוי איז געקומען צום לערער פּערעל... אַ שיינע פרוי".

איך האָב געפילט אויף זיך דורכדרינגלעכע בליקן פון אַלע זייטן. עס איז מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן. ביי דער טיר האָב איך דערזען מינדעלען אַ צעפלאָמטע פון אויפרעגונג. אַלץ איז פאַרשוווּנדן פון מיינע אויגן. איך האָב בלויז געזען זי, מיין בענקשאַפט, אַרומגעכאַפּט מיט ביידע אָרעמס און אָפּגעסטעמפּלט אויף אירע ראָזעווע ליפּן אַ פלאַמיקן קוש...

איך בין אָבער גיך געקומען צו זיך, אַריינגעפירט זי אין מיין צימער און זיך צוריקגעקערט צו דער זיצונג. האַרענשטיין האָט ווייטער פאָרגע־

זעצט זײַנע רייד. איך האָב אָפּגעפּילט, אַז דער קלײנער עפּיזאָד האָט געענ־דערט די שטימונג ביי אַלעמען. מען האָט גערעדט שטילער און קורצער. איך האָב באַמערקט, אַז האָרענשטיין קוקט אויף מיר מיט אַ לייכטן צינישן שמייכל...

די זיצונג האָט זיך שנעל פאַרענדיקט. עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון אָונטבברויט.

מינדעלע האָט דערווייל באַוויזן צו מאַכן אַן אָרדענונג אין צימער. ביי מיין אַריינקומען האָט זי מיר גלייך דערציילט:

— איך האָב געוואַרט אויף דיר דאַנערשטיק ביז שפּעט אין דער נאַכט. איבערגעקלערט, געווען אומרויִק.

שמואלן האָב איך אַפילו נישט געדאַרפט זאָגן. ער האָט געפונען פאַר זיך אַן אָרט צו שלאָפן אין דעם קלענערן שלאָף־צימער פון מיין גרופּע. איך מיט מיין ווייב זענען געבליבן אין אונדזער בשותפותדיקן צימער.

קאַיאָר איז מינדעלע אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע צו איר אַרבעט. אויך איך בין דעם טאָג געווען מונטער און פריילעך; מיינע יינגלעך האָבן געוווּסט, אַז שמואל איז נישט געשלאָפן מיט מיר אין צימער.

— צי איז אייער ווייב געשלאָפן אויף אייער בעט אָדער אויף שמואלס?

— האָבן אייניקע קינדער זיך פאַראינטערעסירט. זיי איז געפעלן, וואָס נישט נאָר דער דירעקטאָר, נאָר אויך זייער דערציער האָט אַ ווייב. ריסיאַ האָט געזאָגט:

— איך האָב באַלד דערקענט, נאָך ביים טויער, אַז זי איז אייער ווייב. זי איז געראָטן אין אייך...

דער שטורעם — אינעווייניק

„עס זענען פאַראַן אין דער וועלט גרויסע רעוואָלוציעס. פאַראַן אויך קלענערע, אָן בלוט פאַרגיסן״ — האָב איך זיך דערמאָנט אין די ווערטער, וואָס קלמן ליס האָט צו מיר געזאָגט נאָך אין דאָמאַטשעוואָ און איך האָב געטראַכט, אַז איצט איז געקומען די צייט פון דער קליינער רעוואָלוציע.

צווישן די דערציער האָט זיך געקאָכט. מינדעלעס אומגעריכט קומען קיין אָטוואָצק, איר איבערנעכטיקן אין מיין צימער האָט אויפגערודערט די געמיטער, אָבער דווקא האָרענשטיין און דער דירעקטאָר קלמן ליס האָבן מיך אונטערשטיצט. אויך דער אָנפירער פון דער צענטראַלע, גאָלדין האָט מיך אויפגענומען מיט פאַרשטענדעניש און גרייטקייט צו העלפן. אים איז געפעלן די עקשנות, מיט וועלכער איך בין גרייט געווען צו קעמפן פאַר מיין ליבע. ער האָט געזאָגט:

— דינגט זיך אין אָטוואָצק אַ צימער אויף אונדזער חשבון און וווינט זיך געזונטערהייט.

אויפן צווייטן טאָג איז מינדעלע געקומען צו פאָרן קיין אָטוואָצק און מיר האָבן זיך געדונגען אַ צימער מיט מעבל אויפן מאַיסקי־פּלאַץ, אין מיטן וואַלד. עס האָט דאָרט געוווינט אַן עלטערע פרוי, אַן אַלמנה מיט צוויי דערוואַקסענע טעכטער. זיי זענען נישט געווען קיין פאַרמעגלעכע מענטשן און פריער פלעגן זיי פאַרדונגען דאָס צימער פאַר דאַטשניקעס.

דער שטורעם האָט זיך אָבער נישט איינגעשטילט. די קעגנער פון מיין „רעוואָלוציאָנערן״ טאַט, אסתר, צילע און רעגע האָבן זיך געוואָנדן צום פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און פּראָטעסטירט קעגן מיין „נישט קאָלעגיאַלן״ אויפטו. זיי האָבן געטענהט:

— סטייטש, הלמאַי דאַרף ער זיין אַן אויסנאַם פון אַלע? ווער איז מחויב אים צו פאַרטרעטן ביינאַכט, אויב עס וועט עפּעס געשען אין זיין גרופּע?

אין עטלעכע טעג אַרום איז פון וואַרשע אַראָפּגעקומען אַלטמאַן, אַ מאַן אין די פופציקער יאָרן, עטוואָס נידעריקער פון מיטעלן וווּקס, אַ ביסל

געהויקערטביים גאַנג, מיט געמאָסטענע טריט, אויגן צוגעזשמורעטע פון אַ פּיקח און אַ לייכטן שמייכל אויף די ליפּן ביים רעדן.

ער האָט צונויפגערופן די מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין און אויסגעהערט די טענות.

— ס'איז נישט עטיש און נישט חבריש זיך אויסצוטיילן פון אַלע און שאַפן פאַר זיך בעסערע באַדינגונגען, דערצו אויפן חשבון פון אַנדערע חברים — האָט די ערשטע זיך אַרויסגעזאָגט רעגע קאָוואַלסקאַ.

— איך בעט אַרויסצוזאָגן זיך קאָנקרעטער — האָט דער סעקרעטאַר געבעטן.

— אַלע דערציער, לויט דער אָנגענומענער טראַדיציע און צוליב פּעדאַגאָגישער ווילבאַרעכטיקייט, וווינען צוזאַמען מיט זייערע דערציִונגס־גרופּן. אין משך פון אַ גאַנצן מעת־לעת האָט ער זיינע קינדער אונטער זיין אויפזיכט. דער איינציקער, וואָס האַלט זיך פאַר אַן אויסנאַם, איז דער קאָלעגע פּערעל. ער האָט זיך אַרויסגעקליבן אין אַ באַזונדערער דירה. ווער וועט אַכטונג געבן אין די נעכט אויף זיין גרופּע?

— איך! — האָט שמואל אויסגערופן.

— כ'מיין, אַז דער פּרעצעדענס איז דווקא אַ געלונגענער און אַ נוצלעכער האָט זיך אָנגערופן גוטע שייניך — צווישן אונדז זענען פאַראַן נאָך גענוג יונגע, וואָס האָבן לגמרי נישט רעזיגנירט פון אַן אייגן פאַמיליע־לעבן. דער פּרעצעדענס וועט אונדז פאַרלייכטערן באַקומען אַ וווינונג אויסער דעם אַנשטאַלט. מיר זענען נישט קיין פאַרקויפטע קנעכט. מיר ווילן אַרבעטן און פאַרדינען, אָבער נישט ברענגען אומזיסטע קרבנות.

די דיסקוסיע האָט נאָך לאַנג געדויערט. צו קיין אָפּשטימונג איז נישט געקומען. די שטימונג פון דער מערהייט איז געווען אויף מיין זייט.

דאָך האָט האַרענשטיין געפּרוווט שפּעטער מיר פאַרלייגן אַ קאָמפּראָמיס־פאָרשלאַג. אין דעם הויז, ווו ער וווינט, וועט ער אָפּצוימען אַ טייל פון דער וועראַנדע און מאַכן דאָרט אַ קליין צימערל פאַר אונדז.

מינדעלע האָט זיין פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן. זי האָט אויסגעקויפט פאַר זיך אַ באַן־בילעט אויפן גאַנצן חודש. אינדערפרי זענען מיר ביידע צוזאַמען געגאַנגען צו דער אַרבעט. אין די אָוונטן פלעגן מיר שפּאַצירן איבערן

וואַלד. עס האָט זיך לייכט געאָטעמט און מען האָט ווייניקער געפילט די מידקייט נאָך דעם שווערן אַרבעטס־טאָג.

גרוסן פון פריינד

די אַרבעט אין „צענטאָס", די אינערלעכע קאַמפן פאַר בעסערע אַרבעט־ און לעבנס־באַדינגונגען האָבן מיך כמעט אינגאַנצן פאַרשלונגען. דאָס פעלן פון אַ פרייעם טאָג האָט געבראַכט דערצו, אַז איך בין גאָר זעלטן געפאָרן קיין וואַרשע, נאָך זעלטענער קיין לוצק, צו אונדזערע עלטערן, ברידער און שוועסטער.

דאָך האָב איך נישט פאַרלוירן דעם אינטערעס צו מיינע אייגענע און פריינד, צו וועלכע איך האָב געשריבן און באַקומען פון זיי בריוו. מיין עלטערע שוועסטער מירל איז שוין אויך אַרויסגעפאָרן צוזאַמען מיט אירע צוויי קינדערלעך קיין בראַזיליע צו איר מאַן משה. אויך מיין שוועסטערס מאַן זלמן זאַטערקאַ פון אָליק איז געוואָרן היגטערשטעליק אין זיינע געשעפטן, ווי אַ סך אַנדערע יידישע סוחרים פון וואָלין. ער איז אויך אַרויסגעפאָרן קיין בראַזיליע, צו זיין עלטערן ברודער פייסי זאַטערקאַ. לויט ידיעות, וואָס מיר האָבן פון דאָרט באַקומען, האָבן די נייע יידישע עמיגראַנטן נישט שלעכט זיך איינגעאָרדנט דאָרט. מיין שוועסטער חייקע איז שוין דאַן געווען אַ מוטער פון צוויי קינדער: אַ זון און אַ טאָכטער. זי האָט זיך געמוזט צוריק אַריבערקלייבן קיין לויצק צו אירע אַלטע עלטערן און וואַרטן ביז איר מאַן וועט איר שיקן דאָקומענטן און שיפּס־קאַרטן.

מיין יינגערע שוועסטער פריידע איז שוין זינט עטלעכע יאָר אַרומגע־גאַנגען מיט אַ בחור איציק אָסיפּאָוו, אַ יונגער און שיינער, האָט געאַרבעט אַ סך יאָרן ביי דעם שניט־קרעמער סאַוויצקי אַלס אַנגעשטעלטער, אָבער זיין פאַרדינסט האָט קוים געקלעקט אויף אויסצוהאַלטן זיין אַלטע מוטער. מיינע עלטערן האָבן דעריבער אויך געמוזט טראַכטן וועגן נדן פאַר פריידען, וועגן אַ דירה צו וווינען און בכלל וועגן איינאָרדענען זיי. אין

געוועלב זענען פאַרבליבן די צוויי ייִנגערע ברידער: אָשר און טוליע און די מוזינקע רייזל.

דער פאָטער איז שוין כמעט אינגאַנצן אַרויס פון „סטראָי". די עלטער, דאַגות און די צוקער־קראַנקייט האָבן אים שטאַרק געענדערט. ער איז שוין נישט געווען דער אַמאָליקער מאָטל טריסקער, דער הויכער בייכיקער ייִד מיט דער ברייטער באָרד און געדיכטע וואָנסעס. די אויגן זענען ביי אים ווי אויסגעלאָשן געוואָרן, דער גוף שלאַבעריק און דאַר און דאָס קול — ווייך, הייזעריק און שטיל.

די מאַמע האָט אים געהאַלטן מיט איר שטענדיקער זאָרג פאַר אים, מיטן אָפּהיטן זיין דיעטע און מיט איר דערמוטיקנדיקן שמייכל. דערביי האָט זי אויך געפונען צייט פאַרנעמען זיך מיט קהלישער אַרבעט, האָט זיך אונטערגענומען צו באַנייען די ספרי־תורהס אין דער גרויסער שטאָטישער שול. מיט די געזאַמלטע געלטער און אויך מיט אירע אייגענע מיטלען, האָט זי פאַרזאָרגט אַן אַלטן סופר מיט שטענדיקער אַרבעט. יעדע באַנייטע ספר־תורה פלעגט מען, לויטן מנהג, אַריינפירן אין אַן אָרון אַריין אונטער אַ חופה, ווי אַ כלה, מיט לעקעך און בראָנפן און מיט קדושה און מיט חדוה, ווי עס פאַסט פאַר ייִדן.

מינדעלע האָט מיר יעדע פאַר טעג געבערענגט פרישע נייעסן פון וואַרשע: אונדזער חבר אַבראַמאָוויטש האָט חתונה געהאַט מיט טאָבקען פון זגיעזש. זיי האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. אַבראַמאָוויטש אַליין איז אַרויסגעפאָרן, אַלס פירער פון אַן עקסקורסיע. די פועלי־ציון־פאַרטיי אין ישראל וועט אים שוין דאָרט העלפן פאַרוואַנדלען די „עקסקור־סאַנטן" אין בירגער פון אייגענעם לאַנד. לויט די אָנגעקומענע ידיעות איז דער פּלאַן געלונגען.

דער גרוס האָט אונדז זייער דערפרייט. מיר זענען געווען שטאָלץ מיט אונדזער חבר יוסף, מיט זיינע וויכטיקע אויפטוען.

לעאָן שאַיאַק האָט פאָרט פאַרענדיקט די פּאָדכאָראָנזשי־שול אין דער פוילישער אַרמיי, האָט חתונה געהאַט מיט בלאַנקען פון לאָדזש. אירע פאַר־מעגלעכע עלטערן האָבן זיי געהאָלפן איינאָרדענען זיך אין אַ שיינער

דירה, ווערן לערער און שותפים אין דער לאָדזשער קאָאָפּעראַטיווער גימנאַזיע.

האַניע האָט אויך חתונה געהאַט פֿאַר אַ לערער פֿון דער גימנאַזיע. זי איז געווען גליקלעך מיט איר באַשערטן. ווען דאָס גליק קומט צום מענטש — איז נישט צו שפּעט.

די בעסטע און וויכטיקסטע נייעס האָב איך זיך דערוווּסט שפּעטער: מיינע בעסטע חברים דוד און זלמן האָבן אין נאַנסי געענדיקט דעם פֿילאָזאָפֿישן פֿאַקולטעט, האָבן באַוויזן אָנצושרייבן גאָר וויכטיקע דיפּלאָם־אַרבעטן, אין דער פֿראַנצויזישער שפּראַך, און ביידע האָבן באַקומען דעם טיטל „דאָקטאָר פֿון פֿילאָזאָפֿיע". איצט זענען זיי ביידע געקומען צוריק קיין וואַרשע און זיך גלייך גענומען צום אַרויסגעבן אַ טאָג־צייטונג „דער פֿריינד". געוויינלעך שרייבן זיי ביידע אין דער צייטונג און צוליב קאָנספּיראַציע־מאָטיוון שרייבן זיי זיך אונטער מיט פֿאַרשידענע נעמען. מינדעלע האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז דוד איז געקומען פֿון פֿראַנקרייך מיט זיין ווייב, זיסעלע און איז מיט איר געפֿאָרן צו זיינע עלטערן, קיין מעלניצע. זלמן עלבירט, זאָגט מען, האָט שוין אויך אַ זאָשקע, אַ פֿאַרברענטע קאָמוניסטקע, אַרבעט צווישן די פּאָליאַקן.

פֿון צייט צו צייט כאַפּט זיך מינדעלע אַריין צו פּעסעלע באַרנהאָלץ. זי וווינט נאָך אַלץ אין דעם זעלבן צימער אויף דזשעלנע־גאַס און אַרבעט אין אַ פֿאַרשול־קלאַס ביי קאַפּלאַנען. די קינדער דאָרט זענען פֿון פֿאַרמעגלעכע עלטערן, ריינע, אויסגעהאָדעוועטע אויף מילך און האָניק. זייער גייסטיקער באַגאַזש איז אַ רייכערער, ווי ביי די אָרעמערע קינדער. פּעסעלע באַווייזט מינדעלען די שיינע אַרבעטן פֿון די קינדער, וואָס זיי מאַכן פֿון פּאַפּיר, קאַרטאָן און סערפּאַנטין־לענטעס.

זייער גוט, וואָס די אַרבעט באַפֿרידיקט פּעסעלען און זי איז אויך מאַטעריעל נישט שלעכט איינגעאָרדנט. שוין אָפֿטער באַווייזט זיך אויף איר פּנים אַ שמייכל, אַן איינגעהאַלטן געלעכטער, אָבער זי פֿאַרגעסט נישט אין איר יונג־פֿאַרשטאָרבענעם מאַן אפֿרים. כמעט יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט גייט זי אויפֿן גענשער בית־עולם, צו זיין קבר. זי האָט שוין אַוועקגעשטעלט אַ מצבה און אַרומגעצוימט דעם קבר מיט אַ געפֿלאָכטענעם

אײַזערנעם פּלויט, זאָרגט, אַז די כריזאַנטעמעס אַרום דעם קבר זאָלן בליִען און וואַקסן. זי באַגיסט זיי יעדן טאָג, רײַסט אויס די ווילדע גראָזן. דערנאָך זיצט זי אויף דעם ספּעציעל־געמאַכטן בענקעלע, אַ מאָל אַ שעה, אַ מאָל אַפילו לענגער, מיט פאַרמאַכטע אויגן, פאַרטראַכט...

א רייזע איבער פוילן

דער יערלעכער קורס פון פּסיכאָלאָגיע און ספּעציעלער פּעדאַגאָגיק אין וואַרשע, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט די פּסיכאָלאָגין ד״ר גריגוזשעווסקאַ, האָט געהאַט פּופּציק אויסדערוויילטע לערער, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו אַרבעטן אין ספּעציעלע אַנשטאַלטן פאַר שווערע, דעפעקטיווע קינדער, פאַר בלינדע און טויב־שטומע. זיי פלעגן ווײַטער באַקומען פון דער פוילישער מלוכה זייער געהאַלט, ווי פריער, ווען זיי האָבן געאַרבעט אין די מלוכהשע שולן.

במשך פון גאַנצן שול־יאָר האָבן זיי געלערנט פּסיכאָלאָגיע, ספּעציעלע פּעדאַגאָגיק און אויך אַנדערע קעגנשטאַנדן. דעם לעצטן חודש פלעגן זיי דורכמאַכן די ערשטע פּראַקטישע אַרבעטן אין פאַרשידענע אַנשטאַלטן, אויך אין „צענטאָס״. יעדער פון זיי האָט דורכגעפירט זײַן פּראַקטיק אין די דערציִונגס־גרופּן, אין די קלאַסן, אונטער דער אויפזיכט פון אונדזערע דערציִער און לערער. אויך אין מײַן גרופּע האָבן עטלעכע לערער דורכגעפירט זייער פּראַקטיק. לויט זייער אָפּשאַצונג האָב איך שוין געקענט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ ספּעציאַליסט אין די ענינים פון דערציִען דעפעקטיווע קינדער. די אָבסערוואַציעס, וואָס איך פלעג פאַרצייכענען אין מײַנע טאָגביכער, זענען דורך זיי גאָר הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן. אַ שטאַרקן אײַנדרוק האָט אויף זיי געמאַכט די טעגלעכע וואַנט־צײַטונג, וואָס איז דערשינען אין משך פון גאַנצן יאָר. מיר האָבן אײַנגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון די צײַטונגען, צעהאָנגען זיי אויף קאָלירטע אונטערשלאַגן אויף אַלע ווענט פונעם עס־צימער, וואַרשטאַטן און קלאַסן. די קורסאַנטן האָבן אין זייערע העפטן פאַרצייכנט זיך באַמערקונגען וועגן די צײַטונגען.

נאָך איין נייער אויפטו, וואָס איך האָב דורכגעפירט אין מיין גרופּע, האָט זיי פאַראינטערעסירט. דאָס איז געווען די שפּאָר־קאַסע. יעדעס קינד האָט געהאַט אַ ספּעציעל שפּאָר־ביכעלע און פון אַכט ביז ניין אין דער פרי האָט מען געקענט אַריינלייגן און אַרויסנעמען דאָס געלט פון דער שפּאָר־קאַסע. ביז צוואַנציק גראָשן אַ טאָג האָט מען געקענט אַרויסנעמען, נישט אָנגעבנדיק אויף וואָס מען דאַרף דאָס געלט. אויב מער — האָט מען שוין געדאַרפט אָנגעבן דעם ציל. אין דעם אַלגעמיינעם שפּאָר־טאָג זענען יעדן צוגעשריבן געוואָרן די רווחים, ווי אין אַלע שפּאָר־קאַסעס. דאָס געלט האָב איך דאַך אַריינגעלייגט אין דער מלוכהשער שפּאָר־קאַסע.

פון וואַנען די קינדער האָבן גענומען געלט? אין וואַרשטאַט האָבן מיר פאַר דער אַרבעט פון איינבינדן ביכער געצאָלט יעדן קינד אַ העלפט פון דער סומע, וואָס מיר האָבן באַקומען. אַזוי איז אויך געווען אין סטאָליער־וואַרשטאַט, ווו מיר פלעגן אָננעמען באַשטעלונגען אויף שאַכמאַט־קעסטעלעך און קינדער־בענקעלעך.

נאָך דער דורכגעמאַכטער פּראַקטיק איז פאַרגעקומען אַ ספּעציעלע פּעדאַגאָגישע זיצונג, מיטן אָנטייל פון ד״ר ראָזענבלום, פּעדאַגאָגן און קורסאַנטן פון ספּעציעלן פּעדאַגאָגישן קורס. זיי האָבן זיך געטיילט מיט זייערע איינדרוקן און באַמערקונגען. ד״ר גריגוזשעווסקאַ האָט אין איר שלוס־וואָרט געזאָגט:

„אייער טעגלעכע צייטונג איז אַ וויכטיקערביישטייער אין אונדזער שווערער אַרבעט. לויט אונדזער טראַדיציע, פאָרן מיר איצט אַרויס אויף אַ חודש צייט אויף אַן אויספלוג איבער גאַנץ פּוילן. אונדז איז פאַרבליבן אַ פריי אָרט און מיר ווילן פאַרבעטן דעם ה׳ פּערעל מיטצופאָרן מיט אונדז. זיין רייזע וועט באַרייכערן זיין גייסטיקן באַגאַזש און וועט ברענגען אייך אַלעמען פיל נוצן...״

די ווערטער האָבן מיך אָנגעגליט. דאָס האַרץ האָט ביי מיר גענומען קלאַפּן האַסטיק. איך האָב דערפילט אויף זיך אַלעמענס בליקן און איך האָב נישט געפונען קיין ווערטער אויסצודריקן מיינע געפילן.

געפאָרן בין איך אויפן חשבון פון מיין קומענדיקן אורלויב. מען האָט אונדז איינגעאָרדנט אין אַ גרויסן פולמאַן־וואַגאָן. איך האָב באַקומען אַן

אָרט אויף דער אויבערשטער ליג־באַנק, אויסגעבעט מיט אַ מאַטראַץ און בעטגעוואַנט. אָט דאָ דאַרפֿן מיר וווינען אין משך פֿון גאַנצן חודש. לויט אַ געניויעם פּלאַן דאַרפֿן מיר באַזוכן לערן־אַנשטאַלטן, פֿאַבריקן און שאַכטעס. אַלץ איז געווען פֿון פֿאָרויס באַשטימט און אומעטום האָט מען אונדז אָפּגע־וואַרט. עס איז געווען אַ חודש פֿון אָנגעשטרענגטער מי און אַרבעט. אין די שלעזישע שטעט און שטעטלעך האָט זיך דעמאָלט געפֿילט די געוואַלדיקע השפּעה פֿון די דייטשן סיי אויפֿן עקאָנאָמישן, סיי אויפֿן געזעלשאַפֿטלעכן געביט. אין די ביכער־געשעפֿטן האָט מען פֿראַנק און פֿריי פֿאַרקויפֿט היטלערס „מיין קאַמף".

מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין די שאַכטן, אַ קילאָמעטער די טיף, מיט מעטאַלענע קאַסקעס אויף די קעפּ. מיר איז אויסגעקומען צו פֿירן אַ בלינדן לערער, וואָס האָט זיך געקליבן צו זיין אַ לערער פֿאַר בלינדע קינדער. ער אַליין איז בלינד געוואָרן בשעת די מאַנעוורעס אין דער אַרמיי. איך האָב אים איבערגעגעבן אַלץ, וואָס מיר האָבן באַגעגנט און פֿון זיינע פֿראַגן האָב איך אַרויסגעדרונגען, אַז ער פֿאַרשטייט זיך אין די ענינים אַ סך מער פֿון מיר. אין קראָקע האָבן מיר באַזוכט דעם וואַוועל, דער סימבאָל פֿון פּוילנס אַמאָליקער רייכער געשיכטע. אין לעמבערג — די שול, אין דעם קלויסטער, פֿאַר טויב־שטומע, ווו די לערער רעדן צו זייערע שילער דורך אַ מיקראָפֿאָן און די שילער טראָגן אויף די אויערן הער־טרייבלעך. אין דער שול פֿאַר בלינדע קינדער, האָבן די שילער אָנגעוויזן אויף דער געאָגראַפֿישער קאַרטע, שטעט, טייכן און בערג.

מיינע באַציִונגען מיט די מיטפֿאָרער זענען קאָרעקטע, אָבער ווייט נישט קיין וואַרעם־חברישע. קיינעם האָט נישט אינטערעסירט צו וויסן עפּעס נענטערס וועגן מיר, וועגן מיין פּערזענלעכן לעבן. אויך זיי אַליין צווישן זיך האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערס וואַרעמער באַציִונג.

אַ זעלטענער חודש פֿון רייכע איינדרוקן, פֿון צעצווייגטן וויסן, פֿון באַקענען זיך מיט אַלץ נייע שטעט און אַנשטאַלטן, מיט די פֿאַרשידענע שיכטן פֿון דער פּילפֿאַרביקער באַפֿעלקערונג, וואָס באַוווינט די רייכע פּוילישע ערד.

אַ קינד

ווי שיין דער בוים זאָל נישט אויסזען, ווי געדיכט ער זאָל נישט זיין צעצווייגט און באַבלעטערט, אינטערעסירן זיך מענטשן מער מיט זיינע פרוכטן, מיט די עפּל און מאַראַנצן, וואַרטן מיט אומגעדולד, זיי זאָלן ווערן רייף, געשמאַק און זאַפטיק.

דאָס זעלבע איז מיט דער ליבע. די פרוכטן פון די פאַרליבטע זענען קינדער. ביידע האָבן מיר שטאַרק ליב געהאַט קינדער. אַזוי איז עס געווען אין אונדזער פּעדאַגאָגישער אַרבעט. אָבער פרעמדע קינדער קענען נישט פאַרבייטן קיין אייגענע. מיר זענען ביידע שוין איבער די דרייסיק, מאַטעריעל נישט שלעכט באַזאָרגט און עס זענען שוין אַריבער העכער דריי יאָר נאָך אונדזער חתונה.

מען קאָן זיך דערפאַר פאַרשטעלן די פרייד מיינע, ווען מינדעלע האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין שוואַנגערשאַפט. זי האָט עס מיר געמאָלדן מיטן פולן באַוווּסטזיין און גרויסער פרייד פון אַ צוקונפטיקער מוטער.

ביידע האָבן מיר וועגן דעם ווייניק גערעדט, אָבער אַ סך געטראַכט. איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַ גרעסערע דירה, אַ באַזונדערע, מיט אַ קיך און אַנדערע באַקוועמלעכקייטן. מיר פלעגן מאַכן אָפטע שפּאַצירן אין וואַלד. סוף־כל־סוף האָבן מיר באַקומען אַ גאַנצן פרייען טאָג, באַזוכט טעאַטער־פאַרשטעלונגען, קינאָ, געגאַנגען צו אונדזערע פריינד, דוד און זלמן, וועלכע זענען געווען שטאַרק פאַרנומען אין דער רעדאַקציע „דער פריינד״. צו זיי איז דעמאָלט צוגעטרעטן דער טאַלאַנטירטער יידישער שרייבער אַלטער קאַציזנע, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענע פאָטאָ־אַטעליע און האָט געטראָגן אויף זיך די גרויסע לאַסט און אַחריות און מאַטעריעלן זאָרג פאַר דער צייטונג.

אומגעריכט האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע פון לוצק:

„דער טאַטע איז געפערלעך קראַנק״.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אונטער דער טעלעגראַמע באַהאַלט זיך עפּעס ערגערס און גלייך אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע, אָבער נישט געוואַרט

אויף קיין תשובה און גלייך מוצאי־שבת אַרויסגעפאָרן מיטן עקספּרעס־צוג קיין לוצק.

י׳ כסלו

זונטיק, באַגין, בין איך אָנגעקומען אַהיים און גלייך באַמערקט, אַז אין שטוב זענען די פענצטער אָפן, כאָטש אין דרויסן איז געווען קיל און ווינטיק. אויך די טירן זענען געווען אָפן. מיין אַריינקומען אין שטוב, ווו עס זענען געווען אַ סך מענטשן, האָט אויסגעזען אויסטערליש. אין דער שטילקייט האָט זיך דערהערט אַ צעווייטיקט העשען, וואָס איז געקומען פון אַלע ווינקלען.

רעכטס ביים אַריינגאַנג האָב איך דערזען אויף דער פּאָדלאָגע אויסגעצשפּרייט אַ שוואַרצן טוך און צוויי רויכערנדיקע ליכט פון ביידע זייטן. מיין מאַמע איז געזעסן אויף אַ נידעריק בענקעלע און איר שוואַרץ קלייד האָט זיך ווי צונויפגעגאָסן מיטן אויסגעשפּרייטן טוך. אירע ליפּן האָבן שטיל געמורמלט קאַפּיטלעך תהילים. ביי מיין אַריינקומען האָט זי זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אַרויפגעפאַלן אויף מיר מיט אַ געוויין. איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אין גאָרגל איז געשטאַנען אַ האַרטער קנויל. איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער, אויפגעדעקט אַ שפּיץ פון טוך און דערזען פאַר זיך דעם טאַטנס אויסגעצויגן געל־וואַקסן פּנים. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דער טאַטע ליגט שוין פון פרייטיק אָן. מען וואָלט אים באַוויזן מקבר צו זיין נאָך פאַר שבת, האָט זיך אָבער יחיאל איינבינדער, דער מנהל הקרקעות פון דער קהילה איינגעשפּאַרט, מען זאָל באַצאָלן פינף טויזנט זלאָטעס פאַר אַ קרקע.

צוזאַמען מיט מיין עלטערן ברודער בעני בין איך אַוועק אין דער קהילה, וואָס איז געווען גענוג וויט, אויף באַלניטשנע־גאַס, דאָרט האָבן מיר נאָך געדאַרפט אַ ביסל צוּוואַרטן ביז ער, דער קהלישער טוער, איז געקומען.

— אָ, ביסט געקומען אַזש פון וואַרשע? זייער שיין, אַ כיבוד אָב — האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ כיטרע שמייכעלע אויף די ליפּן.

— אפשר צוליב מיר האָט איר עס געוואָרט מיטן אויסטיילן אַ קרקע פאַר מיין טאַטן? — האָב איך אַ זאָג געטאָן אין אַן איינגעהאַלטענעם טאָן.

— אַוודאַי, צוליב דיר. געדענקסט, ווי דו האָסט אַ מאָל מיין זון מבייש געווען, טאַקע דאָ אָ, אין דער קהילה, בפני כל עם ועדה?

איך האָב געפילט, ווי דאָס האַרץ נעמט מיר שטאַרקער קלאַפּן און עס פאַרפּעלט מיר אָטעם. די הענט האָבן זיך מיר צונויפגעקאַרטשעט אין קולאַקעס. איך האָב זיך געוואָלט וואַרפן שלאָגן, אָבער איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער, נישט געקאָנט באַוועגן מיט קיין אבר.

יחיאל האָט באַמערקט מיין צושטאַנד, צו וועלכן ער האָט מיך דערפירט. מעגלעך, אַז דאָס האָט אים אַ הנאה געטאָן. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען זיך אָפּצוטראָגן באַצייטנס.

צוביסלעך בין איך געקומען צו זיך. איך האָב זיך דערמאָנט מיט צען יאָר צוריק, ווען איך האָב אָנגעשריבן אַ טעאַטראַלן דיאַלאָג צווישן אַן עלטערן ייד און זיין יידענע און צווישן אַנדערע דערציילט ער איר וועגן די חתנים, וואָס פאָדערן אַ סך נדן ביי מיידלעך, כאָטש זיי זענען נידעריק און מיאוס, מיטן יחוס פון סטאָלאַרעס א. אַ. וו.

דער דועט האָבן מיר געשפּילט אויף דער בינע פון קהלהשן זאַל. אויפן אַנדערן טאָג איז יחיאל איינבינדער געקומען צו מיין טאַטן אין געוועלב אַריין און געמאַכט אַ סקאַנדאַל.

— וואָס האָט אייער בנאָק געהאַט צו מיין זון, ער זאָל אים באַשפּייען און חוזק מאַכן פון אים בפני כל עם ועדה? מיין טאָכטער איז געקומען אַהיים מיט אַ געוויין... כ'וועל זיך נאָך אין אייך נוקם זיין.

ווען איך האָב זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָב איך זיך פאַרענטפערט פאַר יחיאלן, אַז איך האָב גאָרנישט געמיינט, אַפילו נישט געוווּסט, אַז זיין זון שטייט אין שידוכים...

באַלד איז יחיאל אַריינגעקומען, מיט שטילע טריט, און אַ זאָג געטאָן:

— צוזאַמען מיטן פרעזעס האָבן מיר באַשלאָסן אַראָפּצולאָזן פונעם פרייז. צאָלט אין דריי טויזנט זלאָטעס און ברענגט אים צו קבר ישראל.

עס האָבן נישט געהאָלפן אונדזערע געבעטן, ער זאָל נעמען אין אַכט אונדזער לאַגע. דעם טאַטנס קראַנקייט האָט אָפּגעקאָסט אַ סך געלט. עס האָבן געמוזט אונטערשרייבן דריי וועקסלען מיינע דריי ברידער.

צוריקוועגס האָבן מיר באַשטעלט אין זבאַרס דרוקערײַ קלאַפּסידרעס, אָנגעגעבן די שעה פון דער לוויה — פיר אַזייגער נאָכמיטאָג.

עס איז געווען זונטיק, די געוועלבער זענען געווען פאַרמאַכט. אַ סך מענטשן אין שטאָט האָבן געוווסט וועגן דער עוולה, וואָס יחיאל איינבינדער האָט אָפּגעטאָן, נישט דערלאָזנדיק דעם מת ברענגען צו קבורה פאַר שבת. עס זענען געקומען אַ סך עלטערע און יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי אונדזער שטוב באַגלייטן מיין טאַטן אין זיין לעצטן וועג.

בלויז די איידעמס און די נאָענטע קרובים האָבן געטראָגן די מיטה דורך דער גאַנצער שטאָט. איינער האָט געטוישט דעם אַנדערן, כאָטש דער מת איז נישט געווען שווער, בלויז הויט און ביין. צוגייענדיק צום אָפענעם קבר איז מיין בליק געפאַלן אויף דעם דערנעבנדיקן קבר מיט דער מצבה, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעקריצט דער נאָמען: קאַמיעניעצקי. די אותיות האָבן געשטאָכן, ווי שאַרפע שפיזן. דאָס איז דאָך דער, וואָס האָט מיין פאָטער באַרויבט און קראַנק געמאַכט. דאָס איז געווען יחיאל איינבינדערס נקמה. ער האָט געהייסן באַגראָבן דעם טאַטן נעבן זיין גרעסטן שונא.

מיין עלטערער ברודער בן־ציון האָט דער ערשטער אָנגעהויבן זאָגן: „יתגדל ויתקדש...״

אין די שבעה־טעג

באַלד נאָך די אָבלדיקע מנחה־מעריב האָב איך זיך שוין אָנגעהויבן גרייטן צוריק אין וועג אַריין. מינדעלעס עלטערן זענען געקומען צו פאָרן פון דאָרף אויף דער לוויה פון מיין טאַטן און זענען די ערשטע אַריין צו אונדז מנחם אָבל זיין. גלייכצייטיק האָבן זיי געוואָלט האָבן פון מיר אַ לעבעדיקן גרוס פון זייער בת יחידה.

צוזאַמען מיט מינדעלעס עלטערן בין איך אויך געפאָרן צו דער באַן.

זיי האָבן אויף ביינאַכט נישט געקענט בלייבן אין לויצק, ווייל מען האָט נישט געקענט לאָזן אין דאָרף דאָס געוועלב אָן אָן אויפזיכט.

דעם גאַנצן וועג ביז וואַרשע בין איך געשלאָפן. די פּסיכישע איבערלעבונגען פונעם לעצטן מעת־לעת האָבן שטאַרק געשפּאַנט מיינע נערוון און דער שלאָף איז פאַר מיר געווען די בעסטע רפואה.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָבן זיך שוין געלאָשן די לעצטע שטערן אויפן הימל. דער צוג האָט זיך געשטעלט. אָט בין איך שוין ווידער אין דער היים. דער ערשטער, וואָס איז מיר צופעליק אַנטקעגנגעקומען, איז געווען האַרענשטיין. ווען ער האָט געהערט די ידיעה וועגן טויט פון מיין טאַטן, האָט ער מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך בין נישט פאַרבליבן דאָרטן די שבעה־טעג.

— כ'בין דאָך אַזוי אומגעריכט אָפּגעפאָרן, נישט באַוויזן צו מעלדן. איבעריקנס, ביי דער אַרבעט וועל איך זיך גיכער באַרויקן.

האַרענשטיין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזאָגט: אַזוי זענען זיי די היינטיקע יונגעלייט...

דעם גאַנצן טאָג האָב איך פאַרבראַכט מיט די קינדער, לויטן רעגולערן סדר היום. ערשט אין אָוונט, פאַרן שלאָף, האָב איך זיי דערציילט איניקע עפּיזאָדן פון מיין פאָטערס לעבן. די קינדער האָבן עס אויפגענומען, ווי יעדע דערציילונג, מיט אינטערעס און נייגער. ריסיע האָט זיך אַפילו איבערגעדעקט דאָס פּנים מיט דער קאָלדרע, מען זאָל נישט זען, ווי ער וויינט.

שלומקע

פּראָפעסאָר שניאורסאָן איז געווען פאַררעכנט צו די פריינד פון אונדזער אַנשטאַלט. די דאָקטאָרין ראָזענבלום פלעגט זיין מיטן פּראָפעסאָר אין שטענדיקן קאָנטאַקט, באַראַטן זיך מיט אים אין געוויסע שווערע פאַלן. דאָס מאָל האָט דער פּראָפעסאָר זיך געוואָנדן צו אונדז אין דער פראַגע פון אַן אויסטערליש יידיש קינד, וואָס שטאַמט פון אַ בכבודיקער רבנישער פאַ־

מיליע, אַ בן יחידל, מיט וועלכן מען האָט זיך שוין אָפּגעמאַטערט אַן אַכט יאָר, אַרומגעפּאָרן מיט אים צו די גרעסטע רביים, אָנגעהאָנגען שוין אויף אים פאַרשידענע קמיעות, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. דער דיבוק האָט זיך נישט געלאָזט פון אים אַרויסטרייבן, נישט מיט גוטן און נישט מיט שלעכטן. סוף־כל־סוף האָט די אומגליקלעכע מוטער באַשלאָסן צו ווענדן זיך צום פּראָפעסאָר שניאורסאָן.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך מיט שלומקען שטאַרק פאַראינטערעסירט. אויסערלעך האָט דאָס קינד נישט אויסגעזען אַנדערש פון אַנדערע קינדער אין זיין עלטער. ער איז געווען פון מיטעלן וווּקס, גוט געפלעגט, מיט איידעלע געזיכטס־שטריכן, בלויז זיינע שוואַרצע אויגן זענען געווען ווי פאַרקוקט אין אַן אַנדערער וועלט, אין אַן עולם התוהו. אָנגעטאָן איז ער געווען שיין און ריין. די עלטערן האָבן געזאָגט, אַז ער טוט זיך אַן אַליין, נויטיקט זיך נישט אין קיין הילף ביים עסן, טרינקען און טאָן זיינע באַדערפעניש. פיזיש איז ער געווען פולשטענדיק געזונט, נאָר וואָס שייך דער פסיכישער אַנטוויקלונג איז ער ווי פאַרגליווערט געוואָרן ביים סאַמע אָנהויב פון זיין לעבן. ער איז געווען אַ בן־זקונים ביי זיינע עלטערן, וואָס וואָלטן געקאָנט אָנגיין אַלס זיידע־באָבע. פּראָפעסאָר שניאורסאָן צוזאַמען מיט דאָקטאָר ראָזענבלום האָבן געפּרווּט מיך פאַראינטערעסירן מיט שלומקען, פאָרגע־לייגט מיר צו נעמען אים אונטער מיין השגחה און אָבסערוואַציע, כדי צוזאַמען געפינען דעם שליסל צו זיין נשמה.

איך האָב אויסגעדריקט מיין מורא, אַז צוליב שלומקען וועט מיר אויסקומען צו פאַרנאַכלעסיקן די אַנדערע. אָבער ד״ר ראָזענבלום האָט מיר צוגעזאָגט צו באַזאָרגן מיט אַ געהילף, וואָס וועט נישט אָפּטרעטן פון שלומקען אין משך פונעם גאַנצן טאָג. איך וועל נאָר דאַרפן שרייבן דאָס טאָגבוך, די אָבסערוואַציעס און פאַרשריטן.

שלומקע איז אַריין אין מיין דערציִערישער גרופּע, געשלאָפן אינעם קלענערן צימער, וווּ עס זענען געשטאַנען בלויז פינף בעטן, דער צימער האָט זיך געפונען קעגנאיבער מיין צימער, כדי איך זאָל האָבן אַ בעסערע אויפזיכט איבער אים אויך אין די נעכט.

מען האָט געדונגען אַ דערוואַקסן מיידל, וואָס האָט נאָר וואָס פאַרענ־

דיקט די עלעמענטאַר־שול און זי פלעגט קומען יעדן אין דער פרי און אַוועקגיין נאָכן אָונטברויט. געגעסן צוזאַמען מיט שלומקען, שפּאַצירט מיט אים אין וואַלד, גערעדט מיט אים יידיש. יעדן טאָג פלעגט זי, אירקע האָט מען זי גערופן, איבערגעבן מיר אַ באַריכט פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג און איך האָב די וויכטיקסטע אָבסערוואַציעס פאַרשריבן אין שלומקעס טאָג־בוך.

שלומקע האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו אירקען און צו מיר. אַליין האָט ער נישט געטאָרט בלייבן אויף קיין מינוט. ווי נאָר אירקע האָט זיך אָפּגעקערט פון אים אויף אַ קורצער צייט, האָבן זיך שוין געהערט אויסגע־שרייען:

— שלומקע צערייסט דעם לינאָלעום פון דער פּאָדלאָגע.

— שלומקע ברעכט די שויבן אין עס־צימער.

אין אַזעלכע פאַלן פלעג איך צוטוליען זיין קאָפּ צו מיר און ער האָט זיך געלאַשטשעט ווי אַ פּיצל קינד צו זיין מוטער און זיך באַרויִקט. ביסלעכ־ווייז האָט ער אויך אָנגעהויבן אַרויסברענגען קורצע אָפּגעהאַקטע קלאַנגען אין יידיש.

— שלומקע, ווילסט עסן?

— ווילסט עסן? — האָט ער איבערגעחזרט מיט דער אינטאָנאַציע פון אַ פראַגע.

ריסיאַ האָט שלומקען גענומען פאַר אַ ברודערל. אייַן ברודערל האָט ער שוין געהאַט, פיליפּעקן. זענען זיי אַזוי אַרום ביידע געוואָרן שלומקעס ברידערלעך, געזאָרגט פאַר אים, פאַרווילט אים אין שלאָף־צימער, נאָך אירקעס אַהיימגיין. עס איז נאָר געווען אַ שאָד, וואָס זיי האָבן נישט געקענט רעדן קיין יידיש.

ריסיאַ פלעגט זיך קלאָגן פאַר מיר:

— שלומקע פאָלגט מיך נישט, איך פיר אים אין בית שימוש, אָבער איידער וואָס־ווען, נעצט ער אויס די בעטן.

ריסיאַ אַליין פלעגט זיך נעצן אין די נעכט, אָבער, אַז שלומקע זאָל באַנעצן זיין בעט — האָט ער נישט געקענט ליידן.

איך האָב באַקומען מיט שלומקען אַ געמיינזאַמע שפּראַך. באַלד נאָך

אָוונט־ברויט איז ער אַ מאָל געשטאַנען צוגעטוליעט צו דער שויב פון פענצטער און ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו אים מיט שטילע טריט, האָב איך דערהערט ווי שלומקע מורמלט שטיל אַ באַקאַנטן חסידישן ניגון. עטלעכע סעקונדן בין איך געשטאַנען און זיך איינגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. איך האָב דעם ניגון געקענט און צוזאַמען מיט אים אָנגעהויבן מורמלען. פלוצים האָט ער זיך אומגעקערט אין מיין זייט און אַ לייכטער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זיין פּנים.

אויך דער פּראָפעסאָר שניאורסאָן האָט די ידיעה אויפגענומען מיט פרייד, געהאַלטן עס פאַר אַ קאַלאָסאַלער דערגרייכונג און מיך געמוטיקט צו ווייטערדיקער אַרבעט.

איך בין געווען צופרידן מיט מיין דערפאָלג. דאָס האָט מיך אָבער צו טייער געקאָסט, צופיל צייט, וואָס האָט ביי מיר צוגענומען אַ סך פון די געמיינזאַמע שפּאַצירן מיט מינדלען אין וואַלד. אויך די דערציערישע אַרבעט מיט אַנדערע קינדער האָט אַ ביסל געליטן צוליב אים. אָפט פלעג איך מוזן איבעררייסן מיין דערציילונג פאַרן שלאָף, ווייל שלומקע האָט זיך מיט אַ מאָל צעבריקעוועט און איך האָב אים געמוזט באַרויקן.

צומבעסטן האָב איך אים באַרויקט מיט דעם ניגון. ריסיאַ און פיליפּעק האָבן מיך שוין געקענט פאַרטרעטן, זינגענדיק מיט אים איינעם פון זיינע ניגונים, וואָס איך האָב זיי אויסגעלערנט. אירקע פלעגט זיך קלאָגן פאַר מיר, אַז עס איז איר שווער צו זיין מיט שלומקען אַ גאַנצן טאָג. זי איז געוואָרן איינגאַנצן אָפּגעריסן פון אירע חברטעס, זעט נישט די וועלט. פאַרוואָס דאַרף זי זיין ערגער פון אַנדערע, וואָס אַרבעטן נישט מער ווי אַכט שעה?

אירע טענות זענען געווען גערעכטע און איך האָב געפּרוּווט באַפרייען זי צוויי מאָל אין דער וואָך אַרום פינף נאָכמיטאָג. זי האָט אים דאַן געברענגט צו מיר אין עקספּערימענטאַלן וואַרשטאַט אַריין, ווו איך האָב געפּרוּווט אים באַשעפטיקן מיט פיזישער אַרבעט. געוויזן אים ווי אַזוי אַריינצוקלאַפּן מיט אַ העמערל טשוועקעלעך. נאָך געוויסע באַמיִונגען איז עס מיר געלונגען, ער האָט געאַרבעט שטיל, לאַנגזאַם און מיט אינטערעס.

אויף די ברעטלעך האָב איך מיט אַ בלייפעדער אויסגעצייכנט די אותיות

פון זיין נאָמען און איבער די שטריכן בין איך איבערגעגאַנגען מיט אַן אַל און געמאַכט קליינע לעכערלעך און ער האָט אין זיי אַריינגעקלאַפּט די טשוועקעלעך. בעת דער אַרבעט האָט ער זיך עטלעכע מאָל צעקלאַפּט זיין האַנט מיטן העמערל, האָט אָבער דערפון זיך גאָרנישט געמאַכט, בלויז אַריינגעכאַפּט דעם פאַרבלוטיקטן פינגער אין מויל אַריין און געצמאָקעט דאָס בלוט. דאָס איז געווען דער בעסטער סימן, אַז די אַרבעט געפעלט אים. אַלע מאָל האָב איך איבערגעלייענט אויפן קול: ש־ל־ו־ם.

שפּעטער האָב איך אים געגעבן איילפאַרב מיט אַ פּענדזל און געלערנט אים פאַרבן דאָס קעפּל פון די טשוועקעס מיט ווייסן און רויטן קאָליר. אויך די דאָזיקע אַרבעט מיט די פאַרבן האָט אים פאַראינטערעסירט. יעדעס אות האָבן מיר אַרויסגעהאַנגען אויף דער וואַנט און די קינדער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי מיר אין וואַרשטאַט האָבן שוין געקענט איבערלייענען דאָס איינציקע וואָרט מיט יידישע אותיות — שלום.

מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז אַזוי אַרום וועלן אויך די אַנדערע קינדער זיך אויסלערנען יידישע ווערטער. ליידער, האָט מען די קינדער אין „צענטאָס" נישט געלערנט קיין יידיש, נישט קיין העברעיש.

וועגן אַלעם פלעג איך פאַרשרייבן אין שלומקעס טאָגבוך און אינפאָר־מירן דעם פּראָפעסאָר שניאורסאָן.

אויך האָרענשטיין האָט אָנגעקוואָלן פון מיין אויפטו צו לערנען די קינדער יידישע ווערטער. אויך איניקע יידישע ניגונים, וועלכע איך פלעג זינגען מיט שלומקען, האָבן אויך אַנדערע קינדער געזונגען. בעת דער אַרבעט אין וואַרשטאַט פלעגן אַלע מיטזינגען דעם ניגון, אָבער שלומקען איז אונדז נישט געלונגען אַריינצוציען אין דעם אַלגעמיינעם כאָר. בלויז אין די אָוונטן האָט ער מיט זיינע ברידערלעך מיטגעזונגען דעם ניגון. ער האָט געהאַט אַן אָנגענעמע שטים און געזונגען מיט געפיל. ער פלעגט שוין ענטפערן אויף מיינע פראַגן: יאָ, אָדער ניין, אָנשטאָט איבערצוחזרן די פראַגע.

אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען ער וואָלט געווען ביי מיר דער איינציקער און נישט איינער פון דרייסיק. עס זענען אַריבער שוין פיר חדשים. מינדעלע איז שוין געווען אין די הויכע חדשים און איך האָב איר געדאַרפט שענקען

מער אויפמערקזאַמקייט, אָבער ווו נעמט מען די פרייע צייט? די אַרבעט איז שווער, נישטאָ כמעט קיין איין טאָג אָן קאָנפליקטן. קוליאַווסקי און בראַדאַטי ווייזן אָפט אַרויס זייער איבערמאַכט אין גבורה לגבי די קלענערע און שוואַכע. ווו נעמט מען צו דעם אַלעם צייט? דערצו זענען נאָך געקומען צו פאָרן שלומקעס עלטערן צום פּראָפעסאָר און געבעטן אים, מיט טרערן אין די אויגן, מען זאָל זיי דערלויבן צו זען זיך מיט זייער זון. דער פּראָפעסאָר האָט זיי דערלויבט און אין דעם קליינעם קאַבינעט פון ד״ר ראָזענבלום זענען זיי געזעסן און געוואַרט.

איך האָב אַריינגעפירט שלומקען אין קאַבינעט אַריין. ער איז שטיין געבליבן ביי דער טיר. די מוטער איז צוגעלאָפן צו אים, אַרומגענומען אים און געקושט. ער האָט זיך געלאָזט קושן, כאָטש ער איז געווען גלייכגילטיק צו דעם, לכל הפּחות, אַזוי האָט עס אויסגעזען פאַר אַ פרעמד אויג. ווי נאָר די מוטער האָט אים אָפּגעלאָזט און ער האָט דערזען דעם טאַטן, איז ער אין גרויס שרעק אַרויסגעלאָפן פון קאַבינעט, געלאָפן אָן אויפהער, כאָטש ער האָט געזען, אַז בלויז איך בין אים נאָכגעלאָפן. ביים צוגעשלאָסענעם טויער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב אים צוגעטוליעט צו זיך, געפילט, ווי ער ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער זיינעם.

— ער האָט זיך נישט געטאָרט טרעפן מיט זיי — האָב איך געטראַכט און שפּעטער געשמועסט וועגן דעם מיט דער אומגליקלעכער מוטער. זי האָט דערציילט, אַז דער פאָטער פלעגט אים קאַטעווען ביז בלוט.

— איך, ווייזט אויס, האָט ער ליב — האָב איך זי באַרויִקט — אפשר וועט איר נאָך האָבן פון אים נחת.

נאָך זייער אָפּפאָרן האָט זיך שלומקעס אויפפירונג פאַרערגערט. אירקע האָט נישט געקענט פון אים אָפּטרעטן אויף קיין מינוט. אָפט פלעגט זיך אים אויסדוכטן, אַז מען יאָגט זיך נאָך אים און האָט גענומען לויפן, לויפן, קוים מען האָט אים געקענט דעריאָגן.

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז געווען פּסח. אין שול און אין די וואַרשטאַטן האָט מען נישט געאַרבעט און מען האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן אַלגעמיינע שפּילן, אַזוי אַז די דערציער און לערער איז אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט גרעסערע גרופּן קינדער. אירקע האָט אָפּגעאַרבעט ביז נאָכמיטאָג און

געבעטן זיך ביי מיר, איך זאָל זי באַפרייען. איך האָב שלומקען איבערגעגעבן אין די הענט פון ריסיען און פיליפּעקן, זיינע „ברידער".

ווי נאָר אירקע איז געגאַנגען אַהיים איז געקומען צו לויפן פיליפּעק מיט אַ געשריי:

— שלומקע איז אַנטלאָפן. ווען מען האָט פאַר עמעצן געעפנט דאָס טויער איז ער אַרויס.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גייעג נאָך אים. איך און די עלטערע קינדער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די אַטוואָצקער גאַסן, אין די נאָענטע וועלדער, אָבער אין ערגעץ איז נישט געווען קיין שפור פון אים. דער אָוונט איז צוגעפאַלן און איבערן וואַלד האָט דער ווינט צעטראָגן אונדזערע רופן אין אַלע זייטן:

— שלומקע! שלומקע!...

עס איז געוואָרן נאַכט, אַ פינצטערע נאַכט, וואָס האָט ביי מיר צוגע־רויבט מיין רו. שמואל האָט מיך פאַרטרעטן אין דער דערציִונגס־גרופּע און איך בין אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, אויסגעווען אין אַלע פּאָליציי־באַצירקן אין אָטוואָצק, אין שרודבאָרוו, ביז פאַלעניץ, אָבער אין ערגעץ איז נישט געווען קיין שום ידיעה וועגן אים.

עס איז אַדורך אַ שלאָפלאָזע נאַכט און מיך האָט נישט אויפגעהערט צו מאַטערן דאָס בילד פון דער באַגעגעניש מיט די עלטערן. איך בין כמעט זיכער געווען, אַז דאָס איז געווען די אמתע סיבה פון שלומקעס אַנטלויפן.

אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר צעקלעפּט מודעות איבער דער גאַנצער „ליניע" מיט אַ באַשרייבונג פון שלומקעס אויסזען. די זוכענישן האָבן ווייטער געדויערט.

מינדעלע האָט זיך שטאַרק געערגערט, הלמאַי איך עס נישט, טרינק נישט און שלאָף כמעט נישט. דריי טעג האָבן מיר אים אַזוי אַרומגעזוכט. ערשט אויפן פערטן טאָג האָט מען פון דער פאַלעניצער פּאָליציי־סטאַציע געקלונגען, אַז די פישער האָבן אַרויסגענומען פון טייך אַ בחור, וואָס איז ענלעך צו אונדזער באַשרייבונג.

— אַ טויטן?

— ניין. ער לעבט און פילט זיך גוט. ער איז ביי אונדז.

מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש בין איך מיט דער ערשטער באַן אַוועק קיין פּאַלעניץ. אַריינקומענדיק אין דער פּאָליציי האָב איך גלייך באַמערקט שלומקען. ער איז געשטאַנען ביים טיש מיט אַ סטעמפּל אין דער האַנט און געסטעמפּלט פּאַפּירן. דער טיש איז געווען פול אָנגעשיט מיט געסטעמפּלטע פּאַפּירן.

— אַט אַזוי שטייט ער שוין עטלעכע שעה און סטעמפּלט — האָט זיך אָנגערופן דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר מיט אַ שמייכל — באַפרייט מיך שוין פון אים, איך בעט אייך...

אונדזער אַרבעט

עס איז שווער צו באַשרייבן דעם גאַנצן פאַרנעם פון דער דערציִערישער אַרבעט מיט די דעפּעקטיווע קינדער, וועגן דעם צוזאַמענלעבן, סיסטעם און באַזונדערע אַרבעטס־מעטאָדן. דאָס זענען אָן אַ שיעור רינגעלעך פון איין גרויסער גאַנצקייט. יעדער רינג באַזונדער איז פון גרויסער וויכטיקייט. דאָ וויל איך זיך באַגרענעצן נאָר מיט עטלעכע וויכטיקע שטריכן, וואָס זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַרבעט פונעם פּעדאַגאָגישן קאָלעקטיוו אין דעם דאָזיקן איינציקן פון דעם מין אַנשטאַלט פאַר יידישע קינדער אין פּוילן.

דער אַנשטאַלט איז טאַקע געווען אַ פאַרמאַכטער, אָבער נישט קיין קאַזאַרמע מיט אַ שטרענגער דיסציפּלין. דאָס איז געווען אַ רעזשים פון לערנען זיך, פון פּראָפעסיאָנעלער אויסשולונג, פון זעלבסט־באַדינונג. דער גאַנצער טאָג, פונעם אויפשטיין ביזן לייגן זיך שלאָפן, איז געווען אויסגעפולט מיט לערנען און אַרבעט. אַלע אַרבעטן זענען אויסגעפירט געוואָרן דורך די קינדער אַליין, לויט דער ריי. יעדער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן קאָלעקטיוו מער ווי פאַר זיין דערציִער. די קינדער האָבן געהאַט זייער אייגענע סאַניטאַר־קאָמיסיע, וואָס האָט קאָנטראָלירט און איין מאָל אין דער וואָך פאַרעפנטלעכט אין דער וואַנט־צייטונג די נעמען פון די, וואָס האָבן צומבעסטן אויסגעפירט זייער אַרבעט.

די צעטיילונג פונעם אַרבעטס־טאָג איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער גענויקייט: זיבן אין דער פרי איז מען אויפגעשטאַנען, אַלע גלייך, פאַרבעט די בעטן, געוואַשן זיך און די דיזשורירנדיקע האָבן זיך גענומען צום רוימען; אַכט אַזייגער — פרישטיק. די קינדער האָבן לויט דער ריי געבראַכט דאָס געשיר און דאָס עסן פון קיך פאַר אַלע, צוגעטיילט יעדן זיין חלק. ברויט איז געווען פריי; פון ניין ביז איינס האָבן אַלע געלערנט אין שול. בלויז אַ טייל פון די עלטערע קינדער זענען נאָכן פאַרענדיקן די פיר אָנפאַנגס־קלאַסן, געגאַנגען זיך לערנען אין דער שטאָטישער „פּאָושעכנאַ"־שול; צווי אַ זייגער — מיטאָג. די דערציער האָבן געגעסן צוזאַמען מיט זייערע גרופּן. נאָכן מיטאָג זענען געווען די „טויטע שעהן" ביז פיר אַ זייגער. אַלע האָבן געמוזט ליגן אין די בעטן און רוען. פון פיר ביז זיבן אין אָוונט — די אַרבעט אין די וואַרשטאַטן.

אין אונדזער שול האָבן די לערער נישט אויפגעגעבן קיין שטוב־אַרבעט. די קינדער פון דער שטאָטישער שול האָבן צוערשט געמאַכט זייערע לעקציעס און ערשט שפּעטער זענען זיי געקומען אין די וואַרשטאַטן.

אַרום זעקס אָוונט האָבן די קאָרעספּאָנדענטן געבראַכט צו מיר זייערע ביכעלעך מיט די נייעסן. האַלב זיבן האָבן מיר פאַרענדיקט די אַרבעט אין די וואַרשטאַטן און די קינדער זענען געגאַנגען וואַשן זיך צום אָוונט־ברויט. אין משך פון דער צייט האָב איך געדאַרפט באַוויזן אָנצושרייבן מיט געדרוקטע אותיות „אונדזערע נייעסן פון טאָג", וועלכע איך האָב געלייענט פאַר די קינדער אינעם עס־צימער. די אַקטועלע נייעסן האָבן אַלעמען אינטערעסירט.

נאָכן אָוונט־ברויט זענען ביז ניין אַ זייגער אין אָוונט פאַרגעקומען פרייע שפּילן, כאָר־געזאַנג, פאָלקס־טענץ.

נאָך ניין אַ זייגער, ווען אַלע זענען שוין געלעגן אין די בעטן, האָט דער דערציער זיי דערציילט אַ מעשה. דער דערציער האָט געהאַט פרייע הענט ביים אויסקלויבן דעם מאַטעריאַל צום דערציילן, אָדער פאַרלייענען פון אַ בוך. איך פלעג נאָר דערציילן. די קינדער האָט שטאַרק אינטערעסירט די געשיכטע פון יידישן פאָלק, דערציילונגען פון תנ"ך, לעגענדעס, וואָס איך פלעג שעפּן פון ביאַליק און ראַווניצקיס „כל אַגדות ישראל". עס האָט געטראָפן, אַז די קינדער האָבן געבעטן גענויער צו דערציילן וועגן די

נייעסן פון דער וואַנט־צייטונג: וועגן דער עקספּעדיציע פון די טשעלוס־קינצעס, וועגן די בילויצעס, בירעבידזשאַן א. אַ. אָפּט פלעגן מיר באַהאַנד־לען אייגענע פּראָבלעמען, דערליידיקן סכסוכים צווישן חברים.

מיינע ביבלישע דערציילונגען, אָדער קלענערע שאַפונגען פון אונדזערע קלאַסיקער, זענען געווען די איינציקע, וואָס מען האָט געקענט אָנרופן יידישע דערציִונג. אין שול האָט מען געלערנט, אין דער פּוילישער שפּראַך, לויטן פּראָגראַם פון בילדונגס־מיניסטעריום פאַר אָפּגעשטאַנענע קינדער. אין די שבתים און ימים־טובים האָט מען נישט געלערנט אין שול און נישט גע־אַרבעט אין די וואַרשטאַטן. דאָס זענען געווען די שווערסטע טעג סיי פאַר די דערציִער, סיי פאַר די קינדער. עס איז געווען שווער זיי אויסצופילן און אַ סך קינדער פלעגן זיך לאַנגווייליקן און עס זענען אַרויסגעקומען אָפטע קאָנפליקטן און געשלעגן.

די אַרבעט אין די וואַרשטאַטן איז געווען אַ פּראַקטישע און אַ נוצלעכע. זי איז אָבער געווען באַגרענעצט, צוליב די פּרימיטיווע אַרבעטס־אינסטרו־מענטן, ווייל די מאַשינען זענען נישט געווען מאָטאָריזירט. די וואַרשטאַטן פלעגן אויך אויספירן אַרבעטן לויט באַשטעלונגען פון פּריוואַטע פּערזאָנען און די, וואָס האָבן אויסגעפירט די דאָזיקע אַרבעטן, האָבן באַקומען אַ העלפט פון דער סומע. די געלטער זענען אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער שפּאָר־קאַסע פון דער גרופּע.

די קינדער זענען געווען גענוג באַעוולט אין לעבן, האָבן זעלטן אָפּגע־פּילט צערטלעכקייטן און האָבן זיך גענויטיקט אין אַ האַרציקער באַנעמונג. מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אין דער צוקונפט דערוואַרטן זיי נישט קיין גרויסע גליקן און מיר האָבן געטאָן אַלץ, אַז זיי זאָלן זיך פילן וואָס בעסער. האַרענשטיין האָט ערלעך אויסגענוצט די מיטלען, וואָס דער שטאָטראַט און דער „צענטאָס" האָבן צוגעשטעלט פאַר די קינדער. אויך זיין ווייב, אַ שוועסטער פון לובאַוויטשער רבין, האָט איר אַרבעט אויסגע־פירט מיט אַ סך האַרץ און ערלעכער זאָרג, ווי אַ שליחות.

די מעדיצינישע אויפזיכט איז אויך געווען אַ גוטע. די שוועסטער צילע האָט אין אַ נויטווענדיקייט געגעבן די ערשטע מעדיצינישע הילף און ביי

שווערע פאַלן אַרויסגערופן אַ דאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט. אין פאַל פון אַן אַנשטעקנדיקער קראַנקייט האָט מען דאָס קינד אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל.

אונדזער גרעסטע זאָרג איז געווען דאָס איינאָרדענען די דערוואַקסענע, וואָס האָבן שוין געמוזט פאַרלאָזן דעם אַנשטאַלט.

צי וועט דאָס שווערע לעבן ביי זיי, זעלבשטענדיקע מענטשן, נישט דערוועקן צוריק דאָס קרענקלעכע און אומנאָרמאַלע? צי וועלן זיי זיין בכוח צו האַמעווען די פאַרברעכערישע אינסטינקטן און נישט אַוועק אויפן וועג פון הפקרות און פאַרברעכן?

אינעם ערשטן יאָר נאָכן אַרויסגיין פונעם אַנשטאַלט האָבן זיי באַקומען מאַטעריעלע הילף און געווען נאָך אונטער אונדזער אויפזיכט. דער געוועזענער דירעקטאָר פלעגט זיינע קינדער פון צייט צו צייט באַזוכן אויף זייערע אַרבעטס־פּלעצער און אין זייערע וווינונגען. אין די שבתים פלעגן זיי קומען צו אונדז, געגעסן גלייך מיט אַלע און פאַרווילט זיך מיט אונדז ביז שפּעט אין אָוונט.

מיר פלעגן זיך באַמיען אויפצוזוכן זייערע נאָענטע אָדער ווייטערע קרובים און פאַר אַ געוויסער באַלוינונג אָפּגעבן די קינדער אונטער זייער אויפזיכט. מיר איז געלונגען צו געפינען אין וואַרשע בראָדאַטעס אַן אָרעמע שוועסטער, וואָס האָט אים, פאַר אַ געוויסער באַלוינונג, גענומען צו זיך אויף אַ יאָר. ער האָט געאַרבעט אין אַ מעבל־פאַבריק און איך האָב מיט גרויס צופרידנקייט אָפּגענומען די ידיעות וועגן זיין גוטער אויפפירונג.

אַ שניי אין מיטן מאַי

די אָטוואָצקער געגנט איז רייך מיט בערג. מעראַן רופט מען זיי; נישט קיין הויכע, אָבער דאָך בערג און צווישן זיי ציען זיך באַגרינטע טאָלן. אין די ווינטער־חדשים זענען די בערג באַדעקט מיט ווייסן שניי און עס זאַמלען זיך דאָרט די ווינטערדיקע דאַטשניקעס פון די אָטוואָצקער סאַנאַטאָריעס מיט שליטעלעך און נאַרטן.

אין יאָר 1935 איז געשען דאָס ווונדער. אין מיטן מאַי האָבן פון ערגעץ אָנגעיאָגט שטורמישע ווינטן, געברענגט מיט זיך אַ ווינטערדיקע קעלט. די ביימער זענען דאַן געווען אין פולן בלי, די אַקאַציעס האָבן געשמעקט מיט ווייסן צוויט. דער פּאַרזיי אויף די פעלדער איז שוין לאַנג געווען פאַרענדיקט און מען האָט געוואַרט אויף די זומערדיקע רעגנס, אָבער אַנשטאָט זיי האָט אַ שיט געטאָן אַ שניי און די טעמפּעראַטור איז געפאַלן נידעריקער פון נול. די דעכער, די ביימער אין וואַלד זענען באַדעקט געוואָרן מיט שניי. דווקא איצט, אין מאַי האָט דער אומגעריכטער שניי דערפרייט די קינדערישע הערצער, נאָך מער ווי אין ווינטער, אָבער נאָך איידער מען האָט באַוויזן אַראָפּצונעמען פון די בוידעמער די שליטנס, איז דער שניי צעגאַנגען.

אויך ביי מיר און ביי מינדעלען האָט דער מאַי־אָווער שניי אַרויסגערופן מונטערקייט און פרייד. האָט האַרמאָניזירט מיט אונדזערע פריידיקע דער־וואַרטונגען אויף דעם קינד, וואָס האָט געדאַרפט קומען אויף דער וועלט. די צייט האָט זיך דערנענטערט. מינדעלע האָט שוין איבערגעריסן איר אַרבעט אין שול. איך האָב זיך געוואָנדן צו דער פאַרוואַלטונג, מען זאָל מיר געבן מיין יערלעכן אורלויב אין מאַי—יולי.

דער פּאַרפאַל מיט שלומקען האָט אויף מיר שטאַרק געווירקט. איך בין געווען מיד. דערצו האָב איך געוואָלט מינדעלען באַגלייטן קיין וואַרשע, זיין מיט איר ביים אַריינגיין אין שפּיטאָל. מען האָט מיר נישט אָפּגעזאָגט דעם אורלויב. מען האָט נאָך נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט שלומקען. קיין איינער פון די דערציער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערנעמען אַזאַ שווערע צוגאָב־אַרבעט.

צום גליק האָבן שלומקעס עלטערן זיך דערוווּסט וועגן דעם פּאַרפאַל און זיין מוטער איז געקומען צו לויפן. זי איז געווען גליקלעך, טרעפנדיק שלומקען אַ געזונטן און איז איינגעגאַנגען אויף דעם פאָרשלאַג אַהיימצו־נעמען איר זון אויף דער צייט, וואָס איך וועל זיין אין אורלויב. אויך שלומקע האָט אַרויסגעוויזן זיין צופרידנקייט מיט דער מוטער, איז אַרומגע־גאַנגען אַ זינגענדיקער און אין משך פון די עטלעכע טעג, וואָס די מוטער איז געווען צוזאַמען מיט איר זון, איז זי ווי יינגער געוואָרן.

דעם אמת געזאָגט, איז מיר שווער געווען צו שיידן זיך מיט שלומקען.

אַזוי פיל כּוח און געזונט האָב איך אין אים אַריינגעלייגט, אַז ער איז מיר געוואָרן זייער טייער. איך האָב זיי באַגלייט צו דער באַן, אַריינגעזעצט אין וואַגאָן און געוואַרט ביז דער צוג וועט אַוועקגיין. שלומקע איז געשטאַנען בײַם פענצטער און געקוקט אויף מיר, ווי אים וואָלט אויך אַ שאָד געווען צו שיידן זיך מיט מיר. ווען די באַן האָט געריירט, האָב איך אויפגעזונגען יענעם ערשטן חסידישן ניגון, וואָס שלומקע האָט גלייך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן מיטזינגען. די מוטער, וואָס האָט אים צוגעהאָלפן, האָט דערבײַ געלאָזט אַ טרער. דאָס זענען געווען טרערן פון פרייד. דער צוג האָט געריירט. די רעדער האָבן זיך שטאַרקער צערוישט און איך האָב נאָך אַלץ געהערט שלומקעס געזאַנג. די באַן איז שוין אָפּגעפאָרן ווייט, ווייט און די היימישע קלאַנגען פון ניגון האָבן נאָך אַלץ אָפּגעהילכט אין מײַנע אויערן.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך מיט מינדלען אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע. לויט איר מיינונג, האָבן מיר זיך אַפילו אַ ביסל צוגעאײַלט. דאָך זענען מיר געווען צופרידן מיט אונדזער זײַן אין וואַרשע. מיר האָבן געזען די לוויה פונעם ערשטן פוילישן מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי. נאָכן אָרון איז נאָכגעגאַנגען זײַן געטרײַ פערד „קאַשטאַנקע“, אין טרויער געקליידט. צווישן די מלוכה־מענער, וואָס זענען געקומען אויף דער לוויה, איז אויך געווען געררינג, אין אַ גרויען מונדיר מיט העל־רויטע קלאַפּן. מסתמא האָט ער שוין דעמאָלט געטראַכט וועגן דעם, אַז די שטאָט וועט אין עטלעכע יאָר אַרום געהערן צו די דײַטשן.

גענעכטיקט האָבן מיר ביידע אויף צוויי באַזונדערע ערטער, מינדעלע — בײַ די ספּאַרדס, אויף נאָוואָליפּקי, איך — בײַ די בערגערס, אויף פּאַוויע. די חברים אונדזערע האָבן מיט גרויס מי און מאַטערניש קוים געקריגן צו

[illegible]

אין אַ פּריוואַטער רעליגיעזער שול, אויף גענשע. די אַרבעט האָט אים געשטערט רעגולער צו באַזוכן די לעקציעס אין אוניווערסיטעט. דערפאַר האָט ריווע נישט פאַרפעלט קיין איין לעקציע און אַלץ געניי פאַרשריבן. איר איז אַפילו געלונגען אונטערצושרייבן ביי די פּראָפעסאָרן שלמהס „אינדעקס". שפּעטער האָט זי פאַר אים אין דער היים געלייענט די לעקציעס און אים צוגעגרייט צו די עקזאַמענס.

פיר יאָר זענען נישט קיין אייביקייט. ענדלעך האָבן ביידע פאַרענדיקט די לימודים און געוואָרן „מאַגיסטערס". איצט האָבן זיי געדאַרפט דורכמאַכן די פּראַקטיק ביי פּריוואַטע אַדוואָקאַטן, אָדער אין מלוכהשן געריכט, אָן שום באַלוינונג, כדי צו באַקומען די רעכט אַריינצוטרעטן אין אַדוואָקאַטן־קאַמער און קענען פּראַקטיצירן, אַלס זעלבשטענדיקע אַדוואָקאַטן.

אַן אַדוואָקאַט מוז האָבן אַ שיינעם קאַבינעט אויפצונעמען קליענטן און דערצו דאַרף מען האָבן געלט, אַ סך געלט. נישט איינער פון די פאַרענדיקטע יוריסטן פלעגט זיך פאַרקויפן פאַר געלט צו אַ רייכן שווער און אָפּפּלאָגן זיך אַ לעבן לאַנג מיט אַ ווייב, וואָס איז ווייט נישט געווען פאַר אים קיין פּאָר. אויף אַזעלכע איז געזאָגט געוואָרן דער פּסוק: „כסף וזהב מטהר ממזרים".

ביי אונדזערע חברים איז אָבער ליבע געווען העכער פון געלט. אויך זיי האָבן דורכגעמאַכט אַן ענלעכן גוראַנגל, ווי מיר, פאַר זיין צוזאַמען. די באַלעבאַטים האָבן זיי דערלויבט צו וווינען צוזאַמען, נאָר אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן זיין אַליין, אָן קינדער.

געמיינזאַמער גורל איז דער שטאַרקסטער פאַרבינדער צווישן חברים. צו דעם איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס אויך ריווע איז געווען שוואַנגער. עס איז אַזוי געשען, אַז שוין אין מיטן דער צווייטער נאַכט פון מיין נעכטיקן ביי זיי, האָב איך צוזאַמען מיט שלמהן געדאַרפט אָפּפירן ריווען אין שפּיטאָל אויף טשיסטע. אויף דער סמאַטשע גאַס האָט, ווי שטענדיק, אָפּגעוואַרט אַן אַלטער פורמאַן מיט זיין דראָזשקע. ער האָט אונדז אַנגעזאָגט די בשורה:

— איך האָב שוין היינטיקע נאַכט אָפּגעפירט אַ ווייבל פון נאַוואַליפּקי. אין מיר האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן:

— זי איז געווען אַ בלאָנדע, די פרוי?

— זי איז געווען איינגעוויקלט אין אַ שאַל... איבעריקנס, איך קוק נישט אויף קיין פרעמדע ווייבער, איך זע פאַר זיך נאָר מיין פערדל.

אין באַגין בין איך גלייך אַוועק אויף נאָוואָליפּקי־גאַס, אָבער זי איז נאָך געשלאָפן אין שטוב.

פאַרן גיין צו דער אַרבעט האָט שלמה אָנגעקלונגען אין שפּיטאָל אַריין און פון דאָרט האָט מען אים געענטפערט:

— מזל־טוב, אייער פרוי האָט געבוירן אַ טאָכטער.

די בשורה האָב איך אָפּגענומען, שטייענדיק מיט שלמהן צוזאַמען אין דער ענגער טעלעפאָן־בודקע.

זיסעלע, דודס ווייב, איז אַרומגעגאַנגען אַרום מינדעלען ווי אַ מוטער. עטלעכע טעג דורכאַנאַנד האָבן מיר אין צווייען שפּאַצירט איבער די וואַרשע־ווער גאַסן. אַ מאָל האָבן מיר זיך אַריינגעכאַפּט אין קינאָ „שוויאַטאָוויד" אויפן ערשטן סעאַנס. עס איז געגאַנגען דער פילם „די קלייניטשקע מאַמע". מיר זענען בכוונה אַריין אין אַ זייטיקער לאָזשע, נאָענט צום אַרויסגאַנג. דער פילם איז געווען שפּילעוודיק, פריילעך, איינער פון די עסטרייכישע לייכטע פילמען, מיט אַ פּשוטער אַקציע און געמיטלעכן הומאָר.

מיר האָבן געשמאַק געלאַכט פון די קאָמישע געשעענישן און פּלוצים...

— קום, יואל, קום — האָט מינדעלע שטיל אַרויסגעזאָגט — די צייט איז געקומען.

צום ערשטן מאָל האָב איך אין איר שטים דערהערט ציטערדיקע טענער.

אין דרויסן איז שוין געווען פינצטער. ביים ווינער וואָקזאַל האָבן מיר זיך אויפגעזעצט אין אַ טעקסי. מינדעלען האָט מען אַריינגעלאָזט אין שפּיטאָל אַריין און איך בין געבליבן אין דרויסן מיט מיינע פאַרזאָרגטע מחשבות. שפּעטער האָב איך זיך נאָך לאַנג אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן איינער אַליין און נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן מינדעלען. מיין טיפע זאָרג איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט דער נאַטירלעכער שרעק פאַר איר לעבן...

מיינע אורלויב-טעג

נאָך דער שווערער אַרבעט איז אַ תענוג צו האָבן אורלויב. גוט איז אָבער ווען די פרייע טעג זענען אַזוי פול ווי די אַרבעטס-טעג, מיט פולער רו, מיט קולטורעלער פאַרווײלונג, מיט זאָרגלאָזיקייט.

ליידער, האָט זיך ביי מיר אַזוי נישט באַקומען. מיין לעבנס-באַגלייטערין איז אַריין אין שפיטאָל און מען האָט מיך אַפילו נישט צוגעלאָזט צו זען זיך מיט איר. דעמאָלט האָט מען שוין אין דער געבורט-אָפּטיילונג נישט אַריינגעלאָזט קיין פרעמדן מענטש. פון מעדיצינישן שטאַנדפּונקט איז דאָס זיכער ריכטיק, אַ סימן, אַז דער פּראָצענט פון שטערבלעכקייט פון די פרויען, וואָס האָבן דאָרט געבוירן זייערע קינדער, איז געפאַלן ביז אַ מינימום, אָבער פאַר מיר האָט עס דעמאָלט אויסגעזען, ווי דאָס ברוטאַלסטע געזעץ. איך האָב יעדע טעלעפאָן געקלונגען אין שפיטאָל, צו דער דיזשורירנדיקער שוועסטער, געוואָלט זיך דערוויסן, צי מינדעלע האָט שוין געבוירן.

ערשט אויפן דריטן טאָג האָב איך אָפּגענומען די גוטע בשורה:

— מזל טוב, אַ זון! ער וועגט דריי מיט דריי הונדערט, די מוטער פילט זיך גוט.

די פריידיקע בשורה האָב איך גלייך צעטראָגן צו מיינע חברים און פריינד. די פרייד אין האַרצן איז איבערגעגאַנגען די ברעגעס און עס האָט זיך געוואָלט טיילן מיט נאָענטע מענטשן.

אין יענע טעג האָב איך באַזוכט מיינע בעסטע חברים: דודן און זלמנען. זיי זענען געווען שטאַרק פאַרנומען ביים אַרויסגעבן „דער פריינד", געהאַט שטענדיק צרות מיט דער צענזור. די צייטונג פלעגט דערשיינען מיט ווייסע פלעקן. עס איז שווער געווען פאַרויסצוזען די קאַפּריזן פון דער צענזור.

זלמן עלבירטס ווייב, זאָשקע, איז געווען פון די טיכטיקע טוערינס אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אויף דער פוילישער גאַס. זי האָט נישט אויסגעזען ווי אַ יידישע, גערעדט אַ פליסיקן פויליש, האָט געטראָגן פשוטע אַרבעטס-קליידער און אין איר גאַנצער האַלטונג איז געלעגן דער חותם פון אַ פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער-טוערין. קיין ווירטשאַפט האָט זי נישט געפירט, דאָס צימערל, וואָס זיי האָבן צייטווייליק פאַרנומען, איז געווען

אויף שנעל צוגערוימט, אָן שום באַפּוצונגען. צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים פלעגן זיי, ווייזט אויס, אָפּט טוישן די דירה. גענומען די צוויי וואַליזעס און היידאָ!

זאָשקע האָט געשטאַמט פון אַן אַרבעטער־פאַמיליע אין לעמבערג, האָט נישט גערעדט קיין יידיש, נישט געקענט די יידישע ליטעראַטור און קולטור. דאַקעגן זלמן איז געווען מלא וגדוש, אין יידיש און העברעיִש, פלעגט שרייבן אַרטיקלען וועגן דער יידישער און העברעיִשער ליטעראַטור. זיינע נאָענטסטע חברים, ווי דוד, איך און ל. אַליצקי האָבן געוווּסט, אַז זלמן שרייבט אויך לידער. ביי זיין טיפער אינטעליגענץ, איז ער אויך געווען ראָמאַנטיש געשטימט, אָבער אַרויסווייזן עס האָט ביי אים געהייסן שוואַכקייט. דאָך האָט ער די נייעס, אַז מינדעלע האָט געבוירן אַ זון, אויפגענומען מיט גרויס פרייד, מיט כמעט קינדערישער האַרציקייט, געריבן אַ האַנט אָן האַנט און די אויגן האָבן ביי אים געפינקלט מיט אַ מאָדנעם גלאַנץ. ווען איך האָב אים געווונטשן אויף אין קורצן ביי אים, האָט ער געזאָגט:

— זאָשקע האָט נישט קיין צייט אויף אַזעלכע קליינבירגערלעכע זאַכן. זי וועט בעסער דורכפירן נאָך אַ שטרייק פון די אַרבעטער אין אירע פאַבריקן.

אַ פאַרטראַכטער האָט ער צוגעגעבן:

— מיין גורל איז שוין אַזאַ, גאָר אַן אַנדערער פון דיינעם.

אַנדערש האָט אויפגענומען די נייעס דודס ווייב, זיסעלע:

— איצט וועט מינדעלע נישט אויפהערן צו זינגען... איך האָב אַזוי ליב צו הערן ווי זי זינגט.

פעסעלע האָט זיך אַזש צעוויינט פון פרייד.

איך האָב אויך אָנגעשריבן אַ בריוו צו לעאָנען און בלאַנקען קיין לאָדזש. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז בלאַנקע האָט אַ מאָל אין שפּאַס, פאַר־געלייגט, אַז יעדעס פּאָרל פון אונדזערע נאָענטע חברים זאָל אַריינלייגן אַ גרעסערע סומע געלט אויף איין און דעם זעלבן שפּאָר־ביכל. די, וואָס וועט די ערשטע געבוירן אַ קינד, זאָל צונעמען, אַלס פּרעמיע, דאָס גאַנצע געלט. דאָס איז אָבער נישט צושטאַנד געקומען, ווייל נישט אַלע האָבן זיך געקענט דערלויבן צו שפּאָרן

פאַרשטייט זיך, אַז פריער פון אַלע האָב איך מודיע געווען מינדעלעס און מיינע אייגענע. מיין מוטער האָב איך דאָך צוגעזאָגט, אַז מינדעלע וועט געבוירן אַ זון, וועל איך אים אַ נאָמען געבן נאָך מיין פאָטער. איצט האָב איך געטראַכט: מרדכי איז מאַרק. מאַרק איז מאַרקס. וועלן מיר אונדזער זון אַ נאָמען געבן מאַרקס, וועט ער הייסן נאָכן טאַטן און מיינע לינקע חברים וועלן אויך זיין צופרידן.

פאַר מינדעלען האָב איך געקויפט אַ שיין האַנט־זייגערל. אויך פאַרן זון האָב איך באַשטעלט אַ דין גאָלדן קייטעלע אָנצוטאָן אויפן הענטל. דערצו האָב איך שוין אָנגעשריבן דאָס ערשטע לידל פאַר אים:

נאָך איידער מיין מאַטעלע איז געקומען אויף דער וועלט,
האָב איך שוין פאַר אים אַ קייטעלע באַשטעלט.
אַ קייטל אַ גאָלדנס, קונציק געפלאָכטן,
מען זאָל אים דערקענען צווישן אַלע קינדער דאָרטן...

פאַר מינדעלען און דעם קינד איז מיר געלונגען צו באַשטעלן אַ דיפּלאָ־מירטע פלעגערין אויפן ערשטן חודש, נאָך איר אומקערן זיך אַהיים פונעם שפּיטאָל.

העכער צוויי וואָכן איז מינדעלע געבליבן אין שפּיטאָל. ווייזט אויס, אַז עס זענען ביי איר געווען קאָמפּליקאַציעס מיט די נירן, זי האָט זיך געניטיקט אין רו און אין אַ ספּעציעלער דיעטע. איך האָב יעדן טאָג אָפּגענומען טעלע־פאָנישע גרוסן סיי וועגן דער מאַמען און סיי וועגן קינד, אָבער דאָך בין איך געווען אומרויִק און פאַרזאָרגט.

ענדלעך האָב איך זי אַרויסבאַקומען פון שפּיטאָל. אונדזער פרייד איז געווען גרויס. מיר זענען געפאָרן מיט אַ ספּעציעלער טעקסי פון וואַרשע קיין אָטוואָצק און איך האָב די גאַנצע צייט דאָס עופעלע געהאַלטן אויף מיין שויס. ביידע האָבן מיר זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן אין אונדזער טרייסט, וואָס איז די גאַנצע צייט געשלאָפן מיט אַ זיסן, מלאכישן שלאָף.

ביים אַריינקומען אין אונדזער דירה, איז אונדז אַנטקעגנגעקומען דער „סיורפּריז", וואָס איך האָב צוגעגרייט פאַר מינדעלען, אַ יונגע פרוי אין ווייסן, ווי די נאָנעס אין מאָנאַסטיר.

דאָס קינד איז גלייך אַריבער אין רשות פון דער פלעגערין. אין שטוב

איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט, דאָס קינדערישע בעטעלע, אויך אַ וואָג צו וועגן דאָס קינד.

די פלעגערין האָט פאַרשריבן אַ געניויעם רעזשים, די צייט פון האָדעווען דאָס קינד און וויפל גראַם מילך ער דאַרף אויסזויגן פון דער מוטערס ברוסט. ווען די וואָג האָט געוויזן, אַז דאָס קינד האָט געזויגן עטוואָס ווייני־קער, פלעגט זי אים צוגעבן מיט אַ לעפעלע פון דער מוטערס מילך.

אויך פאַר דער מוטער האָט די שוועסטער געזאָרגט, צוגעגרייט דאָס עסן לויט דער אָנגעוויזענער דיעטע. פון אַלע ווינקעלעך אין אונדזער שטוב האָט אַרויסגעשיינט די פרייד. צום רוימען און וואַשן די ווינדעלעך האָב איך צוגענומען אַ געהילפין. אויף דער פערטער וואָך איז שוין מינדעלע געווען פולקאָם געזונט און האָט פּינקטלעך פאַרגעזעצט די אַרבעט פון דער שוועס־טער, מיט וועלכער מיר האָבן זיך צעשיידט, ווי פריינד. זי האָט פאַרזיכערט צו קומען צו אונדז באַזוכן פון צייט צו צייט.

מיין אורלויב איז ווירקלעך געווען שיין און פריידיק. עס איז מיר נאָר געווען אַ שאָד, וואָס ער ענדיקט זיך שוין.

פרייד און זאָרג

דאָס קומען אויף דער וועלט פונעם ערשטן קינד רופט אַרויס גרויס פרייד, נישט בלויז ביי די יונגע טאַטע־מאַמע. עס פרייען זיך אויך די זיידעס און באָבעס, די אייגענע ברידער און שוועסטער, אויך די נאָענטע חברים און חברטעס. די פרייד קומט צום אויסדרוק אויף די געמיינזאַמע שמחות, אויפן ברית־מילה, אויף די אָנצאָליקע באַזוכן אין דער פרייער צייט, אין האַרציקע ווונטשן, מיט ברכות און געזאַנג, מיט משקה און פאַרבייסעכץ.

נישט אַזוי האָט עס אויסגעזען ביי אונדז. אונדזערע עלטערן, ברידער און שוועסטער, אויך אַנדערע קרובים, זענען געווען ווייט, אין לויצק. די חברים האָבן געוווינט אין וואַרשע, אין לאָדזש, אַפילו אין ארץ־ישראל. מיט וועמען איז געווען זיך צו פרייען אין אונדזער פאַרהאָרעוועטקייט אין אָטוואָצק?

מיינע מיטאַרבעטער אין „צענטאָס", ווי אסתר לאַזאָווסקי, צילע יאַנאָוו־סקאַ, אַפילו רעגע קאָוואַלסקאַ, וואָס האָבן אַזוי ריטערלעך געקעמפט קעגן מיין אָפּזונדערן זיך פון זיי, אויסער די פּלויטן פונעם אַנשטאַלט, האָבן זיך נישט געפרייט מיט מיין ניי־געבוירענעם זון. פאַרקערט, איצט האָבן זיי צובאַקומען נאָך אַ באַוויז, אַז זיי זענען געווען גערעכט.

— די קינדער פונעם אַנשטאַלט פאָדערן דעם דערציער אינגאַנצן פאַר זיך. אַ האַלבער דערציער איז פאַר זיי ווייניק...

עס איז שווער צו געפינען אַן אָביעקטיווע מיינונג און פאַרשטענדעניש ביי מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן די האָפענונג אויף אַ פּערזענלעך לעבן.

דערצו זענען אונדזערע וווינונגס־באַדינגונגען געווען ביז גאָר באַגרע־נעצטע: איין צימער מיט אַ פּיצל קוכל, דערנעבן אַ קליינע וועראַנדע. די דאָזיקע דירות זענען באַשטימט געווען פאַר צייטווייליקע דאַטשניקעס, נישט פאַר קיין משפחה. דאָס דירה־געלט פאַר מיר האָט געצאָלט די געזעלשאַפט „צענטאָס".

אין איינעם פון די אָוונטן האָט זיך אַריינגעכאַפּט גוטע שיינין מיט אַ פּאָר בונטע רויזן אין דער האַנט און אונדז אָפּגעגעבן איר וואַרעמען „מזל־טוב".

רבקה מיט אידען זענען געקומען צוזאַמען, געבראַכט אַ בשותפותדיקע באַמבאַניערע, אַ בליק געטאָן אויפן שלאָפנדיקן קינד און געפרוווט טרעפן: „אין וועמען איז ער געראָטן, דער בחורעץ?"

פון דער היים האָבן מיר באַקומען וואַרעמע בריוו מיט האַרציקע ברכות. זיי האָבן אונדז צוגעזאָגט צו קומען, ווי נאָר מיר וועלן בייטן די דירה אויף אַ גרעסערער.

מיר האָבן טאַקע באַשלאָסן צו בייטן אונדזער דירה, ווי נאָר די רייכערע דאַטשניקעס וועלן זיך צעפאָרן אַהיים אויף די ימים־טובים און באַפרייען די דירות. מיר זענען אַפילו גרייט געווען צו באַצאָלן דאָס איבעריקע דירה־געלט פון דער אייגענער קעשענע, אויב דער „צענטאָס" וועט זיך אָפּזאָגן צו פאַרגרעסערן די סומע.

אין אַנשטאַלט אַריין בין איך נישט געגאַנגען פאַרן ענדיקן מיין אורלויב. דערפאַר אָבער זענען אייניקע פון מיינע קינדער געקומען צו מיר. זיי זענען

געקומען אויף אַ סודותפולן אופן: באַגין, ווען מיר אַלע זענען נאָך געשלאָפן. אויפן טיש, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וועראַנדע, האָט עמעצער אַוועקגעשטעלט אַ פרישן בוקעט פעלד־בלומען, וואָס זענען נאָר־וואָס אָפּגעריסן געוואָרן. יעדן פרימאָרגן איז דער נעכטיקער בוקעט פאַרביטן געוואָרן אויף אַ פרישן...

מיינע אורלויב־טעג האָבן זיך פאַרענדיקט. די קינדער האָבן זיך דערפרייט מיט מיין אומקערן זיך צו דער אַרבעט, האָבן מיך אָפּגעוואַרט ביים טויער מיט פעלד־בלומען אין די הענט, מיט שיינענדיקע פּנימער און פרייד אין די אויגן.

מיר איז געווען אַ שאָד, וואָס אסתר, צילע און רעגע זענען נישט געווען ביי דער באַגעגעניש. זיי וואָלטן זיך איבערצייגט, ווי טייער דער דערציִער ווערט ביים אומקערן זיך פון דרויסן. די בענקשאַפט רופט אַרויס דעם דרך־ארץ און ליבע צו אים.

דאָך האָב איך באַמערקט אויך צוויי אומצופרידענע פּנימער: פון יאַהאַנען און ראַדיאַוויטשן. איך האָב זיך פאַרטראַכט וועגן דער סיבה, וואָס באַאומרויִקט זיי: אָבער איך האָב געמוזט ענטפערן אויף די ווונטשן פון די לערער, דערציִער און טעכנישע אַרבעטער פונעם אַנשטאַלט. דער אַלטער האָרענשטיין האָט מיר געווונטשן:

— איר זאָלט צוזאַמען מיט אייער פרוי דערלעבן מגדל צו זיין אייער זון לתורה, לחופה ולמעשים טובים!

באַלד האָט ער צוגעגעבן מיט זיין ברייטן שמייכל:

— ער זאָל ביי אייך אויסוואַקסן גרויס, אָבער נישט קיין באָלשעוויק...

סאָניע שפּער, די לערערין, וואָס האָט מיך פאַרטרעטן אין מיין דערציִערישער גרופּע, איז מיר אַנטקעגנגעקומען מיט חברישער פרייד, געפרייט זיך מיט דעם שיינעם נאָמען, וואָס איך האָב געגעבן מיין זון. זי האָט געזאָגט:

— איך האָב שוין אַזוי אַרויסגעקוקט אויף אייער קומען. זינט מען האָט סלאָמקען אַריבערגעפירט אין אייער גרופּע, איז מיר מיט יעדן טאָג געוואָרן שווערער.

די ייִנגערע קינדער האָבן זיך באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט מיר געקלאָגט אויף סלאָמקען:

— ער שלאָגט פאַר יעדער קלייניקייט. אַפילו קוליאַס האָט פאַר אים מורא.

ביי מיין ערשטער באַגעגעניש מיטן דירעקטאָר קלמן ליס, האָב איך אים געוואָלט פאַרוואָרפן, הלמאַי מען האָט אין מיין אַפּוועזנהייט אַריבער־געפירט אין מיין גרופּע אַזאַ שווערן בחור, ווי סלאַמקע, נאָר ליס האָט אַליין באַרירט דעם ענין.

— די דערציערין פאַניע פון דער גרופּע, אין וועלכער סלאַמקע איז געווען, האָט געוואָלט אַוועקגיין פון דער אַרבעט, אויב מען וועט פון איר נישט צונעמען סלאַמקען. נו, האָבן מיר נישט געהאַט קיין ברירה... מיר קענען אים אָפּשיקן צוריק אין דער אויסבעסערונגס־טורמע, פון וואַנען ער איז צו אונדז געקומען...

— פאַרוואָס איז ער געווען אין דער אויסבעסערונגס־טורמע? — האָב איך זיך פאַראינטערעסירט.

— עס איז אַ סברה, אַז ער האָט גורם געווען דעם טויט פון זיין שטיף־מוטער. נישט ווילנדיק, פאַרשטענדלעך.

עס איז געווען אַ געשעענער פאַקט. איך האָב זיך געטרייסט, אַז אויב סלאַמקע אַליין איז איינגעאַנגען אַריבערצוגיין אין מיין גרופּע, איז גאַנץ מעגלעך, אַז מיר וועלן געפינען מיט אים אַ געמיינזאַמע שפּראַך.

שוין אין דעם ערשטן טאָג פון מיין אַרבעט האָב איך געהאַט מיט סלאַמקען אַ געשפּרעך אונטער פיר אויגן.

— מיר זענען שוין באַקאַנט. לידער, איז אונדזער ערשטע באַקאַנט־שאַפט נישט געווען קיין געלונגענע. געדענקסט, סלאַמקע?

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ פעסט־געבויטער בחור, מיט קורץ געשוי־רענע טונקעלע האָר, ווי שטעכלקעס. איך האָב זיך דערמאָנט יענעם טאָג, ווען ער האָט אויף רחלקען צעריסן דאָס קליידל און צעדראַפּעט איר לייב ביז בלוט. איך האָב אים דאַן אַרויסגעצויגן פון אונטערן בעט און שטרענג געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט אַזוי מיאוס געהאַנדלט. ער האָט מיר דאַן גע־ענטפערט: „זאָל זי נישט זיין קיין חניפהניצע, נישט נאָכשלעפּן זיך נאָך דער לערערין ווי אַ פּיאַווקע". איך האָב אים דאַן שטרענג באַשטראָפט און ער פלעגט מיך אויסמיידן. איצט האָט ער מיר געקוקט גלייך אין פּנים

אַריין, אָן שום מורא, אָדער פּאַרדרוס. נאָך אַ קורצן שטילשווייגן, האָט ער שטיל אַרויסגעזאָגט:

— סוקעס האָב איך פיינט...

— דערקלער מיר, וואָס מיינסטו מיט דעם וואָרט?

— אין דער קאָלאָניע האָט מען אַלע פרויען גערופן „סוקעס".

— האָסטו אַלע פרויען פיינט?

— נישט אַלע... מיין מאַמע האָב איך ליב געהאַט, שטאַרק ליב געהאַט... מיין שטיף־מוטער איז געווען אַ סוקע, זי האָב איך פיינט געהאַט.

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט שנעלער, מיט פאַרקריצטע ציין.

— פאַרוואָס? האָב איך געפרעגט — פלעגט זי דיר שלעכטס טאָן?

— דער טאַטע איז געלעגן אין שפּיטאָל און זי האָט זיך „געזשיוכעט" מיט אַ „פרייער", נישט מיט איינעם, נאָר מיט אַ סך. מיך פלעגט זי אַרויס־טרייבן אין גאַס, אויף דער קעלט. האָב איך איין מאָל אַריינגעוואָרפן אַ שטיין דורכן פענצטער. איך האָב נישט געמיינט זי צו טרעפן, אָבער מיך אַרט נישט, וואָס דער שטיין האָט אין איר געטראָפן.

איך האָב באַשלאָסן צו פאַרענדיקן אונדזער ערשטן אינטימען געשפּרעך:

— מיר וועלן נאָך שמועסן. ביסט איצט ביי מיר, איינער פון מיינע זין. קיינער פון מיינע קינדער האָט מיך נישט פיינט, אמת?

— אמת! — האָט ער געזאָגט מיט אַ לייכטן שמייכל.

נישט נאָר מיינע קינדער האָבן געוואַרט אויף מיין קומען. אַלע קינדער פונעם אַנשטאַלט האָט שוין אויסגעפּעלט די טאָג־צייטונג „די נייעסן פון טאָג". עטלעכע מאָל אין משך פון חודש, איז די צייטונג דערשינען, דער דירעקטאָר אַליין האָט געפּרוווט מיך פאַרטרעטן, אויך סאָניע האָט געוואָלט פאַרזעצן מיין אַרבעט. לײדער, איז עס זיי נישט געלונגען. עס האָט זיי פאַר־פעלט אָטעם, אויסדויער.

בלויז אייניקע פון מיין דערציִונגס־גרופּע האָבן די בשורה פון מיין ניי־געבוירענעם זון נישט אויפגענומען מיט פרייד. דאָס זענען געווען יאַהאַן שווײדט און ראַדיאָוויטש. איך האָב עס באַמערקט ביי מיין ערשטן אָנקומען אין אַנשטאַלט. מעגלעך, אַז זיי האָבן געהאַלטן, אַז מיינע געפילן וועלן פון

איצט אָן געהערן בלויז צום אייגענעם זון. טיילוויז זענען זיי אפשר גערעכט געווען.

קוליאַווסקי, דער עלטסטער אין מיין גרופּע, איז געווען צופרידן מיט סלאָמקעס אַריבערגיין צו אונדז, כאָטש פון צייט צו צייט פלעגן צווישן זיי אַנטשטיין קאָנפליקטן, צוליב דער מאַכט איבער דער גרופּע.

זיי זענען געלעגן אין שכנותדיקע בעטן. סלאָמקע האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן פון זיין לעבן צווישן יונגע פאַרברעכער און קוליאַווסקין האָט עס זייער אינטערעסירט. ער האָט אים אויך דערציילט וועגן די „סוקעס״, וועלכע ער האָט פיינט געהאַט און דאָך געהאַט חשק זיך צו חברן מיט זיי. ביידע זענען געווען אין דעם פּעריאָד פון מענערישן רייף ווערן, ווען די באַליבטסטע טעמע פון אינטימע געשפּרעכן זענען מיידלעך.

סלאָמקע האָט געדאַרפט שוין דאָס יאָר ענדיקן אונדזער שול און איך האָב אָנגעהויבן מיט אים צו שמועסן וועגן זיין ווייטערדיקן לערנען זיך אין דער שטאָטישער עלעמענטאַר־שול. כדי צו זיין ראוי דערצו, מוז ער זיך אין אַנשטאַלט גוט אויפפירן, פאַרענדיקן די שול מיט פולע קענטענישן און די לערער זאָלן וועגן אים האָבן די בעסטע מיינונג. צום לערנען איז ער פעיִק, אויך צו דער אַרבעט אין סטאָליער־וואַרשטאַט. די שאַכמאַט־קעסטעלעך, וואָס ער האָט אויסגעפּאַרטיקט, זענען געווען פון די שענסטע. איך פלעג ביי יעדער געלעגנהייט מיט אים שמועסן ווי מיט אַ דערוואַקסענעם. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון אַ פאַרטרעטער אין מיין גרופּע אין מיינע רו־טעג. איך האָב געזאָגט דעם דירעקטאָר:

— מיך וועלן פאַרטרעטן קוליאַווסקי מיט סלאָמקען.

אַפילו די שליסלען פון מיינע שאַפעס האָב איך זיי ביידע געטרויט, געהאָפט, אַז זיי וועלן מיך נישט פאַרפירן.

די טעג, אין וועלכע זיי האָבן מיך פאַרטרעטן, זענען ווירקלעך אַדורך רויִק, אָן באַזונדערע קאָנפליקטן. קיינער פון די יינגערע קינדער האָט זיך נישט געקלאָגט אויף זיי. זיי פלעגן האַמעווען איינער דעם צווייטן, זייענדיק שטאָלץ ביי זיך, וואָס איך האָב צו זיי דעם פולן צוטרוי.

בכלל פלעגן ביי אונדז אין אַנשטאַלט עטלעכע מאָל אין יאָר דורכגע־פירט ווערן „זעלבשטענדיקע טעג״. מערסטנס פלעגט עס געשען אין אַ

שבתדיקן אָדער אין אַ יום־טובדיקן טאָג, ווען די שול און די וואַרשטאַטן זענען נישט געווען טעטיק. די עלטערע מיידלעך און בחורים האָבן דאַן פאַרנומען אַלע פונקציעס, פלעגן אויך פאַרטרעטן די קעכין און די מיט־העלפער.

די דאָזיקע זעלבשטענדיקע טעג פלעגן זיין גוט אָרגאַניזירט און אויס־געצייכנט דורכגעפירט. בלויז אַ קליינע צאָל „קאָנטראָלערן" מצד דעם פעדאַגאָגישן פערסאָנאַל האָבן אָבסערווירט די אַרבעט און זענען געווען גרייט צו אינטערווענירן אין יעדן אויסנאַם־פאַל. עס איז זיי אָבער קיין מאָל נישט אויסגעקומען, ווייל די זעלבשטענדיקע טעג פלעגן דורכגיין רויִקער פון די אַנדערע.

אויך די „נייעסן פון טאָג" זענען דערשינען מיט פולע באַריכטן וועגן דעם געלונגענעם פאַרלויף פונעם טאָג און עס זענען אָנגערופן געוואָרן די נעמען פון די פאַראַנטוואָרטלעכע.

זיי זענען געווען שטאָלץ מיט זייער דערפאָלג און מיר מיט זיי.

עלטערן פרייען זיך...

קיין יאָר איז מאָטעלע נישט אַלט —
און חכמות קען ער אַ געוואַלד !...

כמעט יעדן טאָג אַ לידעלע וועגן אונדזער זון. איך האָב געוואָלט שרייבן אַ טאָגבוך, האָט זיך, ליידער, נישט באַקומען — כ'האָב קיין צייט נישט געהאַט. שרייבן האָט זיך געוואָלט, ווי אַ טאַטע, ווי אַ פעדאַגאָג, ווי אַ פסיכאָלאָג. יעדן טאָג איז געשען עפּעס נייעס: מאָטעלע שמייכלט און עס פינקלען ביי אים די אייגעלעך, מאָטעלע איז מוזיקאַליש, רעאַגירט אויף יעדן קלאַנג פונעם פידל, דערקענט שוין דעם טאַטן, אונדזערע נאָענטע חברים, וואָס ער זעט גאָר זעלטן...

אָט די אַלע „חכמות" האָב איך אויסגעזונגען אין קורצע קינדערישע לידעלעך. צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגט מען אים פאָטאָגראַפירן אין

עטלעכע פּאַזעס. עס האָט זיך באַקומען אַן אינטערעסאַנטער פילם אין דעם אַלבום, וואָס איך האָב ספּעציעל צו דעם ציל אויסגעפּאַרטיקט אין מיין עקספּערימענטאַלן וואַרשטאַט.

איך ווייס, אַז געוויסע לייענער וועלן דערביי אַ שמייכל טאָן, טראַכטנדיק דערביי: אָט אַ סענטימענטאַלער טאַטע, וואָס באַרימט זיך מיט אַזעלכע קליינִיקייטן. אָבער איך שעם זיך נישט דערמיט. יעדער טאַטע פון אַן ערשט אויסגעבענקט קינד און דערצו אַ דערציער פון קינדער, וועט נישט לאַכן. איך האָב אַ מאָל געלייענט, אַז קאַרל מאַרקס מיט זיין בכבודיק בייכל און געקרייזלטער באָרד פלעגט לאָזן זיינע קינדער רייטן אויף זיך, ווי אויף אַ פערד... נישטאָ וואָס צו לאַכן...

צוליבן קינד האָבן מיר געביטן אונדזער דירה, אין דער זעלבע ווילע קעגנאיבער דעם „צענטאָס", האָבן מיר געדונגען אַ דירה פון דריי צימערן מיט אַ קיך און אַ גרויסן באַלקאָן. איצט האָבן שוין געקענט קומען צו גאַסט אונדזערע מוטערס פון לויצק.

די ערשטע איז געקומען מינדעלעס מוטער, חיה־רבקה, אין סאַמע ווינטער, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען גענוג קאַלט, דערפאַר איז אָבער ביי אונדז אין דער דירה געווען וואַרעם. האַרענשטיין האָט אַריינגעשיקט אַ מאַשין מיט קוילן צום באַהייצן. קעגנאיבער אונדזער דירה האָט געוווינט זיין טאָכטער שרה מיט איר מאַן קלמן ליס. זיי האָבן אויך געהאַט אַ זון. נו, האָט ער פאַר זיי אַריינגעשיקט קוילן, צי האָט ער געקענט מיך באַליי־דיקן?

אויך פּראָדוקטן האָט ער באַפוילן אַרויסצוגעבן מיר פון סקלאַד. איין מאָל אין דער וואָך. איך פלעג שוין עסן ביי זיך אין דער שטוב צוזאַמען מיט מיין ווייב. נישט פאַרמאָגנדיק קיין אייז־קאַסטן, האָבן מיר אייניקע פּראָדוקטן, וואָס קענען קאַליע ווערן אָפּגעגעבן אין שפּייז־מאַגאַזין צו איטשע־מאירן, פאַר אַ נידעריקן פּרייז און ער פלעגט אונדז באַזאָרגן יעדן טאָג מיט פרישע פּראָדוקטן.

מינדעלעס מוטער איז געווען גליקלעך, דער זעלטענער גאַסט אויף איר פאַרעלטערט פּנים — דער שמייכל, האָט זיך גענומען אָפּטער באַווייזן און אויפשיינען אירע שטריכן מיט זייער אַמאָליקער פרישקייט און יונגקייט.

גרויסע זאָרג האָט איר פאַרשאַפט דאָס, וואָס מינדעלע האָט קיין „רחמנות נישט" אויפן פיצל קינד און „וואַרפט עס אַרויס" אויף עטלעכע שעה אויפן פראָסט, אויפן באַלקאָן. אַ באַומרויִקטע האָט זי אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געציטערט, צי דאָס קינד איז, חלילה, נישט פאַרפרוירן געוואָרן.

ערשט ווען די מוטער האָט צוריק אַריינגעברענגט אין שטוב אַריין דאָס קינד, אַ וואַרעמס, אַ מונטערס, מיט ראָזע באַקן און מיט אַ וואָלפישן אַפּעטיט, האָט זי זיך באַרויִקט.

— ווער ווייסט ? אפשר זענען זיי טאַקע קלוגער די הײַנטיקע — פלעגן שעפּטשען אירע פאַרשנורעוועטע ליפּן.

מיין מוטער איז געקומען שפּעטער, נאָך פּסח. דער וואַלד אין אָטוואָצק האָט שוין צוריק באַקומען זיין פרישע גרינקייט. די אַקאַציעס האָבן זיך צעבליט און די זון האָט בשפע געשיקט אירע הייליקע שטראַלן. מאָטעלע איז אַ גאַנצן טאָג געווען אין וואַלד. ער איז שוין געשטאַנען אַליין, אָנהאַל־טנדיק זיך אין אַ בוים. אומגעריכט איז ער אַריבערגעלאָפן פון איין בוים צום צווייטן. די באָבע האָט אַזש אויפגעצאַפּלט פאַר שרעק און פרייד, נאָר זי האָט געשוויגן. איך האָב זי דאָך געבעטן : „מאַמע, אַז דאָס קינד וועט אָנהייבן אַליין צו גיין, זאָל דאָס זיין פשוט, נאַטירלעך. אַן איבעריקער אויסגעשריי קען אים האַמעווען אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג".

אויך די ציינדעלעך האָבן זיך ביים קינד אויסגעשניטן לייכט, איין ציינדעלע נאָכן צווייטן. יעדן ערשטן האָבן מיר אים געפירט צום קינדער־דאָקטאָר און ער האָט אים באַטראַכט, געמאָסטן, געווויגן, אויסגעהערט די לונגעלעך, דאָס הערצעלע און געטאָן אַ פריילעכן שמייכל : „געזונט, ווי אַ דאָמב !"

דאָך האָט אַ מאָל פּאַסירט אַ פאַל, אַז דאָס האָט שיער נישט געברענגט צו אַן אומגליק. ווען ער איז אַ מאָל געשלאָפן נאָכמיטאָג־צייט אויפן באַלקאָן, האָט זיך אויף אים אַ שיט געטאָן אַ האָגל מיט שטיינער. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי און געוויין. אויף זיין קאָלדרעלע זענען געלעגן צווי מיטעלע שטיינדלעך. די אַנדערע האָבן נישט געטראָפן.

ריסיאַ איז אַריין אַ פאַרוויינטער :

— יאַהאַן ! דאָס האָט יאַהאַן געוואָרפן די שטיינער.

אין האַרצן האָב איך דערפילט אַ ציטער. יאָהאַן האָט פיינט מיין זון, איז אייפערזיכטיק... מעגלעך, אַז איך בין שולדיק, געדאַרפט אים דערנענטערן, ווי ריסיען.

ווי נאָר איך האָב זיך איבערצייגט, אַז דעם קינד איז גאָרנישט געשען, בין איך אַוועק אויפזוכן יאָהאַנען. אויפן וועג האָב איך דערזען די עלטערע בחורים צוזאַמען מיט דער לערערין אסתרס ברודער, ווי זיי האָבן געטראָגן יאָהאַנען אין דער ריכטונג פון איזאָלאַטאָר.

— ער לעבט! — האָט קוליאַווסקי געשריגן צו מיר.

— ווען נישט אסתרס ברודער, וואָלט ער שוין נישט געלעבט. ער האָט אים אַראָפּגענומען פון דער תליה — ער האָט זיך אויפגעהאָנגען ביי זיי אין קאַמער.

מען האָט יאָהאַנען אָפּגעמונטערט. ער איז געלעגן אין בעט אַ בלאַסער, ווי ער וואָלט גאָר קיין זיך בלוט אין זיך נישט געהאַט. מען האָט אים געמאַכט אַ בלוט־טראַנספוזיע, ווען ער האָט געעפנט די מידע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי גלייכגילטיק, אָבער איך האָב דייטלעך געזען אין זיי דעם שאָטן פון אומעט, האָב איך צו אים געזאָגט:

— דיין ברודערל, מאַרקסן, איז גאָרנישט געשען. ער האָט דיך ליב... אויך איך בין אויף דיר נישט ברוגז... וועסט געזונט ווערן, וועסטו צו אים קומען אָפּטער, וועסט זיך איבערצייגן, אַז דו האָסט אַ גוט ברודערל, וואָס האָט דיך ליב...

דער ערשטער געבורטסטאָג

איך געדענק נישט, מען זאָל אַ מאָל פּראַווען ביי אונדז אין שטוב מיין געבורטסטאָג. צי דערפאַר, וואָס ביי אונדז אין דער היים וואָלט מען געדאַרפט צו אָפט פּראַווען די געבורטסטעג פון מיינע ברידער און שוועסטער. צי ווייל מיין מוטער האָט מורא געהאַט פאַר אַ „גוט אויג", אָדער דערפאַר, וואָס עס האָבן נישט געפעלט קיין אַנדערע געלעגנהייטן זיך צו פרייען, ווי חתונות, בריתן, אָדער סתם יידישע ימים־טובים. אָבער מיר האָבן דווקא

באַשלאָסן צו פייערן דעם ערשטן געבורטסטאָג פון אונדזער זון מאַרקס. די נאָענטע חברים און חברטעס פון וואַרשע, האָבן מיר געוווסט, וועלן סיי ווי קומען, אַפילו מיר וועלן זיי נישט פאַרבעטן.

מאַרקס איז געוואַקסן אַ געראָטענער בחור. צום יאָר האָט ער שוין געהאַט אַ סך ציינדעלעך, איז שוין געגאַנגען, האָט שוין גערופן: „מאַמע, טאַטע" און נאָך ווערטער.

דער 7־טער יוני 1936 איז געווען אַ פּרעכטיקער זומער־אָוונט, דער וואַלד איז פול געווען מיטן געזאַנג פון די פייגל, מיט די שמעקעדיקע ריחות פון זשיוויצע, וואָס האָט געטריפט פון די סאָסנעס און יאָדלעס. אונדזערע חברים און פריינד זענען זיך אין יענעם אָוונט צונויפגעפאָרן. זיי זענען ווי פאַרשיכורט געוואָרן פון דער אַרומיקער שיינקייט. אין אונדזער רחבות־דיקער דירה איז געווען אַ יום־טובדיקע שטימונג. עס איז געווען צוגעגרייט לרוב עסן און טרינקען. איינע נאָך די אַנדערע האָבן זיך געהערט די טאָ־אַסטן, וואַרעמע ווונטשן פון גאַנצן האַרצן. מינדעלע האָט זיך צעזונגען מיט איר רעפּערטואַר אין עטלעכע שפּראַכן און אַלע האָבן אונטערגעהאַלטן אין אַלגעמיינעם כאָר. איך האָב דעקלאַמירט עטלעכע לידלעך, וואָס איך האָב אָנגעשריבן פאַר אונדזער זון. אַפילו זלמן עלבירט, וואָס איז קיין מאָל קיין זינגער נישט געווען, האָט איצט אויפגעזונגען זיין איינציק לידעלע:

קינדער, וואָס שלאָפט איר?
קינדער, וואָס שוויגט איר?
ס'איז שוין צייט שחרית צו דאַווענען.
נישט קיין שחרית, נישט קיין תהילים,
נישט קיין מנחה, נישט קיין מעריב —
מיט וואָס־זשע וועלן מיר קומען
אויף יענער וועלט?!

אָט לאָזט אויך דוד הערן זיין באַליבט פּאָלקס־לידל:

מאַמעניו, לובעניו,
האַרצעניו, קרוינעניו...

אונדזערע הויכע געזאַנגען האָבן אויפגעוועקט מאַרקסן. מען האָט אים אויסגעפּוצט אין דער נייער פּיזשאַמע, וואָס פּעסעלע האָט פאַר אים גע־

בראַכט, אין נייע שיכעלעך און אַריינגעבראַכט אים אין אַלגעמיינעם צימער צו די געסט. ער האָט נישט אויסגעזען צו זיין ברוגז, הלמאי מען האָט אים אויפגעוועקט פון שלאָף און ער האָט צו אַלעמען געשמייכלט, באַוויזן זיינע „קונצן", ביז ער האָט אָנגעהויבן גענעצן — אַ סימן, אַז ער וויל ווידער שלאָפן. זיין אַרויסטריט־נומער איז געווען פאַרענדיקט.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז ערשט איצט וועט זיך די שמחה אויפסניי צעפלאַקערן. איך בין שוין גרייט געווען אָנצופילן די כוסות מיט וויין און בראַנפן, אָבער איך האָב באַמערקט ווי איינער פון אונדזערע געסט האָט זיך אָנגעגאָסן אַ היפּשע כוסע מיט בראַנפן און אַליין אויסגעטרונקען. ער האָט זיך דערביי נישקשהדיק פאַרקרימט. ווייזט אויס, אַז ער איז נישט געווען געוווינט צו טרינקען, נאָר אַ טיפע איבערלעבונג האָט אים געשטויסן דערצו.

נישט נאָר איך אַליין האָב עס באַמערקט, נאָר כמעט אַלע אונדזערע געסט. דוד האָט דערזען, ווי ער קלייבט זיך אָנצופילן אויפסניי זיין בעכער, איז ער צוגעגאַנגען צו אים נאָענט און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— עס וועט זיין גענוג, חבר טאַבאַטשניק. האָסט שוין צופיל געטרונקען... לעבסט עפּעס איבער... רעדט זיך בעסער אַראָפּ פון האַרצן.

ערשט איצט האָבן מיר זיך בעסער צוגעקוקט צום נייעם חבר, וואָס איז מיטגעקומען מיט דודן און זלמנען. ביים אַריינקומען האָט ער זיך מיט אונדז באַגריסט, אָנגערופן דערביי זיין נאָמען, וועלכן מיר האָבן אַפילו נישט פאַרגעדענקט. ערשט איצט האָב איך זיך איינגעקוקט אין אים, אין זיין אויסגעמאָאָגערטן, בלאַסן פּנים און אומעטיקע אויגן. זיין שטים האָט געקלונגען אומעטיק:

— איר פאַרשטייט, חברים? איך האָב שוין עטלעכע יאָר נישט געזען קיין קינד. עס זענען געווען יאָרן אָן האָפענונג, אָן אַ צוקונפט. מיינט נישט, אַז נאָר די היטלעריסטן האָבן געבויט לאַגערן פאַר זייערע פּאָליטישע קעגנער און פאַר יידן. אויך פּוילן האָט אונדז „באַגליקט" מיט אַ קאַרטוז־בערעזע, וואָס איז נישט אָפּגעשטאַנען פון די דייטשע לאַגערן. מען לעבט דאָרט אין פולשטענדיקער איזאָלאַציע, אין די שוידערלעכסטע באַדינגונגען, מען ווערט געפּייניקט און דערנידעריקט. זיי פאָדערן נאָר איינס: אונטער־

שרייבן אַ דעקלאַראַציע, אַז מען איז נישט קיין קאָמוניסט, אָדער אַז מען זאָגט זיך אָפּ פון קאָמוניזם... זעלטן ווער עס גיט זיך אונטער. די ווידער־שפּעניקע זענען פאַרמשפּט אויף נאָך גרעסערע יסורים. איך האָב דאָרט געמוזט אָפּפינצטערן דעם גאַנצן אורטייל. אָט האָבן זיי מיך באַפרייט, אָבער זוער ווייסט, צי אויף לאַנג?

א קנויל פון זאָרגן

דאָס מענטשלעכע לעבן איז קאָמפּליצירט: נייע פּראָבלעמען אַנטשטייען טאָג־טעגלעך, ביי דער אַרבעט, אין פאַמיליע־לעבן. די פּעדאַגאָגישע אַרבעט מיט דעפּעקטיווע קינדער איז שווערער ווי מיט נאָרמאַלע קינדער, אַפילו, ווי מיט אייגענע. מיר האָבן אַ סך געלייענט וועגן קינדער־פּסיכאָלאָגיע, וועגן פּעדאַגאָגיק און אונדז איז דערפאַר לייכטער געווען צו געפינען דעם פּאַסיקן שליסל צו דערציען אונדזער אייגענעם זון. אין די אַלע פראַגן האָט ביי אונדז געהערשט פולע האַרמאָניע און קעגנזייטיקע פאַרשטענדע־ניש. מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ געניועם רעזשים פונעם טאָג, פאַרן עסן און שלאָפן, געזאָרגט, אַז די שפּילעכלעך זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו זיין עלטער און פאַראינטערעסירונג, אויסגעמיטן שווערדלעך, ביקסלעך, האַרמאַטן, טאַנקען א. אַ., וואָס וואָלטן געקענט וועקן די ווילדע אינסטינקטן אין קינד. כמעט דעם גאַנצן טאָג האָט דאָס קינד פאַרבראַכט אויף דער פרייער לופט אין וואַלד. די אויפזיכט איבער אים איז געווען אַ שטענדיקע, אָבער אַ נישט באַמערקבאַרע, אַ זייטיקע. מיר האָבן גערעדט צווישן זיך און מיטן קינד נאָר אויף יידיש, האַלטנדיק, אַז מיט דער צייט וועט ער זיך אויסלער־נען אויך די פּוילישע שפּראַך, ווייל די אַרומיקע קינדער האָבן גערעדט פּויליש.

פיל שווערער איז מיר אָנגעקומען די דערציערישע אַרבעט מיט מיינע 28 זין אין מיין גרופּע. יעדער פון זיי האָט געהאַט זיינע באַזונדערע אייגנ־שאַפטן און געוווינהייטן, וואָס האָבן געפאָדערט אַן אָנאויפהערנדיקן שטודיום,

כדי צו געפונען צו אים דעם געהעריקן צוגאַנג. עס איז געווען גוט, וואָס מיר האָבן געקענט אויסמײַדן די ווירקונג פון די נישט באַוווּסטזיניקע עלטערן און דורך דעם האָט דאָמינירט די ווירקונג פון דעם דערציער.

בלויז צו טאַדזשיקן, פון מײַן גרופּע, פלעגט זיך אַ מאָל אַראָפּכאַפּן זײַן מוטער. זי איז געווען אַ קאַליקע: איין פוס איז בײַ איר געווען קורצער פון צווייטן און זי האָט געמוזט טראָגן אַ ספּעציעלן שוך מיט אַ גאָר הויכן קנאַפּל. זי איז אַ מאָל געווען אַ לערערין. גאָר יונג פאַרבליבן אַן אַלמנה און פלעגט איר זון, טאַדזשיקן דערציילן מעשיות און לייענען ביכלעך מיט אַן אויסטערלישן אינהאַלט, אַרײַנגעטריבן אים דורך דעם אין עולם הדמיון. דאָס לעבן אויף דער ערד האָט פאַר אים נישט עקזיסטירט. ער האָט געלעבט אין אַנדערע וועלטן, ביז עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער איז פּסיכיש קראַנק געוואָרן. אַ סך מי האָב איך אין אים אַרײַנגעלייגט, ביז עס איז מיר געלונגען אים אַראָפּצוברענגען אויף דער היימישער ערד. אַפילו בײַם שנורעווען די שיכבענדלעך האָט ער זיך געפּלעגט פאַרטראַכטן און פאַרגעסן, וואָס ער האָט צו טאָן. בײַ יעדן מאָל קומען צו אים, האָט די מוטער זיך נאָכגעפרעגט, צי ער לייענט ביכלעך.

— אַוודאַי לייענט ער — האָב איך איר געענטפערט — אָבער גאָר אַנדערע ביכלעך.

— אַ שאָד, ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו לייענען, ממש געשלונגען די ביכלעך — האָט די מוטער שווער אָפּגעזיפצט. אַלײן אַ לערערין און האָט נישט פאַרשטאַנען ווי צו דערציען איר אייגענעם זון.

קוליאַוואָסקי פלעגט ווײַטער אויסמײַדן זיך צו טרעפן מיט זײַן מוטער. לעצטנס איז זי שוין כמעט נישט געקומען.

אייגנטלעך איז זי דאָך געקומען צו איר טאָכטער, וואָס האָט זיך אין משך פון עטלעכע יאָר געפונען אין הייל־פּסיכיאַטרישן אַנשטאַלט אין זאַפּיווקע. זי איז געווען אַ יונג שיין מיידל און האָט געליטן פון סכיזאָ־פרעניע. דער הויפּט־דאָקטאָר פּראָסטיק, אונטער וועמענס אויפזיכט זי האָט זיך געפונען, האָט מיר אַ מאָל געזאָגט וועגן איר, אַז זי איז אַ סכיזאָפרע־ניקערין פונעם ערגערן סאָרט. צײַטנווײַז ווערט זי ווילד, בושוועט אומ־דערטרעגלעך.

איך האָב אויסגעדריקט פאַר אים מיין זאָרג, אַז אויך איר ברודער זאָל נישט גיין אויף אירע דרכים, לערנען זיך קען ער נישט, זיין מוטער פאַר־טראָגט ער נישט.

— זיין שוועסטער קען אויך נישט ליידן די מוטער — האָט מיר ד״ר פראַסטיק געענטפערט — עטלעכע טעג נאָך איר באַזוך איז איר ערגער. איך האָב שוין געפּרוווט פאַרווערן דער מוטער צו קומען.

ד״ר פראַסטיק איז געווען באַקאַנט מיט זיין נייעם סיסטעם פון היילן פסיכיש־קראַנקע. מען האָט וועגן אים אַ סך געשריבן אין דער פּרעסע. מען האָט דערציילט, אַז ער לייגט אַריין דעם קראַנקן אויף אַ לענגערע צייט אין אַ קאַלטער וואַנע, דערנידעריקט די טעמפּעראַטור פון זיין קערפּער ביז אַ מינימום, ביז עס קומט פאַר דער קריזיס, דער קראַנקער באַקומט אַן אויסטערלישן שאָק, געפינט זיך אויף דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט. ערשט דאַן ווערן אָנגענומען באַזונדערע אויפלעבונגס־מיטלען. דער קראַנ־קער לעבט אויף פונסניי. נישט אַלע האָבן עס אויסגעהאַלטן. דער יונגער אָבער קראַנקער אָרגאַניזם פון קוליאַווסקיס שוועסטער האָט נישט אויסגע־האַלטן. זי איז געשטאָרבן.

ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, האָט איר טויט נישט געמאַכט אויף קוליאַווסקין קיין גאָר שטאַרקן איינדרוק. צו זיין נאָענטסטן חבר סלאָמקע האָט ער געזאָגט:

— די „סוקע״ וועט מער נישט קומען צו מיר. ווי גערן איך וואָלט פון איר פּטור געוואָרן, ווי דו פון דיין שטיף־מוטער...

— איך האָב דען געוואָלט זי דערהרגענען? — האָט זיך סלאָמקע ווי פאַרטיידיקט — אויך דיין מוטער איז נישט שולדיק. אָרעמע און שוואַכע פרויען זענען אָפט קרבנות פון נויט, פון שלעכטע מענער.

אונדזער אַרבעט איז נישט געגאַנגען לאיבוד. דאָס איז אונדזער גרויסער לוין.

יאַהאַן שווײדט איז געזונט געוואָרן און איך האָב אים עטלעכע מאָל גענומען צו זיך אַהיים, געבעטן, ער זאָל אַכטונג געבן אויפן קינד, ווען עס שפּילט זיך אַליין אין וואַלד. איך האָב געזען, אַז ער האָט אים אַפילו ליב באַקומען. צו אונדז פלעגט ער אַריינקומען אַן אויסגעוואַשענער און אויסגע־

פוצטער, האָט לעצטנס באַקומען פון מיר אַ נייעם אַנצוג, נייע שיך, ווייל ער פלעגט שוין שוינען די אַלטע. וועגן זיינע אומגליקלעכע האַנדלונגען, ווי באַוואַרפן דאָס קינד מיט שטיינער און פּרווו צו באַגיין זעלבסטמאָרד — האָט מען אים נישט געטאָרט דערמאָנען, מען האָט געזען דייטלעך ווי עס איז פאָרגעקומען אין אים אַן איבערברוך און אַן ענדערונג צום גוטן.

די לערערין און דערציערין אסתר לאַזאָווסקאַ פלעגט זיך נישט איין מאָל באַקלאָגן, אַז מיט די מיידלעך איז שווערער, ווי מיט די יינגלעך. זיי ווערן יינגער רייף, האַלטן זיך אין איין פּוצן, כדי צו געפעלן. מיט שטענ־דיקן פלאַטער האָט אסתר געפירט דעם קאַלענדאַר פון די „מאַנאַטלעכע״, פון יעדער איינער באַזונדער. ווען עס האָט זיך אַ מאָל פאַרהאַלטן ביי רוזשקען, איז זי באַלד צוגעשטאַנען צו איר און געפאָדערט, זי זאָל איר דערציילן, ווער עס האָט זיך צו איר „געטשעפּעט״.

רוזשקע איז געווען אַ הויכע און שיינע מויד, מיט אַ העלישן ברען אין אירע שוואַרצע אויגן. זי האָט שוין געלערנט אין דער שטאָטישער שול, אויסערן אַנשטאַלט, איז געווען רייצנדיק און פול מיט טעמפּעראַמענט. איר איז שטאַרק געפעלן שמואל, אונדזער אינסטרוקטאָר פון סטאָלער־וואַרשטאַט, אָבער ער האָט זי אויסגעמיטן.

אויף אסתרס אויפפאָדערונג, האָט רוזשקע זיך „מודה געווען״, אַז שמואל האָט זי „געטשעפּעט״. דערמיט האָט זי געוואָלט זיך נוקם זיין אין אים פאַר זיין גלייכגילטיקייט צו איר.

עס איז אַוועק אַ גאַנג פון געהיימע באַראַטונגען ביי הערענשטיינען אין שטוב. דער „שטאַב״ האָט געאַרבעט אינטענסיוו, צווישן געבנדיק דער דאָקטאָרין ראָזענבלום, וועלכע האָט באַפוילן, אַז אסתר מיט רוזשקען זאָלן, ווי אַמשנעלסטן, קומען קיין וואַרשע, אויף דעם אַדרעס פון אַ גינעקאָלאָג, אירס אַ קאָלעגע.

צום גליק האָט דער דאָקטאָר פעסטגעשטעלט, אַז די גאַנצע מעשה איז אויסגעזויגן פון פינגער, אַ פאַנטאַזיע פון אַ רייף, אָבער סעקסועל־קראַנק מיידל. רוזשקע האָט זיך מודה געווען, אַז זי האָט געמאַכט אַ שפּאַס.

אויף צוריקוועגס, פאַרנדיק אין דער עלעקטרישער באַן, האָט רוזשקע זיך אָנגערופן צו אסתרן:

— דער יונגערמאַן, וואָס זיצט קעגנאיבער אונדז, איז אומפאַרשעמט... אַלע קנעפּלעך זענען ביי אים צעשפּילעט...

אסתר האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם יונגנמאַן, וואָס האָט רויִק געלייענט אַ צייטונג און אַפילו נישט באַמערקט רוזשקעס נייעם „שפּאַס"...

נישט פון אַלע אירע מיידלעך האָט אסתר געהאַט אַזעלכע צרות. לאה, איינע פון אירע עלטסטע מיידלעך אין דער גרופּע, איז געווען כמעט אין איין עלטער מיט רוזשקען, האָט אויך געלערנט אין דער שטאָטישער שול, אין זעקסטן קלאַס, האָט ליב געהאַט זיך צו לערנען, כאָטש דאָס פלעגט איר אָנקומען שווערער, ווי רוזשקען, וועלכע איז געווען פעיִקער פון איר, אָבער דאָס לערנען נישט גענומען אַזוי ערנסט. צוויי מיידלעך — צוויי פאַרשידענע כאַראַקטערן און טעמפּעראַמענטן. לאה איז געווען אַ רויִקע, אַ סאָלידע, איז געווען גלאַט פאַרקעמט און גערן געטראָגן דעם שול־אוני־פאָרם, אַ טונקל־בלוי קליידל מיט אַ טונקעלן פאַרטעך, אַרום דעם האַלדז — אַ ווייס געקראַכמאַלעט קעלנערל.

רוזשקע פלעגט ביים אַהיימגיין פון דער שול זיך אומקוקן קאָקעטיש אין אַלע זייטן. זי האָט גערעדט אַ פּליסיקן פּויליש. דאַקעגן לאה, וואָס האָט אַ מאָל געלערנט אין אַ יידישער פאָלקס־שול, האָט גערעדט פּויליש מיט אַ יידישער זינגעוודיקייט, כאָטש אָן גרייזן.

אסתר איז אָבער געווען פאַרזאָרגט אויך מיט לאהן. עס איז שוין צייט געווען, זי זאָל זיין ווי אַלע מיידלעך. זי איז אָבער אין דער היגזיכט געווען אָן אויסנאָם. די דאָקטאָרין ראָזענבלום פלעגט עס דערקלערן דערמיט, וואָס לאה נעצט זיך נאָך ביז איצט. עפּעס איז ביי איר גינעקאָלאָגיש נישט אין אָרדענונג.

— ביי קריסטן וואָלט אַזאַ לאה געגאַנגען אין קלויסטער אַריין, געווען אַ גוטע קראַנקן־שוועסטער — האָט די דאָקטאָרין צוגעגעבן.

— אַ קראַנקן־שוועסטער וועט זי סיי־ווי־סיי זיין אַ גוטע — האָט אסתר זיך געטרייסט.

לאה איז ווירקלעך ווי געבוירן געוואָרן צו זיין אַ קינדער־פלעגערין. ווען גוטע, די לערערין, האָט געבוירן אַ צווילינג, צוויי יינגלעך, וואָלט זי זיך נישט קיין עצה געגעבן אָן לאהן, וועלכע האָט יעדע פרייע מינוט גע־

ווידמעט די קינדעו׳, געטווישט די נאַסע ווינדעלעך, געפירט זיי שפּאַצירן איבערן וואַלד. גוטע וואָלט זי זיכער אַריבערגענומען צו זיך, ווען זי וווינט נישט אין אַזאַ ענגער דירה, אַ זומער־וווינונג פון צוויי קליינע צימערלעך מיט אַ גלעזערנער וועראַנדע. דערצו האָט זי זיך געשראָקן פאַר איר קראַנקייט.

אויב ס׳איז ביז גאַר שווער געווען איינצואָרדענען אין לעבן די עלטערע קינדער ביים פאַרלאָזן דעם אַנשטאַלט, איז נאָך שווערער געווען איינצוּ־אָרדענען די מיידלעך. אויף אַזעלכע שיינע, רייצנדיקע מיידלעך ווי רוזשקע, האָט געלאָקט די גאַס. אַזעלכע ווי לאה האָבן געשטערט די „פעלערן"...

סאַלקען, אַ 17יאָריקע געזונטע מויד, נאָר גייסטיק אָפּגעשטאַנען, האָט אסתר דערלויבט צו גיין אַרבעטן ביי אונדז אין דער היים אַלס געהילף פון דער ווירטשאַפט. אונטער דער אויפזיכט פון מיין פרוי, איז די אַרבעט ביי אונדז געווען פאַר איר אַ גוטע שול פון פירן אַ שטוב־ווירטשאַפט. זי האָט פאַר דער אַרבעט באַקומען אַ באַשטימטן לוין, געוווינט און געגעסן אין אַנשטאַלט און איז געווען צופרידן. ריסיאַ צוזאַמען מיט זיין יינגערן „ברוּ־דערל" פיליפעק, פלעגן אָפט אַריינקומען צו אונדז, אַכטונג געבן אויפן קינד, בשעת ער פלעגט זיך שפּילן אין וואַלד. אַ מאָל פלעגט זיי אויך פאַר־בייטן יאַהאַן, וואָס האָט גאַר שטאַרק ליב באַקומען מאַרקסן.

נישט אַלעמען, אַפילו פון די מיידלעך, פלעגט מען קענען געטרויען קינדער. רבקה, למשל, אַ דערוואַקסן און פּעיִק מיידל, אין עלטער פון 16 יאָר, הויך, שלאַנק, מיט שוואַרצע, טיפע אויגן פון אַ מזרח־טיפּ, איז געווען פּעיִק צו מאָלן, אָבער מיט אַ באַגרענעצטער טעמאַטיק. מערסטנס פלעגט זי מאָלן קעץ און הינט. זי האָט זיי אויך געמאָלן ביי זייער פאַרן זיך. געוויינלעך, פלעגט זי די בילדלעך באַהאַלטן און ווייזן זיי בלויז פאַרטרוילעכע חברטעס, לאַכנדיק דערביי ציניש. זי פלעגט אויך מאָלן די קעפּלעך פון אונדזער טאָג־צייטונג, אַן אילוסטראַציע צו אַ לידל, אָדער קאַריקאַטור.

גוטע איז געווען די לערערין פון די קלענערע קינדער, יינגלעך און מיידלעך. אין דער צייט פון איר שוואַנגערשאַפט און אויך שפּעטער, ווען זי איז געוואָרן אַ מוטער פון צוויי קינדער, האָט איר רבקה צוגעהאָלפן אין דער אַרבעט, אַפילו פאַרטרעטן זי עטלעכע שעה אין טאָג.

רבקה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּעַיקע פּרעבליסטין, האָט ליב געהאַט קינדער און די קינדער האָבן זי ליב געהאַט. ביי דער אַרבעט האָט זי פאַרגעסן, אַז זי איז עלטער פון זיי און פלעגט זיך שפּילן מיט זיי „אין פערדלעך". זי אַליין האָט גערייטן אויף זיי, באַזונדערס אויף די יינגלעך, געהאָצקעט זיך דערביי און האָפּערדיק געשריגן: „וויאָ, וויאָ!" דערביי פלעגט זי נאָכמאַכן די באַוועגונגען פון די קעץ און הינט, וואָס זי האָט געמאָלן, בשעת זייער פאָרן זיך...

אויך די מעשיות, וואָס זי פלעגט דערציילן די קינדער, זענען געווען אויסטערלישע, אָבער די קינדער האָבן זיך גערן צוגעהערט צו אירע דערציילונגען.

„...מיין מאַמע איז געווען אַ שיינע, האָט זיך פאַרליבט אין אַ פּאַלי־ציאַנט, אַ סערזשאַנט מיט שפּיציקע וואָנסעס... מיין מאַמע האָט געהאַט אַ מאַן, נאָר אים האָט זי נישט ליב געהאַט. ער איז פון איר אַנטלאָפן... דער סערזשאַנט האָט אויך געהאַט אַ ווייב מיט קינדער און איז מיט מיין מאַמען אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, קיין בראַזיליע, צי אַרגענטינע — איך ווייס אַליין נישט וווהין. ווען איך זאָל וויסן, וואָלט איך אויך אַהינגעפאָרן און ביידן אָוועקגעקוילעט. פאַרוואָס האָבן זיי מיך אַוועקגעוואָרפן?!..."

דער טשאד דערנענטערט זיך

דאָס יאָר האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרברענגען אונדזער אורלויב אין טשעכאָטשינעק. זינט עטלעכע יאָר האָב איך געליטן פון ווייען אין די גע־לענקען פון די פיס און הענט. דער הויז־דאָקטאָר האָט מיר געראָטן צו היילן זיך מיט וואַנעס פון שוועבל־וואַסער. אַזאַ קוראַציע האָב איך געקענט באַקומען אין טשעכאָטשינעק.

מיר האָבן פּלאַנירט צו פאָרן צוזאַמען מיט אונדזער זון, דינגען דאָרט אַ צימער אויף אַ מאָנאַט, פירן אַ קליינעווירטשאַפט, לעבן שפּאַרזאַם און נעמען די בויטיקע קוראַציע.

אין די גאָר פריע מאָרגן־שעהן זענען מיר אָפּגעפאָרן מיט דער

עלעקטרישער באַן פון אָטוואָצק קיין וואַרשע. מאַרקס האָט גאָר פריילעך אויפגענומען זיין ערשטע רייזע מיט דער באַן, האָט נישט אויפגעהערט אַרויסצוקוקן דורכן פענצטער, ווו אַלץ איז פאַר אים געווען ניי און אויס־טערליש.

אין וואַרשע זענען מיר אויסגעשטיגן אויפן ווינער וואָקזאַל פון דאָרט אָפּגעפאָרן מיטן עקספרעס־צוג קיין טשעכאָטשינעק. מיר האָבן באַקומען אַ באַזונדערע קופּע מיט צוויי שלאָף־פּלעצער. קעגנאיבער מינדלען האָט פאַרנומען איר פּלאַץ אַן עלטערע פרוי אין די פופציקער יאָרן. זי האָט גע־רעדט אַ פּליסיקן פּויליש, אָבער ס׳איז נישט שווער געווען צו דערקענען, אַז זי איז אַ יידישע. דאַקעגן זי, האָט, ווייזט אויס, אונדז אָנגענומען פאַר פּאָליאַקן, האָט ווייניק געשמועסט מיט אונדז, געווען פאַרטיפט אין לייענען אַ בוך. פון צייט צו צייט האָט זי איבערגעריסן דאָס לייענען, געגעבן אַ לייכטן זיפץ און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער.

— איר פאָרט קיין טשעכאָטשינעק? — האָב איך דער ערשטער אי־בערגעריסן דאָס שווייגן.

— קיין טשעכאָטשינעק — האָט זי קורץ געענטפערט. פּונקט אַזוי קורץ און אָפּגעהאַקט האָט זי געענטפערט אויף מיינע ווייטערדיקע פראַגן, געוויזן, אַז זי רעדט נישט גערן און געענטפערט נאָר צוליב העפלעכקייט. מיר האָבן אָבער געוואָלט דערוויסן זיך מער וועגן דעם קוראָרט, וועגן די מעג־לעכקייטן זיך איינצואָרדענען. אויב די פרוי איז שוין דאָרט געווען, וואָלט זי אונדז געקענט געבן די נויטיקע אינפאָרמאַציעס. אָבער די פרוי האָט מסתמא געהאַט אירע סיבות צו שווייגן.

אַרויסגעהאָלפן פון דער געשפּאַנטער לאַגע האָט אונדזער זון, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אויסגעשריגן אין יידיש, וואָס ער האָט געדאַרפט. ערשט איצט האָט זי זיך דערוווּסט, אַז מיר זענען יידן און מיט אַ מאָל האָט די שווייגנדיקע פרוי זיך צערעדט, גערעדט און גערעדט אָן אויפהער.

מינדעלע, וועלכע איז געהאַט אַרויסגעגאַנגען מיטן קינד, איז צוריק אַריינגעקומען און געבליבן שטיין ביי דער טיר אַ פאַרוווּנדערטע, הלמאי די פרוי האָט זיך צערעדט, ווי נאָר זי איז אַרויסגעגאַנגען מיטן קינד.

— ווי רופט איר אייער זון? — האָט די פרוי איבערגעפרעגט.

— מאַרקס — האָט מינדעלע געענטפערט.

— מאַרקס? דאָס ערשטע מאָל הער איך אַזאַ נאָמען. ער זעט דאָך נישט אויס ווי קיין ייד און וואָלט געקענט הייסן וולאַדעק, יוזעף... אין טשעכאָ־טשינעק זאָלט איר אים אַזוי נישט רופן און נישט רעדן מיט אים אויף זשאַרגאָן...

ביים אָנקומען קיין טשעכאָטשינעק, איז די פרוי אַוועק פון אונדז. זי האָט זיך נישט געגוטיקט, ווי מיר, אין אַ מעקלער. אין אַ לאַנגער ריי זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט די מעקלער און יעדער אָנגעקומענער האָט זיך געדאַרפט נעמען איינעם פון זיי, לויט דער ריי. אונדז איז אויסגעפאַלן אַ מיטליאָריקער פאָליאַק, אַן אויסגעפוצטער, מיט לענגלעכע וואָנסעס און מיט אַ רויכערנדיקן סיגאַרעט אין מויל.

— מיר זוכן אַ דירה פון איין צימער מיט אַ קיכל, אָדער מיט אַ מעג־לעכקייט צו קאָכן אין אַ געמיינזאַמער קיך — האָב איך זיך צו אים גע־וואָנדן.

— פאַרוואָס נישט? דאָ נישט ווייט האָב איך אַזאַ דירה פאַר אייך.

ער איז געגאַנגען פון פאָרנט און מיר אַלע דריי נאָך אים. ער האָט אונדז געפירט דורך שמאָלע, אָבער ריינע געסלעך. די ערשטע דירה איז אונדז נישט געפעלן: אַ טונקעלער פאָדערצימער. אין צימער איז געהאַנגען אַן איקאָנע פון דער הייליקער מוטער און עס האָט געברענט אונטער איר אַ „נר תמיד". די באַלעבאָסטע אַליין — אַן עלטערע און דאַרע פרוי מיט אויסגעלאָשענע אויגן און אַ מויל, וואָס האָט מער געשיפּעט ווי גערעדט...

אויך די צווייטע שטוב איז געווען אין אַ שטיל פאַרוואָרפן הייזל. אַ גרויסע שוואַרצע קאַץ האָט אונדז באַגעגנט מיט אירע פינקלדיקע אויגן. אויך דאָ איז די איינציקע צירונג פון צימער געווען ישו אויפן קרייץ. עס האָט זיך געפילט אַ ריח פון טוכלעקייט און שימל.

— וווהין פירט איר אונדז? — האָב איך געפרעגט אונדזער מעקלער. — מיר זוכן אַ צימער ביי פּראָגרעסיווע מענטשן, ווו עס איז פריילעך. מיר זענען נישט געקומען רוען, נאָר היילן זיך. מיר ווילן וווינען נעענטער צו די בעדער.

— אַהין דאַרפט איר נישט גיין. דאָרט ווױנען בלויז זשידעס, ליגנער און אָפּנאַרער — האָט ער געשיפּעט מיט שׂנאה.

— אַ דאַנק פאַר אייער מי. מיר וועלן שוין טרעפן אַליין — האָב איך זיך אָנגערופן צו אים און דערלאַנגט אים אַ פּאָר זלאָטעס פאַר זיין טירחה.

לאַנג האָבן מיר נישט געדאַרפט זוכן. דער ערשטער ייד, וואָס מיר האָבן באַגעגנט אויפן וועג, האָט אונדז אָן שום באַלוינונג אָנגעוויזן, ווו מיר קענען דינגען פאַר נישט טייער אַ גוטע דירה. די יידישע באַלעבאַטים האָבן געהאַט אַ שלעכטן סעזאָן, עס זענען געקומען צו פאָרן גאָר ווייניק יידישע געסט און די קריסטלעכע האָבן אויסגעמיטן זייערע דירות, כאָטש ס׳וואָלט זיי אויסגעטראָגן ביליקער און ס׳וואָלט זיי געווען באַקוועמער.

— אַ שווערע צייט געקומען אויף אונדז יידן — האָבן זיך געקלאָגט די יידישע באַלעבאַטים — נישטאָ קיין אָרט פאַר אונדז אין פּוילן.

טשעכאָטשינעק איז געווען אַ פּראַקטיק קוראָרט, מאָדערן, מיט ברייטע אַספּאַלטירטע גאַסן, יונגע פּאַרקן מיטביימער און בלומען, אַ גרויסער זייגער מיט ווייזערס, וואָס באַוועגן זיך מיט אַ טאָג־טעגלעכן קאַלענדאַר. שעהן לאַנג וואָלטן די אויגן נישט מיד געוואָרן צו קוקן אויף די בלומען. אין די אָוונטן האָבן די פּראָזשעקטאָרן צוגעגעבן טויזנטער חנען דער שטאָט פון בלומען. וואָס קומט אָבער אַרויס פון דעם אַלעמען, ווען די יידן זענען אָנגעשראָקן און מיטן צופאַלן פון אָוונט דערלויבט מען זיך נאָר צו זיצן אויף דער וועראַנדע, אַרומשפּאַצירן אַרום דער שטוב, אָבער נישט לאָזן זיך אַהין, ווו די פּריש־געבאַקענע פאַשיסטן לויערן אויף יידן.

די צעהוליעטע יוגנט פלעגט אין די אָוונטן שפּאַצירן מיט גאווה איבער די גאַסן און פּאַרקן און אויסלאָדן דעם איבערפלוס פון זייער ענערגיע און אָנגרייצטקייט אויף די זשידעס.

די בעדער זענען דאָס יאָר געווען צוגענגלעכער, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, די פּרייזן זענען געווען נידעריקערע, אָבער די דינערשאַפט האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויס חשק צו די יידישע פּאַציענטן, סיידן יענע האָבן זיך געלאָזט קאָסטן.

טאָג־איין, טאָג־אויס, האָבן זיך דערטראָגן די שווידערלעכע ידיעות פון שכנישן דייטשלאַנד. טויזנטער יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע

היימען, אונטער קלעפּ און דראָנגען זענען מוטערס און קינדער, ווי זיי שטייען און גייען, געטריבן געוואָרן צו דער פּוילישער גרענעץ. זי איז אָבער געווען פאַר זיי פאַרמאַכט אויף זיבן שלעסער און די אַרויסגעטריבענע זענען געבליבן שטעקן אין ערגעצלאַנד, צווישן די גרענעצן אין זבאָנשין־לאַגער.

וועגן דעם אַלעמען, האָט מען אין יענע טעג נישט אויפגעהערט צו שמועסן צווישן זיך, אין דער שטיל, מיט שרעק, אַז דער וויסטער קלאַפּ זאָל זיך נישט אַריבערכאַפּן אויך אַהער, קיין פּוילן. סימנים דערצו זענען געווען גענוג, איבערגענוג...

קינדער פון דייטשלאַנד

גרויסע היסטאָריקער זענען נישט נאָר קענער פון דעם עבר און פון דעם הווה, זיי פאַרמאָגן אויך די פאַרויסזעעוודיקייט פון די נביאים. דער גרויסער ייד און היסטאָריקער צבי הערש גרעץ, האָט נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק פאַרויסגעזאָגט אין זיין געשיכטע, אַז דאָס שוידערלעכע פייער, דער טייוולאָנישער דייטשער מיליטאַריזם, איז מסוגל צו פאַרצוקן אין זיינע פלאַמען די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענטשהייט און אין דער ערשטער ריי — דאָס שווער־געפּרוווטע יידישע פאָלק.

יידישע געלערנטע און פינאַנסיסטן אין דייטשלאַנד האָבן געשטרעבט צו פאַרגעסן אין זייער יידישקייט. געוואָלט אַפילו באַגליקן די גאַנצע מענטשהייט מיט סאָציאַלער גערעכטיקייט אָבער פאַרלוירן דערביי די פאַר־בינדונג מיט זייער אייגן פאָלק, מיט דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, האָבן זיך אַסימילירט, זיך געשמדט.

נישט אַזוי האָבן געטראַכט היטלער און געבעלס, ראָזענבערג און אַלע אַנדערע דייטשע נאַציס. ווי באַלד זיי זענען געקומען צו דער מאַכט אין דיי־טשלאַנד, האָבן זיי זיך מיט ווילדן צאָרן געוואָרפן אויף אַלעם, וואָס איז פאַרן יידישן פאָלק געווען הייליק און טייער, האָבן נישט געשוינט אויך די

אָפּטריניקע, וואָס האָבן פֿאַרביטן דעם מגן דוד אויף אַ צלם. ביזן פֿערטן דור פֿון די משומדים, זענען זיי פֿאַראורטיילט געוואָרן אויף פֿאַרניכטונג צוזאַ־מען מיט אַלע יידן.

שוין דעמאָלט זענען אַ סך פֿון זיי פֿאַרשיקט געוואָרן אין די קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן און זייערע ווייבער און קינדער האָט מען פֿאַרטריבן אין קיינעמס־לאַנד, אין גרויסן לאַגער, אין זבאָנשין. גליקלעך זענען געווען די, וועלכע עס איז געלונגען זיך אַרויפֿצוכאַפּן אויף אַ שיף און אַנטלויפֿן אין דער גרויסער וועלט. אָבער אויך די זענען געשלאָגן געוואָרן פֿון דעם זעלבן גורל. קיין שום לאַנד איז נישט גרייט געווען צו עפֿענען פֿאַר זיי די טויערן. נאָך לאַנגע וואָכן און חדשים פֿון וואַנדערונגען, אין הונגער, נויט און שמוץ, זענען אַ סך פֿון זיי אומגעקומען.

שוין דעמאָלט האָב איך געפֿילט, אַז דאָס פֿייער פֿון פֿאַשיסטישן דייטש־לאַנד וועט נישט לאָקאַליזירט ווערן. איך האָב געזען דעם טאַנץ פֿון די פּוי־לישע מיניסטאָרן אַנטקעגן דער צעהוליעטער ווילדקייט פֿונעם פּוילישן המון, פּיקעטניקעס נעבן די יידישע געוועלבער, איבערפֿאַלן און פּאָגראָמען...

אומקערנדיק זיך אַהיים אין אַנשטאַלט, האָב איך געטראָפֿן נייע הונ־דערטער קינדער. דאָס זענען נישט געווען קיין דעפֿעקטיווע קינדער, וואָס האָבן זיך געניייטיקט אין אַ ספּעציעלער דערציִונג, אין אַ ספּעציעלן רעזשים. זיי האָבן אויסגעזען ווי וויסינקע הינדעלעך, אויסגעוואָרעמטע אין די אינ־קובאַטאָרס. די העל־בלאָנדע מיידלעך אין ווייסע און קאָלירקע קליידלעך, מיט רויטע און בלוי־זיידענע לענטעס, וואָס האָבן צונויפֿגעבונדן זייערע האָר, זיי זאָלן נישט צעפֿליִען אויפֿן ווינט, האָבן אויסגעזען ווי פֿעלד־בלו־מען.

אויך די ייִנגלעך, מערסטנס בלאָנד־האָריקע, שלאַנקע, האָבן געטראָגן קורצע הייזלעך און ווייסע בלוזעס מיט קורצע אַרבל; געריידט שטיל, גע־לאַסן און אויסגעזען ווי צייטווייליקע געסט, וואָס זענען געקומען פֿון ערגעץ ווייט און וועלן זיך דאָ לאַנג נישט פֿאַרהאַלטן.

ביי מיין ערשטער באַגעגעניש מיטן דירעקטאָר קלמן ליס, האָט ער מיך געפֿרעגט, צי איך האָב זיך שוין געזען מיט די געסט און דערציילט, אַז דאָס זענען קינדער פֿון דייטשלאַנד, וואָס היטלער האָט געמאַכט פֿאַר יתו־

מים און האַלבע יתומים. געבראַכט אַהער האָט מען זיי פון זבאָנשינער לאַ־גער אויף עטלעכע חדשים, ביז זייער אָפּפאָרן אין די פאַרשידענע לענדער, ווו זיי האָבן באַקומען בירגערשאַפט.

גאָלדין פון „צענטאָס" איז אַליין אַראָפּגעקומען אין אַנשטאַלט און פאַר די לערער און קינדער געמאָלן דאָס שוידערלעכע בילד פון דער היטלע־ריסטישער אכזריות איבער די דייטשע יידן, דערציילט ווי אַזוי מען האָט די קינדער, אַ סך פון רייכע היימען, אומגעריכט אויפגעוועקט אין מיטן דער נאַכט און מיט געוואַלד זיי אַוועקגענומען פון זייערע עלטערן, און מאַסנוויז אַרויסגעפירט זיי אין אָנגעפּראָפּטע אויטאָס, אין דער נאַכט־פינצטערניש, אין קעלט און ווינט, העט ווייט צו דער פּוילישער גרענעץ, אויסגעלאָדן זיי, ווי די קעלבער, וואָס מען פירט צו דער שחיטה און מיט ביקסן־קאָלבעס זיי געטריבן אין דער זאָנע צווישן דער דייטשער און פּוילישער גרענעץ.

די פּוילישע יידן, די פאַרשידענע יידישע הילפס־אינסטיטוציעס האָבן גלייך אַרויסגעשיקט הילף: ברויט און פאַרשידענע פּראָדוקטן, שיכוואַרג און מלבושים, קאָלדרעס און קישנס, אויפגעשטעלט צענדליקער לייוונטענע געצעלטן. יידישע דאָקטוירים זענען גיך אַרויסגעפאָרן מיט מעדיקאַמענטן. טויזנטער יידן האָבן געוואָלט די קינדער אַריינגעמען צו זיך, אָבער די פּוילישע מאַכט האָט קיין איינעם פון זיי נישט דערלויבט אַריבערצוגיין די פּוילישע גרענעץ.

גאָלדין איז געווען פאַרצווייפלט:

— עס גייט דער ווינטער, מיט די שנייען און פרעסט. די קינדער וואָל־טן זיכער דאָרט נישט אויסגעהאַלטן. די פּוילישע רעגירונג האָט דערלויבט אַריינצולאָזן נאָר די קינדער, פאַר וועלכע עס איז געלונגען צו שאַפן אַדאָפּ־טירער אין אויסלאַנד, עס פעלן אָבער נאָך ערטער פאַר פיל פון זיי.

— מיר וועלן זיי אָפּטרעטן אונדזערע בעטן — האָבן איניקע קינדער פון „צענטאָס" אויסגעשריגן אויפן קול. העכער פון אַלע האָט זיך געלאָזט הערן סלאָמקעס באַסאָווע שטים.

אונדזערע קינדער האָבן זיי ביים אָנקומען פון זבאָנשינער לאַגער, אויפ־גענומען מיט ברידערלעכער וואַרעמקייט, מיט גרייטקייט צו העלפן, אָפּצו־טרעטן די ערשטע ריי ביי די מאָלצייטן, אָפּצוטרעטן זייערע בעטן און אָנ־

שטאָפּן פּאָר זיי נייע שעניקעס מיט פרישן שטרוי און אַליין צו שלאָפן אויף אַ בלויזן שעניק אָנגעפילט מיט אַ פּאַראַיאָריקן שטרוי.

די קלאַסן פון דער שול, די וואַרשטאַטן זענען אויף ביינאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שלאָפצימערס און קיינער האָט זיך נישט באַקלאָגט, אַז עס איז אים נישט באַקוועם. אונדזערע קינדער האָבן אַפילו געוואָלט רוימען זייערע פריערדיקע שלאָפצימערס, אָבער די דערציִער, וואָס זענען אָנגעקומען צוזאַמען מיט די דייטשע קינדער פון זבאָנשין, האָבן צו דעם נישט דערלאָזט, זאָגנדיק:

— אונדזערע קינדער ווילן נישט זיין קיין פּאַראַזיטן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין דייטש, האָבן אונדזערע יידישע קינדער דאָך אויפגעכאַפּט דעם מיין און אָפּגעטרעטן.

דאָס פעלן פון אַ געמיינזאַמער שפּראַך צווישן אונדזערע געסט און די קינדער האָט געהאַט אויך פּאָזיטיווע זייטן. עס האָט זיך געשאַפן אַ געוויסע דיסטאַנץ, אַן אָפּגעזונדערטקייט, נישט רעכענענדיק די געמיינזאַמע שפּילן אין נעצבאָל, אין דאַמקע, אַפילו אין שאַכמאַט.

די לערערין עלזע איז געווען די איבערזעצערין צווישן אונדז און די אָנגעקומענע. זי האָט געשטאַמט פון גאַליציע, האָט אויך אַ געוויסע צייט שטודירט אין דייטשלאַנד און גערעדט אין דעם זעלבן דיאַלעקט, וואָס עס האָבן גערעדט די געסט.

אויך איך האָב געקענט די דייטשע שפּראַך אין שריפט און אין וואָרט. נאָך אין דער רוסישער גימנאַזיע האָט אונדז דער לערער אַווגוסט איוואַנאָוויטש געלערנט די דייטשע שפּראַך, אויך ביים באַאַרבעטן מיין דיפּלאָם־אַרבעט, פלעג איך זיך באַנוצן מיט דעם „צענטראַל־בלאַט". דאָך איז מיר שווער געווען צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די קינדער און מיט זייערע דערציִער. מיינע געשפּרעכן מיט זיי זענען געווען קורצע. ווען איך האָב אַמאָל אַ קליין מיידעלע מיט בלויאינקע אייגעלעך און פאַריסן נעזל געפרעגט, צו וועלכער נאַציע זי געהערט, האָט זי מיט פאַרוווּנדערונג געענטפערט:

— איך בין אַ יודין, אַ יודין!

— און דיינע זיידעס?

— דאָס געדענק איך נישט.

מען האָט מיר דערציילט, אַז אייניקע פון די קינדער זענען זיכער נישט קיין יידן. ווילנדיק פּטור ווערן פון פּאָליטישע קעגנער, האָבן די היטלעריסטן אַ סך פון זיי געמאַכט פאַר יידן, געפאָדערט פון זיי באַווייזן, אַז זיי זענען נישט קיין יידן ביזן פערטן דור. אָבער די קינדער האָבן איצט מיט שטאָלץ דעקלאַרירט זיך אַלס יידן.

אַ שאָד, וואָס מען האָט נישט אויסגענוצט יענעם מאָמענט און נישט דערצויגן די קינדער אין יידישן גייסט, נישט געלערנט זיי די יידישע אָדער העברעיִשע שפּראַך, נישט פאַראינטערעסירט זיי מיט דער רייכער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

אַנשטאָט דעם האָבן מיר זיך צוגעקוקט צו זייער אויסערלעכער „מוש־טרע", צו זייער קאָלעקטיוון „מודה־אני"־זאָגן יעדן פרימאָרגן אין דער דייטשער שפּראַך; צו דעם, ווי זיי רירן זיך נישט צו צום עסן, ביז זיי שטעלן זיך נישט אַלע אויף און זינגען אין כאָר דעם לויב־געזאַנג צום אייבערשטן, וואָס שפּייזט און דערנערט אַלע. דערנאָך האָבן זיי זיך, לויט אַ באַפעל, אַוועקגעזעצט און גענומען דעם ערשטן לעפל זופּ אין מויל אַריין, נאָך דעם ווי עס האָט פריִער פאַרזוכט דער דערציִער. אמת, זיי האָבן זיך געהאַלטן רויִקער און שטילער פון אונדזערע קינדער, געווען געהאַרכזאַמער, דערפאַר האָבן אָבער אונדזערע „דעפעקטיווע" פאַרמאָגט מער פון זיי זעלבשטענדי־קייט, איניציאַטיוו, אוממיטלבאַרקייט און פּשוטקייט.

אַפילו זייערע לידער, מערסטנס מאַרשן אין אָפּגעהאַקטן ריטעם, האָבן דערמאָנט אינעם שפּאַנען פון געקאָוועטע שטיוול, אין פּרייסישן מיליטאַ־ריזם. בלויז זייערע סאָלאָ־געזאַנגען זענען געווען ראָמאַנטיש־אומעטיק.

יאָ, זיי האָבן געקענט די „התקוה" אין אַ צעבראָכענעם העברעיִש און דאָס איין און איינציקע לידעלע אויף יידיש:

זיי פריילעך, זיי פריילעך!
וויש אָפּ אַ טרער און וויין נישט מער.
...קיינער טאָר נישט וויסן פון דיין פּיין,
כאָטש ס'מעג ביי דיר דיין האַרץ צעבראָכן זיין —
נאָר פריילעך מוזסטו זיין!...

אומשולדיק — שולדיקע

צו יונג זענען נאָך געווען די קינדער פון דייטשלאַנד, די קרבנות פון דער היטלעריסטישער ראַסן־דיסקרימינאַציע, זיי זאָלן קענען באַגרייפן פאַר־וואָס עס איז זיי געקומען אַזאַ שרעקלעך פינצטערער גורל. מעגלעך, אַז אַפילו אַ סך פון זייערע עלטערן האָבן עס נישט ווי געהעריק פאַרשטאַנען. פיל פון זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר אמתע דייטשן, אַפילו אָנערקענט היט־לערס גרויסקייט, האָבן זייערע קינדער אויך נישט געוווּסט פון יידישן אָפּ־שטאַם. די שול, די גאַס און די היים האָבן זיי דערצויגן אין האַס צו דעמאָ־קראַטיע, אין גייסט פון דער העכערקייט פון דייטשן פאָלק, צו וועלכן זיי האָבן זיך פאַררעכנט. דאָס אומגליק, וואָס האָט זיי אַזוי אומגעריכט גע־טראָפן, האָט נישט אַ סך פון זיי באַוויזן צו נעמען טראַכטן אַנדערש. זיי האָבן עס אָנגענומען ווי אַ שטראָף פון גאָט, וואָס איז אויף זיי געקומען דורך די שלעכטע דייטשן.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו אַ סך פון זיי, צו אונדזערע געסט פון זבאָנ־שינער לאַגער, און געפּרוּווט זיי צו פאַרגלייכן מיט אונדזערע קינדער, וואָס זענען געווען פאַררעכנט אַלס דעפעקטיווע. איך האָב זיך אויך נענטער באַ־קענט מיט אייניקע פון זייערע יונגע דערציערינס, וואָס זענען געקומען צו־זאַמען מיט די קינדער, סיי זיי, סיי די קינדער, האָבן זיך נישט געפילט שטאַרק דערשלאָגן און נעבעכדיק אין זייער איצטיקער לאַגע. ריינע, ציכ־טיקע, שיין פאַרקעמטע, האָבן זיי געהיטן זייערע היגיענישע געוווינהייטן, די אָרדענונג, מוסטערהאַפטע דיסציפּלין. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי האָבן זיך געפילט העכער פון זייערע באַלעבאַטים און גאַסטגעבער. אַפילו די דערוואַקסענע, די דערציִער, האָבן אויסגעמיטן צו רעדן וועגן היטלערן. דאָס איז נישט געווען קיין געפיל פון מורא, נאָר דער טיף־איינגעוואָרצל־טער און פאַרבאָרגענער באַגריף, אַז דער „פירער" אונטערליגט נישט קיין קריטיק.

אונדזערע קינדער ווידער האָבן אין זיי געזען אייגענע, אומגליקלעכע ברידער און שוועסטער, אומשולדיק געליטענע, ווייל זיי זענען יידן. זיי האָבן זיך געפרייט מיט דעם, וואָס די יידן פון גאָר דער וועלט האָבן זיך אָפּגערופן

מיט דער גרייטקייט צו אַדאַפּטירן די קינדער אַלס אייגענע. דאָס האָט אין זיי אַרויסגערופן דעם שטאָלץ דערמיט, וואָס זיי זענען יידן.

אונדזערע קינדער פלעגן זיך גאָר זעלטן באַקלאָגן פאַרן דערציִער איי־נער אויפן אַנדערן. די סיכסוכים צווישן זיך פלעגן זיי אָפטער אַליין דער־ליידיקן, אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ. דאַקעגן די סיכסוכים צווישן די דייטשע קינדער פלעגן כמעט שטענדיק דערליידיקן די דערציִערינס.

ביי אונדז זענען נישט געווען קיין האַרבע שטראָפן. נישט דערציילן די „מעשה" פאַרן שלאָף, איז געווען אַ גענוגנדיקע שטראָף. נישט געבן קיין עסן, אַלס שטראָף, איז ביי אונדז נישט פּראַקטיצירט געוואָרן. דאַקעגן די אָנגעקומענע זענען געוווינט געווען צו שטראָפן: מיט שטעלן אין ווינקל, אָפּהאַלטן דאָס עסן ביז אַלע האָבן שוין פאַרענדיקט א״אַ.

מיר האָבן אַלץ געטאָן, אַז אונדזערע געסט זאָלן זיך פילן פריי, געע־פנט פאַר זיי אַלע טירן און טויערן פונעם אַנשטאַלט. זיי זענען אָבער זעלטן אַרויסגעגאַנגען אַליין, שטענדיק איז מיט זיי מיטגעגאַנגען די דערציִערין און די גרופּע איז געגאַנגען אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג, צו צווייִ, אין טעמפּ פון אַ מאַרש.

ס׳רוב קינדער האָבן אין זבאַנשין איבערגעלאָזט זייערע מוטערס און פלעגן שרייבן צו זיי בריוו. אַוועקשיקן די בריוו אויף דער פּאָסט זענען זיי געגאַנגען גרופּנווייז.

ביי אונדז האָבן זיי זיך געפילט גוט. אַ גאַנצן טאָג אויף דער פרייער לופט, אין סאָסנע־וואַלד, מען האָט זיי געפירט שפּאַצירן אויפן מעראַן, אויף די אַרומיקע בערג. די באַשפּייזונג איז געווען געשמאַק און גענוגנדיק. כדי נישט צו מאַכן קיין אונטערשייד, האָט מען אין יענער צייט אויך אונדזערע קינדער געגעבן בעסערע און פאַרשידנאַרטיקע שפּייזן. אויב פריִער פלעגן זיי באַקומען קאָמפּאָט נאָר צוויי מאָל אַ וואָך, איצט — יעדן טאָג.

די געסט האָבן זיך געגרייט צו דער געזעגענונגס־פאַרשטעלונג. דאָס האָט זיי גאָר שטאַרק אַבסאָרבירט. פאַרשטענדלעך, אַז די פאַרשטעלונג האָט געדאַרפט זיין אין דער דייטשער שפּראַך. קיין ספּעציעלע נייע נומערן האָבן די דערציִערינס נישט צוגעגרייט. אייניקע געזאַנג־נומערן, קורצע דעקלאַ־מאַציעס און קאָלעקטיווע טענץ. אונדזערע קינדער האָבן צו דער געזעגע־

נונגס־פאָרשטעלונג זיך געגרייט מיט קאָלעקטיווע גימנאַסטישע איבונגען און פּיראַמידן. צום שלוס האָב איך צוגעגרייט אַ פריילעך, קאָמיש ליד, אין דער פוילישער שפּראַך, „דער זייגער", און דאָס באַליבטע ליד אין יידיש „זיי פריילעך".

פּאָרט געזונט, קינדערלעך!

דער געזעגענונגס־אָוונט איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. אַלץ איז געווען צוגעגרייט זאָרגפעלטיק און מיט פולן ערנסט. אונדזערע קינדער האָבן שיין דעקאָרירט דאָס עסצימער, וואָס האָט גלייכצייטיק געדינט פאַר דעם פאָרשטעלונג־זאַל. עס זענען צעהאָנגען געוואָרן איבער די ווענט אַלע טעגלעכע וואַנט־צייטונגען, וואָס זענען דערשינען רעגולער פון דער דאַטע, ווען די קינדער פון דייטשלאַנד זענען אָנגעקומען פונעם ערשטן „ברוכים הבאים" ביז צום געזעגענונגס־טאָג מיט אונדזער אַלעמענס ווונטש — „פּאָרט געזונט!"

איבער דער לענג און ברייט פונעם גרויסן זאַל האָבן געפלאַטערט פיל־קאָליריקע קרענץ און פענדלעך. אין קיך האָט מען געגרייט ספּעציעלע מאכ־לים, אין שניידער־וואַרשטאַט זענען אויסגעענדיקט געוואָרן די נייטיקע קליידער. אַלע זענען געווען פאַרטאַראַמעט און פאַרפּאַרעט. די עלטערע מיידלעך האָבן געהאָלפן דער אינסטרוקטאָרין רעגינע, צוזאַמען מיט די דערציערינס. די אַרבעט האָט געברענט אונטער די הענט.

אין מיין עקספּערימענטאַלן וואַרשטאַט האָבן די קינדער צוגעגרייט מתנות פאַר יעדן פון די אָפּפאָרנדיקע געסט: בלאָקנאָטן, אַלבומען, שיינע איינגעבונדענע לייען־ביכלעך. אויך דער סטאָליער־וואַרשטאַט האָט צוגע־גרייט קעסטעלעך פאַר שאָכמאַט־פיגורן. פון „צענטאָס" אין וואַרשע זענען אָנגעקומען אַ סך באָמבאָניערעס, פּאָמעראַנצן און עפּל.

אויך די פאָרשטעלונג האָט געקלאַפּט מיטן נייטיקן ריטעם, אָרדענונג און פּינקטלעכקייט. יעדער נומער פון פּראָגראַם איז אויסגעפירט געוואָרן

מיט טאַלאַנט, שיין און אינטערעסאַנט. קיין וואַרעמע אַפּלאַדיסמענטן האָבן אויך נישט געפעלט, אָבער...

די אַלגעמיינע שטימונג, סיי פון די דערוואַקסענע, סיי פון די קינדער, איז געווען אַ געדעמפטע, אָן איינגעהאַלטענע. עס האָט געפעלט דאָס אומ־מיטלבאַרע פריילעכע קינדערישע געלעכטער, וואָס זאָל מיטרייסן. מיט שווערע הערצער האָבן די מוטערס אין זייערע בריוו געזעגנט זיך מיט די קינדער. דאָס האָט זיכער געווירקט אויפן געמיט פון די קינדער און דאָס געזאַנג „זיי פריילעך, זיי פריילעך" האָט געקלונגען ווי עמעץ וואָלט אַרויפּ־געצווינגען אויף זיי די פריילעכקייט.

קיינער האָט נישט גערעדט וועגן די אייגענע איבערלעבונגען, אָבער די געפילן האָבן זיך איבערגעטראָגן פון איינעם צום אַנדערן, באַווירקט אויך די דערוואַקסענע, אויך אונדזערע קינדער, וואָס דער רוב פון זיי האָבן קיין פאַ־מיליע־געפילן נישט פאַרמאָגט.

צומאָרגנס איז פאַרגעקומען דער געמיינזאַמער מאַרש צו דער באַן. אויך אונדזערע קינדער זענען געגאַנגען אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג, אונ־טער דער אָנפירונג פון די עלטערע, מיט שטילע טריט, ווי אויף אַ פּראָ־צעסיע. זייטיקע מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, דורכגעלאָזט אונדז, נאָכ־געקוקט לאַנג, ביז מיר זענען פאַרשוווּנדן פון זייערע אויגן. איך האָב דע־מאָלט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס מאַרשירן נישט קיין קינדער, נאָר דער־וואַקסענע מענטשן, אויסגעפּרוּווטע, געליטענע אָן אַ פאַרוואָס, וואָס גייען אַנטקעגן דעם מאָרגן מיט ציטערנדיקע הערצער, מיט פאַרנעפּלטע אויגן, אויף נייע אומבאַקאַנטע וועגן, אַלייך, אָן עלטערן, צו ווייטע מענטשן, גוטע, אָבער פרעמדע...

אָט זיצן זיי שוין אין די וואַגאָנען, קוקן אַרויס דורך די פענצטער, מאַכן מיט די הענטלעך. ביי אַ סך שטייען טרערן אין די אויגן. אויך איך שליקעכץ, כדי אַראָפּצושלינגען דעם האַרטן קנויל, וואָס האָט זיך מיר גע־שטעלט אין האַלדז. איך פריי זיך דאָך, וואָס די קינדער פאָרן אָפּ ווייט. איך טראַכט, אַז אונדזער לאַגע דאָ איז באַדראָט, געפאַרן לויערן אויף אונדז. צי וועלן מיר באַווייזן צו אַנטלויפן? פאָרט קינדערלעך, אין אַ גוטער שעה!

עמעץ האָט אויפגעזונגען: זיי פריילעך! באַלד האָבן אַ סך מיטגעזונגען

וואָס אַמאָל העכער, ווי זיי וואָלטן מיט דעם געזאַנג געוואָלט פאַרטויבן דאָס נאָגעניש, אויפהערן צו טראַכטן און איבערלעבן. דער צוג האָט געדירט און דאָס געזאַנג איז געשטיגן אַלץ העכער. דער צוג איז שוין אָפּגעפאָרן אַ היפּשן מהלך און מיר האָבן נאָך אַלץ געהערט דאָס הילכיקע געזאַנג פון די אַוועק־געפאָרענע קינדער.

צוריקוועגס זענען אונדזערע קינדער געגאַנגען אָן דער פרי:ערדיקער אָרדענונג, געשמועסט צווישן זיך וועגן וויטע רייזעס, וועגן די מאַמעס, וואָס יענע האָבן איבערגעלאָזט אין זבאָנשין.

— דו רעדסט וועגן די מוטערס און דיין אייגענע מוטער האָסטו פאַר־טריבן, נישט געוואָלט זי זען — האָט סלאַמקע אַ שטאָך געטאָן קוליאַווסקין.

— און דו האָסט נישט אָפּגערוימט דיין מאַמען?

— מיין שטיפמאַמע, נישט ווילנדיק — האָט סלאָמקע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— היינט וועלן מיר שלאָפן אין אונדזערע בעטן — האָט יאַהאַן זיך גע־טרייסט — אין אונדזער שלאָפצימער.

— מיך אַרט נישט צו שלאָפן אויף דער פאָדלאָגע אויך — האָט אים ריסיאָ אָפּגעענטפערט — מיט די יאַטן איז געווען פריילעכער.

— צי וועט מען צוריק פאַרמאַכן דאָס טויער, ווי פרי:ער, איידער זיי זענען געקומען? — האָט ראַדיאַוויטש געוואָלט וויסן.

מיר זענען אַריין אויף דער גליניעצקע־גאַס. דאָס טויער איז שוין גע־ווען געשלאָסן, אָבער איידער מיר האָבן נאָך באַוויזן צו געבן אַ קלונג, האָט שוין דער פאַן יוזעף געעפנט דאָס טויער. אַלץ איז ווידער ווי געווען. די קינדער האָבן זיך גענומען אַרויסטראָגן אַלע שעניקעס צו לופטערן, גערוימט, געוואַשן מיט חשק, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרבענקט נאָך דער אַרבעט. די אַר־בעט האָט זיי געהאָלפן פאַרגעסן אין זייערע געוועזענע געסט, מיט וועמען זיי האָבן זיך ווייניק געחברט און דאָך געפילט זיך מיט זיי גוט. זיי האָבן געבענקט.

יואל פערעל

ערב דעם שטורעם

מען זאָגט, אַז פייגל פילן מיט זייער אינסטינקט דעם אָנקום פון אַ גרויסן שטורעם. אומרויִקע וואַנדערן זיי אַרום פון אָרט צו אָרט, ווי זיי וואָלטן אַלעמען געוואָרנט פאַר דער געפאַר, וואָס דערנענטערט זיך. זיי פאַרלאָזן אין איילעניש זייערע פאַרזעסענע ערטער און פליִען טשאַטשעסוויז אַפּ ווייטער, ווייטער פון דעם געפערלעכן אָרט. אַזוי איז אויך אין יענער צייט געשען מיט די איינוווינער אין פוילן, באַזונדערס מיט די ידישע.

פון דייטשלאַנד האָט זיך געטראָגן דער פאַשיסטישער שטורעם, די גרענעצן פון פוילן זענען פאַר אים געשטאַנען אָפן און ער האָט מיט אַ ווילדער שנעלקייט אָנגעשטעקט יונג און אַלט. מיט כוח און ברוטאַלן געוואַלד האָבן די ענדעקישע סטודענטן געוואָלט איינפירן דעם געטאָ אין די פוילישע הויכשולן פאַר די ידישע סטודענטן. פיקעטניקעס האָבן נישט אַריינגעלאָזט קיין קונים אין די ידישע געשעפטן. אין זייערע צייטונגען האָבן זיי פאַרעפנטלעכט די פאָטאָגראַפיעס פון די פּאַליאַקן, וואָס האָבן געוואַגט אַריבערצוטרעטן די שוועל פון אַ ידיש געוועלב. מען האָט געהעצט צו פּאָגראָמען.

אין יענער לאַגע האָבן אַ סך ידן געווענדט זייערע בליקן קיין אַמעריקע, אַרגענטינע, בראַזיליע, מעקסיקע, ווו נאָר עמעץ האָט געהאַט קרובים און באַקאַנטע. מיר, די לערער און דערציער פון „צענטאָס", האָבן מקנא געווען דער לערערין עלזאַ, וואָס איז מיטגעפאָרן באַגלייטן די קינדער פון דייטשלאַנד און איז שוין דאָרט פאַרבליבן.

מיין שוועסטער חייקע פון לוצק איז געקומען צו פאָרן צו אונדז אַ צעדרודערטע און אַ פאַרצווייפלטע: איר מאַן זלמן האָט שוין אַרויסגעשיקט פאַר איר און די קינדער די נייטיקע פּאַפּירן און קוקט שוין אויס מיט אומגעדולד, זיי זאָלן קומען. וואָס האָט געקאָנט געשען, אַז זי האָט די פּאַפּירן נישט באַקומען? גיי, זיי אַ נביא און טרעף, אַז אָנשטאָט קיין לוצק זענען די פּאַפּירן אָנגעקומען קיין סלוצק.

די דזשאָינט־קאָמיטעטן, וואָס זענען אַנטשטאַנען און פאַרגרעסערט זייער טעטיקייט אין יעדער גרעסערער שטאָט האָבן צוגעטיילט הילף פאַר

די יידן, וואָס האָבן עמיגרירט פון פוילן. אויך מיין שוועסטער האָט באַקו־מען הילף, אַז זי זאָל וואָס שנעלער אַרויספאָרן קיין בראַזיליע צו איר מאַן.

די חלוצים־באַוועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט און, נישט קוקנדיק אויף די קאָלאָסאַלע שוועריקייטן, האָבן די חלוצים זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

באַנקראָטן זענען געוואָרן אַ טאָגטעגלעכע דערשיינונג. עס האָבן זיך געמערט די זעלבסטמאָרדן. דאָס מענטשלעכע לעבן איז געוואָרן הפקר און מען האָט אָנגעהויבן צו לעבן מיטן טאָג, אַריינכאַפּן אַ בעסערן ביסן, אַ כוסע, אַ שפּיל אין קאָרטן...

מיט אומרו האָבן מיר געקוקט אויף אונדזער בן־יחידל מאָטעלע. ער האָט זיך גוט אַנטוויקלט, פיזיש און גייסטיק. דאָך פלעגן מיר צווישן זיך רעדן מיט זאָרג: „ווער ווייסט, וואָס דער מאָרגן קען ברענגען אין אַזאַ שטורמישער צייט?"

ביי אונדז איז ער דער טייערסטער, ביי אַלע עלטערן זענען זייערע קינדער די טייערסטע. אַט שרייבט בלאַנקע פון לאָדזש, אַז אויך ביי זיי וואַקסט אַ זונעלע, אַרטורעק, אַ ביז גאָר גערעטענער. ביי אונדזער לערע־רין גוטע שיינין דערציִען זיך צוויי בחורים,ביידע גלייכע ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר, שוואַרצע אויגן, מיט חן־פּינטעלעך אויף די בעקעלעך. עס ליגט פאַר אונדז די פאָטאָגראַפיע, וואָס מיין עלטע־רער ברודער בעני האָט צוגעשיקט. זיין אויסגעטרוימט טעכטערל אסתרקע, וואָס זיין ווייב לאה האָט געבוירן נאָך פינף טויט־געבוירענע קינדער.

מיט עטלעכע טעג פריער, האָט מיין ווייב אַריינגעטראָגן צום זייגער־מאַכער דאָס זייגערל צו רעגולירן. ער האָט עס צוגעזאָגט צו מאַכן אין משך פון עטלעכע טעג. עס האָט געיאָגט אויף עטלעכע מינוט אין מעת־לעת. דער זייגערמאַכער האָט געוווינט און געאַרבעט אין אַ לאַנגן איינשטאָקיקן הויז אויף ריימאָנט־גאַס, ווו עס האָבן זיך געפונען אַ סך יידישע געוועלבער. ביי־נאַכט האָבן די ענדעקישע מערדער אונטערגעצונדן דאָס הויז. עס איז אַוועק אין פלאַמען צוזאַמען מיטן האָב און גוטס. נאָך אַ גליק, וואָס עס זענען נישט געווען קיין מענטשלעכע קרבנות. אין אַטוואַצק איז דאָס געווען דער ערשטער אויסטערלישער פאַל. דער ערשטער, אָבער נישט דער לעצטער.

די הערצער זענען צעוויטיקט פון צער און דער אומרוִקער מוח קען

גאָרנישט צוטראַכטן. די אומבאַהאָלפנקייט דריקט אויפן געמיט: פון וואַנען קען קומען די הילף?

אומרויקע צייטן

די לופט האָט געשמעקט מיט פּולווער, מיט אויפרייס־מאַטעריאַל. די געזעלשאַפטלעכע טוער און פירער האָבן פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט. אויך די אָנפירער פון „צענטאָס" האָבן אין יענער אומרויִקער צייט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט עטלעכע לינק־געשטימטע לערער און דערציִער, אָן שום באַגרינדעטע מאָטיוון. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין האָט געפאָדערט, מען זאָל די קינדיקונגען צוריקציִען און געדראָט צו פּראָקלאַמירן אַ שטרייק. האָרענשטיין האָט אָבער געמיינט, אַז „זיינע מענטשן" מיט זיין אײדעם, דעם פּעדאַגאָגישן דירעקטאָר קלמן ליס, וועלן צו קיין שטרייק נישט דערלאָזן. דעריבער האָבן די פאַרשטייער פון „צענטאָס", בשעת די אונטערהאַנדלונגען מיטן סעקרעטאַר פון לערער־פאַראיין, אַלטמאַן, געהאַלטן זיך פעסט און תקיפותדיק און געבראַכט דערצו, אַז דער שטרייק איז פּראָקלאַמירט געוואָרן.

עס האָבן געשטרייקט די לערער און דערציִער, די וואַרשטאַט־אינסטרוקטאָרן, בלויז דעם אַדמיניסטראַטיוון פּערסאָנאַל איז דערלויבט געוואָרן צו אַרבעטן. עס זענען אויך באַשטימט געוואָרן צוויי־שעהדיקע דיזשורן מצד דעם פּעדאַגאָגישן פּערסאָנאַל. אונדזערע דערוואַקסענע קינדער האָבן אין די „זעלבשטענדיקע טעג" וואָס מיר פלעגן דורכפירן, אויסגעלערנט זיך אויספירן אַלע אַרבעטן. איצט איז דאָס צונוצגעקומען. קיין נאָרמאַלע אַרבעט אין שול אָדער אין די וואַרשטאַטן האָבן זיי נישט געפירט, אָבער די שפּילן און ספּאָרט־פאַרמעסטן האָבן זיי דורכגעפירט און דערמיט רעדוצירט די צאָל קאָנפליקטן צווישן די קינדער ביז אַ מינימום.

פון איין זייט האָבן מיר געקענט זיין שטאָלץ מיט אונדזערע דערגרייכונגען, אָבער פון דער אַנדערער זייט זענען אונדזערע קינדער געווען די

שטרייקברעכער און האָרענשטיין האָט זיך געקאָנט דערלויבן נישט נאָכצו־
געבן אונדזערע פאָדערונגען.

מיר האָבן געשטרייקט און דערביי ווייטיקלעך איבערגעלעבט, הלמאי
אונדזער מיפּולע אַרבעט גייט צו גרונט. די קינדער לערנען זיך נישט. אַר־
בעטן נישט אין די וואַרשטאַטן. אמת, ווען מיר וואָלטן נאָר אַ ווונק געטאָן
צו זיי, וואָלטן זיי גלייך אויפגעהערט צו אַרבעטן. מיר האָבן עס אָבער נישט
געוואָלט טאָן.

זייער שלעכט האָט זיך בשעת דעם שטרייק געפילט קלמן ליס. ער, דער
אויטאָר פון דער בונטאַרישער פּאָעמע „פּעטער באַטראַק", מוז שפּילן די
נעבעכדיקע ראָל פון אַ נייטראַלן פּאַרשוין אין דעם גערעכטן קאַמף פון די
אַרבעטער. אמת, ער מיט זיין ווייב האָבן געפּרוווט איבערצייגן דעם איינ־
געעקשנטן ה׳ האָרענשטיין, ער זאָל נאָכגעבן די לערער, אָבער עס האָט
נישט געהאָלפן.

נאָכגעבן האָבן זיי געמוזט. צו שטאַרק האָט דער ענין אויפגעבראויזט
די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, אַפילו אין אויסלאַנד האָט מען שוין געטאַ־
דלט די פאַרוואַלטונג פון „צענטאָס" פאַר איר עקשנות. די קינדער זענען
פאַרוואָרלאָזט געוואָרן. אַ סך קינדער פלעגן אַרומבלאָנקען איבער דער
שטאָט און קרעמער האָבן זיך באַקלאָגט, אַז מען גנבעט ביי זיי קלייניקייטן.
דער קינאָ־אייגנטימער האָט זיך געקלאָגט, אַז קינדער פונעם אַנשטאַלט
רייסן זיך אַריין אין קינאָ בגוואַלד אָן בילעטן.

עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז דער פּערסאָנאַל אין פּסיכיאַטרישן אַנ־
שטאַלט „זאַפּיווקאַ" זאָל פּראָקלאַמירן אַ סאָלידאַר־שטרייק. אויך אַנדערע
פאַראיינען אין אָטוואָצק האָבן זיך געוואָלט מיט אונדז סאָלידאַריזירן. עס
איז אָבער דערצו נישט דערגאַנגען. „צענטאָס" האָט נאָכגעגעבן און צוריק־
געצויגן די קינדיקונגען. בלויז מיין ווייב, מינדעלע, וואָס האָט פאַרטרעטן די
דערציִער אין זייערע פרייע טעג, האָט פאַרלוירן איר אַרבעט.

מיר האָבן געזיגט, אָבער דער נצחון האָט אונדז גאָר ווייניק געפרייט.
אַזוי פיל שווערע און נוצלעכע אַרבעט אין געגאַנגען לאיבוד. די קינדער
האָבן אונדז אויפגענומען מיט אָפענער פרייד. די „בייעסן פון טאָג" זענען
אַרויס מיט דער גוטער בשורה, אַז מיר טרעטן צו צו דער נאָרמאַלער אַר־

בעט און עס וועלן זיך פֿאָדערן אָנשטרענגונגען, כדי צו דערגענצן און אי־בערצוחזרן אַלץ, וואָס מיר האָבן געלערנט.

האָרענשטיין איז צום אָוונטברויט נישט געקומען. אונדזער זיג איז אים נישט געווען צום האַרצן. דאַקעגן דער פּעדאַגאָגישער דירעקטאָר קלמן ליס האָט אין זיין רעדע צו די קינדער דערלויבט זיך אַרויסצוזאָגן וועגן דעם געראַכטן קאַמף, וואָס די אַרבעטער קומט אויס צו פירן פאַר זייער עקזיס־טענץ. ער האָט געדאַנקט און אויסגעדריקט אָנערקענונג די קינדער, וואָס האָבן געהאָלפן האַלטן אין אָרדענונג דעם אַנשטאַלט.

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז פאַר די קינדער איז דער שטרייק געווען אַ וויכטיקע לעקציע פון לעבנס־פּראַמען. זיי זענען באַרייכערט גע־וואָרן מיט אַ דערפאַרונג, ווי שווער עס קומט אויס צו קעמפן אין לעבן, אויסדויערן און זיגן...

דער דורכפֿאַל

צום וויניקסטן האָט בעתן שטרייק געליטן מיין דערציִונגס־גרופּע. קוליאַווסקי און סלאָמקע האָבן ביד חזקה אָנגעפירט מיט דער גרופּע. רי־סיאַ איז אַריינגעקומען צו מיר יעדן טאָג באַלד אין דער פרי. ער פלעגט דאָך גיין צו איטשע מאיר אין געוועלב אַריין ברענגען פון דאָרט אַלע פּראָ־דוקטן, וואָס מיין פרוי האָט באַשטעלט. ער פלעגט מיר אויך דערציילן וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דער גרופּע. מעגלעך, אַז ער האָט פאַרשוויגן די דראַסטישע מיטלען, מיט וועלכע סלאָמקע און קוליאַווסקי באַנוצן זיך, דאָס וואָלט געהייסן פאַרראַט. דאַקעגן האָט ער מיר דערציילט וועגן סקור־ניקן, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער שכנותדיקער גרופּע:

— פאַר יעדער קלייניקייט שלאָגט ער מכות רצח...

פון זיין דערציילן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די אַרבעט אין אַנשטאַלט, אַן די דערציִער און לערער, הינקט נישקשהדיק אונטער און אַז מיר וועלן שפּעטער אָפּפילן די טרויעריקע רעזולטאַטן.

אוי, האָבן מיר עס אָפּגעפּילט!

די צאָל „נעצערס" האָט זיך פֿאַרטאָפּלט. דער דושנער ריח פֿון אַמאָ־ניאַק האָט זיך געפֿילט איבער אַלע צימערן. עס איז אויף אונדז אָנגעשיקט געוואָרן די פּלאָג פֿון וואַנצן. אַלץ האָט זיך גענייטיקט אין אַ געהעריקער דיזענפֿעקציע.

ראַדיאָוויטש האָט אויף ס'ניי אָנגעהויבן צו דערליידיקן זיינע באַדער־פֿענישן אין די בגדים, איז געוואָרן מער נערוועז, האָט אָפֿטער געפֿינטלט מיט די אויגן. טאַדזשיק פּלעגט זיך, ווי אַמאָל, אָפּזונדערן פֿון אַלע און לייענען אָן אויפֿהער יעדעס בוך, וואָס ער האָט נאָר געפּאַקט. זיין בליק איז געוואָרן פֿאַרנעפּלטער, האָט שטענדיק וועגן עפּעס געטראַכט און אויסגע־מיטן די שפּילן און פֿאַרווײַלונגען מיט זיינע חברים.

די דאָזיקע פֿאַלן האָבן באַוויזן, אַז אונדזערע קינדער נייטיקן זיך אין אַ כסדרדיקער אויפֿזיכט פֿון אַ קוואַליפֿיצירטן און איבערגעגעבענעם פּע־דאַגאָג. זייערע חסרונות זענען געווען טיף פֿאַרוואָרצלט און עס איז געווען גענוג געווען די מינדסטע פֿאַרוואָרלאָזטקייט, זיי זאָלן זיך ווידער אַרויסבאַקומען אויף דער אויבערפֿלאַך און נעמען זיך אַנטוויקלען. אַמבולטסטן האָט מיך איבערצייגט אין דעם דער אויסערגעוויינלעכער פֿאַל מיט סלאָמקען.

סלאָמקע איז געווען מיין שטאָלץ. אין אים האָב איך געזען מיין דער־פֿאָלג אין משך פֿון מיין פֿיליאָריקער דערציִערישער אַרבעט. דער געוועזע־נער יונגער פֿאַרברעכער, אַפֿילו מערדער, וואָס האָט שוין פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון אַ קאָלאָניע פֿאַר יונגע קרימינאַליסטן, איז געוואָרן מיין פֿאַרטרע־טער אין דער דערציִונגס־גרופּע אין מיינע פֿרייע טעג. אים פֿלעג איך גע־טרויען די שליסלען פֿון די שאַפֿעס, וווּ מיר האָבן געהאַלטן די וועש, בעט־געצייג, שיך און אָנצוגן.

סלאָמקע פֿלעגט באַזוכן די אַלגעמיינע שול אויסערן אַנשטאַלט, האָט זיך גוט געלערנט, און אין סטאָליער־וואַרשטאַט איז ער געווען פֿון די פֿעיִקסטע. אויך בעתן שטרייק האָט ער צוזאַמען מיט קוליאַווסקין אויסגע־פֿירט אַלע אָנפֿירערישע אַרבעטן אין מיין גרופּע. ער האָט שטאַרק חשק גע־האַט צו טאָן עפּעס פֿאַר מיר פּערזענלעך, אָפּפֿרישן דאָס מעבל. איך האָב אים נישט געקענט אָפּזאָגן, מורא האָבנדיק, ער זאָל זיך נישט באַליידיקן.

ער איז געקומען, ווען ביי מיר אין שטוב איז געווען בלויז אונדזער שטוב־געהילפין, סאַלקע. ווען איך און מיין פרוי זענען געקומען אַהיים, האָבן מיר ביידע אָנגעקוואָלן פון זיין אַרבעט: אַלץ האָט געגלאַנצט, ווי ניי. איך האָב אים געדאַנקט פאַר זיין אַרבעט אין דער אָנוועזנהייט פון זיין איג־סטרוקטאָר שמואל און זיינע חברים פון סטאָליער־וואַרשטאַט. איך האָב זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס ער נעמט אויף מיין דאַנק אַזוי גלייכגילטיק, אַפילו ווי פאַרשעמט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז מיר קלאָר געוואָרן דער ענין.

נאָך דעם ווי איך האָב באַקומען מיין לוין, האָב איך דאָס געלט אַריינ־געלייגט אין דער בוזעם־קעשענע פון מיין אַנצוג. שפּעטער האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז עס פעלט אַ העלפט. אין טאַש זענען פאַרבליבן בלויז 80 זלאָטעס.

ווער האָט עס געקענט צונעמען? אַ געוויינלעכער גנב וואָלט צוגענומען דאָס גאַנצע געלט, נישט קיין העלפט. מיט סאַלקען און ריסיען בין איך גע־ווען זיכער, אַז זיי האָבן דאָס געלט נישט גענומען. אויף סלאַמקען איז מיר געווען שווער חושד צו זיין. איך געטרוי דאָך אים די שליסלען פון דער שאַפע. דערצו איז מיר געווען שווער און ביטער אַפילו צו טראַכטן וועגן דעם, ווייל דאָס באַווייזט דאָך, אַז מיין דערציִערישע אַרבעט איז געבויט אויף אַ זאַמדיקן באָדן. אויב סלאַמקע האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט צו באַ־גנבענען זיין „באַליבטן דערציִער", הייסט עס, אַז ער איז בכלל פעיִק צו גנבענען. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ בושה און אַ ווייטיק. די ווערט פונעם פאַרלוירענעם געלט האָט אויסגעזען צו זיין נישטיק אַנטקעגן מיין מאָראַ־לישן און פּעדאַגאָגישן דורכפאַל. איך האָב באַשלאָסן צו שווייגן און אויפ־מערקזאַם אָבסערווירן סלאַמקען מיט זיינע נאָענטע חברים.

אין גיכן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז סלאַמקע האָט געקויפט אייניקע שיינע מתנות פאַר זיינע חברים. פאַר דודקען, מיט וועמען ער האָט געאַר־בעט אין סטאָליער־וואַרשטאַט האָט ער געקויפט אַ בילי קן פאָטאָ־אַפּאַראַט. פאַר אַבראַמאָוויטשן — שאָך־פיגורן פון ווייסן ביין, פאַר זיך — אַ האַנט־זייגערל און אַנדערע זאַכן.

אין געוועלב אויף ריימאָנט־גאַס האָב איך זיך נאָכגעפרעגט, ווער עס האָט די זאַכן געקויפט ביי זיי און זיי האָבן געדענקט אייניקע געניוע

פּרטים, װאָס האָבן מיך איבערצייגט, אַז די זאַכן האָט געקויפט סלאַמקע. אויף זיין אַפּשפּאָר־ביכל ביי מיר האָט ער געהאַט געלט, אָבער פון דאָזיקן געלט האָט ער נישט אַרויסגענומען קיין גראָשן.

איך האָב אַ סך נאָכגעקלערט, װי אַזוי צוצוטרעטן צום דאָזיקן װיכ־טיקן ענין. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז קיין כבוד און נוצן װעל איך פון דעם נישט האָבן. אָבער איך האָב געהאַלטן, אַז פאַרשװייגן װאָלט געהייסן באַ־האַלטן דעם קאָפּ אין זאַמד און זיך איינרעדן, אַז עס איז גאָרנישט געשען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך אויף אַ דיסקרעטן אופן צונויפגענומען ביי דער חברה די באַקומענע מתנות און סלאַמקען אַריינגערופן צו זיך אין צימער. איך האָב אים אויפמערקזאַם באַטראַכט און געװאַרט, ער זאָל מיך פרעגן, צוליב װאָס איך האָב אים גערופן, אָבער ער האָט עקשנותדיק גע־שװיגן. עס האָט זיך געפילט, אַז עס קומט אַן איבעראַשונג, אַ שטורעם...

— סלאַמקע, דו האָסט ביי מיר צוגענומען מיינע 80 זלאָטעס? — האָב איך װי אויסגעשאָסן אין איין אָטעם.

— ניין! — איז געװען זיין באַלדיקע תשובה.

— קענסטו גיין! זיי מיר מוחל פאַר מיין טעות... — האָב איך צוגעגעבן, קוקנדיק אים גלייך אין פּנים אַריין.

— װאָס שטייסטו? קענסט גיין!

ער איז נישט אַװעקגעגאַנגען, איז געשטאַנען װי געפּלעפט.

— אָט די זאַכן האָסטו געקויפט? — האָב איך אַ פרעג געטאָן נאָכן אַרויסלייגן די צונויפגענומענע זאַכן.

— יאָ. איך האָב זיי געקויפט, איז װאָס?

— פאַר מיין געלט האָסטו די מתנות געקויפט פאַר דיינע חברים... האַלטסטו, אַז דאָס האָסטו זיך גענומען, אַלס לוין פאַר דיין אַרבעט? אָבער פאַרװאָס האָסטו גענומען אַליין, אָן מיין װיסן?

— װייל... איך בין אַ גנב — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע אויף די ליפּן.

— אַ גנב? אויף דערויף האָב איך געהאָרעװעט אויף דיר אַזאַ לאַנגע צייט, געטרויט דיר די שליסלען, געמאַכט דיך פאַר מיין פאַרטרעטער און דו ביסט גאָר געבליבן דער זעלבער גנב, װי דו ביסט געװען. נאָך אַן ערגע־

רער, ווייל דו האָסט דיין דערציער, דיין צווייטן טאַטן, באַגנבעט. פאַר־וואָס? איך וואָלט דיר אָוועקגעגעבן דאָס געלט, אַבי דו זאָלסט נישט צע־ברעכן מיין האָפענונג, מיין זיכערקייט, אַז איך אַרבעט נישט אומזיסט...— איך האָב גערעדט מיט האַרץ, באַמיט זיך צו רעדן איינגעהאַלטן, שטיל, אָן אויפרעגונג. עס האָט זיך אָבער נישט באַקומען.

סלאַמקע איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געשוויגן. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער וואַרט אויף נאָך האַרטערע רייד, אַפילו אויף אַ פּאַטש. מעגלעך, אַז דאָס וואָלט אים מער אויסגעניכטערט, אפשר באַפרי־דיקט. איך בין אָבער געווען ווייט פון דעם און בין זיך מודה, אַז אין אונ־דזער טראַגישן געשפּרעך איז אויך געווען אַ גרויסע מאָס פון אַרטיסטישן שפּיל. פאַר מיר איז שטענדיק געווען קלאָר, אַז מיר, דערציער, טוען אויף אַ סך, בעסערן אויס דעם מענטש אין אונדזערע דערצויגלינגען, אָבער אי־בערמאַכן זיי אין גאַנצן זענען מיר נישט בכוח, צו טיף זענען אין זיי איינ־געוואָרצלט די מיאוסע געוווינהייטן, די ווילדע אינסטינקטן, זיי ליגן ביי זיי אין בלוט.

נישט איין מאָל האָב איך געטראַכט וועגן דער צוקונפט פון אונדזערע קינדער און פאַרשטאַנען, אַז שטאַרקערע ווינטן, שטערונגען, געשאַפענע באַדינגונגען, נישט קיין פּאַסיקע סביבה — קען זיי ברעכן און אַפילו צע־ברעכן דאָס גוטע, וואָס מיר האָבן אין זיי מיט גרויס מי און אַרבעט איינ־געפלאַנצט.

— נו, וואָס זאָל איך איצט טאָן? — האָב איך געפרעגט מיט פאַר־צווייפלונג — איך האָב נישט קיין רעכט צו זיין קיין דערציער. נאָך אַזאַ מיאוסן דורכפאַל דאַרף איך גיין זוכן פאַר זיך אַן אַנדער פאַך.

— ניין, נישט איר זענט שולדיק, נאָר איך. מיך דאַרף מען באַשטראָפן.

— ווי אַזוי?

— אַריינזעצן אין טורמע, ווי יעדן גנב.

— איך בין מסכים מיט דיר. אַזאַ זאַך טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן. דו אַליין וועסט אין אָוונט דערציילן אַלע פון אונדזער גרופּע וועגן דיין מיאו־סער האַנדלונג און איך וועל דיך שפּעטער אָוועקפירן אין דער פּאָליציי. זאָל דאָס געריכט משפטן, לויטן אַנגענומענעם געזעץ.

סלאָמקעס ווידוי פאַר זיינע חברים האָט געמאַכט אויף זיי אַ שווערן איינדרוק. סלאָמקע איז זיי באמת געווען אַ שאַד, אָבער זיי איז געפעלן, וואָס ער אַליין איז גרייט צו גיין אין טורמע אַריין, כדי אָפּצוקומען זיין שטראָף.

איידער איך בין מיט אים געגאַנגען אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, האָב איך פריִער געשמועסט מיט דעם קאָמיסאַר אַליין. ער איז איינגעגאַנגען דער־רויף, מיר זאָלן סלאָמקען „אָנלערנען״, אָבער דערביי נישט פאַרגעסן, אַז ער איז איינער פון די דעפעקטיווע.

אונדזער אַוועקגיין פונעם אַנשטאַלט האָט אויפגערודערט אַלע קינדער. עס איז געווען אַ ווירקזאַמע לעקציע פאַר אַלע. איך האָב סלאָמקען אָנגעטאָן אַ נייעם אָנצוג, נייע שיך, ווי יעדן, וואָס פאַרלאָזט דעם אַנשטאַלט. דעם גאַנצן וועג זענען מיר געגאַנגען שווייגנדיק. דעם פּאָליציי־אינספּעקטאָר האָט סלאָמקע אַליין דערציילט וועגן זיין פאַרברעכן און דער אינספּעקטאָר האָט אים געזידלט, געדראָט מיט יאָרן טורמע. האָט אים אַפילו אַריינגע־שליידערט אין דעם „אויסניכטערונגס־צימער״ און מיך האָט ער געזידלט אויפן קול, ער זאָל הערן:

— פיין דערציט איר אייערע קינדער... מען האָט זיך שוין געקלאָגט אויף אַ סך פון זיי, אַז זיי באַגנבענען די געוועלבער... איך וואָלט אייך אַלע צעטריבן. איך האָב זיך געבעטן ביי אים:

— זאָל סלאָמקע זיין ביזן געריכט ביי אונדז אין אַנשטאַלט.

— איר קענט נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים. ער וועט ביי אייך אַנטלויפן.

איך האָב אים איבערגעלאָזט און געקומען אין אַנשטאַלט אַן אָנגעכמור־רעטער. אין דער גרופּע איז געווען אָבלדיק, אַפילו די „נייעס פון טאָג״ זענען נישט דערשינען.

צומאָרגנס זענען די דעלעגאַטן פון די דערציִונגס־גרופּן געגאַנגען צום דירעקטאָר ליס בעטן אים באַמיִען זיך צו באַפרייען סלאָמקען ביזן געריכט. מיר ביידע, איך און דער דירעקטאָר, זענען טאַקע אַוועקגעגאַנגען אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט און נאָך „גרויסע באַמיִונגען״ אַרויסבאַקומען סלאָמ־קען אויף אונדזער פּערזענלעכער אחריות, ביזן געריכט.

די קינדער האָבן אונדז אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם.

— הוראַ, הוראַ! — האָבן זיך געהערט פון אַלע זייטן.

טאָגטעגלעך האָבן מיר אַלע געוואָרט אויפן רוף פאַר סלאָמקען אין גע־ריכט אַריין. ער אַליין איז געווען אַ סך ערנסטער ווי פריִער. זיינע אָפּגע־שפּאָרטע געלטער האָט ער אַרויסגענומען פון דער אָפּשפּאָר־קאַסע און גע־דעקט מיט זיי אַ טייל פון חוב. זיין וואַרשטאַט־אינסטרוקטאָר שמואל האָט זיך באַמיט צוצושטעלן פאַר אים אַרבעט פון די באַשטעלונגען, וואָס זענען געקומען פון דער שטאָט, כדי ער זאָל מער פאַרדינען. קיינער פון זיינע חברים האָט נישט פּראָטעסטירט קעגן זיין פּריווילעגירטקייט. די שליסלען פון די שאַפעס האָט ער מער נישט געוואָלט אַפילו נעמען אין דער האַנט אַריין.

איך האַלט, אַז דער דורכפאַל איז געווען אַ בשותפותדיקער: סיי סלאָמ־קעס, סיי מיינער...

מיר, די ערשטע קרבנות

מיין אורלויב־חודש האָב איך באַקומען פונעם 15טן אויגוסט 1939.

צו דער צייט זענען שוין כמעט אַלע לערער געווען אויפן אָרט און שוין אָנגעהויבן גרייטן זיך צום נייעם שול־יאָר. עמעץ פון די לערער האָט איצט געקענט מיך פאַרטרעטן, ווייל נאָכן שטרייק זענען שוין קיין ספּעציעלע פאַרטרעטערס נישט געווען.

איך האָב שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט אויף מיין אָפּשפּאָר־ביכל אין פּ.ק.אָ. אַרום טויזנט זלאָטעס. דאָך האָבן מיר באַשלאָסן נישט אַרויסצופאָרן צוזאַמען; די צייט איז געווען אַן אומרויִקע, אַן ערב־מלחמה־שטימונג. אַרויספאָרן האָב איך געמוזט, כדי צו היילן מיין אַרטרעטיזם און איך האָב דערפאַר באַשלאָסן אַרויסצופאָרן קיין דרוסקעניק נעמען שוועבל־בעדער. וואָס עס זאָל נישט געשען, וועל איך איינער אַליין באַוויזן צו קומען צוריק אַהיים.

דאָס יאָר איז פאַר מיר געווען שווערער פון אַלע פריִערדיקע יאָרן. דער דרייוואָכנדיקער שטרייק, די פאַרטאָפּלטע אַרבעט נאָכן שטרייק, די אָנגע־

צויגענע באַציִונגען צווישן די מיטאַרבעטער פוןביידע לאַגערן, דער שטענדיק אַנגעבלאָזענער און ברוגזער האָרענשטיין מיט זיין אויסערלעכער העפלעכקייט — דאָס אַלץ האָט באַשווערט די אַזוי אויך שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט.

אויך מינדעלע איז געווען ביי דער מיינונג, אַז איך דאַרף פאָרן. צוזאַמען מיטן קינד האָבן זיי מיך באַגלייט ביז וואַרשע. אונדזער זון מאַרקס איז שוין געווען אַ גרויסער בחור. דעם 7טן יוני האָבן מיר געפּראַוועט זיין פערטן געבוירן־טאָג. ער איז געווען גוט אַנטוויקלט, שטענדיק מונטער און פריילעך, נאָר איצט, ביי מיין אָפּפאָרן, האָב איך באַמערקט אויף זיין פּנים אַ לייכטן שאָטן פון אומעט. דווקא מינדעלע איז געווען גוט געשטימט, פריילעך. צי האָט זי געפּילט, ווי שווער מיר איז אָנגעקומען דאָס געזעגענען זיך און זי האָט מיט איר פריילעכקייט געוואָלט מיך באַרויִקן?

דער צוג איז אָנגעקומען, אין האַלדז האָט געדריקט אַ קנויל.

— פאָר געזונט!

— זייט געזונט!

דער וואַגאָן, וואָס איז געגאַנגען גלייך קיין דרוסקעניק איז ווייט נישט געווען קיין פולער און איך בין געפאָרן באַקוועם, קיינער האָט מיר נישט געשטערט מיינע אומעטיקע מחשבות.

שפּעט אין דער נאַכט בין איך אָנגעקומען אויפן אָרט. אויפן פּעראָן האָבן אָפּגעוואַרט אייניקע באַלעבאַטים, וואָס האָבן פאַרגעלייגט צימערן פאַר צוגענגלעכע פּרייזן. איך האָב באַמערקט צווישן זיי אַן עלטערן מענטשן מיט אַ יידישן אויסזען און מיט אים בין איך מיטגעגאַנגען.

ביי אים אין אַריינפאָרהויז איז געווען כמעט פּוסט. עס זענען געקומען ווייניק געסט, קריסטן האָט ער נישט געוואָגט פאַרצולייגן, זיי וואָלטן סיי ווי צו קיין ייד נישט געגאַנגען.

גלייך אויף צומאָרגנס בין איך געגאַנגען אויף אַ באַזוך צום דאָקטאָר, געבעטן אים, ער זאָל מיר געבן אַן אינטענסיווע היילונג, ווייל איך קען דאָ לאַנג זיך נישט פאַרהאַלטן. ער האָט, ווייזט אויס, מיך פאַרשטאַנען און געגעבן מיר בעדער פאַרמיטאָג און אויך נאָך מיטאָג. אין דער פרייער צייט בין איך געלעגן און גערוט אָדער געשפּאַצירט איבערן מאַרק.

די טאָג־צייטונגען האָבן קיין גוטע נייעסן נישט געבראַכט. רוישיקע קעפּ האָבן הילכיק געדופן גרייטן זיך צו יעדער געפאַר, וואָס קען קומען. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך געוואָלט אַרויסנעמען אַ ביסל געלט פון מיינע אָפּשפּאָרונגען, אָבער מען האָט מיר געגעבן בלויז הונדערט זלאָטעס. כדי צו באַקומען מער געלט, האָט מען געדאַרפט מעלדן מיט אַ וואָך פריער. דערפאַר האָב איך גלייך באַשטעלט מיינע אַכט הונדערט זלאָטעס, האַלטנ־דיק, אַז איך וועל דאָ נאָך פאַרבלייבן אַ וואָך צייט.

אַהיים פלעג איך שרייבן בריוו יעדן טאָג, כאָטש פון זיי האָב איך קיין ענטפער נישט באַקומען. ביזן 25סטן האָב איך באַוויזן אַריינצוכאַפּן אַ גרע־סערע צאָל פון די נייטיקע הייל־בעדער. דעם זעלבן טאָג האָב איך אויך באַקומען מיין געלט פון דער אָפּשפּאָר־קאַסע און גלייך מיט אַ סך אַנדערע האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם קוראָרט און פאָרן אַהיים.

דאָס היטלעריסטישע דייטשלאַנד האָט שוין אַרויסגעשטעלט דער פּוי־לישער רעגירונג דעם אולטימאַטום אָפּצוגעבן דאַנציג און דערלאָזן מאַכן פאַר זיך אַ דורכגאַנג קיין קעניגסבערג דורך פּאָמערן. דייטשלאַנד האָט שוין דעמאָלט אַריינגעכאַפּט די רייכקייטן פון טשעכיע, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין זייערע לאַפּעס ביי דער מיטהילף פון פּוילן. די וועגן זענען פאַרקלעפּט געוואָרן מיט מאָביליזאַציע־רופן פון געוויסע יאָרגענג. די וועגן, די גאַסן, די באַנען זענען פול געווען מיט יונגע מאָביליזירטע סאָלדאַטן אין נייע מיליטערישע מונדירן. די לופט האָט געשמעקט מיט פּולווער און מיט רויך.

— אַהיים, וואָס שנעלער אַהיים!

פאָרנדיק אין דער באַן האָב איך שוין פּלאַנירט אונדזערע ווייטערדיקע שריט: מינדעלען מיטן קינד פיר איך באַלד אָפּ קיין לוצק צו מיין מוטער, ברידער און שוועסטער, נאָענט צו אירע עלטערן און ברודער. איך בין פון די עלטערע יאָרגענג, וועט מען מיך זיכער מאָביליזירן שפּעטער. דערווייל וועל איך נאָך קענען זיין מיט זיי צוזאַמען אַ פּאָר וואָכן. מיין אורלויב ענ־דיקט זיך ערשט דעם 15טן סעפּטעמבער.

מיין אָנקומען אַהיים האָט אַרויסגערופן גרויס פרייד, אָבער מיין צוגע־איילטער פּלאַן איז מינדעלען דווקא נישט געפעלן און איך האָב נאָכגעגעבן.

איך אונדזערע חברים דוד ספּאַרד און לייבל אַליצקי האָבן אונטערגעהאַלטן מינדעלען, אַז מען דאַרף זיך נישט אַזוי איילן.

עס איז אָנגעקומען דער 30סטער אויגוסט 1939. די באַנען זענען מיליטאַריזירט געוואָרן און מען האָט שוין געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אויף אַרויסצופאָרן. מענער אין מאָביליזאַציע־עלטער האָט מען בכלל נישט אַרויסגעלאָזט.

מינדעלע האָט אָנגעהויבן צוצוגרייטן אַ באַזונדער צימער מיט פּראָדוקטן, אַ הערמעטיש פאַרמאַכטן, וואָס זאָל נישט לאָזן אַריינדרינגען קיין גאַז. דער ראַדיאָ איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן בייטאָג און ביינאַכט. די כּירענעס האָבן אַרויסגערופן אַ שוידער אין יעדן אבר. אין מיטן דער נאַכט איז עמעץ פון מאַגיסטראַט געקומען און געפאָדערט אָפּצופירן דעם ראָווער אין מאַגיסטראַט, ער ווערט רעקווירירט.

אַרום זעקס אַ זייגער אין דער פרי זענען שוין געקומען ריסיאָ מיט סאַלקען און איך האָב זיך אויפגעזעצט אויפן ראָווער, געוואָלט אים אָפּפירן אין מאַגיסטראַט. אויפן וועג האָב איך אים איבערגעגעבן איינעם פון מיינע עלטערע ייִנגלעך און געהייסן אים אָוועקפירן. איך האָב זיך געשראָקן איבערצולאָזן אין אַזאַ צייט דאָס קינד אַליין.

אַרויפקומענדיק צו זיך אויפן צווייטן שטאָק, האָב איך דורכן ראַדיאָ דערהערט אַן אויסטערלישן אַלאַרם־סיגנאַל, פול מיט פּאַניק, און איידער איך האָב נאָך באַוויזן אַריבערצוטרעטן די שוועל אין קיך אַריין האָט זיך דערהערט:

טררראַך...

איך ליג אויפן קינד מיט מיין גאַנצן קערפּער, אונטערשפּאַרנדיק מיינע פעסטע אָנגעשטרענגטע מוסקולן איך זאָל אים נישט צעקוועטשן. אַ שטיקנדיקער רויך פאַרשטאָפּט די נאָזלעכער, נישט צו עטעמען. רוישיק פלאַמען די פייער־צונגען אַרום און אַרום. אַלץ ברענט און איך מיט מיין קינד אין דער מיט. איך דערפיל אין זיך כּוחות פון אַ ריז. דער סופיט ברעכט זיך איין, אויך די קיך־טיר. זיי פאַלן אַרויף אויף דער פּאַרענטשע פון קאָרידאָר. איך ראַטשקע זיך דורך צוזאַמען מיט מיין זון צום אָפענעם פענצטער, לאָז

אַרויס אַ הילכיקן געשריי און וואַרף אַראָפּ דאָס קינד. זאָל ער כאָטש נישט פאַרברענט ווערן.

איך פיל נאָך אים אַראָפּ, וואָס זעען מיינע אויגן? מאַרקסעלע לעבט: אים האָט אויפגעכאַפּט דער פויער, וואָס האָט געפּאָמפּעט וואַסער אין קעלער. איין שיכעלע האָט ער פאַרלוירן און אויסגעוויכניעט זיך דאָס פיסעלע.

די גאַנצע שטוב איז אַרומגעכאַפּט מיט אַ העליש פייער. ביים פּאָדערשטן פענצטער אויפן צווייטן שטאָק דערזע איך דעם לערער בערגערס ווייב אין אַ ראָם פון פלאַמען. זי טוליעט צו זיך איר צוויי־יאָריקע טאָכטער און שרייט מיט אירע לעצטע כוחות.

— וואַרפט אַראָפּ דאָס קינד — גיב איך אַ געשריי. זי פאָלגט און איך כאַפּ עס אויף. נאָכן קינד וואַרפט זי זיך אַראָפּ. די אָנגעלאָפענע מענטשן לעשן מיט זאַמד אירע לאַנגע ברענענדיקע האָר.

איך לויף מיטן קינד אויף די הענט מינדעלען אַנטקעגן. איך לויף ביזן סוף פון דער גליניעצקאַ־גאַס און צוריק. ביים קינדער־איזאָלאַטאָר געפין איך זי ליגן אויף דער ערד אָן באַוווסטזיין און די לערערין אסתר שמירט איר בויך מיט יאָד. פון אַלע זייטן הערן זיך געשרייען:

— אַ דאָקטער, אַ דאָקטער!

דאָ און דאָרט וואַלגערן זיך דערהרגעטע קינדער: טערעכע, פּיליפּעק. ווו איז ריסיאַ אַהינגעקומען?!

איך כאַפּ אַ קוק אויף אונדזער הויז. עס זענען פאַרבליבן בלויז ברע־נענדיקע האָלצוועשקעס. מאַרקסעלע זיצט אויף מיינע הענט שווייגנדיק. דאָס איינציקע שיכל אויף זיין פוס זאָגט עדות, אַז דער צווייטער פוס טוט אים וויי און ער קען אויף אים נישט שטיין. דאָך רייסט ער זיך מיט אַלע כוחות אַראָפּצוגיין, ווען ער דערזעט די מוטער, וואָס קוקט אויף אים מיט אָפענע אויגן, אָבער זיי זעען נישט און דערקענען נישט קיינעם.

— מאַמע! — לאָזט ער אַרויס אַ האַרצרייסנדיקן געשריי.

פייגין, איינער פון אונדזערע יונגע דערציִער, נעמט אים אַרויס פון מיינע הענט, כדי מיך צו באַפרייען.

מיין צושטאַנד און מיין אויסזען זענען שרעקלעכע, דאָך פיל איך אין זיך אַן אומגעהייערע ענערגיע און איך לויף נאָך אַ דאָקטאָר. אויפן וועג פאַר־

האַלט איך אַ דראָזשקע און טרייב זי שנעלער צום נאָענטסטן דאָקטאָר. איך באַמערק נאָך פון דער ווייטנס דעם אַלטן גריז־גרויען דאָקטאָר ביי זיין ווילע און שלעפּ אים ממש מיט כוח, כאָטש ער איז אין שטוביקן אַנטאָן, מיט שטעקשיך אויף די פיס.

— מיין פרוי, קינדער שטאַרבן פאַרווונדעטע — שריי איך — אייער הילף איז נייטיק!

מיר פאָרן שנעל און קומען אָן אין געציילטע מינוטן. מינדעלע ליגט אויפן גראָז מיטן אָפּענעם בויך אַרויף און אָטעמט שווער. נישט ווייט פון איר וואַלגערט זיך דער דערהרגעטער טערעכע אין אַ קופּע פון אייגענעם קויט.

— ראַטעוועט זי, דאָקטאָר, ראַטעוועט! — בעט איך אים.

— ראַטעוועט, ראַטעוועט — חזרט איבער דער אַלטער דאָקטאָר — זי איז פאַרווונדעט טיף אין בויך. עס איז נייטיק אָן אָפּעראַציע, אין שפּיטאָל.

אין דער מינוט לויפט אָן צילע, אונדזער קראַנקן־שוועסטער, מיט אַ פאַרצווייפלטן אויסגעשריי:

— דאָקטאָר, דער דירעקטאָר איז שווער פאַרווונדעט... קינדער נייטיקן זיך אין הילף. קומט שנעלער.

ממש מיט כוח האָט זי אים אַוועקגעריסן און איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרצווייפלטער. אָבער אין דער מינוט איז אָנגעקומען צו לויפן אַ יונגער דאָקטאָר פון פּסיכיאַטרישן אַנשטאַלט און איך האָב זיך צו אים געווענדט נאָך הילף.

ער האָט אַ בליק געטאָן אויף דער קראַנקער, אויף דער אָפּענער ווונד, איינגעהערט זיך ווי זי אָטעמט שווער, ווי זי וואָלט געכאָרכלט און געזאָגט:

— לאָזט זי צו רו... איר זעט דען נישט, אַז עס איז שוין צו שפּעט צו העלפן?

— ניין, ס׳איז נישט צו שפּעט... מען מוז זי ראַטעווען!

איך קוק זיך אַרום און זע דעם יונגן פורמאַן, וואָס וואַרט ביים טויער. איך האָב אים דאָך נישט באַצאָלט פאַר דער דראָזשקע. איינער פון די אַנ־געלאָפענע יונגע פּאַליאַקן האָט מיר געהאָלפן אַרויפליגן מינדעלען אויף דער דראָזשקע. די שוועסטער מאַריע, אונדזער שכנה, זעצט זיך אויך אויף

און מיר לאָזן זיך אין דער ריכטונג פון מיליטערישן שפּיטאָל, אַ מהלך פון צוויי קילאָמעטער.

— ניין! זי טאָר נישט שטאַרבן... זי מוז לעבן!

אַזוי טענה איך צו זיך מיט עקשנות, מיט טרייסט און מיט האָפענונג.

אין די נעגל פון טויט

ביים טויער פון מיליטערישן שפּיטאָל איז קיין וואָך נישט געשטאַנען. איך האָב צוזאַמען מיטן יונגן פּאָליאַק אַרויפגעטראָגן מיין שווער־פאַרוווּנדעטע פרוי אויפן דריטן שטאָק. אונדז זענען אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן איבער־געשראָקענע קראַנקן־שוועסטערס, מנישקעס, מיט געשרייען:

— בלייבט שטיין!... גייט נישט ווייטער!... דאָ איז געפערלעך... דאָ געפינען זיך קראַנקע מיט אָפענעם טובערקולאָז.

אויך דאָקטוירים זענען אַרויסגעלאָפן און איך האָב צו זיי געשריגן:

— ראַטעוועט מיין פרוי, אַ מוטער פון אַ קינד... אַ קרבן פון דער מלחמה.

— וואָס? ס׳איז שוין די מלחמה? שוין פאַראַן קרבנות? — האָבן די מענטשן פון שפּיטאָל אויסגעשריגן אין גרויס פאַרצווייפלונג.

מען האָט די קראַנקע אַוועקגעלייגט אין קאָרידאָר אויף דער פּאָדלאָגע און אַ דאָקטאָר האָט איר גלייך אַריינגעשפּריצט אַ היפּשע דאָזע קאַמפאָר.

— זי לעבט, אייער פרוי. מען מוז זי וואָס גיכער אָפּערירן. די וווּנד איז אַן אינערלעכע און איר מוזט זי גלייך פירן אין שפּיטאָל „פּשעמיע־ניעניאַ פּאַנסקעגאָ" אויף פּראַגע. דאָרט איז מען גרייט אויפצונעמען פאַרוווּנדעטע.

אונדזער באַגלייטערין, די שוועסטער מאַריאַ, האָט באַקומען אַ שפּריץ מיט קאַמפאָר אויף זאַפּאַס, אויב עס וועט נויטיק זיין נאָכאַמאָל איינ־צושפּריצן.

מיר טראָגן די קראַנקע אַראָפּ פון די שטיגן. ביים אַרויפגאַנג באַגע־גענען מיר די דערציערין אידע מערזשאַן. זי איז פאַרוווּנדעט אין אויער און איז געקומען מיט אַ סך לייכט־פאַרוווּנדעטע קינדער אין שפּיטאָל אַריין.

ווי אַזוי דערפירט מען מינדעלען קיין וואַרשע? מיט דער דראָזשקע וועל איך זיכער נישט דערפאָרן אַזאַ מהלך. מיט דער עלעקטרישער באַן? מיט דער שמאָלער קאָלעיקע? דער מלאך המות יאָגט זיך נאָך און וויל נישט אָפּטרעטן...

פּלוצים איז אָנגעפאָרן צום שפּיטאָל אַ שוואַרצער קאַטאַפאַלק און פון אים זענען אַרויסגעקומען אַ הויכער מיליטערמאַן, אַ פרוי אין שוואַרצן און עטלעכע סאָלדאַטן. זיי זענען, ווייזט אויס, געקומען אָוועקנעמען אויפן עולם האמת אַ פאַרשטאָרבענעם פון שפּיטאָל. די סאָלדאַטן האָבן אַרויס־געצויגן פון אויטאָ די טרומנע און זענען אַוועק נאָכן טויטן. אין מיין מוח האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק: מיט דעם קאַטאַפאַלק־אויטאָ וואָלט איך באַוויזן צו דערפירן מינדעלען קיין וואַרשע אין שפּיטאָל אַריין.

גלייך איז דער געדאַנק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טאַט. מיר האָבן אַריינגערוקט דעם מאַטעראַץ מיט דער קראַנקער אויף די צוויי רעלסן אין דער מאַשין אַריין. עמעץ האָט עס באַמערקט און געמאָלדן דעם הויכן מיליטערמאַן וועגן דעם.

— וואָס טוט איר? — האָט ער אויסגעשריגן.

נאָך לאַנגע תחנונים האָט דער הויכער מיליטערמאַן נאָכגעגעבן און באַפוילן דעם מיליטערישן שאָפער צוצופירן די קראַנקע צו דער באַן און גלייך זיך אומקערן.

ווי נאָר דער שאָפער האָט געוואָלט פאַרקערעווען דעם אויטאָ אויף רעכטס צום וואָקזאַל, האָב איך אים געוואָלט פאַרהאַלטן, האָב איך זיך אָבער פאַרטשעפּעט ביי מינדעלעס פוס און אומגעפאַלן. זי האָט אויס־געשריגן פון שרעקלעכן ווייטיק און אַריין אין צושטאַנד פון חלשות. דער אויטאָ האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן און די שוועסטער מאַריאַ האָט איר איינגעשפּריצט די פרישע פאַרציע קאַמפאַר. מינדעלע האָט אויפ־געלעבט. איך האָב פאַרגעשלאָגן דעם שאָפער:

— פירט זי אויף פראַגע אין שפּיטאָל אַריין. אָט האָט איר מיין אָפּשפּאָר־ביכל מיט 300 זלאָטעס. איך גיב זיי אייך אַוועק.

די מאַשין איז אָפּגעפאָרן אין דער ריכטונג אויף וואַרשע. איבערן גאַנצן וועג האָט דער שאָפער נישט אויפגעהערט צו טרומייטערן און געפאָרן מיט אַ גרויסער שנעלקייט, ווי ער וואָלט געוועזן פון דער גיכער הילף.

אין געציילטע מינוטן זענען מיר שוין געווען אין וואַרשע, ביים גרויסן פריש־געבויטן שפּיטאָל אין פראַגע. די דאָקטוירים, די שוועסטער, אַפילו אַ גלח, זענען אַרויסגעלאָפן אין דרויסן כדי אויפצונעמען דעם ערשטן קרבן פון דער דייטשער לופט־באָמבאַרדירונג. זיי האָבן זיך געריכט, אַז די מלחמה קען זיך יעדע ווײַלע אָנהייבן, און אָט זעען זיי פאַר זיך דעם ערשטן קרבן, אַ סימן, אַז די מלחמה איז אַ געשעענער פאַקט...

בליץ־שנעל האָט מען מינדעלען אַריינגעטראָגן אין אָפּעראַציע־צימער און גלייך אַוועקגעלייגט אויפן טיש, כאָטש די נויטיקע פאָרמאַליטעטן זענען נישט אויסגעפילט געוואָרן. אמת, דער אָנוועזנדיקער גלח האָט חשק געהאַט פאַר דער געפערלעכער אָפּעראַציע זאָגן ווידוי מיט דער שווער־פאַרוווּנדעטער, אָבער זי האָט שוואַך אַ זאָג געטאָן:

— איך בין אַ יידישע...

דער גלח איז אָפּגעטרעטן.

דער שאָפער האָט מיך צוגעפירט צו דער נאָענטסטער פּ. ק. אָ.־אָפּטיילונג, אָבער, לײַדער, האָט מען מיר נישט געוואָלט אַרויסגעבן מער ווי 100 זלאָטעס.

ווי נאָר דער אויטאָ איז אָפּגעפאָרן, איז פאָרגעקומען דער ערשטער אַוויאַציע־אָנגריף פון די דייטשן אויף וואַרשע. איך בין אַריין און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ טויער. מיך האָט באַהערשט אַ מידקייט, די כוחות האָבן זיך אויסגעשעפּט און עס איז מיך באַפאַלן אַ גלייכגילטיקייט צו אַלעמען, צום לעבן און צום טויט. פּלוצים בין איך אַנידערגעפאַלן אויף דעם אַספאַלטישן ברוק, ווי אַ שיכור.

— יואליק? — האָב איך דערהערט אַ באַקאַנט קול. איך האָב אויפ־

געעפֿנט די אויגן און דערזען פֿאַר זיך רחלען, זלמן עלבירטס שוועסטער מיט איר מאַן. אויך זיי האָט דער לופֿט־אַנגריף פֿאַרטריבן אַהער. זיי האָבן מיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד. מײַנע ערשטע ווערטער זענען געווען:

— מינדעלע איז געפֿערלעך פֿאַרוווּנדעט. זי איז אין שפּיטאָל.

ווי לאַנג דער אַנגריף האָט געדויערט, ווייס איך נישט. פֿאַר מיר איז דאָס געווען אַן אייביקייט. רחלע און איר מאַן האָבן מיך אונטער די הענט צוגעפֿירט צום שפּיטאָל.

אין שפּיטאָל האָט געררישט ווי אין אַ בינשטאָק. די פֿאַרוווּנדעטע קרבנות פֿונעם ערשטן אַנגריף אויף וואַרשע האָבן פֿאַרפֿולט די פּאַלאַטעס, אַפֿילו די קאָרידאָרן. די באַרמהאַרציקע שוועסטער, די מאָנאַשקעס אין די לאַנגע שוואַרצע מלבושים, מיט די צלמים פֿון פֿאָרנט, האָבן זיך באַוועגט אַהין און אַהער. די העל־ווײַסע אָנגעקראָכמאַלעטע טשעפּקעס אויף די קעפּ האָבן אויסגעזען, ווי גרויסע ווײַסע טויבן. איינע פֿון זיי האָט מיך דורכגעפֿירט דורכן הויף, דורך אַ קירצערן וועג צום בנין, וווּ אויפֿן דריטן שטאָק האָט זיך געפֿונען מינדעלע. ביים אַרײַנקומען האָב איך באַמערקט, ווי מען האָט אַרויסגעפֿירט מינדעלען פֿון אַ זײַטיקן צימער אויף אַ הויך שפּיטאָל־בעט אויף רעדער. איר צעבראָכענער פֿוס איז געלעגן אין גיפּס. עטלעכע קראַנקנשוועסטער האָבן זי זאָרגפֿעליק אַראָפּגענומען פֿון בעטל און אַוועקגעלייגט אויפֿן פֿערטן בעט פֿון דער טיר, פּונקט קעגנאיבער דער בלוי־ווײַסער סטאַטוע פֿון דער הייליקער מאַריע.

איר פּנים איז געווען בלאַס, ווי קרייד. די מידע אויגן פֿאַרמאַכט און די ליפּן טרוקן און בלוי.

דער יונגער דאָקטאָר האָט מיך געוואָרנט, אַז די געפֿאַר איז נאָך נישט אַריבער, כאָטש די שפּליטערס זענען באַזײַטיקט געוואָרן און די איבערגעריסענע קישקעס זענען צוריק פֿאַראייניקט געוואָרן, אָבער דאָך האָט ער אין מיר געשטאַרקט די האָפֿענונג, אַז אַלץ וועט זײַן גוט.

די נאַכט האָב איך גענעכטיקט אין וואַרשע, ביי די בערגערס, אויף מוראַנאָווסקי־גאַס. עס איז געווען אַן אומרויִקע נאַכט, עטלעכע מאָל אַלאַרמען, אַלע זענען געלאָפֿן אויסבאַהאַלטן זיך אין די קעלערס, נאָר

איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו גיין מיט אַלע צוזאַמען. איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס. צי דערפאַר, וואָס איך בין אַזוי מיד געווען פון דעם איבער־געלעבטן, צי ווייל איך האָב זיך פאַרלאָזט אויפן גורל, וואָס האָט מיך און מיין זון אָפּגעראַטעוועט פון דעם העלישן פייער.

די בערגערס זענען געווען ביי אונדז פאַררעכנט פאַר אונדזערע בעסטע חברים. די בשורה וועגן מינדעלעס לעבנסגעפאַר האָט זיי ממש דער־שיטערט.

— ביסט גערעכט — האָט מיך רבקה געטרייסט — דו קענסט בלייבן אין שטוב. אָפּרוען זיך... דיר וועט שוין קיין שלעכטס נישט געשען...

צומאָרגנס אין דער פרי בין איך געפאָרן אין שפּיטאָל אַריין. מינדעלע האָט מיך שוין דערקענט, געוווּנקען צו מיר. איך האָב פאַרשטאַנען איר ווונק. זי פרעגט זיך נאָך אויפן זון.

— אַלץ איז אין אָרדענונג... אויך דו וועסט אַלדאָס בייזע איבער־געקומען.

די קראַנקנשוועסטער איז צוגעקומען און עטלעכע מאָל אַ פיר געטאָן איבער דער קראַנקערס ליפּן מיט עפּעס אַ פליסיקייט. קיין אַנדערע שפּייז האָט זי דערווייל נישט באַקומען.

אייגנטלעך האָב איך גאָרנישט געוווּסט וועגן קינד, נאָר איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז צווישן אייגענע און עס וועט אים גאָרנישט פעלן, חוץ די מוטער און דער פאָטער.

אין דעם זעלבן טאָג בין איך צוריק אַוועק קיין אָטוואָצק. איך בין געפאָרן מיט דער שמאָלער קאָלעיקע און בשעת דעם אַליאַרם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און די פּאַסאַזשירן און קאָנדוקטאָרן זענען געלאָפן זיך באַהאַלטן אין קאָרן, אויף די פעלדער.

לסוף בין איך דאָך אָנגעקומען אין שטעטל אַריין, נישט ווייט פון דער ווילע, ווו דוד מיט זיסעלען האָבן געוווינט, בין איך צו זיי אַריינ־געגאַנגען. זיי האָבן שוין געוווּסט וועגן אונדזער אומגליק און זיך איצט דערפרייט מיט דער בשורה, אַז מינדעלע איז איבערגעקומען די אָפּעראַציע און איר געזונט־צושטאַנד פאַרבעסערט זיך.

— מאַרקסן ברענג צו אונדז — האָט זיסעלע מיר פאָרגעלייגט.

— פאַרוואָס נישט? ברענג אים טאַקע — האָט אונטערגעהאַלטן דודס מוטער, די רביצין, וואָס איז געקומען צום זון אויף זומער פון מעלניצע.

איך בין אַוועקגעגאַנגען אין אַנשטאַלט. אַ באַרג אַש איז פאַרבליבן פון אונדזער צווײ־שטאָקיק הויז. אונדזער זונעלע האָב איך געטראָפן אין האָרענשטיינס הויז. ווי אַ דערוואַקסענער אָבל איז ער געזעסן שטיל אויף דער סאָפע אינעם גרויסן צימער, ווו די לאָדנס זענען צוגעמאַכט. ווען ער האָט מיך דערזען האָט ער אויפגעצאַפּלט און אויסגעשריגן:

— טאַטע!

וועגן דער מאַמען האָט ער נישט געוואָגט צו פרעגן, האָט זיך נאָר אויפמערקזאָם צוגעהערט צו מיינע רייד, ווען איך האָב האָרענשטיינען דערציילט וועגן דער געלונגענער אָפּעראַציע, אויך וועגן דעם, אַז איך וועל אַריבערפירן דאָס קינד צו די ספּאַרדס.

אין יענעם טאָג איז פאָרגעקומען די קריסטלעכע לוויה פון דער געהרגעטער פרוי זיגמונטאָווע, אונדזער אַנגעשטעלטע. אַ סך פון די לערער און קינדער האָבן באַגלייט די לוויה. שפּעטער איז פאָרגעקומען די לוויה פון די דערהרגעטע יידישע קינדער. אַנשטאָט די קינדער ריסיאַ, שימעק און סאַלקע, וואָס זענען פאַרברענט געוואָרן ביי אונדז אין שטוב, האָב איך צונויפגענומען אין באַזונדערע פּאַפּירלעך די ביסלעך אַש און אויף יעדן איינעם אָנגעשריבן: ריסיאַ אָגראָדניצקי, סאַלקע קליין און שימעק.

ווי אַזוי דער לעצטער איז געקומען צו אונדז אין ברענענדיקן הויז — איז קלאָר געוואָרן שפּעטער. דער דירעקטאָר האָט אים געשיקט מיך רופן אויף אַן עקסטרע זיצונג פון פּעדאַגאָגישן ראָט. ער איז אָפילו צו מיין דירה נישט דערגאַנגען. ער איז אומגעקומען אויף די שטיגן.

שטיל און לאַנג האָט זיך געצויגן די שרעקלעכע פּראָצעסיע, די לוויה פון די אומשולדיק אומגעקומענע יידישע יתומים. אין אַלעמענס קלעמענדיקע הערצער האָבן געברויזט די נקמה־געפילן צו די מערדער פון די יידישע קינדער.

טרויעריק האָט געקלונגען דער פּסוק, וואָס דער שמש, וועלכער איז געגאַנגען פון פאָרנט, האָט איבערגעחזרט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל:
„צדק לפניהם יהלך!...“

אויף מזרח

אַנטלויפן... וואָס שנעלער אַנטלויפן...

דער פּוילישער ראַדיאָ האָט אויפגעפאָדערט די יוגנט און אויך די עלטערע צו אַנטלויפן.

דער בראָך איז גרויס און אַזוי אומגעריכט: אַ זעלבשטענדיקע פּוילישע מלוכה, מיט אַנצאָליקע נאַטור־אוצרות, מיט גרויסע אינדוסט־ריעלע אונטערנעמונגען, מיט אַ 35־מיליאָניקער באַפעלקערונג און אַן אויסגעלויבטע פעסט־באַוואָפנטע אַרמיי האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן, רופט צו אַנטלויפן.

קוים דריי, פיר טעג זענען אַריבער, זינט דער דייטשער פאַשיזם איז אָנגעפאַלן אויף פּוילן און שוין האָט ער פאַרנומען אַזעלכע גרויסע שטעט ווי טשענסטאָכאָוו, קראָקע און איצט איז די קרוין־שטאָט וואַרשע אין גרויס געפאַר.

ערשט נעכטן האָבן איבער די גאַסן געפלאַטערט די ענגלישע און פראַנצויזישע פענער, הילכיקע דעמאָנסטראַציעס האָבן באַרוישט די וואַר־שעווער גאַסן. די לאָזונגען האָבן געהופן: „מיר זענען נישט איינזאַם“. „זאָלן לעבן אונדזערע מיטקעמפער: די ענגלענדער און פראַנצויזן!“

ווו איז אַהינגעקומען די פּוילישע רעגירונג? זיי זענען אַנטלאָפן די ערשטע, קיין לובלין און נאָך ווייטער. ווו זענען די באַרימטע העלדישע דיוויזיעס פון רידז־שמיגלי מיט זייער מאָדערן געווער? ווי אַ קאָרטן־שטיבל איז זיך דאָס אַלץ צעפאַלן.

דער שונא שפּאַנט פאָרויס מיט גיגאַנטישע טריט, ווערט באַרייכערט מיט די אוצרות, וואָס מען לאָזט פאַר אים איבער.

די אַטמאָספער פון לויפן האָט באַהערשט די אומרויִקע געמיטער. עס איז שרעקלעך צוצוקוקן, ווי די דייטשע באָמבעס פאַרניכטן אין סעקונדן אַלץ, וואָס עס איז אויפגעבויט געוואָרן אין משך פון יאָרן דורך שווערער מענטשלעכער מי.

די פּאַניק פון לויפן האָט אַרומגענומען אויך די לערער און די קינדער אין אונדזער אַנשטאַלט. דער אַלטער האָרענשטיין, וואָס איז געלעגן אַ קראַנקער אין בעט, האָט נישט אויפגעהערט אַלעמען צו טרייבן און עצהן:

— לויפט, ראַטעוועט דאָס לעבן!... די ווילדע חיות דערנענטערן זיך!

דער אָטוואָצקער וועג איז געווען פאַרפלייצט מיט אויטאָס, מיט פורן און מיט טויזנטער פוסגייער. אַלע האָבן זיך געיאָגט אויף מזרח. איך האָב מיין זון איבערגעלאָזט אין אָטוואָצק, ביי די ספּאַרדס, און אַליין געריסן זיך קיין וואַרשע, צו מיין פרוי אין שפּיטאָל.

די שמאָלע קאָלעיקע גייט שוין אויך נישט און מען מוז גיין צופוס. די מאַסן אַנטלויפער, וואָס קומען אַנטקעגן, באַשווערן דעם גאַנג. דערצו קאָסען די דייטשע באָמבאַרדירער פון די קוילנוואַרפער אויף אַלע וועגן. זיי פליען גאָר נידעריק, ווי ביי זיך אין דער היים. און זייען אומעטום חורבן און פאַרניכטונג. זעלטן ווען עמעץ פון די זעלנער שטעלט זיך איין צו טאָן אַ שאָס מיט דער ביקס אין דער הויך. דאָס צערייצט נאָך מער די דייטשע פליער און זיי נעמען נקמה.

אויך אין שפּיטאָל איז אַ כאָאָס. אומעטום איז פול מיט קראַנקע, האַלב־טויטע און טויטע, די קראַנקנשוועסטער, די מאַנאַשקעס זענען מיד פון לויפן זיך באַהאַלטן אין „סכראָן".

די הילפלאָזע קראַנקע דעקן זיך איבער מיט די קאָלדרעס ביז איבערן קאָפּ. די לייכט־פאַרוווּנדעטע שטעלן זיך אויף די קניען אַרום דער „הייליקער מוטער", אַנדערע קריכן אַרונטער אונטער די בעטן...

דער אָפּהילך פון די צעבראָכענע שויבן ווערט באַגלייט מיט האַרצרייסנדיקע געשרייען, צו גאָט, צו אַלע הייליקע. אין דעם גרויסן געטומל הערט זיך ווי איינע שרייט, אַז עס פעלט איר לופט — „פּאָוויעטשאַ"!

נאָך יעדן אַזאַ אַליאַרם האָבן די סאַניטאַרן אַ סך אַרבעט מיטן אַרויס־

פירן עטלעכע פרישע טויטע, ביי וועלכע די מאַנאַשקעס בעטן מחילה, שטייענדיק אויף די קני.

איך זיץ ביי מינדעלען אויפן בעט, לויף נישט אין ערגעץ. איך באַוווּנדער מינדעלעס רויִקייט אין דער צייט פון דער אַלגעמיינער פּאַניק. אַכט און פערציק שעה האָט זי אין גאַנצן געפּאַסט. איר צונג איז ווייס, ווי שניי. דאָס פּנים — בלאַס, אָן בלוט. אירע ליפּן שפּאַלטן זיך אַזש פון דער טריקעניש. אויפן דריטן טאָג האָט מען איר שוין דערלאַנגט אַ ביסל יויך.

זי דערקענט מיך און שעפּטשעט שטיל, ווי אַ תפילה:

— ראַטעווע אונדזער זון, אַנטלויף!

אפשר איז זי גערעכט. מען מוז ראַטעווען דאָס אָפּגעראַטעוועטע קינד. אָבער ווי קען איך דאָ איבערלאָזן מיין מינדעלען, מיין איינציקע פריינדין, אויף געפאַרן און ווייטיקן?

מיינע אויערן כאַפּן אויף די געציילטע ווערטער, וואָס קומען פון מינדעלעס מויל:

— ס'קינד... אַהיים... עלטערן...

די ווערטער קלינגען אין מיינע אויערן ווי אַ באַפעל, וואָס קומט פון די טיפענישן פון איר נשמה.

— יאָ, יאָ — שאָקל איך צו מיטן קאָפּ — איך וועל אַלץ טאָן, ווי שווער עס זאָל מיר נישט זיין.

מיט פאַרנעפּלטע אויגן און אַ פאַרשטיקטן האַלדז האָב איך זיך שטיל אַראָפּגעלאָזט פאַר איר בעט אויף די קני און געקושט די שפּיצן פון מינדעלעס פינגער.

„נישט צום לעצטן מאָל, נישט צום לעצטן מאָל זע איך דיך!" — שעפּטשעט עס אין מיר מיט האָפענונג און גלויבן.

די מעכטיקע מענטשן-מאַסע האָט איינגעשלונגען אויך מיך. צוזאַמען מיט מיין 4-יאָריקן זון.. מאַרקס שפּאַנט שוין זעלבשטענדיק אויף די אייגענע פיס, דאָך האָב איך מיט זיך כמעט גאָרנישט מיטגענומען, רעזערווירנדיק מיינע אָרעמס פאַר אים.

פון אָנהויב איז ער געזעסן מיט דודס מוטער אויף אַ פור, אויף קופּעס אָנגעוואָלגערט בעטגעוואַנט און זאַכן פון שטוב־באַלעבאַטישקייט. אָן דעם האָט די אַלטע נישט געוואָלט זיך רירן פונעם אָרט. הינטער אַטוואַצק, ווען עס האָבן זיך ווידער באַוויזן דייטשע עראָפּלאַנען האָב איך צוגענומען דאָס קינד און אַוועק ווייטער צופוס, טראָגנדיק מאַרקסן אויף די פּלייצעס.

פּאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען דער איינציקער ציל: ראַטעווען דאָס קינד.

אומקומען, אָבער נישט אַריינפאַלן צו די דייטשן אין די הענט אַריין. איך האָב ביי זיך געשוווירן, אַז איך זאָל נישט וויסן פון קיין רו, נישט ביי טאָג און נישט ביינאַכט, די גרעסטע שטערונגען מוז איך גובר זיין, קעלט, הונגער און דורשט, אָבער מיין מינדעלעס באַפעל מוז איך אויס־פירן און דערפירן אונדזער קינד קיין לוויצק.

דערצו איז נויטיק געווען נישט בלויז פעסטער ווילן, נאָר אויך אומגעהויערער אויסדויער און אומדערמידלעכע שטרעבונג צום ציל.

אויף מזרח, אויף מזרח!...

אינהאַלט

	זייט
מיין חוב (פאַרוואָרט)	5

ערשטער טייל: לויצק

מיין אַפּשטאַם	9
מיין שטעטעלע לויצק	12
אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ	15
יואל	16
די שול	17
די ערשטע וועלט־מלחמה	23
אונטער דער פרעמדער מאַכט	28
איין בר־מצוה	32
שוואַרצע כמאַרעס	34
תכלית	35
דעם רבינס ברכה	39
אַ רעוואָלוציע	41
מיר באַגעגענען זיך ווידער	46
אין ענגן קרייז	48
די באָלשעוויקעס	50
נאָכן „נס אויף דער ווייסל״	55
השומר הצעיר	58
דער וואַלד־קייסער	61
אַ יום־טוב אין שטעטל	64
די פּאַרמעסטן	69
דער שטילער קוש	71
חטאת־נעורים	76
די געשעעניש אויפן שפּאַציר	81
די הכשרה	85
די יידישע גימנאַזיע	88
שטעכלקעס מיט רויזן	95
סירענע	100
נייע ווינטן	104
רעאַקציעס	108
דאָקטוירים	111

	זייט
די יוגנט זוכט	117
„מתים קלאָגן״	121
מיר שפּילן ווייטער	124
חזנות און טעאַטער	128
דער פעטער פון אַמעריקע	132
אין דער וועלט אַריין	136
נישט דערפלויגן	141
צוריק אַהיים	144
נישט דערזאָגט...	146
מיליטער־דינסט	148
מיר זענען סאָלדאַטן	153
יום־כיפור	157
קורץ געוועזן — אַ סך געזען	160
צוריק אין דער היים	164

צווייטער טייל: וואַרשע

אין וועג אַריין	171
צוזאַמען	174
די ערשטע שריט	178
מער ווי אַ חבר	183
זיי מיר מוחל	187
פּריוואַטע לעקציעס	190
אַהיים אויף פּסח	197
קולטור און די מאַסן	199
„שפּראַצונגען״	204
אין דער פאָלקסשול	208
די חתונה אין דאָרף	212
אַ קורצע דערקלערונג	219
אויף די פּעדאַגאָגישע קורסן	221
דער נסיון	225
מאַרקוס	227
דער שטרייק	230
וואַלן	232

	זייט
אייזקרעם	234
אומעט און פרייד	236
מיין גאַסט	238
אַ נייע ווענדונג	241
שאַטנס אין וועג	243
די נייע חרטע	247
פלאַטאָנישע ליבע	249
יאַנאָווסקי	251
נייע גליקן	254
אַ רעה פאַר אַ טובה	257
אין די דרייסיקער יאָרן	259
קינדער	263
צו זיך אַהיים	264
צום באַלטישן ים	270
אין שטאָט און אין דאָרף	272

דריטער טייל: אָטוואָצק — מיין פעדאַגאָגישע פּאָעמע

מיין פעדאַגאָגישע פּאָעמע	279
אין דאָמאַטשעווא	283
פיאַלקאָוו	284
אַ גוטער אָנהייב	285
אַ געלונגענער טאָג	289
פאָרגעפיל	291
קלמן ליס	295
די פּאַסירונג ביים נעצבאַל	297
קראַנקערהייט ביי דער אַרבעט	299
אונדזערע נייעס פון טאָג	301

	זייט
וואָס ווייטער ?	303
אָטוואָצק	305
אין טאָגטעגלעכן יאָך	307
דער פעדאַגאָגישער קאָלעקטיוו	309
דערפאָלג	311
אויס סוד	314
דער שטורעם — אינעווייניק	316
גרוסן פון פריינד	318
אַ רייזע איבער פוילן	321
אַ קינד	324
י׳ כסלו	325
אין די שבעה־טעג	327
שלומקע	328
אונדזער אַרבעט	335
אַ שניי אין מיטן מאַי	338
מיינע אורלויב־טעג	343
פרייד און זאָרג	346
עלטערן פרייען זיך	352
דער ערשטער געבורטסטאָג	355
אַ קוויל פון זאָרגן	358
דער טשאַד דערנעענטערט זיך	364
קינדער פון דייטשלאַנד	368
אומשולדיק־שולדיקע	373
פאַרט געזונט, קינדערלעך !	375
ערב דעם שטורעם	378
אומרויִקע צייטן	380
דער דורכפאַל	382
מיר, די ערשטע קרבנות	388
אין די נעגל פון טויט	394
אויף מזרח	400